STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00366

NAYE TSAYTN

David Flinker

Permanent preservation of this book was made possible by
Linda Charnes
in memory of
Esther Charnes

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פלינקער

נייע צייטן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

130

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

דוד פלינקער

נייע צייטן

ראמאן

פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פוילן

בוך צווייט

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1957 — תשי״ז

אינהאַלט

זייט

ביי די יונגע	7
פעליקס זאַקס	22
דער גרויסער עליאַש	44
בערטאַס געראַנגל	59

צווייטער טייל

רפאל גאָלד נעמט אויף געסט אין זיין פּאַלאַץ	85
סאָניעס נייע פריינד	143
דער הויכער משה באַזוכט סאָניען	177
וואַרשעווער געסט	229
אַ פּאַרשפּעקטיקטער גאַסט	254
אַליין מיטן שיקזאַל	264
אַ רחמנות נעבעך, נאָך אַ יידישער קרבן...	272
די צוואה פון איזאַק מאַיסעיעוויטש	290
פיניע געזעגנט זיך מיט יאַנקל שמייסער	303
מאַניע נעמט איבער די לייצעס	333
די יעקעס אַנטלויפן	345
דער אַלטער פאַן מיכאַל ווייגט	359
אַ חלום איז געוואָרן וואָר	372
אויף אַ נייעם וועג	379

קאַפּיטל צוואַנציק

ביי די יונגע

פון טומלדיקן גזשיבאָוו, פון דער זייטיקער באַגנע און פון דעם טויער פון זאַקסישן גאָרטן, און פון דער שיינער מאַרשאַלקאָווסקע, און פון די ווייטע נאַלעווקעס, און זאַמענהאָף און גענשע, און פראַנציסקאַנער און אַפילו פון יענער זייט בריק, פון פּראַגע און פון שמולעוויזנע און פון מאָקאָטאָוו און גראָכאָוו, האָט אַ יונגער עולם געשטראָמט צו דער טונקל־ברוינער געביידע, ווו דער פאָרום פון די יונגע האָט פונאַנדערגעלייגט זיין געצעלט.

טייל זענען אָנגעקומען מיטן רויטן טראַמוויי, וואָס האָט זיך אָפּגע־שטעלט ביים ראָג פון דער מאַרשאַלקאָווסקע. דער יונגער עולם האָט נישט געוואָרט ביז דער טראַמוויי וועט זיך אָפּשטעלן. זיי זענען אין מיטן גאַנג אַראָפּגעשפּרונגען פון די טראַמוויי־טרעפּלעך. דער קאָנדוקטאָר האָט זיי בייז נאָכגעשריגן:

— פּאַנאָוויע, מ׳טאָר נישט שפּרינגען — און צו זיך געמורמלט: — ברעכטש האַלדז און נאַקן, זשידקי.

אַ גרעסערער עולם אָבער האָט געצויגן צו דעם פאָרום פון די יונגע צופוס. אַ פאַרשידנפאַרביקער עולם איז עס געווען. אַממערסטן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן יונגעלייט און מיידלעך, מיט היטעלעך פון כלערליי קאָלירן, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגענייט די עמבלעמען פון די סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס, צו וועלכע די אייגנטימער פון די היטעלעך האָבן באַלאַנגט.

די דאָזיקע סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס זענען געווען אַ נייעס אויף די וואַרשעווער גאַסן.

דעם צאַרס זשאַנדאַרמען האָבן נישט ליב געהאַט אַזעלכע שפּילע־רייען. יעקע אָבער האָט דעם קאָרן פון די פּוילישע פעלדער געשיקט צו זיך אין פאָטערלאַנד, דערפאַר האָט ער גרויסמוטיק דערלויבט דעם הונ־געריקן עולם זיך שפּילן אויך אין סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס.

די פּוילישע סטודענטן האָבן זייערע קאָרפּאָראַציעס געגעבן קלינ־

גענדיקע פּאַטריאָטישע נעמען און האָבן צו זייערע יידישע קאָלעגן געזאָגט:

— מיר דאַרפן אייך נישט דאָ. איר, זשידעס, טראָגט אייך בעסער אָפּ קיין פּאַלעסטינע.

די יידן האָט דאָס, וואָס דער אמת, געקרענקט. זיי וואָלטן גערן געוואָלט אָנגעהערן צו די קאָרפּאָראַציעס, ווו מ׳גיט אָפּ אַ שבועה ביי גאָלע, כאָטש טעמפּע שווערדן, אָבער ווייזן די גויים דעם פּאַרדראָס האָבן זיי נישט געוואָלט. האָבן זיי געזאָגט צו זייערע גוישע קאָלעגן:

— מיר דאַרפן אויף כפּרות אייערע שאָוויניסטישע קאָרפּאָראַציעס. מיר זענען דעמאָקראַטן און מיר ווילן סיי ווי מיט אַנטיסעמיטן און שאָוויניסטן נישט זיצן ביי איין טיש. האָבן זיי די ציוניסטן געמאַכט קאָרפּאָראַציעס מיט קלינגענדיקע נעמען פון ירדן און פון ציון און פון כרמל, און די בונדיסטן האָבן זיך צוגעקלערט נעמען פון דער פרייהייט און פון ברידערלעכקייט, וכדומה. די יידישע היטלמאַכער פון דער טוואַרדע גאַס האָבן זיך שטאַרק געמיט, אַז די היטעלעך פון די יידישע קאָרפּאָראַנטן זאָלן זיין שענער און זאָלן טאָקע די גויים און אַנטיסעמיטן קריגן די נכפה.

זענען די היטעלעך ווילעריש געלעגן אויף דעם שפּיץ קאָפּ פון די סטודענטן און סטודענטקעס, וואָס זענען זאַלבעפיר צי זאַלבעפינף געגאַנגען אין דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר פון דער פּריצישער קרולעווסקאַ גאַס.

שפּיזיקע אויגן פון די פּוילישע דורכגייער האָבן בייז געקוקט אויף די חוצפּהדיקע היטעלעך און צו זיך געמורמלט:

— פּסיאַ קרעוו, זשידי, זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך צעלייגט! מ׳קאָן דאָך שוין די גאַס נישט דורכגיין.

אַלטע גוייטעס האָבן זיך פרום געציילעמט און גערופן צו הילף אַלע הייליקע און די פּאַננע מאַריע, אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן אויפן אָרעמען פּוילן און שיקן אַ שלאַק און אויסטריקעניש אויף דעם יידישן געזינדל.

פון זאַקסישן גאָרטן זענען אַרויסגעפאַלן אַ כאָפּטע שקצים. זיי האָבן זיך אַרומגענומען ביי די הענט און האָבן ווי אומישנע זיך אָנגעשטויסן אָן די יידן.

— העי, זשידי, — האָבן די שקצים געשריען — בלינד זענט איר, צי וואָס? איר גייט און טרעט אויף מענטשן.

— זוכט נישט קיין אַוואַנטורע — האָבן די יידן זיך גלייך געמאַכט די קאָרפּאָראַנטישע היטעלעך — טראָגט אייך אָפּ.

— אַזאַ יידישע חוצפּה! — האָבן די שקצים געוויזן געביילטע פויסטן — מיר זאָלן זיך אָפּטראָגן פון אונדזער פוילישער ערד? מיר?! קיין פּאַלעסטינע, פּאַרשיווע זשידי!

נאָך אַזעלכע רייד זענען געקומען קלעפּ. דער פּאָליציימאַן אין ראָג גאַס האָט זיך געמאַכט נישט זען. ער אַליין האָט הנאה געהאַט פון געבן קלעפּ. און ווען מען דערלאַנגט די יידן איז אוודאי גלייך. אַ שאָד נאָר, וואָס עס פּאַסט נישט, אַז ער אַליין זאָל זיך אויך אַריינמישן. האָט ער זיך געמאַכט נישט זען אַזוי לאַנג, ווי אונדזערע האָבן געגעבן די קלעפּ. ווען די שקצים אָבער האָבן גענומען געוואַלדעווען „ראַטעוועט״, האָט ער אָנגעהייבן לויפן און פייפן. זענען זיך אי די גויים, אי די יידן, צעלאָפן. די שקצים האָט ער קיינמאָל נישט דעריאָגט. דערפאַר האָט ער שוין דעריאָגט די יידן.

— פּע, — האָט ער זיי געמוסרט — געבילדעטע מענטשן, סטודענטן, זענען גאָר שלעגער, נו, קומט אין קאָמיסאַריאַט.

— גוט, מירן גיין — זאָגן די יידן — נאָר נעם אויך מיט — ווייזן זיי אָן אויף אַ שייגעץ, וואָס ווישט זיך די צעבלוטיקטע נאָז אין אַ טויער.

— איר וועט מיך נישט לערנען וואָס איך זאָל טאָן! — שרייט דער פּאָליציימאַן — אַזאַ זשידאָווסקע חוצפּה!

— נו, פּאַרזיכטיק, פּאַניע וולאדזא — וואָרענען אים די יידן — ס'איז נישט די אַמאָליקע צייטן. אויס פּריצים! היינט זענען אַלע גלייך, און מיינט נישט, אַז מיר האָבן נישט געזען ווי דו האָסט זיך אויסבאַהאַלטן און זיך נישט געמאַכט זען דאָס געשלעג, קום, קום אין קאָמיסאַריאַט, מירן נאָר מיטנעמען די עדות און מירן אַלע דערציילן.

פון אַזעלכע רייד ווערט דער פּאָליציימאַן צעטומלט. נישט אויסצוהאַלטן היינטיקע צייטן מיט די יידן. אַזעלכע עזות פּנימער זענען זיי געוואָרן. קריכן גלייך אין די אויגן אַריין און האָבן שוין פאַר קיין פּאָליציימאַן נישט קיין דרך־ארץ. ניין, מיט די לייט זענע נישטאָ קיין חכמות. זיי קאָנען נאָך אין קאָמיסאַריאַט זיך הייסן ווייזן דעם פּראָטאָקאָל פאַרן אונטערשרייבן און עס וועט זיין אַ צרה.

— פּאַנאָוויע, — הייבט ער זיך אָן צוריקצוציען — מילא, היינט

בין איך מוחל, נאָר געדענקט, אָרדענונג מוז זיין און איר, געבילדעטע מענטשן, סטודענטן...

ער גייט צוריק צו זיין אָרט ביים ראָג גאַס און שפּייט אויס. פּסיאַ קרעוו. ווי נעמט מען די אַמאַליקע צייטן! עס איז דאָך געווען אַ מחיה דעמאָלט אין דער וואַרשע. די זשידקעס זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ נעגל. האָבן נאָר געצויגן דאָס היטל. האָסט געמעגט שרייען, האָסט געמעגט זידלען און זיי האָבן געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן זיך און טאַקע גלייך אַריינגערוקט אין דער האַנט די אמתע מטבע. ס׳איז געווען אַ לעבן. און היינט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַ הינטיש לעבן. פּאַנעס זענען זיי אַלע געוואָרן, די זשידעס, סטודענטן גאָר מיט אַזעלכע פאַרשיווע היטעלעך. נישט צוצורירן זיך צו זיי. שפּרינגען דיר גלייך אין פּנים אַריין. איז ווי לעבט מען אין אַזאַ וועלט! פּסיאַ קרעוו...

דער פּאָליציימאַן גייט פאַרביי דעם יידישן געשעפט מיט אייזערנע בעטן אין ראָג. דער סוחר שטייט אויף דער שוועל פון זיין געוועלב און קוקט אַן אומרואיקער צו דעם טומל.

— פּאַניע קופּצע, — שטעלט זיך ביי אים אָפּ דער פּאָליציאַנט — שווער היינט דורכצוקומען מיט יונגוואַרג, שווער...

— יאָ, שווער — מורמלט דער סוחר און טראַכט — וואָס וויל ער שוין ווידער, דער ערל?

— מיר, עלטערע מענטשן, וועלן שטענדיק דורכקומען — רעדט דער פּאָליציאַנט — אָט פאַרגאַנגענעם זונטיק ביינאַכט, האָב איך געזען, ווי עס האָט זיך געלויכטן פון אייער געוועלב אַרויס...

דער ייד שטעקט אַריין די האַנט אין זיין טאַש און דערלאַנגט צו דעם פּאָליציאַנט.

— אַ דאַנק. — טאַפּט אָן דער פּאָליציאַנט אַ צעריבענעם באַנקנאָט — מיט אנשטענדיקע סוחרים איז שטענדיק לייכט זיך צו פאַרשטיין.

— אַ נכפה אין דיין געביין, כלב — דרייט דער ייד אַוועק דעם קאָפּ — כ׳האָב, מיינסטו, נישט געזען ווי דו האָסט זיך געטשעפּעט צו די יידישע יונגעלייט, און אַזאַ איינער פּרעסט זיך נאָך אָן מיט יידיש געלט. אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט, די ציוניסטן, אַז מען דאַרף איינפּאַקן דאָס פּעקל און פּטור ווערן פון זיי?...

אויף דער גאַס בלייבן נאָך שטיין די יידן. זיי זענען שוין פּטור גע־

וואָרן פון די שקצים. זיי האָבן שוין משלח געווען דעם פּאָליציאַנט. צווישן זיך אָבער האָבן זיי נאָך אַ חשבון צו דערליידיקן.

די יונגעלייט מיט די ירדן־היטעלעך אויף די קעפּ טוען צו זיך אַ שמייכל און זיי זאָגן צו די יונגעלייט מיט „שטערן און פרייהייט" היטעלעך:

— נו, חברים, וואָס זאָגט איר איצט?

— וואָס זאָלן מיר זאָגן? מיר ווייסן גוט, אַז עס זענען דאָ כוליגאַנעס...

— איר ווייסט. פונדעסטוועגן ווילט איר זיך נישט רירן פון אָרט. ווילט איר נישט אָוועק פון זיי.

— עס איז אונדזער אָרט, פּונקט ווי זייערס, מיר האָבן רעכט...

— און זיי לאַכן פון אייערע רעכט! זיי האָבן מאַכט, זיי האָבן דעם פּאָליציאַנט, נאָר איר זענט ווי די קנעכט, וואָס קושן די רוט.

— מיר קנעכט?! איר זענט פּונקט ווי די אַנטיסעמיטן!...

— ציט צוריק דאָס וואָרט! מיר פאָדערן שוין צוריקציען דאָס וואָרט! מיר אַנטיסעמיטן?!

— און מירן נישט צוריקציען! די אַנטיסעמיטן שרייען „דאָ פּאַלעסטינע" און איר שרייט זיי נאָך...

ווידער ביילן זיך פויסטן. ווידער צינדן זיך אָן בייזע פייערלעך אין די אויגן.

די פּנימער פון ביידע מחנות זענען טונקל־הויטיקע. אין די אויגן פון ביידע ליגט פאַרשטעקט דער זעלבער אַלטער יידישער טרויער. די היטעלעך אויף די קעפּ ריידן אָבער אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכן. איינע ריידן וועגן ירדן און די אַנדערע וועגן פרייהייט.

— איר, פינצטערע רעאַקציאָנערן! ציוניסטן!

— איר, בונדיסטן! איר וואָס קושט די רוט!

די פויסטן הייבן זיך אויף. דער פּאָליציאַנט פונדערווייטנס קוקט זיך צו. נו, נו, זאָלן זיי פריער איינער דעם אַנדערן צעבויקערן די זשידקעס, שפּעטער וועט ער זיי שוין אָנלערנען, די עזות פּנימער.

פון די געוועלבער גייען אַרויס די סוחרים. זיי טיילן פונאַנדער די צוויי פיינטלעכע מחנות.

— פע! — ריידן זיי — יידן זאָלן זיך גאָר שלאָגן. דאָס גאָר פעלט

אונדז. אַזאַ חילול השם... נו, גייט שוין, גייט, זעט, די גוים שטייען דאָך און לאַכן...

יונגוואַרג וויל נישט אָפּטרעטן.

— געהערט אַ מעשה — בייזערן זיך שוין די יידן — וואָס זענט איר, סטודענטן צי גאַסן־יונגען? מירן מאָרגן צוגיין צו די יידישע רע־דאַקציעס און אייך ביידע צושטעלן אַ בענקעלע! וואָס מיינט עטץ? די וועלט איז הפקר? האָבן זיך אויסגעפּוצט אין די היטעלעך זייערע און מיינען שוין, אַז זיי זענען שקצים...

— זאָלן זיי צוריקציען דאָס וואָרט, די בונדיסטן...

— איר האָט אונדז פריער באַליידיקט, איר ציוניסטן...

אַן עלטערער ייד מיט אַ צוגעשוירן בערדל, צעלאַכט זיך.

— יאָך — זאָגט ער — האָב ביז היינט געהאַט דרך ארץ פאַר אַ סטודענט, געמיינט, אַז ער עסט צו פרישטיק אַליין אויף כל תורה כולה. צוריקציען אָדער אַוועקציען, עס איז דאָך גאָר ייִנגלשע רייד, בנאמנות. זאָגטץ פשוט, אַז עטץ ווילט זיך אַביסל שלאָגן. מילא, אַז עס גייט אייך אין לעבן, זאָל אייך ווויל באַקומען. קומט, יידן, צוריק אין די געוועלבער. זאָלן זיי זיך אָפּבייסן די נעז...

די יידן לאַכן און די יונגעלייטלעך מיט די היטעלעך קאָנען זיך אויך נישט איינהאַלטן נישט אַ שמייכל צו טאָן.

— קומט, חברים, — רופט זיך אָפּ איינער — זאָלן זיי קומען אין פאָרום, וועלן זיי באַקומען ס'זייעריקע, די בונדיסטן.

— אַ בונדיסט סטראַשעט ער מיט אַ פאָרום! מיר וועלן קומען אין פאָרום און מירן זען וואָס איר קאָנט, קנאַקערס!...

די סטודענטן מיט די קאָרפּאָראַנטישע היטעלעך האָבן געהערט צו כלערליי פאַרטייעס און קלובן און זיי האָבן געהאַלטן זיך אין איין אַרומ־רייסן, אין איין פירן צווישן זיך הייסע וויכוחים אַרום זייערע פּראָגראַמען.

עס זענען געווען נישט בלויז ציוניסטן און בונדיסטן. געווען זענען אויך צווישן זיי יונגעלייטלעך מיט לענגלעכע נעזער און געקרייזלטע קעפּ, וואָס האָבן זיך אויסגעלאַכט סיי פון די בונדיסטן און סיי פון די ציו־ניסטן. פאַר זיי זענען די ערשטע ווי די אַנדערע געווען פינצטערע רע־אַקציאָנערן און אַן אָפּגעשטאַנענער עלעמענט. זיי האָבן געדאַווענט צום הימל, וואָס האָט אַ צונטער רויטער זיך צעפלאַקערט איבערן רויטן קרעמל.

ערשט נאָרוואָס זענען צו זיי דערגאַנגען די נעמען פון לעניגען און פון לעוו טראָצקי, אָבער זיי האָבן פון דער ערשטער מינוט אָן געוווסט, אַז דאָרט, אויפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע, האָבן זיך באַוויזן די אמתדיקע נביאים. וואָס זשע פּלאַפּלען זיי עפּעס, די ציוניסטלעך און בונדיסטלעך? מאַכט צו די מיילער, איר אַלע נאַראָנים, וואָס איר זענט, און הערט זיך צו צו די פייערדיקע רייד פון די רויטע נביאים.

אַ פייער האָט געברענט אין די אויגן פון די יונגעליטלעך און גערעדט האָבן זיי מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי זיי וואָלטן שוין געווען די הערשער אויף דער קרולעווסקע גאַס. זיי האָבן געזידלט מיט גראָבע רייד זייערע קעגנער און זיי האָבן געוווסט, אַז זיי זענען די יחסנים. וואָרעם ווער קאָן אָפּלייקענען, אַז זיי זענען די איינציקע, וואָס ליידן פאַר זייער אידעאַל? די דייטשע זשאַנדאַרמען, וועלכע זעען אין זייערע מונדירן אויס ווי די עוג מלך הבשנס, האָבן זיך געמאַכט נישט הערן די רייד פון די ציוניסטן און בונדיסטן. דערפאַר האָבן זיי געשלעפּט אין די טורמעס די פייערדיקע חסידים פון די מאָסקווער נביאים. זייערע קעגנער האָבן דאָס געוווסט און געהאַט פאַר זיי דרך ארץ. וואָרעם פאַר ליידן און מאַרטירער האָבן יידן דרך ארץ, אַ געפיל פון אָפּשיי, וואָס גייט איבער בירושה פון דור צו דור.

זיי זענען געווען אַ קליין הייפל, די יונגעליטלעך, וואָס האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן קאָמוניסטן, אָבער ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין פאָרום, האָבן זיי חוצפּהדיק אַלע אַנדערע אַוועקגעשאַרט אָן אַ זייט.

אויסער זיי זענען אָבער אויך אַנדערע געקומען אין פאָרום. זיי זענען געווען זין פון באַלעבאַטישע יידן. זייערע טאַטעס האָבן געהאַט קראָמען אויף די נאַלעווקעס און פראַנציסקאַנער, אויף טוואַרדע און אויף גראַניטשנע. זיי האָבן קיין חשק נישט געהאַט זיך צו לאָזן איבער ימען ערגעץ ווו אויסצוזוכן משה רבינוס ארץ ישראל. זיי איז די קאַפּע זעמיאַנסקע גאַנץ גוט געפעלן געוואָרן און זיי האָבן געגעבן גערעכט די בונדיסטן, אַז עס איז אַ שאַנדע צו אַנטלויפן פון די אַנטיסעמיטן. די בונדישע סאָציאַליסטישע תורה אָבער איז זיי געבליבן פרעמד. וואָס זענען זיי עפּעס משה מחויב זיך מקריב צו זיין פאַר די פוילישע אַרבעטער, שקצים אין ווואליע, וועלכע וואַרפן נאָך יידן שטיינער און באַגליקן זיי דווקא מיט סאָציאַליזם? פאַרן פאָלק אָבער אַרבעטן זענען זיי גרייט.

גישקשה, מ׳קאָן זיין אַ גוטער ייד אויף גאַלעווקעס אויך און עס איז גאָרנישט קיין חרפה וואָס זייערע טאַטעס האַנדלען מיט שניט־סחורה און גאַלאַנטעריע. נח פרילוצקי האָט זיי אַליין דאָס אַלץ געזאָגט און אויף אים, אויף נח פרילוצקין, קאָן מען זיך פאַרלאָזן. אַז ער רעדט אויף דער בינע און גיט יעדעס מאָל מיט דער האַנט אַ גלעט זיין שוואַרץ צוגע־שוירן בערדל, רינגלען אים אַרום זיינע חסידים פאָלקיסטן און זענען גרייט זיין תורה פונאַנדערצוטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט און אוודאי וועלן זיי נישט שווייגן, ווען די יוגנט קומט זיך צונויף אין פאַרום.

אַזוי האָבן זיי זיך אַרומגעריסן, די סטודענטן מיט די קאָרפּאָראַנ־טישע היטעלעך, און זיך געשפּרונגען איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. זיי זענען אָבער געווען איין משפחה אַקעגן אַנדערע. ווען די שקצים אין דער בודע אויף קראָקעווער פאָרשטאָט האָבן געוואָלט אויספּרווון זייערע שטעקענעס אויף יידישע קעפּ, דעמאָלט האָבן די יונגעלייטלעך מיט די געקרייזלטע קעפּ און לענגלעכע נעזער פאַרגעסן אָן די וויכוחים און זיי האָבן איינער אויפן אַנדערן געקוקט מיט אויגן פון זייערע זיידעס אין בית המדרש און זיי האָבן אַפילו געקרעכצט אַזוי, ווי די אַלטע יידן אין יאַ־נושס הויף קרעכצן.

אָבער נישט בלויז קעגן די שקצים זענען זיי געווען איין משפחה. זיי האָבן זיך אויך געהאַלטן צוזאַמען אַקעגנאיבער די אַנדערע יונגעלייט, וואָס האָבן נישט זוכה געווען זיך אַריינצובאַקומען אין דער בודע.

יצחק גרינבוים און נח פרילוצקי און וולאַדימיר מעדעם, יעדער פון זיי מיט אַן אַנדער לשון און מיט אַנדערע ווערטער, האָבן זיי דאָס זעלבע געזאָגט. מ׳האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זענען די צוקונפט און דער שטאָלץ און די האָפענונג פון גאַנצן פאָלק. זיי וועלן זיין די פירער און די וועג־ווייזער און די באַנברעכער און נאָך כלערליי אַנדערע אַזעלכע מוראדיקע קלינגענדיקע נעמען, וואָס האָבן די הערצער פון די יונגעלייטלעך מיט די קאָרפּאָראַנטישע היטעלעך אָנגעפילט מיט דרך־ארץ צו זיך אַליין.

זיי האָבן אויך געוווסט, אַז דאָס האָבן די סטודענטן פון פעטערבורג און מאָסקווע און קיעוו, סוף כל סוף, אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר פון זיין טראָן און אַז זיי, די סטודענטן פון וואַרשע און פון ווילנע און פון קראָקע האָבן דאָ אויף די גאַסן זיך פאַרמאָסטן מיט דעם צאַרס קאָזאַקן. די יינגלעך פון די גאַלעווקעס און טוואַרדע האָבן געוואָלט גיין אין זייערע

פוס־טריט, און זיי האָבן טאַקע זיך געזען ווי די קומענדיקע העלדן, וועגן וועלכע די דיכטערס וועלן זינגען אין זייערע לידער.

זיי האָבן נישט גערעדט דערפון, אָבער אין זייערע הערצער האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר די אויסדערוויילטע און יחסנים. זיי האָבן, וואָס דער אמת, מיטן מויל אָפּגעלאַכט פון יחוס. פאַרקערט, זיי אַלע האָבן געהאַלטן זייער שטאַרק פון דעמאָקראַטיע, נאָר דערפאַר איז זיי געפעלן געוואָרן דאָס וואָרט גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע און זיי האָבן טאַקע שטאָלצירט דערמיט.

זענען זיי טאַקע די גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, געווען די טאָן־געבער און הערשער אין די זאַלן פון דער קרולעווסקע געביידע, ווו דער פאָרום פון די יונגע האָט אויפגעשטעלט זיין דעמאָקראַטישע רעפובליק.

צו דער דאָזיקער רעפובליק האָבן אָבער געהאַט אויך אַ צוטריט אַנ־דערע. זענען אַהין געקומען יונגע סוחרימלעך, מיט נעט געניייטע אַנצוגן, מיט קאַפּעלושלעך, וואָס זענען ווייליונגעריש געלעגן אָן אַ זייט פון זייע־רע קעפּ, מיט שטעקעלעך אין די הענט, און עס האָט פון זייערע גלאַט ראַ־זירטע פּנימער געשמעקט מיט אָדעקאָלאָן.

זיי האָבן זיך נאָך נישט געפילט גאַנץ זיכער אין זייערע דייטשע אַנצוגן און ווילערישע קאַפּעלושלעך. זיי האָבן נאָך אַלץ געטאַפּט זייערע גלאַט ראַזירטע גאָמבעס, ווי זיי וואָלטן דאָרט נאָך אַלץ געמיינט צו גע־פינען זייערע שוואַרצע בערדלעך.

זיי האָבן ערשט נישט לאַנג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַנגע קאַ־פּאָטע און דאָס קליינע פּלאַטשיקע היטעלע. ווען דער דייטש איז אַריינ־געקומען מיט זיינע חיילות קיין וואַרשע, האָבן זיי מיטאַמאָל איינגעזען, אַז זיי מוזן מאַכן אַ סוף צו דעם פאַנאַטיזם פון זייערע טאַטעס און שווערס און זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די קעמפער פון פאָרשריט.

בייטאָג האָבן זיי געפירט מסחרים אין זייערע קראָמען און האָבן גערעדט וועגן פרייזן און קונים און קאָנקורענץ. אין די אָוונטן אָבער האָבן זיי זיך פאַרטיפט אין די יידישע צייטונגען, האָבן געקענט יעדן שרייבער ביים נאָמען, האָבן געדענקט נאָכצוזאָגן פון אויסנווייניק גאַנצע מאמרים, ווי אַמאָל אין חדר די גמרא־בלעטער, און זיי האָבן אין שלאָף געקאָנט נאָכזאָגן אַלע פונקטן פון אַלע פאַרטיי־פּראָגראַמען.

זיי זענען געווען שטענדיקע באַזוכער אין פאָרום פון די יונגע. אין

האַרץ האָבן זיי מקנא געווען די סטודענטן אין די קאָרפּאָראַנטישע היטע־לעך. זענען זיי געזעסן און זיך צוגעהערט צו די הייסע וויכוחים. זיי האָבן געקוקט אויף דעם רעדנער מיט אויגן פול מיט באַוווּנדערונג און זיי האָבן זיך געשושקעט, ווען זיי האָבן דערזען אין זאַל אַ באַרימטן שרייבער צי באַוווסטן דיכטער.

צוזאַמען מיט זיי זענען געזעסן די אַנגעשטעלטע פון די באַלעוווקעס און גזשיבאָוו. עס איז נישט געווען קיין אונטערשיד צווישן די סוחרים און די אַנגעשטעלטע. זיי האָבן געשטאַמט פון די זעלבע שטיבער און זיי האָבן אויך געוווסט, אַז עס איז נישט קיין תכלית צו אַרבעטן ביי יענעם און אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועלן זיי „גיין פאַר זיך".

דאָ אָבער, אויף קרולעווסקע גאַס, זענען זיי געקומען מכוח אַן אַנדערן תכלית. אַ העכערן תכלית. דער תכלית פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט, און פון יידישן פאָלק האָבן זיי געוואָלט דערגרונטעווען. ווער איז גערעכט? טראָצקי צי קערענסקי? יצחק גרינבוים צי וולאַדימיר מעדעם? אָדער אפשר גאָר נח פּרילוצקי?

געוואָלט וויסן אַן ענטפער, האָבן אויך די אַרבעטער און באַלמעלאָכעס פון גנאַינע און פון דער שמאָלער מילע און פון די אַלע אַנדערע געסלעך.

מ'האָט זיי דערקענט פון ערשטן בליק, די באַלמעלאָכעס און אַרבעטער. זיי האָבן געטראָגן די שבתדיקע בגדים, וועלכע זענען געווען אויסגעפוצט ריין, אָבער שוין אַ שפּאָר ביסל אָפּגעטראָגן. מ'האָט זיי אויך דערקענט פון זייערע אויסגעהאָרעוועטע רויטע דלאָניעס און מידע פנימער. זיי האָבן, וואָס אַן אמת, זייערע אייגענע רעפּעראַטן און רעדנער. און מאָרגן דאַרף מען גיין פריי צו דער אַרבעט נישט אויסגעשלאָפן. פונדעסטוועגן ווי קאָן מען נישט זיין אויף קרולעווסקע? דער דרך־ארץ פאַרן למדן איז טיף איינגעבאַקן אין האַרץ. אַמאָל איז דער למדן געזעסן איבער דער גמרא. היינט זיצט ער איבער גוישע ביכער. ער ווייסט געוויס דעם ענטפער, דעם ריכטיקן ענטפער אויף אַלע פראַגעס און פּראָבלעמען. איז ווערט צו קומען און זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און צומאָרגנס אויפשטיין צו דער אַרבעט מיט רויטע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן.

זוכן אַן ענטפער זענען אויף קרולעווסקע גאַס אויך געקומען די בחורים און יונגעלייטלעך פון די חסידים־שטיבלעך.

זיי זענען געקומען אין זייערע געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך, גלייך פון שטיבל. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז זיי וועלן שפּעטער האָבן צרות. מען וועט זיי זען אַריינגיין אָדער אַרויסגיין און דער טאַטע וועט שרייען און די מאַמע וועט וויינען אויף די חרפּות און בושות פון אייגענע קינדער. יאָ, עס וועלן זיין צרות. וויפיל זיי זאָלן זיך נישט אַרומקוקן און זיך אויס־היטן, העלפט עס נישט. צומאָרגנס טראָגט מען עס גלייך אַפּ צום טאַטן אָדער צום גבאי אין שטיבל. אָבער עס איז ווערט צו ליידן, אַבי צו גע־פינען דעם ענטפער.

און קשיות זענען דאָ אַזוי פיל, שווערע קשיות, מוראדיקע קשיות. זיי ווייסן גוט, אַז אַ ייד טאָר נישט צופיל פרעגן. זיי געדענקען גוט די מעשה פון אלישע בן אבויה, וואָס איז אַריין אין פּרדס און איז גע־שטרויכלט געוואָרן. אָבער וואָס זאָלן זיי טאָן, אַז עס פרעגט זיך פאָרט. וואָס קומט פאָרט פאַר דאָרט, אין דעם ווונדערלעכן חומש־לאַנד? זענען זיי טאַקע דאָרט אַלע פּושעים און עוכרי ישראל, ווי מען זאָגט אין דעם שטיבל? אָבער זיי זעען דאָך פאָרט יעדן טאָג יצחק ניסענבוימען, מיט דער לאַנגער באָרד, יעדן טאָג גיין אין שול מיטן טלית אונטערן אָרעם און ער געהערט דאָך אויך צו זיי, צו דער ציוניסטישער חברה? און זיי האָבן געהערט אויך פון דעם רב ריינעס, פון לידע, און פון ר׳ שמואל מאָהליווער פון ביאַליסטאָק. אמת, זיי זענען ליטוואַקעס, אָבער פאָרט רבנים. איז ווי שיקט זיך עס?

און צי מוז מען טאַקע האָבן די לאַנגע קאַפּאָטע און דאָס קליינע היטעלע און מורא האָבן פאַר אַ שטיין פון יעדן שייגעץ? אוודאי גע־דענקען זיי, אַז די יידן אין מצרים זענען אויסגעלייזט געוואָרן, ווייל זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער יידישן לבוש. אָבער די ראַבינערס פון בער־לין און פון פראַנקפורט גייען אָנגעטאָן ווי די גויים און שערן זיך די בערד און טראָגן נישט קיין פּיאות און פונדעסטוועגן חברט זיך מיט זיי דער רבי? פאַרוואָס מעגן זיי? איז דאָ אַ באַזונדערע תורה פאַר זייערט־וועגן?

און די בונדיסטן ריידן דאָך אַזעלכע רייד וועגן פרייהייט און וועגן יושר.און דאָרט, אין מאָסקווע, שמועסט מען, האָט מען טאַקע געמאַכט אַ יושרדיקע וועלט. און אַפילו אין שטיבל זאָגט מען, אַז דער צאַר האָט ס׳זייניקע ריכטיק באַקומען פאַר די אַלע צרות, וואָס ער האָט געטאָן

צו די יידן — היינט זשע, פאַרוואָס טאָר מען זיך נישט חברן מיט די מענטשן, וואָס האָבן דאָס געטאָן?

און אפשר ווייסט מען גאָרנישט, אין שטיבל, אַזוי גוט וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט? ווילאַנג איז ווי זיי האָבן געשריען גע־וואַלד קעגן חברות און צייטונגען און אַצינד מאַכן זיי אַליין אַ חברה פון אָרטאָדאָקסן און הייסן לייענען די צייטונג?

און אויב זיי האָבן איין טעות געהאַט, ווער ווייסט, וויפיל נאָך טעותים זיי מאַכן און וועגן וועלכע מ׳וועט זיך ערשט שפּעטער דער־וויסן?

אָבער זיי, די בחורים פון די שטיבלעך, ווילן זיך נישט ערשט שפּע־טער דערוויסן די טעותים פון זייערע טאַטעס. זיי ווילן וויסן שוין. זיי האָבן קיין צייט נישט צו וואַרטן. זיי זענען אומגעדולדיק און אומרואיק.

זיי האָבן די גאַרטלען און קאַפּלעך אַריינגעלייגט אין די קעשענעס, זיי האָבן די פּיאות טיפער פאַרשטעקט אונטער די היטעלעך און, אומ־קוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, גייען זיי איינציקווייז, מיט אייליקע טריט, איבער דעם ברייטן טראָטואַר. ווען זיי קומען צו צו דעם טויער פון דער פאַרום־געביידע, לויפן זיי שנעל אַריין, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז דער טאַטע וועט קומען אָנצולויפן און וועט זיי פון דאָרט אַהיימשלעפּן.

זיי זיצן מיט צעפלאַמטע פּנימער אין דעם גרויסן זאַל און עס דאַכט זיך זיי, אַז דער רעדנער רעדט נאָר צו זיי און זיי שלינגען יעדעס וואָרט, הונגעריקע און דאָרשטיקע.

נישט יעדעס מאָל אָבער קאָנען די בחורים פון די חסידים־שטיבלעך פאַרנעמען דעם גאַנצן מיין פון דעם רעדנערס רייד. אָפטמאָל זיצן מייד־לעך האַרט לעבן זיי אויף דער באַנק. דאָס שכנות פון די נשים מאַכט די בחורים אומרואיק. זיי ווילן זיך אַריינטראַכטן אין די רייד, וואָס דער־טראָגן זיך צו זיי פון דער בינע, אָבער גראָד דעמאָלט קומען אין קאָפּ אַריין אַנדערע מחשבות. די מחשבות מאַכן נאָך רויטער זייערע פּנימער. זיי ווילן זיי פאַרטרייבן, די זינדיקע מחשבות, אָבער עס איז שווער פון זיי פּטור צו ווערן.

און, ווי אויף להכעיס, זענען אַלע בענק פול מיט די מיידלעך. גאַנצע מחנות ציען זיי פון אַלע עקן שטאָט צו דער געביידע אויף קרולעווסקע

גאַס. יעדן פאַרנאַכט שטייען זיי לאַנג פאַרן שפּיגל און פאַרבן מיט כוונה זיך צו די ליפּן און די באַקן.

זיי באַלאַנגען אויך צו די „פּאַרטיעס״. זיי היצן זיך נאָך מער ווי די ייִנגלעך, ווען זיי הערן די חוצפּהדיקע רייד פון די קעגנער. ווען קיי־נער אָבער זעט נישט, טוען זיי אַ לאַנגן גענעץ, ווען מ׳דערציילט זיי וועגן דעם ביטערן לעבן פון די קוליס אין שאַנכיי.

אָפטמאָל לויפן זיי איבער פון איין לאַגער צום אַנדערן. אַמאָל, ווייל זיי האָבן זיך באַקענט מיט אַ בחור פון יענעם לאַגער, וועלכער האָט „זיי איבערצייגט״, און אַמאָל הערט זיי אויף צו געפעלן דער רעדנער און זיי זאָגן קורץ:

— ר׳איז אַ נודניק!

זיי לאַכן טיילמאָל אין מיטן די הייסע וויכוחים. מען הייסט זיי שטיל זיין, לאַכן זיי נאָך העכער. זיי זאָלן נישט זינדיקן מיט די רייד, אָבער וויפיל איז דער שיעור צו ריידן וועגן דעם איבערוועדט...

עס זענען אָבער פאַראַן אָוונטן, ווען גראָד די מיידלעך זיצן צוגע־שמידט צו זייערע ערטער און פאַרגעסן אַפילו אַ שמייכל צו טאָן צו דעם בחור, מיט וועלכן זי האָט זיך טאָקע דאָ נאָרוואָס באַקענט.

דאָס געשעט אין יענע אָוונטן, ווען אין פאָרום פון די יונגע שליסן אַלע קעגנערישע פאַרטייען צווישן זיך אַ מין וואָפנשטילשטאַנד. אויס קאַרל מאַרקס, אויס הערצל, אויס בונד, אויס רעוואָלוציע. די ליבע האָט שלום געמאַכט צווישן אַלע און אירע פליגלען שוועבן אין זאַל.

דער רעדנער אויף דער בינע זעט אויס פייערלעכער, יום־טובדיקער און ער זינגט אויס זיין געזאַנג פאַר דער ליבע.

די מיידלעך לאָזן דעמאָלט פון רעדנער נישט אַראָפּ זייערע אויגן און זייערע ליפּן זענען האַלב־צעעפנט.

טיילמאָל קומט אויך אין די אָוונטן צו שאַרפע וויכוחים. די רעד־נער צעקאָכן זיך. זיי קעמפן מיט אַ קעגנער, וועלכן זיי זעען נישט, אָבער זיי ווייסן, אַז ער איז דאָ צווישן זיי, דער דאָזיקער קעגנער. און זיי זיד־לען אים און זיי שפּעטן פון אים, און זיי מאַכן אים מיט דער בלאָטע צוגלייך.

זאָלן זיי וויסן, די אַלע טאַטעס, אַז עס זענען נישטאָ מער די אַמאָ־ליקע צייטן. ניין, די פרוי איז היינט אַ מענטש, אַ פרייער מענטש,

גלייך מיט אַלע. און זי האָט אַ רעכט אויף ליבע און אויף פרייד, און אויף געניוס. אַזוי פאַרזיכערן די רעדנער און זיי זידלען די פינצטערליג־גען, וואָס ווילן פאַרשטערן די דאָזיקע פרייד, וואָס האָבן די ליבע פאַר־וואַנדלט אין אַ זינד.

זיי ציטירן די רייד פון גרויסע שרייבער, פּאָעטן, פּראָפעסאָרן און פילאָזאָפן, און זיי ווענדן זיך מיט אַ הייסן רוף צו דער יידישער פרוי זיך צו באַפרייען פון די קייטן.

די מיידלעך אַפּלאָדירן אַזוי לאַנג, אַז די הענט טוען זיי ווי, און די יינגלעך העלפן זיי צו.

די חסידישע בחורים, מיט די פיאות פאַררוקט הינטער די היטעלעך, ווערן אָבער נאָך אומרואיקער. צו אַזעלכע רייד זענען זיי נישט געוווינט.

און ווען נאָך די רייד הייבט אָן שפּילן דער גראַמאָפאָן און פּאָרלעך הייבן אָן טאַנצן, ווייסן שוין גאָרנישט די בחורים פון די שטיבלעך, וואָס מיט זיך צו טאָן.

זיי ווייסן, אַז איצט איז מער דאָ נישטאָ קיין אָרט פאַר זיי. פונ־דעסטוועגן רירן זיי זיך נישט פון אָרט.

זיי זעען טיילמאָל ווי אַ באַרימטער רעדנער און שרייבער נעמט אַרום אַ מיידל אין טאַנץ, ווערט די זאַך זיי נאָך מער קשה. זיי קאָנען אָט די אַלע טאַנצנדיקע פּאָרלעך און ווען נישט די לאַנגע קאַפּאָטע איז נישט צו באַגרייפן ווי קומט אַזאַ מגושמדיקע זאַך, ווי טאַנצן מיט אַ מיידל, צו אַ מענטש, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, לויטער גייסט.

און זיי ווערן נאָך אומרואיקער, ווייל זיי פילן, אַז זיי זענען מקנא דאָס קליינע היטעלע, ווער ווייסט, צי זיי אַליין וואָלטן געקאָנט ביי־שטיין דעם נסיון.

זיי קלערן דעמאָלט, אַז אפשר זענען זיי גערעכט, אין שטיבל, און זיי טאַפּן אָן די גאַרטל און דאָס קאַפּעל, וואָס ליגן פאַרשטעקט אין דער קעשענע, ווי אַ סגולה צו פאַרטרייבן פון קאָפּ אַלע בייזע מחשבות.

זיי מאַכן ביי זיך אָפּ מער נישט אַהערצוקומען. יאָ, עס איז דאָס לעצטע מאָל. עס איז נישט קיין אָרט פאַר „אונדזער ס׳גאַל״, טראַכטן זיי. מילא חקירות, השכלה, געלערנזאַמקייט, קאָנען זיי פאַרשטיין. עלעהיי, דער רמב״ם איז דאָך אויך געווען אַ דאָקטאָר און געקענט כלערליי לשונות,

אָבער רײדן נבול פּה און טאַנצן מיט נשים איז דאָך גלאַט הפקר־פּעט־רושקע. נײן, ס׳איז נישט קײן דרך פֿאַר אַ ייד.

אַזוי מאַכן זײ בײ זיך אָפּ. אָבער אין עטלעכע טעג שפּעטער קומען זײ װידער. אַז װוּ מען גײט און װוּ מען שטײט, הערט מען נישט אויף צו רײדן װעגן פּאָרום פון די יונגע. װאָס דאַרף מען מער? אין די חסי־דישע שטיבער הײבן שוין טאַטע־מאַמע אָן רײדן װעגן דעם, אוודאי, דעם זון װעט מען אַהין נישט לאָזן גײן. אָבער די טאָכטער פּוצט גאָר די מאַמע אַלײן אויס. װאָס זאָל מען טאָן אין אַזעלכע צײטן? אַמאָל, אַז מען האָט געהאַט אַ דערװאַקסענע טאָכטער, האָט מען געשיקט נאָכן שדכן און דער אײבערשטײער האָט געהאָלפן. הײנט װיל זי, די טאָכטער, אַלײן זײן אַ מבין, און דווקא אַ „הײנטיקן״ װיל זי, מילא, אפשר װעט זיך דאָרט, אויפן פּאָרום, טרעפן דער ריכטיקער זיווג...

די גאַס, װאָס פירט צו דער פּאָרום־געבײדע, װערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער אין די אָװנטן אָנגעפּילט פון יונגװאַרג.

זײ אײלן זיך נישט באַלד אין זאַל. נאָר די חסידישע בחורים זיצן דאָרט און װאַרטן עס זאָל זיך אָנהײבן. די אַנדערע שטײען אויף דער גאַס אין ברײטן טויער.

דאָ טרעפן זײ זיך מיט באַקאַנטע. דאָ באַגעגענען זײ זיך, די ייִנג־לעך מיט די מײדלעך. דאָ הײבן זיך אָן די ליבעס און דאָ שפּילן זיך אָפּ טראַגעדיעס, װאָס אין דער ערשטער מינוט זענען זײ אַזוי שרעק־לעך און אין עטלעכע טעג שפּעטער װערן זײ פאַרגעסן, װי זײ װאָלטן קײנמאָל נישט געװען.

דער יונגער עולם לאַכט הויך און פאַרשטעלט דעם װעג פֿאַר די דורכגײער.

די געבײדע שטײט אַקעגן דער בערזע. נאָר די בערזע איז איצט געשלאָסן. בלויז דער אַלטער װעכטער, אין זײן בלאָען אוניפאָרם און גאָלדענע קנעפּ, שטײט אויף דער שװעל פון דער בערזע־געבײדע און קוקט אַריבער צו די יונגע.

— אַזוי פיל זשידקעס דאָ, אין דעם װאַרשע, אַזוי פיל, פּסיאַ...

ער פאַרענדיקט נישט די קללה, דער אַלטער. ער דערמאָנט זיך, אַז דער פּאַן פּרעזעס פון דער בערזע און די אַלע אַנדערע פּאַנעס, װאָס ער טראָגט זײ יעדן טאָג אונטער דעם הוט, זענען אויך זשידעס.

עס באַפאַלט אים אַ שרעק, דעם אַלטן. אין קאַשטשאַל האָט דער גלח היינט געזאָגט, אַז די זשידעס זענען ערגער ווי די מאַסקאַלעס און אַפילו פון די דייטשן, און, אַז דער גלח זאָגט, מסתמא ווייסט ער וואָס ער רעדט.

ער ווייסט נישט וואָס צד טאָן, דער אַלטער. ער שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר און ער איז אַזוי זינדיק. ס׳גאַנצע לעבן האָט ער גע־האַלטן אין איין צוטראָגן די צילינדערס צו די זשידעס דאָ אין דער בערזע. ווער ווייסט וויפיל שמיץ ער וועט באַקומען פאַר אַזאַ זינד.

אפשר זאָל ער אַוועק? צי איז נישט צייט כאָטש די לעצטע פאָר יאָר תשובה צו טאָן? אָבער פאַרוואָס זאָל ער שענקען די זשידעס דאָס געלט, וואָס זיי שטעקן אים אַריין אין האַנט, ווען ער העלפט זיי אָנטאָן דעם פאַלטאָ? צי איז נישט אַ שווערע זינד, זיי די זשידעס צו שענקען דאָס געלט? ער קוקט אויף דעם טומלדיקן יונגוואַרג אַקעגנאיבער און ער באַשליסט צו פרעגן דעם גלח וואָס ער דאַרף טאָן.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

פעליקס זאַקס

סאָניע האָט, קומענדיק אויף דער קרולעווסקע גאַס, זיך אַרומגע־קוקט, ווי אַ פרעמדער, וואָס וויל זיך איבערצייגן, צי ער איז געקומען אויפן ריכטיקן אַדרעס. זי האָט שוין פיל געהאַט געהערט וועגן דעם פאָרום פון יונגע, אָבער אַליין איז זי נאָך דאָרט נישט געווען.

— זעסט, די פּראָווינצערין — האָט מאַניע געשמייכלט צו פּיניען — די גאַנצע גאַס איז פול מיט דעם פאָרום־עולם און זי מיינט נאָך אַלץ, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט.

אין טויער איז זיי אַקעגנגעקומען אַ פריידיקער טומל. יונגע בחורים און מיידלעך זענען געלאָפן אַריין און אַרויס.

— אָ, היינט וועט זיין אינטערעסאַנט!

— פעליקס זאַקס וועט זיך היינט אָפּרעכענען מיט די רויטע!

— ביסט אַ טרעפער? פעליקס זאַקס זאָגט קיינמאָל נישט פאָרויס...

— זעסט, בערנאַרד איז שוין אויך געקומען.

— און יצחק גרינבוים איז אויך דאָ, אָט דער מיט דעם שוואַרצן בערדל...

— גיב אַ קוק, נאָמבערג, אַיאָ? דאָס דאַרע קליינע יידל, דאָס איז ער, נאָמבערג.

— ד״ר גאָלדפלאַם, זיצט שוין אין זאַל, האָסט געזען?

— יאָ, ער איז געקומען מיט אַדאָלף פּערעצן.

מיט אַזעלכע און ענלעכע אויסרופן האָט זיך דורכגעוואָרפן דער יונגער עולם, וואָס האָט פון אַלע זייטן געצויגן צום גרויסן זאַל.

מאַניע מיט סאָניען און פּיניען האָבן געפונען אַן אָרט אין אַ ווייטער ריי, אין אַ ווינקל פון זאַל.

מאַניע האָט געקוקט אויף די שטולן פון די ערשטע רייען. זיי זענען געווען האַלב באַזעצט און די אָרדנערס מיט בלאָ־ווייסע אָרעם־בענדער האָבן געהיט, אַז יונגוואַרג זאָל זיך דאָרט נישט אַוועקזעצן.

— זע נאָר, ווי זיי היטן די ערטער פאַר די יחסנים — האָט זיך געקאָכט מאַניע — און זיי האַלטן אין איין דרשענען וועגן דעמאָקראַטיע. ער וועט דאָך דיך, סאָניע, דאָ נישט געפינען!

— ווער? — האָט זיך פון פּיניען, נישט ווילנדיק, אַרויסגעריסן אַ פראַגע.

— איר זענט צו נייגעריק, הער העכט. אַנו, טרעפט, ווער?

— כ׳בין נישט קיין טרעפער — האָט פּיניע אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

—אַוודאי וועט איר נישט טרעפן, אַז פעליקס זאַקס אַליין וועט היינט ריידן נישט פאַר קיינעם, נאָר פאַר איר, ריכטיק, סאָניע?

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן, מאַניע.

דער זאַל איז שוין געווען איבערפולט. אויף די פאָדערשטע בענק זענען שוין געזעסן פּאַרנומען. אין דער צייט אָבער ווען יונגוואַרג איז געזעסן אויף די פאַרכאַפּטע פלעצער און האָט זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט, האָבן די יחסנים פון די פאָדערשטע בענק, ווי מאַניע האָט זיי גערופן, זיך פאַרלאָזט אויף דער שמירה פון די אָרדנערס. זיי זענען געשטאַנען לעבן דער בינע, האָבן זיך באַגריסט מיט באַקאַנטע, האָבן געשמייכלט צו זייערע דאַמען, וואָס האָבן מיט אַ לאָרנעט זיך אַרומגעקוקט

איבערן זאַל און האָבן פון מאָל צו מאָל באַוויליקט אַ שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ צו אַ באַקאַנטן פון די ווייטערע רייען.

דער קאָרפּולענטער אַדעק ווישינסקי איז שפּעט אַריינגעקומען אין זאַל. אַן אָרדנער האָט אים דערקענט און איז אַקעגנגעלאָפן.

— ביטע, פּאַניע פּרעזעסיע, ביטע...

דער אָרדנער האָט אים געוואָלט פירן אויבנאָן, צו די יחסנים. נאָר ווישינסקי האָט זיך נישט געאיילט. ער איז געשטאַנען אין מיטן זאַל, האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט געענטפערט אויף די באַגריסונגען פון באַקאַנטע.

— וואַרט, יונגערמאַן, וואַרט אַ ווייל. פון איילן זיך קומט קיינ־מאָל קיין גוטס נישט אַרויס.

ער האָט ווייטער געקוקט איבער די בענק, ווי ער וואָלט עמיצן גע־זוכט. ער האָט אָנגעהייבן גיין איבערן זאַל און ענדלעך האָט ער דערזען סאָניען. ער איז שנעל צו איר צו.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי באַהאַלטן, סאָניעלע? אַ שעה צייט ווי איך זוך דיך...

—אַ שעה! אַז ס'איז אַזש דריי מינוט אויפן זייגער, ווען דער פּאַן פּרעזעס האָט באַוויליקט זיך צו באַווייזן.

מאַניעס אויגן האָבן שעלמיש געשמייכלט און זי האָט געקוקט ווי־שינסקין גלייך אין די אויגן.

— אַזאַ שקאָציכע, האָט נישט קיין ביסל דרך־ארץ פאַר אַן עלטערן מענטשן.

— אויב איר מיינט, אַז כ'וועל זאָגן, אַז איר זענט נישט קיין על־טערער מענטש, האָט איר אַ טעות, פּאַניע פּרעזעסיע.

ווישינסקי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— עס איז מיין פריינדין, מאַניע גרינגלאַס — האָט זי סאָניע פאָר־געשטעלט.

— גרינגלאַס? פון וועלכע גרינגלאַסעס?

— פון יענע גאַסן, פּאַניע פּרעזעסיע, און פון וועלכע יענע גאַסן? און ווי האָט געהייסן דער זיידע? און מיט וועמען האָט זיך משדך געווען דער פעטער כאַצקל?

מאַניע האָט מיט איר שטים נאָכגעמאַכט דעם קול פון אַן אַלטן ייִדן ווֶעלכער הייבט זיך אָן נאָכפרעגן אויף משפחה־זאַכן.

— מיט מאַניען איז גלײַכער נישט אָנצוהייבן — האָט געזאָגט סאָניע.

— וואַרט נאָר, וואַרט, סאָניעלע, כ׳מוז מיך דערמאָנען.

אַדעק ווישינסקי, ווי דער באַנקיר וואַרסקי, האָט געהאַט די אַמ־ביציע צו קענען גאַנץ וואַרשע. ער מוז זיך דערמאָנען ווער זיי זענען, די גרינגלאַסעס, וואָס האָבן פּראָדוצירט אַ מויד אַזאַ שטיק פייער.

— כ׳האָב! יאַק ציאַציען קאָכאַם, ווי כ׳האָב! גרינגלאַס פון דער פּאַנסקע גאַס? יאָ, יאָ, ר׳ לייבוש הייסט ער, אַיאָ? נו, יאָ, כ׳האָב באַלד געוווּסט. ער האָט אויך אַ מענה־לשון...

— דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע — האָט מאַניע געלאַכט — אמת, דאָס האָט איר געוואָלט זאָגן, פּאַניע פּרעזעסיע?

— דו ווייסט אַן עלטערן מענטש נישט לערנען וואָס צו זאָגן, דו שקאַציכע — האָט ווישינסקי אָנגענומען מאַניען ביי דער גאָמבע — ביס־טו דאָס טעכטערל?...

— איצט קומט אַ גלעט איבערן בעקל, נישט וואָר? אָט אַזוי ווי פון אַן אַלטן פעטער, וואָס האָט ליב צו מאַכן זיך נאָך עלטער ווי ער איז און זיך צו דערלויבן...

— איך לייג ס׳געווער! — האָט ווישינסקי געלאַכט — איך קאַפּי־טוליר פאַר דער טאָכטער פון ר׳ לייבוש גרינגלאַס!

— ער האָט דערזען פינגער און צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

— נו, פּאַניע העכט, וואָס מאַכט מען גוטעס? — ער האָט נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער — נו, קומט, מיינע פריינט, עס וועט זיך באַלד אָנהייבן.

סאָניע האָט זיך געקווענקלט. אַז מ׳זיצט שוין, נאָך וואָס זיך רירן?

נאָר ווישינסקי האָט נישט געוואָלט הערן. האָבן זיך אַלע דריי אויפ־געהייבן און ווישינסקי האָט זיי געפירט צו די פּאָדערשטע רייען.

— אָבער, פּאַניע פּרעזעסיע — איז אים דער אָרדנער נאָכגעלאָפן — כ׳ווייס נישט צי פאַר די הערשאַפטן...

— דו דאַרפסט נישט וויסן, יונגערמאַן. איך ווייס שוין. גיי, גיי, זעסט, ד״ר מינץ איז געקומען, איך וועל שוין מיינע געסט אַליין באַזעצן.

ער איז צוגעקומען צו דער בינע, האָט זיך באַגריסט מיט זיינע פריינט, האָט פאַרגעשטעלט זיינע געסט און ווי ער וואָלט דאָ געווען באַלעבאָס, האָט ער אַ צייכן געגעבן מיט דער האַנט צו די אָרדענונג־היטער, האָט זיי געהייסן ברענגען פון דער בינע נייע שטולן, האָט זיי באַפוילן איין פענצטער צו פאַרמאַכן און דאָס אַנדערע עפענען, האָט זיי אַפילו פאַרזיכערט, אַז מען דאַרף דעם ליכטמאַכער דאָ געבן איבער די הענט.

— יאָ, יאָ, פאַניע פרעזעסיע, — האָבן די אָרדענונגס־היטער צוגע־שאָקלט מיט די קעפּ — אפשר אויסלעשן די לאָמפּ דאָ אין דער זייט.

— זאָל שוין זיין ווי ס׳איז. נאָר אַ צווייט מאָל זאָלט איר אַכטונג געבן.

— געוויס, פאַניע פרעזעסיע, אַ צווייט מאָל וועט מען שוין וויסן.

ווישינסקי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול צווישן סאָניען און מאַניען.

— איר זעט, כ׳האָב שווער געאַרבעט, נאָר צו האָבן אַזעלכע צוויי שכנטעס בין איך גרייט אויף אַלעס.

— אויף אַלץ, וואָס אַנדערע זאָלן פאַר אייך טאָן, פאַניע פרעזעסיע.

— דו, מאַניעלע, הייבסט שוין אָן צו דערגיין די יאָרן דעם פאַן פרעזעס? אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט! — האָט ווישינסקי זיך פונאַנדערגע־לאַכט און זיך געמאַכט באַקוועם אויף זיין אָרט — אַזוי באַצאָלט מען מיר פאַר מיין גוט האַרץ און פאַר מיין מי אייך צו באַזאָרגן מיט אַזאַ אויבנאָן, אַז אַלע בחורים און מיידלעך זאָלן קוקן אויף אייך מיט קנאה.

— וואָס מיר האָבן די זכיה צו זיצן מיטן פאַן פרעזעס אַליין. דאָס האָט איר דאָך געמיינט צו זאָגן, פאַניע פרעזעסיע? — האָבן מאַניעס אויגן זיך צעפינקלט.

— איך האָב שוין איין מאָל פאַר דיר קאַפּיטולירט, ר׳ לייבושעס טאָכטער פון דער פאַנסקע גאַס, נאָר אַז איר ווילט שוין וויסן דעם גאַנצן אמת, האָב איך אַביסל אין זינען געהאַט זיך אַליין אויך. איר זעט, ווי די דאַמע דאָרט, מיטן גאָלדענעם לאָרנעט, לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פון אייך, מיינע שיינע שכנטעס, דאָס טראַכט זי איצט: דער אַדעק האָט שטענדיק אַרום זיך די שענסטע מיידלעך פון שטאָט.

— אַ שיינעם דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

— ס׳ערשטע מאָל הער איך כאָטש אַ דאַנק. נו, דערפֿאַר וויל איך אײַך, מײַנע פֿרײַנד, געבן גלײַך דאָ אַ לעקציע וועגן מאַכט. איר האָט געזען דאָ, ווי די אַלע יונגעלײַטלעך האָבן זיך געפּאָרעט אַרום מיר, האָבן געבראַכט שטולן און זענען גרייט געווען צו טאָן אַלץ אויף מײַן באַפֿעל, ווייסט איר, פֿאַניע העכט, פֿאַרוואָס עס איז אַזוי?

— איך וואָרט מיט אומגעדולד צו הערן דעם ענטפֿער — האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אַ שמייכל אויף פּיניעס פּנים.

— הער־זשע מיט קאָפּ, יונגערמאַן. עס איז נישט גענוג צו זײַן קלוג און עס איז נישט גענוג צו זײַן אַ זולל־וסובא און וועלן אויפֿעסן אַלע ביכער פֿון דער ביבליאָטעק, ווי איר, פֿאַניע העכט.

— נאָר וואָס?

— מען דאַרף האָבן אַביסעלע חוצפּה, קודם כל, חוצפּה. דאָס איז עס, מײַנע הערשאַפֿטן. הע, הע, איר זעט, פֿאַניע העכט, אײַער באַלעבאָס איז דאָך אויך דאָ.

יאַנקל האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן זאַל און נישט געקאָנט געפֿינען קיין אָרט.

— זאָל ער אַליין זיך געפֿינען אַן אָרט — האָט ווישינסקי אַ וווּנק געטאָן צו פּיניען — כ׳וויל זען, וואָס געלט קאָן אויפֿטאָן בײַ די יונגע.

די אָרדנערס, מיט די ווײַס־בלאָע בענדער, האָבן יאַנקלען פֿאַרהאַלטן און אים אָנגעוויזן אויף אַ ווײַטן ווינקל אין זאַל, וווּ יונגוואַרג איז געשטאַנען צונויפֿגעפּרעסט.

יאַנקל האָט געפּרוווט אַרײַנשטעקן די האַנט אין טאַש, נאָר די יונגעלײַט האָבן בלויז אומגעדולדיק געצויגן מיט די אַקסלען און אים אָנגעוויזן ווידעראַמאָל צו דעם ווינקל.

— ווער איז דער פֿאַרשוין? — האָט מאַניע געוואָלט וויסן.

— יאַקוב האַרט — האָט סאָניע געזאָגט — ר׳איז זייער רײַך געוואָרן, זאָגט מען.

— איך אַרבעט בײַ אים — האָט פּיניע צוגעוואָרפֿן.

— נו, זעט איר, פֿאַניע פּרעזעסיע, די יונגע קאָן מען נישט קויפֿן מיט געלט.

יאַנקל האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט. ער האָט קענטיק קיין באַקאַנטן נישט באַמערקט און ער האָט זיך

געלאָזט גיין אין דער ריכטונג ווו די אָרדענונגס־היטער האָבן אים אָנ־געוויזן.

זעט אָבער אויס, אַז יאַנקל האָט געהאַט מער באַקאַנטע אין דעם זאַל, ווי עס האָט זיך אים געדאַכט. אַן עלטערער הער, מיט אַ פיין צו־געקעמטן גראָען קאָפּ, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דער ערשטער ריי, האַרט פאַר דער בינע, האָט עפּעס איינגערוימט אין אויער אַ יונגנמאַן מיט אַ באַנד אויפן אָרעם און דיסקרעט אָנגעוויזן אויף יאַנקלס פּלייצע.

דער יונגערמאַן האָט מיט שנעלע טריט דעריאָגט יאַנקלען. ער האָט מיט אים עפּעס איינגעטענהט און אים מיט גרויס כבוד צוגעפירט צו דער ערשטער ריי. אַ צווייטער יונגערמאַן האָט צוגעשטעלט אַ שטול, אויף וועלכער יאַנקל האָט, נישט אומקוקנדיק זיך, אַוועקגעזעצט.

— איר זעט, מיינע הערשאַפטן, — האָט ווישינסקי צו זיך אַ לאַך געטאָן — איך האָב אייך געוואָלט געבן אַ לעקציע וועגן מאַכט, אָבער אין דער אמתן האָט יאַנקל מיר געגעבן די אמתע לעקציע.

— איר זענט טרויעריק געוואָרן? — האָט סאָניע געקוקט אויף אים.

— טרויעריק? כ׳ווייס, אפשר ווערט מען טאַקע טרויעריק, ווען מען דערמאָנט זיך די אַמאָליקע צייטן.

— וואָס האָט איר זיך דערמאָנט, פּאַניע פּרעזעסיע?

— כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן אַן אַמאָליקן גזשיבאָווער גביר ר׳ לוי פּרענקעל. דו, סאָניעלע, ווייסט אַפילו נישט ווער.

— דניאל עפּשטיינס שווער, לאָניאַס פאָטער — האָט סאָניע זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן בערטאַן, וואָס איז אינדערפרי אַוועק אין שפּי־טאָל — ווער ווייסט, צי זי איז שוין אינדערהיים?

— יאָ, היינט איז עפּשטיין, ר׳ לויס איידעם, נאָר אַמאָל, ווען כ׳בין געווען אַזאַ שניעק ווי די יונגעלייטלעך דאָ, איז דניאל עפּשטיין געווען אַ שרייבער ביי ר׳ לויס פאָטער. ער, עפּשטיין, איז אַוועק פון דעם גזשי־באָווער געשעפט, האָט אַליין אָנגעהייבן צו מאַכן גרויסע עסקים, נאָר ביי ר׳ לוין איז ער אַלץ געווען דער משרת פון זיין פאָטער. בין איך איין מאָל אַוועק צו ר׳ לוין און אים אָנגעשלאָגן אַ געשעפט מיט אַ שותף. אַ גרויס געשעפט געווען, גאָלד צו שאַרן. ווען ר׳ לוי אָבער האָט דערהערט, אַז דער שותף איז דער אַמאָליקער משרת פון זיין פאָטער, האָט ער שיער נישט באַקומען אַ האַרץ־שלאָג. פרעגט שוין גאָרנישט וואָס עס האָט זיך

אָפּגעטאָן. דער דאָקטאָר איז געקומען צולויפן, כ'בין מיט חרפּה קוים אַוועק. און ווייסטו ווער יאַנקל, כ'מיין אָט דער פּאַן האַרט, איז?

ווישינסקי האָט צו זיך אַ שמייכל געטאָן.

— ער האָט ערשט נישט לאַנג געטריבן ר' לויס פּערד איבערן גזשי־באָוו און היינט איז ער דער גזשיבאָווער גביר, וועמען מ'פירט אויבנאָן, יאָ... נו, גענוג מיט זכרונות. זעסט, סאָניעלע, כאָטש וואָס דאָ טוט זיך? דיין פעליקס זאַקס גיט היינט דאָ די פּרעמיערע. גאַנץ וואַרשע איז צונויפגעלאָפן. אָבער ווילאַנג איז דער שיעור אויף אים צו וואַרטן?

ווישינסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל.

— שוין פופצן מינוט נאָכן טערמין — האָט ער אַ זאָג געטאָן — די הערצער פון אַלע מיידלעך קלאַפּן שוין ווי האַמערס.

ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע אומבאַמערקט, אָבער ווען ער איז שטיין געבליבן פאַר דעם רעדנער־טישל, אַ שלאַנקער און הויכער און מיט דער האַנט זיך גלייך געמאַכט דעם טונקל־בלאָנדן לאָק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין שטערן, האָט אַ שטורעם זיך צעטראָגן איבערן זאַל.

פעליקס זאַקס איז געשטאַנען אַ רואיקער און אומבאַוועגלעכער. זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף דער צונויפגעדריקטער מחנה פון יונגוואַרג. די אַפּלאָדיסמענטן זענען געוואָרן שטאַרקער. זאַקס בליק האָט געוואַנדערט איבער די יונגע פּנימער. דער בליק האָט יעדעס פּנים בלויז אַ לייכטן באַריר געטאָן און איז ווייטער אַוועק. נאָר אָט פאַרהאַלט זיך דער בליק לענגער, צודרינגלעכער, אַרויספאָדערנדיקער. סאָניע פילט אויף זיך דעם בליק און עס פאַרפעלט איר אָטעם.

עס דאַכט זיך איר, אַז אַלע אין זאַל זעען, ווי דער בליק פון זאַקסן טרעט נישט אָפּ פון איר. זי וואָלט געוואָלט אין איין צייט אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך פון דעם בליק און אין דער זעלבער צייט פילן אים אָן אויפהער זוכן אירע אויגן.

דער שטורעם איז מיטאַמאָל איינגעשטילט געוואָרן, פונקט ווי ער איז פלוצלינג פריער אויסגעבראָכן.

אין זאַל איז איינגעטרעטן אַ געשפּאַנטע שטילקייט און באַלד האָט זיך אין חלל געטראָגן די מעטאַלענע קלאָרע שטים פון רעדנער.

פעליקס זאַקס האָט דאָס מאָל גערעדט צו זיינע קעגנער. אַזוי האָט

ער געזאָגט אין זיינע ערשטע ווערטער. ער וויל זיי אָבער פאַרזיכערן, אַז ער אַליין באַציט זיך נישט צו זיי ווי צו קעגנער. ער זעט דאָ אין דעם זאַל אַזוי פיל יונגע פּנימער. עס איז אים אַלצאיינס וועלכע פּאַרטיי־ביכלעך יעדער פון זיי טראָגט אין טאַש. דאָס פּאַרטיי־ביכל איז גאָרנישט אַקעגן דער איינציקער גרויסער פּאַרטיי, וואָס איר נאָמען איז: יוגנט. זאָל מען אים נישט חושד זיין אין שלעכטע כוונות. ער האָט גאָרנישט צו די טאַטעס און די זיידעס. ער איז זיי גרייט צו זעצן אויבנאָן ביים טיש. ער איז גרייט פאַר יעדן פון זיי אָפּצוטרעטן זיין אָרט. ער איז גרייט זיי אַריבערצופירן איבער דער גאַס, ווען עס לויפן אַהין און צוריק די וועגענער. ער איז גרייט אַפילו צו אָנערקענען זייערע פאַרדינסטן און וועט זיין דער ערשטער צו פאַרשרייבן זיי אין גאָלדענעם אָנדענק־בוך אין ירושלים. ער האָט צו זיי, צו די טאַטעס און זיידעס אָבער אַ ביטע: לאָזט אונדז אַליין. באַפרייט אונדז פון דער ירושה. זי איז אפשר גרויס און וויכטיק, די ירושה, אָבער צי פאַרשטייט איר נישט, אַז די יוגנט וויל מער נישט לעבן אין זכות פון דער ירושה, נייערט אין איר אייגענעם זכות.

פיניע האָט אין אָנהייב זיך נישט צוגעהערט צום רעדנער. זיינע אייגענע טראַכטענישן האָבן אים נישט געגעבן קיין רו. ער איז געווען בייז אויף זיך, אויף מאַניען, אויף סאָניען, און אויף ווישינסקין. נאָך וואָס איז ער אַהערגעקומען? נאָך וואָס זיצט ער דאָ? צו הערן ווישינסקין וויצלען זיך מיט דעם מיידל פון דער פּאַנסקע גאַס? זי, סאָניע, זעט דאָך אים צומאָל נישט. ער איז געווען און געבליבן אַ טיפּש. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז סאָניע האָט אויף אים געוואַרט, ווען ער איז מיט יאַנקלס כאַליאַסטרע געווען ביי מלכהלען. אַזאַ איינרעדעניש! זי, סאָניע, האָט אַפילו נישט געדענקט אָן אים. זי לאָזט דאָך נישט אַראָפּ אַן אויג פון דעם אויסגעפּוצטן יונג, דאָרט אויף דער בינע, פון דעם פעליקס זאַקס.

פיניע האָט זיך געפילט אין דעם אָנגעגליטן זאַל אַן איבעריקער, אַ פאַרלאָזענער און איינזאַמער. ער וועט זיך אויפהייבן, האָט ער געטראַכט, און אַוועק פון דאַנען. קיינער דאַרף אים דאָ נישט. קיינער זעט אים נישט. עס וועט אַפילו קיינער נישט באַמערקן, אַז ער איז אַוועק. אָבער, וווהין וועט ער גיין? ער וועט גיין צו איר, צו מלכהלען. יאָ, נאָר צו איר. צו להכעיס סאָניען. צו להכעיס זיי אַלע. צו להכעיס זיך אַליין, וועט ער ווידער גיין צו מלכהלען.

ער איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט בלויז דערפאַר, ווייל די ענג־שאַפט אין זאַל איז צו גרויס, אַז ער זאָל קאָנען אַרויס. אומבאַמערקט אָבער פאַר זיך אַליין, האָט דאָס קול פון דער בינע געגומען אַריינדריג־גען אין זיין מוח, אין זיין האַרץ, אין אַלע זיינע חושים, צי רעדט ער, פעליקס זאַקס, צו אים, פיניען, אַליין? נאַר צו אים? ער עפנט אויף אַלע באַהעלטענישן פון זיין האַרץ און זאָגט אים, פיניען, וואָס דאָרט איז געווען פאַרשטעקט און פאַרהוילן אַלע יאָרן. פיניעס ליפּן זענען צעעפנט. ער פילט נישט ווי זיין מויל זאָגט נאָך מיט כוונה, שטיל פאַר זיך אַליין, יעדעס וואָרט, וואָס טראָגט זיך פון דער בינע. עס דאַכט זיך אים, אַז ער שמועסט זיך איצט אויס מיט זיין טאַטן, דעם קליינעם זעליקל, און מיט אַלע שיינע שטיבל־יידן און זאָגט צו זיי: לאָזט מיך אַליין. הערט אויף מיך צו פירן ביי דער האַנט. און אַז איך וועל פאַלן און ברעכן האַלדז און נאַקן, איז עס מיין זאַך. יאָ, איר זענט קלוג? אָבער איך וויל נישט אייער אַלטע קלוגשאַפט און איך וויל נישט אייער דערפאַרנקייט און איך האָס, יאָ, כ'האָס אייער פירן מיך כסדר ביי דער האַנט. איך וויל אַליין פאַלן. און אַליין זיך אויפהייבן. גענוג אין חדר געגאַנגען. איך האָב אַן אַנדער חדר. דער חדר פון די יונגע. מען צעברעכט זיך די נאָז און מען לאַכט און מען פרייט זיך, ווייל מען איז יונג.

די פאַרלוירנקייט אין פיניעס אויגן איז פאַרשוווּנדן. ער האָט גע־פילט לעבן זיך סאָניען, אָבער ער האָט מער נישט געטראַכט, אַז זי זעט אים נישט.

סאָניע איז געזעסן איבערגעבייגן איבער איר שטול. זי האָט נישט באַנומען אַלץ וואָס איז צו אירע אויערן דערגאַנגען. זי איז נאָך געווען אַ פרעמדע צווישן דעם יונגן עולם. עס זענען איר געווען פרעמד די אַלע ראַנגלעגישן און דאגות און פריידן און טרויערן פון די אַלע יונגע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם זאַל. אין דער ליימענער כאַטקע פון איר פאָ־טער איזאַק מאָיסעיעוויטש, זענען געווען אַנדערע זאָרגן און אַנדערע טרויערן. אמת, די ליימענע כאַטקע אין דעם ווייטן סיביר קומט איר אָפט פאַר ווי אַ חלום, פול מיט שרעק־בילדער. טיילמאָל ביינאַכט שרייט זי אויס אין שלאָף. עס דאַכט איר דעמאָלט, אַז עמיצער שלעפּט זי אין אַן אָפּגרונט, שלעפּט זי צוריק צו דער ליימענער כאַטקע. ווען זי עפנט אויף די אויגן, ווייסט זי, אַז עס איז געווען נישט מער ווי אַ נאַרישער חלום.

דאָס לעבן אָבער פֿון אירע נייע פּריינט און באַקאַנטע איז איר געבליבן פרעמד. זי אַנט נאָר, אָבער פאַרשטייט נישט דעם מיין פון די רייד. אָבער דאָס נישט פאַרשטיין איז איצט נישט וויכטיק. עס דאַכט זיך איר, אַז זי איז אַ קליין, קליין מיידעלע און זי זיצט אויף דער שויס פון דעם שיינעם שלאַנקן מאַנסביל. זיינע לאַנגע, איידעלע הענט, גלעטן איר פּנים און אירע האָר, און ער דערציילט אַזעלכע וווּנדערלעכע מעשהלעך, וואָס זענען נאָך וווּנדערלעכער, ווייל זי פאַרשטייט זיי נישט...

סאָניע זעט נישט קיינעם. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן פיניען און אָן מאַניען און אָן די וויצן פון אַדעק ווישינסקין. זי זעט נאָר אים, דעם שלאַנקן מאַנסביל, דאָרט אַקעגנאיבער איר, אויף דער בינע. זי איז זיכער, אַז אויך ער זעט נאָר זי אַליין. צו איר איז ער געקומען און פאַר איר טראַכט ער אויס אַזעלכע וווּנדערלעכע געשיכטעס.

מאַניע רוימט איר פון צייט צו צייט איין אין אויער:

— הערסט, גאָט מיינער...

דער חוזק־שמייכל, וואָס טרעט נישט אָפּ פון מאַניעס פּנים, איז פאַרשווונדן.

זי איז געקומען אַהער, בכדי אָפּצוחוזקן פון דעם סאַלאָנען־העלד, ווי זי האָט פעליקס זאַקסן גערופן, וואָס האָט צעבראָכן אַזוי פיל ווייבערשע הערצער.

— מיך וועסטו נישט אַריינבאַקומען — האָט זי גערעדט צו זיך, ווען פעליקס זאַקס האָט אָנגעהייבן ריידן — ביי דער טאָכטער פון ר' לייבושן פון דער פּאַנסקע גאַס האָסטו נישט געטראָפן.

און זי האָט אַליין נישט געוווסט, ווען זי האָט פאַרגעסן אָן אַלע אירע פעסטע באַשלוסן. איר פּנים און אירע אויגן האָבן באַקומען אַ קינדיש אומשולדיקן אויסדרוק און זי האָט אַליין נישט געוווסט ווען עס האָט זיך פון איר מויל אַרויסגעריסן אַ קרעכץ:

— גאָט מיינער...

אַדעק ווישינסקי האָט געקוקט אויף ביידע מיידלעך און ער האָט זיך געפרוווט דערמאָנען איינעם פון זיינע געפעפערטע וויצן וועגן מיידלעך, וואָס קריכן אין פייער אַריין. צו להכעיס איז אים דער וויץ אַרויס פון קאָפּ און אין קיין פאַל האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס דאָס העלישע פייער האָט געזאָגט צו די מיידלעך. ער האָט געדענקט, אַז דאָס

פייער האָט דערציילט אַ וויציקע און נישט־אנשטענדיקע געשיכטע, אַז מען מוז זיך האַלטן ביי די זייטן פון לאַכן, אָבער ער האָט זיך די געשיכטע נישט געקאָנט דערמאָנען. אַנדערע טראַכטענישן זענען אים געקומען אין קאָפּ. יאָ, ווען איז עס געווען? ווען איז ער, אַדעק ווישינסקי, געווען יונג? באַלד, ער מוז זיך דערמאָנען, אָבער עס איז אַזוי שווער, אַזוי שווער...

איז ער טאַקע געווען דער ייִנגל, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס אין ר׳ לייזערס אַייזן־סקלאַדעס, אויפן גזשיבאָוו, און אין די אָוונט געלאָפן אויף דריי שטאָק שטיגן אויף דער גרינער גאַס, צו הערן ראָזאַ לוקסעמבורגס נביאות וועגן דער קומענדיקער רעוואָלוציע? ניין, דער ייִנגל דעמאָלט לעבט נישט מער. דער ייִנגל קאָן דאָך נישט האָבן אַזאַ בויך, ווי ער, אַדעק, האָט היינט און דער ייִנגל האָט נישט געקענט נאָכזאָגן אַפילו איין געפעפערטן וויץ. פונדעסטוועגן וואָלט ער, אַדעק ווישינסקי, פיל געגעבן זיך צו דערמאָנען וואָס דער ייִנגל האָט אַמאָל געטראַכט און גערעדט. ניין, אוממעגלעך אַזעלכע נאַרישקייטן זיך צו דערמאָנען, ווען מען איז אַ פאַן פּרעזעס און מ׳האָט אַזוי פיל עסקים אויפן קאָפּ.

אַדעק ווישינסקי פילט נישט די רואיקייט, וואָס נעמט אים אַרום. יאָ, דאָס זענען דאָך געווען די אַמאָליקע טראַכטענישן פון דעם ייִנגל אויף דער גרינער גאַס. פונוואַנען ווייסט דער פעליקס זאַקס דאָס אַלץ? ווען האָט ער אונטערגעהערט זיינע מחשבות? אַדעק ווישינסקי פּרוווט נישט זוכן קיין ענטפער אויף דער פראַגע. עס איז אים גוט אַזוי דאָ צו זיצן און צוהערן ווי זיינע אַמאָליקע טראַכטענישן באַקומען אַזאַ קלאָרן מעטאַלענעם קלאַנג. ער מאַכט צו די אויגן און עס ווילט זיך אים פילן כאָטש אַ מינוט ווי דער ייִנגל, וואָס האָט זיך אַמאָל געפּלאָנטערט צווישן די פיס אויפן גזשיבאָוו און געמיינט, אַז ער וועט די וועלט איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

וואָס מער פעליקס זאַקס האָט גערעדט, אַלץ טיפער איז געוואָרן די שטילקייט אין זאַל.

אין די ווינקלעך פון זאַל זענען, אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן, געזעסן, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, די מבינים. זיי, די מבינים, זענען

אַליין געווען רעדנער און זיי זענען, ווי חזנים, געקומען הערן דעם גייעם חזן און כאַפּן אים ביי אַ פאַלשן טאָן.

זיי האָבן געשאָקלט צו זיך מיט די קעפּ און האָבן איינשטימיק באַשלאָסן, אַז דער גאַנצער פעליקס זאַקס איז צומאָל קיין רעדנער נישט. ער קאָן אַפילו נישט די מלאכה. ער קאָן בלויז שמועסן. אַט אַזוי ווי מען זיצט ביי אַ גלעזל טיי און מען שמועסט.

זיי האָבן אָבער געוווסט, אַז טראָץ זייער מבינות, טראַכטן די אַלע יונגעלייטלעך דאָ און די מיידלעך אַנדערש וועגן דעם פעליקס זאַקס. און זיי נעמען פון אים די אויגן נישט אַראָפּ, ווי ער וואָלט זיי אַלע אַ כישוף אָנגעטאָן.

די שטים פון דער בינע איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. אויף די פּנימער פון די מענטשן איז געווען אָן אויסדרוק פון דערשטוינונג. זייערע אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך, ווי פלוצלינג פון שלאָף אויפגעריסענע. אַ טיפע שטילקייט האָט אַ לענגערע ווייל געהערשט אין זאַל. באַלד האָט אַ שטורעם זיך געטראָגן איבער אַלעמענס קאָפּ. די בחורים און מיידלעך האָבן זיך אויפגעריסן פון זייערע ערטער. זיי האָבן געקלאַפּט אין די הענט און געליאַרעמט. דער שטורעם האָט מיטגעריסן מיט זיך די מענטשן מיט די גראָע קעפּ. אַפילו די עלעגאַנטע דאַמעס פון דער נייער וועלט און יעראָזאַלימסקע אַליין, וועלכע זענען נאָר צוליב פעליקס זאַקסן געקומען צו דער יידישער זעבראַניע (פאַרזאַמלונג), האָבן פאַרגעסן אָן זייערע אַריסטאָקראַטישע מאַנירן און האָבן געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיט די הענט, ווי די יונגעלייטלעך פון די נאַלעווקעס.

פעליקס זאַקס איז געשטאַנען אַ ווייל און מיט אַ שמייכל געקוקט אויף דעם צעשטורעמטן זאַל. ער האָט אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גלייך דערנאָך איז ער פאַרשוונדן פון דער בינע.

אויף זיין אָרט האָט זיך באַוויזן דער פּרעזעס פון פאָרום, גאָלדמאַן. ער האָט מיט אַ טיכל זיך געווישט זיין קיילעכדיק פּנים און געפּרוווט איבערשרייען דעם טומל:

— מיינע הערשאַפטן, — האָט ער געשריען — איך דאַנק אייך זייער פאַר דער ענטוזיאַסטישער אויפנאַמע פאַר מיר. געוויס אַפּלאָדירט איר דאָך מיר און נישט זאַקסן, ריכטיק?

ער אַליין האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און מיט אים האָט אָנגעהייבן לאַכן דער עולם.

עס האָבן זיך געהערט אויסרופֿן:

— אַוודאי, האָט מען דיך געמיינט...

— גיט אַן אָוואַציע אונדזער גאָלדמאַנען!

— איר דאַרפֿט מיר נישט געבן, מיינע פֿריינט, איך האָב מורא, אַז איר וועט צעטראָגן דעם זאַל פֿון גרויס התלהבות, און איך וועל דאַרפֿן קויפֿן נייע שטולן.

די שטימונג אין זאַל האָט זיך געענדערט. דער יונגער עולם האָט גענומען שמייכלען און דער פּרעזוס גאָלדמאַן האָט געמאָלדן:

— די וויכוחים וועלן זיך באַלד אָנהייבן. נאָר כדי זיי זאָלן נישט זיין אַזעלכע קאָכעדיקע, דערקלער איך אַן הפסקה, יאָ, אויף פֿופֿצן מינוט.

דער עולם האָט גענומען זיך רוקן צום אַרויסגאַנג. די צונויפֿגעדריקטע מענטשן־מאַסע האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט צו די אַרויסגאַנג־טירן.

אַדעק ווישינסקי האָט אָנגענומען סאָניעס אָרעם און גערעדט צו פּיניען און מאַניען, וועלכע זענען געגאַנגען פֿאָרויס.

— איך וועל דאָ צעדריקט ווערן אין דער ענגשאַפֿט, ניין, עס איז שוין נישט פֿאַר מיינע יאָרן אַזאַ שטופּעניש.

— גוט, וואָס איר זענט געקומען, סאָניע — פֿעליקס זאַקס איז לעבן איר געשטאַנען אַ רויִקער און באַהערשטער.

— הער זאַקס? — סאָניעס שטים האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן איר פֿריידיקע איבערראַשונג.

אַדעק ווישינסקי האָט ערשט איצט דערזען זאַקסן.

— ריידן קאָנט איר שיין, פּאַניע פֿעליקסיע, נו, אדרבה, אפֿשר קאָנט איר מיך אַרויסראַטעווען פֿון דער שטופּעניש דאָ?

— איך וועל פּרוּוון — האָט זאַקס אָנגענומען סאָניעס אָרעם. — איך וועל פּרוּוון.

ווישינסקי האָט מיטגעצויגן מיט זיך פּיניען און מאַניען.

— קומט, מען איז אונדז געקומען ראַטעווען...

זאַקס האָט זיי אַריינגעפֿירט אין אַ זייטיק שטיבל.

— וואָס, דאָ ווילט איר אונדז פֿאַרשפּאַרן? — האָט ווישינסקי אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— האָט געדולד אַ מינוט, פּאַניע ווישינסקי, איך וויל זיך דערוויייל באַקענען מיט אייערע פריינט — האָט זאַקס אויסגעשטרעקט די האַנט צו מאַניען און פיניען. — איר זעט, פון דער טיר גייט מען אַרויס אין קאָרידאָר, און דאָרט איז דאָ אַ צווייטע טרעפּ, וואָס וועט אונדז אַרויספירן אויף מאַרשאַלקאָווסקע.

פעליקס זאַקס האָט צו זיי אַ שמייכל געטאָן, ווי צו אַלטע באַקאַנטע, און געזאָגט:

— אַ פיינע זאַך, דער אַרויסגאַנג, האַ? מ׳קאָן זיך שטילערהייט אַרויסרוקן צו יעדער צייט.

ער האָט זיי געפירט איבער דעם טונקל באַלויכטענעם קאָרידאָר און שמאָלע הויכע טרעפּ, און ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, האָט זיך אויך פיניען און מאַניען שוין געדאַכט, אַז זיי זענען אַלטע באַקאַנטע פון דעם מענטש, וואָס האָט זיי געמאַכט מיט זיין קול פאַרגעסן אָן זיך אַליין.

— מיר האָבן נאָך אַביסל צייט — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף סאַניען — ווילט איר פיללייכט אַריינגיין אָט דאָ, צו הירשפעלדן, אויף אַ האַלב שוואַרצער?

— וואָס הייסט, צי מען וויל? — האָט ווישינסקי געזאָגט — כ׳וועל דאָך פאַלן פון די כוחות אָן אַ טעפּעלע קאַווע.

פעליקס זאַקס אַריינקומען האָט אַרויסגערופן אַ שושקעריי ביי די טישלעך.

דער יונגער עולם פון פאָרום האָט באַהערשט דעם אָוונט הירשפעלדס קאַפע־הויז. זיי האָבן נאָכגעקוקט פעליקס זאַקסן, און ביי די טישלעך האָבן זיך געהערט אָפּגעהאַקטע שמועסן:

— זעסט, דאָס איז טאַקע אונדזער פעליקס...

— מיט וועמען זיצט ער?

— דערקענסט נישט דעם פּרעזעס ווישינסקי?

— אָבער די צוויי מיידלעך, ווער זענען, אָט די בלאָנדע דאָרט, זי האָט אויגן...

— נישט פאַר דיר, טייערער, זעסט ווי זי קוקט אויף פעליקסן. ער איז שוין איינמאָל אַ חברהמאַן...

— וואָס? צו די זאַכעלעך אויבעט?

— הע, הע, די שאלות װאָס דו פרעגסט!... האָסט נישט געהערט װאָס מען דערציילט...

און עס זענען ביי די טישלעך אַװעק אויסטערלישע געשיכטעס װעגן דעם לעבן פון פעליקס זאַקסן, זיינע ליבעס אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, און אויך דאָ אין װאַרשע. די רייך צעשפּילטע פאַנטאַזיע האָט געמאַכט װייטגייענדיקע קאָרעקטורן פון דער גראָער װירקלעכקייט און פעליקס זאַקס, איז ביי די טישלעך אויסגעװאַקסן צו דעם לעגענדאַרן העלד. די אויגן פון די מיידלעך זענען געװאָרן פאַרנעפּלט מיט אומקלאָרע, אָבער זיסע בענקענישן.

מאַניע האָט דערציילט װעגן דער „בודע״, װעגן די שקצים און װעגן די יידן װאָס װאָלטן געװאָלט זיין ענלעך צו די שקצים, הגם זיי װילן זיך דערצו נישט מודה זיין.

פּיניע האָט דערציילט װעגן דעם ראַבינער פּערסקי און װעגן זיינע תּלמידים און װעגן שטיבל און װעגן די יעקעס.

עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז פעליקס זאַקסן איז דאָס אַלץ נישט פרעמד. יאָ, ער װייסט אויך נישט װייניק װעגן דער „בודע״ און אויך דאָס שטיבל מיט זיינע בחורים מיט פּיאות איז אים נישט פרעמד. ער האָט דערציילט װעגן זיינעם אַ פריינד, אַ פּראָפעסאָר אין דער סאָרבאָנע, װעלכער געפינט זיך נישט קיין אָרט, אַז עס קומט יום־טוב. ער האָט נישט קיין רו אין זיין פיינער שטוב אין דער װיליע־געגנט פון פּאַריז. זיין פרוי און קינדער װייסן שוין װאָס עס קומט פאַר מיט אים. ער בענקט נאָך דעם חסידים־שטיבל אויף טװאַרדע 10. און ער זאָגט, אַז נאָר צוליב דעם מוז ער קומען קיין װאַרשע. ער האָט נישט קיין משפּחה און נאָענטע, אָבער ער מוז כאָטש אַ קוק טאָן צי דער „שטיבל״ אויף טװאַרדע גאַס שטייט אויף דעם זעלבן אָרט.

אַלע ביים טיש האָבן געלאַכט און סאַניע האָט מיטגעלאַכט. פעליקס זאַקס האָט אַ קורצן בליק געװאָרפן אויף איר צעשיינט פּנים און באַלד גענומען דערציילן עפּעס אַ קאָמישע געשיכטע פון זיינעם אַן אַמאָליקן פּראָפעסאָר דאָ אין װאַרשע, װעלכער האָט געװאָלט פון זיינע יידישע תּלמידים דערגיין די אמתדיקע יידישע סודות און מ׳האָט אים נישט געקאָנט איבערצייגן, אַז ער װייסט מער פון יידן און יידישקייט פון זיינע יידישע שילער. ער פלעגט כסדר זאָגן:

— אָ, איר יידן קאָנט היטן אַ סוד...

ער איז איצט שוין אַלט, דער פּראָפעסאָר, האָט זאַקס געזאָגט, און לעבט שוין צוריקגעצויגן. איך געדענק אים אָבער פון די צייטן, ווען ער האָט איינגעלייגט ווענטן קעגן די רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן. ער איז געווען אַ קעמפּנדיקער ליבעראַל. די גויים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ יידישן משרת. די גלחים האָבן אים אַפילו געוואָלט אַריינלייגן אין חרם. די רבנים, דאַקעגן, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ צדיק, אַ גוי, אַ פרומע יידענע פון דער פּראַגצישקאַנער גאַס, האָט אין אַ פיינעם מליצה־דיקן פּויליש, געשריבן צו אים אַ לאַנגן בריוו, אַז זי איז מיט אים גרייט זיך טיילן מיט איר חלק עולם הבא. וואָרעם, האָט זי געשריבן, אין די הייליקע ספרים שטייט געשריבן, אַז די גויים ווערן נישט אַריינגעלאָזט אין טויער פון גן עדן. מלאכים מיט פייערדיקע ריטער שטייען ביים גן עדן־טויער, גיבן אַכטונג, אַז קיין ערל זאָל זיך נישט אַריינגנבענען, אַט אַזוי ווי דער סטרוזש ביים זאַקסישן גאָרטן טרייבט אַוועק פון גאָרטן־טויער די ייִנגלעך אין די לאַנגע קאַפּאָטקעלעך און יידישע היטעלעך. וועט זי דעריבער, אַזוי האָט זי געשריבן, די יידענע פון פּראַגצישקאַנער גאַס, זיך נישט אַוועקרירן אויף איין מינוט פון גן־עדן־טויער. זי וועט וואַרטן דאָרט אויף אים, אויף דעם פּראָפעסאָר קאַרפּינסקי און זי וועט זאָגן צו די מלאכים אַזוי צו זאָגן. אים לאָזט דורך! ער האָט מער מצוות געטאָן ווי אַ סך יידן און איך גיב אים אַ העלפט פון מיין עולם הבא. ער נעמט חלילה ביי קיינעם נישט צו. דער פּראָפעסאָר האָט געוויזן דעם בריוו פון דער יידענע און זיך שטאַרק מיט אים געפרייט. ער איז געווען אַ גרויסער יידן־פריינט, דער פּראָפעסאָר קאַרפּינסקי. ער האָט מיט באַ־זונדערן אייפער נישט געלאָזט פאַלן קיין שפּרינקעלע אויפן יידישן בגד. גויים האָבן געזאָגט, אַז ער מוז ערגעץ אויסבאַהאַלטן אַ יידישע באָבע. יידן האָבן זיך געשושקעט וועגן זיינער אַ גרויסער ליבע פון די יוגנט־יאָרן מיט אַ רבישער טאָכטער. כ׳ווייס נישט, נאָר מיר האָט זיך טייל־מאָל געדאַכט, אַז זיין חברן זיך מיט יידן איז נאָר געווען אַן אויסרייד צו דערגרונטעווען דעם „יידישן סוד". ווער ווייסט, צי ער איז נישט גע־ווען מער שונא־ישראל ווי אַנדערע. ער האָט געהאַט אָבער איין משוגעת: צו אַנטפּלעקן דעם יידישן סוד.

— אַ קרענק וועלן מיר זיי אויסזאָגן דעם סוד — האָט ווישינסקי

זיך צעלאַכט — זיי האָבן נאָך אַביסל מורא, ווייל זיי מיינען, אַז יידן ווייסן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז פאַר זיי פאַרהוילן. ווען זיי אָבער וועלן זיך דערוויסן, אַז עס זענען נישטאָ אינגאַנצן קיין יידישע סודות...

ווישינסקי האָט נישט פאַרענדיקט. ער האָט אויפגעכאַפּט סאָניעס דערשטוינטן בליק און זיך צו איר געווענדעט:

— און דו, סיבירער מיידל, קוקסט אויף אונדז אין דער מינוט ווי אויף עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע באַשעפענישן, האַ?

סאָניע האָט זיך נישט געפילט באַקוועם. זי האָט געקענט די אַלע מענטשן דאָביים טישל. זיי האָבן זיך אַפילו געהאַלטן פאַר אירע פריינט. טיילמאָל פילט זי זיך אָבער צווישן זיי אַזוי מאָדנע פרעמד. האָבן זיי נישט אַלע דאָס זעלבע משוגעת ווי דער אַלטער פּראָפעסאָר וועגן וועמען פעליקס זאַקס האָט דאָ ערשט דערציילט? זיי קאָנען נישט זיצן צוזאַמען אַ שעה און נישט ריידן וועגן יידן און גויים. זי האָט זיך נישט ווייניק אָנגעזען דאָרט, אַרום די ליימענע סיבירער כאַטקעס און אויפן וועג אַהערצו. זי האָט געזען הונגער, קעלט, גרויזאַמקייט, שלעכטס, פרייד, און געזאַנג. פון דעם ייד־גוי־משוגעת האָט זי נישט געוווסט. נאָר דאָ זשומעט איר כסדר אין די אויערן: ייד־גוי. זיי קאָנען, זעט אויס, אָן דעם נישט לעבן.

— ווער ווייסט, — האָט זיך אַ חוזק־בליק באַוויזן אין סאָניעס אויגן — צי ווען זיי קושן זיך, ריידן זיי אויך נישט „ייד־גוי“, מאָדנע מענטשן!

זי האָט געוואָלט פרעגן:

— צי דערקלערסטו זיך, פּאַניע פּרעזעסיע, אויך אין ליבע מיט ייד־גוי?...

— דו לאַכסט, סאָניעלע — האָט אויף איר געקוקט ווישינסקי —. נו, אפשר מעג מען וויסן און אויך קאָנען מיטלאַכן?

— כ׳לאַך נישט, — האָט סאָניע געפילט אויף זיך דעם בליק פון זאַקסן — נאָר טיילמאָל איז מיר שווער צו פאַרשטיין, כ׳מיין, וואָס שטענדיק מוז מען אַרויסקומען אויף דעם ייד־גוי־מאָטיוו, ווי...

— ווי וואָס, סאָניעלע?

— ווי אַלע וואָלטן געליטן פון איין קרענק.

סאָניע האָט אָפּגעהאַקט. זי האָט געפילט, אַז זי האָט נישט געזאָגט

דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן. ער, פעליקס זאַקס, מוז פון איר לאַכן. אַ נאַריש מיידל פלאַפּלט און ווייסט נישט וואָס זי רעדט.

— איר האָט רעכט, סאָניע, אין אַ געוויסער מאָס זענען מיר אַלע קראַנק.

פעליקס זאַקס האָט אַרומגענומען מיט זיין בליק דאָס מיידל, וואָס קומט פון יענעם ווייטן סיביר־לאַנד. איצט ווייסט ער וואָס עס ציט אים אַזוי צו איר. זי איז געזונט. זי איז שיין, מיט אַ געזונטער שיינקייט. אין אירע אויגן איז דאָ אַזאַ רואיקע לויטערקייט און איר פּנים שמייכלט אָפן און קלאָר. אָ, זי ווייסט נישט, דאָס סיביריער מיידל, פון דער אייביקער אומרו. זי ווייסט נישט דעם פיין פון אומרו.

— עס איז גוט, וואָס איר, סאָניע, פאַרשטייט נישט — האָט ער צו איר גערעדט — ווען איר וואָלט פאַרשטאַנען, וואָלט איר שוין אויך געווען אָנגעשטעקט מיט דער קרענק, ווי מיר אַלע דאָ...

— נישט אַלע! — האָט דער שווייגנדיקער פיניע זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענער שטים — ניין, נישט אַלע זענען קראַנק!

—אַזוי מיינט איר, הער העכט? — האָט אים פעליקס זאַקס באַטראַכט מיט אַ קאַלטער גלייכגילטיקייט.

— אַזוי איז עס, הער זאַקס, — האָט פיניע דערפילט אַ פיזישן ווידערווילן צו דעם מענטש, וואָס האָט אים מיט אַ שעה פריער געכישופט מיט זיין קול — די טוואַרדע און די נאַלעווקעס זענען פול מיט יידן, וואָס עס ליגט זיי נישט אין קאָפּ די גאַנצע מעשה. זיי האָבן אַנדערע דאגות און אַנדערע זאַכן אויפן קאָפּ!

פיניע איז שטיל געוואָרן. ער איז בייז געווען אויף זיך. נאָך וואָס האָט ער זיך אַזוי צערעדט? ער האָט זיך געמאַכט לעכערלעך. סאָניע האָט אַוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ. ער האָט גערעדט נאַריש. אָבער ער איז פאָרט גערעכט און נישט זיי. פיניע דערמאָנט זיך די שבתים און ימים־טובים אין שטיבל. ווער האָט אין זינען געהאַט גויים און ווער האָט גערעדט פון זיי? און וועגן וואָס איז דאָ צו ריידן? אַז זיי האָבן פיינט יידן? נו, וואָס דען זאָלן זיי טאָן, אַז נישט פיינט האָבן? עשיו מוז פיינט האָבן יעקבן. נו, וועט מען זיך צוליב דעם נעמען צום האַרצן? און אַז ער שלאָגט און וואַרפט נאָך אַ שטיין, איז וואָס? גייט מען וויי־

טער. וועט מען ברוגז ווערן מיט יידישקייט? וועט מען זיך מצער זיין, חלילה?

פיניע דערמאָנט זיך אָן דעם געזאַנג און טאַנצן אין חסידים־שטיבל. יאָ, טראַכט ער, די יידן האָבן זיך דאָך געפרייט און זענען געווען גליק־לעך בלויז מיט דעם, וואָס זיי זענען יידן. און עס איז געווען נאָך עפּעס מער. זיי האָבן אַפילו נישט געדענקט, אַז זיי זענען יידן. וואָרעם ווי קאָן עס אַנדערש זיין? ווי לייגט עס זיך אויפן שכל אַנדערש צו זיין? וואָס הייסט אַ מענטש וועט געדענקען, אַז ער האָט אַ האַנט, אַז ער גייט אויף זיינע אייגענע פיס? און בכלל, וואָס גייט זיי אָן די גויים?

פיניע דערמאָנט זיך אָן דעם אַלט ר׳ מאירל. ער האָט געהערט, אַז די גויים שלאָגן יידישע קינדער אין די גערטנער. האָט ער גענומען אַ שמעק טאַבאַק און געפרעגט: אַזוי? זענען טאַקע דאָ אַ סך ערלים? ער האָט זיי, די ערלים, אין יאַנושס הויף קיינמאָל נישט געזען, ר׳ מאירל. עס איז אים נישט אויסגעקומען. ער, פיניע, האָט שוין געזען, די גויים. ער זעט זיי אומעטום. ער ווייסט שוין, אַז עס איז נישט אַזוי פּשוט. אָבער די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון זיין אַ ייד האָט ער מיטגענומען פון שטיבל. און ער פאַרשטייט נישט די אַלע רייד וועגן ייד־גוי. ער פאַר־שטייט עס נישט, פונקט ווי סאָניע קאָן עס נישט באַנעמען.

— עס בענקט זיך שוין צוריק אין שטיבל? — פרעגט אים אַדעק ווישינסקי.

— איך גיי נישט צוריק — ענטפערט פיניע — איך בין אַ סאָציאַ־ליסט. אין פּאַלעסטינע ווערט געבויט סאָציאַליזם און גערעכטיקייט.

פיניע ווערט אַנטשוויגן. ער פאַרשעמט זיך פאַר זיינע אייגענע רייד. אַזעלכע אָנגעבלאָזענע רייד ווי פון ביכל אַרויסגענומען. ער ווייסט, אַז ער האָט נישט געזאָגט דאָס, וואָס מען דאַרף. ער פילט אָבער, אַז ער האָט רעכט. עס ווערט דאָך איצט געבוירן אַ נייע וועלט. ער פילט דעם אָטעם פון דער נייער וועלט. ער ווייסט נישט ווי אַזוי זיך אויסצודריקן, אָבער ער זעט זי שוין, די נייע וועלט. און ער גלייבט אין איר, פונקט אַזוי, ווי ער האָט געגלייבט, ווען ער איז געווען אין שטיבל, און עס קומען אים פאַר לעכערלעך די אַלע רייד וועגן יידן און גויים. ווען זי, סאָניע, וואָלט דאָ געווען מיט אים אַליין, וואָלט ער געוווסט ווי אַזוי איר דאָס

אַלץ צו זאָגן. די אַלע אָבער דאָ זענען אים פרעמד. איז וואָס גייט אים אָן, וואָס זיי טראַכטן...

ביים טישל איז געוואָרן שטיל. די שוואַרצאויגיקע מאַניע האָט שוין געהאַט אויף דער שפּיץ נאָז אַ שאַרף וואָרט וועגן די סאָציאַליסטן, וואָס ריידן מיט אַ גמרא־ניגון, נאָר ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן צעטומלטן פּיניע, האָט זי די ווערטער אַראָפּגעשלונגען.

— מילא, — האָט זי געטראַכט — דער יינג איז דאָך פּשוט איי־פּערזיכטיק אויף זאַכען, איז ווי זשע זאָל ער נישט ריידן קיין נאַריש־קייטן...

פון דעם אַריינגאַנג אין דעם קאַפע־הויז האָט זיך דערטראָגן אַ גע־בראָזגעריי פון צעשפּרונגענעם גלאָז.

די שמועסן ביי אַלע טישלעך זענען האַסטיק איבערגעריסן געוואָרן. מענטשן האָבן געקוקט צו דער טיר צו.

די קעלנערקעס זענען, מיט בלייכע פּנימער, צוגעלאָפן צו דער טיר. אין דעם שויפענצטער פון די ברידער הירשפעלד איז געווען אַ גרויסע קיילעכדיקע לאָך און אויף דער ערד איז געבליבן ליגן אַ שטיין איינ־געוויקלט אין אַ צייטונג, וואָס האָט געהייסן אַלע יידן ווי אַמשנעלסטן זיך אָפּטראָגן קיין פּאַלעסטינע.

— איר זעט, סאָניע, — האָט זאַקס געזאָגט — מען דערמאָנט אונדז יעדע מינוט, מען לאָזט אונדז אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן...

ער האָט אַ קוק געטאָן צו פּיניעס זייט און האַרט געזאָגט:

— און די חסידישע ראָמאַנטיק איז איינפאַכע טיפּשות, ווען אָט דער שטיין, איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר, ליגט פאַר די אויגן... אדרבה, פּרוווט פאַרגעסן.

— כ׳מיין — האָט ווישינסקי געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצו־שטעלן — צייט צו גיין. סאָלאָמאָן וואַרסקי וואַרט...

פּיניע האָט פאַרביסן די ליפּן. דער שטיין האָט אים געוויס געמאַכט צום נאַר אין זאַקס אויגן. ער וואָלט שוין געוואָלט אַוועק פון דאַנען. אַוועק פון זיי אַלע. נישט זען מער דעם זאַקסן. און נישט קיינעם פון זיי. ער ווייסט בכלל נישט צו וואָס ער זיצט דאָ מיט זיי און נאָך וואָס ער איז אַהערגעקומען.

— יאָ, צייט צו גיין — האָט ער געזאָגט און אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגער — איך האָב נאָך היינט צו באַזאָרגן...

— מירן נאָך דאָ אַביסל אונטערוואַרטן — האָט פעליקס זאַקס גע־רעדט מיט אַ טאָן פון אַ באַפעל־געבער — די כוליגאַנעס אין דרויסן שטייען איצט פאַרשטעקט אין די טויערן און ווילן זען ווי די יידעלעך צעלויפן זיך דערשראָקענע פאַר דעם אַריינגעשליידערטן שטיין.

— ער דאָ ווייסט שטענדיק צו זאָגן דאָס ריכטיקע וואָרט — האָט פיניע געפילט ווי זיין האַס זאַמלט זיך אָן און שטייגט קעגן זאַקסן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אַנטשולדיקט, מיינע הערשאַפטן — האָט ער געזאָגט — איך מוז ליידער שוין גיין. איך גלייב, אַז אַזאַ גלענצנדיקער באַשיצער פון דער יידישער ווירדע, ווי הער זאַקס, איז גענוג.

ער האָט אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

— ביסט אַ גראָבער יונג — האָט ער זיך געזידלט, אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס — וואָס קריכסטו מענטשן אין די אויגן אַריין? וואָס איז פעליקס זאַקס שולדיק, אַז דו האָסט געשיכורט אַ נאַכט מיט דער גרושה מלכהלע און איצט מיאוסטו זיך מיט זיך אַליין? און וואָס איז ער שול־דיק, וואָס זי, סאָניע, האָט אַ גאַנצן אָוונט אים אַפילו נישט געזען, כאָטש ער איז די גאַנצע צייט לעבן איר געזעסן?

— וואָס האָסטו געוואָלט — האָט ער אויפגעריסן מיט די הענט אַ פרישע ווונד — דיך זאָל זי זען? דיך? און דו אַליין קאָנסט קוקן אויף זיך?

פיניע האָט האַסטיק געשפרייזט פון איין גאַס אין דער אַנדערער און ער האָט נישט געוווסט וווהין ער גייט און צו וועמען ער איילט.

אַ דראָשקאַזש האָט פאַרהאַלטן מיט אַ קללה זיין פערד און גע־זידלט:

— פסיאַ קרעוו, קריכסט גלייך אונטער די פערד, בלינד צי וואָס...

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

דער גרויסער עליאַש

— אושאַנאָוואַניע פּאַנו פּרעזעסאָווי — סאַלאָמאָן וואַרסקי האָט בײדע הענט אויסגעשפּרייט צו זיין גאַסט און, פירנדיק אים אין זיין אויפנאַם־צימער, צו אים גערעדט — גוט, וואָס איר זענט געקומען פריער. ביטע, רעבעקאַ, באַקען זיך מיט פּאַן עליאַש.

— ביטע, פּאַניע ראַפאַליע — האָט אים וואַרסקי אָנגעוויזן אויף אַ פאָטעל און זיך אַליין אויך אָוועקגעזעצט — נו, וואָס הערט זיך אין אייער קעניגרייך, אין אונדזער „מאַנטשעסטער"?

— אונדזער מאַנטשעסטער? — ראַפאַל עליאַש האָט אַ קוק געטאָן אין דעם שפּיגל אַקעגנאיבער און געזען זיין לענגלעך געפּלעגט שוואַרץ בערדל, זיי שוואַרצן ראָק, וואָס איז געווען גענייט אין לאָנדאָן — סך־הכל איז נאָך לאָדזש אַ פּראָווינץ־שטעטל, וואָס האָט נאָר די געוואַגטקייט צו ווערן מיט לייטן גלייך.

ראַפאַל עליאַש האָט גערעדט לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט געציילט יע־דעס וואָרט.

— ער האַלט זיך טאַקע אַליין אויך פאַרן גרויסן עליאַש — האָט וואַרסקי אַ קוק געטאָן אויף זיין פּרוי — זעט אויס, ער נעמט נאָך ערנסט וואָס די צייטונגען שרייבן.

ראַפאַל עליאַש האָט זיך מיט גרויס חשיבות אָוועקגעזעצט און ער האָט ווי פריער מיט אַ באַזאַכטער שטים גערעדט מיט דער מאַדאַם וואַרס־קי און געענטפערט מיט גרויסן ערנסט אויף די העפלעכקייט־פראַגן וואָס מען פרעגט געוויינלעך ביי יעדן גאַסט.

דער גאַסט האָט געוויגן און געמאָסטן זיינע ווערטער. ער האָט אויף איין מינוט נישט פאַרגעסן ווער ער איז און, אַז ער טאָר נישט אַרויס פון דער ראָלע פון גרויסן עליאַש. דערצו נאָך האָט ער געוווּסט, אַז ווען ער רעדט שנעל, פאַרגעסט ער די כללים פון דער גראַמאַטיק און רעדט אַ גרייזיקן פּויליש.

ער האָט אויך געוווּסט, אַז דאָ, ביי דעם באַנקיר וואַרסקי אין שטוב, מוז ער באַזונדערס זיין פאָרזיכטיק. ער ווייסט, אַז דער באַנקיר סאָלאָ־מאָן וואַרסקי איז געווען אויפן אוניווערזיטעט אין ציריך און זי, די מאַ־

דאַם רעבעקאַ, וואָס איז דעם אַלטן רבס אַן אייניקל, איז פון די וואַר־שעווער גרויסע דאַמען. זי פאַרברענגט יעדן ווינטער אויף דער ריוויערע און צו איר אין הויז פלעגט קומען אַפילו דער גרויסער פוילישער שריי־בער הענריק שענקעוויטש.

אַוודאי וועט עס פאַר אים זיין אַ גרויסער כבוד צו ווערן אַ מחותן מיט די וואַרסקיס. זאָלן זיי אָבער נישט מיינען, אַז ער איז אַבי ווער. האָט ער טאַקע אין מיטן די רייד אַריינגעוואָרפן פון מאָל צו מאָל אַזעלכע פראַנצויזישע ווערטער און אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער מאַדאַם רע־בעקאַ צי ער מאַכט נישט קיין גרייז.

די מאַדאַם רעבעקאַ איז געווען זייער פריינטלעך צו איר גאַסט. זי האָט באַמערקט די גרויסע אָנשטרענגונגען, וואָס דער גרויסער עליאַש מאַכט ביים אַרויסריידן די פרעמדע פראַנצויזישע ווערטער און זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז אויך דאָס פויליש קומט איר גאַסט נישט לייכט אָן. ער רעדט מיט אַ לשון ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט פון ביכל.

זי האָט געהאַט מיטלייד מיט דעם ייד אין די פופציקער און זי האָט געוואָלט צו אים זאָגן:

— רעדט צו מיר פשוט, ר׳ רפאל, כ׳בין אַ יידיש קינד, מיין זיידע איז געווען דאָ רב און ער האָט קיין איין וואָרט פויליש נישט פאַר־שטאַנען.

זי האָט אָבער געוווסט, אַז ער וועט איר אַזילכע רייד קיינמאָל נישט מוחל זיין. און זי האָט נישט געוואָלט באַליידיקן איר צוקונפטיקן מחותן.

האָט זי נאָך פריינטלעכער געשמייכלט, ווען דער הער עליאַש האָט קוקנדיק אויף די בילדער, וואָס האָבן געהאַנגען אויף דער וואַנט, געענ־מען ריידן וועגן קונסט און מאָלעריי און דערמאָנט די נעמען פון ראַפאַעל און מיקעל אַנדזשעלאָ און רעמבראַנדט און גאָגען, און דערביי האָט זיין פנים אָנגענומען אַן אויסדרוק פון עקסטאַז.

— כ׳בין זיך מודה — האָט זיך אָנגערופן וואַרסקי — אַז די אַלע בילדער זענען מיין ווייבס זאַך, איך הייב נישט אָן פאַרשטיין, אַ חוץ די לייבן אויף די פרוכתן אין שול. וועט איר מיר אַנטשולדיקן, וואָס כ׳וועל דערוויל צוגרייטן דעם קאָקטייל...

די מאַדאַם רעבעקאַ האָט געוווסט, אַז איר מאַן איז איצט אַריין אין אַ צווייטער שטוב צו געבן דעם ריכטיקן לאַך:

— וואַרט, וואַרט, — האָט זי געטראַכט — דו קייכסט דאָרט פאַר געלעכטער און מיך לאָזטו דאָ אַליין. וואָס וועט זיין, ווען ער וועט אָנ־הייבן ריידן וועגן פּאָעזיע?

די מאַדאַם רעבעקאַ האָט נישט געהאַט קיין טעות. דער גאַסט איז פון מאַלערייַ אַריבער צו פּאָעזיע. מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי, געטע און היינע, באָדלער און בייראָן. דער גרויסער עליאַש האָט געשיט מיט נעמען ווי פון אַרבל.

— גאָט מייַנער! טאָמער וועט ער נאָך אָנהייבן רעציטירן — איז די מאַדאַם רעבעקאַ באַפאַלן אַ שרעק — און דער גזלן דאָרט, זיצט זיך און לאַכט...

און דער גאַסט איז דערווייל איבערגעגאַנגען צו יידן און געזאָגט:

— כ׳מיין, מאַדאַם, אַז פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך אויך נישט וואָס צו שעמען, האָט איר געהערט פון ביאַליקן?

די מאַדאַם רעבעקאַ האָט געוואָלט זאָגן איר גאַסט, אַז זי האָט נישט געהערט נישט פון ביאַליקן און נישט פון קיינעם, נאָר זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט איר נישט גלויבן און זיך באַליידיקן. האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האָט געהערט פון ביאַליקן, ליידער פאַרשטייט זי נישט קיין העב־רעאיש און זי באַדויערט עס זייער. און זי האָט דערבייַ אויסגעדריקט איר אַנגענעמע איבעררעשונג צו געפינען אַ געשעפטסמאַן וואָס זאָל האָבן אַזאַ פיינע פאַרשטענדעניש פאַר קונסט און פאַר ליטעראַטור און וואָס זאָל וועגן די אַלע זאַכן ריידן ווי אַ דיכטער.

— איר זענט זייער ליבנסווירדיק, מאַדאַם, צו אַ לאָדזשער מענטש, אַזוי, דאַכט זיך, רופן אונדז די ליפעראַנטן, ווי מיר וואָלטן גאָרנישט געוווּסט און אין גאָרנישט זיך געניייטיקט, אַ חוץ קרעטאָנען און ליי־וונטן...

די מאַדאַם רעבעקאַ האָט געוווּסט, אַז איר גאַסט און קינפטיקער מחותן וואַרט איצט, אַז זי זאָל נעמען אין שוץ דעם „לאָדזשער מענטש״, איבער וועלכן די הומאָריסטישע וואָכנצייטונג פון די צוויי טאַלאַנטפולע האַלבן יידן און האַלבע גויים, יוליאַן טובים און אַנטאָני סלאָנימסקי, מאַכן אַזעלכע בייזע וויצן.

איר מאַן, סאַלאָמאָן וואַרסקי, האָט אָבער איר פאַרשפּאָרט די מי.

— אַנטשולדיקט, וואָס איך רייס איבער אייער אינטערעסאַנטן גע־

שפּרעך — האָט ער געזאָגט אַריינקומענדיק — נאָר איר מוזט פאַרזוכן מיין קאָקטייל, עס איז...

— מיין מאַן איז זייער שטאָלץ מיט זיין מישונג — האָט די מאַ־דאַם רעבעקאַ געשמייכלט — ער מיינט, אַז דער קאָקטייל, וואָס ער מאַכט, איז די גרעסטע דערפינדונג פון אַלע צייטן...

— לאַך נישט, מיין טייערע, ווען יעקע וועט צונעמען מיין באַנק, האָף איך צו האָבן פּרנסה אַלס קאָקטייל־מישער...

— ווירקלעך אויסגעצייכנט — האָט עליאַש פאַרזוכט וואַרסקיס קאָקטייל — נאָר וואָס שייך געשעפט, בין איך נישט אַזוי פּעסימיסטיש. און ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט צו לאַנגווייליקן די מאַדאַם...

— ביטע, הער עליאַש, איר פאַרגעסט, אַז איך בין די פרוי פון אַ באַנקיר.

רפאל עליאַש האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש דאָס ליידיקע גלעזל. ער האָט גענומען ריידן וועגן די פאַבריקן אין לאָדזש און וועגן די קוילן אין סאָסנאָוויץ און קאַטאָוויץ און וועגן דעם אייזן אין שלעזיע און וועגן אַקציעס און ווערט־פּאַפּירן, און וועגן זיינע פּלענער נאָך דער מלחמה.

די מאַדאַם רעבעקאַ האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט געזען, אַז פון איר מאַנס אויגן איז פאַרשווונדן דאָס חוזק־געלעכטערל. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט און קאָנצענטרירט. עליאַש האָט אויפגעהערט צו ציילן די ווערטער. ער האָט גערעדט שנעל און האָט קענטיק פאַרגעסן זיין גרייזיקן פּויליש.

— כ׳בין דיר מוחל די גרייזן, אַבי דו רעדסט נישט וועגן מאַלעריי — האָט וואַרסקי געטראַכט — אָבער פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ, דו לאָדזשער בחורל!...

סאַלאָמאָן וואַרסקי האָט געקוקט אויף דעם הויכן, ברייטפּלייציקן עליאַש, וואָס וויל דווקא נאָכמאַכן די מאַנירן פון אַן ענגלישן לאָרד און ווערט אַ קרבן פון סלאַווימסקיס וויצן־פייַלן און ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם הויכן דאַרן יינגל, וואָס איז געשטאַנען מיט פאַריידישטע אויגן אין דער באַנק פאַרן אייזערנעם טויער פון זיין פאָטער. ער, סאַלאָמאָן, איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יינגל, נאָר זיין פאָטער האָט אים געברענגט אין דער באַנק אַריין, זאָגנדיק:

— אַ באַנקיר דאַרף מען געבוירן ווערן.

צי האָט ר׳ אייזיק, רפאלס טאַטע, אויך צוליב דעם געברענגט אין דער באַנק דעם הויכן דאַרן יינגל, ווייל אַ לאָדזשער סוחר דאַרף מען גע־בוירן ווערן?

סאַלאָמאָן וואַרסקי טראַכט, אַז דאָס לעבן איז עפּעס אַזוי מוראדיק קורץ. עליאַש מוז זיך געוויס צופּאַרבן זיין באָרד, וואָס איז אַזוי פּעך שוואַרץ. און ווילאַנג איז עס, ווען ער איז געשטאַנען לעבן זיין פאָטער, ר׳ אייזיק, און איין פּאהלע האָט זיך אַרויסגעשאַרצט פון הינטער זיין היטעלע.

— הער עליאַש, — זאָגט וואַרסקי — איר ווייסט, איך האָב אינ־גאַנצן נישט געדענקט. ערשט איצט האָב זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן זיך באַקענט נאָך מיט לאַנגע יאָרן צוריק.

— ווו? — דערפילט עליאַש אַן אומרו.

— איר געדענקט אפשר ווי איר זענט אַמאָל געשטאַנען אין מיין טאַטנס באַנק און אייער פאָטער, ר׳ אייזיק, האָט אייך געהאַלטן ביי דער האַנט, אַ הויך יינגל מיט געקרייזלטע פּיאהלעך און אַ בלייך פּנימל...

— מעגלעך — ווערט עליאַש נאָך אומרואיקער.

ער קוקט פאַרשנדיק אויף וואַרסקין און הייבט ווידער אָן צו וועגן און צו מעסטן יעדעס וואָרט, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין גרייז.

סאַלאָמאָן וואַרסקי קוקט זיך איבער מיט זיין פרוי. ער זעט די ענ־דערונג אין זייער גאַסט. ער איז פּלוצלינג ווידער שטייף אָנגעצויגן פּרע־טענציאָנעל און אַביסל קאָמיש.

פון פאָדערצימער האָט זיך דערטראָגן דאָס טומלדיקע קול פון אדעק ווישינסקי.

— נו, זיי זענען שוין געקומען — האָט זיך אָפּגערופן וואַרסקי — איר האָט זיך שוין מיט זיי געטראָפן, מיט ווישינסקין און זאַקסן?

ער האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן. אַדעק ווישינסקי איז שוין גע־שטאַנען אין מיטן שטוב, געקושט די מאַדאַם רעבעקאַס האַנט און אָנ־געוויזן אויף סאָניען און מאַניען, וואָס זענען געשטאַנען לעבן זאַקסן.

— זעסט, טייערע רעבעקאַ, די צוויי גראַציעס. איך בין שטערבלעך פאַרליבט, נאָר כ׳ווייס נישט אין וועלכער...

— דו, אַלטער ליצנות־טרייבער! — האָט אים די מאַדאַם רעבעקאַ געדראָט מיטן פינגער און איז צו צו די געסט.

— דאָס איז פֿרײַלין סאָניע — האָט וואַרסקי געזאָגט — כ׳האָב זי געבעטן נעכטן.

— און מיך האָבן זײ גענומען גלאַט געפֿאַנגען — האָט זיך אָנגע־רופֿן מאַניע. — כ׳בין אַליין נישט שולדיק, וואָס כ׳געפֿין זיך...

— מירן אײַך באַפֿרײַען פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט — האָט מאַדאַם רע־בעקאַ צו איר אַ שמייכל געטאָן — ביטע, באַקענט אײַך מיט הער עליאַש.

אַדעק ווישינסקי האָט מיט בײדע הענט געדריקט עליאַשס האַנט.

— איר ווייסט, פֿאַניע עליאַש, איך קלײַב זיך שוין צו אײַך קיין לאָדזש שוין אַ שײנע פּאָר חדשים.

— וועסט זיך נאָך לאַנג קלײַבן — האָט געזאָגט וואַרסקי — אונד־זער ווישינסקי האָט מורא אַרויסצושטעקן די נאָז פֿון יענער זײַט ראָ־גאַטקע.

— נאָך וואָס זאָל מען גלאַט זיך שלעפּן. וואָס פֿעלט אים דען אין דעם וואַרשעלע? וואָס? ווי האָט ער געהײסן, יענער טערק דאָרט? נו, אַלצאײַנס ווי ער האָט געהײסן, ער איז שוין סײ ווי אין גן־עדן פֿאַר זײַן קלוג וואָרט, אַז אַלץ איז דאָ אין קאָראַן און דאָס וואָס עס איז נישטאָ, איז נישט כדאַי צו וויסן...

— איר זענט אַ גרויסער פּאַטריאָט פֿון וואַרשע — האָט זיך אָפּ־גערופֿן עליאַש און דערבײ נישט געוועזן אינגאַנצן זיכער, צי פּאַטריאָט איז אויף פּויליש לשון זכר.

— געוועזן, געוועזן, — האָט ווישינסקי גערעדט מיט אַ טאָן ווי פֿון אַ מענטש, וואָס באַדויערט אַ זאַך, וואָס ער האָט פֿאַרלוירן — איר, הער עליאַש, זענט שולדיק...

— איך? — האָט עליאַש אַ צי געטאָן מיטן אַקסל.

— געוויס איר, קאָכאַני פּאַניע עליאַשו — האָבן ווישינסקיס אויגן געלאַכט — זינט איר האָט אָנגעהײבן רודערן, האָט מען אָן מײַן וואַר־שעלע אינגאַנצן פֿאַרגעסן און מען האַלט אין אײן ריידן וועגן עליאַשס לאָדזש. געהערט אַזאַ מעשׂה...

— איר טרײַבט איבער. פּאַניע ווישינסקי — האָט עליאַש אַ צו־פֿרידענעם שמייכל צו זיך געטאָן — כ׳בין נישט מער ווי אַ לאָדזשער מענטש...

— אַ לאָדזשער מענטש, וואָס באַגײַסטערט די מוזעס — האָט ווי־

שינסקי גערעדט — יאָ, יאָ, מיינע הערשאַפטן, ס׳איז אַפילו אַ סוד, כ׳האָב עס געהערט ביי די פּערסקיס אין שטוב, אַז אונדזער גרויסער דיכטער באָרווין שרייבט איצט אַ פּאָעמע וועגן אָט דעם לאָדזשער מענטש.

רפאל עליאָש האָט דערפילט אַן אנגענעמען ציטער. באָרווין שרייבט וועגן אים אַ פּאָעמע. ער וואָלט געוואָלט עפּעס מער הערן וועגן דער פּאָעמע. עס פּאַסט דאָך אָבער נישט איבערצופרעגן. עס פּאַסט גיכער צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, אַז די גאַנצע מעשה גייט אים נישט אָן. צו להכעיס אָבער קומט אים נישט אין קאָפּ אַריין קיין שום פּאַסיקע פראַזע.

ווישינסקי האָט אָבער שוין פאַרגעסן אָן דעם דיכטער באָרווין און זיין פּאָעמע. וואַרסקי איז אַריינגעקומען מיטן ראַבינער פּערסקי און דער מאַדאַם צעציליע.

— אָ, מאַדאַם — האָט זיך ווישינסקי פאַר איר טיף פאַרנייגט — יעדעס מאָל ווען איך זע אייך...

— פאַרזיכטיק, פּאַניע אַדקו, זעט, מיין מאַן שטייט און הערט.

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— נו, מיינע הערשאַפטן, — האָט וואַרסקי געזאָגט — כ׳מיין, אַז מיר זענען שוין אַלע דאָ.

— און עפּשטיין האָט מיך געלאָזט וויסן, אַז ער וועט נישט קאָנען זיין. ס׳איז עמיצער נישט געזונט, דאַכט זיך.

— נישט געזונט?

— בערטאַ איז באַלד אינדערפרי — האָט סאָניע געזאָגט צו ווישינסקין — אַוועק אין שפּיטאָל. כ׳בין נאָך געשלאָפן.

— און דו זאָגסט עס מיר ערשט אַצינד?

סאָניע האָט אַריוסגעפילט אַ פאַרוואורף אין זיין שטים. ער איז געוואָרן ערנסט און דער שטענדיקער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים.

סאָניע האָט געקוקט אָן אומרואיקע אויף ווישינסקין. זי האָט אים ס׳ערשטע מאָל געזען צו זיין באַזאָרגט. ער האָט אַפילו נישט געמאַכט קיין ברוך הבא, ווען יאַנקל איז אַריינגעקומען.

— זאָל זיין עפּעס ערנסטעס מיט בערטאַן? — איז איר צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

דער מעטאַלענער קול פון פעליקס זאַקסן האָט איר געמאַכט פאַרגעסן אָן בערטאַן.

זאַקס האָט גערעדט וועגן אַ צייטונג, וואָס דאַרף זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע צייטונגען און וועגן דער צעטומלעניש אויף דער יידישער גאַס, און וועגן די אָנגעשטרענגטע באַציאונגען מיט דער פוילישער געזעלשאַפט, און וועגן דעם קריזיס, וואָס וועט ווערן שאַרפער, ווען די יעקעס וועלן אַוועק, און וועגן דעם, אַז מען מוז זיך צואיילן, אַז קיין צופיל צייט איז אונדז נישט געבליבן.

סאָניע האָט נישט געגנבֿ געוווּסט, וואָס ער וויל, זאַקס, און וועגן וואָסערן קריזיס ער רעדט און פאַר וועלכע געפאַרן ער וואָרנט. זי האָט נאָר געוואָלט הערן זיין קול און קוקן אויף זיין פּנים.

און ווען דאָס קול איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן, האָט סאָניע דערפילט אויף זיך זיין בליק, און אים אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל.

דער ראַבינער פּערסקי האָט נאָכדעם לאַנג גערעדט. ער האָט ציטירט די מיינונגען פון באַרימטע דענקער און גרויסע פּערזענלעכקייטן און האָט אין אַ גלענצנדיקן פּויליש איבערגעזעצט שטעלן פון דער גמרא און מדרש און איז געקומען צום אויספיר, אַז ער איז מיט דער גאַנצער נשמה זיינער פאַר דעם אַלעם, וואָס אונדזער ליבער טייערער זאַקס האָט געזאָגט.

רפאל עליאַש האָט זיך נאָך פון פריער געהאַט צוגעגרייט אַ רעדע, וואָס ער האָט זיך בייטאָג איינגעחזרט פון אויסנווייניק. ער האָט געהאַט צוזאַמענגעקליבן שיינע ווערטער און ציטאַטן פון לעסינגן און פון מענדעלסאָנען. עס איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז צווישן מאָדערנע מענטשן מעג מען דערמאָנען אויך די גמרא. אָבער ווען ער האָט געהערט דעם ראַבינער פּערסקי, האָט ער נישט געוואָלט, אַז דער פּערסקי זאָל זיך האַלטן פאַר דעם איינציקן למדן אין דער צייט, ווען ער, עליאַש, פאַרשטעקט אים אין אַרבל אַריין. האָט ער צו דער איינגעחזרטער רעדע צוגעגעבן שטיקער פון ירושלמי און אַפילו פון זוהר, נאָר מיט דעם איבערזעצן איז אים געווען שווערלעך, האָט ער די ירושלמיס נאָכגעזאָגט אין אַ לאָדזשער דייטש און ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן און נישט געוווּסט וויפיל גרייזן ער האָט געמאַכט.

די פרויען האָבן נישט געוווּסט וואָס אייגנטלעך וויל מען פון זיי מיט די גמראס? זענען זיי געזעסן אַביסל ווייטלעך, אָבער וועגן דער נייער מאָדע פון קורצע קליידלעך האָבן זיי נישט געקאָנט ריידן צוליב דער

מאַדאַם צעציליע, וואָס האָט מיט דער גאָלדענער לאָרנעט זיך צוגעהערט צו איר מאַנס קלוגע געלערנטע רייד.

יאַנקל האָט זיך צוגעזעצט צו די ווייבער. ער איז געזעסן לעבן סאָ־ניען, דער מאַדאַם צעציליע און נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. ער האָט געוואָלט סאָניען דערציילן, אַז ער האָט ביי אַ דייטשן אָפּיציר איינ־געהאַנדלט אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז כמעט ניי און אַז דער דייטש לערנט אים אויף פאָרן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז דעם אויטאָמאָביל האָט ער געקויפט צוליב איר. ווּהין זי וועט וועלן, וועט ער מיט איר פאָרן. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצוריידן. מאַדאַם צעציליעס גאָלדענער לאָרנעט האָט אין אים דערוועקט אַ טיפן דרך־ארץ. עס האָבן זיך אים געקלעפּט די אויגן פון די אויסטערלישע רייד. ער האָט אָבער געוווּסט, נאָך פון די צייטן, ווען ער איז געווען אַ שמייסער־ייִנג ביי ר׳ לוין, אַז ווען חסידים שמועסן ביים טיש אין לערנען, דאַרף זיין שטיל. די לייט דאָ גייען אַפילו אין די בלויזע קעפּ, אָבער זיי ריידן אויך אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע רייד, ווי די חסידים ביי ר׳ לוין. איז ער געזעסן שטיל און האָט פון מאָל צו מאָל מיט דער האַנט זיך פאַרשטעלט דאָס מויל און זיך מחיהדיק צעגענעצט.

סאָלאָמאָן וואַרסקי האָט נאָך די לאַנגע רעדעס געהייסן דערלאַנגען טיי. ער האָט געזען פונדערווייטנס, ווי יאַנקלס אויגן קלעפּן זיך פון שלאָף. עס איז אים אַ רחמנות געוואָרן אויף דעם יונג. וואָס וויל מען פון אים? ער לויפט ביינאַכט איבער גרענעצן און קומט אַהיים מיט אָנגעשטופּטע קעשענעס געלט און ווען ער קומט דאָ אַהער, צו די שיינע יידן, האַלט מען אין איין אויסליידיקן אים די קעשענעס און ער ווייסט אַפילו נישט פאַרוואָס.

ער, וואַרסקי, איז אַ געשעפטס־מענטש און ער ווייסט, אַז אין גע־שעפט זענען נישטאָ קיין סענטימענטן. אָבער יאַנקל איז אים אין דעם מאָמענט פאָרגעקומען ווי אַ קינד, ביי וועלכן מען נאַרט אויס זיין שפּיל־צייג. איז ער צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים צוגעפירט צום טיש, ביי וועלכן די מענער זענען געזעסן.

— עס פרייט מיך זייער, הער האַרט, וואָס איר זענט צו מיר גע־קומען.

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול לעבן יאַנקלען און צו אים געזאָגט:

— נו, וואָס מאַכט איר, האַרט? באַקלאָגט איר זיך אויך אויף די געשעפטן?

— גאָט צו דאַנקען, כ׳האָב נישט צוגעלייגט צו זיי...

— עס פרייט מיך כאָטש איין צופרידענעם געשעפטסמאַן צו זען. נאָר דער עסק דאָ איז בלויז צו דערלייגן...

— אַז מען דאַרף דערלייגן, דאַרף מען, הער וואַרסקי...

— יאָ, געוויס, הער האַרט, אַזוי רעדט זיך טאַקע צווישן סוחרים, נאָר כ׳ווייס נישט פאַרוואָס איר גראָד דאַרפט דערלייגן.

יאַנקל האָט זיך אָנגעצויגן. ער ווייסט, יאַנקל, אַז די גביראַליעס האַלטן אים פאַר אַ גראָבן יונג און אַז נאָר צוליב די קלינגערס זיינע רעדט מען צו אים, זאָלן זיי זיך גרויסן. אָבער סאָניע הערט וואָס דער וואַרסקי רעדט. סאָניע זעט ווי מען וואַרפט זיך מיט אים. ער האָט געוואָלט אים ענטפערן אַזוי ווי מען רעדט צווישן די גזשיבאָווער פורמאַנעס. אין דער מינוט האָט ער זיך אָבער נישט געקאָנט דערמאָנען דאָס ריכטיקע וואָרט, און האָט בלויז געזאָגט:

— כ׳בעט זיך נישט איין אין שותפות נישט, איז נישט.

יאַנקל האָט געקוקט אויף סאָניען און געזען ווי אירע אויגן הענגען אויף זאַקסן.

— כ׳מוז איר דערציילן פון דעם אויטאָמאָביל — האָט ער גע־טראַכט — מירן צוזאַמען מיט בערטאַן אַרויספאָרן אין די לאַזשענקעס און זאָלן זיי פּלאַצן, די גביראַליעס.

— איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, הער האַרט, — האָט וואַרסקי זיך געפילט אומבאַקוועם און געטראַכט: דער יונג האָט זיך באַליידיקט. מילא, ער וויל דווקא, זאָל ער באַצאָלן. וועט ער האָבן אַביסל ווייניקער, וועט אויך נישט זיין קיין מעלער.

— איר פאַרשטייט, הער האַרט, איך בין אַ באַנקיר און אַ באַנקיר גיט אויך אַן עצה דעם סוחר. אָבער דער סוחר מוז אים נישט האָרכן, דעם באַנקיר. עס איז זיין געלט און ער קאָן דערלייגן. איז, אַז איר האָט חשק, קומט צו צום טיש.

יאַנקל האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז וואַרס־

קי וויל אים וואָרענען. און פעליקס זאַקס געפעלט אים נישט. וואָס לאָזט ער נישט אַראָפּ די שלעפּיעס זיינע פון סאָניען? איז פאַרוואָס זאָל ער, יאַנקל, אַריינבאָדן געלט אין אַן עסק פאַר דעם זאַקסן גאָר?

יאַנקל טוט אַ קוק אויף סאָניען. ניין, ער וועט געבן דאָס געלט. זי, סאָניע, וועט מיינען, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר וואַרסקיס וואָרענונג. אַז ער האָט מורא און ציטערט נאָר איבער די קלינגערס. נו, וועט ער טאַקע ווייזן, אַז אַ גזשיבאָווער יינגל האָט אינדערערד דאָס געלט, ווען עס גייט וועגן האָנאָר.

יאַנקל פאַרשטייט נישט גענוי וואָס מען וויל מאַכן. אָבער אַז אַזעלכע געלערנטע יידן, וואָס ריידן אַזעלכע אויסטערלישע רייד זאָגן, אַז מען דאַרף, מעג מען זיי גלייבן אויפן וואָרט. און זאָל זי, סאָניע, וויסן, אַז ער, יאַנקל, איז טאַקע געווען אַ שמייסער־יונג ביי ר׳ לוין און קאָן קוים עברי, אָבער קאָן זיין מיט לייטן גלייך.

— הער וואַרסקי — שטעלט ער זיך אויף און זאָגט — כ׳פאַרדין געגוג כ׳זאָל קאָנען פאַרלירן אויכעט.

— מילא — טוט וואַרסקי צו זיך אַ שמייכל — אַז דאָס הינדל וויל דווקא אָפּגעציפּט ווערן.

נאָך די שיינע מליצהדיקע רייד האָט מען גענומען ריידן שטילער מיט אַ טרוקענעם געשעפטס־טאָן.

פעליקס זאַקס האָט געשוויגן. ער וואָלט גערן זיך צוגעזעצט צו סאָניען, אָבער עס האָט נישט געפּאַסט זיך אויפצוהייבן און זיך צומאָל נישט צוהערן צו וואַרסקיס טרוקענע און קלאָרע אויפקלערונגען.

רפאל עליאָש האָט שנעל תופס געווען די זאַך. געוויס וויל ער זיך באַטייליקן. ביז היינט שרייבן וועגן אים די יידישע צייטונגען. אַ צייטונג אויפן גוייִשן לשון וועט דערציילן אויך די גויים זיין דום. ער האָט מיט אַ שאַרפן דורכדרינגענדיקן בליק אָפּגעמאָסטן יאַנקלען:

— ווי הייסט ער? — האָט ער געטראַכט — יאַקוב האַרט, דאַכט זיך...

רפאל עליאָש האָט זיך געגרויסט מיט זיין זכרון, אָבער דעם נאָמען פון יאַקוב האַרט האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. פון די נייע פאַרשוינען, אוודאי, האָט ער געטראַכט, אַ גראָב נפש.

רפאל עליאָש האָט זיך געוווּנדערט וואָס דער יחסנישער באַנקיר

וואַרסקי לאַדט איין אַזעלכע פאַרשוינען צו זיך אין שטוב. ער, עליאַש, וואָלט זיך געשעמט צו ווייזן מיט אַזאַ איינעם פאַר זיינע פריינט אין לאָדזש. זעט אויס, אַז הכסף יענה הכל. ער מוז גוט באַצאָלן צו זיין סאַ־לאָמאָן וואַרסקיס גאַסט.

רפאל עליאַש האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף אויך זיין. זאָל ער זשע אויך איצט צאָלן. גענוג פאַר אַזאַ האַרט, אַז מ׳וויל נעמען זיין געלט. ער, רפאל עליאַש, האָט בילכערע זאַכן צו טאָן מיט זיין געלט. די צייַ־טונגען אַפילו האָבן שוין געשריבן וועגן זיין גרויסן פלאַן, וואָס וועט מאַכן געשיכטע. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע זאַכן מאַכן זיך נישט כאַפּ־לאַפּ. מען מוז איינמאָל און נאָכמאָל באַטראַכטן די זאַך פון אַלע זייטן. און אפשר וועט אים נאָך איינפאַלן אַ נאָך וויכטיקערער פלאַן. יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז ער טאָר נישט פאַרשווענדן די כוחות און זיין געלט אויף קלייניקייטן. פאַר קלייניקייטן זאָלן צאָלן אַזעלכע יאַקוב האַרטס. גענוג פאַר זיי, וואָס אַזעלכע מענטשן ווי ער, עליאַש, וויל גאָר האָבן זייער געלט.

רפאל עליאַש וואָלט זייער שנעל פאַרטיק געוואָרן מיט יאַנקלען. ווען ער, יאַנקל, האָט געמאַכט געשעפטן מיט זיינס גלייכן, מיט די גוטע פריינט זיינע, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געשוואַרצט גרענעצן און גע־שמוגלט, זענען זיינע חושים געווען וואַך. ער האָט געוווּסט, אַז מען טאָר נישט זיין קיין יאָלד און אַז יעדער מוז זיין שטעטל אַליין באַשטיין. מיט אַזעלכע שיינע יידן ביי איין טיש אָבער, האָט יאַנקל געמיינט, מעג ער זיין רואיק. ער קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן. איבעריקנס, ריידן זיי אַזעלכע רייד, אַז די אויגן נעמען זיך אים קלעפּן. ער דאַרף אַלע כוחות אָנשטרענ־גען נישט אַ הויכן גענעץ צו טאָן און זיך צעשאָקלען ווי ער האָט אַמאָל ליב געהאַט צו טאָן אויפן גזשיבאָוו, ביי די פערד, ווען ער איז געווען נישט אויסגעשלאָפן.

יאַנקל האָט מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט צו אַלעם, וואָס רפאל עליאַש האָט געוואָלט, נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער באַנקיר וואַרסקי און יעדעס מאָל צונישט געמאַכט אַלץ, וואָס עליאַש האָט צוגערייט.

וואַרסקי האָט עס געטאָן געשיקט און דיסקרעט. נישט דער ראַבי־נער פּערסקי און נישט פעליקס זאַקס און אויך נישט יאַנקל האָבן גע־

אַנט, אַז אָט דאָ, ביי דעם טיש, גייט אָן אַ געראַנגל צווישן דעם העפלעכן באַלעבאָס און זיין חשובן גאַסט.

— ניין, ניין, — האָט וואַרסקי הנאה געהאַט פון דעם פּאַרמעסט — עס וועט נישט גיין, פּאַניע עליאַש. דאָס מאָל נישט. ער איז טאַקע אַ באַלעגאַלע, דער יאַקוב האַרט, נאָר די קעשענע זיינע ווילט זיך מיר היינט צו היטן. אָט אַ קאַפּריז אַזאַ...

רפאל עליאַש האָט אַ צי געטאָן מיט דער פּלייצע. וואָס איז ער, אַ בן־יחיד, דער האַרט? יאָ, ער מוז זיין אַ פעטער ביסן, דער האַרט. נו, מילא, האַלסטו אים פאַר זיך. אָבער איך וועל אים שוין פון דיר צונע־מען, וואַרט...

שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי פּאַרטיק געוואָרן. זיי זענען צוזאַ־מען אַראָפּ אין גאַס. רפאל עליאַש האָט געהאַלטן ביים אָרעם יאַנקלען. יאַנקל האָט שוין אַפילו נישט געהערט דעם קלאַנג פון עליאַשס שטים. ער האָט געוואָלט צו צו סאָניען, פון וועלכער פעליקס זאַקס איז נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צומאָל נישט באַוויזן סאָניען צו דערציילן וועגן דעם אויטאָמאָביל, וואָס ער האָט געקויפט.

רפאל עליאַש האָט נישט נאָכגעלאָזן זיין אַרבל און נישט אויפגע־הערט צו אים צו ריידן.

פעליקס זאַקס האָט גענומען אונטערן אָרעם סאָניען און מיט דער אַנדערער האַנט מאַניען. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו עליאַשן און יאַנקלען און מיט זיינע צוויי דאַמען פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס.

יאַנקל האָט געטראַכט וועגן פעליקס זאַקסן. עס איז אים נישט גע־פעלן זיין קוקן אויף סאָניען און זיין אופן פון נעמען זי אונטערן אָרעם.

ער, יאַנקל, ווייסט, אַז די קאַפּאָטע איז נישט פאַר אים געניייט. זי איז אַ געבילדעטע, סאָניע, רעדט כלערליי לשונות און ער, יאַנקל, איז אַ גראָבער יונג, אַ פורמאַן, וואָס רעדט געמיינע רייד. ער קאָן זיך אָבער נישט העלפן צו טראַכטן וועגן איר. גוט וואָס ער האָט נישט קיין צייט, וואָס ער האָט צו טאָן מיט די יעקעס און וואָס נאָך דער אַרבעט גייט ער מיט די פּשיאַטשעלעס אַ לעב טאָן. האָט ער נישט קיין צייט זיך צו זאָרגן וועגן סאָניען. נאָר איצט, ווען דער פעליקס זאַקס האָט זי אַ נעם

געטאָן אונטערן אָרעם, װי עפּעס אַ גאַנצער מחותן, האָט זיך יאַנקלען געװאָלט צוגײן צו אים און דערלאַנגען אין די צײן.

יאַנקל האָט געטראַכט, אַז סוף כל סוף װעט עליאַש זיך מיט אים געזעגענען און דעמאָלט װעט ער זײ דעריאָגן, פּעליקסן מיט די מײדלעך.

אָבער װאָס װעט ער זײ זאָגן? פאַרװאָס איז ער זײ נאָכגעיאָגט? אין די אַמאָליקע צײטן פון זײן באַלעגאָלעשאַפט, האָט יאַנקל נישט באַדאַרפט אױסטראַכטן קײן תּירוצים, װען ער איז נאָכגעלאָפן אַ מײדל. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזױ דאַרף זײן, און טאָמער האָט עמיצער געחוזקט, זענען געװען צװײ פױסטן. הײנט אָבער װײסט יאַנקל, אַז מיט די פױסטן אַלײן איז װײניק. הײנט מוז ער װיסן װאָס צו רײדן און װי אַזױ צו רײדן. אפשר זאָגן איר װעגן אױטאָמאָביל?

— איר װעט מיך נאָך באַגלײטן פּילײכט עטלעכע טריט, פאַניע האַרט? — האָט רפאל עליאַש זיך אָנגעשפּאַרט אױף יאַנקלס אָרעם און נישט אױפגעהערט רײדן.

יאַנקל האָט שױן געװוסט, אַז אין דער נאַכט װעט ער סאָניען שױן נישט דערצײלן פון אױטאָמאָביל.

ער האָט אָפּגעזיפצט. עס איז אים געװען באַנג נאָך די אַמאָליקע צײטן. װאָס האָט אים געפעלט, דעמאָלט, װען ער איז געװען דער פערד־שמײסער אױפן גזשיבאָװ? ער האָט זיך געפאָרעט מיט ר׳ לױס צװײ קאַש־טאַנעס. ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט זײנע פערדלעך און װען ער האָט זיך אַרױסגעכאַפּט מיט אַ גוטער פעטער קללה, האָבן די פערדלעך זיך צעהירזשעט, זײ האָבן הנאה געהאַט און ער האָט הנאה געהאַט. און װען ער האָט זיך דעמאָלט געטראָפן מיט די אַנדערע באַלעגאָלעס, איז געװען אַ מחיה אַ װאָרט אַרױסצורײדן. זײ האָבן געקלאַפּט אין די הינ־טנס פון זײנע פערדלעך און זײ האָבן אָפּגעחוזקט פון די יאָלדן, װאָס האָבן מורא פאַר אַ פערד.

ער האָט גאָרנישט געװוסט דעמאָלט, יאַנקל, װי גוט עס איז אים. אין אָװנט האָט ער זיך אױסגעפּוצט אין דעם געשטרײפּטן ראָק, װאָס ער האָט אײנגעהאַנדלט פאַר דרײ קאַרבאָנצעס בײ יאַנקלען פון דער שװענ־טאָקזשיסקע. ער האָט אָנגעטאָן דעם זײדענעם שניפּס מיט די גרױסע װײַטע בלומען. אַלע מײדלעך און שיקסעס האָבן פון די פענצטער אים

נאָכגעקוקט. ער האָט געגעבן אַ ווונק. זיי האָבן געקלעפּט צו אים ווי בינען צו האָניק. עס איז געווען חי, געלעבט אַ טאָג.

יאַנקל האָט דערפילט ווי די פיס ברענען אים. אָך, די ענגע לאַקיר־שיך. ער ווייסט נישט וואָס, נאָר היינט זענען אַלע שיך אים ענג. אַלע ברענען זיי אים, די פיס. ער צאָלט זיי, די שוסטערס, וויפיל זיי ווילן, און ער ווערט לאָם. ער מוז אויפזוכן דעם אַלטן לאַטוטניק אויפן שילעץ. אין זיינע שטיוואַליעס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו שפּרייזן איבער דער גאַס. און וויפיל האָט ער זיך געהייסן באַצאָלן? — איישי משיישי.

יאַנקלען איז איינגעפאַלן אַ מאָדנער געדאַנק. עס האָט זיך אים גע־נומען אויסדאַכטן, אַז די נייע פריינט זיינע, די גבירים, האָבן נישט קיין שכל. זיי ווייסן נישט ווי אַזוי צו לעבן אין ווי אַזוי הנאה צו האָבן. אַמאָל ווען ער איז געווען באַלעגאָלע, וואָלט אים אַזאַ געדאַנק נישט איינגע־פאַלן. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אַריינקומען מיט דער בייטש צו ר׳ לוין, אָדער צו דניאל עפּשטיינען, האָט ער געטראַכט, אַז אין אַזעלכע סאַליעס מוז זיין טעם גן־עדן. ער האָט דעמאָלט געוואָלט כאָטש איין שעה פילן דעם טעם צו זיין אַ גביר. און נישט בלויז ער, יאַנקל אַליין, האָט וועגן דעם געטראַכט. אַלע באַלעגאָלעס און אַלע דינסטמיידלעך, מיט וועלכע ר׳איז געגאַנגען ביינאַכט אין טריאַטער אויף דזשעלנע גאַס, האָבן טרויעריקע לידלעך וועגן דעם געזונגען. לידלעך וועגן די גבירים און וועגן דעם חלום דעם קורצן פון דער אָרעמער יתומה נעבעך, כאַשע, וואָס האָט אין שלאָף געטרוימט וועגן דעם גרויסן אוצר, וואָס אליהו הנביא האָט איר דורכן קומען אַריינגעוואָרפן גלייך אין בעט אַריין. אַלע מענטשן אין טריאַטער האָבן געכליפּעט, ווען די אָרעמע כאַשע האָט דאָס לידל גע־זונגען. און יאַנקל האָט דעמאָלט געוואָלט כאָטש איין שעה דערפילן דעם טעם פון אַ גביר.

איצט אָבער הייבט זיך אים, יאַנקלען, אָן אויסדאַכטן, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. ער האָט פאַרלוירן צו זיי, די גבירים, זיין אַמאָליקן דרך־ארץ.

— יאַך קאָן אויך די קונץ — ציט יאַנקל מיט די פּלייצעס — איז וואָס־זשע איז מיט זיי דער יחוס?

און קוים האָט יאַנקל פאַרלוירן דעם דרך־ארץ צום גבירישן שכל, האָט ער גענומען טראַכטן, אַז אפשר זענען די באַלעגאָלעס זיינע אויפן

גזשיבאָוו געװען קליגער. זײ האָבן נישט געטראָגן קײן ענגע שיך, האָבן נישט גערעדט אָזעלכע פאַרדרײטע רײד, האָבן נישט געהאַט אַזױ פיל דאגות און זאָרגן, און קאָפּ־דרײעניש און װען זײ האָבן געהאַט אַ פרײע מינוט, זענען זײ אַרײן צו יוסל בעטשקע אין שענק און געמאַכט דאָרטן די אמתדיקע כוסה.

— איר פאַרשטײט מיך, פאַניע האָרט? — רפאל עליאַש האָט גע־קוקט מיט זײנע שאַרפע אױגן אױף יאַנקלען — באַטראַכט אײך גוט, פאַ־ניע האָרט...

— געװיס, געװיס, — האָט יאַנקל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ער האָט נישט געװוּסט, װאָס דער פאָן עליאַש װיל פון אים. באַלד, באַלד, ער מוז זיך דערמאָנען.

— נו, דאָ װױן איך. אַ דאַנק פאַרן צופירן מיך — האָט רפאל עליאַש זיך אָפּגעשטעלט — עס איז דאָ אַ סך װעגן דעם צו רײדן. נאָר איצט איז שפּעט. אַלזאָ, בלײבט עס אַזױ, פאַניע האָרט, איר װעט אַרײנפאַלן צו מיר, נו, אַ גוטע נאַכט, פאַניע האָרט, אַ גוטע נאַכט.

קאַפּיטל דרײאונצװאַנציק

בערטאַס גראַנגל

— מאַדאַם... מאַדאַם!...

די יונגע קראַנקן־שװעסטער, אין דעם װײסן פאַרטוך, האָט נישט געװוּסט װאָס צו טאָן.

עס איז שױן געװען שפּעטלעך אין אָװנט. אין דעם קינדער־שפּיטאָל אױף שליסקע גאַס האָט געהערשט אַ שװערע שטילקײט. די לאָמפּן זענען געװען האַלב פאַרטונקלט. די מאַמעס און טאַטעס פון די קראַנקע קינדער האָבן נישט געװאָלט אָפּטרעטן אַ גאַנצן טאָג פון װאַרט־זאַל. אַ טײל פון זײ האָט זיך אײנגעגעבן זיך אַרײנצובאַקומען אין די קאָרידאָרן און דאָרט געװאַרט הינטער דער טיר. איצט זענען זײ שױן אַהײמגעגאַנגען. בערטאַ אָבער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— מאַדאַם... עס איז שפּעט, זײער שפּעט...

בערטאַ נעמט אָװעק די אױגן פון רעגינקעס בעט און קוקט מיט שטױנען אױף דער קראַנקן־שװעסטער.

— איר האָט עפּעס געוואָלט, שוועסטער? — פרעגט זי.

— עס איז שוין שפּעט, מאַדאַם...

— יאָ, יאָ, כ'האָב גאָרנישט געפילט, אַז די נאַכט איז אַזוי שנעל צוגעפאַלן.

די קראַנקן־שוועסטער וואַרט. זי וועט זיך אפשר אַליין איצט אויפ־שטעלן און אַרויסגיין. בערטאַ מאַכט גלייך דעם קישן און ווישט אָפּ מיט אַ טיכל דעם שווייס פון רעגינקעס שטערן.

— מאַדאַם... כ'באַדויער זייער, אָבער עס איז שוין שפּעט...

בערטאַ איז געבליבן אין שפּיטאָל ביי איר קינד. זי האָט אַמאָל גע־האַט דורכגעמאַכט אַ קורס פון אַ קראַנקן־שוועסטער. איז איר דער זכות איצט בייגעשטאַנען.

ד"ר מירסקי האָט געטראָפן בערטאַן זיצן איבערגעבייגן איבער רע־גינקעס בעט.

— נו, מירן אַ קוק טאָן צו אונדזער פּאַציענטין.

בערטאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט אָרט פאַרן דאָקטאָר.

מירסקי האָט לאַנג באַהאַנדלט דאָס קראַנקע קינד און האָט זיך גע־זידלט.

— ביסט אַ פּורים־שפּילער — האָט ער צו זיך גערעדט — ווען נאַרסטו און נאָך וואָס נאַרסטו? וואָלט נישט ערלעכער געווען צו זאָגן דער מאַמע, וואָס קוקט מיט איר שטאַרן בליק ווי דיינע פינגער באַרירן דאָס גליענדיקע לייב פון דעם קינד, אַז דו ביסט אומבאַהאָלפן, אַז דאָס אַלץ וואָס דו ווייסט איז אַז דו ווייסט גאָרנישט, און אַז דאָס מיידעלע, דאָס קליינע אומבאַהאָלפענע באַשעפעניש, וואָס דו האַלטסט אין דיינע הענט, מוז אַליין געפינען אין זי דעם כוח זיך אַקעגנצושטעלן דעם מלאך המוות...

מירסקי האָט געוווסט, אַז ער וועט דאָס קיינמאָל נישט זאָגן. ער האָט נישט קיין כוח דאָס צו זאָגן. ער ווייסט, אַז די מאַמע זעט אין אים איר איינציקע האָפענונג. זי גלייבט אין אים, אין זיינע רפואות און אין זיין הילף. איבעריקנס, ווער דאַרף דעם אמת? איז דער גוטער ליגן נישט בעסער פאַר דעם אמתדיקסטן אמת?

מירסקי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— מירן מוזן האָבן געדולד — האָבן זיך די ווערטער ווי פון זיך

אַליין אַרויסגעגליטשט פון זיין מויל — עס וועט נעמען צייט און מירן טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף בערטאַן, ווי ער וואָלט זי איצט צום ערשטן מאָל דערזען און געזאָגט מיט אַ לייכטן זאַרגלאָזן טאָן:

— אַ, מאַדאַם בערטאַ, איר זענט אַזוי בלייך, ניין, איך וויל נישט האָבן אייך פאַר אַ פּאַציענטין.

ער האָט אַ קוק געטאָן צו דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז שטיל אַריינגעקומען און געוואַרט, צו איר געזאָגט:

— איר, שוועסטער, וועט דאָ בלייבן, יעדע שעה וועט איר דעם קינד געבן אַ לעפעלע פון אָט דער מעדיצין.

— יאָ, דאָקטאָר.

מירסקי האָט זיך אומגעקערט צו בערטאַן.

— איך האָב דאָ מיין מאַשין, כ׳וועל אייך צופירן אין שטוב. איר וועט אייך אויסרוען עטלעכע שעה און מאָרגן וועט איר קאָנען זיך ווי־דער שטעלן צו דער אַרבעט.

— איך בלייב דאָ, דאָקטאָר.

מירסקי האָט שוין נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן. ער איז אַרויס אין קאָרידאָר. די קראַנקן־שוועסטער האָט אים באַגלייט. ניין, בערטאַס אויסזען און האַלטן זיך געפעלט אים נישט. מען האָט זי באַדאַרפט אַהיימ־נעמען, געבן איר אַן איינשפּריצונג צו שלאָפן עטלעכע שעה.

— שוועסטער, גיט אַכט היינט ביינאַכט, טאָמער עפּעס וואָס, רופט מיך גלייך אָפּ...

— יאָ, דאָקטאָר.

— און גיט אַכט אויף דער מוטער, איר פאַרשטייט, שוועסטער...

— גוט, דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר מירסקי איז אין דער נאַכט געשלאָפן רואיק. די שוועס־טער האָט אַכט געלייגט אויף דער קראַנקער רעגינקע און איר מאַמע. זי האָט נישט געהאַט קיין גרונט צו זיין אומרואיק און צו צעשטערן דעם דאָקטאָרס שלאָף.

בערטאַ האָט זיך געהאַלטן זייער רואיק.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן רעגינקעס בעט און האָט נישט געפילט ווי די אויגן פאַלן איר צו.

די שוועסטער האָט איר אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ אַ קישעלע און האָט זי צוגעדעקט מיט איר פּאַלטאָ.

בערטאַ האָט גאָרנישט געפילט. בערטאַ האָט אין שלאָף געפונען רע־גינקעס קליינע הענטל.

— האָסט מיך גערופן, קינד, נו, זעסטו, אָט בין איך דאָ.

אָבער ווו זענען מיר? אָ, יאָ, אין דעם קליינעם גערטנדל. רעגינקע שפּילט אין באַהעלטעניש. זי באַהאַלט זיך יעדעס מאָל אונטער אַן אַנ־דערן בוים. בערטאַ מאַכט זיך נישט זען. זי זוכט לאַנג ביז זי דערזעט זי און דעמאָלט אַנטלויפט רעגינקע אונטער אַ צווייטן בוים און ווידער מאַכט זיך בערטאַ נישט זען...

רעגינקע איז אָבער נישט זיכער, צי בערטאַ זעט זי טאַקע נישט און זי זאָגט מיט גרויסן ערנסט:

— כ׳וויל וויסן, מאַמע, צי ס׳איז אַ גוט באַהעלטעניש, כ׳מוז עס וויסן.

— פאַרוואָס מוזטו עס וויסן, קינד...

— מירן זיך שפּילן אין רויבער מיט סאָמעקן, און מיט רויבער מוז מען זיין פאָרזיכטיק, מאַמע, נישט וואָר? מען מוז האָבן אַ גוט באַהעל־טעניש. אפשר אויסגראָבן אַ הייל? וועסט מיר העלפן, מאַמע, אויסגראָבן אַ טיפע, טיפע הייל?

— כ׳וועל דיר העלפן, רעגינקע, געוויס וועל איך דיר העלפן אוןביידע נעמען זיך גראָבן די הייל. נאָר מיטאַמאָל ווערט בערטאַ אומרואיק. זי זעט מער נישט רעגינקען.

— רעגינקע, ווו ביסטו, קינד מיינס? — רופט זי.

— זוך מיך, מאַמע.

— רעגינקע, רעגינקע!

— זוך מיך, מאַ... — ווערט רעגינקעס שטים וואָס אַמאָל שוואַכער און ווייטער.

— רעגינקע! — וויל בערטאַ שרייען, נאָר די שרעק פאַרשטיקט איר געשריי.

בערטאַ רייסט זיך אויף די אויגן. זי ווייסט נישט אין דער ערשטער מינוט, ווו זי געפינט זיך. עס דאַכט זיך איר, אַז זי קאָן זיך איצט נישט דערמאָנען וואָס זי האָט געזוכט.

— גוט וואָס איר זענט געשלאָפן עטלעכע שעה, מאַדאַם — זאָגט צו איר די קראַנקן־שוועסטער.

— יאָ, כ׳בין געשלאָפן. — דער ווייסער כאַלאַט פון דער קראַנקן־שוועסטער ברענגט זי צוריק צום באַוווסטזיין.

איצט ווייסט זי שוין וואָס זי טוט דאָ אין דעם שפּיטאָל־צימער. זי דערמאָנט זיך אין דעם חלום. זי האָט געהאַלטן רעגינקען גראָבן אַ הייל, באַהאַלטן זיך פאַר די וואַלד־רויבער. רעגינקע איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן פון אירע אויגן, אַ נאַרישער חלום. זי בייגט זיך איבערן בעט און הערט זיך איין צו רעגינקעס האַסטיקן אָטעם. רעגינקע איז דאָ. עס האָט זי קיינער נישט צוגענומען.

— און עס וועט דיך קיינער מער פון מיר נישט צונעמען, קינד מיינס — מאַכט בערטאַ גלייך רעגינקעס צעפלאָשערטע אין שלאָף האָר — קיינער!...

בערטאַ איז געבליבן אין שפּיטאָל. זי האָט געטראָגן אַ ווייסן כאַ־לאַט, פונקט ווי די אַנדערע קראַנקן־שוועסטער. און מ׳האָט אָן איר ווי פאַרגעסן.

די קראַנקן־שוועסטער און די דאָקטוירים האָבן זיך צוגעוווינט זי צו טרעפן בייטאָג און ביינאַכט אויף איר אָרט, ביי דער קראַנקער רעגינקעס בעט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם, אַז זיי האָבן נאָך נישט געזען זי שלאָפן אָדער עסן. אין דעם קינדער־שפּיטאָל אויף שליסקע גאַס, זענען אַלע צימערן געווען פול מיט קראַנקע קינדער. און יעדן טאָג האָט מען געברענגט פרישע קראַנקע פון אַלע טיילן פון שטאָט.

דאָס קלעפּיקע שוואַרצע ברויט און די פאַרעיפּושטע קאַשע, מיט וועלכער דער דייטשישער גענעראַל בעזעלער האָט געשפּייזט די מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט די זכיה צו טראָגן זעלנערישע מונדירן, זענען סוף כל סוף בייגעקומען די מאָגנס פון די קינדער.

צוערשט האָט זיך דאָס קינדערשע געוויין דערהערט אין די קעלער־און בוידעם־שטיבער, פון די גרויסע הייזער, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון איבערפולטע און צונויפגעפּרעסטע קאַסטנס. די מאַמעס האָבן בייזע געשריען אויף די וויינענדיקע קינדער און מיט טרויעריקע לידלעך זיי געפּרוווט באַרויקן און איינשלעפערן. דאָס מאָל האָבן אָבער

נישט די געוויינען און נישט דאָס זינגען געהאָלפן. האָבן די מאַמעס זיך נאָך שטאַרקער צעשריגן און זייערע אייגענע מענער, די גולמס, וואָס דרייען זיך אַרום אין די שטיבער און זעען נישט, אַז דאָס קינד איז, נישט אויס־געריעדט זאָל עס זיין, פאַרביי...

זענען די טאַטעס אַרויס פון די שטיבער און האָבן אונטערן פּאַלטאָ געטראָגן ווער אַ שבתדיק בגד און ווער אַ פּאָר לייכטער און ווער אַ חנוכה־לעמפּל, אַ ירושה פון זיידן, און ווער אַ קישן און ווער אַ חתן־זייגער. זיי זענען געשטאַנען אין לאַנגע רייען אין לאָמבאַרד און געוואַרט מיט קלאַפּנ־דיקע הערצער צו קריגן די פּאָר גראָשן אויף די משכנות. פון לאָמבאַרד זענען זיי געלאָפן צום דאָקטאָר און געבעטן ראַטעווען דאָס קינד.

די דאָקטוירים זענען געקומען, האָבן פאַרשריבן רעצעפּטן, אָבער דער עיקר האָבן זיי אָנגעזאָגט צו געבן די קינדער אַ סך מילך און פּוטער און פרוכט און לופט, למען השם אַ סך פרישע לופט.

זיי האָבן געקוקט צו דער ערד, די דאָקטוירים, ווען זיי האָבן געגעבן די גוטע עצות זייערע. זיי האָבן מורא געהאַט צו קוקן אין די אויגן פון די מאַמעס און אין זייערע אייגענע אויערן האָבן זייערע רייד אָפּגעקלונ־גען ווי חוזק. ניין, ערגער ווי חוזק. עס איז געווען אַ מין רייצן זיך מיט דער הילפלאָזיקייט פון דעם בוידעם־שטיבל.

זענען זיי שנעל אַרויס אויף די טרעפּ און עפּעס צו זיך געמורמלט.

אין די נגידישע שטיבער, אויף דעם ערשטן און צווייטן שטאָק, האָט מען ווייניק געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין די בוידעם־שטיבלעך און אין די קעלערן. מען האָט טאַקע געווינט אין איין הויז און מען איז געווען שכנים, אָבער אין דער אמתן איז מען געווען אַזוי ווייט איינער פון אַנ־דערן, ווי נישט אַ פּאָר אַ הילצערנע טרעפּ, נאָר עפּעס אַ מדבר וואָלט אָפּגעטיילט דעם ערשטן שטאָק פון קעלער. האָט מען נישט געהערט דאָס געוויין פון קעלער. ערשט אַז דאָס אומגליק האָט אומפאַרשעמט אָנגע־קלאַפּט אָן דער טיר פון דער נגידישער דירה אויפן ערשטן שטאָק, זענען שוין אויך די אויסגעפּוצטע און פיין פאַרקעמטע נגידותטעס געוואָרן אומ־רואיק. און ווען די דאָקטוירים האָבן זיי געעצהט צו געבן די קינדער אַ סך לופט און מילך און אייער און פרוכט, האָבן די מאַמעס זיי געענטפערט מיט פאַרדראָס:

— מיר טוען דאָך דאָס, דאָקטאָר...

האָבן די דאָקטוירים ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און געמורמלט:

— טיפוס עפּידעמיע...

דאָס וואָרט עפּידעמיע האָט מיט שרעק אַרומגענומען אַלע און האָט באַהאָפטן די אימה פון די קעלער־שטיבער מיט דעם פּחד פון גבירישן ערשטן שטאָק.

דאָס וואָרט עפּידעמיע איז געוואָרן דאָס געשפּענסט פון דער שטאָט. עס האָט געוואַנדערט פון שטוב צו שטוב און פון הויז צו הויז. עס האָט אויפגעהערט צו מאַכן אַן אונטערשיד צווישן רייך און אָרעם, עס האָט אָנגעקלאַפּט אין די טירן ווו אַ מזוזה האָט געהיט פון אַלדאָס בייז און עס האָט געטראָפן צו די שטיבער, וואָס זייערע ווענט זענען געווען אַרומגע־האָנגען מיט קליינע און גרויסע יוזלעך.

דער דייטשער גענעראַל בעזעלער האָט ווייטער געשפּייזט די שטאָט מיט זיין פּאַרעיפּושטן ברויט און קאַשע. דערפאַר האָט ער אויך אַרויס־געשיקט איבער דער שטאָט שוואַרצע פאַרמאַכטע קעטשלעך — „פּאַרוור־קעס" האָבן יידן און גויים דאָס גערופן. זיי האָבן געכאַפּט יידן און יידע־נעס און קינדער און גויים און גוייטעס, זיי געשלעפּט אין באָד און אָפּ־געשוירן די בערד און פּיאות ביי די מאַנסבילך, האָבן געמאַכט אַ תל פון די ווייבערס שייטלען און האָבן אָפּגעשוירן די שוואַרצע און בלאָנדע צעפּ פון די מיידלעך.

די שוואַרצע קעטשלעך האָבן אָנגעוואָרפן נאָך אַ גרעסערע שרעק. עס איז געוואָרן אַ געלויף איבער די הויפן און איבער די טרעפּ און איבער די בוידעמס. יעדער האָט געזוכט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער „פּאַ־רוווקע" און די שליחים פון גענעראַל בעזעלער, הויכע צעוואַקסענע בלאָנ־דע יונגען מיט וואַסער־אייגלעך, האָבן געלאַכט פון די „דומע יודען און פּאָלנישע שווייַנען", וואָס לויפן ווי צעשראָקענע שעפּסן און פאַרשטייען נישט, אַז דער גענעראַל בעזעלער מיינט נאָר זייער טובה.

זיי האָבן אָבער אויפגעהערט לאַכן, ווען די עפּידעמיע איז געקומען אויך צוגאַסט צו די קאַנצעלאַריעס און שטיבער פון דעם גענעראַלס שלי־חים און אָפיצירן.

דער גענעראַל האָט דעמאָלט געשיקט רופן צו זיך די גויים פון ראָט־הויז און די יידישע דאָזאָרעס.

ער איז געזעסן אין דעם גילדענעם זאל פון דעם ווייסל־שלאָס, ארומ־גערינגלט מיט יונגע אָפיצירן אין בלאָע מונדירן, ארומגעהאָנגענע מיט לאַנגע שרענגעס מעדאַלן.

דער גענעראל האָט גערעדט צוערשט צו די באַלעבאַטים פון ראָט־הויז. ער האָט זיי געזאָגט, אַז דער קייזער פון דייטשלאַנד איז צו זיי זייער גנעדיק און אַז נאָכן זיג וועט מען זיי נישט פאַרגעסן. זיי מוזן אָבער פון זייער זייט אַרויסווייזן גוטן ווילן, אַז זיי זענען ווערט די גנע־דיקייט פון זיין מאַיעסטעט. זיי מוזן מאַכן אַ סוף צו דער עפּידעמיע. עס זענען שוין אומגעקומען אַ ריי העלדישע אָפיצירן פון זיין מאַיעסטעטס אַרמיי. דאָס איז אומדערהערט. אזאַ זאַך טאָר נישט געשען. ער, דער גע־נעראל בעזעלער, טוט אַלץ צו העלפן די מענטשן. ער שיקט אַרויס יעדן טאָג די קעטשלעך איבער די גאַסן. ער זאָרגט פאַר דער היגיענע. אָבער די מענטשן אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך. דאָס איז אַ שאַנדע און זאָלן די הערן פון ראָטהויז וויסן, אַז זיי וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך, זאָלן זיי אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צו די מענטשן און זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז מען מיינט נאָר זייער טובה...

ער האָט אַ וויילע געשוויגן און זיין בליק איז געפאַלן אויף די לאַנגע ווייסע בערד פון די רבנים און אויף די קורץ־געשוירענע בערדלעך פון די דאָזאָרעס.

מיט אַ פאַרכמורעטן בליק האָט ער גערעדט צו די בירגער פון מאָזעס גלויבן. ער האָט ליידער באַקומען אַ טרויעריקן באַריכט. זיי, די בירגער פון מאָזעס גלויבן, זענען זייער ווידערשפּעניק צו דעם גענעראלס שליחים, זייערע בערד און פיאות און שייטלען זענען נעסטן פון דער עפּידעמיע. זיין מאַיעסטעט שאַנעוועט יעדע רעליגיאָן, אָבער צו אַלעם איז דאָ אַ גרענעץ. די גאַנצע באַפעלקערונג דאַרף נישטליידן צוליב דעם פאַנאַ־טיזם פון די בירגער פון מאָזעס גלייבן. פאַרוואָס נעמען זיי נישט אַראָפּ אַ ביישפּיל פון זייערע גלויבנסגענאָסן אין בערלין? ער מוז זיי דעריבער וואָרענען, אַז אַזוי קאָן עס נישט גיין. און ער וויל הערן וואָס די פאַר־שטייער פון די בירגער האָבן צו זאָגן.

די דיגניטאָרן פון ראָטהויז האָבן צופרידענע געשמייכלט. גוט וואָס די יידעלעך האָבן באַקומען אַריינגעזאָגט. זיי זענען שוין גאָר חוצפּהדיק געוואָרן אין די לעצטע צייטן און דער ליטוואַק, ווי הייסט ער, פרילוצקי,

האַלט זיך אַזוי פאַרשייט עזותדיק. דער אַלטער בירגערמייסטער פאַן סטע־פאַנסקי האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געדאַנקט זיין עקסעלענץ פאַר זיין זאָרג פאַר דער באַפעלקערונג און האָט פאַרזיכערט צו טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך. עס איז גוט וואָס זיין עקסעלענץ קען אַזוי גוט די לאַגע און פאַרשטייט די שוועריקייטן מצד די בירגער פון מאָזעס גלייבן, וועלכע וואָלטן בעסער געטאָן צו זאָרגן פאַר היגיענע ווי באַשעפטיקן זיך מיט פּאָליטיק.

דער ראַבינער דר. לעווי, מיטן קליינעם ווייסן בערדל, וועלכער האָט באַגלייט די רבנים, האָט זיך דעמאָלט אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז די רבנים האָבן אים געבעטן צו ריידן אין זייער נאָמען. אויך ער האָט גע־דאַנקט דעם גענעראַל און האָט אים פאַרזיכערט, אַז די אַרבעט פון אים, דר. לעווי, און פון זיינע פריינד דר. פרידמאַן, גייט אין דער ריכטונג פון גענעראַלס ווונטשן. מען מוז אָבער האָבן געדולד. ליידער, האָבן די הערן פון ראַטהויז נישט שטענדיק זיך באַצויגן צו די בירגער פון מאָזעס גלייבן ווי עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט. עס וועט אָבער אונטער דער אָנפירערשאַפט פון זיין מאַיעסטעטס רעגירונג זיך אַלץ ענדערן צום בע־סערן און די רבנים וועלן דעם שבת ריידן אין די שולן...

דער גענעראַל אַליין האָט מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן צופרידן צום ראַבינער לעווי און האָט זיך שוין געוואָלט געזעגענען מיט דעם דאָזיקן פּאָלניש יידישן געזינדל.

— מעג איך נאָך עפּעס זאָגן, עקסעלענץ?

דניאל עפּשטיין איז געשטאַנען אַקעגן דעם גענעראַל און נערוועז זיך גלייך געמאַכט די בריל אויף זיין נאָז.

— ביטע, — האָט דער גענעראַל זיך צוגעבייגן צו זיין אַדיוטאַנט און שטיל געפרעגט: ווער איז דער חוצפּהדיקער יידל?

— איך קאָן ליידער נישט איינשטימען מיט דעם זייער געערטן ביר־גערמייסטער און אויך נישט מיטן ראַבינער לעווי. איך גלייב, אַז אייער עקסעלענץ וועט מיט מיר איינשטימען, אַז די נעסטן פון טיפוס דאַרף מען נישט זוכן נישט אין די יידישע בערד און שייטלען, נאָר אין דעם ברויט...

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן, הער עפּשטיין? — דער גענע־

ראַל האָט שוין געוווסט דעם נאָמען פון דעם חוצפּהדיקן יידל און זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט קאַלטן האַס.

— איך מיין צו זאָגן, אַז די מענטשן דאַרפן האָבן ברויט און נישט דאָס באָד, דער הונגער...

— איר פאַרגעסט אָן קריג און אַז מיר קאָנען נישט אַריינברענגען...

— מירן זיך באַגנוגענען מיטן ברויט, וואָס וואַקסט אויף אונדזערע פעלדער...

— איר דריקט אויס די מיינונג פון די בירגער פון מאָזעס גלייבן?

— האָט דער גענעראַל געפרעגט מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט.

— איך דריק אויס מיין מיינונג בלויז, עקסעלענץ, אָבער איך מיין...

— איר האָט נאָך עפּעס צו זאָגן, הער?...

— אייגנטלעך נישט. יעדער איינער ווייסט דאָס זעלבע...

דער גענעראַל האָט געגעבן אַ צייכן, אַז די אודיענץ איז געענדיקט און איז מיט אַ קורצן שאָקל מיטן קאָפּ פאַרשוואונדן אין צווייטן צימער און נאָר באַוויזן צו באַפעלן זיין אַדיוטאַנט:

— דעם יידל דאַרף מען האָבן אויפן אויג...

די שררות פון ראַטהויז און די דאָזאָרעס און רבנים זענען שווייגנדיקע אַרויס פון שלאָס.

— וואָס האָט זיך מיט דיר געטאָן דאַניעלו — האָט אים ווישינסקי גענומען אונטערן אָרעם. — ווי פאַלסטו אויס אַזוי צו ריידן...

דער ראַבינער לעווי האָט אים אָפּגעשטעלט:

— דאַכט זיך, מירן זיך געטראָפן ביי ר׳ לוין אין שטוב...

— יאָ, פרייטיק צו נאַכטס. איר זענט געווען מיטן רבין...

— כ׳האָב אייך געוואָלט זאָגן, הער עפשטיין — האָט דער ראַבינער לעווי גענומען אין זיין האַנט זיין קורץ צוגעשוירן בערדל — אַז אַזוי ריידן טאָר מען נישט און אַז כ׳בין זייער צופרידן וואָס איר האָט גערעדט וואָס מ׳טאָר נישט. כ׳ווייס נישט, צי איר פאַרשטייט מיך הער עפשטיין?...

פון די ראַטהויז־שררות האָט זיך אָפּגעטיילט דער דאַרער פאַן וואָלסקי, דער רעדאַקטאָר פון דער אַנטיסעמיטישער צייטונג, וועגן וועלכן מ׳האָט זיך געוויצלט, אַז ער פרעסט אַזוי פיל יידן, אַז ער האָט קיין צייט נישט צו עסן ברויט.

ער איז צו צו עפשטיינען און געזאָגט:

— מײַנע גראַטולאַציעס, הער עפּשטײן. איך מוז צו מײַן באַדויערן זאָגן, אַז מיר האָבן נישט געהאַט אַזאַ קוראַזש. כ׳האָב זיך געשעמט צו הערן סטעפּאַנסקיס רייד. איר האָט מוט, הער עפּשטײן...

— עס איז נישט קיין מוט. כ׳קום איצט פון שפּיטאָל. יאָ, מײַן קינד איז דאָרט און ווען כ׳הער מוסר־זאָגן פון מויל פון אַ מערדער...

דער פּאַן וואָלסקי האָט בלויז טיף זיך פאַרנייגט.

— וווהין גייסטו? — האָט ווישינסקי געפרעגט.

— צוריק אין שפּיטאָל.

— ווייסט, בעזעלער וועט דיר דאָס נישט שווייגן. דאַרפסט זײַן פאַר־זיכטיק, דאַניעלו...

דניאל עפּשטײן האָט נישט געענטפערט. ער האָט נישט געקאָנט קו־מען צו זיך פון האַס, וואָס דאָס אויסגעפּאַשעטע רויטע פּנים פון דעם גע־נעראַל בעזעלער, האָט אין אים אַרויסגערופן. נישט דער רויב האָט אים אויפגעבראַכט. ער ווייסט עס שוין נישט פון הײַנט. ער ווייסט, ווי די צוגן פול מיט תבואות גייען בײַטאָג און בײַנאַכט קיין בערלין און פראַנק־פורט און האַמבורג. ער ווייסט, אַז צוליב דעם הונגער איז געקומען די עפּידעמיע און ער ווייסט אויך, אַז עס וועט נישט העלפן דאָס ריידן און דאָס בעטן און דאָס שרײַען. אָבער די טריפהנע אומפאַרשעמטקייט צו האָבן גאָר טענות צו די קרבנות, האָט אים, עפּשטײנען, אַרויסגעפירט פון גלײַכגעוויכט.

— ער האָט נישט קיין פינטל געטאָן מיטן אויג צומאָל — האָט עפּשטײן געטראַכט, שטעלנדיק האַסטיקע טריט אויפן טראָטואַר — וואָס האָט ער געמיינט? אַז ער האָט שוין ביי אונדז דאָס לעצטע ביסל שכל אויך צוגענומען?!

— לויף נישט אַזוי, דאַניעלו, כ׳קאָן דאָך קוים דעם אָטעם כאַפּן — האָט אים ווישינסקי אָנגענומען בײַם אָרעם — מען דאַרף גענוי באַטראַכטן וואָס וועט ער טאָן דער יעקע גנבֿ? פאַרשיקן דיך אין לאַגער וועט ער נישט. צופיל מענטשן זענען געווען דערבײַ און ער, דער גרויסער גענע־ראַל, וועט זיך שעמען מיט זײַן צאָרן קעגן אַ ײדל, וואָס האָט נישט קיין מורא געהאַט אים צו זאָגן דעם אמת. מען וועט דיך, דאַניעלו, אָבער פון הײַנט און כסדר האָבן אויגן אויג און טאָמער וואָס ווען... אָבער דו הערסט דאָך גאָרנישט וואָס מ׳רעדט צו דיר. נו, וועל איך שוין אַליין זיך דורכ־

ריידן מיט דיינע מענטשן און מ׳וועט אָפּרוימען אַלץ, וואָס מען דאַרף.

זיי זענען צוגעקומען צו דער געביידע פון קינדער־שפּיטאָל.

די גאַנצע לענג פון דער שליסקע גאַס איז געווען באַלייגט מיט אַ מאַסע וויינענדיקע מענטשן.

דאָס טויער איז געווען פאַרמאַכט, אָבער די מענטשן זענען נישט אָפּגעטראָטן.

— עס זענען אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן — האָבן זיי די דאָקטוירים געגעבן צו פאַרשטיין — מיר טאָרן אייך נישט אַריינלאָזן.

די מענטשן האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן געוווּסט, אַז די דאָקטוירים זענען גערעכט. עס איז אין שטאָט אַן עפּידעמיע. מען מוז זיין זייער אָפּגעהיט. און וואָס קאָנען זיי דאָ העלפן? ניין, זיי קאָנען גאָרניט טאָן, אָבער זיי קאָנען נישט אַוועקגיין. עס דאַכט זיך יעדן, אַז זיין קינד דאַרף ווייסט, אַז די מאַמע און דער טאַטע זענען נאָענט און, אַז די נאָענטקייט גיט צו כּוח און שטאַרקייט דעם אָפּגעשוואַכטן גוף.

— אַזוי פיל מענטשן?

— מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ מער.

— ווילסט אַריינגיין? אָבער עס איז דאָך אוממעגלעך...

דניאל עפּשטיין האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז אַריין אין אַ טויער, וואָס האָט אים אַרויסגעפירט אויף דער שעננאַ גאַס.

ווישינסקי איז אים נאָכגעגאַנגען.

עפּשטיין האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ זייטיק טירל און אָנגערופן זיין נאָמען.

— כ׳ווייס, כ׳בין נישט בעסער פאַר די אַלע אינדרויסן — האָט ער אַ שולדיקן שמייכל געטאָן — אָבער כ׳קאָן זיך נישט העלפן.

אַ קראַנקן־שוועסטער האָט זיי פאַרהאַלטן אין קאָרידאָר:

— ניין, — האָט זי שטרענג געזאָגט — קיינע אויסנאַמען מער. איך האָב אַ שטרענגע פאַראָרדענונג פון דאָקטאָר. איר מוזט וואַרטן אין דער קאַנצעלאַריע. די מאַדאַם לוריע וועט אייך געבן אַלע אינפאָרמאַציעס.

אין דער קאַנצעלאַריע האָבן זיי געטראָפן זיצן לאַניאַן.

— וואָס הערט זיך?

— קיינע ענדערונגען, דאָקטאָר מירסקי איז נאָרוואָס דאָ געווען...

עפּשטײַן זהערט יעדן טאָג די זעלבע ווערטער: קײנע ענדערונגען. ווילאַנג וועט ער זײ נאָך הערן?

ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און צעקנײטשט אים נערוועז אין דער האַנט. ער האָט זי, בערטאַן, שוין עטלעכע טעג נישט געזען. מען לאָזט אים נישט צו צו איר און אַרויסצורופן זי. אין קאַנצעלאַריע האָט ער נישט קײן דרײסטקײט.

אַדעק ווישינסקי טעגהט אײן מיט מאַדאַם לוריע.

— יאָ, — זאָגט זי — איר קאָנט מיט איר רײדן אויפן טעלעפאָן.

— יאָ, יאָ, זאָגט איר, דער מאַדאַם בערטאַ, אַז איך, ווישינסקי, בין דאָ און דניאל און לאַניאַ. מען לאָזט אונדז נישט צו צו איר. אפשר קאָן זי אַרײנקומען אין קאַנצעלאַריע אויף עטלעכע מינוט. יאָ? זי וועט צוקו־מען? גוט.

אַ רואיקע און באַהערשטע איז בערטאַ אַרײנגעקומען אין קאַנצעלאַ־ריע. זי האָט מיט אַ גלײכגילטיקן שמײכל באַגריסט לאַניאַן, עפּשטײנען און ווישינסקין. זי האָט פאַר זײ אַלע געהאַט דעם זעלבן פרײנטלעכן, אָבער גלײכגילטיקן שמײכל.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, וואָס ווישינסקי האָט איר צוגעטראָגן, האָט גענומען בײ עפּשטײנען אַ פּאַפּיראָס און האָט טיף פאַר־צויגן אין זיך דעם רויך.

— דער דאָקטאָר איז נאָרוואָס געווען. ער זאָגט, אַז דערווײל איז אַלץ ווי געווען. קײנע ענדערונגען.

זי רעדט גלײכגילטיק, אַזוי ווי מען רעדט צו באַקאַנטע, מיט וועל־כע מען טרעפט זיך צופעליק אין גאַס.

— עס ווערט מיט יעדן טאָג שווערער. שוין באַלד נישטאָ ווו אַ שפּילקע אַרײנצוואַרפן. די דאָקטוירים און די שוועסטער קאָנען זיך נישט קײן עצה געבן און זײ פאַלן פשוט פון די פיס.

— נו, און דו, בערטאַ? ווילאַנג וועסטו אויסהאַלטן? קום אַהײם אויף עטלעכע שעה.

בערטאַ זאָרזיכערט ווישינסקין, אַז זי פילט זיך אויסגעצײכנט און אויסגערוט. זי פרעגט לאַניאַן וועגן סאַמעקן און זאָגט איר, אַז רעגינקע דערמאָנט פיל מאָל סאַמעקן אין שלאָף. עס זעט אויס, אַז איר חלומט זיך, אַז זי פאָרט אויף אַ שיף מיט סאַמעקן אַלס קאַפּיטאַן.

— כ׳וועל עס אים דערציילן — זאָגט לאַניאַ — ער, סאַמעק, האָט מיר ערשט נעכטן פאַרזיכערט, אַז ער לייגט אָפּ זיין ים־רייזע ביז רעגינקע וועט געזונט ווערן.

— אַזוי האָט ער געזאָגט, סאַמעק? — פרעגט בערטאַ איבער.

— יאָ, „אַ קאַוואַליר לאָזט נישט איבער זיין דאַמע, מעג זי זיין אַ שוועסטער", אַזוי האָט ער צו מיר געזאָגט.

זיי זענען געבליבן שטיל. עס איז נישט געווען מער וועגן וואָס צו ריידן. און ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל פילט זיך יעדער נישט באַקוועם און ווייסט נישט ווען מען דאַרף זיך פאַנאַנדערגיין.

בערטאַ האָט די ערשטע זיך אויפגעשטעלט.

— כ׳מיין, אַז כ׳וועל גיין — האָט זי אין דעם אַש־בעכער אַוועקגע־לייגט דעם ברענענדיקן פּאַפּיראָס — מען דאַרף רעגינקען באַלד געבן דעם רעצעפּט און פון מיר נעמט זי גיכער.

זי האָט יעדן פון זיי דערלאַנגט די האַנט, אָן ווערטער, און פאַר־מאַכט הינטער זיך די טיר.

ווען זי איז אַוועק, האָט עפּשטיין זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נישט געהאַט באַוויזן אַרויסצוריידן צו איר אַ וואָרט.

בערטאַ איז מיט אייליקע טריט געגאַנגען איבערן לאַנגן שפּיטאָל־קאָרידאָר.

דאָקטוירים און שוועסטער אין ווייסע כאַלאַטן האָבן אַ וויל נאָכ־געקוקט אירע שנעלע עלאַסטישע טריט. זיי אַלע האָבן זי שוין געקענט און גערופן האָבן זיי זי, די מאַמע.

זיי זענען געפאַלן פון די פיס פון מידקייט, אָבער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זי געזען, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון אַ שמייכל טאָן צו איר און שטיל אין זיך אַ מורמל טאָן:

— די מאַמע...

דר. מירסקי האָט אויף עפּשטיינס פאַרלאַנג געבראַכט צו רעגינקען אויף קאָנסוליומס די גרעסטע דאָקטוירים פון שטאָט. זיי האָבן נישט געהאַט פיל צו טאָן ביי רעגינקעס בעט, זיי האָבן געקוקט אויף בערטאַן און צו זיך טרויעריק געשמייכלט.

— אפשר וועט זי, די מאַמע, באַווייזן דאָס ווונדער.

בערטאַ איז צו צום בעט, האָט אירע ליפּן צוגעטראָגן צו רעגינקעס

שטערן און שטיל איר איינגערוימט:

— זעסט, קינד, כ׳בין באַלד צוריקגעקומען.

אירע אויגן האָבן געשמייכלט.

— האָסט געבענקט, קינד, דו, זעסטו מיך, אמת, דו זעסט מיך...

בערטאַ האָט געוווּסט, אַז די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער קוקן אויף איר מיט מאָדנע אויגן, ווען זי רעדט צו רעגינקען. זיי האָבן גע־האַלטן, האָט בערטאַ געוווּסט, הגם זיי האָבן עס איר נישט געזאָגט, אַז רעגינקע הערט נישט און זעט נישט און ווייסט נישט ווער עס איז מיט איר. בערטאַ האָט ביי זיך געוווּסט, אַז זיי האָבן אַ טעות, די דאָקטוירים. זיי ווייסן נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן געלערנט פון די ביכער. דאָס געפיל פון אַ מאַמע מאַכט זי, בערטאַן, זען און הערן זאַכן, וואָס זי באַהאַלט נאָר פאַר זיך. עס איז דער סוד, וואָס פאַרבינדט זי מיט רעגינקען. נאָר זיי ביידע ווייסן דעם סוד. אין אָנהייב האָט זי, בערטאַ, אויך נישט גע־וווּסט. זי איז שעהן געלעגן איבער רעגינקעס בעט און זיך געבעטן:

— איין וואָרט בלויז, קינד מיינס, וויל איך הערן פון דיר, נישט מער, ווי איין וואָרט...

זי האָט אַזוי לאַנג געבעטן און געוואַרט און געדאַווענט צו דעם איי־נעם וואָרט, ביז וואַנען זי האָט אָנגעהייבן באַנעמען, אַז מ׳קאָן ריידן אָן ווער־טער, אַז מ׳קאָן הערן, כאָטש עס הערט זיך נישט דער מינדסטער קלאַנג פון איר קינדס מויל. אַמאָל איז עס געווען אַ צאַפּל פון רעגינקעס וויעס און אַמאָל אַ ריר מיט דעם הענטל, וואָס איז געלעגן איבער דער קאָלדרע און אַמאָל אַ לאָק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן איבערן שטערן און אַמאָל האַלב צעעפנטע ליפּעלעך און אַמאָל אַ שטילער קרעכץ.

לאַנגזאַם האָט די דאָזיקע ווערטערלאָזע שפּראַך געעפנט אירע גע־היימענישן פאַר בערטאַן און יעדעס מאָל איז עס פאַר איר געווען אַ נייע פריידיקע אַנטפּלעקונג.

זי האָט דעמאָלט גליקלעך געשמייכלט, און געפילט אויף זיך דעם דערשטוינטן בליק פון דער קראַנקן־שוועסטער.

— דו מיינסט, אַז כ׳בין אַראָפּ פון זינען — האָט בערטאַ געהאַט מיטלייד מיט דער שוועסטער — עס טוט מיר לייד וואָס דו פאַרשטייסט נישט רעגינקעס וווּנדערלעכע שפּראַך.

זי האָט מיט קיינעם וועגן דעם נישט גערעדט. עס איז געווען איר

סוד. איר פריידיק געהיימניש, און ווען קיינער איז אין צימער נישט גע־ווען און דאָס איז געווען אין די מערסטע שעהן פון טאָג און נאַכט, האָט בערטאַ זיך פאַנאַנדערגעשמועסט מיט ־רעגינקען:

— דו הערסט, רעגינקעלע, זיי אַלע דאָ מיינען, אַז דו הערסט נישט און זעסט מיך צומאָל נישט. זיי זענען אַלע אַזעלכע נאַראָנים, אמת? עס איז דיר שווער צו לאַכן, רעגינקעלע, עס טוט דיר וויי? טאָ ליג רואיק. איך פאַרשטיי דיך סיי ווי. דו ווילסט וויסן, צי כ׳וועל ווידער נישט אַוועק. ניין, כ׳על שוין דאָ מיט דיר בלייבן. שטענדיק בלייבן. און ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועלן מיר ביידע גיין אין גאַס און מיר וועלן קויפן, גאַנצע שטויסן זאַכן וועלן מיר ביידע איינקויפן. אמת, רעגינקע, דו האָסט אַזוי ליב צו קויפן? וואַרט נאָר אַ ווייל, כ׳על דיר געבן אַ קליין לעפעלע פון דער מעדיצין. עס איז ביטער? נו, יאָ, קענסט דאָך דעם דאָקטאָר מירסקי, ער וועט זיך בייזערן אויף מיר און דו ווילסט דאָך נישט, אַז עס זאָל עמיצער זיך בייזערן אויף דער מאַמע דיינער, אמת?

בערטאַ האָט איר אַריינגעגאָסן אין מויל דאָס לעפעלע ברוינע פלי־סיקייט, האָט איר אָפּגעווישט דאָס געזיכט און צו איר ווייטער גערעדט:

— נו, ביסט אַ גוט קינד, רעגינקעלע. יאָ, כ׳ווייס, דו האָסט מורא, אַז סאַמעק האָט נישט געוואַרט אויף דיר און איז אַליין אַוועק אויף דער שיף. זיי רואיק, סאַמעק האָט דיך נישט פאַרגעסן. ער האָט דיך ליב, סאַ־מעק. און וועט אויף דיר וואַרטן. ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועלן מיר גלייך אַרויף אויף דער שיף. סאַמעק וועט שטיין אויפן קאַפּיטאַן־בריקל און ער וועט צוזאַמען מיט אַלע מאַטראָזן דיך באַגריסן...

טיילמאָל איז בערטאַן אַ קאַלטער שרעק באַפאַלן.

— וואָס איז, קינד, דו קאָנסט שוין מער נישט? דו האָסט שוין נישט קיין כוח? ניין, ניין, דאָס קאָן נישט זיין, דאָס טאָר נישט זיין. דו מוזט זיין שטאַרק, רעגינקע, שטאַרק! דו מוזט איבערקומען, דו מוזט... וואָס וועל איך טאָן אָן דיר, קינד? ניין, דו טאָרסט נישט אַוועק, אָ, רוף זיך אָפּ מיין טייערע...

אַ שטילער קרעכץ איז פאַר בערטאַן געווען אַן ענטפער, אַז רעגינקע הערט און פאַרשטייט איר רוף.

זי איז צוגעפאַלן צו דעם גליענדיקן לייב פון איר קינד, זי האָט אירע כוחות אין די מינוטן איבערגעטראָגן אין דעם קליינעם קערפער.

מאַמע און קינד זענען געוואָרן איינס. בערטאַ האָט אין אירע ווערטער אַריינגעלייגט איר גאַנצע האָפענונג און איר גאַנצן גלייבן.

— ווער נישט מיד, קינד, טאָרסט נישט מיד ווערן. נאָך איין טאָג, ר'עגינקע, נעם צוזאַמען אַלע כוחות, הערסט מיך, קינד מיינס?...

נעכט און טעג זענען אָפּגעלאָפן. בערטאַ האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט.

דאָקטאָר מירסקי האָט אויף איר געשריען:

— מען טאָר נישט אַזוי פּאַני בערטאַ. איר האָט נאָך היינט נישט געגעסן, האָט די שוועסטער מיר געזאָגט.

בערטאַ האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון איר. זי האָט נישט געפילט דאָס באַדערפעניש פון עסן און שלאָפן. זי האָט בלויז נישט געוואָלט הערן דעם דאָקטאָרס בייזע שטים. ער שטערט איר צו הערן רע־גינקען. האָט זי גענומען דעם טעלער אין האַנט און האָט נישט געפילט ווי די הייסע זופּ באַרירט אירע ליפּן.

— איר מוזט אויפעסן דעם גאַנצן טעלער — האָט מירסקי געוואָרט. בערטאַ האָט צוגעטראָגן דעם לעפל צו איר מויל און נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון רעגינקעס פּנימל.

זי האָט דעם ליידיקן טעלער צוריקגעגעבן דער שוועסטער און גע־הערט ווי מירסקי זאָגט:

— איך מוז שוין גיין, נאָר געדענקט, מיטיק־צייט מוזט איר ווידער עסן. גיט אַכט, שוועסטער.

ווען דער דאָקטאָר מיט דער שוועסטער זענען אַרויס, האָט בערטאַ זיך אָוועקגעזעצט אויף רעגינקעס בעטל.

— האָסט געזען ווי זיי קאָרמען מיך — האָט זי גערעדט — גע־דענקסט, ווי כ'האָב דיך אַמאָל געקאָרמעט, רעגינקעלע, און דיר דער־ציילט אַ מעשה. אָ, ניין, הייבט ביסטו שוין אַ דערוואַקסן מיידל און מען דאַרף דיך מער נישט קאָרמען. וואָס האָסטו ליב, רעגינקע? געדענקסט? ווייל מיר איז זיך שווער צו דערמאָנען.

בערטאַ האָט זיך געוואָלט דערמאָנען די מאַכלים, וואָס רעגינקע האָט אַמאָל ליב געהאַט, אָבער טראָץ אַלע אירע אָנשטרענגונגען, האָט עס זיך איר נישט איינגעגעבן.

— וואָרט, וואָרט — האָט זי גערעדט צו רעגינקען — העלף מיר

נישט צו, איך מוז זיך אַליין דערמאָנען. דו לאַכסט, קינד? אמת, דיין מאַמע האָט אַזאַ קעצישן זכרון און פאַרגעסט אַלץ...

בערטאַס פּנים האָט אויפגעשיינט.

— זעסט, קינד, כ׳האָב זיך דערמאָנט. כ׳ווייס שוין איצט וואָס דו האָסט אַממערסטן ליב: לאָדעס (אייז־קרעם), ריכטיק?

רעגינקעס לאַנגע וויעס האָבן אויפגעצאַפּלט.

— כ׳האָב געטראָפן, זאָגסטו? נו, ווייסטו וואָס מיר וועלן טאָן, ווען דו וועסט געזונט זיין? מירן גיין גלייך צום איטאַליענער, אויף דער מאַר־שאַלקאָווסקע גאַס, און דיר הייסן געבן אַ גאַנצן טעלער לאָדעס. נאָר זאָג נישט אויס דעם דאָקטאָר, רעגינקע. זעסט דאָך, ער איז אַ בייזער און ער וועט ווידער אויף מיר שרייען. און איך האָב נישט ליב, אַז מען שרייט אויף מיר. צי כ׳בין מיד, פרעגסטו, קינד? ניי, ניין, כ׳בין גאָרנישט מיד, ווען איך שמועס מיט דיר, כ׳על נאָר אויף אַ ווייל צומאַכן די אויגן. נישט מער, ווי אויף אַ ווייל...

בערטאַס אויגן זענען צוגעפאַלן. זי האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף איר האַנט און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זיצט מיט רעגינ־קען ביים איטאַליענער אויף דער מאַרשאַלקאָווסקי גאַס און רעגינקע רעדט צו איר:

— פּאַרזוך, מאַמע, די לאָדעס...

בערטאַ האָט זיך אויסגעגליכן אויף איר שטול. זי האָט געפילט אויף איר צונג דעם קאַלטן באַריר פון דעם איטאַליענערס לאָדעס. דער דאָזי־קער באַריר האָט זי דערפרישט און זי האָט געעפנט די אויגן.

— וואָס איז דאָ אַזוי טומלדיק? — האָט זי זיך פאַרוווּנדערט אַרומ־געקוקט.

דער צימער איז געווען פול מיט מענער און פרויען אין ווייסע כאַ־לאַטן. זיי זענען געשטאַנען שווייגנדיקע מיט שולדיקע, הילפלאָזע פּנימער אַרום רעגינקעס בעט.

בערטאַ האָט רעגינקען נישט געזען. אירע אויגן האָבן שטאַר גע־קוקט אויף אַ ווייסער ברייטער פלייצע, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס בעט ווו רעגינקע איז געלעגן.

די ווייסע פלייצע האָט זיך לאַנגזאַם און שווער אויסגעגליכן.

— יאָ, נאָך אַלעם! — האָט בערטאַ דערקענט די שטים פון דאָק־טאָר מירסקי.

ערשט דעמאָלט האָט זי דערזען רעגינקען. די לאַנגע וויעס האָבן פאַרדעקט די אויגן, אויף איר פנימל איז געווען אויסגעשפרייט אַ רואי־קער קינדישער שמייכל.

— נאָך אַלעם... — האָבן בערטאַס ליפן די תפילה נאָכגעזאָגט שטיל קוים הערבאַר, דאָקטאָר מירסקיס צוויי ווערטער.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געפילט ווי הענט האַלטן זי אונטער.

— וואָס האַלטן זיי מיך צו — האָט בערטאַ געטראַכט — כ׳וועל נישט אַנטלויפן...

זי האָט זיך אויף די קני אַראָפּגעלאָזט פאַרן בעט און איר מויל האָט דערפילט דעם קאַלטן באַריר פון רעגינקעס שטערן.

מען האָט זי אויפגעהייבן פון דער ערד. הענט האָבן זי כסדר אונ־טערגעהאַלטן, ווי זי וואָלט געוואָלט אַנטלויפן. מען האָט זי געפירט פון איין שטוב אין די אַנדערע און דערנאָך אויף דער גאַס און דערנאָך האָט מען זי אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע. און אויך דאָרט, זיצנדיק אין דער דראָזשקע, האָט זי כסדר געפילט אויף אירע אָרעמס עפעס אַזוי פיל הענט.

— וואָס ווילן זיי פון מיר, די הענט? — האָט בערטאַ געטראַכט.

זי האָט געלאָזט אַלץ מיט זיך טאָן. אירע אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך טרוקענע, קאַלטע, גלייכגילטיקע. זיי האָבן געקוקט אויף די גאַסן, וואָס זי איז פאַרבייגעפאַרן, אויף דעם רויטן טראַמוויי, וואָס איז מיט אַ געקלינגעריי פאַרבייגעלאָפן אויף די הויכע גראָע הייזער און אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געמיניעט פאַר אירע אויגן.

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. בערטאַ האָט דערקענט איר הויז. ווידער האָבן הענט זי גענומען און געפירט.

דער סטרוזש איז געשטאַנען מיט אַ בעזעם אין האַנט פאַרן טויער. ער האָט מיט דער צווייטער האַנט אַראָפּגעצויגן דאָס היטל און זיך גע־צלמ׳ט ווי אויף אַ פּאַגזשעב.

אויף די טרעפּ איז געווען ענג און אומבאַקוועם. מענטשן האָבן זיך געשטופּט און ווייטער זי אונטערגעהאַלטן.

— לאָזט מיך אָפּ, איך קאָן אַליין גיין.

בערטאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם הילצערנעם אָנלען פון די שטיגן.

אַ טיר האָט זיך געעפנט און אַן עלטערע פרוי איז אין איר געבליבן שטיין, האַלטנדיק אין האַנט אַ טעפּל און מיט דערשראָקענע אויגן גע־קוקט פאַר זיך.

בערטאַ איז געבליבן שטיין פאַר דער פאַרמאַכטער טיר פון איר וווינונג. זי האָט געעפענט איר האַנט־בײטל און האָט געזוכט דעם שליסל.

דאָקטאָר מירסקי האָט איר אַרויסגענומען פון האַנט דעם שליסל און געעפנט די טיר.

— בערטאָ! — סאָניע איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צוצופאַלן צו איר. נאָר זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי עמיצער וואָלט איר פּלוצלינג אונטערגעהאַקט די פיס.

בערטאַ האָט צו איר אַ בלייכן שמייכל געטאָן און האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אין אַ ווייכן פאָטעל, וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט צו איר צוגערוקט.

זי איז געבליבן זיצן אין דעם פאָטעל און מיט גלייכגילטיקע אויגן געקוקט פאַר זיך.

אין דער שטוב איז געוואָרן זייער טומלדיק. מענטשן האָבן זיך גע־דרייט אַריין און אַרויס. עס זענען געווען צווישן זיי באַקאַנטע פּנימער. בערטאַ האָט דערקענט צווישן זיי דעם דאָקטאָר מירסקי און די שוועסטער פון שפּיטאָל און סאָניען און דניאל עפּשטיינען און ווישינסקין און לאַ־ניאַן און יאַנקלען און פּיניען. זי האָט אויך געזען פּנימער פרעמדע און זי האָט נישט געוווּסט וואָס זיי ווילן דאָ. עס האָט איר נישט געאַרט. געוויס דאַרפן זיי דאָ זיין.

פון צייט צו צייט איז עמיצער צוגעקומען צו בערטאַן, האָט עפּעס געזאָגט, צי געפרעגט זיך. בערטאַ האָט געהערט די שטימען, אָבער זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מ׳וויל פון איר און וואָס מ׳רעדט צו איר. אָבער אויך דאָס האָט איר נישט געאַרט. זי האָט עפּעס געענטפערט און נישט פאַרשטאַנען אירע אייגענע רייד.

אין אַ ווינקל פון שטוב איז געשטאַנען דניאל עפּשטיין. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט. אָדעק ווישינסקי האָט עפּעס אין

אים אַרײַנגערעדט און יאַנקל איז געשטאַנען דערנעבן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זאָל איך פֿרעגן בערטאָן? — איז צו בערטאָן דערגאַנגען װי־שינסקיס קול.

— מאָז זי צורו, טו װי דו פֿאַרשטייסט, אַדעק.

דער טומל איז שטוב איז געװאָרן נאָך גרעסער. װאָס אַמאָל מער פֿרעמדע מענטשן זענען אַרײַן און אַרױס.

בערטאַ האָט נישט געװוּסט װילאַנג דער טומל האָט געדױערט, אַ שעה צי אַ טאָג. זי האָט זיך צוגעװױנט צום טומל. זי איז נאָר געװען אַביסל מיד, האָט זי זיך אױפֿגעהײבן און איז אַרײַן אין דער צװײטער שטוב. איר בעט איז געשטאַנען צוגעבעט מיט דעם גרינעם זײַדענעם צו־דעק. זי האָט דעם גרינעם צודעק אַביסל פֿאַררוקט און זיך אַװעקגעזעצט.

צו אירע אױערן איז דערגאַנגען דער טומל פֿון דער צװײטער שטוב. פֿון מאָל צו מאָל איז עמיצער אַרײַנגעקומען שטיל, זיך געמאַכט עפּעס זוכן און געװאָרפֿן אַ באַהאַלטענעם בליק צו דעם בעט, װו בערטאַ איז האַלב געלעגן און האַלב געזעסן.

בערטאַ האָט אַ קוק געטאָן אױף דעם װײַסן כאַלאַט, װאָס האָט גע־האַנגען אױף איר.

— מען דאַרף אים שױן נישט — האָט זי צו זיך שטיל געזאָגט.

זי האָט זיך אױפֿגעשטעלט און געעפֿנט די קלײדער־שאַנק. זי האָט לאַנג געזוכט און האָט רואיק אַרױסגענומען אַ שװאַרץ זײַדן קלײד.

סאָניע איז אַרײַנגעקומען און געטראָפֿן בערטאָן מעסטנדיק זיך דאָס קלײד.

— סאָניע, העלף מיר צושפּילעװען בײַ דער פּלײצע — בערטאָס שטים איז געװען טרוקן און גלײַכגילטיק — שטענדיק קומט דאָס צושפּי־לעװען אָן שװער.

סאָניעס הענט האָבן זיך געטרײסלט. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי װעט נישט אױסהאַלטן און אױסברעכן אין אַ געװײן.

— װען װעט זײַן די לװיה? — האָט בערטאַ געפֿרעגט מיט דער פֿריערדיקער גלײַכגילטיקער שטים.

— באַלד... — האָט סאָניע קױם אַרױסגערעדט און געפֿילט, װי די טרערן לױפֿן אָן אין אירע אױגן.

בערטאַ איז צו דער לוויה געגאַנגען אַ רואיקע און שטייפע. איר פּנים איז געווען פאַרשלאָסן, אירע אויגן זענען געווען טרוקן, נאָר אויסגעלאָשן.

סאָניע און פּיניע האָבן זי געפירט איבער די גרינע אַלייען פון געבשער בית־עלמין. סאָניע האָט זי די גאַנצע צייט, ווען זיי זענען אַרויס פון שטוב, געהאַלטן אונטערן אָרעם און פּיניען האָט זי, בערטאַ אַליין, דערלאַנגט די האַנט, ווען זיי זענען געבליבן שטיין אויף דער געגנשער אַלייע.

דער ראַבינער פּערסקי, האָט געטראָגן אויף זיך די שוואַרצע יום־טובדיקע טאָגע, אָבער גערעדט האָט ער קורץ און טרוקן. ער האָט געהאַט גראָד צוגעגרייט אַ רעדע מיט הויכע טיפזיניקע מליצות, נאָר אַדעק ווישינסקי האָט אים נאַרוואָס געזאָגט:

— כ׳בעט אייך, ראַבינער, מאַכט עס קורץ און שנעל, איר זעט דאָך בערטאַן...

דער ראַבינער פּערסקי האָט געזען בערטאַס טרוקענע אויגן. אפשר וואָלט גלייכער געווען, אַז זי זאָל זיין נישט אַזוי רואיק, נאָר זי זאָל וויינען און שרייען אויפן קול, ווי עס טוען די פּשוטע יידענעס פון דער טוואַרדע גאַס. אָבער וואָס קאָן ער טאָן? ווישינסקי איז דאָך אַ שטובמענטש און ער ווייסט פּיילייכט בעסער.

האָט ער עס געמאַכט שנעל און איילעוודיק, דער ראַבינער פּערסקי, און באַלד דערנאָך אויסגעטאָן די שוואַרצע טאָגע. אַלץ איז צוגעגאַנגען שנעל און איילעוודיק. בערטאַ האָט רואיק מיט זיך געלאָזט אַלץ טאָן, וואָס עפּעס אַ פרעמדער ייד האָט געהייסן.

בערטאַ איז געגאַנגען מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן. זי האָט געזען אַרום זיך אַזוי פיל פרעמדע אומבאַקאַנטע פּנימער. זי האָט צווישן זיי געזוכט דאָס פּנימל פון איר ייִנגל, דעם קליינעם סאַמעק. אָבער גראָד זיין פּנים האָט זי נישט געקאָנט געפינען.

— בעסער וואָס ער איז נישטאָ — האָט זי צו זיך געזאָגט, ווען זי איז אַרויס פון געגנשער טויער.

אַקעגן איר איז אָנגעקומען אַ לוויה. פרויען האָבן הויך געכליפּעט, אַ יונגע פרוי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און פון איר מויל האָבן זיך אַרויסגעריסן היסטערישע קולות.

ווישינסקי האָט געגעבן אַ צייכן צו די וואַרטנדיקע דראָזשקעס. בערטאַ האָט נישט געפילט, אַז זי שפּאַרט זיך אָן אָן פּיניען און אַז פון דער אַנדערער זייט האַלט זי אונטער סאָניע.

ווישינסקי האָט בערטאַן אַריינגעשטופּט אין דער דראָזשקע. זי האָט נישט נאָכגעלאָזן פּיניעס אָרעם און ווישינסקי האָט אויך אים און סאָניען אַריינגעשטופּט.

בערטאַ האָט געוואָרפן אַ בליק צו דעם געגנשער טויער, ווו די יונגע פרוי איז נאָך אַלץ געשטאַנען און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. ערשט דעמאָלט האָט בערטאַ דערזען שטיין ביי דער דראָזשקע דניאל עפּשטיינען. זי האָט אים די גאַנצע צייט נישט געזען. זיין פּנים איז געווען אַש־גראָ און צעקנייטשט. ער איז געשטאַנען און ווי געוואַרט אויף אַ וואָרט, צי אַ צייכן פון איר. אָבער בערטאַ האָט נישט געהאַט וואָס אים צו זאָגן. די דראָזשקע האָט לאַנגזאַם גערירט פון אָרט און זי איז געפאָרן פון איין גאַס אין דער אַנדערער און בערטאַ האָט געקוקט מיט שטוינענדיקע אויגן אויף די דורכגייער וואָס איילן זיך, ריידן, לאַכן, ציען אַראָפּ די היט איינער פאַרן אַנדערן, טראָגן פּעקלעך און שטופּן זיך אַריין אין דעם אָנגעפּאַקטן טראַמוויי.

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און בערטאַ האָט ווידער דערזען דעם סטרוזש פון איר הויז מיטן בעזעם אין דער האַנט.

פּיניע האָט איר געהאָלפן אַרויסשטייגן. פאַרן טויער איז ער שטיין געבליבן. נאָר בערטאַ האָט זיין אָרעם נישט אָפּגעלאָזן, און ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

פּיניע האָט איר געהאָלפן אויסטאָן דעם פּאַלטאָ. סאָניע האָט דעם פּאַלטאָ אַרויסגענומען פון זיין האַנט און האָט אים אָפּגעטראָגן צו דער שאַנק.

פּיניע איז איר נאָכגעגאַנגען שווייגנדיק צו דער שאַנק. זייערע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן פאַרלוירענע, הילפלאָזע, ווי זיי וואָלטן איינע ביי די אַנדערע געפרעגט וואָס צו טאָן און נישט געפונען קיין ענטפער.

עס האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט. פּיניע האָט געעפנט די טיר. עס זענען אַריינגעקומען אַדעק ווישינסקי, יאַנקל, דער ראַבינער פּערסקי, דער באַבקיר וואַרסקי און נאָך עפּעס אַנדערע יידן, וועלכע זענען פּיניען געווען אומבאַקאַנט.

אַן אויסדרוק פון אומבאַהאָלפנקייט איז געלעגן אויף אַלעמענס פּנימער. אַפילו ווישינסקי האָט דאָס מאָל פאַרגעסן מיט טומלען זיך צו פאַרדעקן זיין אומבאַהאָלפנקייט און ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עמיצן איבערצוּוועקן.

— פאַר וועמען האָבן זיי אַלע אַזוי מורא? — האָט בערטאַ געטראַכט — פאַר מיין קליינער רעגינקע?

דער ראַבינער פּערסקי, האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שווייגן. ער האָט צו איר געזאָגט עטלעכע ווערטער און בערטאַ האָט אים געענטפערט מיט אַ רואיקער באַהערשטער שטים. דאָס ריידן האָט זיך נישט געקלעפּט. אויך יאַנקל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן בערטאַן, נאָר עפּעס האָט זיך די צונג אים פאַרפּלאָנטערט און ער איז געבליבן שטיל.

ווישינסקי האָט אָפּגעהוסט און הויך אַ זאָג געטאָן:

— נו, בערטאַ, דאַרפסט זיך אָפּרוען, מיר וועלן גיין.

עס האָט אויסגעזען ווי די מענטשן אין שטוב וואָלטן נאָר געוואַרט דאָס צו הערן. זיי האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל אויפגעשטעלט, האָבן זיך ארומגעקוקט מיט צעטומלטע בליקן און האָבן זיך געשטופּט צו דער טיר.

פּיניע איז אויך געשטאַנען ביי דער טיר, נאָר ווישינסקי האָט צו אים געזאָגט:

— אפשר וועסטו נאָך בלייבן, פּיניע, אַ ווייל...

פּיניע איז געבליבן און האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער ווישינסקין, וועלכער האָט גאָר שטיל צו אים אַ זאָג געטאָן:

— כ׳לויף איצט צו עפּשטיינען...

פאַרן טיש איז געזעסן בערטאַ און סאָניע האָט פאַר איר אַוועקגעשטעלט אַ גלאָז טיי.

— אַ דאַנק, סאָניע, נעם דיר אויך און גיב פּיניען אַ גלאָז טיי.

סאָניע האָט מיט טרייסלענדיקע הענט געבראַכט צום טיש נאָך צוויי גלעזער טיי, פאַר פּיניען און פאַר זיך.

בערטאַ האָט אַ זופּ געטאָן פון גלאָז און געזאָגט:

— כ׳האָב דיך שוין לאַנג נישט געזען, פּיניע, דו אַרבעסט ווייטער ביי יאַנקלען?

— יאָ, ביי יאַנקלען — האָט פּיניע קורץ געענטפערט.

בערטאַ האָט געטרונקען די טיי און האָט אים אויסגעפרעגט וועגן

זײַן אַרבעט און זײַנע פּאַרדינסטן און װעגן זײַן לערנען אין אוניװערזי־טעט און בײַם ראַבינער פּערסקי.

זי האָט אָװעקגערוקט פון זיך דאָס האַלב־אויסגעטרונקענע גלאָז און געזאָגט צו פּיניען:

— קאָנסט אַראָפּגײן מיט סאָניע אין גאַס, פּיניע, איך בין אַביסל מיד און איך װעל אַרײַנגײן צו מיר אין צימער.

פּיניע איז רויט געװאָרן. ער האָט נישט געװוסט װאָס צו זאָגן. זאָל ער בערטאַן דערצײלן, אַז סאָניע מײַדט אים אויס...

— איך בין אויך מיד — האָט סאָניע געזאָגט — און איך װעל שוין הײַנט נישט אַרויסגײן.

פּיניע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעשטאַמלט, אַז ער װעט מאָרגן אַרײַנקומען, און איז אַרויס.

— כ'װעל אויך אַרײַנגײן צו מיר — האָט בערטאַ זיך אויפגעשטעלט

— ביסט אויך מיד, סאָניע?

— אַביסל.

בערטאַ האָט פאַרמאַכט די טיר פון איר צימער. ענדלעך איז זי אַלײן. זי איז געװען רואיק און באַהערשט. זי האָט געװוסט, װאָס זי האָט צו טאָן. נאָך זײַענדיק אין שפּיטאָל.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן זײער באַליבטער שפּיל. סאָמעק האָט גע־װאָלט זײַן קאַפּיטאַן פון אַ שיף און רעגינקען האָט ער מיטגענומען אַלס קעכין, װאָס װעט צוגרײטן מיטיקן פאַרן אומדערשראָקענעם קאַפּיטאַן און זײַנע העלפער.

— װעסט מוזן געפינען אַ צװײטע באַגלײטערין אויף דײַן שיף, סאָ־מעק מײַנער — האָט בערטאַ זיך אויפגעשטעלט און איז אַרײַן אין דעם צװײטן צימער.

סאָניע איז געשטאַנען פאַרן שפּיל און זיך צעקעמט די האָר.

בערטאַ האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז װאַסער, האָט אַ קוק געטאָן אויף סאָניעס האָר און געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, סאָניע...

— אפשר דאַרפסטו נאָך עפּעס?

— אַ דאַנק, נײן, אַ גוטע נאַכט...

בערטאַ האָט צוגעמאַכט די טיר פון איר שטוב, זי האָט אַרויסגענו־

מען דאָס שאַכטל מיט די שלאָף־פּילן. זי האָט נישט געציילט, זי האָט לאַנגזאַם, איינס נאָכן אַנדערן אַראָפּגעשלונגען די פּילן, און נאָכגעטרונקען דאָס וואַסער.

זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף איר בעט. זי האָט גאָרנישט געפילט, נאָר עפּעס אַ רואיקע מידקייט האָט זי אַרומגענומען.

די אויגן האָבן זיך איר געקלעפּט פון מידקייט. זי האָט זיי קוים געקאָנט האַלטן אָפן. ערשט איצט האָט זי דערזען רעגינקען מיט אויסגעשפּרייטע הענטלעך און געהערט איר קינדיש קול:

— מאַמע, מאַמע!

— דערקענסט מיך, רעגינקע?

— געוויס, מאַמע, קום, מאַמע, כ׳וואַרט אויף דיר שוין אַ גאַנצן טאָג...

— כ׳גיי, קינד, אָט בין איך שוין ביי דיר, רעגינקע...

בערטאַס אויגן האָבן זיך צוגעשלאָסן און אַ רואיקער שמייכל האָט זיך צעלייגט איבער איר פּנים.

אינדרויסן האָט זיך דערטראָגן דאָס שווערע געקלאַפּעריי פון די וועגענער, וואָס האָבן אומהיימלעך אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

צווייטער טייל

קאַפּיטל פֿיראונצוואַנציק

רפאל גאָלד נעמט אויף געסט אין זיין פּאַלאַץ

רפאל גאָלד איז געשטאַנען ביים פענצטער פון זיין אַרבעטס־קאַבינעט און אַרויסגעקוקט אויף דעם זאָרגפעלטיק געפלעגטן גאָרטן, ווו עס איז געשטאַנען זיין פּאַלאַץ, וואָס ער, און צוזאַמען מיט אים גאַנץ לאָדזש, האָבן גערופן דאָס הויז, וואָס ער האָט דאָ, אויף זאַוואַדזקע גאַס, אין מיטן פון אַלע פאַבריק־קוימענס, אויפגעשטעלט.

רפאל גאָלד איז געווען שטאָלץ אויף זיין פּאַלאַץ. פאַר זיינע פריינט האָט ער זיך געריטמט, אַז ער אַליין האָט געצייכנט די פּלענער, האָט פּלאַנירט דעם גאָרטן מיט די וווּנדערבאַרע בלומען־אַלייען און אַז לויט זיינע אָנווייזונגען, זענען ספּעציעל פאַר אים געמאַכט געוואָרן די מעבל צו יעדער שטוב באַזונדער און אַז ער האָט דאָס געזאָרגט, אַז יעדע שטוב און יעדעס ווינקעלע אין דעם פּאַלאַץ, זאָל האָבן זיין באַזונדערן סטיל און חן.

אַלע אין לאָדזש, יידן און גוים, האָבן אַפילו געוווּסט, אַז פיל אינזשעניערן, אַרכיטעקטן, דעקאָראַטאָרן און מאָלערס האָבן זיך געפּאָרעט ביי גאָלדס פּאַלאַץ. גאָלד אַליין האָט אויך אַלעמען דערציילט וועגן די שווערע געלטער, וואָס די אַלע לייט האָבן ביי אים גענומען. ער האָט אָבער פאַרזיכערט, אַז זיי אַלע, די אַרכיטעקטן און די אינזשעניערן און די דעקאָראַטאָרן און די קינסטלער, האָבן מיט אַ פינגער נישט אַ ריר געטאָן אָן זיין באַפעל.

שווער צו וויסן ווי ווייט די צוהערער האָבן אים געגלייבט. דערפאַר אָבער האָבן זיי אַלע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און ער, גאָלד אַליין, איז טאַקע געווען זיכער אין דער אמתדיקייט פון זיינע רייד, אַז ער פאַרשטייט זיך מער אויף אַרכיטעקטור און אויף קונסט און אויף מאָלעריי ווי די אַלע לאַפּיטוטן, ווי ער האָט אין געדאַנק גערופן די אַלע לייט, וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט און פון אים געהאַט זייער פּרנסה.

עס זעט אָבער אויס, אַז די דאָזיקע זעלבסטזיכערקייט איז טראָץ אַלעם פאָרט נישט געווען קיין אַבסאָלוטע און פון צייט צו צייט האָט ער געמוזט זוכן אַ באַשטעטיקונג פון דרויסן.

די דאָזיקע באַשטעטיקונג האָט זיך געפונען אין איינער פון די שופּ־לאָדן פון דעם גרויסן מאַהאָן שרייבטיש, וואָס איז געשטאַנען אין אַ קרו־מען ווינקל אַקעגן דער טיר.

דער שופלאָד איז שטענדיק געווען פאַרשלאָסן און דאָס שליסעלע צו איר האָט רפאל גאָלד קיינעם נישט אַנגעטרויט. עס איז אָבער נישט דורכגעגאַנגען דער טאָג, אַז רפאל גאָלד, ווי מיד ער זאָל נישט זיין, זאָל נישט עפענען דעם דאָזיקן שופלאָד און זיך נישט נאָכאַמאָל באַקענען מיט זיין אינהאַלט.

דער שופלאָד איז געווען פול מיט אויסשניטן פון יידישע, פוילישע און אַפילו דייטשע ציימונגען, און מיט בריוו פון אינסטיטוציעס און פון וויכטיקע מענטשן. אין זיי אַלע איז געזאָגט געוואָרן, אַז ער, רפאל גאָלד, איז דאָס וווּנדער־קינד פון דער ווונדער־שטאָט לאָדזש, אַז דאָס וואָס ער האָט באַוויזן, האָט נאָך קיין שום ילוד־אשה נישט באַוויזן צו טאָן און, אַז אַ חוץ זיינע גרויסע אויפטוען איז ער טאַקע אויך פול מיט תורה און חכמה און דערצו איז ער דער אמתדיקער אייראָפּעער און דער אמתדיקער פּאַטריאָט פון פוילישן לאַנד.

רפאל גאָלד האָט שוין געקאָנט פון אויסנווייניק דעם אינהאַלט פון יעדן פּאַפּירל. פונדעסטוועגן איז ער נישט מיד געוואָרן, זיי אַלע נאָכאַ־מאָל איבערציילייענען און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויפסניי געלייענט, האָט ער געפילט די זעלבע הנאה ווי צום ערשטן מאָל.

וואָרעם טיף אין האַרצן אין רפאל גאָלד פאַר זיך אַליין געווען אַן אומגלויבלעכע איבערראַשונג. ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי ער איז געקומען צו דעם אַלעם, צו דעם פּאַלאַץ אויף זאַוואַדזקע גאַס און צו דער פאַבריק מיט צוואַנציק טויזנט אַרבעטער און צו דעם, אַז ער זאָל פאָרן מיט אַ קאַטש איבער דער גאַס און פוילישע כראַביעס זאָלן פאַר אים, רפאַלטשען, ציען דעם הוט.

ער וואָלט געוואָלט פאַרגעסן, אַז ערשט נישט לאַנג האָבן אים אַלע גערופן רפאלטשע. ער האָט זיך נישט ליב צו טרעפן מיט זיינע ברידער און שוועסטער און ער מיידט אויס, צוליב דעם, צו קומען צו זיין פאָטער אין שטוב. די ברידער ווייסן, אַז ער האָט פיינט דעם קלאַנג פון דעם נאָמען און צו להכעיס רופן זיי אים דווקא רפאלטשע.

רפאל גאָלד גייט אַוועק פון פענצטער. ער זעצט זיך אויף זיין ברייט־

טער שטול לעבן דעם גרויסן שרייב־טיש. ער עפנט אויף די פֿאַרשלאָ־סענע שופֿלאָד און ציט אַרויס איינס נאָכן אַנדערן די צייטונגס־אויס־שניטן און אַנדערע פּאַפּירן, וואָס זאָגן עדות וועגן זיין גרויסקייט.

ער לייענט זיי נישט באַלד. פֿריער פֿרישט ער אויף אין זכרון די צייטן, ווען ער האָט נאָך ביי אַלעמען געהייסן רפֿאלטשע. ער האָט גע־טראָגן לאַנגע דינע פּיאהלעך, ווי אַלע אַנדערע ייִנגלעך אויף דער צע־גליאַנע גאַס. ער איז צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען אין חדר, האָט באַקומען קלעפּ מיט דער גאַרטל פֿון מלמד און די מאַמע האָט געשריען, ווען ער איז אַהיימגעקומען מיט אַ צעריסן היטל פֿון די מלחמות, וואָס ער האָט געפֿירט מיט די ייִנגלעך אין דעם גרויסן חדר־הויף.

אין יענע צייטן האָט ער געוואָלט זיין אַ גענעראַל. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי אַ גענעראַל זעט אויס, אָבער ער האָט זיך אים פֿאָרגע־שטעלט אין דער געשטאַלט פֿון סטראַזשניק אויף דער גאַס, מיט די גרוי־סע געלע וואָנסעס און מיט אַ שווערד, פֿאַר וועלכן די חדר־ייִנגלעך אַנט־לויפֿן צעשראָקענע און צעטומלטע.

שפּעטער זענען געקומען אַנדערע פֿאַרלאַנגען. איינמאָל איז דער רבי געקומען צו זיי אין שטוב. חסידים האָבן איבערגעקערט די וווינונג, האָבן זיך געשטופּט בייטאָג און ביינאַכט און האָבן אַפֿילו די שויבן צעבראָכן. האָט רפֿאלטשע געקלערט, אַז ער וועט אויך זיין אַ רבי און צו אים וועלן זיך אויך חסידים שטופּן. ער האָט אויפֿגעהערט זיך צו שפּילן מיט די ייִנגלעך, האָט לאַנג געדאַוונט און ביים לערנען געקרעכצט מיט אַזאַ ניגון ווי זיין טאַטע.

די מאַמע האָט צו אים צוגענומען אַ לערער. ביי וועמען ער האָט געלערנט חשבון און לשון־קודש. ביי דעם לערער האָט ער באַקומען גע־באָרגט די לשון־קודשדיקע „הצפֿירה” פֿון וואַרשע. דעמאָלט האָט ער גע־טראַכט צו אַנטלויפֿן פֿון שטוב קיין בערלין, דאָרט וועט ער ווערן נאָך אַ גרויסער קענער, ווי חיים זעליק סלאָנימסקי, און שפּעטער מאַכן פּונקט ווי ער אַ צווייטע „הצפֿירה”.

אנשטאָט קיין בערלין, האָט אים דער טאַטע צו זיבעצן יאָר חתונה געמאַכט מיט אַ מיידל פֿון אַ קליין שטעטל און ער האָט געגעסן קעסט ביי דעם שווער.

זיינע חברים אין שטעטל האָבן, ווי ער, געגעסן קעסט ביי זייערע

שווערס און זיי זענען דערפאַר געזעסן אין שטיבל פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. רפאלטשע איז זיי אַלע איבערגעשטיגן. מיט זיין ווייב, וואָס איז געווען נאָך אַ קינד פון זעכצן יאָר, האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ריידן. איז ער פאַרטאָג אַוועק אין מקווה און פון דאָרט גלייך אין שטיבל, און ווען די אַנדערע יונגעלייט זענען געקומען מיט פאַרשלאָפענע אויגן, האָט רפאלטשעס גמרא־ניגון זיך הויך צעקלונגען איבערן שטיבל. ביינאַכט האָט ער געלערנט זוהר און אַנדערע קבלה־ספרים און זיינע חברים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער ווייסט פון אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע מ׳טאָר נישט ריידן מיט יעדן איינעם.

פרייטיק, נאָך צוועלף בייטאָג, האָט ער שוין אָנגעטאָן די אַטלאַסע־נע קאַפּאָטע און דאָס שטריימל און מיט די הויכע ווייסע זאָקן אין די פּלאַטשיקע לאַטשן האָט ער אין זיין ווייבס צעשראָקענע אויגן אויסגעזען ווי אַ רבי.

די צייט פון די קעסט איז אָבער שנעל אָפּגעלאָפן. אין שטוב האָט זיך שוין געהערט דאָס געוויין פון אַ קינד. האָט דער טאַטע אים געגומען צו זיך קיין לאָדזש. נישקשה, אין לאָדזש, אַז אַ יונגערמאַן דרייט זיך ביי אַ טאַטן אַ סוחר, איז דאָ ברוך השם פּרנסה. רפאלטשע האָט אויסגעטאָן די ווייסע זאָקן, האָט קירצער צוגעשוירן די פּיאות. ער האָט שוין מער נישט געטראַכט וועגן די סודות פון זוהר. ער האָט געוואָלט דערגרונטע־ווען די סודות פון די גרויסע לאָדזשער פאַבריק־קוימענס. אַלע האָבן דער־מאָלט גערעדט וועגן דעם דייטש ברייער און זיין פאַבריק, וואָס וואַקסט ווי אויף הייוון.

דער אַלטער ברייער פלעגט אַמאָל זונטיק אַריינקומען צו זיין פאָ־טער. זיי האָבן זיך נאָך געקענט פון די אַמאָליקע צייטן. דער אַלטער ברייער האָט דערציילט וועגן די אַמאָליקע צייטן און געפּיפּקעט אַ לולקע מיט ביליקן טאַבאַק.

רפאלטשען האָט דער שאַרפער טאַבאַק געריסן די אויגן, אָבער ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון דעם אַלטן ברייער. און יעדעס מאָל, ווען דער פאָטער האָט באַדאַרפט אַ שליחות צו ברייערן, האָט רפאלטשע קיין אַנ־דערן נישט געלאָזט גיין. ער האָט פון דעם אַלטן ברייער געוואָלט אַרויס־באַקומען די סודות פון זיין הצלחה, אָבער דער אַלטער האָט געהאַלטן אין

אײן פּיפּקען די לולקע און אויסרײדן אַלדאָס בײז אויף די נײַע מאָדעס, וואָס מאַכן מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער דאָס לעבן.

ער האָט גערעדט האַלב דײַטש און האַלב ייִדיש, דער אַלטער ברײַער, און רפאַלטשע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו דעם אַלטנס רייד און אַפילו געזאָגט:

— ריכטיק, הער ברײַער...

דעם אַלטן איז געפעלן געוואָרן דער שטילער יונגערמאַן, וועלכער איז אויך נישט צופרידן מיט די נײַע מאָדעס און ער האָט פון דער צווייטער שטוב אַרײַנגערופן זײַן בן־יחיד און צו אים געזאָגט:

— זעסט, אַלבערט, חבר זיך בעסער מיט דעם יונגן גאָלד, איידער מיט דײַנע פּוסט־און־פּאַסניקעס, וואָס ווייסן נאָר צו הולטאַיעווען...

אַלבערט איז שוין געווען אַנגעטאָן גרייט אַוועקצוגיין. די יונגע טענצערין לאָלאַ, פון דער אָפּערעטע, האָט אים צוגעזאָגט דעם גאַנצן אָוונט אַליין צו שענקען. ער האָט נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פון דעם אַלטן אַביסל געלט און דאָ גאָר שיקט אים דער אַלטער אָן עפּעס אַ ייִדיש אָנשיקעניש. ער האָט אַ קרומען קוק געטאָן אויף רפאַלן און געטראַכט:

— ווי ווערט מען פון אים פּטור און ווי באַקומט מען אַרויס פונעם אַלטן די פּאָר גראָשן?

— עס פרייט מיך, הער גאָלד, פיללײַכט ווערט איר מיט מיר אַרײַנגײן אין מײַן צימער.

רפאַלטשע האָט געזען, אַז ער איז נישט קיין אָנגעלייגטער גאַסט ביי דעם יונגן ברײַער.

אין דעם יונגן ברײַערס צימער איז אויפן טיש געלעגן אַ פּאַלטאָ, אַ שטעקן און אַ הוט.

— איך זע, הער ברײַער — האָט ער געזאָגט — אַז איר האָט זיך געגרייט אַוועקצוגיין. איך וויל אײַך נישט שטערן. איך פאַרשטיי, אַז נישט פון אַלעם דאַרף וויסן דער אַלטער הער. נו, וועלן מיר צוזאַמען אַרויסגיין און געזעגענען זיך ביים טויער.

אַלבערט האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. דאָס ייִדל געפעלט אים. ער פאַרשטייט אַן עסק.

— אַ דאַנק, הער גאָלד, איך איִל זיך גראָד היינט, איר פאַרשטייט, אַ מיידעלע, נו, און דער אַלטער, איר ווייסט דאָך, ווי די אַלטע...

— יאָ, כ׳ווייס, נישט לייכט מיטן אַלטוואַרג...

— נאָר די צרה איז, וואָס זיי זענען אַזוי קאַרג...

— און זיי פרעגן שטענדיק וואָס מען דאַרף נישט... — האָט רפאל־טשע צוגעוואָרפן — יאָ, כ׳ווייס, נאָר אויב איך קאָן אייך דינען, הער ברייער...

ער האָט געהאַט אין טאַש געלט, וואָס דער פאָטער האָט אים געגעבן צו צאָלן מאָרגן אַ וועקסל. ביז מאָרגן וועט ער זיך שאַפן אַנדער געלט. וויכטיקער איז צו ווערן גוטער פריינד מיט ברייערס זונדל.

— כ׳ווייס נישט — האָט אַלבערט זיך געוואַקלט — פיליכט ניי־טיקט איר זיך...

— ביטע, ביטע, עס וועט זיין פאַר מיר אַ פאַרגעניגן...

אַזוי האָט זיך אָנגעהייבן די פריינדשאַפט צווישן דעם יונגן גאָלד און דעם יונגן ברייער.

דער אַלטער ברייער איז פון דער פריינדשאַפט געווען צופרידן. זינט יענעם טאָג האָט זיין בן־יחיד אַלבערט אויפגעהערט צו קומען צו אים יעדן טאָג מיט פרישע טענות וועגן געלט.

— הע, הע, זעט אויס — האָט ער געטראַכט — אַז דער יונגער גאָלד האָט אַ גוטע ווירקונג אויף אַלבערטן און ציט אים אָפּ פון זיינע ביז אַהער־ריקע הולטאַיסקע חברים.

און ער פלעגט כסדר זאָגן צו רפאלטשעס פאָטער, אויף דעם לאָד־זשער יידיש:

— ער איז אַ גוטער קערל, ר׳ הערשל, דיין רפאלטשע, שיק אים צו אַביסל אָפטער צו מיין אַלבערטן.

ר׳ הערשל גאָלד איז פון דער חברשאַפט נישט געווען צופרידן. געשעפט איז געשעפט, אָבער חברשאַפט מיט אַן ערל איז נישט קיין ענין פאַר אַ חסידישן יונגנמאַן. און דער אַלבערט, זאָגט מען אין שטאָט, איז גאָרנישט קיין לייט, הולטאַיעוועט און טוט אַפילו נישט אַ שמעק אַריין אין פאָטערס פאַבריק.

פלעגט ער דעריבער זאָגן צו זיין זון:

— גיי גלייכער אין אָוונט אין שטיבל, כ׳ווייס נישט וואָס דו האָסט

זיך אָנגעטשעפּעט אָן דעם שייגעץ... ס׳איז נישט אונדזערס ס׳גאַל...
און ער האָט צוגעגעבן:

— מילא, דער אַלטער ברייער פאַרשטייט כאָטש זיך אויף געשעפט. דער שייגעץ זיינער איז דאָך אינגאַנצן אַ פּוסטע כלי.

די גוט־פריינדשאַפט צווישן אַלבערטן און רפאלטשען, איז אָבער גע־וואָרן שטאַרקער מיט יעדן טאָג.

רפאלטשע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דעם זון פון רייכן ברייער דאַרף נישט פעלן קיין געלט. עס וועלן זיך געפינען בעלנים, וואָס וועלן אים באָרגן וויפיל נאָר ער וועט וועלן.

— אָבער ווי אַזוי וועל איך צוריקגעבן?

— אַ מענטש לעבט נישט אייביק, אַלבערט...

— וועלן זיי וועלן וואַרטן ביז דער אַלטער וועט צומאַכן אַן אויג?

— זיי וועלן וואַרטן אַזוי לאַנג, ווי עס וועט נייטיק זיין, אַלבערט.

— אויסגעצייכנט. מ׳וועט קאָנען אַ לעב טאָן און אַז דער אַלטער וועט צומאַכן אַן אויג, וועל איך דאָ איין טאָג נישט בלייבן, כ׳על אַוועק קיין פּאַריז און קיין לאָנדאָן און קיין רוים. כ׳על איין טאָג נישט זיצן אין דעם העק. אָבער וועט מען קאָנען פאַרקויפן די אַלע שוואַרצע קוימענס, אויף וועלכע כ׳קען נישט קוקן?

— זאָרג נישט, אַלבערט. איך האָב אַפילו שוין היינט אַ קונה.

— שוין היינט, זאָגסטו? ווער איז דער קונה דיינער?

— איך.

— דו?!

אַלבערט האָט אָנגעשטעלט אויף דעם יונגן גאָלד זיינע אויגן, ווי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל געזען.

— דו שפּאַסט — האָט ער געזאָגט — וואָס הייסט דו וועסט קויפן?...

— איך האָב דיר געזאָגט איין מאָל, אַלבערט...

— איז אפשר קאָנסטו מיר שוין געבן האַנט־געלט?

— געוויס, אַלבערט.

— צען טויזנט, ביז מאָרגן.

— וועסט מאָרגן האָבן די צען טויזנט.

אַלבערט האָט געשמייכלט. ער האָט געוווּסט, אַז זיין פריינד פאַר־

מאַגט נישט אַזאַ סומע און ער לעבט פון דעם קליינעם געהאַלט, וואָס זיין פאָטער ר׳ הערשל צאָלט אים יעדן פרייטיק אויס.

צומאָרגנס אינדערפרי איז רפאלטשע געקומען צו אַלבערטן אין שטוב, ווען ער איז נאָך געלעגן אין בעט.

— אַזוי פרי? — האָט אַלבערט זיך געריבן די אויגן פון שלאָף — וואָס איז געשען?

— כ׳האָב געבערענגט דיר דאָס האַנט־געלט — האָט רפאלטשע אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ טונקל ברוינע לעדערנע טעקע.

— ביסט פאַרריקט?

— צייל איבער.

אַלבערט האָט מיט טרייסלענדיקע הענט געעפנט די טעקע און גע־נומען ציילן די צונויפגעלייגטע באַנקנאָטן.

— האָסט באַגנבעט אַ באַנק? זאָג, ווי אַזוי האָסטו דאָס געמאַכט?

— כ׳האָב אַ שליסל, וואָס מאַכט אויף יעדע באַנק, אַלבערט...

—אַ שליסל, זאָגסטו, אַ שליסל? ווייז אים אַהער...

— דער שליסל הייסט צוטרוי, אַלבערט...

— ביסט שוין איינמאָל אַ יאַט, רפאלטשע, שוין איינמאָל...

— כ׳בעט דיך, אַלבערט, הער אויף מיך צו רופן רפאלטשע...

— וואָס איז מיט דיר היינט, רפאל...

— כ׳הייס ראַפאַל...

— זאָל זיין ראַפאַל, נאָר ווייסט, וואָס כ׳וועל טאָן, ס׳געלט באַ־האַלט איך אויף ווינטער, איך וועל מיטן אַלטן זיך נישט געזעגענען און מאַכן ויברח קיין פאַריז, ער וועט פלאַצן, דער אַלטער.

פון דעם טאָג אָן איז די גוטפריינדשאַפט צווישן דעם יונגן אַלבערט און רפאלן פאַרפעסטיקט געוואָרן דורך דעם סוד, וואָס האָט זייביידן פאַרבונדן.

אַלבערט האָט אים דערציילט ווי דערעסן עס האָט אים שוין דאָס לעבן מיט דעם אַלטן ברייער, וואָס פאַרשטינקט אַלע שטיבער מיט זיין לולקע און האַלט אַ גאַנצן טאָג אין געוואַלדעווען, אַז מען פאַרטאַכלעוועט אים דאָס פאַרמעגן. ער וועט זיך אויפהענגען, ווען כ׳וועל אַוועק קיין פאַריז....

און רפאל האָט אים דערציילט, אַז ער וועט איינפירן אַ גאַנץ אַנ־

דערע אָרדענונג אין דער פֿאַבריק, נאָכדעם ווי ער וועט ווערן באַלעבאָס, ער וועט שיקן וואַיאַזשאָרן קיין אוראַל און קיין קאַווקאַז און אַפֿילו קיין כינע...

אַלבערט האָט באַוווּנדערט זײַן יונגן פֿרײַנד, וואָס רעדט האַלב יידיש און האַלב דײַטש, מיט אַ צעצויגענעם ניגון און ער האָט אים געוואָלט באַקענען מיט זײַנע פֿרײַנד און פֿרײַנדינס, ג׳יט וועלכע ער טרעפֿט זיך אין די פֿריילעכע נאַכט־לאָקאַלן.

ביי אַלבערטן אין שטוב האָט רפאל באַהאַלטן זײַן יידיש היטעלע און די לאַנגע קאַפּאָטע און זיך אָנגעטאָן אין אַלבערטס בגדים, וואָס האָבן אים געפּאַסט. שווערער איז געווען מיטן בערדל, וואָס האָט אָנגעהייבן וואַקסן. האָט ער אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן עס איז איין פּאַרקעמען היגטער דער גאָמבע, אַז עס זאָל אויסזען וואָס קלענער.

ער האָט מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ זיך געלאָזט פֿירן פֿון אַלבערטן און ער איז געזעסן אַ צעטומלטער צווישן די דאָזיקע אויסגעפּוצטע יונגעלייט, וואָס האָבן נישט גערעדט וועגן בייִנוול און שניט־סחורה, נאָר וועגן פֿערד־געיעגן און שוישפּילערינס, וועגן יאַגד און ליבעס.

נאָך מער פֿאַרלוירן האָט ער זיך געפֿ״לט, ווען צו די מענער האָבן זיך צוגעזעצט יונגע פֿרויען מיט טיף אויסדעקאָלטירטע קליידער. זיי האָבן גערעדט שנעל און געלאַכט.

רפאל האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן ווייב מיטן בלייכן פּנים און גרויסן שייטל און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע דאָ ווייסן, אַז ער באַהאַלט זײַן קאַפּאָטע ביי אַלבערטן אין שטוב און ווי אַלע לאַכן פֿון אים.

ער איז געשטאַנען און געקוקט ווי די מענער נעמען אַרום די פֿרויען, דריקן זיי צו זיך ביים טאַנצן.

ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן, ער האָט געוווּסט, אַז אַלע קוקן אויף אים מיט שפּאָט, אָבער ער האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט.

— איך וועל טאַנצן בעסער פֿון זיי — האָט ער זיך צוגעזאָגט.

ער איז ביינאַכט אַהיימגעגאַנגען מיט אַלבערטן און ביי אים אין שטוב צוריק אָנגעטאָן די קאַפּאָטע און דאָס היטעלע.

— אַלבערט, — האָט ער געזאָגט — כ׳וויל זיך לערנען טאַנצן.

— עס זענען דאָ אין שטאָט קורסן...

— אָבער מײַן טאַטע, אַלבערט...

— יעדער האָט צרות מיט זיין אַלטן, וואָרט, לאָמיך אַ טראַכט טאָן וואָס צו טאָן. ווייסטו וואָס? כ׳האָב דאָ אין שטוב אַ גראַמאָפאָן, וועסטו קומען איינמאָל אין דער וואָך און איך וועל דיך לערנען...

רפאל גאָלד האָט נישט פאַרפעלט קיין איין לעקציע פון אַלבערטן. בייטאָג האָט ער געאַרבעט אין פּאַטערס שניט־סקלאַד. און ווען ער איז ביינאַכט אַהיימגעקומען, האָט ער גענומען באָלד נאָכן עסן זיך פאַרשלאָסן אין זיין שטוב.

זיין ווייב האָט אים עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז עס איז שוין צייט צו גיין שלאָפן, אָבער ער האָט איר צומאָל נישט געענטפערט. זי האָט שטיל אָפּגעבייגן די טיר און געזען ווי ער זיצט איבערגעבייגן איבער ספרים.

זי האָט נישט געוווּסט איבער וואָסערע ספרים ער זיצט. זי האָט אָבער געוווּסט, אַז ווען אַ ייד לערנט תורה טוט ער עס מיט אַ ניגון, מיט אַ צעשאָקלען זיך. ער אָבער מורמלט עפּעס אין דער שטיל און איר דאַכט זיך, אַז דאָס מורמלען איז גאָר אויף גוייִשע לשונות.

זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם אַלעם, און אים איבערפרעגן האָט זי נישט געהאַט קיין דרייסטקייט.

זי געדענקט ווי באָלד נאָך דער חתונה איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין היוכן שטריימל און אין ווייסע זאָקן און האָט אויסגעזען ווי אַ גוּ־טער ייד.

דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. איז זי אַריין אין דער צווייטער שטוב און גענומען וויגן דאָס קינד.

ווען דאָס קינד איז שטיל געוואָרן, האָבן די אויגן ביי איר זיך גע־קלעפּט, זי איז גלייך איינגעשלאָפן און נישט געהערט ווען איר מאַן איז אַריינגעקומען.

אַלבערט האָט געהאַלטן וואָרט. סוכות־צייט איז ער פאַרשווונדן פון שטוב. ער האָט איבערגעלאָזט אַ קורץ בריוול צו זיין פאָטער, דעם אַלטן ברייער. ער, רפאל גאָלד, איז געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט באַגלייט אַלבערטן פאַרטאָג צו דער באַן. אים האָט אויך אַלבערט, שוין שטייענדיק אויפן טרעפּל פון וואַגאָן ערשטע קלאַס, איבערגעגעבן דעם בריוו אַריינצוּוואַרפן אין פּאָסט צו זיין פאָטער, און געזאָגט:

— וואַרף עס אַריין אין פּאָסט־קעסטל... דער אַלטער וועט זיך אויפ־הענגען, ווען ער וועט עס דורכלייענען.

אין דעם בריוול האָט אַלבערט מיטגעטיילט זיין פאָטער, אַז ער פייפט אויף אים און זיין פאַבריק און זיינע געשעפטן און אַז ער וועט קיינמאָל נישט צוריקקומען צום פאַרויכערטן לאָדזש מיט זיינע שוואַרצע פאַבריק־קוימענס.

דער אַלטער ברייער, איז געקומען צו לויפן צו ר׳ הערשלס סקלאַד. ער האָט געזידלט און געשאָלטן זיין זון און געשריען, אַז ער וועט זיין גאַנץ פאַרמעגן צעטיילן צווישן אָרעמעלייט און דעם לומפּ אַלבערט נישט איבערלאָזן אַ גראָשן ירושה. ער האָט אָבער פריער געוואָלט וויסן ביי וועמען זיין זון האָט באַקומען געלט אויף הוצאות און געקוקט קרומלעך צו דעם יונגן גאָלדן.

רפאל האָט געשוויגן און געטאָן זיין אַרבעט אין זיין פאָטערס סקלאַד און בלויז פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק צו דעם אַלטן ברייער, וועל־כער האָט בייז געקלאַפּט מיט דער לולקע איבערן טיש.

דער אַלטער ברייער האָט לאַנג זיך נישט געשאָלטן. דער דינער האָט אים איינמאָל אינדערפרי געפונען אויסגעצויגן פאַר זיין בעט. די לולקע מיטן ביליקן טאַבאַק איז געלעגן אויף דער ערד לעבן אים. ערשט דעמאָלט האָט רפאל גאָלד געזאָגט ר׳ הערשלען, זיין פאָטער, ווו מען קאָן געפינען דעם תכשיט אַלבערט.

— הם, — האָט הערשל געוואָרפן אַ פאַרשנדיקן בליק אויף זיין זון — האָסטו, הייסט עס, יאָ געוווּסט?...

— איך האָב, מיט אייניקע טעג צוריק, דערהאַלטן פון אים אַ בריוו.

מער האָט ער אים נישט געזאָגט און ר׳ הערשל האָט געוווּסט, אַז מער וועט ער פון אים נישט אַרויסבאַקומען. אַלבערט האָט זיך געפונען ביי אַ באַזוך ביי פּרעה דעם מלך פון מצרים און זיינע פּיראַמידעס. ער האָט שוין נישט געקאָנט קומען צו דער לוויה, האָט מען אים בלויז טע־לעגראַפירט, אַז ער זאָל קומען איבערנעמען דעם אַלטן ברייערס ירושה.

אַלבערט אָבער האָט נישט געוואָלט אַוועק פון פּרעהס פּיראַמידעס. ער האָט דאָרט געפונען אַ פריילעכע קאָמפּאַניע פון רייכע זינדלעך פון ענגלישע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן אויך, ווי ער, אין זוניקן מצרים געזוכט אַ רפואה צו זייער „ספּלין". האָט ער, אַלבערט, אָנגעשריבן אַ קורץ בריוול

צו זיין פריינד רפאל גאָלד און אים דערמאָנט אָן דעם האַנט־געלט און האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט, צוגעגעבן:

— ... איך האָב נישט בדעה צוריקצוקומען צו דעם פאַרשטונקענעם לאָדזש. איך פאַרברענג דאָ די צייט מיט פריילעכע ענגלענדער, וואָס האָבן געלט ווי מיסט. זיי ווילן ביי מיר אָפּקויפן די פאַבריק, נאָר כ'האָב זיי גע־זאָגט, אַז דו האָסט מיר געגעבן האַנט־געלט. פיר וואָכן וועל איך וואַרטן אויף דיר, טאָמער קומסטו נישט צו דער צייט, זיי וויסן, וועט זיין צו שפּעט.

רפאל גאָלד איז געוואָרן בלייך, ווען ער האָט דורכגעלייענט דאָס בריוול. ער איז גלייך אַוועק צו דער שיפס־געזעלשאַפט אויף דער פּיעט־ריקאָווער גאַס. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַלבערט מאַכט מיט אים שפּאַס און האָט געוואָלט וויסן, צי ער וועט נאָך באַווייזן צו קומען צום מצרישן פּרעה צו דער ריכטיקער צייט.

דער באַאַמטער פון דער שיפס־געזעלשאַפט האָט מיט זיינע גרויסע ברילן־גלעזער באַטראַכט דעם יונגנמאַנטשיק מיט דעם שוואַרצן בערדל און קליינעם היטעלע, וואָס איילט זיך אַזוי קיין עגיפּטן. אין דעם גרויסן וואַרטע־זאַל זענען געזעסן יידן און יידענעס מיט פאַרכמורעטע פּנימער און געוואַרט אויף דער שיפסקאַרטע, וואָס דאַרף זיי ברענגען צום ווייטן ניו־יאָרק. דער יונגערמאַנטשיק אָבער וויל וויסן ווי אַזוי מען קומט קיין קאַירע, האָט דער באַאַמטער נאָכגעקוקט אין פאַרשידענע פּאַפּירן און געזאָגט:

— איר וועט אייך מוזן גוט צואיילן, יונגערמאַן, אויב איר איילט זיך אַזוי שטאַרק. אין דריי טעג אַרום גייט אָפּ אַ שיף פון טריעסט.

רפאל גאָלד איז אין דעם טאָג שפּעט געקומען אין זיין פאָטערס סקלאַד.

פון דער שיפס־געזעלשאַפט איז געוועזן סך הכל צוויי טריט צו דער באַנק. דאָרט איז געלעגן רפאל גאָלדס נדן. עס איז נישט געווען קיין סך. אָבער עס איז געווען גענוג צו קויפן אַ שיפסקאַרטע קיין קאַיר און צוריק און עס איז אים נאָך עפּעס געבליבן אין טאַש.

דער באַאַמטער האָט געקוקט מיט שטוינען אויף דעם יונגנמאַנטשיק וואָס טוט צומאָל נישט אַ קלער, ווען ער לייגט אַוועק דאָס געלט אויפן טיש. ער איז געוווינט געווען צו קליענטן, וואָס האָבן וואָכן נאָכאַנאַנד

געהאַלטן זיך אין מיישב זיין און חרטה האָבן איידער זיי האָבן איינגע־צאָלט פאַר דער שיפסקאַרטע.

ער איז געווען נייגעריק, דער באַאַמטער, און ער האָט זיך געגרייט צו פאַרפירן אַ לענגערן געשפרעך מיט דעם מאָדנעם יונגנמאַן. ער האָט עפּעס געענטפערט אַן אַלטן ייד, וואָס האָט געהאַלטן אַ פּאַק פּאַפּירן אין זיינע צעטרייסלטע הענט און ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין דער יונגערמאַן נישט געווען.

— אַזאַ יאָגעניש — האָט דער באַאַמטער אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס און געזען, ווי רפאל גאָלד גייט מיט איילעוודיקע טריט איבערן ענגן טראָטואַר.

— וואָס אַזוי שפּעט? — האָט אים באַגעגנט ר׳ הערשל.

— כ׳פאָר אַוועק, טאַטע.

דער טאָן איז עפּעס נישט געפעלן געוואָרן ר׳ הערשלען.

— וווהין פאָרסטו, רפאלטשע? האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט, און וואָס עפּעס אַזוי פּלוצלינג?

— עס האָט זיך אַזוי געמאַכט...

— דו רעדסט מיר היינט עפּעס מיט רעטענישן, רפאלטשע...

— כ׳פאָר צו אַלבערטן.

— משוגע־מטורף, מיינע שונאים, צו אַלבערטן גאָר...

— כ׳האָב נישט קיין צייט, טאַטע, כ׳מוז נאָך צולויפן אין שטוב אַריין...

אין דעם זעלבן אָוונט איז רפאל גאָלד געזעסן אין דער באַן קיין טריעסט. ער איז כמעט ווי אַנטלאָפן פון שטוב. זיין ווייב האָט געוויינט. ר׳ הערשל האָט געקלאַפּט אין טיש און געוואָלט וויסן וואָס זענען די עסקים וואָס זיין זון האָט מיט דעם הולטאַי אַלבערט. רפאל האָט גע־שוויגן. ער האָט געוווסט, אַז זיי וועלן אים אויסלאַכן, ווען ער וועט זיי זאָגן, אַז ער, רפאלטשע גאָלד, פון צעגלאַנע גאַס, גייט אָפּקויפן ברייערס פאַבריק.

רפאל גאָלד איז לאַנג געפאָרן מיט פאַרשידענע באַנען און נאָך לענגער מיט דער שיף. ער האָט זיך געטראָפן מיט פאַרשידענע מענטשן און מיט זיי גערעדט. אָבער די גאַנצע צייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו קלערן וועגן איין זאַך:

— צוליב וואָס פאַר איך?

ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער אַראָפּ פון דער באַן און גענו־מען אַ בילעט אַהיים. דער טאַטע איז גערעכט געווען. משוגע־מטורף. אַזוי האָט ער צו זיך געזאָגט און איז ווייטער געפאָרן.

ער האָט געקוקט אויף די שטעט, וואָס ער איז פאַרבייגעפאָרן און אויף די שיפן אין טריעסטער פּאָרט, און אויפן ים און אויף די אינדזלען, אָבער געזען האָט ער גאָרנישט.

ער האָט געוווסט, אַז ער האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן. אָן ברייערס פאַבריק קאָן ער נישט קומען אַהיים.

ערשט ווען ער איז אָנגעקומען קיין קאַיר, איז ער געוואָרן רואיק. ער איז פאַרפאָרן אין דעם האָטעל, וווּ אַלבערט האָט אָנגעגעבן זיין אַד־רעס, ער האָט זיך געהייסן געבן אַ צימער, זיך אָרומגעוואַשן און איבער־געטאָן. ערשט דעמאָלט איז ער מיט געלאַסענע טריט געגאַנגען איבער די לאַנגע האָטעל־קאָרידאָרן, ביז וואַנען ער איז צוגעקומען צו דער טיר פון אַלבערטס צימער.

אַלבערט איז געווען אין שטוב. ער איז געלעגן האַלב אויסגעטאָן אויפן דיוואַן און געפרייכט פון דער היץ.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער געזען שטיין לעבן זיך רפאל גאָלדן. פאַר איבעררעשונג האָט ער פאַרגעסן אָן דער היץ, ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט:

— דו, רפאלטשע!

באַלד האָט ער גענומען קייקלען זיך פון געלעכטער.

— דזשאָן, דזשאָן! — האָט ער געעפנט די טיר און אַריינגעשריען אין קאָרידאָר — איך האָב געוווּנען!...

אַ הויכער דאַרער פאַרשוין, אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ פּיפּקע אין מויל, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר.

— זעסט, ער איז געקומען! — האָט אַלבערט אָנגעוויזן אויף גאָלדן.

דער הויכער פאַרשוין האָט אָפּגעמאָסטן גאָלדן מיט אַ גלייכגילטיקן בליק פון אויבן־אַראָפּ און עפּעס אַ מורמל געטאָן.

אַלבערט איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג.

— ביסט אַ חברה־מאַן, רפאל — האָט ער אים געקלאַפּט אין פּליי־צע — נו, היינט מוזן מיר אַ לעב טאָן...

— כ׳בין געקומען ריידן וועגן געשעפט, אַלבערט. דו האָסט מיר געשטעלט אַ טערמין.

— ווילסט טאַקע קויפן די פאַבריק?

— כ׳בין צוליב דעם געקומען.

— ביסט אַזוי שנעל רייך געוואָרן?

— ניין, כ׳בין נישט רייך געוואָרן, אַלבערט.

— איז ווי זשע דען מיינסטו צו קויפן?

— כ׳האָב דיר איינמאָל שוין געזאָגט, אַלבערט, אין געשעפט איז צוטרוי מער ווי געלט.

רפאל גאָלד האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט זייער רואיק. ער האָט געוווסט, אַז אין דער מינוט שפּילט ער זיין גרויסע שפּיל.

דער הויכער פאַרשוין מיט די לאַנגע פיס, האָט נישט אַרויסגעלאָזט די פּיפּקע פון מויל און האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון גאָלדן, וואָס האָט גערעדט אויף אַ לאָדזשער דייטש. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף דעם אָפּגעברענטן פּנים פון דעם פאַרשוין, ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו גאָלדן און האָט זי פעסט צעשאָקלט.

רפאל גאָלד האָט נישט געוווסט ווער דער פאַרשוין איז, אָבער ער האָט געוווסט אין דער מינוט, אַז ער האָט די שפּיל געוווּנען.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז רפאל גאָלד אויסגעשטיגן פון דער קאַלישער באַן און איז אַריינגעגאַנגען אין האַלב־טונקעלן לאָדזשער וואָק־זאַל. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קליין רענצל און מיט דער צווייטער האַנט זיך אַ טאַפּ געטאָן אין בוזעם־טאַש, ווו עס זענען געלעגן די פּאַפּירן, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער, רפאלטשע גאָלד, איז דער אייגנטימער פון ברייערס פאַבריק און אַז די באַנקירן פון לאָנדאָן האָבן געעפנט פאַר אים קרעדיטן איבערצובויען די פאַבריק לויט זיינע פּלענער.

רפאל גאָלד האָט געטראָגן אַ טונקל־גראָען אַנצוג און אַ גראָען הוט, וואָס ער האָט געקויפט אויף זיין צוריקוועג אין לאָנדאָן, ווו דער שערער האָט אים אַ האַלבע באָרד פון די פּיאות ביז נאָענט צו דער גאָמבע־צו אָפּ־געשניטן.

ער איז געגאַנגען צופוס אויף דער זאַוואַדזקע גאַס און ער האָט געזען ווי די באַקאַנטע יידישע קרעמער קוקן אים דערשטוינטע נאָך. ער איז נישט געגאַנגען צו זיך אַהיים. מיט זיין ווייב האָט ער קיינמאָל נישט

געהאַט וואָס צו ריידן און ער האָט געוווסט, אַז זי וועט צומאָל נישט פאַרשטיין וואָס ער טראָגט מיט זיך אין בוזעם־טאַש. זיין פאָטער אָבער, ר׳ הערשל, האָט רפאל געוווסט, וועט שוין גוט פאַרשטיין מיט וואָס ער איז אַהיימגעקומען. און ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש זיך מיט עמיצן דורכצורייידן, צו הערן פון עמיצנס מויל, אַז ער, רפאלטשע גאָלד, איז טאַקע אויף אַן אמת דער באַלעבאָס פון ברייערס פאַרמעגן און אַז פאַר אים האָבן לאָנדאָנער באַנקירן געעפנט זייערע קאַסעס.

ער אַליין האָט זיך נאָך אַליין אין דעם אַלעם נישט צוגעגלייבט. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן און עס האָט זיך אים יעדעס מאָל געדאַכט, אַז אָט־אָט, און ער וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און ער וועט זיך געפינען ליגן אין דעם גרויסן דעמבענעם בעט, אין זיין שטוב אויף צעגלאַנע גאַס, און ער וועט פון צווייטן בעט הערן דאָס שנאָרכן פון זיין ווייב.

אויף זיין פּנים אָבער איז דאָרט, אין טומלדיקן קאַאיר און שפּעטער אין לאָנדאָן, נישט געווען צו דערקענען דער מינדסטער שפּור פון צעטומלטקייט. ער האָט גערעדט מיט רואיקער זיכערקייט צו אַלבערטן און דעם הויכן ענגלענדער. אַלבערט האָט געקוקט אויף אים מיט אַ צעעפנט מויל און געמיינט נאָך אַלץ, אַז עס איז נישט מער ווי אַ שפּאַס, נאָר דער הויכער ענגלענדער האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן געקוקט אויף אים און שפּעטער קורץ, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן:

— איר וועט ווייט דערגיין, מיסטער גאָלד.

און ער האָט אים אויך מיטגעגעבן אַ בריוו צו זיינע פריינד אין לאָנדאָן.

רפאל גאָלד האָט פאַר לאָנדאָן זיך שטאַרק געשראָקן. ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי מ׳וועט דאָרט פאַרשטיין זיין לאָדזשער דייטש. ער האָט אָבער זיך שנעל איבערצייגט, אַז געשעפטסלייט האָבן זייער אייגענע שפּראַך און אַז דער בריוו פון דעם הויכן ענגלענדער האָט פאַר אים געעפנט פאַרשלאָסענע טירן.

ער איז שנעל כמעט אַנטלאָפן פון לאָנדאָן. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער קומט מען צו אים און מ׳זאָגט אים: נו, גענוג, רפאלטשע, געשפּאַסט. ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט זיין צוריק אין זיין פאַרדויכערטן

לאָדזש און זען, צי די אַלע פּאַפּירן מיט די שטעמפּלען האָבן טאַקע אַ האַפט.

אַנקומענדיק אָבער אויפן קאַלישער וואַקזאַל פון דער לאָדזשער באַן, האָט אים אַ שרעק אַרומגענומען. עס איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן, אַז אַלבערט און דער הויכער ענגלענדער און די אַלע שטייפע לייט, מיט וועלכע ער האָט גערעדט אין די לאָנדאָנער בענק, האָבן זיך אָפּגערעדט צו מאַכן חוזק פון אים, רפאלטשען, און אַז באַלד דאָ וועט די גאַנצע שטאָט זיך האַלטן ביי די זייטן פון לאַכן. איז ער געגאַנגען צו זיין פאָ־טער אַזוי ווי אַ קינד, וואָס זוכט שוץ. ער, ר׳ הערשל, וועט אים נישט אויסלאַכן. ער וועט נעמען די פּאַפּירן אין האַנט און ער וועט אים זאָגן, צי עס איז טאַקע געשען דאָס אַלץ אויף דער וואָר.

אין דעם שניט־סקלאַד פון זיין פאָטער איז געווען שטיל. פאַר דער שוועל פון דער קראָם זענען געשטאַנען זיין פאָטערס צוויי מענטשן און געקוקט צו דער גאַס צו. זיי זענען געווען אַזוי דערשטוינט פון רפאלס אויסזען, אַז זיי האָבן בלויז געעפנט דאָס מויל און פאַרגעסן אים צו זאָגן שלום־עליכם.

רפאל איז אַריין אין די האַלב־טונקעלע חדרים פון זיין פאָטערס סקלאַד. ר׳ הערשל איז געזעסן איבערגעבייגן איבער אַ גרויסער גמרא פון ווילנער ש״ס. אַזוי איז ער שטענדיק געזעסן און שטיל געלערנט, ווען עס זענען נישט געווען קיין קונים.

ר׳ הערשל האָט לאַנגזאַם אויפגעהייבן דעם קאָפּ. זיינע אויגן האָבן אַ לאַנגע ווייל געוואָנדערט איבער זיין זונס האַלב־אָפּגעגאָלט פּנים, אי־בער דעם גראָען ראָק זיינעם און די גראָע לאַנגע הויזן, וואָס האָבן האַלב פאַרדעקט זיינע טונקל־ברוינע שיך.

ר׳ הערשל האָט אויסגעטאָן די בריל און נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף זיין זון. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אַנשטאָט דעם האָט ער זיך שווער אויפגעשטעלט פון אָרט און האָט, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט, אים דערלאַנגט די האַנט און ערשט דאַן געזאָגט:

— נו, רפאלטשע, גיי אַהיים און טו זיך איבער.

ר׳ הערשל האָט געקוקט אויף דעם האַלב אָפּגעגאָלטן פּנים פון זיין זון און געטראַכט:

— אַז ער וועט צוריק אָנטאָן די קאַפּאָטע און דאָס יידישע היטל, וועט ער פילייכט צוריק באַקומען אַ יידישע צורה.

רפאל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— נו, וואָס באַלעמוטשעסטו, רפאל...

— כ'על שוין אַזוי גיין, טאַטע.

ר' הערשל האָט זיך מער מיט אַ וואָרט נישט אָפּגערופן. ער האָט שוין מער קיין בליק נישט געוואָרפן אויף זיין זון. ער האָט צוגעמאַכט די גמרא און זי אָוועקגעלייגט אויף דער פּאָליצע, ווו עס זענען געלעגן די געשעפטס־ביכער, איבערגעצויגענע מיט שוואַרצע לייוונט.

נישט אומקוקנדיק זיך מער, האָט ר' הערשל זיך געלאָזט צו דער טיר, אַ קוש געטאָן די מזוזה און געזאָגט צו זיינע צוויי מענטשן:

— כ'על היינט מער נישט צוריקקומען.

ער איז אַרויף צו זיך אין שטוב.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי? — האָט זיין פרוי זיך דערשראָקן — ביסט נישט מיט אַלעם?

ר' הערשל האָט נישט געענטפערט. ער איז אַריין אין קיך און גענומען פון טיש אַ קיך־מעסער, האָט זיך קריעה געריסן, ווי דער דין איז מיט אַן אבל, און זיך געזעצט אויף אַ נידעריק בענקעלע און געזאָגט:

— גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען, זאָל זיין געבענטשט גאָטס נאָמען.

ר' הערשלס ווייב האָט זיך צעיאָמערט און צוזאַמען מיט איר האָבן געיאָמערט די קינדער אין שטוב, וואָס האָבן נישט געוווסט וואָס עס איז געשען. ר' הערשל איז געזעסן אויפן פוס־בענקעלע איבער אַ ספר און איבער זיין לאַנגער באָרד האָבן זיך געקייקלט טרערן.

רפאל גאָלד האָט ערשט שפּעטער געהערט, וואָס עס איז געשען אין זיין פאָטערס שטוב. אָבער זעענדיק זיין פאָטער אַרויסגיין אויף דער גאַס, האָט ער געוווסט וואָס ער וועט טאָן.

— גוט — האָט ער צו זיך געזאָגט — רפאלטשע איז היינט געשטאָרבן, אָבער איך לעב.

ער איז אַוועק צו זיך אַהיים. דאָס ווייב האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פרעמדן און האָט נישט געוווסט וואָס צו אים צו ריידן.

— איך מוז גלייך אַוועקגיין — האָט ער צו איר געזאָגט — און כ'וועל שפּעט אַהיימקומען.

— אפשר אַ גלאָז טיי? — האָט דאָס ווייב אים געוואָלט מכבד זיין ווי אַ גאַסט, וואָס קומט פון דער פרעמד, און מיט וועלכן מ'ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

— כ'האָב נישט קיין צייט — האָט רפאל גאָלד געקוקט אויף דעם בלייכן פּנים פון זיין ווייב מיט דעם גרויסן שייטל אויפן קאָפּ און גע־טראַכט — וואָס האָב איך דאָ צו טאָן מיט דער יידענע?

אַ ווייל איז ער געשטאַנען. ער האָט געוואָלט פרעגן אויף די קינדער.

— ווו זענען די קינדער? — האָט ער געפרעגט.

— אין חדר, זיי וועלן ערשט פאַרנאַכט אַהיימקומען.

רפאל גאָלד איז געווען צופרידן, וואָס די קינדער זענען נישטאָ. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין געדולד צו זייער טומלען. איצט האָט ער אוודאי נישט קיין קאָפּ צו זיי. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן אויפן וועג איינגאַנצן פון זיי און האָט פאַר זיי צומאָל קיין מתנה נישט געקויפט.

דאָס פרעגן זיך אָבער אויף די קינדער האָט אים אָבער געמאַכט נאָענטער צו זיין ווייב. זי איז אַריין אין דער צווייטער שטוב און איז צוריקגעקומען מיט דער געהאַקטער קאַפּאָטע און מיטן היטל און נישט דרייסט געזאָגט:

— אַז דו איילסט זיך, טאָ טו זיך איבער, רפאל.

רפאל האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס שטופּט עטץ מיר אַלע די קאַפּאָטע!...

— אָבער, רפאל...

— וואָס שטאַרסטו אויף מיר די אויגן? וואָס? יאָ, יאָ, אַזוי וועל איך גיין, מיטן ראָק און מיט קאַפּעליוש, און די באָרד וועל איך אינ־גאַנצן אַראָפּנעמען, הערסט? אינגאַנצן...

— רפאל...

— און דו, לאה, וועסט אויך דאָס שייטל מוזן אַראָפּנעמען, אַזוי וויל איך און שוין...

— וואָס איז מיט דיר? וואַרט, כ'על צולויפן צו אַ דאָקטאָר...

רפאל האָט צוגעקלאַפּט די טיר פון זיין שטוב.

— איך וועל זיי ווייזן! — איז ער אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפ — כ׳וועל זיי אַלע ווייזן!...

אויף דער גאַס איז ער געבליבן שטיין.

— גייען זיי צו אַלדי רוחות! — האָט ער הויך אויפן קול אַרויס־געזאָגט.

מיט דעם „זיי" האָט ער געמיינט זיין פאָטער, ר׳ הערשל, און זיין ווייב חוה, און זיין גאַנצע משפחה.

רפאל גאָלד האָט קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין דער משפחה דעם טאָג פון זיין צוריקקער.

———:—————

דעם גאַנצן וועג פון מצרים צוריק קיין לאָדזש, האָט ער נישט אויפ־געהערט צו טראַכטן וועגן דעם מאָמענט, ווען ער וועט אַריינקומען צו זיין פאָטער ר׳ הערשל און צו זיין ווייב, חוה, און וועט צו זיי זאָגן:

— כ׳האָב עס געמאַכט.

ער האָט נישט אויפגעהערט אין זיין געדאַנק זיך פאָרצושטעלן דאָס וואָס עס וועט דעמאָלט געשען. זיין פאָטער וועט לאַנגזאַם אַראָפּנעמען די בריל און וועט צו אים זאָגן:

— וואָס זאָגסטו, רפאלטשע? דו רעדסט צו מיר היינט עפּעס מיט רעטענישן...

זיין ווייב, חוה, וועט גאָרנישט זאָגן, נאָר אירע אויגן וועלן צעטומל־טע קוקן אויף איר מאַן און אויף דעם אַלטן ר׳ הערשל.

און ער, רפאל, וועט מיט אַ רואיקער גלייכגילטיקער שטים ענטפערן זיין פאָטער:

— כ׳בין געוואָרן באַלעבאָס פון ברייערס פאַבריק.

ר׳ הערשל וועט צוריק אָנטאָן די בריל און בייז אַ מורמל טאָן:

— עפּעס ליגן דיר אין קאָפּ ליצנות היינט, רפאלטשע.

און ער, רפאל גאָלד, וועט גאָרנישט ענטפערן. ער וועט בלויז אַרויס־נעמען די פּאַפּירן פון בוזעם־טאַש און אַוועקלייגן אויפן טיש. ר׳ הערשל וועט זיך אַוועקזעצן אויף אַ שטול און וועט לאַנגזאַם נעמען דורכקוקן איין פּאַפּיר נאָכן אַנדערן. ער וועט נישט אַרויסריידן קיין וואָרט, דער אַלטער. ער וועט נאָר אין מיטן לייענען אויפהייבן די אויגן און אַ קוק טאָן אויף אים, אויף רפאלן. שפּעטער, ווען ער וועט פאַרטיק ווערן מיטן לייענען,

װעט ער פּאָרזיכטיק צוזאַמענעמען אַלע פּאַפּירן, װעט אױסגלעטן זײערע קנײטשן און שטיל צו זיך אַלײן אַ זאָג טאָן:

— ער האָט עס געמאַכט...

און דעמאָלט װעלן זיך צוזאַמענלױפן זײן װײב און זײן מאַמע און זײנע ברידער, פון שטוינען װעלן זײ נישט קאָנען אַרױסרײדן קײן װאָרט, זײ װעל בלױז שטײן און קוקן אויף אים און אין דעם קוק װעט ליגן באַװוּנדערונג אָן אַ שיעור און אָן אַ גרענעץ.

און ר׳ הערשל װעט צו אים זאָגן:

— װאָרט צו, רפאל, כ׳װעל מיט דיר מיטגײן צו ברײערן, מיט די לײט דאָרט דאַרף מען זײן פּאָרזיכטיק און עס איז שטענדיק בעסער צװײ װי אײנער.

— געװיס איז בעסער — װעט ער, רפאל, צושאָקלען בלױז מיטן קאָפּ.

קײנער װעט נישט הערן דאָס קלאַפּן פון זײן האַרץ. קײנער װעט נישט װיסן, אַז אַ קאַלטער שװײס פון שרעק באַדעקט זײן לײב, אַז ער האָט מוֹרא פאַר די הױכע דײטשן מיט די גראָבע בײכער, װאָס טומלען זיך דאָרט, בײ ברײערן. זײ קאָנען זיך נאָך פון אים אױסלאַכן און פון אַלע זײנע פּאַפּירן. ער װײסט נישט װאָס זײ קאָנען טאָן, די דײטשן, מיט די אָנגעפּרעסענע מאָרדעס. זײ װעלן דאָך נישט שװײגן, װען ער, רפאלטשע, װעט קומען צו זײ און זאָגן, אַז ער איז זײער באַלעבאָס. מיט זײן פאָטער, ר׳ הערשלען, בײ דער זײט, װעט ער זיך פילן זיכערער. דער טאַטע װעט נישט לאָזן אים קײן עוולה טאָן. און די דײטשן װעלן אױך אַנדערש רײדן, װען זײ װעלן זען לעבן אים דעם אַלטן ר׳ הערשל.

ר׳ הערשל װעט זיך איבערטאָן אין די שבתדיקע בגדים, זײ װעלן בײדע אַראָפּגײן אין גאַס און בײ די פענצטער װעלן שטײן אין שטוב זײן װײב, און זײן מאַמע, און זײנע ברידער און װעלן זײ נאָכקוקן מיט באַװוּנדערונג.

רפאל גאָלד האָט אין געדאַנק אַזױ איבערגעלעבט די דאָזיקע באַגעגעניש מיט זײן פאָטער און זײן משפּחה, אַז ער האָט זיך שױן נישט געקאָנט דערװאַרטן די דאָזיקע גרױסע מינוט. אַלבערט און דער הױכער און דאַרער ענגלענדער האָבן אים נישט געװאָלט אָפּלאָזן. זײ האָבן צו אים געטענהט:

— די לאָדזשער פאַבריק־קוימענס וועלן דיר נישט אַנטלויפן און דאָס לעבן איז קורץ, אין פרעהס מדינה קאָן מען אַ לעב טאָן.

נאָר ער, רפאל גאָלד, האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. ער מוז גלייך אַהיימפאָרן, האָט ער געוווסט, ער מוז גלייך זיך איבערצייגן, אַז די גאַנצע מעשה דאָ מיט אַלבערטן איז נישט עפּעס אַ פּורים־שפּיל. ער מוז זען זיין טאַטן ר׳ הערשל און אויב ער, זיין טאַטע, וועט זאָגן, אַז ער האָט עס געמאַכט, וועט ער ערשט דעמאָלט זיין רואיק.

ער האָט זיך אַזוי געריסן צום פאָטער זיינעם ווי נאָך קיינמאָל נישט. ביי דעם אַלטן ר׳ הערשל האָט ער געזוכט אַ באַשטעטיקונג פון זיין אויפֿטו און ער איז צעטומלט געוואָרן, ווען זיין פאָטער, האָט אים, דעם באַלעבאָס פון ברייערן, ווי אַ חדר־יינגל געשיקט אַהיים נאָך דער קאַפּאָטע.

ניין, ער וועט זיי גאָרנישט מער זאָגן. ער וועט זיי נישט דערציילן וועגן דעם וואָס ער האָט געטאָן. ער דאַרף זיי מער נישט האָבן. ער וועט זיך אַן עצה געבן אָן דעם טאַטן זיינעם, דעם אַלטן בטלן, וועמען עס ליגט נאָר אין קאָפּ די קאַפּאָטע. ער וועט זיי אַלע ווייזן, אַז ער איז מער נישט קיין חדר־יינגל. ער וועט אַליין אַוועק צו ברייערן און ער וועט אויך די .הויכע גראָב־בייכיקע דייטשן לערנען דרך־ארץ.

רפאל גאָלד האָט אָפּגעשטעלט אַ פאַרבייפאָרנדיקע דראָזשקע.

— צו ברייערן! — האָט ער הויך אַ זאָג געטאָן צום אַלטן דראָזשקאָזש, און געוואָלט האָט ער, אַז זיין טאַטע און זיין ווייב און די גאַנצע גאַס זאָל וויסן וווהין ער פאָרט.

די הענט זענען אים נאָס געוואָרן פון אויפרעגונג, אָבער ווען ער איז אַריין אין דער טונקל־ברוינער געביידע פון ברייערס פאַבריק, איז ער געגאַנגען רואיק און לאַנגזאַם, ווי אַ מענטש, וואָס דאַרף זיך נישט איילן און ווייסט, אַז די צוקונפט באַלאַנגט צו אים.

דער דינער האָט אים געזאָגט, אַז דער הער דירעקטאָר, קעלער, נעמט היינט מער קיינעם נישט אויף.

רפאל האָט אים אַריינגערוקט אַ מטבע, דער דינער האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ און געזאָגט:

— אפשר וועט דער פאַן קומען מאָרגן, היינט איז אוממעגלעך.

— פאָרוואָס אוממעגלעך?

— דער הער דירעקטאָר האָט שוין איצט זיין ביר־שטונדע און דע־מאָלט איז ער זייער בייז, ווען מ׳שטערט אים.

רפאל גאָלד האָט דעם דינער אַרייַנגערוקט נאָך אַ מטבע און צו אים געזאָגט:

— ווייז מיר נאָר די טיר, כ׳על אַליין אַרייַנגיין.

דער דינער האָט מיט דער האַנט אַ ווייז געטאָן צו אַ פאַרמאַכטער טיר. ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט און געפּרווט גאָלדן פאַרהאַלטן.

רפאל גאָלד האָט דעם דינערס האַנט אָפּגעשאָקלט פון זיך. ער האָט געעפנט האַסטיק די טיר און איז געבליבן שטיין אַליין אַ צעטומלטער פון זיין דרייסטקייט.

דער הער גענעראַל־דירעקטאָר, פריץ קעלער, איז געזעסן אין דעם טיפן פאָטער־שטול פאַר זיין גרויסן שרייב־טיש מיטן פנים אויסגעדרייט צו דער וואַנט, די פיס זיינע אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט.

אויפן שרייב־טיש איז געשטאַנען אַ גרויסע האַלב־ליידיקע ביר־פלאַש און אַ גרויסער קופעל האָט זיך געשוימט מיט אַ געדיכטן ווייסן שוים איבער דעם טונקל־ברוינעם פילצנער.

דער הער גענעראַל־דירעקטאָר, האָט געקוקט צום סופיט צו און אויף זיין פול גלאַט אויסראַזירט געזיכט איז געלעגן אַ גליקזעליקער שמייכל, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז עס איז ווערט צו לעבן אויף דער וועלט, ווען מ׳קאָן פאַרגעסן אָן די פאַרשטונקענע פאַבריק־קוימענס, מיט אַ שוי־מיקן קופעל פון קאַלטן פילצנער ביר.

דער הער גענעראַל־דירעקטאָר קעלער, האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין שעף, דער אַלטער ברייער, איז שוין אַ צייט אַוועק פון דער זינדיקער וועלט און ער איז געוועזן טשיקאַווע צו וויסן צי אין גן־עדן קריגט דער זעליקער ברייער אַ קופעל קאַלטן פילצנער ביר.

ער האָט נישט געוווסט ווי זיך צו ענטפערן אויף דער פראַגע און ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט זונטיק אומישנע פרעגן דעם פּאַסטאָר. ער, דער פּאַסטאָר, דאַרף דאָך וויסן וואָס עס טוט זיך אין הימל. עלעהיי, אפשר ווייסן די פּאַסטאָרס אויך גאָרנישט?

דער הער גענעראַל־דירעקטאָר האָט באַשלאָסן, אַז אפשר איז נישט כדאַי דאָס צו וועלן וויסן, כל זמן ער לעבט נאָך און ער קאָן אייַנטונקען

זיינע גלעזער וואָנצעס אין דעם שוימיקן ביר. האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו דעם קופּעל, נאָר אין דעם מאָמענט איז צו זיינע אויערן דער־גאַנגען דער קלאַנג פון אַ פרעמדער שטים:

— הער דירעקטאָר קעלער...

פאַר דעם שרייב־טיש איז געשטאַנען אַ פאַרשוין, וועמענס פּנים איז געווען קענטלעך דעם הער דירעקטאָר, נאָר ער האָט זיך נישט גע־קאָנט דערמאָנען, ווו ער האָט דאָס דאָזיקע קענטלעכע פּנים געזען.

ער איז געבליבן זיצן ווי פריער, מיט די אויסגעשפּרייטע פיס אויף דער שטול און האָט בלויז אַ זאָג געטאָן מיט אַ געבייזער:

— קיינע געשעפטען הויטע, קיינע...

— איך מוז שוין מיט אייך רעדן, הער קעלער!

אַזאַ חוצפה איז שוין געווען צופיל. דער גענעראַל־דירעקטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס פון דער שטול. ער האָט זיך שווער אויפגעהייבן און זיין הויכער מאַסיווער קערפּער האָט זיך דראָענדיק אַ באַוועג געטאָן פאַרויס. ער האָט פון זיך אַ הייזעריקן כאַרכל געטאָן:

— יאָן, דאָנערוועטער, יאָן, ווו ביסטו?

דער דערשראָקענער דינער איז געקומען צולויפן.

— הער גענעראַל־דירעקטאָר — האָט דער דינער מיט אַ צעשראָקן פּנים זיך געבייגן אין דרייען — כ׳בין נישט שולדיק, דיזער הער...

— הייסן אים גיין! שוין גיין!...

רפאל גאָלד האָט זיך רואיק אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול.

— שמייס אים אַרויס! שמייס!...

דער דינער איז צוגעגאַנגען צו גאָלדן און מיט אַ בעטנדיקער שטים געזאָגט:

— ביטע, ביטע דער הער גענעראַל־דירעקטאָר...

רפאל גאָלד האָט זיך נישט געמאַכט הערן דעם דינער, ער האָט פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן און זיך אָפּגערופן:

— איך קום צו אייך מיט אַ שליחות פון הער אַלבערט, הער קעלער.

— פון אַלבערטן?

ערשט איצט האָט דער גענעראַל־דירעקטאָר קעלער, זיך דערמאָנט ווער דער חוצפּהדיקער פאַרשוין איז. יאָ, דאָס איז ער, ר׳ הערשלס זונדל. ער פלעגט אַריינקומען צו די ברייערס. זיין כעס איז געוואָרן נאָך גרעסער.

וואָס מיינט ער מיט זיך, דער ראָצער? אַז ער איז אַ מחותן מיט דעם הולטאַי אַלבערט, וועלכער איז צומאָל נישט געקומען צו זיין פּאָטערס לוויה און האָט אין זינען נאָר צו פאַרטאָכלעווען געלט, האָט ער שוין נישט קיין דרך־ארץ פאַרן הער גענעראַל־דירעקטאָר קעלער?!

— מאַכט עס קורץ, יונגערמאַן, אויב איר קענט נישט וואַרטן ביז מאָרגן.

— איך וועל עס מאַכן זייער קורץ, הער קעלער, און איר וועט באַלד קאָנען זיך נעמען צום ביר. איר וועט אַזוי גוט זיין זאָפאָרט צוזאַמענרופן די שעפן פון די אָפּטיילונגען און אויך אונדזער אַדוואָקאַט... נאָכדעם וועל איך אייך זאָפאָרט באַפרייען, הער קעלער.

קעלערס געזיכט איז געוואָרן צונטער רויט. ער האָט געוואָלט דעם פאַרשוין אָננעמען ביים קאָלנער און מיט אַ קאָפּע אין הינטן אים אַנלערנען ווי אַזוי צו ריידן צו דעם הער גענעראַל־דירעקטאָר.

דער דינער איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און געקוקט אויף דעם יונגנמאַן, וואָס זיצט מיט איין פוס פאַרלייגט אויפן אַנדערן און אויף דעם מאַסיוון גוף פון הער גענעראַל־דירעקטאָר, וואָס טרייסלט זיך פון כעס.

— וואָס טוסטו נאָך דאָ?! — האָט קעלער אַ געשריי געטאָן צום דינער — גיי!

— וואַרט, יאַן, — האָט רפאל גאָלד צוריקגעהאַלטן דעם צעשראָקענעם דינער — איך וועל דיך דאַרפן האָבן...

— איר פאַרגעסט, מיין הער, אַז ביז איצט גיב איך דאָ באַפעלן.

— איר האָט רעכט, הער קעלער, ביז איצט האָט איר געגעבן באַפעלן, נאָר פון איצטער אָן...

— וועט איר אפשר פירן ברייערס פאַבריק, יונגערמאַן?...

— יאָ, איך, הער קעלער...

דער גענעראַל־דירעקטאָר קעלער איז געוואָרן אַזוי דערשטוינט פון דעם ענטפער, אַז ער איז געבליבן שטיין שטום און האָט מיט זיינע האָריקע הענט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש.

און רפאל גאָלד האָט גלייך געגעבן זיין ערשטן באַפעל צום דינער:

— גיי, יאַן, אַריין צו דער סעקרעטאַרין און זאָג איר, אַז אין צען

מינוט אָרום מוזן דאָ זיין אַלע שעפן פון די אָפּטיילונגען און אויך אונד־
זער אַדוואָקאַט, נו, שנעל, יאָ!

רפאל גאָלד האָט געטראַכט, אַז איצט אַנטשיידעט זיך זיין גורל. וועט אים דער דינער האָרכן אָדער נישט?

דער דינער האָט זיך אַ ווייל געוואַקלט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

רפאל גאָלד האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער האָט געגעבן זיין ער־
שטן באַפעל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פאַרגעסענעם קופעל ביר און זיך אָפּגערופן:

— שטערט אייך נישט, הער קעלער, אַ שאָד דעם פּילזנער.

קעלערס אויגן האָבן געגלאַנצט מיט רציחה. אָבער רפאל גאָלד האָט זיך מער נישט געשראָקן. ער איז אים שוין בייגעקומען און ער וועט זיי אַלע דאָ נעמען פעסט אין האַנט אַריין.

ער איז איצט געווען צופרידן, וואָס ער איז געקומען אַליין. ער איז נישט קיין הדר־יינגל און ער דאַרף נישט, אַז דער טאַטע זאָל אים פירן ביי דער האַנט. ער אַליין וועט זיך זיין שטעטל באַשטיין.

זיי וועלן באַלד אָנקומען, די אַלע וואָס פירן ברייערס פאַבריק. ער מוז זיי גלייך אויפן אָרט ווייזן, אַז ער איז באַלעבאָס און אַז עס וועט אים קיינער דאָ נישט קריכן אויפן קאָפּ.

פונקט צו דער רגע זענען די אָנגעשטעלטע אַריינגעקומען אין דעם אַרבעטס־צימער פון גענעראַל־דירעקטאָר קעלער.

אויף די פנימער פון די אָנגעשטעלטע, איז געלעגן אַן אויסדרוק פון נייגיר און דערוואַרטונג. זיי האָבן שוין געהערט, אַז עפּעס וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דעם גענעראַל־דירעקטאָר און עפּעס אַ פרעמדן הער.

שווער געווען עפּעס אַרויסצוקריגן פון דעם אַלטן דינער. ער האָט געהאַלטן אין איין צלמען זיך און איבערחזרן:

— כ׳האָב געמיינט, אַז ער באַקומט די אַפּאָפּלעקסיע אויפן אָרט, זיין קאַרק האָט זיך אַזוי אָנגעצונדן, אַז כ׳האָב געמיינט, אַלאַ באַגאַ...

— אָבער ווער באַקומט די אַפּאָפּלעקסיע, יאָ?

— וואָס הייסט ווער? אונדזער דירעקטאָר, און דער הער איז גע־
זעסן אויף אַ שטול און גאָרנישט...

— אָבער, ווער איז געזעסן, ווער?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? ער האָט מיר געהייסן אַלע צונויפ־

רופֿן. מער ווייס איך נישט, נאָר הלוואַי זאָל נישט זיין קיין צרה, הלוואַי...

די באַאַמטע האָבן זיך געשושקעט אַ ווייל אונטער דער טיר און זי נישט דרייסט געעפֿנט.

זיי האָבן געקוקט אויף דעם פרעמדן פּאַרשוין מיטן קורצן שוואַרצן בערדל און זיך דורכגעוואָרפֿן מיט פילזאָגנדיקע בליקן:

— אַ יידל גאָר? האַ?...

רפאל גאָלד האָט לעבן זיך אויפֿן טיש געהאַט ליגן אַ פּאַק פּאַפּירן. ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין האַנט אויף זיי און געזאָגט:

— איך האָב אייך געבעטן דאָ אַהער אייך מיטצוטיילן, אַז פֿון היינט אָן נעם איך איבער די פֿאַבריק.

ער האָט אַ ווייל געוואַרט, אָבער אין דער שטוב האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. רפאל גאָלד האָט צווישן די פֿאַרזאַמלטע באַאַמטע דערקענט אַ באַקאַנטן שטאָטישן אַדוואָקאַט:

— גוט, וואָס איז זענט דאָ, פֿאַניע מעצענאַסיע — האָט ער צו אים צוגערוקט די פּאַפּירן — איר עט זען צי מען דאַרף נישט מאַכן עפּעס געוויסע געזעצלעכע באַקאַנטמאַכונגען.

אַזוי האָט רפאל גאָלד געלאָזט וויסן, אַז ער איז געוואָרן דער באַ־לעבאָס פֿון ברייערן. דער אַדוואָקאַט האָט אַראָפּגעבייגן דעם קאָפּ צו די פּאַפּירן, האָט געמישט איין בלאַט נאָכן אַנדערן. די באַאַמטע האָבן געזען פּאַפּירן מיט אַ סך רויטע שטעמפּלען. ענדלעך האָט דער אַדוואָקאַט אויפֿ־געהייבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— עס איז אַלץ אין אָרדענונג, איך וועל מאַכן אַלץ וואָס מען דאַרף און דערלויבט מיר אייך צו גראַטולירן, הער גאָלד.

— מאָרגן, אַכט אינדערפֿרי, וועל איך באַזוכן אַלע פֿאַבריקס־אָפּטיי־לונגען. כ׳בעט יעדן פֿון אייך צו זיין אויפֿן אָרט. איך וויל אייך נאָר דאָ זאָגן, אַז איך וועל מאַכן וויטגייענדיקע ענדערונגען אין דער אַרבעט. מיר מוזן אויפֿהערן זיין אַ פּראָווינץ און אַרבעטן אַזוי ווי די ענגלענדער און אַמעריקאַנער. איך דאַנק אייך, מיינע הערן.

דער הער גענעראַל־דירעקטאָר קעלער, האָט געהערט די אַלע רייד ווי דורך אַ נעפּל. ער האָט פֿאַרגעסן אויסצוטרינקען דעם קופּעל פּילזנער ביר. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט זיין ווייב זיך אַזוי דערשראָקן פֿאַר זיין אויסזען, אַז זי האָט גלייך געשיקט נאָכן דאָקטאָר.

ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען צו זיין קאַבינעט. רפאל גאָלד האָט אים צומאָרגנס אין אַ העפלעכן בריוו געלאָזט וויסן, אַז ער האָט נישט דאַקעגן אַז דער הער גענעראַל־דירעקטאָר זאָל נעמען אַ לענגערן אורלויב.

ער האָט אַוועקגעשיקט אויך די אַנדערע אַלטע באַאַמטע, וועלכע האָבן נאָך צוזאַמען מיטן אַלטן ברייער אָנגעהייבן.

— איך דאַרף נישט קיין אַלטוואַרג — האָט ער געזאָגט.

ער האָט גענומען יונגע מענטשן און זיי געמאַכט פאַר דירעקטאָרן און עלטסטע. און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— ביז היינט האָט מען ביי ברייערן געטרונקען ביר. פון היינט אָן וועט מען אַרבעטן.

ער אַליין איז געקומען באַלד אינדערפרי אין דער פאַבריק און איז געגאַנגען פון איין מאַשין צו דער אַנדערער. ער האָט שטענדיק דערזען גלייך, ווען עפּעס האָט נישט געקלאַפּט און ער האָט אָן שום וואַקלענישן געהייסן די שולדיקע אַרבעטער גיין.

— ער אַרבעט שוין דאָ פיל יאָרן — האָט מען זיך געפּרוווט ביי אים אָפּבעטן.

— כ׳וועל אויפשטעלן אַ מושב־זקנים, נאָר דאָ מוז מען אַרבעטן.

אין שטאָט האָט מען גענומען דערציילן וועגן רפאל גאָלדן. מען האָט דערציילט, אַז ער בויט אויס אַ גאַנצע שטאָט, וואָס אַזעלכעס איז אַפילו אין מאַנטשעסטער נישטאָ. מען האָט דערציילט, אַז יעדן טאָג קומען גאַנ־צע באַנען מיט אַזעלכע מאַשינעס, וואָס זינט לאָדזש שטייט, האָט מען נאָך אַזעלכע נישט געזען.

אין די שטיבלעך, און אויפן מאַרק, און אין די קראָמען אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, האָט מען שוין געוווּסט, אַז ביי דעם גאָלדן, וואָס ערשט נישט לאַנג האָבן אים אַלע נאָך גערופן רפאַלטשע, אַרבעטן שוין צוואַנציק טויזנט אַרבעטער.

— ער האָט אַן אייזערנעם קאָפּ — האָבן זיך אָרעמע יידן מיט אים געגרויסט.

— ער איז אַ מיליאָנטשיק — האָבן מלמדים געמאַכט אַ חשבון צדק וויפיל ברייערס פאַבריק טרעפט אָן.

— ווו און ווען האָט ער זיך דאָס אַלץ אויסגעלערנט! — האָבן יידן געצויגן מיט די פּלייצעס.

— און ער איז באַלד געוואָרן אַ גוי גמור, וואָס דען, אַז מ׳ווערט רייך...

— און ער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס ווייב...

— זיין טאַטע, ר׳ הערשל, וויל פון אים נישט וויסן...

— איר וועט זען, ער וועט זיך נאָך אויסגליטשן.

— ווי דען, אַז מען קריכט צו הויך, ענדיקט זיך קיינמאָל נישט גוט...

— אַוודאי וועט ער האָבן אַ מיאוסן סוף... אַ חוצפּה פון אַזאַ מין רפאלטשע...

— ער הייסט שוין היינט נישט רפאלטשע, ער מוז שוין האָבן אַ גויישן נאָמען...

— און די גויים ביי ברייערן קאָנען זיין נאָמען נישט הערן...

— זיי וועלן נאָך אים אָנבויקערן די ביינער...

— אויב נישט נאָך עפּעס ערגערס...

— אַ מצווה אויף אים!...

רפאל גאָלד האָט געוווּסט וואָס מען רעדט אויף אים אין שטאָט. זינט ער איז געוואָרן באַלעבאָס ביי ברייערן, האָט ער פּלוצלינג באַקומען אַ סך גוטע פריינד. זיי האָבן אים באַלאַגערט פון אַלע זייטן. זיי האָבן אים דערציילט, ווי מען באַוווּנדערט אים אין שטאָט און זיי האָבן אים אויך געגעבן אָנצוהערן, ווי מען פאַרגינט אים נישט און מ׳האָט אים פיינט. וואָס מער מען באַוווּנדערט אים, אַלץ מער קללות שיטן זיך אויף זיין קאָפּ. מען האַלט אין איין בעטן אויף זיין מפּלה, אויף זיין אויסגליטשן. דעמאָלט וועט מען קאָנען פון אים לאַכן און אָפּשפּעטן.

רפאל גאָלד האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון זיינע נייע פריינד. ער האָט געוווּסט, אַז זיי זאָגן אים דעם אמת. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז זיי אַליין, די נייע פריינד זיינע, ווינטשן אים אין האַרצן, אַז ער זאָל ברעכן האַלדז און נאַקן. דעמאָלט וועלן זיי די ערשטע זיך אויף אים וואַרפן און צוקאָפּען מיט די פיס. זיי שאַרן זיך אַרום אים, ווייל זיי מיינען עפּעס אָפּצובייסן פון אים. זאָלן זיי מיינען!

רפאל גאָלד האָט קיינעם פון זיי נישט אָפּגעזאָגט. אָבער אויך קיי־

נעם גאָרנישט געגעבן. ער האָט ליב געהאַט צו הערן זייערע חניפה־רייד, הגם ער האָט געוווסט, אַז זיי טראַכטן עפּעס גאָר אַנדערש וועגן אים. און ער האָט אויך ליב געהאַט צו הערן וועגן די שונאים וואָס ריידן אויס אויף אים כל דבר־אסור.

האָט ער זיך צוגעהערט צו די פריינד זיינע, וואָס האָבן אים יעדעס מאָל געהאַט עפּעס נייעס איינצורוימען אין אויער. ער האָט יעדן פון זיינע נייע פריינד געגעבן אָנצוהערן, אַז נאָר אים אַליין גלייבט ער. און אַז עס וואַרט אויף אים די אמתע באַלוינונג. אין אַזאַ אונטערנעמונג דאַרף מען האָבן געטרייע מענטשן און איבערגעגעבענע פריינד. מען דאַרף נאָר פריער עפּעס רעכטס אויסקלערן. עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַר אַזאַ פריינד. עס וועט דעריבער אַביסל דויערן, אָבער סוף הכבוד לבוא.

רפאל גאָלד האָט געזען ווי די אויגן פון זיינע פריינד גלאַנצן אויף מיט אַ גיריקן גלאַנץ און ער האָט צו זיך געזאָגט:

— קענסט לאַנג וואַרטן ביז וואַנען דו וועסט עפּעס ביי מיר באַ־קומען...

רפאל גאָלד האָט אין יענער צייט אָנגעהייבן באַגרייפן דעם ווערט פון צוזאָגן.

— מיט צוזאָגן ביסטו זיכערער ווי מיט געבן — האָט ער געטראַכט — ערשטנס, איז טאַקע אַ שאָד צו געבן, ווען מ׳קאָן אַלץ אַליין האָבן, צווייטנס, האַלט מען כסדר אין וואַרטן אויף דיין צוזאָג.

צו דעם געדאַנק איז רפאל גאָלד געקומען פון זיין אייגענער דער־פאַרונג. ביי ברייערן האָט מען אים פיינט באַקומען פון ערשטן טאָג, ווען ער האָט זיך דאָרט באַוויזן.

רפאל גאָלד האָט זיך נישט געוווּנדערט, וואָס מ׳האָט אים פיינט. ער אַליין וואָלט אויך דאָס זעלבע געפילט. וואָס הייסט, עס קומט אַ פאַר־שוין, ווער ווייסט פון ווו און ווערט דיין באַלעבאָס און האַר און דעה־זאָגער?! פאַרוואָס ער און נישט איך. און דערצו איז ער אַ יידל, וואָס האָט ערשט אַנומלט געטראָגן נאָך פּיאות און יאַרמולקעס. אַ קאַפּאַטשאַזש גאָר, אַ לאַפּסערדאַק גאָר, זאָל ווערן דער יורש פון ברייערן! און דער קאַפּאַטשאַזש זיצט נישט שטיל דערצו. ער שטופּט אומעטום אַריין די

נאָז. דרייט אַלץ איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ. און דאָס ערגסטע איז, וואָס ער ווייסט וואָס ער טוט, אַזאַ הינטישער זון, אַזאַ...

יעדן טאָג אינדערפרי איז רפאל גאָלד געגאַנגען איבער די גרויסע פאַבריקס־זאַלן, באַגלייט פון זיינע מייסטערס און אינזשיניערן.

און ער האָט דעמאָלט געפילט אויף זיך שפּיזיקע בליקן פון האַס, וואָס שטעכן אים אין רוקן ווי נאָר ער דרייט פון עמיצן אַוועק דעם קאָפּ.

טיילמאָל, ווען ער איז געאַנגען פון איין פאַבריקס־זאַל צום אַנדערן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט וועט ער באַקומען אין רוקן מיט אַ מע־סער אָדער אַ קויל וועט זיך פאַרטשעפּען אין זיין קאָפּ.

עס איז אים געוואָרן ענג אַרום דעם האַרץ. ער האָט זיך שוין גע־זען אַן אויסגעצויגענער אויף דער ערד און פון זיין קאָפּ און לייב גיסט זיך הייס בלוט. און די גויים אַרום אים שטייען מיט רוצחישע אויגן און קאָפּען אים מיט די פיס.

אין די מינוטן האָט ער געוואָלט אַלץ איבערלאָזן און לויפן אַזוי ווי ער איז אַמאָל, אַלס יינגל, געלאָפן, ווען די שקצים אונטער דער שטאָט האָבן אָנגערייצט אויף אים זייערע הינט.

אין די מינוטן פון שרעק און טויט־אַנגסט האָט ער נישט געוווּסט וואָס ער טוט דאָ, צווישן אַזוי פיל גויים. ער האָט געבענקט דעמאָלט נאָך די קראָמען אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, נאָך די יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס אין שטיבל, און נאָך די חסידישע יונגעלייטלעך, וואָס גרייטן זיך צו פאָרן אויף שבת צום רבין.

ער האָט אין די מאָמענטן פיינט באַקומען אַלבערטן און דעם הויכן ענגלענדער מיט דער לולקע אין מויל. ער איז געווען זיכער, אַז זיי האָבן פון אים געטריבן שפּאַס. זיי האָבן אים דאָ אַריינגענאַרט פּונקט אַזוי, ווי די שקצים נאַרן אַריין יידישע יינגלעך אין הינטער־געסל און רייצן אָן אויף זיי די הינט.

ער האָט אין די דאָזיקע מינוטן פון טויט־אַנגסט געוואָלט אויסדרייען דעם קאָפּ הינטערווייילעכץ, כדי כאָטש צו זען דאָס מעסער, וואָס וועט באַלד זיך איינבייסן אין זיין לייב. ער האָט זיך נישט אויסגעדרייט. ער האָט דערזען ווי אַן אַרבעטער שטייט אָן אַ זייט פון זיין מאַשין און רוי־כערט אַ פּאַפּיראָס.

— וואָס איז דאָס?! — האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף זיינע באַ־

גלייטער — צי ווייסט מען נאָך דאָ אַלץ נישט, אַז רויכערן איז פאַר־באָטן?

די מייסטערס און אינזשעניערן האָבן עפּעס געמורמלט וועגן די אַר־בעטער, וואָס זענען געוואָרן נישט געהאַרכזאַם און ווידערשפּעניק, און דער שולדיקער אַרבעטער האָט מיט אַ פינצטערן בליק אָפּגעמאָסטן זיין באַלעבאָס און ביי דער כאַלעוועס פון זיין שטיוול פאַרלאָשן דעם פּאַפּי־ראָס און אים אַ פאַרלאָשענעם אַריינגעשטעקט אין זיין העמד־טאַש.

ווען רפאל גאָלד איז נאָך זיין אינספּעקציע צוריקגעקומען אין זיין אַרבעטס־צימער, וואָס איז פריער געווען דער קאַבינעט פון גענעראַל־די־רעקטאָר קעלער, זענען זיינע קליידער געווען דורכגעווייקט פון שווייס.

ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און די שרעק האָט גענומען לאַנגזאַם פון אים אָפּטרעטן, אָבער נישט אויף לאַנג. צוויי גרויסע פענצטער האָבן העל באַלויכטן די שטוב פון ברייערס באַלעבאָס. די זון האָט זיך דורך די פאַבריק־קוימענס דאָ ברייטלעך באַזעצט. אָבער רפאל גאָלד האָט געוווסט, אַז דורך די ברייטע פענצטער קאָן אויך אַריינקומען דער מלאך המות. מען דאַרף נישט קיין גרויסע זאַכן. עס איז גענוג פון אַקעגנאיבער דאָ אַריינצושיקן אַ קויל. קיינער וועט שפּעטער גאָרנישט האָבן געזען און געוווסט.

רפאל גאָלד האָט געהערט, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע גלעזער, וואָס דורך זיי קאָן אַ קויל נישט דורך. ער טאָר אָבער דאָס נישט טאָן. אַלע וועלן דעמאָלט וויסן, אַז ער האָט מורא. און טאָמער ווייסט מען דאָס, איז ער אַ פאַרלוירענער.

ער האָט אַריינגערופן צו זיך דעם בייעם דירעקטאָר. ער האָט גע־שריען און געדראָט, אַז ער וועט מוזן מאַכן אַ סוף צו די אַמאָליקע פּאַ־זשאַנדקעס פון תרחס צייטן און דערביי האָט ער אויך נישט פאַרגעסן צוצוזאָגן. ער האָט אַלע צוגעזאָגט און קיינער האָט נישט געוווסט פון דעם אַנדערנס צוזאָגן. האָבן אַלע אין זיין פאַבריק געוואַרט אויף זיינע צוזאָגן. אַלע האָבן אים געוואָלט געפעלן ווערן און האָבן געמסרט איינער אויפן אַנדערן. דער באַהאַלטענער האַס אין זייערע אויגן, האָט וואָס אַמאָל שטאַרקער זיך צעברענט און ווען די גויים האָבן זיך זונטיק אָנגע־שיכורט אין די שענק, האָבן זיי זיך צערעדט:

— אַ פּגירה אויף אים, דעם זשידעק!

— מ'עט זיך מיט אים אָפּרעכענען! אוי װעט מען זיך!...
— ער װעט לאַנג שױן נישט באַלעבאַטעװען, דער בלוטזױגער!...
די דאָזיקע רײד פֿון די שיכורע גױים, װאָס האָבן געאַרבעט בײ ברײערן, װי מען האָט נאָך אַלץ גערופֿן די פֿאַבריק, כאָטש גאָלד איז שױן געװען איר באַלעבאָס — זענען אױך דערגאַנגען צו דער ײדישער פּיעטריקאָװער גאַס.

האָבן ײדן געשאָקלט מיט די קעפּ און זיך גערעדט:
— מיר האָבן באַלד געװוּסט, אַז ער װעט שלעכט אָפּשנײדן...
— אײן ײד צװישן אַזױ פֿיל גױים...

די ײדישע פּיעטריקאָװער גאַס האָט נישט ליב געהאַט גאָלדן. און זי האָט אים מקנא געװען נישט װײניקער װי די גױים. די ײדישע סוחרים האָבן אים אױך מיטן גאַנצן האַרצן געװוּנטשן, אַז ער זאָל ברעכן האַלדז און נאַקן. אװדאי װאָלטן זײ געװאָלט זען װי מען װאַרפֿט דעם רפּאַלטשען אַרױס פֿון ברײערן און מען שיקט אים צוריק צו זײן פֿאָטער, ר' הערשלען, אין סקלאַד אַרײן. אָבער חלילה נישט קײן לעבנס־זאַכן. פֿאָרט אַ טאַטע פֿון קינדער. פֿאָרט אַ ײד. און אַז די גױים דראָען, אַז זײ װעלן אים מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער, איז דאָך פּשוט אַ רחמנות. און צוריקגעשמועסט, איז ער דאָך נאָך אַלץ אַ יונג מיט בײנער. אַ קלײניקײט, אַזאַ יונגערמאַנטשיק קאָן זיך אָן עצה געבן מיט צװאַנציק טױזנט אַרבעטער. און װי ער שפּאַרט אַלץ אָן! מען זאָגט, אַז די ראָטשילדס אין לאָנדאָן פֿירן מיט אים עסקים. שױן אײנמאָל אַ ײדיש קעפּל!

אַװדאי איז ער אַ ײד אַ פּאַרך, בלאָזט פֿון זיך. האַלט אין אײן צורזאָגן און גיט נישט קײן גראָשן אױף ײדישע זאַכן. און װיל נאָר כבוד. אַ פּאַרך אַ ײד. און מיט דעם װײב פֿירט ער זיך אױך נישט, װי עס דאַרף צו זײן. פֿאַרשידענע מעשיות דערצײלט מען זיך אױף דער פּיעטריקאָװער גאַס. מען זאָגט, אַז ער האָט פֿון זײן װײב געװאָלט, אַז זי זאָל אױסטאָן דאָס שײטל. און אַנדערע זאָגן, אַז אַ טריפֿהנע קיך האָט זיך אים פֿאַרגלוסט. אַ שמדניק אַזאַ. האָט זי נישט געװאָלט פֿון אים הערן. פֿאָרט אַ כשרע ײדישע טאָכטער. קומט ער טאַקע נישט אין שטוב אַרײן. װױנט נאָר אין גראַנד־האָטעל. אַזאַ יונגאַטש. שלעפּט זיך אַרום װער װײסט מיט װעמען. נײן, אַזעלכע פֿאַרשװינגען ענדיקן קײנמאָל נישט גוט. פֿונדעסטװעגן איז מען אױף פּיעטריקאָװער גאַס פֿאָרט שטאָלץ מיט אים. װאָס

הייסט, אַפילו די פוילישע צייטונגען האָבן אָפּגעדרוקט זיין בילד. איז וואָס זשע ווילן פון אים די גויים? מילא, אַז יידן האָבן טענות, ווייסן זיי וואָס און ווען, און צו קיין סכנת נפשות וועט פון די יידישע פּרע־טענזיעס נישט קומען. אָבער וואָס האָבן זיי, די גויים, זיך אַריינצומישן? וואָס איז עס זייער באַבעס עסק? וואָס, זיי, די גויים, זענען בעסער ווי רפאלטשע? זיי גיבן מער צדקה? זיי פירן זיך שענער אויף? זיי באַהאַנ־לען בעסער זייערע ווייבער? ער וואלגערט זיך כאָטש נישט שיכור אין רינשטאָק, ווי די גויים זונטיק, ווען זיי גייען אַרויס פון דער שענק... בנאמנות, זיי מעגן נאָך ביי רפאלטשען די שטיוול פוצן.

און צוריקגעשמועסט, ער האָט דאָך עפּעס אויפגעטאָן פאַר זיי, פאַר די גויים. צוואנציק טויזנט אַרבעטער גיט ער פרנסה. און אַלע זענען זיי גויים. ער האָט אַמאָל געוואָלט צונעמען עטלעכע יידישע וועבערס, זאָגט מען, פון באַלוט, האָבן די גויים געמאַכט אַ שטרייק. עס שטייט זיי נישט אָן מיט יידן צוזאַמען צו אַרבעטן. אַזעלכע המנס! און איצט סטראַשען זיי אים, רפאלטשען, אָוועקצולייגן. רשעים אַזעלכע...

אַזוי האָבן גערעדט צווישן זיך די סוחרים פון דער פּיעטריקאָווער גאַס און זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז אַ ייד אין גלות איז שטענ־דיק ביטער, ווי רייך ער זאָל נישט זיין.

די אָנגעשטעלטע, די פאַרקויפערס און בוכהאַלטערס אויף פּיעטרי־קאָווער גאַס, האָבן זיך אָבער געשפּאַרט מיט זייערע באַלעבאַטים. זיי האָבן שוין געהערט צום בונד און זיי האָבן געגלייבט באמונה שלימה אין קלאַסן־קאַמף, ווי זייערע טאַטעס האָבן געגלייבט אין רבין.

— די אַרבעטער ביי ברייערן זענען נישט קיין אַנטיסעמיטן — האָבן זיי געטענהט — רפאל גאָלד איז אַן עקספּלואַטאַטאָר. ער מאַכט אַ לעבן פון אַרבעטערס האָרעוואַניע, פאַרוואָס־זשע זאָל מען אים נישט פיינט האָבן? און אַז מ׳וועט אים אָוועקלייגן, וועט ער אַליין זיין שול־דיק. אַז מען האָקט האָלץ, פאַלן שפּענער. און עס איז נאַריש אומעטום צו זען אַנטיסעמיטן...

— אַזוי? עס איז נאַריש? איז פאַרוואָס וויל מען נאָר אים, רפאל־טשען, אָוועקלייגן? פאַרוואָס הערט מען נישט אַזעלכע רייד אויף די אַנ־דערע, אויף די גוישע פאַבריקאַנטן? זיי זענען בעסער?

דאָס האָבן די אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געהערט צום בונד, נישט

געקאָנט זאָגן. די גויישע אויסנוצערס זענען נישט בעסער פאַר די יידי־שע. אַזוי האָבן זיי געלערנט אין דעם שולחן ערוך פון קלאַסן־קאַמף. פונ־דעסטוועגן איז פאַר זיי נישט געווען אַלץ קלאָר. זיי האָבן גוט געדענקט וואָס עס איז געווען מיט די יידישע וועבערס פון באַלוט. יאָ, עס איז געווען טאַקע אַ חרפה אויך. די פאַרטיי האָט פריער גערעדט מיט אים, מיט רפאל גאָלדן.

— די וועבער אין באַלוט — האָט מען גערעדט מיט גאָלדן — גייען אויס פון הונגער...

— איר זענט געקומען נאָך אַ נדבה, מיינע הערן...

— מיר זענען נישט קיין פושקע־קלאַפּערס, הער גאָלד, מיר ווילן נישט קיין נדבות. מיר פאָדערן אַרבעט פאַר יידישע האָרעפאַשניקעס, פאַר די וועבער פון באַלוט, וואָס אייערע מאַשינען האָבן ביי זיי צוגענומען דעם ביסן פון מויל...

— די גויישע אַרבעטער וועלן זיי נישט צולאָזן.

— אַן אַלטער אויסגעדראָשענער תירוץ, הער גאָלד, יעדער יידישער פאַבריקאַנט זאָגט דאָס זעלבע. אָבער מיר ווייסן, אַז עס איז נישט מער ווי אַ תירוץ.

— נו, גוט, מיינע הערן, כ׳וועל אייך מער נישט זאָגן קיין תירוץ. שיקט מיר צו צוואַנציק וועבערס פון באַלוט, עס וועט זיין אַן אָנהייב.

צומאָרגנס האָט אַ שטאַרקע פּאָליציי־וואַך געמוזט אַהיימפירן די צוואַנציק וועבערס, אַנישט וואָלט מען זיי געשפּאָלטן די קעפּ...

גאָלד האָט דעמאָלט געזאָגט:

— נו, איר זעט, איר מוזט פריער זיך דורכריידן מיט אייערע חברים פון דער פּ.פּ.ס.

און ער האָט צוגעגעבן:

— וואָס מיינט איר? מיר איז אַזוי גוט צו זיין צווישן אַזוי פיל גויים?

— ניין, עס איז נישט אַזוי פשוט מיט דעם אַלעם. אפשר שטשירען זיי טאַקע די ציין בלויז אויף דעם ייד?

ר׳ הערשל האָט שפּעטער פון אַלע געהערט וועגן דעם, וואָס מען רעדט אין גאַס וועגן זיין זון. ער האָט זיך געפילט קעגן אים שולדיק. ער האָט נישט באַדאַרפט צו אים זיין אַזוי שטרענג. ער האָט נישט באַ־

דאַרפט זיך זעצן שבעה און קריעה רייסן. סוף כל סוף האָט רפאל זיך נישט געשמדט. און ווער ווייסט, צי ער האָט נישט געמוזט אויסטאָן די לאַנגע קאַפּאָטע. אַ ייד איינער צווישן אַזוי פיל גויים מוז זיך דאָ אַביסל פאַרשטעלן. און ער איז דאָך נישט גלאַט קיין ליידיקגייער. די גאַנצע שטאָט האַלט דאָ אין איין ריידן וועגן אים. און אַפילו די וואָס זענען אים מקנא פאַרלייקענען נישט, אַז ער איז אַ מזיק אַ יונג.

ר׳ הערשל ווייסט נישט ווי אַזוי רפאל איז געקומען צו ברייערס פאַבריק. ער ווייסט נישט צי דער וועג איז געווען אַ כשרער. ער ווייסט אָבער, אַז דער אַלבערט איז אַ גאָרנישט אַ ליידיקגייער און פוסטער קאָפּ. ער וואָלט גאָרנישט געמאַכט מיט דער פאַבריק. פון אַלעם וואָלט אַ תל געוואָרן. און ביי רפאלן גייט אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין. די דירעקטאָרן אין דער האַנדלסבאַנק האָבן אים, ר׳ הערשלען, אַנומלט געזאָגט, אַז ער האָט אַ זון אַן עילוי.

האָט ר׳ הערשל געקלערט, אַז מען דאַרף זיך מיטן זון איבערבעטן. מען דאַרף אים כאָטש צוהאַלטן ביי יידישקייט. מילא, זאָל שוין זיין אַ קאַפּעליוש און אַ קורצער ראָק. אָבער פאָרט אַ ייד. און אפשר וועט מען אים קאָנען צוריקברענגען צום ווייב און קינדער. פאָרט אַ רחמנות אויף דעם ווייבל. שיקט איר צו יעדן פרייטיק דאָס געלט ווי אַ נדבה און ווייזט זיך נישט גאַנצע וואָכן אין שטוב. אַזאַ זאַך איז נישט געהערט געוואָרן ביי יידן. מען מוז מיט אים ריידן, מיט רפאלן, ער וועט דאָך פאַרשטיין...

ר׳ הערשל פילט נישט, אַז אין זיין באַציאונג צו זיין זון איז פאָר־געקומען אַן ענדערונג. ער רופט אים שוין נישט אין געדאַנק רפאלטשע. פאָרט נישט אַבי ווער, דער רפאל, אַז ער האָט געקאָנט דאָס אַלץ מאַכן.

ר׳ הערשל איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ אומרואיקער פון די גויימס סטראַשונקעס. אויף גויים קאָן מען זיך אַלץ ריכטן. זיי זענען רוצחים און ווען זיי שיכורן זיך אָן, איז דאָך ממש סכנות נפשות. דאַרף מען וואָרענען רפאלן. אַ קשיא אויף אַ מעשה וואָס עס קאָן געשען...

ר׳ הערשל האָט זיך אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, האָט זיך צע־קעמט די באָרד, פונקט ווי ער טוט עס ווען ער גייט צום דירעקטאָר אין דער האַנדלס־באַנק און ער איז אַוועק אַ קוק צו טאָן צו ברייערן.

דער אַלטער דינער האָט ר׳ הערשלען גלייך דערקענט.

— ר׳איז דאָ, מיין זון?

— יאָ — האָט דער דינער אָנגעוויזן אויף דער טיר — כ׳וועל אַרײַנ־גיין אָנמעלדן.

— מען דאַרף נישט, יאַן, — האָט ר׳ הערשל אים צוריקגעהאַלטן און געטראַכט — אָנמעלדן דעם טאַטן? כע, כע...

ר׳ הערשל האָט געעפנט די טיר פון זיין זונס אַרבעטס־צימער און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז נישט געקומען צו דער ריכטיקער צייט.

ביים זונס טיש זענען געשטאַנען די מייסטערס פון ברייערן און רפאל האָט אויף זיי געשריען.

ר׳ הערשל האָט זיך געוואָלט צוריקציען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. האָט ער בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— שטערט אייך נישט, כ׳האָב צייט און וועל צוואַרטן...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער שטוב און זיך צוגעהערט צו זיין זונס ריידן מיט די גויים.

דאָס ריידן איז אים נישט געפעלן געוואָרן.

— פאַרוואָס שרייט ער אַזוי הויך? — האָט ער געטראַכט — די רייד פון די חכמים ווערן אַרויסגערעדט רואיק...

ר׳ הערשל האָט זיך אויפמערקזאַמער צוגעהערט, אָבער נאָך מער צוגעקוקט צו די גוייםס פּנימער.

— בייזע פּנימער — האָט ר׳ הערשל געטראַכט — און ער, רפאל, רעדט אזוי, אַז זיי זאָלן נאָך בייזער ווערן.

— ניין, ר׳ הערשלען געפעלט נישט דאָס ריידן פון זיין זון. אפשר איז ער גערעכט מיט זיינע רייד, אָבער אַזוי טאָר מען נישט ריידן. פון דעם בייזערן זיך און שרייען וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען. מען דאַרף עס אים זאָגן, רפאלן.

די גויים זענען ענדלעך אַרויס פון צימער און ר׳ הערשל האָט גע־זען דעם בייזן גלאַנץ אין זייערע אויגן.

ר׳ הערשל האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און איז צוגעגאַנ־גען צו דעם טיש, פאַר וועלכן זיין זון איז געבליבן שטיין.

פאָטער און זון האָבן זיך שטום אָנגעקוקט.

— נו, זעץ זיך, רפאל, האָט ר׳ הערשל אַליין זיך אַוועקגעשטעלט.

רפאל איז געבליבן שטיין. נאָך וואָס איז ער געקומען, דער אַלטער?

אפשר אַביסל היימישע מענטשן אים צוצעוואַרפן און זיי פּרנסה געבן פאַר גאָרנישט טאָן? נו, אויב אַזוי, האָט ער אַ טעות, דער אַלטער.

— פאַרוואָס זעצסטו זיך נישט? איילסט זיך אפשר, רפאל?

— ניין, כ׳אייל זיך נישט.

— איז גוט, כ׳וויל זיך טאַקע מיט דיר, רפאל, אַביסל אויסשמועסן. אין שטאָט רעדט מען...

— וואָס גייט מיך אָן וואָס מ׳רעדט אין שטאָט — האָט רפאל גאָלד זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט.

— עס דאַרף דיר אָנגיין, רפאל. מ׳רעדט אין שטאָט, אַז די גויים ביי ברייערן סטראַשען, אַז זיי וועלן זיך מיט דיר אָפּרעכענען...

— זאָלן זיי פּרווון...

— מ׳טאָר נישט זיין צופיל בריה, רפאל. איך האָב געהערט ווי דו האָסט גערעדט דאָ צו די מייסטערס. מ׳קאָן אַלץ זאָגן אָן געשריי, רפאל, און אַז אַן ערל פאַלט אַריין אין רציחה...

— דו ביסט דאָך שוין סיי ווי געזעסן שבעה נאָך מיר, טאַטע, און זיך קריעה געריסן...

— כ׳ווייס, רפאל, אפשר האָב איך אַ טעות געהאַט. יאָ, כ׳האָב זיכער אַ טעות געהאַט. אָבער טאָמער האָסטו, רפאל, דאָ מיט די גויים אַ טעות, ווער ווייסט, צי מ׳וועט קאָנען שפּעטער פאַרריכטן. איך קען זיי, די גויים, פון לאַנג, מ׳טאָר זיי נישט אַריינברענגען אין רציחה...

— איך וועל שוין זאָרגן אַליין פאַר מיר, טאַטע...

— אַזוי מיינסטו? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעשטעלט — דו שטעלסט נישט אַמאָל צופיל אויף זיך, רפאל?

— אַז איך שטעל צופיל אויף זיך, איז עס מיין זאַך.

ר׳ הערשל האָט געקוקט אויף זיין זון. ער האָט געזען פאַר זיך אַ פרעמדן מענטש.

— דער דאָזיקער פרעמדער איז מיין זון? איך בין געשטאַנען ביי זיין בעט, ווען ער איז, אַלס קינד, קראַנק געווען? איך האָב אים געפירט אין חדר אַריין? איך האָב אים חתונה געמאַכט?

ר׳ הערשל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך עפּעס צו זאָגן צו דעם פרעמדן, וועלכער איז זיין זון.

— חוהלע, דיין ווייב, האָט מיר געזאָגט, אַז דו קומסט אינגאַנצן

נישט אין שטוב, זעסט צו מאָל נישט די קינדער? אַזוי קאָן דאָך נישט זײַן...

— כ'האָב דיר שוין געזאָגט, אַז כ'ווייס אַליין וואָס כ'האָב צו טאָן.

ר' הערשל האָט גאָרנישט געזאָגט. זײַן געשטאַלט האָט זיך אײַנגעבייגן. ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט בײַ דער טיר אויסגעשטרעקט די האַנט אין דער הייך, ווי ער וואָלט געזוכט די מזוזה. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז בײַ ברייערן זענען נישטאָ קיין מזוזות. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט און איז אַ ווײַל געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר. ער האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט צוריק צו דער שטוב צו. רפאל גאָלד איז געשטאַנען פאַר זײַן שרייב־טיש.

— ס'איז מיר אַ רחמנות אויף דיר, רפאל, — האָט ר' הערשל גענומען שטעלן אַ פּוס אויף די טרעפּ.

רפאל גאָלד האָט נישט געענטפערט. ער האָט מיט דער רעכטער האַנט אָנגעטאַפּט זײַן באַק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די באַק זײַנע פלאַמט ווי ער וואָלט נאָרוואָס געוואָרן אויסגעפּאַטשט.

אַ ווײַל האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג. ער האָט געוואָלט נאָכלויפן דעם פאָטער, אים צוריקברענגען אין דעם חדר און אים דערציילן וועגן די טויט־אַנגסטן פון שרעק, וואָס ער האָט דאָ יעדן טאָג. ער איז אָבער געבליבן שטיין.

— נאַרישקייטן — האָט ער צו זיך געזאָגט — אַ רחמנות אויף מיר... כאַ, כאַ, כאַ, אַלע יידן וואָלטן נישט ווייניק געגעבן, אַז מ'זאָל אויף זיי רחמנות האָבן.

ער האָט אַרײַנגערופן זײַן הויפּט־אינזשעניער און אים מיטגעטיילט, אַז אין דער קומענדיקער וואָך וועט מען צוטרעטן בויען די נײַע פאַבריק־געביידעס.

רפאל גאָלד איז געוואָרן באַהערשט ווי פון עפּעס אַן אַרבעט־משוגעת. ער האָט נישט גערוט נישט בײַטאָג און נישט בײַנאַכט. ער האָט זײַנע אינזשעניערן און מײַסטערס נישט געגעבן קיין רו. ער האָט זיי אָפּט פון די בעטן אַרויסגעשלעפּט און געפאָדערט זיי זאָלן גלײַך זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

זיי האָבן אים וואָס אַמאָל מער פײַנט באַקומען. זיי האָבן געבענקט נאָך די אַלטע גוטע ברייערס צײַטן, ווען מען האָט יעדן נאָכמיטיק גע־

קאַנט כאַפּן אַ דרימל און מען האָט זונטיק געקאָנט אַרויספאָרן אין וואַלד און אויסרייניקן די לונגען פון דעם רויך פון די קוימענס. ביי רפאל גאָלדן איז נישט געווען קיין שבת און קיין זונטיק. נישט קיין גוי און נישט קיין ייד איז ער, האָבן זיינע אָנגעשטעלטע געטראַכט, עפּעס אַ טייוול...

נאָך מער האָבן אים פיינט געהאַט די פּראָסטע אַרבעטער. ער האָט ביי זיי אַרויסגעיאָגט די כוחות פון די ביינער. ער האָט איינגעשטעלט אַ נייעם סאָרט אַרבעט, ווו יעדער אַרבעטער שלעפּט מיט דעם צווייטן. אַזוי, זאָגט ער, אַרבעט מען אין אַמעריקע. כאַפּט אים דער רוח דעם זשיד, צוזאַמען מיט זיין אַמעריקע! מ׳קאָן דאָך ביי אים נישט כאַפּן דעם אָטעם. און אַלץ איז פאַר אים ווייניק. יעדן טאָג טראַכט ער אויס עפּעס נייעס, אַבי צו דערגיין די יאָרן דעם אָרעמען מענטש.

טויטע קללות האָבן אים באַגלייט, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן און פויסטן האָבן זיך געביילט הינטער זיינע פּלייצעס.

אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס און אויך אין וואַרשע, אויף דער גענשע און נאַלעווקעס, האָבן די יידישע קרעמער, די גרויסע און די קליי־נע, נישט ווייניק אים געזידלט. ער האָט באַדאַרפט שטענדיק האָבן געלט. וויפיל מ׳האָט אים געגעבן איז אַלץ געווען צו ווייניק. האָט ער זיי, די סוחרים פון דער גענשע גאַס און פון דער פּיעטריקאָווער, צו זיך גערופן, ער האָט זיי גאָרנישט צוגעזאָגט, נאָר זיי בלויז געגעבן אָנצוהערן, אַז עס איז פאַר זייער ווערט אים אַריינצוטראָגן וואָס מער מזומנים. נישקשה, זיי וועלן נישט דערלייגן. האָט מען געטראָגן געלטער צו אים פון אַלע זייטן, נאָר פון די פאַרדינסטן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. און מען האָט צומאָל קיין טענות צו אים נישט געקאָנט האָבן. ווייל, אייגנטלעך, האָט ער דאָך גאָרנישט קלאָרעס קיינעם נישט צוגעזאָגט.

פונדעסטוועגן, ווען ער האָט ווידער נאָך זיי געשיקט, זענען זיי ווידער געגאַנגען. איינער האָט מורא געהאַט, אַז דער צווייטער וועט אָן אים מאַכן דעם עסק.

— זיי האָבן אַלע מורא — האָט רפאל גאָלד געטראַכט, סיי ווען ער איז געגאַנגען איבער די פאַבריק־געביידעס און סיי ווען ער האָט גערעדט מיט זיינע סוחרים־אָפּנעמער. — זיי ווייסן, אַז מיך נאַרט מען נישט.

די דאָזיקע שרעק, וואָס ער האָט אַרויסגערופן ביי אַנדערע, איז פאַר

גאָלדן געווען אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם פּחד, וואָס איז אים ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען.

אַלע אין שטאָט און אַפילו אין גאַנצן לאַנד האָבן שוין געקענט דעם נאָמען פון רפאל גאָלד. אַלע האָבן געוווסט, אַז ער איז דער באַלעבאָס פון ברייערן. אין אַלע אַקטן מיט לאַק־חתימות און גרויסע בלאָע און רויטע שטעמפּלען, ווערט עס בפירוש געזאָגט. נאָר ער, רפאל גאָלד אַליין, גלייבט זיך נאָך אַליין אין דעם אַלעם נישט צו. ער לעבט אין כסדרדי־קער שרעק, אַז מאָרגן וועט פּלוצלינג אַראָפּקומען אַלבערט און אַ זאָג טאָן:

— נו, גענוג געשפּאַסט, רפאלטשע...

היינטערן פּענצטער וועט שטיין זיין טאַטע, ר׳ הערשל, און זיין ווייב, חוהלע, און אַלע יידן פון דער פּיעטריקאָווער גאַס און פון דזשעלנע און פון גייערס מאַרק און זיי וועלן אַלע לאַכן פון דעם שפּאַס, וואָס מ׳האָט געטריבן מיט רפאלטשען.

ער באַרואיקט זיך איבערלייענענדיק די בריוו, וואָס ער באַקומט פון אַלבערטן. ער איז גאָר אין אינדיע, אַלבערט. עס ליגט אים נישט אין זינען די לאָדזשער פאַבריק־קוימענס. ער איז געוואָרן, שרייבט ער, אַן איבערצייגטער בודיסט. אויס מיט די נאַרישקייטן פון עולם הזה. ער, אַלבערט, ווייסט איצט, אַז דאָס איינציקע גליק קאָן מען געפינען אין דער נירוואַנאַ.

אַלבערטס שאָטן פאַרשווינדט. דערפאַר אָבער דערזעט גאָלד פאַר זיך די אַלע פּנימער פון די מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי זיינע מאַשינעס.

ער נעמט אַרויס פון טאַש אַ בריוו, וואָס ער האָט נעכטן באַקומען. דער בריוו איז פון קיינעם נישט אונטערגעשריבן, אָבער זיין שפּראַך איז אַ קלאָרע. פאַרך ייד, רופט מען אים אין דעם בריוו, וואָס זויגט אויס דעם מאַרך פון די ביינער פון ערלעכע פרומע קריסטן. מ׳וועט זיך אָבער מיט אים אָפּרעכענען. מ׳וועט אים אָנטאָן אַ זאַק מיט דזשעגעכץ אויפן קאָפּ און אים אַרויפזעצן אויף אַ וועגעלע און מיט גרויס פאַראַד אַרויס־פירן אויף דער גאַס.

אַ שוידער איז דורכגעלאָפן גאָלדס לייב. אַזאַ זאַך איז נאָך ערגער ווי אַ מעסער אין רוקן. ער וועט זיך מער נישט קאָנען ווייזן אין שטאָט. ער וועט מוזן אַנטלויפן. ניין, ער וועט זיך אַ מעשה אָנטאָן.

ער האָט זיך נאָך נעכטן געזען מיטן פּאָליציי־קאָמיסאַר. ער, דער

קאָמיסאַר, באַקומט פון אים יעדן חודש אַ פּיינע מטבע אין דער יד אַריין. פונדעסטוועגן האָט ער זיך צעשמייכלט, ווען ער האָט געלייענט וועגן דעם זאַק, וואָס מ׳וויל אים, גאָלדן, אָנטאָן אויפן קאָפּ. גאָלד האָט גע־ווּסט, אַז דער גוי האָט הנאה פון דער מעשה.

— אפשר וועט איר אָוועקפאָרן אויף אַ צייט, פּאַניע גאָלד... די אַר־בעטער וועלן זיך דערוויילי באַרואיקן.

גאָלד האָט געוואָלט אַוועקפאָרן. אָבער ער האָט מורא געהאַט אַוועק־צופאָרן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז קוים פאָרט ער אַוועק, וועט מען אים מער נישט אַריינלאָזן. און אַלע וועלן וויסן, אַז ער איז אַנטלאָפן און דאָס איז פונקט אַזוי ווי מ׳וואָלט אים אָנגעטאָן אויפן קאָפּ דעם זאַק מיט דזשעגעכץ. ניין, פאָרן קען ער נישט. אָבער דערויף איז דאָך דאָ פּאָליציי, וואָס זאָל היטן די אָרדענונג.

— אפשר האָט איר אויף עמיצן אַ פאַרדאַכט, פּאַניע גאָלד? — האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געוואָלט וויסן.

— ניין.

ער האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער האָט אַ פאַרדאַכט אויף די אַלע צוואַנציק טויזנט מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי אים. אין זייער אַלע־מענס אויגן זעט ער האָס.

— איך קאָן אייך געבן אַ פּאָליציי־וואַך, האָט געזאָגט? דער גאָלד. [sic]

גאָלד האָט געוווּסט, אַז דער פּאָליציי־קאָמיסאַר שפּעט פון אים.

אַ שיין פּנים וועט ער האָבן אין די אויגן פון זיינע מיטאַרבעטער און אָנגעשטעלטע, ווען ער וועט קומען אין פאַבריק אַריין אין באַגלייטונג פון אַ וואַך. דאָס וועט זיין נאָך ערגער ווי אַנטלויפן. די גאַנצע שטאָט וועט אים מאַכן צו שפּאָט. עס וועט קיינער זיך מער מיט אים נישט רע־כענען. זיינע באַפעלן וועלן מער נישט אויסגעפירט ווערן. די מיטאַרבע־טער זיינע וועלן אים לאַכן אין די אויגן אַריין. ער וועט נישט בלויז זיך נישט קאָנען מער ווייזן ביי ברייערן ווי ער אַליין האָט נאָך אַלץ ביי זיך גערופן זיין אייגענע פאַבריק. ער וועט מוזן פאַרלאָזן די שטאָט און זיין אייגענער טאַטע וועט האָבן אין אים אַ נקמה.

ער האָט אַ קוק געטאָן פון דער זייט אויף דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר. אין דעם קאָמיסאַרס אויגן האָט ער באַמערקט שפּאָטישע פייערלעך.

— אַ שונא ישראל... — האָט גאָלד צו זיך געזאָגט און אַרויסגענומען אַ שפּאַרע מטבע.

— איר ווייסט וואָס — האָט דער קאָמיסאַר געקוקט אויפֿן געלט — מיר וועלן מאַכן עפּעס בעסערס, איך האָב אין אייער פֿאַבריק מײַנע מענטשן.

— איר? — האָט גאָלד אין דער ערשטער מינוט נישט געקאָנט באַהאַלטן זײַן פֿאַרוווּנדערונג.

— איך זאָג עס אײַך זייער פֿאַרטרוילעך, הער גאָלד. אייגנטלעך טאָר איך גאָרנישט וועגן דעם ריידן. נאָר פֿאַר אַ פֿרײַנד בין איך גרייט אויף אַלעם. איז, פֿאַרשטייט איר, הער גאָלד, די פּאָליציי מוז אַלץ וויסן און מוז אומעטום זײַן. דערצו אין אַ פֿאַבריק מיט אַזוי פֿיל אַרבעטער. איר ווייסט דאָך, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, רעוואָלוציאָנערן און נאָך אַזעלכע פֿאַרשוינען. מען מוז האָבן אויף זיי אַן אויג. נישט וואָר, הער גאָלד?

— געוויס, געוויס — האָט גאָלד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, וועל איך די לײַט מײַנע הייסן אַכטונג געבן אויף דער חברה וואָס שרײַבן צו אײַך, הער גאָלד, אַזעלכע בריוועלעך.

דער קאָמיסאַר האָט דאָס געלט, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש, אַרײַנגעלייגט צו זיך אין טאַש און צוגעגעבן:

— נו, איר פֿאַרשטייט, דאָס וועט דאַרפֿן קאָסטן, די מענטשן מײַנע האָבן אַ צוגאָב־אַרבעט. עס איז אָפּהענגיק וויפֿיל זיי וועלן זײַן באַשעפֿטיקט.

— איר מעגט מאַכן, הער קאָמיסאַר, אַלע אויסגאַבן, וועלכע איר וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק.

רפֿאל גאָלד האָט געוווּסט, אַז פֿון הײַנט אָן וועט מען האַלטן פֿון אים אין אײַן ציִען געלט. ער האָט נישט ליב געהאַט צו געבן געלט. דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ פֿאַרדאַכט, אַז מען נאַרט אים אָפּ און ער האָט נישט ליב געהאַט צו ווערן אָפּגענאַרט. אָבער נאָך גרעסער איז געווען זײַן פֿאַרדראָס וואָס ער, רפֿאל גאָלד, מוז אָנקומען צו אַזעלכע זאַכן, וואָס ער מוז זײַן אָפּהענגיק פֿון עפּעס אַ קאָמיסאַרל, אַ שיכור און וואָס ער מוז אין זײַן אייגענער פֿאַבריק מורא האָבן פֿאַר יעדן שאָטן.

— דאָס איז אַלץ דערפֿאַר, וואָס כ׳בין אַ ייד — האָט ער צו זיך

געראַדט. און זיך געהאַלטן פאַר אַ קרבן, וואָס איז זיך מקריב פאַר יידן.
ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט זיינע ליידן פאַר יידנסוועגן, אַז ער איז אַזש אין אָוונט אַוועק צו דער ציוניסטישער אסיפה, וואָס דר. מינץ, פון דער זאַוואַדזקע גאַס, האָט גערופן צו זיך אין שטוב.
ער איז געגאַנגען צום ערשטן מאָל אויף אַזאַ אסיפה.
— איך האַלט נישט פון אַזעלכע זאַכן — פלעגט ער זאָגן — און איך האָב נישט קיין צייט, איך האָב געדולד צו וואַרטן אויף משיחן.
דאָסמאָל אָבער איז ער געגאַנגען און האָט אַפילו גערעדט. ער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם ביטערן גלות און וועגן די יידישע ליידן. און זאָל מען אים נישט מקנא זיין. ער האָט אויך גענוג צרות. צוואַנציק טויזנט גויים לעבן פון אים און יעדער פון זיי איז אים אַ שונא. ער ווייסט דאָס אַלץ און ער פילט דאָס יעדן טאָג. עס איז אים אַפילו מיאוס די גאַנצע אַרבעט. למי אני עמל? פאַר די גויימס וועגן? ער שטייט אויף זיין פּאָסטן, אָבער ווי אַ זעלנער וואָס דערפילט זיין פליכט. ער פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד. זאָלן זיי זען, אַלע, וואָס אַ ייד קאָן! אָבער ער האָט חלילה נישט פאַרגעסן אָן ארץ ישראל. ער קאָן נאָר נישט ריידן וועגן דעם. עס איז נאָך נישט געקומען די צייט. איר ווייסט דאָך, דר. מינץ, דעם טייטש פון לא איכשר דרא. אָבער ער גרייט עפּעס צו. עפּעס גרויסעס, גראַנדיעזעס, עפּעס אַזוינס, וואָס וועט מאַכן שטוינען די גאַנצע וועלט. די פאַבריק וואָס ער האָט אויפגעשטעלט דאָ אין לאָדזש, וועט זיין אַ קינדער־שפּיל אַקעגן דעם, וואָס ער וועט מאַכן דאָרט, ביי די ברעגן פון ירדן. זאָל מען זיך נישט וווּנדערן, וואָס ער דאָ איז כלומרשט גלייכגילטיק. דאָס איז דערפאַר, וואָס ער קאָן זיך נישט אָפּגעבן מיט קלייניקייטן. ער מוז אַלע כוחות האַלטן גרייט פאַר זיין גרויסן פּלאַן. און ער בעט וועגן דעם נישט ריידן. ער האָט פיינט רעקלאַמע און ער ווייסט אויך, אַז איבעריקע רייד ברענגען קיינמאָל נישט קיין נוצן. ער האָט דאָ בלויז גערעדט ווייל ער ווייסט, אַז עס זענען אַלע היימישע מענטשן, נו, מעג מען קומען זיך אַמאָל אַראָפּ־ריידן פון האַרצן.
דער אַלטער דר. מינץ האָט לאַנג געדריקט רפאל גאָלדס האַנט:
— זייט מוחל, הער גאָלד, — האָט ער געזאָגט — וואָס מיר האָבן טיילמאָל געהאַט צו אייך טענות. מיר האָבן געמיינט, אַז איר זענט ווי

די אַלע יידישע גבירים, וואָס מיינען, אַז מיט זייער געלט קאָנען זיי זיך אויסקויפן פון גלות. איצט זע איך, אַז איר טראָגט אייך אַרום מיט אַ גרויסער זאַך. זאָל אייך גאָט העלפן.

רפאל גאָלד האָט אַ געררטער געשוויגן. ער אַליין האָט אין דער מי־נוט געגלייבט אין זיין פּלאַן. ער איז געווען זיכער, אַז ווען ער וועט נאָר האָבן אַביסל צייט, וועט ער זיך טאַקע נעמען צו דער אַרבעט. ער וועט מאַכן אַ זאַך, וואָס וועט אַריין אין דער געשיכטע און ער האָט שוין גע־זען זיין בילד שטיין צוזאַמען מיט דר. הערצל און מיט מאַקס נאָרדוי און מיט נחום סאָקאָלאָוו.

אין שטאָט האָט מען זיך באַלד צומאָרגנס דערוווסט וועגן גאָלדס גרויסע פּלענער. מען האָט זיך וועגן זיי געשושקעט, ווייל מען האָט גע־ווּסט, אַז זיי זענען דערווייל אַ געהיימניש. זענען די פּלענער גאָלדס, אין דער פאַנטאַזיע פון די יידן, נאָך מער געשטיגן און טייל זענען שוין געגאַנגען אַזוי ווייט און געזאָגט, אַז רפאל גאָלד קלייבט זיך צו פאָרן צו די קיסרים...

— ווער ווייסט, אפשר וועט ער עס טאַקע מאַכן.

לאָדזשער יידן זענען געווען שטאָלץ. אַ קלייניקייט, עפּעס אַ היימיש יינגל ווערט אַ גרויסער מענטש.

— וואָס זאָגסטו צו אונדזער לאָדזש — האָבן די סוחרים אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס צווישן זיך געשמועסט — אַ ממזר אַ יינג דער רפאלטשע!...

רפאל גאָלד האָט באַקומען בריוו געשריבן אין אַ פיינעם מליצהדיקן העברעאיש. די בריוו־שרייבער זענען געווען העברעאישע סוחרים און ציוני־סטישע כלל־טוער. זיי האָבן גאָלדן מיטגעטיילט, אַז עס זענען צו זייע־רע אויערן דערגאַנגען ידיעות וועגן זיינע גרויסע פּלענער מכוח אונדזער הייליק און חרוב לאַנד. ווינטשן זיי אים הצלחה און ברכה אין אַלע זיינע מעשים. גלייכצייטיק אָבער געפינען זיי פאַר נייטיק אים אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז כדי דורכצופירן די אַלע פּלענער, מוז מען האָבן גרויס דער־פאַרונג און זיי זענען גרייט אים מיטצוהעלפן מיט ראָט און טאַט. די בריוו האָבן זיך געענדיקט, אַז זיי דערוואַרטן מיט אומגעדולד זיין, גאָלדס ענטפער און זיי דערלויבן זיך אויך אים אַריינצושיקן אַ בראָשור וועגן זייערס אַ חברה אויסצולייזן דעם באָדן פון הייליקן לאַנד פון די אַראַ־

בישע הענט און זיי זענען זיכער, אַז גאָלד וועט אָפּשאַצן די ווירקלעכקייט פון דער זאַך און וועט אַריינטראָגן זיין בייטראַג וכל המרבה הרי זה משובח.

רפאל גאָלד האָט די אַלע בריוו זאָרגפעלטיק געלייענט. ער האָט זיי אפילו באַהאַלטן ביי זיך אין שופלאַד, נאָר קיין געלט צו די בריוו־שרייבער האָט ער זיך נישט געאיילט צו שיקן.

טייל פון די בריוו־שרייבער מיט קלינגענדיקע נעמען, האָט ער גע־ענטפערט מיט מליצהדיקע לשון־קודשדיקע בריוו און זיי געגעבן אָנצו־הערן, אַז אַ מענטש וואָס טראָגט מיט זיך דעם גרויסן דינר דאַרף אים נישט אויסטוישן צו פּרוטות, מען מוז, הייסט עס, היטן דעם גילדן און נישט איינטוישן אויף גראָשנס.

ווען עס איז אָבער אדורך אַ צייט און מ׳האָט פון גאָלדס גרויסן גילדן נישט געהערט, האָבן יידן אָנגעהייבן צו מורמלען.

— רפאלטשע — האָבן זיי געזאָגט — פירט אייך אַלע ביי דער נאָז. ער מיינט בלויז צו ווערן אַ שיינער ייד.

— איז וואָס? — האָט גאָלד געהאַט אויך פּאַרטיידיקער אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס — אדרבה, אַלע גבירים ווילן זיין כאָטש שיינע יידן...

— ער איז אַ צבועק, ער פאַרבט זיך שיין...

— זאָל זיין אַזוי, הלוואי, זאָלן אַלע יידן זיך ווערן כאָטש פאַרבן שיין...

— איר וועט זען, ער וועט אייך אַלע אָפּנאַרן, רפאלטשען!...

צו גאָלדן זענען די אַלע רייד דערגאַנגען. עס האָט אים פאַרדראָסן. גיי מאַך עפּעס מיט יידעלעך. אַלץ איז פאַר זיי צו ווייניק. די גרויסע באַנקירן אין לאָנדאָן גלייבן אים, גאָלדן, אויפן וואָרט, און זיי, די יידע־לעך פון נאָוואָמיעסקע גאַס, ווילן אים נישט גלייבן. וואָס מיינען זיי? ער איז זיי עפּעס שולדיק? ער לאַכט זיך אויס פון אַלע זייערע רייד. די גייערס און די שייבלערס און די פּאָזנאַנסקיס, די גרויסע לאָדזשער פאַב־ריקאַנטן און די נאַטאַנזאָנס און די אייגערס, פון וואַרשע, ליגן דאָך אויך ביי די פיס און בעטן אים צו האַלטן זיך מיט זיי און נישט האָבן מער צו טאָן מיט דער טאַלאַלייסטווא, מיט די זעקל־יידעלעך פון דער פּיעט־ריקאָווער גאַס.

אַזוי האָט רפאל גאָלד געגעבן צו פאַרשטיין זיינע מקורבים און זיי האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט:

— געוויס, פּאַניע גאָלד, מ׳טאָר נישט ווערן צופיל פאַן־בראַט מיט די יידעלעך...

רפאל גאָלדן האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז זיי, די מקורבים זיינע, וואָס וואַרטן נאָך אַלץ צוצוכאַפּן זיך צו די ברעקלעך פון זיין רייכן טיש שמייכלען צו זיך אויך דעמאָלט, ווען זיי ריידן צו אים די דאָזיקע חניפה־רייד.

ער, גאָלד, האָט געוווסט, אַז זיי, די פּאָזנאַנסקיס און שייבלערס און נאַטאַנזאָנס בלאָזן פון זיך צופיל, ווען זיי טרעפן זיך מיט אים. זיי קאָנען נישט פאַרגעסן, אַז ער, גאָלד, איז ערשט נישט לאַנג געווען אַ „מענטש״ ביי זיין פאָטער, ר׳ הערשל, און זיי מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז זייערע אייגענע זיידעס זענען געווען קבצנים. נו, וועט ער, גאָלד, זיי ווייזן, אַז ער איז עפּעס מער פאַר זיי אַלע.

ער האָט אַראָפּגעבראַכט אינזשעניערן און אַרכיטעקטן פון בערלין און האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זאַוואַדזקי גאַס אַ פּאַלאַץ, אַז די גאַנצע שטאָט איז געקומען צולויפן אויף בייד־וווּנדער.

ער האָט געמאַכט אַ חנוכת הבית, צו וועלכן דער גובערנאַטאָר אַליין איז געקומען. אין שטאָט האָט מען דערציילט, אַז שאַמפּאַן־וויין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער אויף דער שמחה און אַז דער גראַף פּאָטאָצקי מעג זיך באַהאַלטן אַקעגן גאָלדס נייעם פּאַלאַץ.

גאָלד האָט אויסגעזען צו זיין זייער צופרידן. אָבער טיף אין האַרץ האָט אים געגנאָגט אַ וואָרעם. די גרויסע לייט זענען נישט געקומען זען דעם פּאַלאַץ. יעדער פון זיי האָט געהאַט אַן אנדערן תירוץ און אויך די, וואָס זענען געקומען, האָבן נישט מיטגעבראַכט זייערע ווייבער און אויך געהאַט פאַרטיקע תירוצים.

די יידן פון דער פּיעטריקאָווער גאַס האָט גאָלד נישט גערופן. אויך די אייגענע משפחה, גאָלדס, איז נישט געווען.

דער גובערנאַטאָר אַליין האָט אים געפרעגט:

— כ׳האָב געהערט, איר האָט אַן אַלטן פאָטער, הער גאָלד, כ׳וואָלט געוואָלט אים באַגריסן.

גאָלד איז רויט געוואָרן. ער האָט נישט געוווסט צי דער גובערנאַ־

טאָר האָט נישט געמיינט קיין שפּאַס. ווי האָט ער געקאָנט אָהער ברענגען זיין פּאַטער מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און דעם הויכן זיידענעם קאַפּעל? איבעריקנס, האָט ער געוווּסט, אַז דער אַלטער ר׳ הערשל וואָלט נישט געוואָלט דאָ זיין אויף דעם מושב־לצים.

רפאל גאָלד האָט אויך זיין ווייב, הוהלע, מיטן הויכן שייטל געלאָזט אין איר אַלטער דירה. ווי קומט זי אין אַזאַ פּאַלאַץ?

דערפאַר האָט ער געברענגט זינגערס און טענצעריגס פון דער אָפּע־רע און אַקטיאָרן פון פּוילישן טעאַטער און זיי האָבן משמח געווען דעם עולם.

גאָלד האָט געזען ווי זיינע געסט טרינקען די טייערע וויינען און טאַנצן מיט די שיינע שוישפּילערינס.

— עס איז אַ פיינער אָוונט — האָבן די געסט געזאָגט צו גאָלדן — נישט אַזוי ווי אַנומלט ביי פּאָזנאַנסקין, מ׳האָט דאָרט געגענעצט פון לאַנגווייליקייט.

גאָלד האָט אין די דאָזיקע לויב־ווערטער אַרויסגעפילט אַ באַהאַל־טענעם שטאָך. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי ביי די גרויסע לייט ווילט מען זיך און מען פאַרברענגט אַזעלכע אָוונטן. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז קוים גענעצט מען ביי פּאָזנאַנסקין איז מסתמא ווייסט ער, פּאָזנאַנס־קי, וואָס ער טוט. מסתמא דאַרף מען גענעצן.

ער איז נישט לאַנג געבליבן אין זיין נייעם פּאַלאַץ. ער איז צו־מאַרגנס אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן. ער האָט געהאַט וויכטיקע עסקים מיט זיי אין לאָנדאָן דורכצורעדן. ער איז אָבער געפאָרן נישט בלויז צוליב געשעפט. די שרעק פאַר זיינע אייגענע אַרבעטער האָט אים נישט געגעבן קיין רו. ער איז אויך נישט געווען זיכער מיט דער באַהאַלטענער וואַך פון פּאָליציי־קאָמיסאַר. ער האָט געוואָרט אויף דער ערשטער געלעגנהייט אָוועקצופאָרן, ער זאָל ביי זיך נישט טראַכטן, אַז ער איז אַנטלאָפן.

ער האָט אויך דערהאַלטן אַ בריוו פון אַלבערטן ער זאָל קומען צו פאָרן. נישקשה, האָט אים אַלבערט געשריבן, לאָנדאָן איז אַ פיין שטעטל און די ענגלענדער, הגם זיי ריידן נישט קיין סך, ווייסן ווי אַזוי אַ לעב צו טאָן.

רפאל גאָלד האָט געוווּסט, אַז דאָרט, אין לאָנדאָן, וועט מען נישט לאַכן פון אים, ווען ער רעדט מיט גרייזן. אַן אויסלענדער מעג ריידן

מיט גרייזן. און דאָרט ווייסט מען אויך נישט וועגן חסידים־שטיבל און וועגן די פּיאות און שטריימל, וואָס ער האָט אַמאָל געטראָגן. דאָרט אין לאָנדאָן וועט ער, גאָלד, זיך אויסלערנען ווי אַזוי מען פירט זיך צווישן גרויסע לייט, וואָס וווינען אין פּאַלאַצן. און ווער ער וועט צוריקקומען, וועט ער מער וויסן פאַר די פּאָזנאַנסקיס און נאָטאַנזאָנס.

ער איז געפאָרן צו אַלבערטן און צו זיין חבר, דעם הויכן ענגלענ־דער, מיט דער לולקע אין מויל.

זיי האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס פרייד און אַלבערט האָט אַפילו צו אים געזאָגט:

— מ׳האָט מיר געשריבן פון לאָדזש, אַז דו, רפאַלטשע, האָסט איינ־געפירט עפּעס נייע פּאַזשאָנדקעס און האָסט דעם אַלטן קעלער אָוועק־געשיקט...

— ער איז אַ שלימזל און טויגעניכטס...

— און אַז דו האָסט מיך אויך אָפּגענאַרט מיטן פרייז פון די אַק־ציעס...

— איך האָב געגעבן וויפיל דו האָסט געוואָלט, אַלבערט...

— נו, נו, רפאַלטשע, דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן, כאַפּט עס דער רוח די אַלע לאָדזשער געשעפטן. נו, רפאַלטשע, הייגט זאָלסטו מיט מיר מער נישט ריידן וועגן עסקים, מירן אַ לעב טאָן.

אַלבערט האָט אים געפירט אין טייערע נאַכט־לאָקאַלן און האָט אין אים אַריינגעגאָסן אָן אַ שיעור ביטערע וויסקי.

רפאל גאָלד האָט זיך באַמיט נישט צו בלייבן הינטערשטעליק פון אַלבערטן ביים טרינקען. עס האָט אים געריסן אין האַלדז פון דער בי־טערער משקה, אָבער געזאָגט האָט ער, אַז די ענגלישע וויסקי האָט דעם ריכטיקן טעם. ער האָט אַפילו אַהיימגעשיקט קיין לאָדזש עטלעכע קאַס־טנס וויסקי מכבד צו זיין די געסט אין זיין פּאַלאַץ מיט די משקאות, וואָס עס טרינקען די ענגלענדער. אין האַרצן איז ער אָבער געוועזן נישט צו־פרידן. ער איז נישט געקומען זען די נאַכט־לאָקאַלן אין לאָנדאָן. אין לאָדזש און אין וואַרשע פעלט אויך נישט די סחורה. זיי האָבן אומעטום איין סחורה. ער האָט געוואָלט זיין אין די היימען פון די מיוחסדיקע פריינד פון אַלבערטן אין לאָנדאָן. צו זיי האָט אים אָבער אַלבערט נישט געפירט. ער האָט אַפילו אַלבערטן געגעבן אָנצוהערן זיין ווונטש. אַל־

בערט האָט זיך אָדער נישט געמאַכט פאַרשטיין, אָדער אַליין נישט געהאַט קיין צוטריט צו די דאָזיקע ערטער.

רפאל גאָלד איז איגגיכן מיד געוואָרן פון דער ביטערער וויסקי און פון די שלאָפלאָזע נעכט. ער האָט פאַרענדיקט זיינע עסקים מיט די באַנ־קירן אין לאָנדאָן, פון וועלכע ער איז געווען צופרידן און איז געפאָרן אַהיים.

ער האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. די פּיעטרי־קאָווער גאַס האָט ווידער נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן גאָלדס אויפ־טועכצן. די יידישע און אַפילו די גויישע צייטונגען האָבן אָפּט געדרוקט זיין בילד און דערציילט זייערע לעזער וועגן די וווּנדער וואָס עס באַווייזט דער באַרימטער אינדוסטריעלער.

רפאל גאָלד האָט איינגעלאַדן צו זיך די צייטונגס־שרייבער. ער האָט זיי מכבד געווען מיט דער ענגלישער וויסקי און האָט זיי דערציילט וועגן די געשפּרעכן וואָס ער האָט געהאַט אין לאָנדאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן קלינגענדיקע נעמען פון באַראָנען און לאָרדן. ער אַליין האָט ביים דערציילן געגלייבט אין זיינע רייד. אין גערדאַנק האָט ער טאַקע גע־פירט מיט זיי, מיט די ענגלענדער, די אַלע שמועסן. די צייטונגס־מענטשן האָבן געזופּט די וויסקי און האָבן זיך צוגעהערט צו די רמזים, מיט וועלכע גאָלד האָט אָנגעוווּנקען וועגן זיינע ווייטערדיקע פּלענער. זיי האָבן אים געגלייבט. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער, גאָלד, האָט ביז היינט נישט ווייניק געטאָן, איז פאַרוואָס זאָלן זיי אים נישט גלייבן אויף ווייטער?

מיט די שרייבער פון די גויישע צייטונגען האָט גאָלד גערעדט וועגן דעם וואָס ער וויל טאָן דאָ אויפן אָרט, וועגן די נייע וועגן וואָס ער וועט עפענען פאַר דער אינדוסטריע. היינט, האָט ער געזאָגט, רימט מען זיך בלויז, אַז לאָדזש איז דער פּוילישער מאַנטשעסטער. עס וועט אָבער נישט לאַנג דויערן און דאָס וועט אויפהערן צו זיין אַ פּוסטע באַרימעריי.

רפאל גאָלד האָט אָבער געגעבן אָנצוהערן זיינע פריינד פון די צײ־טונגען, אַז ער האָט נישט בלויז אין זינען געשעפט. ער גרייט צו אַ ווערק, אַ גרויס ווערק, עס איז נאָך פריצייטיק וועגן דעם צו ריידן. ער קאָן בלויז זאָגן, אַז ער זעצט פאַר די אידייען פון יאָן בלאָך, די אידייען פון אַ שטענדיקן וועלט־שלום, אין וועלכער אַלע פעלקער און אַלע מענטשן זאָלן זיך קאָנען פריי אויסלעבן.

מיט די שרייבער פון די יידישע צייטונגען האָט רפאל גאָלד גערעדט וועגן די פאַבריקן, וואָס ער וועט אויסבויען אויף די בערג פון יהודה. ער האָט אָנגעוווּנקען, אַז ער שמועסט זיך דורך מיט ראָטשילדן אין פּאַריז און מיט מאָנדן אין לאָנדאָן. יידן האָבן נישט קיין געדולד און זיי פאַר־שטייען, אַז אַזעלכע זאַכן מאַכן זיך נישט איבער נאַכט. מען מוז פריער אַלץ אויספאָרשן און קיין קלייניקייט נישט פאַרזען.

— אָפּט אָבער ווילט זיך אַנטלויפן פון דעם אַלעם — האָט גאָלד געזאָגט — און דעמאָלט פאַרטיפט ער זיך אין ספר איוב און ער האָט צוגעגעבן:

— זייט נישט איבערראַשט, ווען איר וועט זיך פּלוצלינג דערוויסן, אַז איך באַלאַנג אויך צו דער משפּחה פון שרייבער. איך קאָן אייך בלויז זאָגן, אַז די גליקלעכסטע מינוטן אין מיין לעבן זענען, ווען איך שרייב מיין ספר וועגן איובן...

אין די אָוונטן, ווען קיינער איז אין זיין פּאַלאַץ נישט געווען, פלעגט ער עפענען דעם פאַרשלאָסענעם שופלאַד פון זיין שרייב־טיש און איבער־לייענען דאָס, וואָס די שרייבער האָבן וועגן אים דערציילט. ער האָט גע־לייענט צו עטלעכע מאָל יעדעס וואָרט. ער האָט שוין געדענקט פון אייסנ־ווייניק יעדעס אות און ער איז נישט געוואָרן מיד פון נאָכאַמאָל לייענען. ער האָט אין די מינוטן געגלייבט אין יעדן געדרוקטן וואָרט. ער האָט זיך געזען אַמאָל אַלס דער גרויסער באַגליקער פון פּוילישן לאַנד און אַמאָל אַלס דער אויסלייזער פון ציון און ירושלים.

טיילמאָל האָט ער זיך געזען אַרומגערינגלט פון די הויכע גויישע שררות און ער רעדט צו זיי וועגן די אידייען פון וועלט־שלום און טייל־מאָל גאָר האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ווי ער זיצט ביי איין טיש מיט די יידישע שרייבער און ער לייגט פאַר זייערע דערשטוינטע אויגן אַוועק זיין ספר וועגן איובן.

ער האָט געהאַט אין דעם שרייב־טיש נאָך אַ צווייטן פאַרשלאָסע־נעם שופלאַד. דאָרט זענען געלעגן די כתב־ידן פון זיינע צוויי ווערק, וואָס ער האַלט אין מיטן שרייבן. נישט שטענדיק קאָן ער שרייבן. דעריבער דויערט עס אַזוי לאַנג. יעדעס גרויסע ווערק, האָט גאָלד געוווּסט, ווערט נישט געבוירן איבער נאַכט. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז ווען ער וועט פאַרטיק ווערן מיט זיין אַרבעט, ערשט דעמאָלט וועט די וועלט וויסן

ווער עס איז געווען דער מענטש, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אָט דאָ אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, אין דעם פֿאַררויכערטן לאָדזש.

און ווען גאָלד האָט געטראַכט וועגן דער וועלט, וואָס וועט זיך דער־וויסן וועגן זיין גרויסקייט, האָט ער אייגנטלעך געמיינט זיין אייגענעם פֿאָטער ר׳ הערשל און זיינע ברידער, פּאַר וועלכע ער איז נאָך אַלץ רפאַלטשע און אַפילו זיין ווייב, חוהלע, מיט וועלכער ער האָט נישט וועגן וואָס צו ריידן און וועלכע טראָגט נאָך אַלץ, אים צו להכעיס, דאָס גרויסע שייטל. ערשט נאָך זיי האָט ער געטראַכט וועגן די סוחרים פֿון דער פּיעטריקאָווער גאַס און וועגן די יידן אין שטיבל און פֿון דער נאָ־וואָמעיסקע. די פּאָזנאַנסקיס און די נאַטאַנזאָנס און די גייערס און די אייגערס און די שייבלערס זענען ערשט ביי אים געקומען צום סוף.

אָבער אין מיטן טראַכטן וועגן זיין קומענדיקער גרויסקייט, האָט גאָלדן אַרומגעכאַפּט אַ פּלוצלינגדיקע שרעק. אין דער נאַכטיקער שטיל־קייט האָט גאָלד דערזען דראָענדיקע שאָטנס. באַלד וועט זיך פֿוז דער פֿינצטערער גאַס אַרויסרוקן אַ פֿאַרשוין מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און דעמאָלט, דעמאָלט...

אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין לייב. מיט פּאַרטאַיעטע טריט האָט ער זיך אַרויסגערוקט פֿון זיין אַרבעטס־צימער. ער איז געבליבן שטיין אַ וויילע אין קאָרידאָר. די דינערס זענען שוין געשלאָפֿן. די שטיל־קייט איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. האָט ער זיך געשאַרט אומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן צו דעם צימער, ווו ס׳איז געשלאָפֿן זיין שאָפֿער.

— סטעפֿאַן! — האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר — מיר דאַרפֿן פֿאָרן.

דער שאָפֿער איז אַרויסגעקומען מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן בייז פּנים. גאָלד האָט זיך געהייסן פֿירן צו דער ווילע פֿון זיין פֿרוי חוהלע, אין נאָענטן זגערזש.

גאָלד האָט געקויפֿט די ווילע פֿאַר זיין ווייב און די קינדער. ער האָט זיי געוואָלט האָבן וואָס ווייטער פֿון זיך. אָבער נישט צו ווייט. ער האָט געהאַט אַ שליסל צו דעם הויז און אַ שטוב פֿאַר זיך. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער דאָרט ביינאַכט אַהינקומען.

טיילמאָל פֿלעגט ער קומען שפּעט און אינדערפֿרי אַוועק און זיי, די קינדער, האָבן פֿיל מאָל אים נישט געזען. טיילמאָל אָבער פֿלעגט ער

בלייבן אינדערפרי אַ ווייל מיט די קינדער. חוהלע האָט מיט שווייגן אויפגענומען זיין קומען און זיין גיין. זי האָט שלום געמאַכט מיט איר גורל און איז אַפילו געווען צופרידן מיט איר אָפּגעזונדערט לעבן. זינט זי לעבט דאָ, אין דער ווילע, מיט אירע קינדער, האָט זי פרייער אָפּגע־אָטעמט. קיינער וואַרפט איר נישט פאָר איר פרומקייט און איר שייטל און איר אָפּהיטן יידישקייט. ניין, זי וויל נישט וויסן פון דעם טריפהנעם פּאַלאַץ. זי האָט זיך נישט געוווּנדערט אויף איר מאַנס אומגעריכטע באַ־זוכן. זי האָט אים אין האַרצן אַפילו באַדויערט. זי האָט אין די יידישע מעשה־ביכלעך געלייענט וועגן מענטשן, וואָס ווערן עפּעס געטריבן פון נישט־גוטע און קאָנען זיך קיין אָרט נישט געפינען. זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט געזען די שרעק אין איר מאַנס אויגן, אָבער זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי אים צו העלפן.

גאָלד האָט דעם שאָפער אָוועקגעשיקט אַהיים און האָט מיט זיין שליסל געעפנט די טיר פון זיין ווייבס הויז.

און ווי נאָר ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון דעם הויז, איז די שרעק פון אים אַוועק. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר אַזוי איז עס. ביי ברייערן אין דער פאַבריק, ווו די לייט פון פאָליציי־קאָמיסאַר היטן אים, ציטערט ער פון שרעק. אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ, ווו ער האָט אַזוי פיל דינערס, גיט אים די שרעק נישט קיין רו. נאָר דאָ, אין די שטי־בער פון זיין ווייב און זיינע קינדער, פילט ער זיך זיכער.

ער וואָלט קיינעם וועגן דעם נישט דערציילט. קיינער טאָר בכלל נישט וויסן וועגן זיין שרעק. און אוודאי וואָלט מען פון אים געחוזקט ווען מ׳ווייסט, אַז ער באַהאַלט זיך אונטערן פאַרטוך פון זיין ווייב מיטן גרויסן שייטל.

ער באַמיט זיך אַליין אויך נישט וועגן דעם צו טראַכטן. אָבער ער גייט מיט זיכערע פעסטע טריט איבער דעם פינצטערן קאָרידאָר. ער מאַכט ליכטיק, ציט אַראָפּ פון זיך דעם פּאַלטאָ. ער קוקט זיך אַרום. אַלע שלאָפן שוין. מ׳האָט נישט געהערט זיין אַרייַנקומען. ער גייט אַריין אין קיך, מאַכט זיך אַליין אַ גלאָז הייסע קאַווע.

די קאַווע שמעקט אים עפּעס גאָר גוט. ער טרינקט אויס ביזן לעצטן טראָפּן. דערנאָך גייט ער אַריין אין זיין שטוב. ער מאַכט ליכטיק און בעט זיך אַליין דאָס בעט. און ווען ער דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע,

שלאָפט ער גלייך איין. עס פייניקן אים נישט קיין חלומות. עס יאָגן זיך נישט נאָך אים קיין פאַרשווינען מיט מעסערס אין די הענט.

ער הייבט זיך אויף אינדערפרי אָן אויפגעפרישטער און אויסגערוּ־טער. דעמאָלט איז אים נישט איינמאָל איינגעפאַלן צו זאָגן צו זיין ווייב:

— ווייסט וואָס, חוהלע, קום אַריבער אין פּאַלאַץ, מילא, זאָל זיין מיטן שייטל, נאָר זאָל מען כאָטש אים נישט אָנזען...

ער עסט צוזאַמען מיט דער פרוי און קינדער פרישטיק, פרעגט זיך אויס וועגן אַלעם וואָס הערט זיך אין שטוב.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער ווייסט ער שוין וועגן אַלעם. ער האָט שוין מער נישט וועגן וואָס צו ריידן.

— וואָס טו איך דאָ ביי דער יידענע? — קאָן ער נישט פאַרשטיין.

ער שטעלט זיך איילעוודיק אויף. חוהלע פאַרהאַלט אים נישט. אויך זי האָט נישט מיט אים וועגן וואָס צו ריידן. זי זעט פאַרטאַיעטע שרעק אין זיין בליק, אָבער זי ווייסט נישט פאַרוואָס ער שרעקט זיך.

— נו, איך מוז גיין, אַ גוטן, חוהלע. — גייט ער שנעל אַרויס פון דער שטוב און קלערט שוין וועגן דעם נייעם טאָג אין דער פאַבריק.

אין דעם וואַרטע־צימער, וואָס טיילט אָפּ זיין קאַבינעט פון אַלע שטיבער, וווּ עס ווערט געפירט די אַרבעט פון דער פאַבריק, וואַרטן אויף אים דירעקטאָרן פון די אָפּטיילונגען, אינזשעניערן, וואָס גרייטן צו גייע פּלענער, מייסטערס, צייכנערס, געשעפט־פירער און גרויסע אָפּנעמער פון וואַרשע און לאָדזש.

רפאל גאָלד האָט צו זיי אַלעמען אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גייט מיט האַסטיקע ענערגישע טריט אַריין, אין זיין אַרבעטס־קאַבינעט.

עס הייבט זיך אָן דער טאָגטעגלעכער טומל. ער רעדט מיט אַ טאָן פון אַ באַפעל־געבער צו זיינע באַזוכער. ער דולדעט נישט קיין מיינונג, וואָס שטעלט זיך אים אַקעגן. אַלע מוזן טאָן אַזוי ווי ער וויל. ער ווייסט בעסער פון זיי אַלעמען. טיילמאָל דאַכט זיך אים, אַז ער זעט אַ חוזק־פייערל אין די אויגן פון זייבעם אָן אַנגעשטעלטן. ער ווערט דעמאָלט בייז און ריקזיכטלאָז. ער קלאַפּט אין טיש און שרייט, אַז ער וועט נישט דערלאָזן צו די אַמאָליקע פּאַזשאַנדקעס אין זיין פאַבריק.

ער ווייסט, אַז ער טוט נישט גוט, אָבער ער קאָן אַנדערש נישט. עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע ווייסן אַז ער לעבט אין כסדרדיקער שרעק פּאַר

זיין לעבן, אַז ער האָט מורא פאַר יעדן שאָטן, אַז ער פילט אַן אויפהער, וויל אַלץ איבערלאָזן און אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך אונטערן פאַרטוך פון זיין ווייב מיטן גרויסן שייטל.

ער וויל מיטן שרייען, מיט שטרענגקייט, מיט טומלען, פאַריאָגן די פאַרדאַכטן פון זיינע באַזוכער. און ער ווערט נאָך בייזער, ווען עס דאַכט זיך אים, אַז וואָס מער ער טומלט זיך, אַלץ מער חוזק־פייערלעך זעט ער אין די אויגן פון די אַרומיקע.

באַזונדערס שטרענג איז ער צו די לייט פון די פּראָפּעסיאָנעלע אַר־בעטער־פאַראייִנען. ער האָט פאַר זיי מורא מער ווי פאַר אַלע און דערי־בער וויל ער מיט האַרטקייט פאַרדעקן און באַהאַלטן זיין פּחד.

— הער גאָלד, — האָבן די שליחים פון די פאַראייִנען אַמאָל גע־וואָרנט — ציט נישט איבער דאָס שטריקל, הער גאָלד. די אַרבעטער קאָ־נען אַמאָל פאַרלירן דאָס געדולד און זיי קאָנען דעמאָלט זיך נישט רע־כענען מיט די אַנווייזונגען פון פאַריין, נאָר אַליין...

ער האָט זיי נישט געלאָזט ענדיקן. ער האָט זיך צעשריען, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן אָפּשרעקן און ער וועט טאָן וואָס ער האַלט פאַר נייטיק.

רפאל גאָלד האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קרבן. ער אָפּפערט זיך פאַר אַלעמען און קיינער האָט נישט מיט אים קיין אייַנזען. ער ברענגט כבוד זיין משפחה, אָבער אַפילו זיין אייגענער טאַטע וויל פון אים נישט וויסן און אַפילו זיין ווייב קוקט אויף אים ווי אויף אַ פרעמדן.

ער האָט מיט זיינע אויפטועו באַדאַרפט זיין דער שטאָלץ פון אַלע יידן, און אויף דער פיעטעריקאָווער גאַס און אויף גענשע זידלט מען אים גאָר און מ׳וואַרפט אים פאַר כלערליי חטאים.

ער האָט געבראַכט גלאַנץ און רום פאַר לאָדזש און פאַרן גאַנצן לאַנד און די פאָזנאַנסקיס, שייבלערס, לאַדן אים נישט איין צו זייערע שטיבער און צו זייערע אסיפות.

ער האָט געגעבן אַרבעט אַזוי פיל טויזנטער אָרעמע מענטשן און די אַרבעטער האָבן אים פיינט און לויערן אויף זיין לעבן.

רפאל גאָלד איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרביטערט. ער האָט געפירט אַ מלחמה קעגן אַלע. אָבער פירנדיק די מלחמה, האָט ער גע־

לעכצט נאָך אַביסל אָנערקענונג, איז ער גרייט געווען אָנצונעמען חניפה פון זיינע מקורבים פאַר אמתדיקע ליבע.

ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות. ער האָט נישט געוווסט פון קיין פאַרגעניגנס און פון קיין פערזענלעכן לעבן. ער האָט זיך אָנגעשיכורט מיט אַרבעט און ער האָט אַפילו נישט געפילט ווי די יאָרן לויפן און זיין אַמאָל שוואַרץ קליין בערדל איז געוואָרן גראָ.

רפאל גאָלד גייט מיט לאַנגזאַמע טריט איבער די גרויסע זאַלן פון זיין פּאַלאַץ. אים דאַכט זיך, אַז ער האָט זיינס דערגרייכט. דער טרוים פון זיין לעבן ווערט איצט פאַרווירקלעכט. דער רום, נאָך וועלכן ער האָט אַלע יאָרן געלעכצט, איז ענדלעך געקומען. עס רופט אים שוין קיינער נישט רפאלטשע. אַפילו זיין טאַטע, ר׳ הערשל, וואָס איז שוין איבער די ניינציק, שטעלט זיך פאַר אים אויף, ווען ער קומט אַמאָל צו אים אין שטוב. אַפילו זיין ווייב, חוהלע, און זיינע קינדער, וואָס זענען שוין דערוואַקסענע זין, קוקן אויף אים מיט פאַרערונג און האָבן נישט קיין טענה, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אַזוי ווייניק אָפּגעגעבן. זיי ווינען ווייטער באַזונדער אין דער ווילע, אָבער זיי קומען שוין צו אים אין פּאַלאַץ און זענען שטאָלץ מיט זייער גרויסן טאַטן.

אויף דער פיעטריקאָווער גאַס שושקעט מען זיך, ווען ער באַווייזט זיך אַמאָל אין זיין אויטאָמאָביל. און אין די יידישע צייטונגען אין וואַרשע דרוקט מען זיין בילד וואָס אַמאָל מער.

ער האָט נאָך נישט פאַרווירקלעכט זיינע גרויסע פּלענער אין ארץ־ישראל, אָבער מען גלייבט אים שוין אויפן וואָרט.

אַפילו די גאַטאַנזאָנס און די פּאָזנאַנסקיס, האָבן מיט אים שלום געמאַכט און ער איז שוין אויך ביי זיי פאַררעכנט כמעט ווי אַן אייגענער.

ער ווייסט, אַז ער האָט דאָס צו פאַרדאַנקען אין אַ גרויסער מאָס צו זיין באַלעק, וועלכער שדכנט זיך צו דעם באַנקיר סאַלאָמאָן וואַרסקיס טאָכטער. סאַלאָמאָן וואַרסקי האָט פאַר אים געעפנט דאָס פאַרשלאָסענע טויער צו די גאַטאַנזאָנס. דאָס פאַרדריסט אים אין האַרצן. ער איז אייפערזיכטיק אויף זיין זון, דעם ראָצער באַלעק, דעם גאַרנישט, וואָס האַלט אין איין ציען פון אים געלט און האָט נישט מער ווי אַ שיין פּנימל. אָבער ער טרייסט זיך, אַז באַלד וועט רפאל גאָלד איבערשטייגן מיט זיין רום אַפילו די גאַטאַנזאָנס אַליין. ער, גאָלד, וועט ווערן סענאַטאָר. דער איינ־

ציקער יידישער סענאַטאָר. מ'האָט אים שוין געגעבן אָנצוהערן, אַז אַזוי וועט עס זיין. אַוודאי האָבן זיך אַלע געריסן דערצו. אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך. אויף גאָלדן האָבן אַלע צוגעשטימט. די ציוניסטן האָבן נאָך אַלץ געגלייבט אין זיינע ציון־פּלענער און די חסידים האָבן געדענקט, אַז ער, רפאל גאָלד אַליין, איז אַמאָל געווען אַ חסיד. און די פּאָליאַקן האָבן צוגעשטימט. זיי וועלן דאַרפן האָבן געלט פון די יידישע באַנקירן אין אויסלאַנד און גאָלד וועט זיי דאָס געלט ברענגען. און אַפילו דער דייטשער גענעראַל־גובערנאַטאָר בעזעלער, האָט געגעבן זיין הסכמה. גאָלדס בערלינער פריינד, דער באַנקיר בלייכרעדער, האָט גע־זאָגט וועגן אים אַ פּאָר גוטע ווערטער.

— פּאַניע סענאַטאָזשע... — איז ער געבליבן שטיין פאַרן שפּיגל און געקוקט אויף זיך. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אַליין האָט זיך נישט געקענט, האָט נישט געוווסט זיך אַליין אָפּצושאַצן.

— פּאַניע סענאַטאָזשע... — האָט ער זיך פאַרן שפּיגל אַ בייג געטאָן.

ער האָט אין זיין פאַרשטעלונג שוין געזען ווי יידן שטופּן זיך צו זען כאָטש פונדערווייטנס דעם פּאַן סענאַטאָר.

פון אַלע עקן לאַנד וועלן קומען צו אים דעלעגאַציעס. יעדער וועט עפּעס האָבן צו בעטן דעם פּאַן סענאַטאָר.

אַפילו די אַרבעטער אין זיין פאַבריק וועלן מוזן בייגן פאַר אים דעם קאָפּ. ער וועט מער נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר באַקומען אַ מעסער אין רוקן. דער מאַיעסטעט פון סענאַטאָר וועט אים באַשיצן.

רפאל גאָלד האָט זיך דערמאָנט אָן דעם שר משה מאָנטעפיאָרע. אין חדר נאָך האָט ער געהערט וווּנדערלעכע מעשיות וועגן דעם יידישן שר, וואָס איז געזעסן ביי איין טיש מיט קעניגן און קיסרים און ווו נאָר עס איז געווען אַ יידישע צרה, האָט מען אים, משה מאָנטעפיאָרען, גע־רופן צו הילף.

רפאל גאָלד האָט זיך זאָרגפעלטיק באַטראַכט אין שפּיגל. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז אפשר וועט אים אויספאַלן צו זיין דער נייער משה מאָנטעפיאָרע. אוודאי וועט ער אויך טאָן אַלץ וואָס מען דאַרף און אויף דער גאַס וועלן זיך מענטשן שושקען:

— דער סענאַטאָר גייט, דער סענאַטאָר...

רפאל גאָלד האָט געטראַכט וואָס עס וועט זיין מיט זיין ווייב חוהלע.

מילא, מיט די קינדער האָט ער נישט קיין דאגה. זיי זענען וואָס אָן אמת נישט קיין גרויסע לייט, אָבער זיי זענען געגאַנגען אין די שקאָלעס און גייען נאָך היינט אין אוניווערזיטעט. איז זיך נישטאָ מיט זיי וואָס צו שעמען. אָבער וואָס טוט מען מיטן ווייב? אַ סענאַטאָר קאָן זיך נישט ווייזן מיט אַזאַ ווייב, וואָס טראָגט אַזאַ גרויסן שייטל און רעדט פּויליש ווי אַ יידענע פון באַלוט.

רפאל גאָלד האָט באַדויערט, וואָס ער האָט זיך נישט געגט. ער האָט פּשוט אָן דעם פאַרגעסן. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך. איצט איז שוין שפּעט. פאַר אַ סענאַטאָר פּאַסט נישט זיך צו גטן. ניין, דאָס איז אוממעגלעך. די צייטונגען וואָלטן זיך באַלד דערוווסט און זיך צעשריבן.

— זי איז איצט אין דער שווייץ מיט דער טאָכטער — איז גאָלדן איינגעפאַלן — זאָל זי שוין דאָרט בלייבן.

דער געדאַנק איז אים געפעלן געוואָרן. יאָ, דאָס איז דער בעסטער אויסוועג. זיין טאָכטער, קלאַראַ, די יונגסטע, לערנט אין ציריך און חוהלע איז צו איר געפאָרן. זי וועט דאָרט בלייבן עטלעכע חדשים מיט דער טאָכטער. פאַרוואָס נאָר עטלעכע חדשים? ציריך איז אַ פיינע שטאָט. ער, גאָלד, וואָלט שוין דאָרט אַליין אַהינגעפאָרן. עס איז אַזאַ רואיקע, ציכטיקע שטאָט. און קלאַראַ איז נאָך יונג, זי דאַרף האָבן די אויפזיכט פון אַ מוטער. אַזוי וועט ער מאָרגן שרייבן צו זיין ווייב. זאָל זי דריבער נעמען אַ וווינונג אין ציריך און דאָרט בלייבן ביז קלאַראַ וועט ענדיקן דאָס שטודיום.

ער איז געווען צופרידן פון זיין באַשלוס. דאָס איז דער בעסטער אויסוועג. קיינער וועט צו אים מער קיין טענות נישט האָבן, אַז ער וווינט נישט מיטן ווייב. מען וועט וויסן, אַז דאָס ווייב פון סענאַטאָר וווינט אין ציריך. אַזוי פירן זיך אַפילו די גראַפן, די פּאַטאָצקיס און די פירשטן, די ראַדזיווילס. זייערע ווייבער וווינען אין פּאַריז און אין דער שווייץ. נו, ער, גאָלד, קאָן, דאַנקען גאָט, זיך אויך פאַרגינען.

און ער דאָ וועט זיך נישט דאַרפן שעמען מיט זיין ווייב. ער וועט אַלעמען זאָגן, אַז צוליבן געזונט האָבן די דאָקטוירים איר געהייסן פאָרן קיין שווייץ.

ער וועט קאָנען פאַרבעטן געסט צו זיך אין פּאַלאַץ און ער וועט

אַפילו זיינע געסט קאָנען זאָגן, אַז ער מוז פון צייט צו צייט פאָרן קיין ציריך צו זיין פרוי, וואָס פילט זיך נישט ווי אַמבעסטן.

— און טאָמער וועט זי נישט וועלן?

— וואָס הייסט זי וועט נישט וועלן?! וואָס מיינט זי, אַ סענאַטאָר צו זיין איז עפּעס אַ קלייניקייט?! זי וועט שוין וועלן!

רפאל גאָלד האָט אין דעם נישט געצווייפלט. זי, זיין ווייב, האָט שטענדיק געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געהייסן. און זי וועט איצט געוויס נישט וואָגן זיך אים אַקעגנצושטעלן.

— פּאַניע סענאַטאָזשע... — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט און זיך איינגעהערט אין דעם וווּנדערלעכן קלאַנג פון דעם וואָרט.

די האַרטע שטריכן פון זיין פּנים זענען ווייכער און נאָכגעלאָזענער געוואָרן. אַרום זיין מויל האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ קינדישער שמייכל און די אויגן זיינע, וואָס האָבן געקאָנט אַזוי דורכשפּיזן זיינע מייסטערס, האָבן באַקומען מיטאַמאָל אַ פאַרחלומטן אויסדרוק.

יעדער מענטש טראָגט אין האַרצן זיין חלום צוזאַמען מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט זיך אָנרוקן די שעה פון פאַרווירקלעכונג.

רפאל גאָלד האָט געגלייבט, אַז זיין שעה איז געקומען.

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

סאָניעס נייע פריינד

נאָך בערטאַס טויט איז מאַניע, ר׳ לייבוש גרינגלאַס טאָכטער, פון דער פּאַנסקע גאַס, נישט געבליבן מער סאָניעס אייַנציקע פריינדין.

זי האָט נישט געוויינט. זי האָט אַפילו קיין איין טרער נישט פאַרגאָסן. אויך איר פּנים איז נאָר בלייכער געוואָרן, ווי יעדער טראָפּן בלוט וואָלט פון אירע אָדערן פאַרשוווּנדן און געהאַט באַקומען דעם אויסדרוק פון צעטומלטקייט.

דער דאָזיקער אויסדרוק פון צעטומלעניש איז געבליבן אויף איר פּנים, פון דעם מאָמענט אָן, ווען זי איז אַריין אין צווייטן צימער פון איר בשותפותדיקער וווינונג מיט בערטאָן.

בערטאַ איז געלעגן אין בעט, מיט איר פּנים געווענדעט צום סופיט און מיט פאַרשלאָסענע אויגן.

— ביסט אַ פּעפּערין, בערטאַ — איז סאָניע צוגעגאַנגען צו איר בעט.

זי האָט זיך מיט שרעק צוריקגעצויגן. זי האָט נישט באַגריפן, פאַרוואָס זי שרעקט זיך, נאָר זי האָט געפילט, אַז עפּעס יאָגט איר אַוועק פון דעם צימער. אַ צעטומלטע האָט זי פאַרגעסן צוצומאַכן די טיר פון דער וווינונג און האָט שנעל גענומען לויפן פון די טרעפּ. זי האָט נישט געוווּסט צו וועמען זי לויפט און וואָס זי וויל טאָן. זי איז אַריינגעפאַלן אין דער אַפּטייק אָקעגנאיבער.

דער אייגנטימער פון דער אַפּטייק האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען.

— וואָס איז, פרײלין סאָניע? — האָט ער דערקענט זיין יונגע, שיינע שכנטע.

זי האָט נישט געענטפערט און איז צוגעפאַלן צום טעלעפאָן.

— פעליקס, פעליקס... — איז איר געקומען אין קאָפּ אַריין דער נאָמען.

די הענט האָבן זיך ביי איר געטרייסלט, ווען זי האָט געוואָלט זוכן דעם נאָמען אין דעם גרינעם טעלעפאָן־בוך

דער אַפּטייקער איז איר נאָכגעגאַנגען און ער האָט אויסגעזוכט דעם נומער און זי פאַרבונדן מיט פעליקס זאַקסן.

— יאָ, יאָ, סאָניע רעדט. כ׳ווייס נישט וואָס איז מיט בערטאַן, קומט גלייך...

— עס פרייט מיך זייער, סאָניע, צו הערן אייער שטים... וואָס, בערטאַ? — פעליקס זאַקסן איז בערטאַ נישט אָנגעגאַנגען, דערצו נאָך, ווען ער האָט גראָד איצט אַ וויכטיקע באַראַטונג און ער האָט געזאָגט:

— באַרוּאיקט אייך, סאָניע, איך וועל צוקומען ווי נאָר איך וועל זיך באַפרייען.

סאָניע האָט אויפגעהאנגען דאָס טעלעפאָן־טרייבל. דער מענטש איז איר מיטאַמאָל פרעמד געוואָרן און זי האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט זיך גראָד דערמאָנט אָן פעליקס זאַקסן.

— פיניע, יאָ, פיניע...

סאָניע האָט אין דעם מאָמענט פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען צווישן איר און פיניען. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז אים, פיניען מוז זי

דאָס איצט האָבן לעבן זיך. אָבער פּיניע איז נישט געווען. ער איז שוין עטלעכע טעג נישטאָ אין שטאָט. סאָניע האָט נישט דערקענט יאַנקלס קול, אָבער יאַנקל האָט זי דערקענט:

— וואָס איז געשען, סאָניע? אפשר קאָן איך עפּעס באַהילפיק זיין, יאָ, איך, הערט...

— בערטאָ — האָט סאָניע מיט שווערקייט אַרויסגערעדט — בערטאָ...

— וואָס זאָגסטו, בערטאָ?! בערטאָ?! שוין, שוין, כ׳קום גלייך!...

דער אַפּטייקער האָט באַגלייט סאָניען צו איר וווינונג. זי האָט אים נישט געבעטן מיטצוגיין, נאָר דער אויסדרוק פון איר פּנים איז געווען אַזעלכער, אַז ער איז מיט איר מיטגעגאַנגען. באַלד איז די שטוב פול געוואָרן מיט מענטשן. דער אַפּטייקער האָט אַרויסגערופן דעם דאָקטאָר. עס איז געקומען צולויפן יאַנקל. עס איז אַריינגעפאַלן מיט אַ צעקנעפּלטן פּאַלטאָ אַדעק ווישינסקי. דניאל עפּשטיין האָט אַ טויט־בלייכער געעפנט די טיר און נאָך אים איז מיט נישט זעעוודיקע אויגן נאָכגעגאַנגען לאַניאַ. עס איז געקומען דער ראַבינער פּערסקי, דער באַנקיר סאָלאָמאָן וואַרסקי און נאָך פיל אַנדערע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע זענען פאַר סאָניעס אויגן פאַרבייגעגאַנגען. מאַניע גרינגלאַס איז אויך געקומען צוזאַמען מיט פעליקס זאַקסן.

— עס איז מיר געווען אוממעגלעך, כ׳האָב געהאַט אַ זייער וויכטיקן ענין — האָט זאַקס זיך פאַרענטפערט.

— כ׳פאַרשטיי... — האָט סאָניע מעכאַניש אַרויסגערעדט און נישט געקאָנט באַגרייפן וואָס דער פרעמדער מענטש וויל פון איר.

זי איז געווען צעטומלט פון די פרעמדע און באַקאַנטע פּנימער פון דעם כסדרדיקן עפענען זיך און פאַרמאַכן פון טירן, פון דער שושקעריי פון די מענטשן אַרום איר. מאַניע און יאַנקל האָבן זי געפירט און זי האָט געלאָזט טאָן מיט זיך אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

איר צעטומלטקייט איז נישט אוועק אויך נאָכדעם, ווען מ׳האָט בערטאָן אַרויסגעפירט אין אַ פאַרמאַכטן קאַסטן און אים באַגראָבן לעבן איר רעגינקע.

מאַניע איז מיט איר צוריקגעקומען אין דער ליידיקער וווינונג און איז געבליבן מיט איר נעכטיקן.

דורך דער גאַנצער צייט, האָט סאָניע נישט געלאָזט קיין טרער. זי האָט נאָר נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן. זי האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פון אירע געפילן צו בערטאַן. אין דער לעצטער צייט האָט זי בערטאַן כמעט נישט געזען. אָבער זי האָט גע־ווּוסט, אַז בערטאַ איז דאָ. און דאָס באַוווסטזיין, אַז בערטאַ איז דאָ איז געווען גענוג. מיטאַמאָל האָט מען פון איר צוגענומען בערטאַן. און זי וועט זי שוין קיינמאָל מער נישט זען. קיינמאָל...

— האָ, איז עס מעגלעך? קיינמאָל? — האָט סאָניעס צעטומלטער בליק אַרום זיך עמיצן געזוכט.

מאַניע האָט מיט דעם הויז־סטרוזש געשיקט אַהיים זאָגן וואָס עס איז געשען און אַז זי מוז בלייבן מיט סאָניען.

ר׳ לייבוש גרינגלאַס מיט זיין ווייב, פּראַדל, זענען צומאָרגנס באַלד אינדערפרי געקומען.

זיי האָבן זיך עפּעס שטיל געשושקעט. ר׳ לייבוש האָט זיך אַרומ־געקוקט איבער דער שטוב און האָט שטיל געזאָגט צו זיין טאָכטער:

— מאַניע, אפשר זאָל די מאַמע זי אַהיימנעמען, זי וועט שלאָפן אין דיין שטוב...

— זי וועט נישט גיין — האָט מאַניע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— טאָ בלייב כאָטש דו מיט איר, מאַניע, ס׳שניידט ביים האַרץ אַזאַ עלנטקייט...

ר׳ לייבוש האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך גלייך געמאַכט די באָרד.

— גלייכער צו גיין — האָט ער שטיל געזאָגט צו זיין ווייב.

מאַניע איז געבליבן מיט סאָניען, אָבער זי האָט זיך געפילט אומ־באַהאָלפן אַקעגן איר צעטומלטן נישט זעעוודיקן בליק.

— מען טאָר דאָס מיידל נישט לאָזן אַליין — האָט אַדעק ווישינסקי געזאָגט צו ראַבינער פּערסקי — זאָלן אייערע צוויי טעכטער עפּעס פּרוּוון.

לילי און קלאַראַ זענען געקומען. זיי האָבן שפּעטער מיטגעבראַכט מיט זיך אַנדערע מיידלעך און בחורים. אַדעק ווישינסקי איז אָפטמאָל געקומען אַ קוק געבן צו זיין סיבירער מיידל. יאַנקל איז יעדן פאַרנאַכט געקומען מיט זיין נייעם אויטאָ. פעליקס זאַקס איז אויך געוואָרן אַן

אַפּטער אַריינגייער אין סאָניעס שטוב. ער פלעגט קומען אין דער צייט, ווען ער האָט גערעכנט צו טרעפן סאָניען איינע אַליין, אָבער ער האָט שטענדיק געטראָפן מאַניען.

— ער וואָלט מיך געוואָלט איצט שיקן צו אַלדי רוחות — האָט מאַניע געלאַכט אין זיך און זיך געמאַכט באַקוועמער אין איר שטול.

— איך בין אַ צו־להכעיסניצע — האָט מאַניע געטראַכט — אפשר וויל אויך זי, סאָניע, פון מיר איצט פּטור ווערן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, גלייך מאַכנדיק זיך פאַרן שפּיגל, די האָר:

— כ׳וועל גיין...

— בלייב נאָך אַביסל, מאַניע...

דאָס בלייבן אַליין מיט פעליקסן האָט סאָניען געשראָקן. זי האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס זי שרעקט זיך. ווען ער איז געווען לעבן איר, ווען ער האָט גערעדט, האָט זי זיך געפונען אונטער זיין איינפלוס. ער האָט באַצווונגען מיט זיין שטים, מיט דעם בליק פון זיינע אויגן, מיט זיין האַלטן זיך, מיט דעם בראָנזענעם לאַק, וואָס איז כסדר אַראָפּגע־פאַלן אויפן שטערן, נאָר גלייכצייטיק האָט געיאָגט פון אים אַ פרעמד־קייט. אַ פרעמדקייט, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל דערשפּירט, ווען זי איז געשטאַנען ביים טעלעפאָן אין אַפּטייק און דערמאָנט בערטאַס נאָמען.

ווען ער איז געזעסן לעבן איר, האָט זי נישט געקאָנט אַוועקנעמען אירע אויגן פון אים און דער קלאַנג פון זיין שטים האָט אין איר אויפ־געברויזט אומקלאָרע טונקעלע געפילן. אָבער ווען ער איז אַוועק, האָט זי לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווי זי וואָלט זיך פון עפּעס באַפרייט.

— בלייב, מאַניע — האָט זי ווידערהאָלט — איך וועל דערווייל מאַכן קאַווע...

סאָניע איז אַריין אין קיך און מאַניע האָט זיך צוריקגעזעצט אַקעגנ־איבער פעליקסן.

— איר זענט היינט שווייגנדיק, פאַניע זאַקס...

— נישט שטענדיק איז דאָ צו ריידן...

— און איך, נאַריש מיידל, האָב געמיינט...

מאַניע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זי וואָלט נישט געוואָגט אַרויסצוזאָגן דאָס וואָס זי טראַכט.

פעליקס זאַקס האָט נייגעריק אַ קוק געטאָן אויף מאַניען.

— הם... — האָט ער געטראַכט — דאָס מיידל האָט עפּעס אַ באַזונדערן רייץ און, דאַכט זיך, אַז זי מיידט מיך נישט אויס...

— איך וואָלט געגעבן דאָס, וואָס איך פאַרמאָג נישט, צו וויסן וואָס איר טראַכט איצט, פאַניע זאַקס...

— איר האָט נישט דערזאָגט, מאַניע, וואָס איר טראַכט...

— מיידלשע געדאַנקען קאָן מען נישט אַרויסזאָגן אויפן קול...

— און איר זענט שוין גאַרנישט קיין נאַריש מיידל, מאַניע, דאָס האָב איך געטראַכט...

— דאָס אַלץ?...

מאַניע האָט אָנגעהייבן וואָס אַמאָל מער צו פאַראינטריגירן זאַקסן. ער האָט נישט געקאָנט ביי זיך אַנטשליסן, צי זי שפּאַסט, אָדער אונטערן שפּאַס מיינט זי צו באַהאַלטן אַן ערנסטן געפיל.

— איך מיין, — האָט זאַקס דאָס מאָל נישט געקאָנט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, מיט וועלכן ער האָט אַזוי לייכט שטענדיק באַהערשט פרויען־הערצער.

— איר זענט גרויזאַם... — האָט מאַניע שטיל אַרויסגערעדט.

— גרויזאַם?... — האָט זאַקס נישט פאַרשטאַנען ווי דאָס דאַזיקע שוואַרצע מיידל, מיט די ברענענדיקע אויגן, וואָס מ׳קאָן אַפילו אָנרופן שיין, האָט באַוויזן אים צו צעטומלען — זי האָט עפּעס אין זיך...

— איך האָב געמיינט, אַז איר פאַרשטייט פרויען און איר ווייסט, אַז אַפילו אַ קלוג מיידל וויל הערן וועגן איר שיינקייט, וועגן איר צויבער און נישט וועגן איר חכמה...

מאַניע האָט אַ שטילן לאַך געטאָן און זאַקסן האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דעם לאַכן וויל זי פאַרדעקן איר שעמעוודיקייט.

— אָבער, איר ווייסט... — האָט זאַקס אָנגעהייבן.

— מיינע הערשאַפטן, די קאַווע איז דאָ!

סאָניע איז אַריינגעקומען פון קיך, טראָגנדיק אַ טאַץ אין האַנט. זי האָט אַוועקגעשטעלט די טאַץ אויפן טיש און געזאָגט צו זאַקסן:

— איך האָף, אַז מיין פריינדין האָט אייך נישט געלאַנגווייליקט...

— און דו, סאָניע, ביסט געקומען מיט דער קאַווע גראָד אין דער נישט ריכטיקער צייט!

— כ׳באַדויער זייער — האָט סאָניע געקוקט אויף ביידע.

— מאַניע שפּאַסט...

— ס׳איז אַ שיינער שפּאַס! ביסט געקומען, סאָניע, מיט דיין קאַווע גראַד ווען עמיצער האָט זיך מיר געוואָלט דערקלערן אין ליבע!... אדרבה, זאָג, סאָניע, ביסטו נישט אַריינגעפאַלן, ווי מען זאָגט אויף דער פּאַנסקע גאַס, ווי אַ יוון אין סוכה!...

— זיי מוחל, מאַניע, כ׳גיי שוין ווידער אַריין אין קיך ברענגען קוכן...

פעליקס זאַקס האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, נאָר זיינע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט. אַזאַ מיידל פון דער פּאַנסקע גאַס וועט מיט אים טרייבן שפּאַסן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און, ווי נאָר סאָניע איז אַריין אין קיך, האָט ער מיט איין האַסטיקער באַוועגונג זיך אַריבערגעבייגן איבער מאַניען און זיך איינגעגעסן אין איר מויל.

— וואָס... — מאַניע האָט דערפילט אַ שווינדל אין קאָפּ און איר מויל האָט זיך האַלב צעעפנט.

— נו, כ׳זאָג אייך פריער אָן, אַז דער קוכן גייט — האָט זיך פון דער קיך געהערט סאָניעס שטים.

זאַקס האָט זיך שנעל אָפּגעריסן פון מאַניעס מויל. ער איז געבליבן שטיין ביים טיש, אַ רואיקער און באַהערשטער. מאַניע האָט איר האַנט צוגעלייגט צו אירע ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן אָנטאַפּן דאָס אָרט, וואָס ער האָט געקושט.

ער האָט זי אַזוי איבערראַשט, אַז זי האָט אַפילו נישט געוווּסט צי זי איז בייז אָדער צופרידן. זי האָט נאָך געפילט אויף איר מויל זיין הייסן אָטעם. עס איז געווען בייזקייט און צוואַנג אין זיינע קושן. האָט מאַניע געפילט, און נישט קיין ליבע. פונדעסטוועגן האָט זי געוווּסט, אַז ווען ער וועט זי נאָכאַמאָל אַרומנעמען, וועט ווידער איר מויל זיך צעעפענען.

סאָניע האָט אַריינגעבראַכט דעם קוכן.

— איצט בין איך געקומען אין דער ריכטיקער צייט?

יאָ, סאָניע, איצט ביסטו געקומען, ווען...

זאַקס בליק איז געווען באַפעלעריש און שטרענג.

— ווען איך גיי אויס נאָך אַ שטיקל קוכן — האָט מאַניע ווידער ווי צו זיך אַ לאַך געטאָן.

סאָניען איז פאַרגעקומען, אַז אין מאַניעס געלעכטער איז דאָס מאָל פאַראַן קינדישע פאַרלוירנקייט.

— וואָס איז פאַרגעקומען צווישןביידע? — זי האָט עס זיך גע־פרעגט גלייכגילטיק און אָנגעגאָסן זאַקסן אַ טעפּל קאַווע.

מאַניע האָט זיך אַליין אָנגעגאָסן די קאַווע אין טעפּל. איר האַנט האָט דערביי לייכט געציטערט.

— ר׳ לייבושס טאָכטער, פון דער פאַנסקע גאַס — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט — פאַרליר נישט דעם קאָפּ, נאַריש מיידל. זעסט, איצט קוקט ער שוין אויף סאָניען און איז גרייט איר מויל צו קושן...

פון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן אַ לאַנגער פייף פון אַן אויטאָ־מאָביל.

— ס׳איז יאַנקל — האָט סאָניע געזאָגט — אַזוי גיט ער יעדעס מאָל צו וויסן ווען ער קומט. ער פרייט זיך ווי אַ קינד, מיט זיין אויטאָ.

— און ער האָט נאָך פאַרשטאַנד פון אַ קינד — האָט זאַקס צוגע־וואָרפן.

— איז עס אַ חסרון? — איז סאָניע צו צו דער טיר.

— מירן אַביסל זיך דורכפאָרן? — יאַנקלס אויגן זענען געוואָרן פאַרכמורעט, דערזעענדיק זאַקסן.

— מירן זען, — האָט סאָניע צו אים געשמייכלט — קומט, כ׳האָב נאָך פאַר אייך אַ טעפּל קאַווע.

— איר האָט לעצטנס פיל צייט, פאַניע האַרט — האָט מאַניע אָפּ־געשניטן פאַר אים אַ שטיקל קוכן — וואָס? די געשעפטן מיט די יעקעס האָבן זיך אויסגעלאָזט?

— פאַרקערט — האָט יאַנקל ביים עסן דעם קוכן געוויזן אַ פול מויל מיט ווייסע גרויסע ציין — געשעפטן זענען דאָ מער ווי שטענדיק. נאָר פיניע פירט איצט מיט זיי. אַמאָל האָט ער נישט געוואָלט פאָרן, איצט וויל ער נאָר אַרומפאָרן, נו, קאָן איך לעבן אַ טאָג!

— פיניע איז נישטאָ? — האָט סאָניע זיך געכאַפּט, אַז זינט לאַנגע וואָכן הערט זי צום ערשטן מאָל זיין נאָמען.

— כ׳האָב אים שוין וואָכן נישט געזען — האָט יאַנקל דערציילט

— ער האָלט אין איין פאָרן און כ׳קען אים נישט ברענגען אויף אַ טאָג קיין וואַרשע. כ׳האָב צוליב דעם געמוזט צונעמען אַ נייע סעקרעטאַרין...

—אָ, איר האָט אונדז גאָרנישט דערציילט — האָט אים מאַניע געדראָט מיטן פינגער.

— זעסט, סאַניע, וואָס דער פאַן האַרט קען! ער שיקט אַוועק פיניען ווער ווייסט וווהין, און ער אַליין נעמט זיך אַ סעקרעטאַרין. אָ, די מע־נער!...

— פיניע אַליין האָט זי צו מיר געברענגט — האָט יאַנקל געקוקט אַ פאַרלוירענער אויף סאַניען — ווען נישט פיניע...

— אַזוי גאָר, פיניע? — האָט מאַניע געלאַכט — און ער האָט פאַר אונדז אויסבאַהאַלטן זיין מיידל.

— דאָס מיידל האָט געמוזט אַוועק פון שטוב — האָט יאַנקל גע־זאָגט.

— צוליב פיניען? — האָבן מאַניעס אויגן אויפגעבליצט — נו, פאַ־ניע האַרט, איר וועט זיך שוין פון אונדז נישט אַרויסדרייען היינט, איר מוזט אַלץ דערציילן, אַלץ...

— ס׳איז נישט קיין סוד. פיניע וואָלט עס אייך אַליין דערציילט. ס׳איז אַ רחמנות אויפן מיידל.

— נו, דערציילט זשע, דערציילט...

— מ׳האָט פיניען גערעדט אַ שידוך. ס׳הייסט, זיין מאַמע און זיין טאַטע, דער קליינער זעליקל, אַזוי רופט מען אים אויף נאַלעווקעס...

— כ׳בין געווען ביי זיי אין שטוב... — האָט סאַניע צוגעוואָרפן.

— נו, האָבן זיי געוואָלט אים געבן זייער פריינדס אַ טאָכטער, מען רופט אים דער הויכער משה, פון די אמתדיקע חסידים. מיט די פיאות און שטריימלעך. פיניע האָט זיך אויסגעלאַכט. נאָר איינמאָל האָט אים ס׳מיידל אָפגעוואָרט אין גאַס, זיי האָבן זיך געקענט נאָך אַלס קינדער, און זי האָט אים דערציילט, אַז מען לאָזט זי נישט צורו אין שטוב און אַז מען וויל זי פאַר יעדן פרייז פאַרקנסן. פון אירע רייד האָט פיניע פאַרשטאַנען, אַז זי האָט שוין אַ בחור און אַז זי וואָלט אַוועק פון שטוב, ווען זי געפינט אַרבעט. נו, האָט זי פיניע געברענגט צו מיר. זי איז אַ געלערנט מיידל, זי וועט ווערן אַן אַדוואָקאַט. נו, און אַזוי איז זי גע־בליבן אַרבעטן...

— אַ שיין מיידל!

— איר וועט זי באַלד זען, כ׳האָב זי שוין עטלעכע מאָל געוואָלט אַהער ברענגען, נאָר זי האָט נישט געהאַט קיין צייט. דער בחור אירער האָט מסתמא געוואַרט, נאָר היינט האָט זי מיר צוגעזאָגט צו קומען מיט עטלעכע פּאַפּירן אונטערצושרייבן. אַ וואויל מיידל, מירעלע.

פעליקס זאַקס האָט זיך אויפגעשטעלט:

— כ׳מוז שוין גיין.

סאָניע האָט אים נישט פאַרהאַלטן, נאָר מאַניע האָט צו אים געזאָגט:

— איר האָט דאָך געהערט, אַז אַ שיין מיידל דאַרף באַלד אַהער קומען...

— איך באַדויער זייער, אָבער לײדער קאָן איך היינט נישט האָבן דאָס פאַרגעניגן.

ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַוועק. דער גראָבער יונג יאַקוב האַרט, מיט זיין אויטאָמאָביל, דענערווירט אים. און עס פאַרדריסט אים, וואָס סאָניע האָט אים גאָר גערן, דאָס דאָזיקע גראָבע נפש. און זי, מאַניע, מיינט, אַז ער וועט זיך לאָזן מיט זיך שפּילן. אָבער נישט איצט.

— צופיל שיינע מיידלעך מיטאַמאָל — האָט ער צו זיך אַ שמייכל געטאָן. — ער וועט דאַרפן סאָניען געבן אָנצוהערן, אַז עפּעס צופיל חבר־טעס קלעפּן זיך לעצטנס צו איר.

ער האָט צוגעטראָגן סאָניעס האַנט צו זיין מויל:

— כ׳וואָלט געוואָלט אייך אַמאָל טרעפן אַליין, סאָניע.

זיי זענען געשטאַנען ביי דער האַלב אָפענער טיר. שנעלע יונגע טריט האָבן זיך געטראָגן איבער די טרעפּ.

— גוט, וואָס מירן דיך געטראָפן, סאָניע...

— אָ, הער זאַקס...

לילי און קלאַראַ, דעם ראַבינער פערסקיס צוויי שיינע טעכטער, האָבן פריילעך געלאַכט:

— איר גייט שוין, הער זאַקס...

— לײדער...

לילי און קלאַראַ האָבן אים נישט געלאָזט גיין. וואָרט אַ וויל, האָבן זיי געזאָגט, עס איז דאָ אַזוי פיל נייעס אין דער בודע...

מאַניע און יאַנקל זענען אויך צוגעקומען צו דער אָפֿענער טיר. אַלע האָבן גערעדט מיטאַמאָל, און קיינער האָט נישט געהערט וואָס דער אַנדערער זאָגט.

— מירעלע! — האָט יאַנקל פּלוצים אַ זאָג געטאָן.

אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט פֿון די טרעפּ, איז געשטאַנען אַ הויך שלאַנק מיידל. איר פּנים האָט געהאַט דעם קאָליר פֿון העל־ווייסן העלפֿאַנטביין, איר קאָפּ איז געווען אַרומגענומען מיט אַ קרוין פֿון מאַטע שוואַרצע האָר, וואָס האָבן נאָך בולטער געמאַכט די ווייסקייט פֿון איר געזיכט. פֿון איר פּנים האָבן אַראָפּגעקוקט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אין זייערע טיפֿענישן געטראָגן סודות פֿון ווייטע באַהאַלטענע וועלטן.

די דאָזיקע אויגן האָבן אין דעם מאָמענט קיינעם נישט געזען. זיי האָבן שווערע געהאַנגען אויף פֿעליקס זאַקסן.

— אַ מזרח־פּרינצעסין — האָט מאַניע צו זיך אַ מורמל געטאָן.

פֿעליקס זאַקס, האָט אין דער ערשטער מינוט ווי אַ וואַקל זיך געטאָן. באַלד אָבער איז ער געווען צוריק באַהערשט. ער איז צו צו דעם אומבאַקאַנטן מיידל, האָט גענומען איר האַנט אין זיינער.

— סאַראַ אָנגענעמע באַגעגעניש, מיראַ... כ׳האָב נישט געוווסט...

די אַנדערע האָבן זיך צוריקגעצויגן אין שטוב, ווי זיי וואָלטן נישט וועלן שטערן די אומגעריכטע באַגעגעניש צווישן פֿעליקס זאַקסן מיט דעם פֿרעמדן מיידל.

— ס׳איז אין דער לעצטער מינוט געקומען אַן ענדערונג, מיראַ — האָט זאַקס שטיל גערעדט — כ׳האָב שוין נישט געוווסט וווּ דיך צו געפֿינען...

— כ׳מיין, אַז דו, פֿעליקס, האָסט נישט געוווסט, אַז דו וועסט מיך דאָ געפֿינען...

— מיראַ...

— כ׳האָב נישט קיין צייט, פֿעליקס, כ׳בין געקומען צו מיין באַלעבאָס...

— האָסט מיר נישט געזאָגט, מיראַ, אַז דו אַרבעטסט ביי...

— האָסט זיך קיינמאָל נישט געפֿרעגט...

— מיראַ...

— אויף ווידערזען, הער זאַקס — האָט דאָס מיידל הויך געזאָגט און איז צו צו יאַנקלען.

פעליקס זאַקס איז געבליבן שטיין אַ ווייל, ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן. זיין וואַקלעניש האָט געדויערט זייער קורץ. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אַלע מיט אַ שמייכל אויפן פּנים.

— איך באַדויער זייער, אָבער איך מוז שוין ווירקלעך גיין.

מאַניע האָט געזען די מאָדנע בלייכקייט, וואָס האָט באַדעקט דעם פרעמדן מיידלס פּנים און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אויך סאָניע לאָזט נישט אַראָפּ אַן אויג פון דעם מיידל.

יאַנקל האָט מיט אַ שווערער האַנט געלייגט זיין אונטערשריפט אויף די פּאַפּירן, וואָס מיראַ האָט אים אָנגעוויזן.

דאָס מיידל האָט זאָרגפעלטיק צוזאַמענגעלייגט די פּאַפּירן אין איר בייטל און זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

— ניין, ניין, איר וועט שוין בלייבן — האָט זי סאָניע פאַרהאַלטן

— הער האַרט האָט אונדז צוגעזאָגט...

— געוויס וועט זי בלייבן, מירעלע — האָט יאַנקל איר געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם פּאַלטאָ און ער האָט צוגעגעבן — כ'האָב נישט געוווּסט, אַז איר קענט זיך מיט פעליקס זאַקסן.

— יאָ, מיר קענען זיך — איז אַ שאָטן דורכגעלאָפן איבער איר פּנים.

יאַנקל האָט דעם עולם מיידלעך אַריינגענומען אין זיין מאַשיז און ער האָט זיי אַלע געפירט קיין ווילאַנאָוו, צו דעם נייעם קאַפע־הויז, וואָס די דיכטער און קינסטלער פון וואַרשע האָבן אויסגעבויט אין מיטן דעם שיינעם וואַלד, וווּ די פּוילישע קעניגן האָבן אַמאָל זיך פאַרווײַלט מיט יאַגד אויף בערן.

עס איז געווען אַן אָנגענעמער אָווגט. אין דעם קאַפע־הויז זענען געווען ווייניק מענטשן. פון די ווייטערדיקע צימערן האָבן זיך געטראָגן שטילע קלאַנגען פון דער מוזיק. יאַנקל האָט די מיידלעך דערציילט. אויף זיין פאַרגרייזטן פּויליש, ווי אַזוי ער שמוגלט די גרענעצן און נאַרט אין זאַק אַריין די יעקעס.

דעם ראַבינער פערסקיס צוויי שיינע טעכטער, וואָס האָבן אין זייער פאָטערס הויז געהערט ריידן נאָר וועגן וויסנשאַפט און קונסט און ליטע־ראַטור, האָבן אין יאַנקלס דערציילן דערפילט דעם אָטעם פון פעלד, פון

פרישן גראָז, פון באַהאַלטענע צווישן וועלדער טייכן, ווו די שמוגלערס פירן זייער אַן אַוואַנטוריסטיש לעבן.

— דערציילט פּאַניע האַרט — האָבן זיי אים געבעטן — איר דער־ציילט אַזוי אינטערעסאַנט.

יאַנקל האָט זיך דערפילט גוט צווישן די דאָזיקע גבירישע און גע־בילדעטע מיידלעך.

זינט ער איז רייך געוואָרן און אָנגעהויבן ווערן פאַן־בראַט מיט די גבירים, האָט יאַנקלען זיך פיל געדאַכט, אַז ער גייט אויף שטאָלצן. ער האָט זיך געהיט צו ריידן אַזוי ווי ער איז געוווינט געווען צווישן זיינע אַמאָליקע גוטע פריינד די באַלעגאָלעס אויפן גזשיבאָוו. אויך זיינע נייע באַקאַנטע און שותפים, די אויפגעקומענע גבירים, וואָס האָבן זיך אריינ־געצויגן אין די נגידישע וווינונגען אויף טוואַרדע גאַס, האָבן זיך באַמיט צו ווערן לייטיש און צו ריידן אַזוי ווי נגידים ריידן צווישן זיך.

— כ׳האָב מיר אָנגעטאָן אַ כאָמעט אויפן האַלדז — האָט יאַנקל גע־טראַכט — און עס איז נישט לייכט צו גיין אין גבירישן געשפּאַן.

מיט די מיידלעך דאָ האָט יאַנקל פריייער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן געלאַכט פון זיינע באַלעגאָלישע ווערטלעך און ער האָט זיך טאַקע צע־רעדט אַזוי ווי אַמאָל ווען ער האָט געטריבן ר׳ לויס פערד.

ער האָט זיי דערציילט וועגן דעם בלינדן סטעפּאַן וואָס נאָך יעדן שמוגל גייט ער אין שענק, טרינקט זיך אָן, צעהאַקט די שויבן און שרייט, אַז ער וועט אַלע שוואָבעס אויסקוילענען און וועגן די שיקסעס מיט די פלאַקסענע האָר, וואָס וויקלען אַרום זייערע לייבער מיט זיידנצייג און וויסן ווי אַזוי בייצוקומען די יעקעס און וועגן יידישע סוחרים און סוחר־טעס וואָס האַלטן זיך אין איין שווערן, אַז מער גייען זיי נישט אין וואַלד און צומאַרגנס קומען זיי ווידער.

יאַנקל איז געוואָרן וואָס אַמאָל האָפערדיקער און ער האָט גענומען דערציילן ווי אַזוי ער רעדט מיט די יעקעס, ער פאַרשטייט נישט וואָס זיי זאָגן און זיי פאַרשטייען אים נישט. פונדעסטוועגן פאַרשטייען זיי זיך אַלע אויסגעצייכנט.

ער האָט נאָכגעזאָגט די פּאַטשעזשעס פון די גוייטעס, ווען זיי גייען אין וואַלד און ער האָט נאָכגעמאַכט דאָס געבעט פון די יידענעס ווען זיי פאַלן אַריין צו די דייטשן.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַלע וויצן און ווערטלעך מיט וועלכע די שמוגלער מאַכן זיך פאַרגעסן די געפאַרן. די וויצן זענען געווען גראָבע, אָבער גראָד די גראָבקייט האָט אויסגענומען ביי די מיידלעך, וואָס האָבן ביז היינט געהערט ריידן פראָפעסאָרן, ראַבינערס און דיכטער.

— איר האָט אַן אינטערעסאַנט לעבן, פאַניע האַרט — האָבן די מיידלעך צו אים געזאָגט.

יאַנקל האָט געצויגן מיט די אַקסלען. די מענטשן וואָס גייען איבער דער גרענעץ האָבן נישט אין זינען קיין אינטערעסאַנט לעבן. זיי זענען מקנא יעדן מענטש, וואָס שלאָפט רואיק איבער די נאַכט אין זיין בעט. ער האָט נישט געוווסט מיט וואָס זיין לעבן איז אינטערעסאַנט. ער האָט זיך געפילט בעסער דאָ מיט די מיידלעך איידער זיך שלעפן גאַנצע נעכט איבער די וועלדער.

— אויב איר ווילט, וועל איך אייך אַמאָל מיטנעמען — האָט ער אַ לאַך געטאָן. און געטראַכט: — זיי וואָלטן שוין פאַרזאָגט אַ צענטן...

נאָר די מיידלעך האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין צוזאָג:

— איר מוזט אונדז מיטנעמען, איר מוזט... אַך, מיר וועלן שפּעטער אויפן אוניווערזיטעט האָבן אַזויפיל צו דערציילן...

יאַנקל האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזעלכע זאַכן דערציילט מען נישט. אָבער זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן שוין שווייגן, ווי די פיש, אַבי ער זאָל זיי נעמען.

— גוט — האָט יאַנקל געזאָגט — ווען פיניע וועט צוריקקומען וועט מען עפּעס צוזאַמען אויסקלערן.

עס איז שוין געוואָרן שפּעטלעך אין אָוונט. מירעלע האָט געוואָלט גיין אַהיים.

— וואָס איז ס'געאיילט? — האָט מאַניע געזאָגט — עס איז דאָ אַזוי אָנגענעם...

— כ'האָב גענומען אַ צימער ביי אַ באַלעבאָסטע וואָס האָט נישט ליב, אַז מ'קומט אַהיים שפּעט און האָט בכלל ליב צו ריידן צופיל אויף די היינטיקע יונגע מיידלעך...

— איר וואָלט געקאָנט שלאָפן ביי מיר — האָט צו איר געזאָגט סאָניע.

— כ'ווייס ווירקלעך נישט...

— איך האָב אַליין אַ גרויסע ווינונג און אויב עס וועט אייך זיין אנגענעם, קענט איר ביי מיר בלייבן וווינען. כ׳מיין נישט אומזיסט...

— מירעלע, דאָס געפעלט מיר — האָט יאַנקל אויסגערופן — פּי־גיע וועט אויך זיין צופרידן.

מירעלע האָט אַ לענגערע ווייל געשוויגן.

— זי טראַכט איצט וועגן דעם באַגעגעניש מיט פעליקס זאַקסן — האָט מאַניע צו זיך געזאָגט — צווישן זיי ביידע מוז עפּעס זיין.

— נו, גייט איר צו מיר? — האָט סאָניע געפרעגט — עס וועט מיר ווירקלעך זיין אנגענעם.

— איר זענט זיכער אין דעם, סאָניע?

— יאָ, כ׳בין זיכער.

מירעלע איז פון דער נאַכט אָן געבליבן וווינען ביי סאָניען. אין סאָ־ניעס ווינונג איז געוואָרן נאָך טומלדיקער ווי פריער.

שפּעט אין אָוונט זענען זיי געבליבן אַליין און דעמאָלט האָט סאָ־ניע איר דערציילט וועגן איר פאָטער איזאַק, און וועגן דעם לעבן אין סיביר, און וועגן בערטאַן וואָס איז געווען זייער שכנטע.

מירעלע האָט נישט געהאַט צו דערציילן וועגן איר היים אַזעלכע טשיקאַווע זאַכן. וואָס איז דאָ צו דערציילן וועגן אַ הויז אויף פראַנציש־קאַנער, צי נאַלעווקעס, טאַטע־מאַמע האָבן אַ קראָם און ווי דאָס לעבן פון איין מענטש איז אַזוי ענלעך צום לעבן פון אַנדערן.

מירעלעס מאַמע פלעגט אַרויפקומען צו איר און ביי איר זיך בעטן:

— קום אַהיים, ווייסט זען, מ׳וועט מער מיט דיר נישט ריידן וועגן אַ שידוך. אַז דו ווילסט נישט, איז נישט.

מירעלע איז געבליבן ביי סאָניען.

— ווי נאָר כ׳וועל אַהיימקומען וועט זיך ווידער אָנהייבן דאָס זעל־בע — האָט מירעלע געזאָגט צו סאָניען — כ׳האָב מער נישט קיין כוח צו דעם.

זיי האָבן גערעדט וועגן אַלעם און זיי האָבן שוין געוווּסט אַלץ וועגן זיך, נאָר דעם נאָמען פון פעליקס זאַקסן, האָט קיין איינע פון זיי נישט דערמאָנט.

און פעליקס זאַקס האָט זיך אויך אויפגעהערט צו ווייזן אין סאָניעס ווינונג.

***

פּעסע האָט פאַרמאַכט דעם גראָבן קרבן מינחה־סידור נאָכן אָפּדאַווער־נען מעריב און האָט אויסגעשפּרייט אויפן עק טיש אַ קליין געבלימלט טישטעכל. איר מאַן, דער קליינער זעליקל, וועט באַלד צוריקקומען פון שטיבל צום אָוונט־מאָלצייט.

זי האָט געהערט די טיר עפענען. ניין, עס איז נישט זעליקל. עס איז ווידער פּיניע. די לעצטע טעג קומט ער שטענדיק פרי אין אָוונט אַהיים. פּעסעס צעקנייטשט פּנים האָט זיך צעשיינט.

— אפשר, גאָט אין הימל, איז געקומען שוין די ישועה... — האָט פּעסע פרום געזאָגט דעם עין־הרע־שפּרוך און דריי מאָל אויסגעשפּיגן.

— וועסט עסן אָוונט־ברויט, פּיניע?

— אַ דאַנק, מאַמע, כ׳האָב שוין געגעסן.

פּיניע איז אַריין צו זיך אין זיין קליין שטיבל.

— ער וועט ווידער זיך אַ וואַרף טאָן אין דער פינצטער אויף זיין בעטל — האָט פּעסע אים נאָכגעקוקט — און אַזוי ליגן גאַנצע שעהן.

פּעסע האָט דערפילט אַ טיף רחמנות צו איר קינד. זיין פרי אַהיימ־קומען און זיין ליגן גאַנצע שעהן אין אָנטועכץ אויפן בעטל, האָט פּעסע אויסגעטייטשט צום גוטן פאַר איר בן־יחיד. ער האָט נעבעך חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים. ער ווייסט, אַז ער איז געגאַנגען אויף זינדיקע וועגן. טוט אים וויי און ער ליגט אַזוי אין דער פינצטער און באַדויערט זיינע זינד.

ביינאַכט ווען זי האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן, האָט זי וועגן דעם זיך דורכגערעדט מיט איר מאַן.

דער קליינער זעליקל האָט מיר איר איינגעשטימט. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז אויך דאָס איצטיקע פירעכץ פּיניעס איז נישט דער ריכטי־קער יידישער וועג.

— מרה־שחורה איז נישט קיין גאַנג — האָט צו איר זעליקל גע־זאָגט — דער אַלטער רבי זכרונו לברכה, האָט געוואָרנט נישט צו טראַכטן צופיל וועגן זינד וואָס מ׳האָט געטאָן. פון אַזאַ טראַכטן, האָט ער געזאָגט, קומט קיין גוטס נישט אַרויס. מען טאַפּטשעט אין דער בלאָטע. יאָך וועל אים דאָס זאָגן פּיניען, מרה־שחורה איז די גרעסטע עבירה רחמנא ליצלן.

— ניין, ניין זעליקל, דו רעד נישט...

— וואָס איז? אַ טאַטע טאָר שוין אַ וואָרט נישט זאָגן?...

— יאָך, זעליקל, וועל ריידן; עס געהער צו אַ מאַמען.

פעסע האָט זיך געשראָקן פאַר זעליקלס רייד. ער וועט ווערן אין כעס, זעליקל, און ווער ווייסט צי פיניע וועט ווידער נישט טאָן צו להכעיס. ניין, זי, פעסע, וועט בעסער וויסן ווי אַזוי צו אים צו ריידן. זי איז טאַקע נישט מער ווי אַ זינדיקע אשה, פעסע. פונדעסטוועגן פאַרשטייט זי אַזעלכענע זאַכן. אַ מאַמעס האַרץ פילט בעסער. ר׳איז דאָך שוין, פיניע, נישט קיין קינד, טראַכט פעסע, ר׳איז קאַנהאָרע אַ דערוואַקסענער מאַנסביל. צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דער טאַטע זיינער. נו, איז וואָס איז דאָ צו ריידן, וואָס... מען דאַרף אים חתונה מאַכן, אָט וואָס מען דאַרף.

זי גייט אַריין אין פיניעס שטיבל. ניין, בעסער נישט מאַכן ליכ־טיק, טראַכט זי, עס וועט זיין באַקוועמער צו ריידן.

— כ׳האָב פאַר דיר אַ גרוס, פיניע.

— אַ גרוס — איז פיניע גלייכגילטיק.

— אַ גרוס פון מירעלען, מירעלע דעם הויכן משהס — געדענקסט זי?

— יאָ, כ׳געדענק זי — פיניע באַהאַלט ביי זיך, אַז ער האָט שוין מירעלען געטראָפן אויף די סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען.

— זי געדענקט דיך אויך, פיניע, און זי האָט זיך אויף דיר גע־פרעגט. כ׳זאָג דיר, פיניע, זי איז אויסגעוואַקסן אַ שיינקייט...

פיניע האָט נישט געענטפערט. ער האָט געוווּסט, אַז אויב זיין מאַמע רעדט צו אַ מאַנסביל, מעג זיין אַ זון, וועגן פרויען־שיינקייט, האָט זי אין זינען תכלית.

— פאַרשטייסט, פיניע, כ׳האָב זי צופעליק געטראָפן ביי קאַטליצקין אין צוקערניע. כ׳בין אַריינגעגאַנגען זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ...

פעסע איז צופרידן, אַז עס איז פינצטער. פיניע זעט נישט ווי רויט זי איז געוואָרן פון דעם ליגן־זאָגן. נאָר איר זעליקל האָט איר פאַרזי־כערט, אַז ביי שידוכים מעג מען, עס ווערט נישט פאַררעכנט פאַר ליגן. עס פּאַסט אַזוי זיך אָפּצושמועסן זיך צו טרעפן צופעליק, ווייל טאָמער ווערט, חלילה, נישט פון שידוך, זאָל מען קיינעם נישט פאַרשעמען.

— מאַמע, מאַמע — שמייכלט צו זיך פיניע אין דער פינצטער —

קענסט נישט זאָגן קיין ליגן. דערכאַפּן זיך ס׳הארץ צו קאַטליצקין ביסטו דאַכט זיך ס׳ערשטע מאָל אין לעבן געגאַנגען?...

ער זאָגט עס נישט, פּיניע. עס איז אים אַ רחמנות אויף דער מאַמען. זאָל זי מיינען, אַז כ׳גלייב איר.

— האָסטו ביי קאַטליצקין געטראָפן מירעלען, מאַמע?

— יאָ, יאָ, זי איז געווען מיט איר מאַמע פייגעלע. מירן זיך צע־שמועסט ,פאַרט אַלטע באַקאַנטע. אַ חכמה די מירעלע. און זי האָט זיך געפרעגט אויף דיר. מען זעט דיך נישט, האָט זי געזאָגט, זי וועט מאָרגן אויך זיין ביי קאַטליצקין. איז אויב דו, כ׳מיין פּיניע, וואָלסט געוואָלט...

— גוט, מאַמע, כ׳על צוגיין...

פּיניע האָט נישט געזען זיין מאַמעס פּנים. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז זי פילט זיך איצט גליקלעך און שטאָלץ.

— כ׳על צוגרייטן די וועטשערע פאַרן טאַטן — האָט פעסע געזאָגט און איז אַריין אין דער צווייטער שטוב.

זי האָט אָפּגעוואָרט זעליקלען ביי דער טיר און אים איינגערוימט:

— ר׳עט גיין מאָרגן, כ׳האָב מיט אים גערעדט...

— האָסט אים געזאָגט, פעסע, וואָס און ווען...

— אַזאַ חכם ביסטו זעליקל! היינטיקע צייטן רעדט מען נישט פריער וועגן אַזעלכע זאַכן, פאַרשטייסט, ס׳איז דאָך ענטעליגענטישע צייטן...

דער קליינער זעליקל האָט זיך נישט געשפּאַרט. מילא, היינטיקע צייטן, האָבן די ווייבער גאָר דעם ריכטיקן שכל, ווער ווייסט...

ער האָט געגעסן די וועטשערע און פעסע האָט שטיל צו אים גע־רעדט, אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און מ׳וועט נאָך האָבן נחת פון פּיניען.

— זי איז אַ יפת־תואר, מירעלע — האָט פעסע געזאָגט.

— נו און מכוח יידישקייט?

— פאַרשטייסט דאָך זעליקל, אַז וועגן אַזעלכע זאַכן קאָן מען ס׳ערשטע מאָל נישט ריידן.

-- אָבער פאָרט? מען דאַרף דאָך וויסן...

— נו ווייסט דאָך, דער הויכער משה האָט דאָך דיר באַלד געזאָגט, אַז מירעלע איז פון די היינטיקע... וואָס קלערסטו, צו פרום איז זי נישט... מאַלע, וואָס קאָן מען טאָן...

— פאַרשטייט, פּעסע, יאָך וויל גאָרנישט זי זאָל זיין פרום. פרומע ווייבער זענען אַמאָל אַן אָנשיקעניש...

— אַזוי גאָר, זעליקל...

— כ'מיין פרום־קרום, ווייסט דאָך. אָבער אָפּהיטן יידישקייט איז דאָך עפּעס אַנדערש, אַ שטייגער...

— וואָס אַ שטייגער?

— אַ שטייגער אַ שייטל. דאָס איז דאָך פּשוט יידישקייט, מ'זאָל קענען אַריינקומען אין שטוב.

פּעסע האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן איר מאַן. זי האָט אויך נישט געוווסט צי מירעלע וועט וועלן הערן פון אַ שייטל. אַז ס'איז גע־וואָרן אַזאַ וועלט. אין די שענסטע שטיבער טוט זיך חושך מיט די יונגע ווייבלעך. דער גאַנצער יצר־הרע האָט זיך אַריינגעלייגט אין דעם שייטל. איז ווער ווייסט, וואָס מירעלע וועט זאָגן.

— אַ מאַן קאָן אַלץ פּועלן — האָט זי נאָכטראַכטנדיק געזאָגט — איז אַז פיניע וועט וועלן.

פיניע האָט אין זיין שטיבל נישט געהערט דעם שמועס צווישן טאַ־טע־מאַמע, אָבער נישט הערנדיק האָט ער געוווסט זיין אינהאַלט.

— זיי האַלטן שוין ביי דער חתונה — האָט ער צו זיך אַ שמייכל געטאָן.

ער איז צומאָרגנס, נאָך דער אַרבעט, געגאַנגען צו קאָטליצקין אין צוקערניע. ער האָט נישט לאַנג געוואַרט און מירעלע איז אַריינגעקומען. זי איז צוגעגאַנגען צו זיין טישל מיט אַ שמייכל.

— ביסט געקומען, פיניע?

— כ'האָב נישט געוואָלט זאָלסט וואַרטן אומזיסט, מירעלע.

ביידע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

מירעלע האָט זיך צוגעזעצט צו פּינעס טישל און ערנסט געזאָגט:

— כ'האָב געוואָלט זאָלסט קומען, פיניע. כ'זע דיך נישט די לעצ־טע צייטן און איך דאַרף...

— וואָס דאַרפסטו מירעלע?

זיי האָבן זיך אַמאָל געשפּילט אַלס קינדער. ווען זיי זענען אונטער־געוואַקסן האָבן זיי זיך שוין מער נישט געטראָפן. חסידישע בחורים האָבן נישט קיין מחזקות מיט מיידלעך. אָבער ווען זיי האָבן זיך שפּעטער גע־

טראָפּן אין דעם פאַרייזן אויף קאַרמעליצקע גאַס, האָט זיך די קינדישע היימישקייט דערוועקט און זיי האָבן זיך גלייך געדוצט.

— כ׳האָב געוואָלט זאָלסט מיר העלפן פּיניע. כ׳מוז אַוועק פון שטוב. כ׳מוז. עס ווערט מיר שווערער מיט יעדן טאָג.

— דער טאַטע?

— דער טאַטע און די מאַמע. זיי הערן נישט אויף מיך באַוויינען און מיר צו ברענגען חתנים. היינט ברענגען זיי דיך און מאָרגן אַן אַנדערן. ווען כ׳האָב אַרבעט און פאַרדין...

— וואָס וואָלסטו געטאָן, מירעלע?

— כ׳וואָלט אַרויס פון שטוב, גענומען אין שטאָט אַ צימער און פּטור געוואָרן פון זייער אַריינוויינען מיר אין קאָפּ.

— גוט, מירעלע. דאַכט זיך אַז עס וועט עפּעס זיין. קום צו מיר אין ביורא. מ׳וועט עפּעס זען.

— ביסט אַ ווילער בחור, פּיניע. ווען זאָל איך קומען?

— נאָך היינט פאַרנאַכט־צו, מירעלע... דעמאָלט וועט אויך זיין מיין באַלעבאָס.

— ס׳וועט לאַנג דאַרפן דויערן, פּיניע?

— כ׳האָף, אַז דו וועסט זיך גלייך קאָנען נעמען צו דער אַרבעט.

— כ׳על עס דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, פּיניע — מירעלעס גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעשיינט — ווייסט, זינט מיין טאַטע איז געוואָרן אַ נגיד איז שוין גאַרנישט אויסצוהאַלטן פון אים. ער האַלט, אַז ער ווייסט בעסער פאַר אַלע און ער וויל נישט וויסן...

— אַזוי זענען אַלע טאַטעס און מאַמעס, מירעלע, און ווער ווייסט צי דו אַליין וועסט אַמאָל אויך נישט וועלן אַזוי פאַרזאָרגן דיינע אייניקלעך.

אַזוי האָט מירעלע אָנגעהויבן אַרבעטן ביי יאַקוב האַרטן.

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז פּיניע אַוועקגעפאָרן. יאַנקל האָט אים באַגלייט צו דער באַן און אים אָנגעזאָגט:

— לאָז דיך נישט אַריינפרייערן, פּיניע. קוק זיי אַלע אויף די הענט...

פּיניע איז געשטאַנען ביים וואַגאָן־פענצטער און געקוקט אויף די הייזער וואָס ווערן מיט יעדער מינוט אַלץ קלענער און איינגעשרומפּענער.

— בעסער אַזוי — האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער איז אַנטלאָפן. יאָ, ער ווייסט אַז ער איז אַנטלאָפן. ער האָט מער נישט געקאָנט. יעדן אָוונט דרייען זיך אַהין און צוריק פאַר סאָניעס הויז כדי זי צו זען און ווען זי קומט, זיך צו באַהאַלטן ווי אַ גנב אין אַ טויער. און שפּעטער אַהיימצוגיין, וואַרפן זיך אין אָנטועכץ אויפן בעטל און קוקן מיט אָפענע אויגן צום סופיט.

ער האָט געפּרוווט פאַרגעסן. ער איז דורך דער צייט שוין עטלעכע מאָל געווען ביי דער גרושה מלכהלע. זי האָט געלאַכט צו אים און גע־זאָגט:

— כ'האָב געוווּסט אַז דו וועסט קומען, צו מלכהלען קומט מען שטענדיק צוריק.

און ער איז פון מלכהלען ווידער געלאָפן צו סאָניעס טויער און זיך געדרייט אַהין און צוריק.

ער מוז דאָס אַרויסרייסן פון זיך. עס מוז פאַרגעסן אָן אַלעם. אָן סאָניען און אָן מלכהלען. ער מוז פאַרגעסן. ער וועט איצט האָבן אַ סך אַרבעט. ער וועט פאָרן פון שטאָט צו שטאָט. יאַנקלס געשעפטן צע־וואַקסן זיך און מען מוז יעדן קוקן אויף די הענט, ווי יאַנקל זאָגט.

יאָ, עס וועט נישט פעלן וואָס צו טאָן. נישט בלויז פאַר יאַנקלס גע־שעפטן. פאַרן אָוועקפאָרן איז ער געווען אויף דער קאַרמעליצקע גאַס ביי דער פּאַרטיי. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער וויל עפּעס טאָן און אַז ער פאָרט וועגן עסקים מיט די דייטשן און איז באַזאָרגט מיט זייערע פּאַסיר־שיינען, וואָס האָבן אויף זיך אַ סך רויטע שטעמפּלען.

מען האָט אים זייער פיין אויפגענומען אויף דער קאַרמעליצקע גאַס און מ'האָט אים געזאָגט, אַז מען דאַרף האָבן זיין מיטהילף. מ'בייטיקט זיך אין אינטעליגענטע מענטשן, וואָס זאָלן גיין אין די קליינע שטעטלעך און אָרגאַניזירן די יוגנט. און דאָס וואָס ער איז אַ חשוב ביי די יעקעס, איז גאָר וויכטיק. זיי, די יעקעס, קוקן איצט עפּעס צופּיל אויף די פינ־גער, זיי האָבן שוין עטלעכע חברים ערגעץ־ווו פאַרשיקט. נו, איז גוט וואָס ער האָט אַזוי פיל פּאַפּירן מיט רויטע שטעמפּלען.

פּיניע האָט אויף זיין רייזע נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן צו־פיל וועגן זיך. ער איז אַ מידער אַהיימגעקומען פון יאַנקלס געשעפטן און ער האָט שוין געטראָפן וואַרטן אויף זיך די דעלעגאַטן פון שטעטל.

אזוי האָבן זיי זיך גערופן „דעלעגאַטן״. זיי האָבן גערעדט מיט גרויס חשיבות וועגן דער פּאַרטיי און וועגן דער אַרבעט וואָס זיי טוען. זיי האָבן זיך פּאַר פּיניען באַקלאָגט אויף דער פּאַנאַטישקייט פון די טאַטעס, וואָס ווילן נישט וויסן פון די נייע גרויסע צייטן און אויף דער פינצטערניש פון די מאַסן, וואָס הערן זיך נאָך אַלץ צו צו די רייד פון די רבנים.

זיי האָבן געקוקט מיט האָפענונג און גלויבן אויף פּיניען. אַ קליינ־קייט עפּעס, אַ שליח פון וואַרשע. דאָרט אין וואַרשע ווייסט מען אַלץ. דאָרט זענען אַלע מענטשן געבילדעטע און אויפגעקלערט. דאָרט זיצן די אמתע קעפּ, וואָס ווייסן אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

זיי זענען געזעסן אויף די שפּיץ־שטולן אַנטקעגן פּיניען, האָבן מיט גרויס־דרך־ארץ זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און וויפל ער האָט נישט דערציילט, האָבן זיי אַלץ מער געוואָלט וויסן.

זיי זענען נישט אָפּגעטראָטן קיין מינוט פון אים. עס איז זיי געווען אַ שאָד אויף אַ רגע זיך מיט אים צו שיידן. אַז מען האָט שוין זוכה גע־ווען צו אַ שליח פון וואַרשע, דאַרף מען כסדר פון אים לערנען.

פּיניע האָט זיי געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז נישט גע־קומען בלויז פון דער פּאַרטיי. אַז ער האָט דאָ עסקים צו דערליידיקן, עסקים וואָס האָבן צו טאָן מיט געלט־זאַכן. זיי האָבן אים שווייגנדיק אויסגעהערט און פיל־זאָגנדיק צו זיך געשמייכלט און געטראַכט:

— די פּאַרטיי איז קלוג. זי שיקט כלומרשט שליחים צוליב גע־שעפט און אַזוי פּריערט מען אָפּ די יעקעס...

זיי האָבן געהאָלפן פּיניען אין זיינע געשעפטן. האָבן זיך באַליידיקט ווען ער האָט זיי געוואָלט באַצאָלן:

— פון דער פּאַרטיי נעמען מיר נישט קיין געלט — האָבן זיי גע־זאָגט — מיר פאַרשטייען...

פּיניע האָט נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג נאָר זיי באַפעלן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי צו נעמען דאָס געלט.

האָבן זיי דאָס געלט גענומען און זענען גלייך איבערגעגאַנגען צו די עיקר־זאַכן. און עיקר־זאַכן האָבן זיי געהאַט פיל. זיי האָבן געוואָלט וויסן ווען די מלחמה ענדיקט זיך. און צי וועט טאַקע זיין אַ יידישע מדינה? און וואָס איז מכוח דער רעוואָלוציע? ווען ברעכט זי אויס? און צי איז טאַקע נישטאָ קיין גאָט? און וואָס זאָגט דער חבר וועגן שפּינאָ־

זאָן? און ווען מען זאָל מען ווילן אַלס דאָזאָר אין שטעטל? און וואָס טראַכט מען אין דער פּאַרטיי וועגן פרייער ליבע?

אין וואַרשע האָט מען דאָך אויף דעם אַלעמען אַן ענטפער. איז אפשר וועט דער חבר אונדז אויפקלערן.

פּיניע איז געוואָרן צעטומלט פון די שאלות. ער האָט די דעלעגאַטן געפּרוווט זאָגן, אַז ער איז אַ פּראָסטער מענטש, אַז ער האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן זייערע פראַגעס און אַז ער ווייסט נישט וואָס זיי צו זאָגן.

די דעלעגאַטן האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּפּטרן מיט אַזעלכע תירוצים. זיי האָבן געוואָלט קלאָרע ענטפערס.

פּיניע האָט זיך געפילט פאַרשעמט און געהויבן צוגלייך און ער האָט זיך מיט די דעלעגאַטן געטיילט מיט דעם, וואָס ער האָט געלייענט אין ראַבינער פערסקים גרויסער ביבליאָטעק.

די דעלעגאַטן האָבן אים געדאַנקט מיט הויכע מליצהדיקע רייד און האָבן אים איינגעלאַדן צו האַלטן אַ פאָרטראַג ווי זיי האָבן עס גערופן, פאַרן שטעטל.

— דאָס פאָלק, חבר העכט, — האָבן זיי געזאָגט — וואַרט אויף אייער שטאַרק וואָרט און איר מוזט דערפילן דעם ווילן פון פאָלק.

פּיניע האָט דערפילט ווי אַ שווייס באַדעקט זיין לייב פאַר שרעק. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געעפנט דאָס מויל פאַר מענטשן. ער האָט באַוווּנדערט די רעדנער וואָס די רייד גליטשען זיך פון זייערע מיילער גלאַטיקע און פליסנדיקע.

— כ׳קען נישט, כ׳קען נישט — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן — און כ׳האָב זיך נישט געריכט...

— אַ שליח פון דער פאַרטיי דאַרף זיך נישט ריכטן — האָבן זיי צו זיך געשמייכלט — נישקשה, מ׳קאָן זיך אויף אייך פאַרלאָזן...

און ווען פּיניע האָט זיך געפּרוווט איינשפּאַרן, האָבן זיי צו אים געזאָגט, אַז דאָס פאָלק וואַרט שוין און עס וועט זיין אַ חרפה פאַר דער פאַרטיי.

זיי האָבן אים געהאָלפן אָנטאָן דעם פאַלטאָ און האָבן אים מיט גרויס פאַראַד געפירט איבער דער גאַס.

די קרעמער און קרעמערינס זענען צוזאַמען מיט די קונים אַרויס פון די קראַמען און מיט די פינגער אויף אים געטייטלט:

— ער גייט, ער גייט...

חדר־ייִנגלעך זענען אים נאָכגעלאָפן מיט אַ געפילדער:

— דער גאַסט פון וואַרשע, דער גאַסט...

— איר זעט ווי דאָס פאָלק פרייט זיך — האָבן גערעדט פיניעס באַגלייטער — זיי קאָנען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף אייער שטאַרק וואָרט, חבר העכט.

פיניע האָט געהאַט אַ נעפּל פאַר די אויגן. ער האָט נישט קלאָר געזען די פּנימער פון די מענטשן אַרום זיך. ער האָט נישט געזען וווהין מען פירט אים. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיינע באַגלייטער. ער האָט געפילט ווי מען פירט אים פון איין געסל אין אַנדערן. דאָס געשטופעריי איז געוואָרן גרעסער און פון צייט צו צייט האָט ער געהערט ווי זיינע באַגלייטערס בייזערן זיך:

— לאָזט דורך, לאָזט...

ווען מ'האָט אים אַרויפגעפירט אויף דער רעדנער־טריבונע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגן שמאָלן טיש איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטוך האָט פיניע דערפילט אַ שוואַכקייט אין די קניען. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם ראַנד פון טיש און האָט דעמאָלט געהאַט איין ווונטש: ווי קומט מען שוין איבער...

פיניעס באַגלייטער האָבן זיך אָבער נישט געאיילט. זיי האָבן דעם חשובן גאַסט אַוועקגעזעצט אויבנאָן, אַז דאָס פאָלק זאָל אים זען און אַליין האָבן זיי זיך איינער נאָכן אַנדערן אויפגעשטעלט און מיט הויכע מליצהדיקע רייד באַגריסט דעם גרויסן גאַסט און אָנגעזאָגט דעם פאָלק, אַז באַלד וועלן זיי דערהערן דאָס גרויסע און שטאַרקע וואָרט נאָך וועלכן די מאַסן לעכצן.

פיניען איז געוואָרן קאַלט און הייס פון די דאָזיקע רייד. דער נעפּל פאַר זיינע אויגן איז געוואָרן געדיכטער. דער לעצטער באַגריסער האָט פיניעס נאָמען אויסגעזונגען מיט אַ פייערלעכן ניגון, און דעמאָלט האָט ער, פיניע, געהערט אַ לאַנג פּאַטשעריי מיט די הענט.

פיניע האָט נישט געוווסט פון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען כּוח זיך אויפצושטעלן און צו עפענען דאָס מויל.

ער האָט שפּעטער נישט געדענקט קיין איין וואָרט פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אויך בעתן ריידן האָט ער נישט געוווסט און נישט פאַרשטאַנען זיינע אייגענע רייד.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער מינוט ווען עס וועט שוין זיין אַלץ געענדיקט און גלייכצייטיק האָט ער נישט געוווסט ווי אַזוי צו ענדיקן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט פאַרלוירן די שליטה איבער זיין אייגן מויל, וואָס לויפט פון זיך אַליין ווי אַ צעבריי־קעוועט פערד.

ווען ער האָט געענדיקט. האָט ער צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט מורא געהאַט צו זען די מענטשן אַרום זיך. דאָס האַנט־פּאַטשעריי איז אויס־געבראָכן ווי אַ שטורעם. פּיניע האָט געעפנט די אויגן. ער האָט זיך געזען אַרומגערינגלט פון יונגע און אַלטע יידן מיט צעפלאַמטע פּנימער. הענט האָבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט פון אַלע זייטן און זיינע באַגלייטער האָבן זיך באַמיט אָפּצושטופן דעם עולם און גערעדט:

— שטופּט אייך נישט אַלע מיטאַמאָל... דער חשובער גאַסט מוז זיך אָפּרוען...

פּיניע האָט אַ דערשטוינטער געקוקט אויף זיינע באַגלייטער און אויף דעם עולם אַרום זיך. ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער ביי זיי געפרעגט, וואָס אַזעלכעס ער האָט געזאָגט מיט עטלעכע מינוט פריער.

אַזוי האָט ער זיך געפילט צום ערשטן מאָל אין דער ראָל פון אַ רעדנער. ער האָט זיך אָבער שנעל צוגעוווינט. דער נעפּל פאַר די אויגן איז פאַרשוווּנדן. ער האָט שוין געקוקט אויף די פּנימער פון די מענטשן, וואָס זענען געזעסן אַקעגנאיבער אויף לאַנגע הילצערנע בענק.

נישט שטענדיק האָט מען אים באַגריסט מיט הענט־פּאַטשעריי. די באַגלייטער האָבן פריער אָנגעזאָגט, אַז דער שונא גרייט זיך. אַמאָל איז דער שונא באַשטאַנען פון די שטאָטישע רויטע און אַמאָל גאָר פון חסי־דישע יונגעלייט. פּיניע האָט גאָר ליב באַקומען די צווישנרופן פון שונא און ער האָט געענטפערט אויפן אָרט מיט אַ פּסוק און מיט אַ וויץ און דער עולם האָט געלאַכט.

פּיניע אַליין האָט שוין הנאה געהאַט צו שטיין אויף דער טריבונע און ריידן צום פאָלק. נאָכן ריידן אָבער איז געווען שווערער. די מענטשן

האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט. פּאַרטיי־חברים האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל זיי מגלה זיין די סודות, וועלכע מ׳קאָן נישט זאָגן פאַרן גאַנצן פאָלק.

— מיר האָבן פאַרשטאַנען, חבר העכט, דעם רמז אייערן, איז אפשר קאָנט איר אונדז זאָגן, כ׳מיין, איר ווייסט דאָך, אַז מירן נישט דער־ציילן...

פּיניע האָט פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט נישט מער ווי דאָס וואָס ער האָט געזאָגט. ער ווייסט נישט פון קיין סודות. אפשר זענען דאָ סודות, נאָר ער, פּיניע, איז אַ פּשוטער פּאַרטיי־מענטש און ער ווייסט נישט. אָבער וואָס באַשיידענער פּיניע האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַלץ מער איז זיין אָנזען געוואַקסן. וואָס הייסט ער ווייסט נישט? אין וואַרשע ווייסן זיי אַלץ. ער ווייסט שוין גאָר. נאָר מילא, אַז מ׳טאָר נישט ריידן, איז פאַרפאַלן.

עס זענען געקומען צו פּיניען יונגעלייט מיט געדיכטע צעוואַקסענע בערד. זיי האָבן געהאַט קראַמען, נאָר ביינאַכט זענען זיי געזעסן איבער חקירה־ספרים און געוואָלט דערגיין דעם תכלית פון דעם וועלטל. זיי האָבן נאָכגעזאָגט פאַר פּיניען גאַנצע שטיקער פון מורה נבוכים און זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס מען טראַכט אין וואַרשע וועגן דעם אַלעם.

און עס זענען געקומען מיידלעך פון באַלעבאַטישע שטיבער און פאַר פּיניען מיט פאַרשעמטער שטים זיך באַקלאָגט אויף דער פינצטער־ניש פון שטעטל. זיי קאָנען מער שוין נישט דאָ בלייבן, זיי מוזן קומען צו דער גרויסער וועלט. אָ, ווען דער חשובער גאַסט זאָל וויסן ווי שווער ס׳איז אַזאַ לעבן...

און עס זענען געקומען בחורים מיט יידישע היטעלעך און פּיאות פאַררוקטע אונטערן היטל און האָבן פּיניען עפּעס שטיל איינגערוימט אין אויער. זיי האָבן נישט געקאָנט קומען צו זיין פאַרטראַג. אינדערהיים און אין שטיבל וואָלט מען זיי דערגאַנגען די יאָרן. זיי ווילן אָבער פאָרט וויסן. נפשם חשקה בתורה. איז אפשר וועט דער חשובער גאַסט זיי דאָ כאָטש בקיצור נאָכזאָגן דעם עיקר, נישט מער ווי דעם עיקר...

פּיניע האָט געפּרוווט זיי אַלעמען צופרידנצושטעלן און פון מידקייט שוין נישט געוווסט וואָס מ׳וויל פון אים.

טיילמאָל זענען אַפילו די דאַזאַרעס פון שטעטל געקומען מיט אים זיך אַן עצה האַלטן:

— אדרבה, זאָל דער חשובער גאַסט — האָבן זיי געזאָגט — אונדז זאָגן, ווי פּירט מען אַ שטאַט, ווען יידן אַליין האַלטן זיך אין איין אַרומרייסן און לויפן אַפילו מיט מסירהלעך איינער אויפן אַנדערן...

געקומען זענען צו פיניען אויך יידן פון אַן אַנדערן שניט. אַמאָל איז עס געווען אַ ייד מיט הדרת פנים און אַמאָל אַ יונגערמאַן מיט אַ פיין צוגעקעמט בערדל און אַמאָל גאָר אַ יידענע מיט אַ שייטל. גערעדט אָבער האָבן זיי אַלע אין יעדן שטעטל דאָס זעלבע. אַזוי ווי זיי האָבן געהערט, אַז דער חשובער גאַסט איז אַ פריילײדיקער, איז אפשר טאַקע אַ באַשערטע זאַך. דעם נגידס טאָכטער האָט געהערט זיין רעדע און זי איז אַ מיידל מיט אַלע מעלות. נישט גלאַט קיין מיידל, נאָר אַ גרעפין, איז אפשר, האַ? וואָס מיינט דער חשובער גאַסט?

צו פיניען איז מען אָבער נישט בלויז געקומען ריידן, נאָר מען האָט אים אויך איינגעלאַדן איינער אויף וועטשערע און אַ צווייטער אויף מיטיק און אַ דריטער כאָטש אויף אַ גלאָז טיי. יעדער האָט געוואָלט האָבן דעם כבוד צו האָבן ביי זיך אין שטוב דעם חשובן גאַסט.

אין איינעם פון די שטעטלעך האָט אַ יונגערמאַן אין אַן אַרבעטערבלוזע זיך צוגעשטופּט צו פיניען און צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט:

— כ׳ווייס נישט צי איר ווייסט, חבר העכט, אַז מיר זענען משפחה...

— משפחה?

— מיר האָבן געוווינט אויף איין הויף אויף נאָוואָליפּיע גאַס...

— דו ביסט דעם פעטער?...

— בערלס זון, יאָ, דאָס בין איך...

— כ׳וואָלט דיך נישט דערקענט...

פיניע האָט זיך דערמאַנט, אַז אין דעם שטעטל זענען דאָ זיינע און סאָניעס קרובים.

דער יונגערמאַן איז שוין פון אים נישט אָפּגעטראָטן.

— חבר העכט, איר מוזט צו אונדז קומען אויף וועטשערע...

— זיי זענען נאָך אַזוי פרום, די פעטערס און מומעס?...

— נאָך פרומער ווי אַמאָל.

— נו, וועלן זיי זיך נישט צופיל פרייען מיט מיר...

— זייט רואיק, חבר העכט, זייערע אייגענע קינדער זענען אויך די זעלבע, איר זעט דאָך, חבר...

— קאָנסט מיר זאָגן דו, מיך רופט מען פיניע...

פיניעס מומעס האָבן זיך געווישט די אויגן ווען זיי האָבן אים דערזען.

— קאָנעהאָרע, אויסגעוואָקסן — האָבן זיי גערעדט — אסור ווען כ׳דערקען אים אין גאַס.

זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט אויפן טאַטן און אויף דער מאַמען, האָבן דערציילט וועגן זיך און וועגן שטעטל און זיך באַקלאָגט:

— מאַלע, וואָס זאָל מען טאָן, עס איז דאָך מלחמה, מוז מען איי־בערקומען אין אַזאַ העק.

זיי האָבן געקוקט אויף פיניען און ווי גערעדט צו זיך אַליין:

— ווער וואָלט דאָס געגלייבט, פעסעס און זעליקלס זון האָלט גאָר דרשות, נע, נע...

— און וואָס איז מיט יצחקלס טאָכטער?

זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, די מומעס. זיי האָבן דערהאַלטן זעליקלס בריוו, אַז יצחקלס טאָכטער איז געקומען. זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. די גליקן אין דעם שטעטל זענען נישט איי־איי. און וואָס וועט דאָ טאָן אַזאַ מיידל? וואָס? זיי האָבן אַלץ זיך געקליבן קיין וואַרשע און געטראַכט, אַז אויפן אָרט וועט מען וויסן וואָס צו טאָן.

פיניע האָט זיי באַרואיקט און פאַרזיכערט, אַז סאָניען גייט עס גוט און זי וועט זיך שוין אַליין אַן עצה געבן...

— געלויבט צו גאָט — האָבן די מומעס פרום צוגעשאָקלט מיט די קעפּ — איז, ווי הייסט זי, סאָניע זאָגסטו? און כ׳מיין, זי ווייסט כאָטש, אַז זי איז אַ יידיש קינד...

— אַוודאי ווייסט זי, סאָניע, זי אַרבעט דאָך ביים ראַבינער...

— נו, געלויבט צו גאָט...

די מומעס האָבן זיך געווישט די אויגן. און אויסגעקרעכצט:

— אוי, ווען יצחקל וואָלט געלעבט, אוי ווען ער לעבט...

— זי איז ענלעך צו אים, צו יצחקלען?

— כ׳ווייס נישט, די מאַמע זאָגט, אַז זי איז ענלעך, יאָך האָב דאָך דעם פעטער יצחקלען נישט געקענט...

— אוי האָט ער געהאַט אַ חן, יצחקל, אַזאַ יידישן חן, מיט די פּיאה־לעך און דעם סאַמעטענעם היטעלע. כ׳געדענק אים, ווי עס וואָלט היינט געווען, אַזאַ חן, אַזאַ חן...

פּיניע האָט געקוקט אויף זיינע דריי אַלטע מומעס. די עלטסטע, די מומע טשיפּעלע, האָט נישט גערעדט, נאָר טרערן האָבן געקאַפּעט איבער איר צעאַקערט פּנים.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אויפגעשטעלט, די מומע טשיפּעלע, און איז מיט שטילע דראָבנע טריטעלעך צוגעגאַנגען צו אַ גרויסן קופערט, וואָס איז געשטאַנעןביים פענצטער.

די הענט האָבן איר געציטערט, ווען זי האָט דעם קופערט געעפנט און האָט גענומען אַרויסציען אַלטע קליידער און בלוזעס.

— וואָס זוכסטו, טשיפּעלע? — האָבן די ייִנגערע שוועסטער גע־וואָלט וויסן.

טשיפּעלע האָט נישט געענטפערט. זי האָט נאָר טיפער אַריינגע־שטעקט דעם קאָפּ אין דעם גרויסן קופערט.

איר פּנים איז געווען רויט פון אָנשטרענגונג, ווען זי האָט אויפגע־הייבן דעם קאָפּ. אירע אויגן האָבן אויפגעלעבט מיט אַ יונגן גלאַנץ. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ צוזאַמענגעוויקלטע זיידענע בלוזע.

מיט קליינע טריטעלעך איז זי צוריקגעקומען צום טיש, האָט פאַנאַנ־דערגעוויקלט די בלוזע, פון וועלכער עס האָבן זיך אַרויסגעשיט געלע בלעטלעך געדיכט באַשריבענע.

— כ׳האָב עס באַהאַלטן! — האָט זי געזאָגט און איר שטים האָט געקלונגען מיט שטאָלץ.

די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע איינגעפאַלענע באַקן און זי האָט געזאָגט:

— זעסט, פּיניע, ווען די זשאַנדאַרמען זענען געקומען נאָך אים, נאָך יצחקלען, האָט ער מיר דאָס געגעבן. ער האָט זייערע געשרייען נאָך גע־הערט אין פענצטערן קאָרידאָר, איז ער צו מיר צוגעלאָפן און צו מיר געזאָגט: באַהאַלט עס, טשיפּעלע. כ׳האָב זיך זייער געשראָקן, נאָר כ׳האָב עס פאַרשטעקט אין בוזעם. און ווען די זשאַנדאַרמען האָבן אים צוגענו־מען מיט זיך, האָב יאָך נאָך מער מורא געהאַט. יאָך האָב געוווסט, אַז מ׳טאָר אַזעלכע זאַכן נישט האַלטן, יאָך האָב עס געוואָלט פאַרברענען

אין קיך. נאָר יאָך האָב עפּעס נישט געקאָנט. ס׳איז מיר געווען אַזאַ רחמנות אויף אים, אויף יצחקלען, און יאָך האָב געקלערט, אַז ווען גאָט וועט העלפן און ער וועט צוריקקומען, וועל יאָך צו אים זאָגן: זעסט, יצחקל, יאָך האָב עס פאַר דיר באַהאַלטן...

די טרערן האָבן גענומען שטיקן די מומע טשיפּעלע און זי האָט שווער אַרויסגעקרעכצט:

— ער האָט נישט דערלעבט, יצחקל, נישט דערלעבט...

פּיניע האָט גענומען אין האַנט די געל געוואָרענע בלעטלעך און ער האָט געטראַכט:

— ס׳איז סאָניעס ירושה...

ער האָט אָפּגעריסן די אויגן פון די בלעטלעך. ניין, ער דאַרף זיי נישט לייענען, זיי באַלאַנגען צו סאָניען.

ער האָט פאָרזיכטיק צוזאַמענגעלייגט די בלעטלעך און געזאָגט צו דער מומע טשיפּעלע:

— די טאָכטער יצחקלס איז צוריקגעקומען, זאָל איך עס איר ברענ־גען?

די מומע טשיפּעלע האָט זיך אַ פאַרלוירענע אַרומגעקוקט. די געלע בלעטלעך זענען געווען אַלע יאָרן איר גרויסער אוצר און איר שטאָלץ און איר האָפענונג. זי האָט אַלע יאָרן געוואַרט אויפן טאָג ווען זי וועט קאָנען איר יונגערן ברודער זאָגן:

— כ׳האָב עס פאַר דיר געהיט, יצחקל...

זאָל זי זיך איצט מיט איר האָפענונג און אוצר שיידן? אָבער ער וועט דאָך מער נישט צוריקקומען. וויי און ווינד איז צו מיר, ר׳איז דאָך צו־מאָל נישט געקומען צו קבר ישראל. ליגט עפּעס טיף אין דער סיבירער ערד, אָן אַ מצבה, נעבעך... און די טאָכטער איז דאָ, יצחקלס איינציקע טאָכטער. וואָס האָט זי נעבעך, די יתומה? זי, טשיפּעלע, איז אָרעם און קאָן איר צומאָל אַ קליידל נישט שיקן. אַ יתומה אָן אַ מאַמע און אָן אַ טאַטע. זאָל זי כאָטש איר פאָטערס בלעטלעך האָבן. זי, טשיפּעלע, דערקענט זיין, יצחקלס, געשריפטס, יאָ, זי וועט עס געבן פאַר איר, פאַר דער יתומה נעבעך.

די מומע טשיפּעלע האָט אַרויסגענומען די בלעטלעך פון פּיניעס

האַנט, האָט זיי אויסגעגליכן מיט אירע ציטערדיקע הענט און זיי געגנו־מען צוריק איינוויקלען אין דער אַלטער זיידענער בלוזע.

— גיב עס איר, פּיניע, נאָר למען השם גיב אַכטונג, יאָך האָב עס אַזוי פיל יאָרן געהיט, אַזוי פיל יאָרן.

פּיניע האָט געמוזט לאַנג בלייבן ביי זיינע מומעס. ער האָט זיי גע־מוזט אַלץ דערציילן וואָס ער האָט געהערט וועגן יצחקלען, וועגן זיין קראַנקהייט און ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן.

די מומעס האָבן געכליפּעט אויפן קול און פּיניע האָט זיי געמוזט דערציילן ווי סאָניע זעט אויס, מיט וועמען זי וווינט און אַז עס פעלט איר חלילה נישט צו עסן.

ווען פּיניע איז אַרויס אין גאַס, האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט דאָס פּעקעלע, וואָס די מומע טשיפּע האָט אים מיט אירע ציטערדיקע הענט אַליין פאַרפּאַקט און כסדר אים אָנגעזאָגט:

— פאַרליר נישט, פּיניע...

פּיניע האָט צו זיך אַ שמייכל געטאָן. ער וועט נישט פאַרלירן סאָ־ניעס ירושה. ער וואָלט שוין געוואָלט זיין צוריק אין וואַרשע און לויפן צו איר, צו סאָניען, מיט דער ירושה, וואָס דער פאָטער האָט איר איבער־געלאָזט.

ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט דאָס פּעקעלע פון זיין האַנט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די געלע געדיכטע באַשריבענע בלעטלעך מאַכן אים ווידער נעענטער צו סאָניען. זי וועט זיך געוויס פרייען, סאָניע, צו האָבן אַן אָנדענק פון איר פאָטער און ער וועט איר דערציילן וועגן דער מומע, און ווי אַזוי זי האָט געהיט די בלעטלעך אַזוי פיל יאָרן.

— אפשר וועט זי וועלן צופאָרן אין דעם שטעטל און זען אירע מומעס? — האָט פּיניע געטראַכט — יאָ, זי וועט געוויס וועלן...

ער, פּיניע, וועט מיט איר מיטפאָרן. ער וועט זי פירן איבערן שטעטל און ער וועט מיט איר גיין צו דער מומע טשיפּעלע.

דער געדאַנק צו קומען מיט סאָניען אין דעם שטעטל האָט פּיניען שוין נישט אָפּגעלאָזט.

— דאָ וועט נישט זיין פעליקס זאַקס און נישט יאַנקל און נישט ווישינסקי און נישט בערטאָ. ער וועט זיין אַליין מיט סאָניען. כאָטש אַ

טאָג אַליין און, ווער ווייסט, אפשר וועט צוריק ווערן צווישן זיי ווי עס איז געווען אַמאָל.

און פּיניען איז איינגעפאַלן, אַז אפשר זאָל ער זיך טאַקע דאָ באַזעצן, אין דעם שטעטל. עס איז דאָ אַזוי רואיק און שטיל און ווען סאָניע וואָלט געוואָלט...

ער האָט מורא געהאַט צו דערטראַכטן ביזן סוף, ווען סאָניע וואָלט געוואָלט זיך מיט אים באַזעצן אין דעם שטעטל. ער האָט מורא געהאַט מיטן געדאַנק צו פאַרטרייבן אַזאַ גליק.

ער האָט געגליט פון אומגעדולד, פּיניע. ער מוז שוין פאָרן קיין וואַרשע. ער מוז גלייך זיך זען מיט סאָניען און איר איבערגעבן דעם פאָטערס ירושה.

פּיניע האָט זיך שנעל אָפּגעפּאַרטיקט מיט די עסקים און זיך געלאָזט צו דער באַן.

ער איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געטראַכט ווי סאָניע וועט אויפהייבן אויף אים אירע אויגן, ווען ער וועט איר דערלאַנגען די געדיכט באַשריבענע בלעטלעך.

אין וואַגאָן איז געווען ענג. ער איז געווען פול מיט יידן און יידענעס און קליינשטעטלדיקע גויעס, וואָס האָבן געפירט מיט זיך קעז און פוטער און פליישן אין דער גרויסער שטאָט.

פּיניע איז געזעסן אין אַ ווינקל און נישט געזען וואָס אַרום אים קומט פאָר. ער האָט געטראַכט וועגן סאָניען און צי זי וועט וועלן מיט אים פאָרן אין דעם קליינעם שטעטל.

ער האָט איבערגעלאָזט די זאַכן אויפן באַנהויף. ער איז מיט אייליקע טריט געגאַנגען איבער דער גאַס, האַלטנדיק אין האַנט דאָס פאַרפּאַקטע פּעקל, וואָס די מומע טשיפּעלע האָט אים געגעבן פאַר סאָניען.

ביים הויז־טויער איז געשטאַנען דער סטרוזש מיטן בעזעם אין האַנט. ער האָט דערקענט פּיניען און פאַר אים געצויגן דאָס היטל.

— כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזען דעם פּאַן — האָט דער סטרוזש קענטיק געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס.

— יאָ, שוין לאַנג — האָט פּיניע געזאָגט קורץ און געוואָלט אים פאַרבייגיין.

— דער פּאַן האָט זיך נישט וואָס צו איילן, סיי ווי איז קיינער נישטאָ.

— וואָס הייסט קיינער? — האָט פּיניע דערפילט אַ קעלט אין זיין לייב.

— וואָס? דער פּאַן ווייסט גאָרנישט? — האָט דער סטרוזש אַ צו־פרידענער זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין בעזעם — וואָס דאָ האָט זיך גע־טון מיט דער פּאַני?

— מיט דער פּאַני?

— יאָ, מיט דער פּאַני בערטאָ. פרעגט גאָרנישט, וואָס עס איז גע־שען, אַזאַ ווילע פּאַני און אַזאַ אומגליק...

— וואָס איז געשען, וואָס? — האָט פּיניע אָנגעכאַפּט דעם סטרוזש ביי די אַקסלען.

— וואָס הייסט, דער פּאַן ווייסט נישט? די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך נישט וועגן עפּעס אַנדערש.

— כ׳בין נישט געווען הי...

— כ׳האָב טאַקע נישט פאַרשטאַנען, וואָס מ׳זעט אייך נישט, פּאַ־ניע העכט, נו, וואָס איז דאָ אַ סך צו ריידן? געשטאָרבן, באַגראָבן, נאָר אין שטאָט רעדט מען פאַרשידנס...

— געשטאָרבן די פּאַני בערטאָ?

— וואָס, דער פּאַן גלייבט מיר נישט? אָט איז מיין ווייב, זי איז צוזאַמען מיט פריילין סאָניע און דעם אַפּטייקער אַריין אין דער שטוב און דערזען...

— און פריילין סאָניע? — האָט פּיניע געפרעגט.

— אַוועקגעפאָרן, מ׳זאָגט, אַז עס יאָגט עפּעס אין די שטיבער...

— וווהין אַוועקגעפאָרן?

— כ׳ווייס נישט, אויף עטלעכע טעג, האָט זי געזאָגט צו מיר, נאָר ווער ווייסט, אַז אין די שטיבער יאָגט, זאָגט מען...

דער סטרוזש האָט זיך געגרייט צו דערציילן נאָך אַ לאַנגע געשיכטע נאָר פּיניע האָט מער נישט געהאַט קיין געדולד אים צו הערן.

דאָס פּעקעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, איז אים געוואָרן שווער. סאָניע איז נישטאָ. ווער ווייסט וווהין זי איז אַוועק.

דער נאָמען פון פעליקס זאַקסן איז אים געקומען אויפן געדאַנק.

יאָ, מיט אים איז זי אַוועק. באַשטימט מיט אים. פיניע דערמאָנט זיך ווי סאָניע האָט געקוקט אויף זאַקסן, ווען יענער איז געשטאַנען אין פאָרום פאַר די יונגע, אוף דער קרולעווסקע גאַס. יאָ, זי זעט קיינעם נישט אויסער אים, דעם שיינעם פעליקס. און ער, פיניע, האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע נאַרישע חלומות.

ער וועט אַוועק צוריק אין דעם קליינעם שטעטל, האָט ער גייענדיק שנעל איבער דער גאַס געטראַכט — ער וויל מער דאָ נישט זיין, ער וויל נישט...

פיניע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן בערטאַן. ווען האָט ער זי געזען ס׳לעצטע מאָל? יאָ, אויף דער לוויה פון רעגינקען. זי האָט זיך דעמאָלט אָן אים אָנגעשפּאַרט און סאָניען נישט אָפּגעלאָזט. איז עס אמת? און ווען איז עס געשען?

— כ׳מוז זען יאַנקלען, ער וועט אַלץ וויסן...

יאַנקל איז אָבער אויך נישט געווען.

— וואָס איז? וווהין זענען זיך אַלע צעפאָרן? און ווו איז מירעלע?

די מאַשין־שרייבערין איז געווען אַן עלטער מיידל און זי האָט בייסיק געענטפערט:

— דער שעף איז געפאָרן מיט זיין סעקרעטאַרין קיין לאָדזש. זיי וועלן דאָרט בלייבן עטלעכע טעג, אַזוי האָט ער געזאָגט, זיי וועלן זיין ביי דעם פאַן גאָלד...

— קיין לאָדזש גאָר? ווען?

— נישט לאַנג צוריק, קוים מיט עטלעכע שעה, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע דאָ געווען...

— איז נישט דאָרט אויך געווען די פאַננאַ סאָניע?

— כ׳ווייס נישט — האָט דאָס מיידל נאָך בייזער געענטפערט.

פיניע איז אַריין אין זיין אַרבעטס־צימער. אויפן טיש איז געלעגן אַ בריוו פאַר אים פון יאַנקלען.

זיין באַלעבאָס האָט געהאַט וויניק צו טאָן מיט דער פען. די בוכשטאַבן זענען געווען אומגעלומפּערט גרויס און דאָס אויסלייגעכץ איז געווען אַזוי משונהדיק, אַז פיניע האָט נישט ווילנדיק צו זיך אַ שמייכל געטאָן. דאָך האָט ער פאַרשטאַנען וואָס יאַנקל וויל. ער האָט אים מיטגעטיילט, אַז מ׳האָט צו אים טעלעגראַפירט צו קומען גלייך קיין לאָדזש.

עס איז דאָ עפּעס אַן עסק מיט גאָלדן. וויל ער, אַז פּיניע זאָל אויך זיין דערביי. מען דאַרף זיך מיישב זיין. סאָניע איז אויך מיטגעפאָרן און אַדעק ווישינסקי און סאַלאָמאָן וואַרסקי.

פּיניע איז געווען צופרידן. אין דעם בריוו איז נישט געווען דער־מאָנט דער נאָמען פון פעליקס זאַקסן.

ער האָט אַ טאָפּ געטאָן דאָס זעקל מיט די באַשריבענע בלעטלעך פון סאָניעס פּאַטער. ער האָט זיך ווידער דערפילט נענטער צו סאָניען.

גיין, ער וועט נישט גיין איצט אַהיים. ער וועט פאַרשפּעטיקן די באַן. ער איז שנעל אַרויס פון זיין צימער און אַ זאָג געטאָן צו דער מאַ־שין־שרייבערין:

— כ׳פאָר קיין לאָדזש.

די מאַשין־שרייבערין האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן, נאָר פּיניע איז שוין געווען אויף די טרעפּ.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. עס איז שוין שפּעט, אָבער ער טאָר נישט פאַרשפּעטיקן.

— סאָניע, סאָניע — האָט אין אים עפּעס זיך צעזונגען, ווען ער איז אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעפאַלן אין וואַגאָן.

פאַר זיינע אויגן זענען בייגעלאָפן די לעצטע הייזער פון דער שטאָט און גרינע לאָנקעס און פעלדער באַוואַקסענע מיט שוואַר־ברוינע קאָרן־זאַנגען.

פּיניע איז געשטאַנען ביים אָפענעם וואַגאָן־פענצטער. ער האָט איינגעאָטעמט אין זיך די פעלד־לופט, נאָר זיינע אויגן האָבן געזען סאָניען.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

דער הויכער משה באַזוכט סאָניען

אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט, האָט סאָניע געטראָפן שטיין פאַר איר טיר אַ הויכן ייד, אין אַ לאַנגער טונקעלער זשיפּיצע, און אַ קליין זיידן היטעלע.

סאָניע איז געבליבן אַ ווייל שטיין דערשראָקן און געקוקט אויף דעם

ייד, וואָס האָט מיט איין האַנט אַרומגענומען זיין גראָלעך קליין בערדל און מיט דער אַנדערער האַנט געזוכט עפּעס ביי דער טיר.

אין ערשטן מאָמענט האָט סאָניע געוואָלט אַראָפּגיין צוריק אין טויער און מיטנעמען מיט זיך דעם סטרוזש, כדי זיך צו דערוויסן וואָס עפּעס אַ פרעמדער פּאַרשוין זוכט ביי איר טיר.

זי האָט זיך אָבער פאַרשעמט פאַר איר שרעק. וואָס, זי וועט מורא האָבן פאַר אַן אַלטן ייד? אפשר וויל ער אַ נדבה?

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און געפרעגט אויף פויליש:

— דער פּאַן זוכט דאָ עמיצן?

דער הויכער ייד איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיין זוכן ביי דער טיר, אַז ער האָט נישט דערהערט די טריט וואָס האָבן זיך צו אים דער־נעענטערט.

— וואָס? — איז ער דערשראָקן אָפּגעשפּרונגען פון דער טיר.

— וועמען זוכט איר דאָ? — איז סאָניע געוואָרן דרייסטער, זעענ־דיק דעם פרעמדן יידס שרעק.

— די פּאַני וווינט דאָ? — האָט דער ייד מיט גרויס שוועריקייט אַרויסגערעדט די עטלעכע ווערטער אויף פויליש.

— יאָ, איך וווין דאָ — האָט סאָניע שוין געזאָגט אויף יידיש...

— די פּאַני איז אַ יידישע — האָט דער ייד קענטיק זיך באַרואיקט

— כ׳האָב געמיינט...

— איר האָט געמיינט, אַז כ׳בין נישט קיין יידישע? פאַרוואָס?

— האָט סאָניע נישט פאַרשטאַנען וואָס דער ייד וויל פון איר.

— אַז כ׳האָב נישט געזען קיין מזוזה ביי דער טיר, האָב יאָך גע־מיינט...

סאָניע האָט געקוקט אויף דעם ייד מיט שטוינענדיקע אויגן און איבערגעפרעגט:

— איר דאַרפט עפּעס צו מיר?

— דאָ וווינט מיין טאָכטער.

— אייער טאָכטער? — האָט סאָניע זיך ווידעראַמאָל דערשראָקן. און געטראַכט — אַ משוגענער? טאַפּט ביי דער טיר און זוכט זיין טאָכ־טער...

— כ׳מיין, מיין מירעלע...

— אהאָ! איר זענט?

— מירעלעס טאַטע...

אין דעם יידס שטים איז געווען עפּעס אַ טיפער ווייטיק.

— ביטע — האָט סאָניע אויפגעשלאָסן די טיר — אייער טאַטער וועט באַלד וואַרשיינלעך קומען פון דער אַרבעט.

דער הויכער משה האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אַריינגיין אין אַ וווינונג מיט אַ פרעמדער אשה. על פּי דין טאָר מען נישט. איז אפשר אַראָפּגיין און וואַרטן פאַרן טויער? אָבער דער סטרוזש האָט אים שוין עטלעכע מאָל געפרעגט וואָס ער וויל דאָ און געהייסן גיין. און ער מוז זען מירעלען. ער מוז זי אַהיימנעמען. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ יידישע טאָכטער זאָל אַוועק פון דער שטוב, פון טאַטע־מאַמע, און זאָל וווינען ביי מענטשן, וואָס האָבן צומאָל נישט קיין מזוזה ביי דער טיר? מען דאַרף דאָך שרייען געוואַלד...

— פאַרפאַלן — האָט דער הויכער משה געטראַכט — אַז מען דאַרף ראַטעווען אַן אייגן קינד, מוז מען אַפילו זיצן אין איין שטוב מיט אַ פרעמדער אשה...

— זעצט אייך — האָט סאָניע פאַרמאַכט די טיר — איר וועט נישט דאַרפן לאַנג וואַרטן.

דער הויכער משה האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס, כדי נישט צו דאַרפן קוקן אויף דער אשה.

— אפשר וועט איר טרינקען אַ גלאָז טיי?

— ניין, ניין, אַ דאַנק...

וואָס וויל זי פון אים די אשה? וואָס? ער וועט זיך מיט איר אַוועקזעצן טרינקען טיי? ווי פאַרשטייט דאָס נישט אַ מענטש אַליין און זי זאָגט דאָך, אַז ז׳איז אַ יידישע...

דער הויכער משה האָט אָפּגעקרעכצט. שיין דערלעבט, שיין. צוואַנציק יאָר געלעגן ביים רבינס טיש און געהערט זיין תורה זאָגן און דערלעבט צו דעם... די טאָכטער אַנטלויפט פון שטוב און ער זיצט דאָ מיט אַזאַ איינער און זי וויל מיט אים טרינקען טיי גאָר... האָסט זיך גוט אויסגעאַרבעט, משה, מ׳קאָן נישט זאָגן. און עס איז אַ מצווה אויף דיר, משה. געלט מאַכן האָט זיך דיר פאַרגלוסט? אַ נגיד ווערן האָט זיך דיר פאַרוואָלט? מיט רייז האַנדלען און אָפּנאַרן יידן — הא, דאָס מעג מען?

איז פאַרוואָס זאָל דיין טאָכטער נישט אַוועק פון שטוב — וואָס? האָסט בעסער פאַרדינט?

דער הויכער משה נעמט אַוועק דאָס פּנים פון פענצטער. איידער מירעלע קומט, מוז ער געוואָר ווערן וואָס און ווען. מילא, צוליב אַ קינד וועט ער באַדאַי ריידן איבעריקע רייד מיט אַ פרעמדער אשה.

— די פאָני איז אַ היגע? — פרעגט ער.

— מיינע עלטערן זענען געווען היגע, איך בין געקומען ערשט נישט לאַנג.

— אַזוי, אַזוי, — מאַכט זיך דער הויכער משה גלייך די באָרד און קלערט וואָס ווייטער צו זאָגן — כ׳מיין, די עלטערן וווינען אויך דאָ?

— ניין, זיי לעבן נישט.

— אַזוי, אַזוי, אַ יתומה, נעבעך — טראַכט דער הויכער משה און זאָגט — נו, און זי, כ׳מיין מירעלע.

— מיר וווינען צוזאַמען. כ׳האָב אַ צו גרויסע וווינונג פאַר מיר...

— געלויבט דער אייבערשטער פאַר דעם, כ׳האָב דאָך געמיינט, אַז כ׳על טרעפן אַ יונג דאָ — טראַכט דער הויכער משה און קוקט זיך אַרום איבער דער שטוב.

איצט פאַרשטייט ער שוין גאָרנישט די הייַנטיקע וועלט און די הייַנטיקע קינדער. אַז קיין יונג איז נישטאָ, איז פאַרוואָס האָט נישט געטויגט דער מאַמעס שטוב?

די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט:

— טאַטע! — איז מירעלע געבליבן שטיין אַ דערשטוינטע ביי דער טיר.

— מירעלע!

ביידע זענען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זיי וואָלטן מער נישט געוווסט וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן.

מירעלע האָט לאַנגזאַם אויסגעטאָן דעם פאַלטאָ און געזאָגט צו סאָניען:

— כ׳האָב דיר נאָך נישט פאָרגעשטעלט מיין טאַטן.

— מיר האָבן זיך שוין באַקענט, כ׳האָב צוגעשטעלט טיי. זיי מכבד דעם טאַטן.

סאָניע איז אַריין צו זיך אין צימער. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז פאָטער און טאָכטער דאַרפן זיך דורכריידן.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען, טאַטע? — איז מירעלע געבליבן שטיין אין מיטן שטוב.

— וואָס הייסט נאָך וואָס? כ׳בין געקומען נאָך דיר. גענוג זיך צו נאַר געמאַכט, קום אַהיים, די מאַמע וואַרט.

— כ׳האָב דיר געזאָגט, טאַטע, אַז כ׳על נישט אַהיימגיין.

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט, מירעלע, כ׳קאָן דיך פשוט נישט פאַרשטיין, עפּעס אַ רוח שטות איז אין דעם קינד אַריין...

— דאָס איז די צרה, טאַטע, וואָס כ׳בין ביי דיר נאָך אַלץ אַ קינד...

— אַוודאי ביסטו אַ קינד...

— כ׳בין אַ דערוואַקסענער מענטש, טאַטע...

— זאָל זיין אַ דערוואַקסענער מענטש, מירעלע, אַבי קום אַהיים. די מאַמע האָט אויך געוואָלט אַהערקומען און זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט פון שטוב נישט אַרויס, ביז וואַנען...

— פאַרוואָס לאָזט עטץ מיך נישט צורו — האָבן זיך טרערן באַוויזן אין מירעלעס אויגן — וואָס ווילט עטץ פון מיר...

— וואָס טוט זיך מיט דיר, מירעלע? ווער וויל עפּעס פון דיר? פאַרוואָס זאָלסטו זיך עפּעס וואַלגערן אין דער פרעמד.

— כ׳בין נישט אין דער פרעמד, טאַטע. דאָ בין איך ביי מיר אין שטוב. אין דיין שטוב בין איך געווען פרעמד, אַזוי!

— אַזוי גאָר. ביסט געווען פרעמד ביי דיין טאַטע־מאַמע. נו, נו, אַצינד הער יאָך כאָטש קלאָרע רייד. נו, בין יאָך גאָר אַ פרעמדער? נו, שיין זיך אויסגעאַרבעט, משה!...

דער הויכער משה האָט זיך אויפגעשטעלט און מירעלען האָט זיך געדאַכט, אַז איר פאָטערס הויכע געשטאַלט איז נידעריקער געוואָרן. ער האָט נישט געקוקט אויף איר.

— איז אַזוי די מעשה — האָט ער גערעדט הויך צו זיך, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אָן מירעלען — זאָל יאָך דאָס זאָגן דער מאַמע. נו, וואָס קאָן מען מאַכן, אַז טאַטע־מאַמע זענען פרעמדע...

— טאַטע!

— מילא, אַ שיינעם דאַנק, וואָס דו רופסט מיך נאָך טאַטע...

— פאַרוואָס פייניקט עטץ מיך אַזוי? פאַרוואָס ווילט עטץ נישט פאַרשטיין...

— כ׳האָב נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, נאָך אַלץ נישט... און יאָך האָב געמיינט, אַז כ׳פאַרשטיי עפּעס... מיינסט כ׳האָב נישט געוווּסט אַלץ, מירעלע? מיינסט כ׳האָב נישט געזען? כ׳האָב געזען און כ׳האָב געוווּסט, נאָר יאָך האָב געטראַכט: מילא, וואָס זאָל מען טאָן, אַז ס׳איז אַזאַ וועלט, זאָל זי כאָטש האָבן אַ היים, נו, איז עס געווען אַ נאַריש טראַכ־טעניש, זי האָט זיך גאָר אַרומגעדרייט צווישן פרעמדע...

— אָבער, טאַטע...

— און וואָס האָב יאָך געוואָלט? כ׳האָב געוואָלט זאָלסט אַ שידוך טאָן...

— און יעדן טאָג ביסטו געקומען...

— יאָ, כ׳בין געקומען, ווייסט דאָך ווער דיין טאַטע איז. ער ווייסט נישט אַנדערש. ביי מיין טאַטן אין שטוב איז אויך אַזוי געווען...

— אָבער איך בין אַנדערש...

— יאָ, דו ביסט אַנדערש, מירעלע. דאָס האָב יאָך געזען. נו, האָב יאָך געטראַכט פון פּיניען. עטץ קענט זיך דאָך פון קינדווייז אָן און ער, פּיניע, איז דאָך אויך פון די היינטיקע. גייט אויך אַ קאַפּעליוש און נעמט זיך אַראָפּ די באָרד, איז עס אַ גלייכע זאַך, האָב יאָך געמיינט.

מירעלע האָט צום ערשטן מאָל אַ שמייכל געטאָן:

— זיי נישט בייז, טאַטע. כ׳האָב נישט דאָס געמיינט. דו קאָנסט נישט פאַרשטיין, אַז פּיניע איז זייער אַ וווילער בחור און איך קען אים פון לאַנג, נאָר פאַר אַ מאַן וויל איך אים נישט.

דער הויכער משה האָט שווייגנדיק געקוקט אויף זיין טאָכטער. ער האָט פאַרגעסן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. ער איז געקומען בעטן, שרייען און בייזערן זיך אויף זיין קינד, אויף זיין מירעלע, וואָס מאַכט זיך צום נאַר. ער איז געקומען זי נעמען אַהיים. אָבער איצט שטייט פאַר אים אַ פרעמדער מענטש. אַ פרעמדע אשה. וואָס קאָן ער איר זאָגן?

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ווילאַנג איז, ווען ער האָט זי גע־האַלטן אויף דער האַנט, האָט זי געוויגט בייינאַכט און האָט איר מיט אַ לעפּעלע געשטופּט דאָס עסן אין מויל און איר דערציילט נאַרישע קינ־דישע מעשיות...

ער האָט עס נישט געקאָנט באַנעמען. ווען איז זיין קינד, זיין מי־רעלע, פּלוצים מגולגל געוואָרן אין אַ פרעמדן מענטש? אַפילו ווען זי האָט אָנגעהייבן לייענען זייערע ספרים חיצונים און ריידן עזותדיקע רייד, האָט ער, דער הויכער משה, ביי זיך געטראַכט:

— אַ מאָדע אָזאַ, ביי די היינטיקע קינד׳ער... זאָל נאָר דער איי־בערשטער העלפן מיטן ריכטיקן שידוך, וועט זי פאַרגעסן אָן אַלע נאַ־רישקייטן.

ער האָט אַפילו באַרויִקט זיין ווייב, ווען מירעלע האָט פּלוצים געזאָגט:

— כ׳האָב מיר געדונגען אין שטאָט אַ שטוב — און האָט איינגע־פּאַקט די זאַכן.

— וועסט מאָרגן אַהיימקומען — האָט ער צו איר געזאָגט און אַליין אין דעם געגלייבט. וואָרעם ווי קאָן עס אַנדערש זיין? וואָס הייסט, זיין קינד, זיין מירעלע, וועט אַוועק פון שטוב צו פרעמדע? זי וועט איין טאָג נישט אויסהאַלטן און אַהיימקומען.

ווען עס איז אָבער אדורך אַ וואָך און מירעלע איז נישט געקומען, האָט ער שוין נישט געקאָנט שלאָפן ביינאַכט און זיין ווייב האָט אים געיאַדעט:

— וואָס טוט מען, משה? וואָס וועט זיין מיטן קינד?

האָט ער געטראַכט, אַז מען דאַרף נאָך איר גיין. מען דאַרף צו איר ריידן אַ פּאָר גוטע ווערטער. זי וואַרט נאָר דערויף. עס פּאַסט איר נישט אַליין אַהיימצוקומען. מאַלע, וואָס זאָל מען טאָן, אַזוי זענען זיי אַלע היינט, די קינדער. זיי אַליין טוען נארישקייטן און דערנאָך פּאַסט זיי נישט. זי שעמט זיך, מירעלע. נו, וועט ער צו איר צוגיין און וועט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט נישט, אַז זי שעמט זיך און האָט חרטה, נייערט זי טוט אים גאָר אַ טובה מיט איר אַהיימגיין. מאַלע, וואָס מען טוט אַלץ פאַר קינדער...

ער איז געגאַנגען צו זיין קינד און געטראָפן גאָר אַ פרעמדע אשה. זי שעמט זיך נישט, נייערט זי וויל נישט אַהיימגיין. זי האָט מער נישט קיין היים, קיין טאַטע און קיין מאַמע. אפשר שעמט זי זיך גאָר מיט מיר, מיט מיין באָרד, מיט מיין קאַפּאָטע און מיין היטל? ווער ווייסט, עס קאָן שוין איצט אַלץ זיין. ער קאָן שוין איצט אַלץ גלייבן. אַז זי, זיין טאָכ־

טער, זאָל צו אים זאָגן, אַז זי וויל נישט פּיניען פאַר אַ מאַן איז אַלץ מעגלעך. וואָרעם ווען האָט דאָס אַ יידישע טאָכטער אַרויסגעברענגט פון איר מויל אַזעלכע ווערטער? נאָר אַ פרעמדע אשה קאָן אַזעלכעס זאָגן און דערביי גאָרנישט פילן די חרפה.

דער הויכער משה האָט דערפילט, אַז עמיצער האָט ביי אים צוגע־גזלט זיין קינד און ער האָט צומאָל נישט געוווסט ביי וועמען צו מאָנען דיִ גזילה. וואָס טוט מען איצט? ווי גייט מען אַהיים, אָן איר, אָן זיין מירעלע?

— מירעלע... — האָט ער שטיל אַרויסגעפּליסטערט.

מער האָט ער נישט געזאָגט. מער האָט ער נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט נאָר געקאָנט בעטן תחנונים. בעטן מען זאָל אים צוריקגעבן זיין טאָכטער.

מירעלע האָט אירע לאַנגע ברעמען אַראָפּגעלאָזט אויף אירע אויגן. עס איז איר געוואָרן אַ רחמנות אויף דעם הויכן ייד, וואָס זיצט דאָ לעבן איר אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער פון פּיין. אָבער וואָס קאָן זי אים העלפן? אינדערהיים וועט נאָך שווערער זיין פאַר אַלע.

— טאַטע — האָט זי שטיל געזאָגט — כ'ווייס נישט וואָס דו מאַכסט פון אַזאַ נאַרישקייט אַ טראַגעדיע. ווי ווייט בין איך פון דער שטוב? צוויי טריט, כ'על יעדע פאַר טעג אַריינקומען.

— אָבער, פאַרוואָס, מירעלע?...

דער הויכער משה האָט נישט געקאָנט געפינען די פּאַסיקע ווערטער. ער האָט נישט געוווסט ווי איר צו זאָגן, אַז נישט אין דעם גייט עס וואָס זי וווינט עטלעכע גאַסן ווייטער פון אים. נייערט עס גייט אין דעם, וואָס זי, זיין קינד, קאָן זיך נישט געפינען קיין אָרט ביי אים אין שטוב, וואָס זי האָט געמוזט אַוועק, וואָס זי פילט זיך צו אים ווי אַ פרעמדע און וואָס ער, איר פאָטער, קוקט שוין אויף איר ווי אויף אַ פרעמדער אשה...

— נאָך וואָס, טאַטע, ווידער איבערחזרן דאָס זעלבע — האָט מי־רעלס שטים אָנגענומען האַרטע טענער — עס קאָן אַנדערש נישט זיין און דו ווילסט אַלץ נישט פאַרשטיין.

דער הויכער משה האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אַרומגע־

קוקט איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט וועלן אײַנקריצן אין זכרון אַלץ וואָס ער זעט דאָ און מיטנעמען עס מיט זיך.

— אַזוי, אַזוי — האָט ער נישט געפילט ווי ער מורמלט צו זיך אַליין.

— אפשר ווערסטו, טאַטע, טרינקען אַ גלאָז טיי?

דער הויכער משה האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען דאָס גלאָז. ער האָט דאָס גלאָז נישט צוגעטראָגן צו זײַן מויל, נאָר עס אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערוואַרעמען.

— כ'דאַרף נאָך עפּעס זאָגן — האָט ער געטראַכט — איידער כ'גיי אַוועק, דאַרף יאָך נאָך עפּעס זאָגן. אָבער וואָס?

ער האָט צוריקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפן טיש און הייזעריקלעך אַ זאָג געטאָן:

— אפשר האָסטו עמיצן, מירעלע, כ'מיין, כ'מעג דאָך וויסן...

אַ פלאַם איז דורכגעלאָפן מירעלעס פּנים. זי האָט אויף אַ רגע געעפנט דאָס מויל, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר באַלד האָבן זיך אירע ליפּן עקשנותדיק צוגעשלאָסן.

— כ'מיין — האָט דער הויכער משה גערעדט — אַז פיניע געפעלט דיר נישט, איז אפשר געפעלט דיר אַן אַנדערער. אדרבה, זאָג. יאָך וועל זײַן נישט דאַקעגן, אַבי שטעלן אַ חופּה...

— כ'האָב דיר געזאָגט, טאַטע, אַז דו דאַרפסט נישט זאָרגן וועגן מיר. כ'בין שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און כ'וויס אַליין...

— אַזוי, דו ווייסט אַליין... — האָט דער הויכער משה אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ — נו, וועל יאָך זאָגן דער מאַמען... אַזוי, נו, אַז דו ווייסט אַליין...

ער האָט זיך גלייך געמאַכט דאָס היטל און נישט געוווסט וואָס ווייטער צו טאָן. וואָס טוט ער אין דער דאָזיקער פרעמדער שטוב? און וואָס וויל ער פון דער פרעמדער אשה, וואָס איז אַנומלט געווען נאָך זײַן קינד?

— צײַט צו גיין — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— יאָ, — האָט ער זיך דערמאָנט — כ'מיין, טאָמער דאַרפסטו

עפעס... כ׳האָב מיט מיר מיטגענומען — האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש.

— כ׳דאַרף נישט קיין געלט, טאַטע.

— כ׳מיין, אין דער פרעמד, מ׳איז דאָך נאָר אַ מענטש...

— כ׳אַרבעט און כ׳פאַרדין גענוג, טאַטע.

— ווו אַרבעטסטו?

דעם הויכן משה איז נישט אָנגעגאַנגען וואָס מירעלע טוט און ביי וועמען זי אַרבעט. ער האָט נאָר נישט געוווסט וואָס ער וועט טאָן, ווען ער וועט אַראָפּקומען אויף דער גאַס.

— כ׳אַרבעט ביי פּיניעס באַלעבאָס.

— ביי פּיניעס באַלעבאָס? — האָט דער הויכער משה אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

פּיניע האָט מיר צוגעהאָלפן, ער איז מיט מיר צוזאַמען אַוועק צו זיין באַלעבאָס.

דער הויכער משה האָט שוין איצט גאָרנישט געוווסט וועגן וואָס צו טראַכטן. פּיניע האָט איר געהאָלפן און פּיניע איז אַ ווילער בחור און פּיניע געפעלט איר נישט. וואָס טוט זיך מיט דער היינטיקער משוגענער וועלט?

— כ׳על שוין גיין. די מאַמע קאָן זיך נישט דערוואַרטן — האָט דער הויכער משה זיך געלאָזט צו דער טיר.

אָננעמענדיק די קלאַמקע, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אויסגעדרייט צו דער שטוב:

— אפשר וואָלסטו צוגעגאַנגען איצט צו דער מאַמע, אויף עטלעכע מינוט כאָטש?

מירעלע האָט אַ קוק געטאָן צום פּאַלטאָ, וואָס איז געלעגען אויפן שטול. זי וואָלט געוואָלט צוגיין אין שטוב, אָט נישט מער ווי אַ קוק טאָן.

— נאַרישע מויד, — האָט זי זיך געזידלט — עס האָט זיך דיר פאַרבענקט נאָך דער מאַמען? דו ווייסט דאָך גוט, אַז דו וועסט שוין דאָרט בלייבן...

— אַן אַנדערש מאָל, טאַטע, כ׳קאָן נישט איצטער...

דער הויכער משה האָט געעפנט די טיר און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— כ׳מיין, מירעלע, ווען דו וועסט וועלן, פאַרשטייסט, די מאַמע וועט זיך פרייען דיך צו זען.

די טיר האָט זיך שטיל צוגעמאַכט. מירעלע האָט געקוקט אויף דעם גלאָז טיי, וואָס איז געבליבן שטיין אויפן טיש.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר. זי האָט געוואָלט צוריקרופן דעם פאָטער. זאָל ער אויסטרינקען דאָס גלאָז טיי. נאָכדעם וועט זי מיט אים צוזאַמען אַריבערגיין אין שטוב. זי האָט דאָרט פאַרגעסן מיטצונע־מען עטלעכע זאַכן. זאָל ער נאָר טרינקען די טיי. זי וועט באַלד גרייט זיין צו גיין.

ער איז שוין נישט געווען אויף די טרעפּ. אַ ווייל האָט זי אים גע־וואָלט נאָכלויפן אויף דער גאַס. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָנלען פון די טרעפּ ווי עס וואָלט איר פאַרפעלט אָטעם.

— האָסט איצט געזאָגט, אַז דו ביסט שוין אַ דערוואַקסענער און זעלבסטשטענדיקער מענטש — האָט זי געטראַכט — און פירסט זיך נאָך ווי אַ קינד, וואָס לויפט נאָך דעם טאַטן.

מירעלע איז צוריק אַריין אין שטוב. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן. זי האָט זיך געשעמט מיט די טרערן און גלייכצייטיק דערפילט אַ דערלייכטערונג פון די טרערן.

זי האָט נישט געוווּסט, אַז עס וועט איר זיין אַזוי שווער אַוועקצו־גיין פון שטוב. פאַרקערט, ווען זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו געפינען אַרבעט און צו נעמען זיך אַ וווינונג אין שטאָט, האָט זי זיך געפילט גליק־לעך. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלע אירע חלומות ווערן פאַרווירק־לעכט. זי ווערט אַ פרייער מענטש, האָט זי געטראַכט און זי ווערט פּטור פון דער שטוב, וואָס איז איר מיאוס געוואָרן. נאָך מער: טיילמאָל האָט זי דערפילט אַ שנאה צו דער שטוב, ווו זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ שנאה צו דעם פאָטער, וואָס דרייט זיך אַרום מיט דעם הויכן קאַפּעל און האַלט אין איין זוכן חטאים ביי יעדן.

— וואָס פאַר אַ געמיינזאַמעס — האָט זי אין יענע טעג געטראַכט — האָב איך מיט דעם מענטש, וואָס רופט זיך מיין פאָטער? אַז אַלץ וואָס ער טוט און רעדט, איז מיר ווילד פרעמד. זי האָט נישט געקאָנט הערן דעם גמרא־ניגון, וואָס האָט זיך אין די אָוונטן געטראָגן איבער זייער שטוב. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער דאָזיקער ניגון איז אַן

אָנזאָג פון אַ לעבן, וואָס איז איר נמאס און פון וועלכן זי וויל, זי מוז זיך אַרויסרייסן. דער ניגון האָט איר געגרילצט אין די אויערן און עס איז איר פאַרגעקומען אַז איר פאָטער ווייסט דאָס און אַז ער רייצט זיך מיט איר.

אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט, האָט מען נישט געטאָרט טאָן. זי האָט נישט געקאָנט מוחל זיין איר פאָטער, אַז אַ צייט לאַנג האָט זי אים גע־גלייבט און געמיינט טאַקע, אַז מ׳טאָר נישט.

די חברטעס אין דער שול האָבן פון איר געלאַכט. זי האָט מורא געהאַט צו גיין מיט זיי אין קינאָ, ווייל דער טאַטע זאָגט, אַז מ׳טאָר נישט. זי איז נישט געגאַנגען טאַנצן, ווייל מ׳טאָר נישט. זי האָט זיך נישט געשיפט אויף דער ווייסל, ווייל אויך שיפן טאָר מען זיך נישט.

זי איז אָבער מיד געוואָרן פון דעם פאָטערס פאַרבאָטן. און די חבר־טעס האָבן נאָך מער געלאַכט און האָבן געזאָגט צו איר:

— דיין טאַטע איז אַ פינצטערער מענטש און עס פּאַסט נישט אים צו האָרכן.

און די מיידלעך האָבן אויך צו איר געזאָגט:

— נאַרעלע, ווער הייסט דיר אַלץ דערציילן אין שטוב? מיר דער־ציילן אויך נישט און ס׳איז גוט.

מירעלע האָט אויפגעהערט צו פרעגן דעם פאָטער וואָס מען מעג און וואָס מ׳טאָר נישט. זי האָט געטאָן דאָס, וואָס די חברטעס טוען און זיי האָבן צו איר געזאָגט:

— נו, סוף כל סוף ביסטו קליגער געוואָרן, מירעלע.

זי האָט זיך געהיט פאַרן פאָטער און פאַר דער מוטער, ווי זיי וואָלטן געווען פיינט, וואָס וואַרטן נאָר אויף דער געלעגנהייט צו קאָנען איר שלעכטס טאָן און צונעמען ביי איר אַלע פאַרגעניגנס פון לעבן.

און זי האָט געהאַט הנאה, וואָס זי קאָן אָפּנאַרן דעם טאַטן און הינ־טער זיינע פּלייצעס טאָן אים צו להכעיס.

שפּעטער איז איר אויך די שפּיל דערעסן. פאַרוואָס זאָל זי זיך דאַרפן אויסבאַהאַלטן מיט דעם וואָס זי טוט?

ביי קרינסקיס גימנאַזיום האָבן די מיידלעך אָפּגעוואַרט אין די פאַר־נאַכטן יונגע בחורים מיט טונקעלע מונדירן מיט גאָלדענע קנעפּ. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר גרויסע יחסנים, די ייִנגלעך, און זיי האָבן די מייד־

לעך דערציילט וועגן דער פינצטערניש פון די טאַטעס און מאַמעס און זיי געדופן אַראָפּצעוואַרפן דעם שווערן יאָך פון די פינצטערע קלעריקאַלן.

מיר, די יוגנט, — האָבן זיי גערעדט מיט קוויטשענדיקע שטימע־לעך פון נאָך נישט רייף געוואָרענע מאַנסבילן — דאַרפן אַריינברענגען ליכט אויף דער יידישער גאַס און מיר מוזן דערקלערן קאַמף די פינצ־טערע און אומוויסנדיקע טאַטעס.

מירעלע איז געוואָרן חוצפהדיק אין שטוב. זי האָט שוין נישט גע־זאָגט דער מאַמען וווהין זי גייט. זי האָט זיך נישט געמיט אויסצוטראַכטן אַ ליגן פאַרן פאָטער. אויף אַלע פראַגעס האָט זי געענטפערט:

— כ׳ווייס אַליין וואָס כ׳האָב צו טאָן.

— געהערט דיבורים? — האָט דער הויכער משה געשריען צו זיין ווייב — כ׳האָב דיר געזאָגט, די שקאָלעס דיינע...

— פאַרוואָס מיינע? — האָט דאָס ווייב זיך געוועדט — דו, משה, האָסט אויך געזאָגט, אַז היינטיקע צייטן מוזן קינדער קענען... שרייבן...

און מירעלע איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער און געזאָגט:

— הלוואי וואָלט דער טאַטע געגאַנגען אין אַ שול, וואָלט ער נישט געהאַלטן אין איין פאַרן צום רבין און זיצן גאַנצע טעג אין שטיבל...

זי האָט געוווסט, אַז זי טוט וויי דעם פאָטער. זיין פּנים איז בלייך געוואָרן און ער האָט געקוקט אומבאַהאָלפן אויף זיין ווייב.

מירעלע האָט געהאַט הנאה פון דעם פאָטערס אומבאַהאָלפנקייט. זי האָט דערפילט די פליכט פון דער יוגנט, וואָס קעמפט מיט דער פינצ־טערניש.

זי האָט אַהיימגעבראַכט ביכער אויף די גוייִשע לשונות און איז איבער זיי געזעסן לאַנגע שעהן.

— וואָס שטייט אין די ביכער? — האָט דער פאָטער געוואָלט וויסן — נישט גלייכער עפּעס צו העלפן דער מאַמען?

און מירעלע האָט דעם פאָטער געענטפערט, אַז אין די ביכער ווערט געזאָגט ווי אַזוי מען דאַרף לעבן און פון די ביכער זעט זי וואָס מען דאַרף ענדערן.

— וואָס, אַ שטייגער?

— אַלץ, אַלץ, אַלץ! — האָט מירעלע געקוקט אַרום זיך מיט שנאה.

זי וואָלט געוואָלט אַלץ אַרום זיך פאַרניכטן, חרוב מאַכן אַלץ, וואָס פּענ־טעט אירע הענט און פיס; אַלץ וואָס מאַכט איר ענג די לופט.

מיט איר גאַנצער יוגנט־עקזאַלטאַציע, האָט מירעלע זיך געפילט די אומגליקלעכסטע אין דער וועלט. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַן אומענדלעכן טרויער און זי האָט פיל מאָל געהערט דאָס שושקען זיך פון מענער:

— ווי שיין זי איז, די מזרח־פּרינצעסין, מיט איר טרויער...

די דאָזיקע רייד זענען ווי אַ הייסער שטורעם דורכגעלאָפן מירעלעס לייב. זי האָט געפילט אַ פיזישע הנאה פון איר אומגליק און פון איר טרויער. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אירע ליידן, אַז איר געפענגעניש אין איר פאָטערס שטוב, גיט איר צו אַ באַזונדערן רייץ, טיילט זי אויס פון אַלע אירע חברטעס און נעמט זי אַרום מיט דעם צויבער פון מאַרטי־רערטום. זי האָט זיך געריסן פון דעם געפענגעניש און האָט נישט גע־ווּסט, אַז גלייכצייטיק האַלט זי זיך אַן אַן די ווענט פון דעם געפענ־געניש, וואָס דערהייבט זי אין אירע אייגענע אויגן.

און דעמאָלט איז געקומען פעליקס. ער האָט זיך באַוויזן אין איר לעבן ווי דער לעגענדאַרער פּרינץ, וואָס קומט אַרויסראַטעווען זיין פּרינ־צעסין פון דער געפענגעניש, אין וועלכער שלעכטע מענטשן האָבן זי געהאַלטן.

— איר וועט דערלויבן אייך צו באַגלייטן?

מירעלען האָט פאַרפעלט אָטעם, ווען זי האָט פּלוצלינג דערהערט לעבן זיך די אַזוי באַקאַנטע שטים. זי איז געשטאַנען פאַרן טויער פון פאַרום פון די יונגע, אויף קרולעווסקע גאַס. זי איז נאָך געווען באַרוישט פון די וואונדערלעכע רייד, וואָס האָבן זיך צו איר געטראָגן פון דער טרי־בונע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען פעליקס זאַקס. ער איז דעמאָלט געווען אַזוי נאָענט צו איר ווי אַ חלום, און אַזוי ווייט ווי אַ חלום, וואָס דו ווילסט אָנכאַפּן מיט דער האַנט. און איצט שטייט ער לעבן איר און זי הערט זיין שטים:

— פון אַלע מענטשן אין זאַל, האָב איך נאָר אייך געזען, נאָר אייך אַליין...

מירעלע ווייסט נישט וואָס ער זאָגט. זי פילט נאָר ווי אַ געזאַנג, אַ זוניק געזאַנג גייט אויף אין איר לייב. אַן אויסטערלישע ליכטיקייט נעמט

זי אַרום און זי גייט אין דער ליכטיקייט, און די גאַס, די הייזער און די מענטשן באַקומען מיטאַמאָל אַנדערע ליכטיקע פּנימער.

די חברטעס האָבן אויף איר געקוקט פאַרוואונדערטע. אירע גרויסע, טרויעריקע אויגן, האָבן זיך צעשיינט מיט אַזאַ שיין, אַז די חברטעס האָבן זי מיט קנאה געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, מירעלע?

זי האָט באַהאַלטן טיף אין האַרצן איר גרויסן גליקלעכן סוד און אין די אָוונטן איז זי געזעסן צווישן די געדיכטע לאַזשענקעס־ביימער און זי האָט געהערט פעליקס קול:

— לאָמיך דיך אָנקוקן, מירעלע, דיין פּנים ווערט יעדעס מאָל אַנ־דערש און איז שטענדיק דאָס זעלבע.

פעליקס האָט זי אַרויסגענומען פון געפענגעניש. זי האָט שוין נישט געהערט די שטראָף־רייד פון איר פאָטער. וואָס גייען איר אָן אַלע רייד און דאָס בייזערן זיך פון טאַטן און זיין שטריימל און זיין לאַנגע קאַ־פּאָטע, אַז זי האָט אים, פעליקסן, אַז זי הערט זיין שטים, אַז זי פילט אויף איר מויל זיינע ליפּן...

די מאַמע איז צו איר צוגעשטאַנען און איר געזאָגט, אַז ס'איז צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן תּכלית, אַז זי איז שוין אַ כּלה־מיידל און ס'איז צייט צו שרייבן תּנאים... זי האָט געלאַכט פון דער מאַמעס רייד און דער פאָטער האָט זיך געבייזערט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַריש לאַכן...

זי האָט נישט געענטפערט. זי איז זינגענדיק געשפּרונגען איבער די טרעפּ און געאיילט צו די לאַזשענקעס, וווּ ער, פעליקס, האָט אויף איר געוואַרט.

איר האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. זי האָט יעדן טאָג מורא געהאַט אַז איר חלום וועט פאַרשווינדן. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי אַליין האָט זיך אויסגעטראַכט איר מעשהלע פון דעם פּרינץ און אַז זי וועט פעליקסן מער נישט טרעפן. ער האָט געוואַרט אויף איר און יעדעס מאָל האָט ער זי באַגעגנט מיט די ווערטער:

— ביסטו טייערע...

מירעלע האָט געפילט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ און איר האַנט

האָט געגלעט דעם גאָלד־ברוינעם לאָק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין שטערן.

עס זענען געקומען טעג פון גליק און פרייד. טיילמאָל האָט זי אַ שרעק אַרומגענומען. זי האָט זיך געשראָקן פאַר אַזוי פיל פרייד, נאָר ווען זי האָט פעליקסן דערזען, איז די שרעק אַוועק און זי האָט אַ גליקלעכע צו אים געזאָגט:

— ווייסט, פעליקס, יעדעס מאָל וואָס איך גיי צו דיר, דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל דיך שוין מער נישט זען...

— איך וועל שטענדיק זיין מיט דיר, מירעלע, אייביק...

מירעלע גראָבט איין טיפער דעם קאָפּ אין קישן. דער אייביק האָט נישט לאַנג געדויערט. פעליקס זאַקס האָט געהאַט זיין אַרבעט. ער איז געווען זייער באַשעפטיקט און טיילמאָל האָט ער צו איר געזאָגט:

— אוממעגלעך, מיין טייערע, מאָרגן בין איך פאַרנומען...

זי האָט אין שטוב ביי זיך געוויינט. אָבער זי האָט זיך געזידלט פאַר דעם וויינען:

— וואָס ווילסטו, אַז ער זאָל זיין אַרבעט אויפגעבן צוליב דיר...

פעליקס זאַקס האָט וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער צייט געהאַט פאַר מירעלען. זי האָט אים געגלייבט, אָבער ווען זי האָט אים אומגעריכט געטראָפן ביי סאָניען, איז איר גלייבן דערשיטערט געוואָרן.

זי איז אַוועק פון שטוב. זי האָט געמיינט, אַז ווען זי וועט האָבן אַן אייגענע שטוב, וועט ער האָבן אַן אָרט צו איר צו קומען. אָבער פעליקס זאַקס האָט נאָך ווייניקער צייט געהאַט, און זינט זי וווינט דאָ מיט סאָניע, איז ער נאָך קיין איין מאָל נישט געווען. ער טרעפט זיך מיט איר אין שטאָט, אָבער אַרויפקומען אַהער מיט איר צו סאָניען וויל ער נישט. ער זאָגט אַפילו צו, נאָר שפּעטער זאָגט ער, אַז ער האָט קיין צייט נישט געהאַט.

אַן אומרו גנבעט זיך אַריין אין מירעלעס האַרץ און טיילמאָל דאַכט זיך איר, אַז אויך דעמאָלט, ווען ער איז מיט איר, קלערט ער וועגן עפּעס אַנדערש, זעט ער זי מער נישט און רעדט מער נישט צו איר ווי ער האָט אַמאָל גערעדט.

— עס קאָן נישט... עס קאָן נישט זיין...

זי וויל זיך אַליין איבערצייגן, אַז איר מורא איז אַ נאַרישע, אַז

אומזיניקע. פעליקס איז דער זעלבער ווי אַמאָל. נאָר זי איז נישט די זעלבע. זי איז עגאָאיסטיש און שלעכט. זי וויל אים האָבן אינגאַנצן פאַר זיך. זי וויל נישט פאַרשטיין, אַז ער האָט וויכטיקע זאַכן צו טאָן, אַז ער קאָן נישט מיט איר זיצן יעדן טאָג אין די לאַזשענקעס.

אָבער וואָס מער זי וויל זיך איבערצייגן, אַלץ מער ווייסט זי, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט אין דער באַציאונג פון פעליקסן צו איר.

זי פילט זיך עלנט און איינזאַם און עס נעמט זי אַרום אַ בענקשאַפט נאָך איר היים.

— פאַרוואָס האָב איך אַזוי געהערט צום טאַטן? — גראָבט זי איין ס׳פּנים אין קישן.

דאָס גאַנצע בייזקייט צום פאָטער וועפּט זיך מיטאַמאָל אויס פון איר האַרץ. ער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, דער טאַטע, ער האָט נאָך קיינמאָל ביי איר זיך אַזוי נישט געבעטן. און ער האָט זי געפרעגט צי זי האָט נישט אַן אַנדערן. ער איז גאָר נישט אַזוי פינצטער, דער טאַטע. ער פאַרשטייט און ער וויל איר העלפן. פאַרוואָס האָט זי אים נישט דערציילט וועגן פעליקסן. וואָס האָט ער געזאָגט, דער טאַטע? ער איז מסכים צו יעדן, אַבי צו שטעלן אַ חופּה..

מירעלע און אירע הברטעס האָבן שטענדיק געלאַכט, ווען זייערע מאַמעס האָבן גערעדט וועגן שטעלן אַ חופּה.

— אַנדערש פאַרשטייען זיי נישט, די אַלטע... אָן דער חופּה איז נישטאָ קיין לעבן...

נאָר איצט קאָן מירעלע אָן דעם נישט פאַרגעסן. זי מאַכט צו די אויגן. זי זעט זיך אונטער דער חופּה מיט אים, מיט פעליקס זאַקסן, און דערנעבן שטייט איר מאַמע מיט אַ גרויסער ברענענדיקער הבדלה אין האַנט און דער טאַטע שטייט מיטן שטריימל און דער זיידענער זשיפּיצע.

דאָס בילד ציט מירעלען און די טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן, ווייל זי ווייסט, אַז ער, פעליקס, טראַכט איצט נישט וועגן איר, און ווער ווייסט, צי ער געדענקט אָן איר.

דער טאַטע ווערט איר נאָענט. זי האָט מער נישט קיין טענות צו אים. זי וואָלט געוואָלט איצט הערן זיין בייזערן זיך. זי וואָלט כאָטש געוווסט, אַז ס׳איז דאָ עמיצער וואָס טראַכט וועגן איר. אָבער דער טאַטע איז נישטאָ און די מאַמע איז נישטאָ. זי איז אַוועק פון זייער שטוב און

זי האָט צום טאַטן גערעדט בייזע און שלעכטע רייד און אים פאַרטריבן פון איר שטוב. און זי ליגט דאָ אויפן בעט אַן איינזאַמע, אַן עלנטע און ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו טאָן.

סאָניע איז אַריינגעקומען אין צימער.

— זאָל איך מאַכן ליכטיק? — האָט זי געפרעגט.

מירעלע האָט נישט געענטפערט.

סאָניע האָט זיך איבערגעבייגן איבער איר בעט און געזאָגט:

— שלאָפסט, מירעלע?

מירעלעס אַקסלען האָבן זיך געהייבן אין אַ ספּאַזם.

— באַרואיק זיך, מירעלע... ווייסט, דיין טאַטע איז מיר זייער געפעלן. ער האָט ערלעכע אויגן.

— כ'בין געווען נישט גוט צו אים, סאָניע, כ'האָב צו אים גערעדט נישט ווי מ'דאַרף. ער האָט געוואָלט כ'זאָל צוריקגיין אַהיים...

— און צוליב דעם וויינסטו? מיר דאַכט זיך, אַז כ'וואָלט געווען גליקלעך, ווען עס קאָן צו מיר קומען אַ טאַטע און אויף מיר אָנשרייען און מיך נעמען צו זיך אַהיים...

— איך האָב אויף אים געשריען...

— נו, נו, דער טאַטע וועט נישט ברוגז ווערן, וואַרט, כ'וועל נאָר מאַכן ליכטיק.

סאָניע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אַ שמייכל געטאָן צו מירעלען:

— נו, גענוג זיך צו נאַר געמאַכט, וועסט נאָך קריגן רויטע אויגן...

מירעלע איז אַראָפּ פון בעט, זי האָט זי איינגעקוקט אין סאָניען און פּלוצים איז איר אַ געדאַנק דורכגעלאָפן.

— ווער ווייסט, אפשר איז עס זי...

ערשט איצט האָט סאָניעס רואיקע שיינקייט דערוועקט אין מירעלען אַ פאַרדאַכט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טאָג, ווען זי האָט פעליקסן דאָ געטראָפן. דעמאָלט האָט זי נאָר געטראַכט וועגן דעם וואָס ער, פעליקס האָט זי אָפּגענאַרט און געזאָגט, אַז ער פאָרט אַוועק. איצט אָבער האָט זיך אין איר דערוועקט אַ צווייטע, נאָך פיינלעכערע פראַגע:

— איז נישטאָ עפּעס צווישן סאָניען און פעליקסן? באַהאַלטן זיי ביידע נישט אויס פון איר?

מירעלע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. אירע אויגן האָבן מיט חשד נאָכגעפאָלגט סאָניעס רואיקע באַוועגונגען. סאָניע איז אַזוי פאַר־שלאָסן אין זיך, האָט זי געטראַכט, זי רעדט קיינמאָל נישט וועגן זיך. שטילע וואַסערלעך גראָבן טיף, האָט מירעלע זיך דערמאָנט, אַזוי זאָגט די מאַמע. זי, סאָניע, האָט ביי איר צוגענומען פעליקסן?

— וואָס האָט פעליקס דאָ געטאָן? פון וואַנען קען ער סאָניען אַזוי גוט, אַז ער איז אַזש געקומען צו איר אין שטוב?

מירעלע קאָן מער נישט איינזיצן. זי גייט אַראָפּ פון בעט, וואַשט אָפּ פון פּנים די טרערן, זי טראַכט שוין מער נישט פון איר פאָטער, צו וועלכן זי איז געווען נישט גוט. זי וויל זיך דערמאָנען צי פעליקס האָט איר אַמאָל דערציילט וועגן סאָניען. ער פלעגט איר פילמאָל דערציילן וועגן די מיידלעך און פרויען, מיט וועלכע עס קומט אים אויס זיך צו טרעפן. ער האָט שטענדיק געפונען עפּעס קאָמישעס אין זייער אַרט ריידן צו אים און אין די בריוו וואָס ער פלעגט גאַנץ אָפט פון זיי באַקומען. ער האָט איר טיילמאָל אויך פאָרגעלייענט די בריוו. זי איז נישט איי־פערזיכטיק. פאַרקערט, ביידע האָבן געלאַכט און זי, מירעלע, איז גע־ווען שטאָלץ מיט פעליקס דערפאָלג און מיט דעם, וואָס ער האָט נאָר זי אויסגעקליבן. אָבער פאַרוואָס האָט ער מיט איר קיינמאָל נישט גערעדט וועגן סאָניען? אַפילו איר נאָמען נישט דערמאָנט? יאָ, עס איז נישט אַנדערש. ער האָט דאָס אויסבאַהאַלטן. ער האָט זיך געהיט. ער האָט זי גענאַרט. און ווען ער איז פּלוצלינג געוואָרן אַזוי פאַרנומען און האָט אַזוי זעלטן געהאַט צייט פאַר מירעלען, איז ער דעמאָלט געזעסן גע־וויס ביי סאָניען און צו איר גערעדט די זעלבע רייד, וואָס זי האָט פון אים געהערט צווישן די לאַזשענקעס־ביימער...

און ווער ווייסט, טראַכט זיך מירעלע, אפשר האָט ער סאָניען דער־ציילט וועגן איר, און ביידע האָבן געלאַכט...

— אוממעגלעך — פּרוּווט זי זוכן אַ טרייסט פאַר זיך — רעדסט זיך איין נאַרישקייטן. דו וווינסט דאָך איצט צוזאַמען מיט סאָניען און זעסט, פעליקס איז נאָך דאָ קיין איין מאָל נישט געווען.

דער גיפט פון אייפערזוכט איז אָבער געווען שטאַרקער ווי דער ווילן צו גלייבן אין פעליקס ליבע.

— זיי באַהאַלטן זיך אויס פון מיר. זיי טרעפן זיך ערגעץ אַנדערש.

יעדעס מאָל, ווען פעליקס האָט נישט קיין צייט צו מיר, געפינט ער זיך מיט סאָניען.

דער פאַרדאַכט איז ביי איר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיכערקייט. זי האָט נאָכגעקוקט סאָניען, עס איז מער ביי איר קיין צווייפל נישט געווען. זי האָט ביי איר צוגענומען פעליקסן.

מירעלע האָט אין די ערשטע מינוטן געוואָלט צוזאַמענגעמען אירע זאַכן און צוריקגיין אַהיים. אויף דער שפּיץ צונג איז איר שוין געלעגן דאָס וואָרט, וואָס זי וועט זאָגן סאָניען, ווען זי וועט אַרויס מיט אירע זאַכן פון איר שטוב.

זי האָט אָבער די זאַכן נישט צוזאַמענגענומען. ניין, זי וועט נישט אַוועק פון דאַנען. זי וועט זיי נישט לייכטער מאַכן. זי וועט דאָ בלייבן מיט סאָניען. זי מוז זען מיט אירע אייגענע אויגן, זאָלן זיי זיך אויסבאַהאַלטן פון איר. זי וועט זיי שוין געפינען אַזוי לאַנג ווי זי וועט דאָ זיין. זי וועט נאָכגיין סאָניען און אויסגעפינען ווו פעליקס וואַרט אויף איר.

— גייסט היינט ערגעץ ווו, סאָניע? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, איך בלייב אין שטוב. מאַניע וועט היינט קומען, עס וועלן אויך זיין אַנדערע. אויב דו האָסט צייט, מירעלע, בלייב אויכעט.

— כ'האָב צייט, כ'וועל בלייבן.

— זי האָט אָנגערופן נאָר מאַניעס נאָמען — האָט מירעלע געטראַכט — אַנדערע נעמען האָט זי נישט דערמאָנט. אפשר וואַרט זי אויף פעליקסן? כ'וועל בלייבן און זען.

— מאַניע איז, ווי איר שטייגער, אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט אימפּעט און שוין אויף דער שוועל אויסגערופן:

— איר ווייסט כאַטש, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט?

— וואָס איז?

— איר ווייסט גאָרנישט? יעקעס גרייטן זיך, זאָגט מען, ביינאַכט צו נעמען זאַקלאַדניקעס.

— פאַרוואָס עפּעס זאַקלאַדניקעס? — האָט סאָניע געצויגן מיט די אַקסלען.

— ווו וווינסטו, סאָניע, אויף דער לבנה? — האָט מאַניע דאָס סטודענטן־היטעלע אַוועקגעוואָרפן אויף איין שטול און דעם מאַנטל אויף אַן

אנדערער — ווייסט נישט, אז מ׳האט אין גאס געפונען ביינאכט א דער־שאסענעם דייטשן אפיציר?

— ס׳איז געווען אין דער צייטונג? — האט סאניע איבערגעפרעגט.

— נאריש סיבירער מיידל! ווען אזעלכע זאכן שרייבט מען נישט אין די צייטונגען. אבער די גאנצע שטאט ווייסט עס שוין. דער גענעראל בעזעלער האט געשיקט רופן צו זיך די גויים פון ראטהויז און די יידן פון דאזאר־שטיבל און ער האט אויף זיי אנגעשריען, אז זיי זאלן אים גלייך ברענגען דעם מערדער. פרעגט שוין גארנישט וואס עס טוט זיך!...

— נו, איז וואס האט מען אים געענטפערט?

— כ׳ווייס נישט — האט מאניע גרינגלאס געענטפערט — דער טאטע האט היינט קיין מיטיק נישט געגעסן און איז גלייך געלאפן צו אן אסיפה.

סאניע האט געמאכט טיי און מירעלע האט צעשניטן דינע פעניצלעך ברויט און באשמירט מיט מארמאלאד.

דער פייף פון אן אויטאמאביל ביים הויז האט אנגעזאגט, אז יאנקל מיט זיין מאשין איז געקומען. ער איז נישט געקומען אליין, ער האט מיט זיין מאשין מיטגעבראכט דעם ראבינער פערסקיס צוויי טעכטער.

— כ׳קום איצט פון ראבינער פערסקי — האט יאנקל דערציילט שוין ביי דער שוועל פון שטוב — פרעגט גארנישט, וואס עס טוט זיך אין שטאט.

דעם ראבינער פערסקיס טעכטער האבן שוין געוווסט מער ווי מא־ניע. זייער פאטער איז אויך גערופן געווארן צום גענעראל בעזעלער. דניאל עפשטיין איז געווען און סאלאמאן ווארסקי און אדעק ווישינסקי און ר׳ יואל וועגמייסטער און אויך אים, פעליקס זאקסן, האט מען גע־רופן, כאטש ער געהערט נישט צום דאזאר־שטיבל.

מירעלע איז בלייך געווארן, דערהערנדיק דעם נאמען פון פעליקסן. זי האט זיך פארשעמט פאר אירע בייזע מחשבות וועגן אים אין דער צייט ווען ער איז גאר געזעסן אין דער קאנצעלאריע פון גענעראל־גובער־נאטאר.

דעם ראבינער פערסקיס טעכטער, לילי און קלארא, האבן זיך איינע דער אנדערער ארויסגעהאלפן ביים אויסרעכענען די טיטלען און נעמען פון די כראביעס און פריצים, וואס זענען אויך ארויסגערופן געווארן.

דער גענעראַל בעזעלער, האָבן זיי דערציילט, האָט שטאַרק געשריען און געזאָגט, אַז ער וועט מער נישט שווייגן, אַז דער מערדער מוז גע־פונען ווערן און אויב דאָס וועט נישט געשען, וועט ער נעמען זאַקלאַד־ניקעס.

און דעמאָלט האָט דניאל עפּשטיין זיך אויפגעשטעלט, כאָטש אַדעק ווישינסקי האָט אים געצויגן ביי איין פאָלע און דער ראַבינער פּערסקי ביי דער אַנדערער, אוןביידע האָבן אים איינגערוימט:

— רייד נישט. לאָז עס איבער פאַר די גויים. דער גענעראַל געדענקט דיך נאָך פון פריער.

נאָר דניאל עפּשטיין האָט זיי ביידן נישט געהאָרכט און געזאָגט:

— איך גלייב נישט, הער גענעראַל, אַז מיר, ציווילע מענטשן, קאָ־נען איבערנעמען די פונקציעס פון דער פּאָליציי. מיר צאָלן גענוג דער פּאָליציי, אַז זי זאָל קאָנען געפינען אַ מערדער.

דער גענעראַל האָט בייז אַ קוק געטאָן אויף עפּשטיינען און צו אים געזאָגט:

— דאַכט זיך, אַז כ'האָב אייך שוין געזען דאָ?...

— יאָ, עקסעלענץ, כ'האָב שוין געהאַט די ערע...

— אַהאַ, כ'דערמאָן זיך, הער עפּשטיין, דאַכט זיך? איר האָט דע־מאָלט אויך אַרויסגעזאָגט אָריגינעלע מיינונגען, הער עפּשטיין...

— כ'וואָלט נישט געזאָגט, הער גענעראַל, אָריגינעלע, נאָר ריכ־טיקע...

— און איצט האָט איר געוויס אויך ריכטיקע מיינונגען, הער עפּ־שטיין, וועגן דעם פאַרברעכן וואָס איז געשען, איז פיליכט מעג איך הערן?

אַדעק ווישינסקי האָט זיך ביי עפּשטיינען געבעטן רחמים:

— שווייג, זעץ זיך אַוועק, מאַכסט זיך אומגליקלעך...

עפּשטיין האָט געקוקט דעם גענעראַל בעזעלער גלייך אין פּנים אַריין און געזאָגט:

— איך קאָן אייך נאָר זאָגן דאָס, וואָס אַלע ווייסן, הער גענעראַל...

— אַלע, הייסט עס, ווייסן וואָס עס איז געשען. זייער אינטערע־סאַנט, זייער. ביטע, הער עפּשטיין.

— אַלע ווייסן, אַז דער אָפיציר האָט געשיכורט און געשפּילט אין

קאָרטן אַ גאַנצע נאַכט אין אַ פאַרדעכטיקער מעלינע, ווו מען שטעכט זיך יעדן טאָג מיט מעסערס, איז וואָס פאַר אַ וווּנדער...

דער גענעראַל בעזעלער האָט אַ זעץ געטאָן אין טיש:

— גענוג! גענוג צו פאַרשוועכן דעם אָנדענק פון אַן אָפיציר, וואָס איז געפאַלן ביים דערפילן זיינע פליכטן! זייט זשע וויסן: די זאַקלאַדני־קעס וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צושטעלן דעם מערדער!

די יידן זענען נאָך דעם אַוועק אויף טלאָמאַצקע גאַס, צום ראַבינער פּערסקי. אַלע האָבן געזאָגט, אַז דניאל עפּשטיין וועט זיין דער ערשטער זאַקלאַדניק. דער גענעראַל בעזעלער וועט אים נישט מוחל זיין זיינע חוצפּהדיקע רייד. פעליקס זאַקס אָבער, האָט געזאָגט, אַז אויסער עפּ־שטיינען, וועט מען אויך אים נעמען פאַר אַ זאַקלאַדניק, ווייל אַ נישט, וואָלט מען נאָך אים נישט געשיקט. ער איז דאָך נישט קיין דאַזאָר.

אַדעק ווישינסקי האָט געשיקט רופן דעם פאַן יאַקוב האַרט — האָט לילי אָנגעוויזן אויף יאַנקלען און צום אים געזאָגט, אַז ער זאָל מיט זיין מאַשין שוין אַריבערפירן עפּשטיינען און זאַקסן קיין לאָדזש.

דניאל עפּשטיין האָט דערויף קורץ געענטפערט:

— איך וועל נישט אַנטלויפן.

— ווער רעדט פון אַנטלויפן — האָט אַדעק ווישינסקי זיך כלומרשט צעבייזערט — האַסט פאַרגעסן, דניאל, אַז רפאל גאָלד האָט אונדז אַלע איינגעלאַדן אויף אַן אויפנאַמע צו זיך, איז וועסטו מיט זאַקסן אַ טאָג פריער אַרויספאָרן.

— כ'האָב נישט געטראַכט צו פאָרן צו גאָלדס אויפנאַמעס...

— נו, וועסטו איצט יאָ טראַכטן, דניאל.

— הער אַדעק, מירן זיך אויפהערן שפּילן אין באַהעלטעניש. אויב מ'וועט מיך נישט טרעפן אין שטוב, וועט מען נעמען אַ צווייטן, וואָס וועט נישט זיין אַזוי קלוג זיך צו באַהאַלטן. ניין, איך בלייב דאָ...

— די פירערס דאַרפן זיין אויף דער פריי, כדי צו קאָנען העלפן — האָט פעליקס זאַקס זיך געווענדעט צו עפּשטיינען — דאָס טאָרט איר נישט פאַרגעסן.

— איך בין נישט קיין פירער, פריינד זאַקס, איך בין אַ פּשוטער ייד...

— און איך וועל זיך נישט שפּילן אין העלדישקייט — האָט פעליקס

זאַקס בייז אַ זאַג געטאָן — איך האַלט פאַר מיין פליכט נישט אַריינ־צופאַלן אין דייטשן געפענגעניש.

מירעלע האָט זיך פאַרויטלט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלע ביים טיש שמייכלען עפּעס. אויך יאַנקל האָט אַ בורטשע געטאָן:

— פאַר דעם זאַקסן זאָרג איך נישט, נאָר דער פאָן עפשטיין...

מירעלען האָט זיך געדאַכט, אַז אויך אין סאָניעס אויגן האָט אויפ־געבליצט אַ שפּאָטיש פייערל.

— הייסט עס, אַז מיינע פאַרדאַכטן זענען געווען אומזיסטע — האָט מירעלע געטראַכט — עס איז גאָרנישט צווישן זיי?

עס האָט איר אָבער פאַרדראָסן אויף זיי אַלע, וואָס וואַגן צו צווייפ־לען אין פעליקס מוט. אויב ער, פעליקס, זאָגט, אַז ער דאַרף נישט אַריינ־פאַלן צו די דייטשן, ווייסט ער וואָס ער טוט. זי וואָלט איצט געוואָלט זיין מיט אים. זי פילט, אַז ער דאַרף איר הילף. זי וועט אים זאָגן, אַז ער זאָל זיך גאָרנישט מאַכן פון די איראָנישע שמייכלען פון די נישט־פאַרגינערס. זי, מירעלע, גלייבט אין אים און וואָס עס זאָל נישט געשען, וועט זי שטענדיק זיין מיט אים.

— כ׳מיין, — האָט זיך אָפּגערופן מאַניע — אַז מיר אַלע דאָ ביים טיש, וועלן באַשטימט נישט האָבן דעם כבוד צו ווערן דעם גענעראַל בע־זעלערס זאַקלאַדניקעס. מעגן מיר דאָך אָוועקפאָרן צו גאָלדס אויפנאַמע...

— מאָרגן טרעפן מיר זיך, כ׳על קומען מיט דער מאַשין...

— און זאַקס? — האָט מירעלעס שטים אַ ציטער געטאָן.

— ער איז גלייך אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש — האָט יאַנקל געזאָגט — ער האָט נישט געוואָלט בלייבן ביז מאָרגן.

יאַנקל האָט אַ קוק געטאָן אויף סאָניען. ער, יאַנקל אַליין, האָט גע־האַלטן, אַז דער פעליקס טוט אַזוי ווי מ׳דאַרף טאָן. יאַנקל געדענקט ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסבאַהאַלטן פון די רוסישע זשאַנדאַרמען. עס איז אים דעמאָלט נישט איינגעפאַלן, אַז ער דאַרף אַנדערש טאָן. און ווען ער ווייסט היינט, אַז די יעקעס ווילן אים איינישבנען, וואָלט ער ווייטער גענומען די פיס אין די הענט און געוויזן די יעקישע פּאָליציילייט פון זיין באַהעלטעניש צען פייגן.

— יאָך בין אַ פּראָסטער מענטש — האָט ער געטראַכט — אַז יאָך

קאָן געבן קלעפּ, גיב יאָך, אָבער אַז עס איז נישטאָ קיין עצה, מאַכט מען פּיס. וואָס? אַ נאַר וועל יאָך זיין?...

יאַנקל האָט אָבער געפילט, אַז דניאל עפּשטיין האָט, מיט זיין נישט וועלן אַנטלויפן, נישט געטאָן קיין נאַרישקייט. ער האָט געזען, ווי דער אַדעק ווישינסקי האָט זיך כלומרשט געבייזערט אויף עפּשטיינען און האָט גלייכצייטיק געהאַט דרך־ארץ פאַר זיין האַנדלונג.

און ער האָט אויך געהערט, ווי דער באַנקיר סאַלאָמאָן וואַרסקי האָט געזאָגט צו זאַקסן:

— איר האָט רעכט, פריינד זאַקס — נאָר דערביי האָבן זיינע אויגן עפּעס שפּאָטיש אויף אים געקוקט.

האָט יאַנקל געוואָלט, אַז סאָניע זאָל דאָס וויסן. ער האָט גוט געזען, ווי זי, סאָניע, קוקט מיט אַזעלכע צעשיינטע אויגן אויף דעם פעליקסן. נו, זאָל זי וויסן, אַז ער איז נישט מער ווי יעדער אַנדערער, אַז ער האָט מורא פאַר אַ יעקישן זשאַנדאַר, אַז ער איז נישט אַזוי ווי דנאל עפּשטיין.

און ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— יאָ, פאַר פעליקס זאַקסן בין יאָך אויסגעזאָרגט. ער וועט זיך שוין זיין שטעטל באַשטיין, נאָר מיט פאַן עפּשטיין...

סאָניע האָט זיך פאַרטראַכט, זי האָט נישט געקלערט וועגן פעליקס זאַקסן. זיין געשטאַלט האָט זיך אין די לעצטע צייטן עפּעס ווי אויסגע־וועפּט פון איר בליק. און עס איז איר ווייניק אָנגעגאַנגען וואָס ער טוט. זי האָט אים שוין אַ לענגערע צייט נישט געזען און נישט געטראַכט וועגן אים. ער האָט עטלעכע מאָל צו איר גערעדט טעלעפאָניש און זיך באַ־קלאָגט, וואָס זי מיידט אים אויס.

זיין שטים האָט אָבער פאַרלוירן דעם צויבער איבער איר, און זי האָט אים גלייכגילטיק איינגעלאַדן צו קומען צו זיך אין שטוב.

ער האָט אָבער שטענדיק געפונען אַן אַנדערן תירוץ ווי אויסצומיידן איר איינלאַדונג און איינמאָל האָט זי צו אים געזאָגט:

— כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז מיין שטוב שרעקט אייך אָפּ, הער זאַקס. פאַרוואָס? אויב איר שרעקט אייך זיך צו לאַנגווייליקן מיט מיר, קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז איר וועט טרעפן ביי מיר שיינע מיידלעך, מיין שכנטע מירעלע...

ער האָט דעמאָלט שנעל און אַ ביסל בייזלעך פאַרענדיקט דאָס גע־

שפּרעך און עס האָט זיך איר דעמאָלט געדאַכט, אַז צווישן מירעלען און פעליקסן איז עפּעס געווען. אָבער עס איז איר נישט אָנגעגאַנגען און אויך איצט, האָט זי אַפילו נישט געהערט יאַנקלס אָנצוהערענישן וועגן פעליקסן און געטראַכט וועגן עפּשטיינען.

עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פאַרשטייט בעסער ווי אַנדערע עפּשטיינס האַנדלונג. זי האָט אים געזען אויף בערטאַס לויה. ער האָט געשוויגן, אָבער זיין שווייגן איז געווען שרעקלעכער ווי דער מוראדיקסטער געיאָמער. ער געפינט זיך נישט קיין אָרט. ער וויל אַנטלויפן און עס דאַכט זיך אים, אַז אין געפענגעניש ביי די דייטשן, וועט ער זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן פאַר בערטאַס שאָטן...

זי האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז זי האָט נישט געהערט דעם געשפּרעך, וואָס איז געוואָרן וואָס אַמאָל שאַרפער צווישן מאַניען און מירעלען.

— כ׳מוז אייך זאָגן — האָט מאַניע געשמייכלט צו יאַנקלען — אַז דער עפּשטיין געפעלט מיר, און הגם כ׳בין געווען אַמאָל פאַרליבט אין פעליקס זאַקסן און ער האָט דערפון אַפילו נישט אָנגעהייבן צו וויסן, בין איך גרייט איצט אַלע מיינע געפילן אָוועקצוטראָגן עפּשטיינען. ער רעדט נישט קיין שיינע רייד, אָבער ער האָט כאַראַקטער. און איך, ר׳ לייבוש גרינגלאַס טאָכטער פון דער פאַנסקע גאַס, קען זיך אויף אַ מענטש מיט כאַראַקטער...

— איר מיינט, אַז פעליקס זאַקס האָט באַדאַרפט בלייבן? — האָט געפרעגט קלאַראַ, דעם ראַבינער פּערסקיס יונגערע טאָכטער.

— איך זאָג קיינעם קיין דעה נישט — האָט מאַניע געענטפערט — יעדער טוט ווי ער פאַרשטייט. איך, צום ביישפּיל, ווען די דייטשן קומען נאָך מיר, וואָלט איך זיך באַהאַלטן אונטערן בעט און כ׳וואָלט יעדן דערציילט, אַז די צייט האָבן מיר געקלאַפּט פאַר שרעק.

— מען דאַרף האָבן מוט צו זאָגן אויף זיך, אַז מ׳איז אַ פּחדן — האָט קלאַראַ געלאַכט.

— יאָ מוט, צי נישט מוט, נאָר איך ווייס נישט פאַרוואָס, מ׳האָט אַזוי מורא זיך צו אָנערקענען צו דער מורא — האָט מאַניע געענטפערט — און עס וואָלט געווען גאַנץ פּשוט, ווען פעליקס זאַקס זאָגט, אַז ער וויל אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן, ווייל ער האָט פּונקט ווי איך מורא...

— איר וועט מודה זיין — האָט מירעלעס שטים געציטערט פון כעס — אַז עס זענען דאָ געוויסע אונטערשידן...

— צווישן מיר, מאַניע פון דער פּאַנסקע גאַס, און דעם גרויסן פּע־ליקס זאַקס? געוויס, אין געשלעכט. איז ביי וואָס האַלט איך? יאָ, ביי דעם, וואָס מענטשן האָבן מוט מורא צו האָבן. פעליקס זאַקס מוז אויס־טראַכטן אַ גאַנצע מעשה וועגן די פליכטן פון די פירערס, כאָטש ער ווייסט, אַז אַלע ווייסן, אַז ער האָט פּשוט מורא פאַר דער דייטשער תפיסה...

— נישט אַלע טראַכטן אַזוי — האָבן מירעלעס אויגן אויפגע־פלאַמט — איך בין איבערצייגט, אַז פעליקס האָט... וויכטיקע מאָטיוון, וואָס האָבן אים געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די שטאָט אויף עטלעכע טעג. פאַרשטייט זיך, אַז נישט יעדער קאָן פאַרשטיין דאָס פליכט־געפיל פון אַ מענטש, וואָס...

— וואָס קאָן האַלטן שיינע דרשות?

— גענוג, גענוג, שיינע מיידלעך, אַרומצוקריגן זיך! איך שטיי שוין דאָ אַ שעה און קיינער קוקט זיך צומאָל אויף מיר נישט אום.

אַדעק ווישינסקי איז געשטאַנען מיטן ציגאַר אין מויל און גערעדט:

— אויף דער גאַס אַזש זענען דערגאַנגען צו מיר די קריגערייען. אַ מזל פון דעם פעליקסן! צוליב מיר קריגן זיך גאַרנישט קיין שיינע מיידלעך, צי איך האָב יאָ מורא, אָדער איך האָב נישט מורא...

— מיר ווייסן אַלע, אַז איר זענט אומדערשראָקן, פּאַניע ווישינסקי.

— נו, דו חנפניצע, — האָט ווישינסקי געדראָאַט סאָניען מיטן פינ־גער — גיב כאָטש מיר אַ גלעזל טיי, נאָך אַזאַ טאָג...

ער האָט זיך ברייטלעך אַוועקגעזעצטביים טיש און מיט כלומרשט אַן איבערגעשראָקן קול אויסגערופן:

— נו, זייט וויסן, אַז אויך נאָך מיר יאָגן זיך די יעקעס און איך וויל טאַקע מיט אייך מאָרגן אַנטלויפן. וועסט האָבן אָרט פאַר מיר, יאַנקל, אין דיין מאַשין?

יאַנקל האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן טיש און ווישינסקי האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע.

— וואָס מיינסטו, איינער אַליין, וועל איך דיך לאָזן מיט די מייד־

לעך, וואָס? נישקשה, איך וועל אַביסל צוזאַמענקאָרטשן מיין בייכל און עס וועט זיין אָרט פאַרן גאַנצן עולם.

— מיר קאָנען ליידער נישט פאָרן — האָבן געזאָגט דעם ראַבינער פּערסקיס טעכטער.

— און די מאַדאַם פּערסקי?

— וועט, דאַכט זיך, אויך נישט קאָנען פאָרן.

— עס גייט אים נישט, גאָלדן, — האָט ווישינסקי געוווּנקען שטי־פעריש — ער זוכט נאָר חשובע געסט און עס מאַכט זיך נישט. עפּשטיין מיט לאַניאַן פאָרן אויך נישט.

— זיי וועלן אים טאַקע אַרעסטירן? — האָבן די מיידלעך געוואָלט וויסן.

— אַז ער קריכט זיי אין די הענט אַריין — האָט ווישינסקי בייז אַ זאָג געטאָן.

ער האָט געפּרוּווט ריידן מיט לאַניאַן. זאָל זי אים, עפּשטייגען, אַוועקשלעפּן כאָטש אויף עטלעכע טעג. זאָל ווערן אַביסל שטילער, וועט ער צוריקקומען. אַזוי האָט ער געטענהט צו לאַניאַן.

ער האָט געזען די טרערן, וואָס זענען געשטאַנען אין אירע אויגן, און זי האָט שטיל געזאָגט:

— איך קאָן אים נישט זאָגן אַנדערש.

ווישינסקי האָט מער נישט גערעדט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס גע־שטאַלט פון בערטאַן טרעט פון דעם הויז נישט אָפּ. ניין, עס האָט קיין צוועק נישט מיט זיי צו ריידן. ער מוז זיך זען מיט די צוויי דייטשע ראַבינערס. אפשר וועלן זיי עפּעס פּועלן ביי דעם בעזעלער. ער וועט נאָר איבערכאַפּן דעם אָטעם, וועט ער גלייך צו זיי אַוועק, אויף דער מעד גאַס. ער האָט אַ זופּ געטאָן פון גלאָז און געזאָגט:

— האַ, יאַנקל, נישט בעסער געווען אַמאָליקע צייטן? האַ? דו ענט־פערסט נישט, נו, זאָל זיין אַזוי, איז אפשר יאַנקל וועסטו מיך אַ פיר טאָן מיט דער מאַשין צו דער מעד־גאַס?

יאַנקל האָט אַ קוק געטאָן אויף סאָניען.

— נישקשה, יאַנקל, די מיידלעך וועלן זיך אָן דיר אויך אַן עצה געבן און איך מוז באַלד ריידן מיט די ראַבינערס. נו, קום.

— איר קענט זיי, די דייטשע ראַבינערס? — האָט מאָניע געפרעגט.

— איך קען זיי נישט — האָט ווישינסקי געענטפערט — אָבער איך גלייב, אַז זיי וועלן וויסן...

— נאָך וואָס דאַרפט איר גלייבן, פאַניע ווישינסקי, אַז איר קאָנט מיטנעמען ר׳ לוין.

— עס איז אַפילו אַ קלוגע עצה — האָט ווישינסקי זיך פאַרטראַכט

— אָבער, ניין, דער אַלטער לעבט קוים, מ׳טאָר אים נישט איבערשרעקן.

— מיין טאַטע קען זיך מיט די ראַבינערס, איז אויב איר ווילט...

— ער וועט וועלן מיטגיין, מיינסטו, מאַניעלע?

— וואָס הייסט, ער וועט נישט וועלן? אַז איך וועל הייסן!... — האָט מאַניע אַ שמייכל געטאָן.

— אויב אַזוי, וואָס וואַרטסטו? — האָט ווישינסקי זי אָנגענומען ביי דער גאָמבע, — נעם דעם פאַלטאָ...

— האָט נישט קיין פאַראיבל, וואָס כ׳נעם אייך צו די געסט — האָט ווישינסקי אַ שאָקל געטאָן מיט קאָפּ — כ׳על זיי נישט לאַנג האַלטן.

יאַנקלס אויטאָ איז געבליבן שטיין פאַר ר׳ לייבוש גרינגלאַס הויז אויף דער פאַנסקע גאַס.

— איר קאָנט דאָ בלייבן וואַרטן — איז מאַניע אַרויס פון אויטאָ — כ׳על באַלד צוריקקומען מיטן טאַטן.

— אַ פייער, אַ מויד, — האָט ווישינסקי איר נאָכגעקוקט — ביסט כאָטש אויף איר אַ מבין, יאַנקל...

מאַניע איז שנעל געלאָפן איבער די טרעפּ און איז ווי אַ שטורעם אַריינגעפאַלן אין שטוב.

— קום, טאַטע, — האָט זי אַ פאַרסאָפּעטע, קוים אַרויסגערעדט — זיי וואַרטן אונטן..

— משוגע־מטורף, מיינע שונאים! — האָט ר׳ לייבוש גרינגלאַס זיך גלייך געמאַכט די ברילן — נו, וואָס זאָגסטו, פראַדל, צו דיין טעכטערל...

— רייד ווי אַ מענטש, מאַניע, — איז איר מוטער געוועזן אומרואיק — וואָס איז געשען?

— כ׳על אייך שפּעטער אַלץ דערציילן, נו, קום, טאַטע, מ׳דאַרף גיין צו די דייטשע ראַבינערס, פאַרשטייסט, זיי ווילן אַרעסטירן דניאל עפּ־שטיינען, און זיי וואַרטן אונטן, יאַנקל און אַדעק ווישינסקי...

— וואַרט נאָר, וואַרט, ווער איז יאַנקל? און ווער איז עפּעס אַן אַדעק צו מיינע צרות? — האָט ר׳ לייבוש געוואָלט וויסן.

— כ׳על דיר אַלץ דערציילן אויף די טרעפּ, נאָר קום! — האָט מאַניע צוגעטראָגן דעם פאָטער זיין מאַנטל.

— האַ, וואָס זאָגסטו צו דיין טעכטערל, פּראַדל? — האָט ר׳ לייבוש געדעדט און זיך געלאָזט פירן פון זיין טאָכטער צו דער טיר.

זי איז שנעל געשפּרונגען איבער די טרעפּ און האַסטיק איבערגעגעבן דעם פאָטער וואָס עס איז געשען.

ר׳ לייבוש האָט געהערט, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי קומט זיין טאָכטער צו דעם אַלעם. און ווער איז דער יאַנקל? מילא, אים, ווישינסקין, האָט ער כאָטש געקענט, אָבער וואָס איז דאָס גאָר פאַר אַ יאַנקל?

— נו, יאַקוב האַרט, הייסט ער. ער וואַרט אונטן מיט זיין אויטאָ...

— וואַרט נאָר — איז ר׳ לייבוש געבליבן שטיין אויף די טרעפּ — יאַקוב האַרט, זאָגסטו? איז ער נישט אַמאָל...

— יאָ, יאָ, דער געוועזענער באַלעגאָלע פון גזשיבאָוו, כ׳ווייס נישט, צי ער קאָן זיך רעכט אונטערשרייבן, טאַטע, נאָר מיר געפעלט ער גאָר...

— וואָס זאָגסטו, ער געפעלט...

— מירן שפּעטער שמועסן, טאַטע, — האָט מאַניע מיטגעצויגן איר פאָטער מיט זיך.

— האָט ער שוין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל אויך — האָט ר׳ לייבוש געטראַכט, אַריינגייענדיק אין אויטאָ.

יאַנקל האָט געטריבן די מאַשין, און מאַניע איז געזעסן לעבן אים און אַרויסגעשטעלט דאָס פּנים צום ווינט.

הינטער זיי זענען געזעסן ווישינסקי און ר׳ לייבוש.

זיי האָבן זיך ביידע דערמאָנט, אַז זיי האָבן זיך שוין געהאַט ערגעץ געטראָפן און זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט וואָס צו ריידן מיט די יעקישע ראַבינערס.

— איר קענט זיי גוט, ר׳ לייבוש?

— וואָס הייסט קענען אַ יעקע? זיי שלעפּן מיך אויף אסיפות. איך וואָלט אסור צו זיי געגאַנגען, נאָר, אַז דער רבי הייסט, איז דאָך נישט שייך...

ווישינסקי האָט זיך צעשמייכלט. נאָך דאָ, הייסט עס, יידן, וואָס ריידן מיט דעם זעלבן חסידישן קנייטש, ווי אין די אַמאָליקע צייטן.

— איז, מיינט איר, אַז זיי וועלן וועלן עפּעס טאָן, ר׳ לייבוש?

— ווייסט זיי דער גוטער יאָר, וואָס קאָן מען וויסן מיט אַ יעקע?

— און אויף דעם עפּשטיינען איז מיר אַ ווונדער — האָט ר׳ לייבוש געקוקט אויף ווישינסקין — מ׳האָלט דאָך אים גאָרנישט פאַר קיין נאָו׳, איז ווי פאַלט ער אויס.

יאַנקל האָט פאַרהאַלטן די מאַשין פאַר דעם רויט־געמאָלן הויז אויף דער מעד־גאַס.

— אָט דאָ איז עס — איז ר׳ לייבוש דער ערשטער אויסגעשטיגן — דאָ, אויפן ערשטן שטאָק.

— און וואָס זאָל זיין מיט אונדז? — האָט מאַניע אָנגעוויזן אויף יאַנקלען — מירן דאָ וואַרטן.

— קומטע מיט, — האָט ר׳ לייבוש געפּסקנט — פאַרוואָס זאָלט עטץ זיין אויף דער גאַס?

דער ראַבינער לעווי האָט זיי אַליין געעפנט די טיר. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ קליין זיידן קאַפּעל און די אויגן זענען ביי אים געווען מידע און אַלטע.

ער האָט שווייגנדיק אויסגעהערט ווישינסקין. יאָ, ער דערמאָנט זיך דעם עפּשטיינען. ר׳ לויס איידעם איז ער. ער קריכט אין פייער אַריין, דער עפּשטיין. מילא, ס׳ערשטע מאָל, איז נאָך ווי ס׳איז אָפּגעגאַנגען. אים, דעם ראַבינער לעווי, האָבן אַפילו געפעלן די חוצפהדיק־נאַרישע רייד זיינע. ער האָט עס איז דעמאָלט אויך געזאָגט. ער, דאָקטאָר לעווי, וואָלט אַזעלכע רייד נישט גערעדט. נישט ווייל ער האָט מורא. פאַרוואָס זאָל ער מורא האָבן? קיין קינדער האָט ער נישט און ער איז שוין אַלט און מיד. איז וואָס קאָן מען אים טאָן? נאָר דער מוח זיינער היט אים נישט צו ריידן קיין נאַרישקייטן. דער מוח וואָרנט אים באַצייטנס זיך נישט לאָזן מיטרייסן פון כעס. טיילמאָל איז ער בייז אויף דעם דאָזיקן מוח־קאָנטראָל. ער זעט ווי זיי, די גויים, ריידן, טוען און טראַכטן נישט. ער איז זיי מקנא פאַר דער פעאיקייט זייערער נישט צו טראַכטן. ער קאָן דאָס נישט. עס דאַכט זיך אים פיל מאָל, אַז ער וואָלט געהאַט פשוט אַ פּיזישן פאַרגעניגן זיך צו באַפרייען פון דעם מוח־קאָנטראָל און צו ריידן

דאָס, וואָס עס רייסט זיך פון מויל. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער וויל דאָס טאָן, הערט ער אַן אַלטע שטים.

— איר ווילט זיך אויך צו נאַר מאַכן, דאָקטאָר לעווי, איר, אַן אַל־טער ייד...

היינט האָט ער געהאַט אויסצושטיין מיט זיך אַ באַזונדער שווערן געראַנגל. ער איז, צוזאַמען מיט די הויכע פּרייסישע אָפיצירן, געזעסן אין דער קאַנצעלאַריע פון גענעראַל בעזעלער. ער איז געווען דער איינ־ציקער ייד צווישן זיי. ער האָט געפילט אויף זיך די שטעכיקע יונקערישע אויגן. און ער האָט זיי געוואָלט זאָגן:

— גרויסע, אָנגעזויפּענע נאַראָנים, וואָס איר זענט, מיט אייער גע־נעראַל צוזאַמען! איר רעדט נאָך אַלץ ווי איר וואָלט געווען די הערשער פון דער וועלט און איר זעט צומאָל נישט ווי דער טויט קוקט אַרויס פון אייערע אויגן, איך אָבער זע ווי איר לויפט און ציטערט פאַר שרעק...

ער איז באַהערשט געוואָרן פון עפּעס אַ תאווה די ווערטער אַרויס־צושרייען, נאָך זייערע חוצפּהדיקע פאַרשייטע רייד וועגן די „פּאָלנישע יודען", וועלכע מען דאַרף אָנלערנען. ער האָט אָבער באַהערשט די תאווה זיינע און אנשטאָט דעם זיך אַריינגעלאָזט אין אַ לאַנגער חקירה וועגן די פליכטן פון די זיגער צו זיין גרויסמוטיק.

ער האָט געוווסט, אַז די הויכע אָפיצירן פאַרשטייען נישט אַ וואָרט פון זיין פילאָזאָפישן שמועס, און ער האָט זיי מקנא געווען פאַר זייער נישט פאַרשטיין. ער, דאָקטאָר לעווי, מוז פאַרשטיין, ער קאָן זיך נישט באַפרייען פון דער ירושה פון דורות.

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך צוגעלייגט אויף דער לע־דערנער קאַנאַפּע און, ווי שטענדיק, גענומען אין האַנט אַריין די יידישע צייטונגען, וואָס זענען געלעגן אויפן נאַכט־טישל.

ער האָט ליב צו לייענען די צייטונגען מיט די יידישע בוכשטאַבן. ער האָט ערשט דאָ אין וואַרשע זיך אויסגעלערנט לייענען די דאָזיקע מאָדנע צייטונגען. אַלטע יידישע פּקחות רעדט פון זיי אַרויס, צוזאַמען מיט קינדישער, ער וואָלט געזאָגט, גויישער נאַאיווקייט. ער קען זיי נאָך אַלץ נישט באַנעמען, די פּוילישע יידן. יעדן טאָג דאַכט זיך אים, אַז אָט האָט ער זיי, און צומאָרגנס בלייבט ער ווידער שטיין פאַר אַ רעטעניש. ער, דאָקטאָר לעווי, האַלט זיך פאַר אַ קענער פון געשיכטע. עס איז נאָך

קײנמאָל נישט געװען אַזאַ דור יידן װי ער זעט אַרום זיך. אַפילו נישט אין אַמאָליקן שפּאַניע. אַזעלכע גאַנצע פּולבלוטיקע יידן. יידישע יידן, האָט זײ זײן פרײנד, דער ראַבינער פרידמאַן, צום ערשטן מאָל אָנגערופן. און גלײכצײטיק איז עפּעס דאָ נישט־יידישעס אין זײ... אָט זידלען אים הײנט די יידישע צײטונגען. זײ זאָגן, אַז ער, דאָקטאָר לעװי, איז אַן אַסי־מילאַטאָר. ער שמײכלט צו זיך. װאָס װאָלט געװען, װען ער װײזט זײ אױף, אַז די אַסימילאַטאָרן זענען זײ? אַז זײ האָבן איבערגענומען די נאַרישע גױישע גאװה? נישט דעם אײדעלן שטילן יידישן אתה בחרתנו, נאָר דעם שרײעװדיקן גױישן טפּשותדיקן שטאָלץ? זײ שרײען קאַמף און זײ מײנען, אַז זײ האָבן אַנטדעקט דאָס װאָרט. זײ פאַרשטײען צומאָל נישט, אַז טױזנטער יאָרן טוט דאָס דער ייד מיטן כלי־זין פון אױסמײדן, פון מאַכן זיך נישט זען די שװערד פון שונא, פון אַרומגײן אים, פון פאַרשטעקן דעם קאָפּ אין זאַמד, ביז... ביז װאַנען?

— ביז װאַנען מ'איז גענוג שטאַרק נישט מורא צו האָבן — זאָגט צו זיך שטיל דער ראַבינער לעװי.

אָבער, װען װעט דאָס געשען? װען? ער איז שױן אַלט. ער איז שױן מיד פון װאַרטן. ער װאָלט אױך געװאָלט רײדן אַזױ װי דער גרינבױם רעדט אױף זײנע אסיפות. זײ מײנען דאָרט, אױף די אסיפות, אַז זײ זענען די אמתע יידן, און װײסן נישט, אַז זײ האָבן איבערגענומען דאָס לשון פון די גױים און די מחשבות פון די גױים און אַפילו די גױישע נאַאיװקײט. עס פעלט זײ אָבער עשוס יִדיים. דאָס האָבן זײ פאַרגעסן. און זײ װײסן נישט, אַז דאָס איז דער עיקר. אַז מ'האָט עשוס ידיים קאָן מען זײן אַ נאַר, קאָן מען נישט װעלן פאַרשטײן און נישט װעלן װיסן. מיט יידישע הענט אָבער טאָר מען נישט שפּילן די גױישע שפּיל פון גאװה. מוז מען... װאָס מוז מען?

דער ראַבינער לעװי קוקט אױף זײנע געסט און טראַכט:

— אפשר װײסן זײ בעסער װאָס מען דאַרף טאָן.

ער הײסט זיך פון װישינסקין נאָכאַמאָל איבערזאָגן אַלץ װאָס עס איז פאָרגעקומען בײ דעם גענעראַל בעזעלער. ער האָט געשמײכלט שװײגנדיק, דער ראַבינער לעװי. יאָ, דער מאַקיאַװעלי האָט איבערגע־לאָזט פלײסיקע שילער. זײ האָבן זײן תורה נישט פאַרגעסן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט װאָס עס איז פאָרגעקומען אין דער שענק מיט דעם שיכורן

דייטשן אָפיציר. ער האָט געזאָלט זיי, די אַנדערע שיכורים און גאַסן־פּרויען, ווייזן זיי מאַכט. נו, האָבן זיי אים, מיט זיין אייגענעם ברוינינג, פּאַרטיק געמאַכט. דער גענעראַל ווייסט דאָס פּונקט אַזוי ווי עפּשטיין. נאָר פּאָליטיק קאָן מען מאַכן אויך אין שענק. מ׳קאָן אָפּשרעקן די פּאָלאַקן און מ׳קאָן זיי גלייכצייטיק אָנרייצן אויף יידן. עפּשטיין האָט אים גוט צוגעשפּילט, דעם גענעראַל. ער האָט געקלאַפּט אין טיש אַריין, אָבער אין האַרצן איז ער געווען צופרידן פון עפּשטיינס רייד.

— ער וויל נישט אַנטלויפן, עפּשטיין? — האָט דער ראַבינער לעווי איבערגעפרעגט.

— ניין, ער וויל נישט.

— און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וועט ברענגען מיט זיינע רייד?

ווישינסקי קוקט בייז אויף דעם ווייסן קמץ־בערדל פון ראַבינער און זאָגט:

— עפּשטיין האָט גוט געוווסט וואָס ער טוט.

— אַהאַ, ער האָט געוווסט? און ער האָט אויך געוווסט, אַז עס זע־נען דאָ די יעקישע ראַבינערס, וואָס קאָנען אָפּשרייען אַ גזירה?

דער ראַבינער באַטאָנט דאָס וואָרט יעקישע ראַבינערס. ער ווייסט, אַז הינטער די פּלייצעס רופן אים אַזוי אויך די אַלע מענטשן, וואָס קומען צו אים נאָך אַ טובה.

אַדעק ווישינסקי שטעלט זיך אויף. נאָך וואָס איז ער אַהערגעקומען? האָט ער נישט געוווסט, אַז יעקע בלייבט יעקע. ער קוקט דעם ראַבינער לעווי אין די אויגן און זאָגט:

— דניאל עפּשטיין ווייסט נישט, אַז מיר זענען ביי אייך.

מאַניע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט, רופט זיך אָפּ צום ערשטן מאָל:

— דניאל עפּשטיין האָט דורכגעמאַכט אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע.

דער ראַבינער לעווי גיט אַ שאַרפן קוק אויפן מיידל.

— ז׳איז מיין טאָכטער — זאָגט ר׳ לייבוש גרינגלאַס — איז וואָס זאָגט איר, ראַבינער? מ׳וועט קאָנען עפּעס טאָן?

דער ראַבינער לעווי שפּרייזט אַהין און צוריק איבערן צימער. ער האָט ערשט דאָ פון זיי זיך דערוווסט די מעשה מיט די זאָקלאָדניקעס.

מען האָט אים אין גענעראַלס קאָנצעלאַריע אינגאַנצן וועגן דעם נישט דערציילט. זעט אויס, אַז מ׳האָט אויך צו אים נישט קיין צוטרוי. ער נעמט זיך צופיל אָן פאַר די יידן. ער קאָן זיך נאָך ווענדן קיין בערלין און פּרוּוון אָפּשרייען די גזירה. און זיי דאָ, ביים טיש, מיינען, אַז בעזעלער וואַרט נאָר אויף אים און פרעגט יעדעס מאָל זיין עצה.

— זעצט אייך — גייט ער צו צום טיש און זעצט זיך אַליין אַוועק.

— איך ווייס נאָך נישט, וואָס כ׳על קאָנען טאָן. בייגאַכט קומט דער ראַבינער פרידמאַן, וועל איך זיך מיט אים מיישב זיין. און כ׳וויל איר זאָלט וויסן, אַז מיר, די יעקישע ראַבינערס, זענען אויך יידן און מ׳האָט אונדז אויך נישט שטאַרק ליב...

— איר זענט אויך אין דעם זעלבן פעקל? — נעמט ר׳ לייבוש פון שטוינען אַזש אַראָפּ די ברילן.

— יאָ, אין דעם זעלבן פעקל, ר׳ לייבוש.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— און עפּשטיין האָט גלייך געטאָן, וואָס ער בלייבט דאָ אויפן אָרט. ער איז גאָרנישט שולדיק און ער דאַרף נישט אַנטלויפן. און ווען זיי וועלן אים נעמען, וועלן זיי אים נישט לאַנג קענען האַלטן.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. ראַבינער לעווי האָט צוגעלייגט דאָס טרייבל צום אויער.

— אָ, ראַבינער פרידמאַן, יאָ, יאָ, איך דאַרף זיך מיט אייך באַראָטן. וווּ זענט איר? אין ברעסטאָל? נישט אַליין? מיט בירנבוים, פון „בערלינער טאַגעבלאַט״? וואַרט צו אַ ווייל, נישט מער ווי אַ ווייל.

ער האָט אַ ווייל נאָכגעטראַכט און אַריינגעזאָגט אין טעלעפאָן־טרייבל:

— עס איז מיר איינגעפאַלן, אַז כ׳האָב אַ פיינע מעשה פאַר אים, פאַר בירנבוימען, נאָר ער זאָל שוין אַריינקומען, יאָ, יאָ, טרינקט אויס די קאַווע און קומט גלייך...

אַ ווייל איז עס געזעסן שווייגנדיק, דער ראַבינער לעווי, און דערנאָך האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו ווישינסקין:

— ער וועט באַלד דאָ זיין, דער בירנבוים, פון „בערלינער טאַגעבלאַט״.

און ער האָט צוגעגעבן:

— זיי זענען דאָרט, אין „בערלינער טאַגעבלאַט" אויף מעסער־שטעך מיט דעם גענעראַל. אַנומלט האָבן זיי געשריבן, אַז ער האָט לאַנגע וואָנצעס און אַ קורצן שכל. וועט איר זיי דערציילן די געשיכטע מיט דעם שיכורן אָפיציר, צוליב וועלכן דער גענעראַל וויל נעמען זאַקלאַדניקעס, אַנשטאָט צו היטן, אַז עס זאָלן נישט זיין געשלעגן אין די שענקן.

— און ער וועט מיר גלייבן, דער בירנבוים? — האָט ווישינסקי געפרעגט.

— איר האָט געוואָלט זאָגן, דער יעקע בירנבוים?

— וואָס אַן אמת... — האָט ווישינסקי געשטאַמלט און געקוקט בייז אויף מאַניען, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים און אין אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן שפּאָטישע פייערלעך.

— נו, נו, עס מאַכט נישט, איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צו דעם יעקע, און דער יעקע בירנבוים וועט אייך גלייבן, ווייל ערשטנס איז אַ ייד, צווייטנס, קען ער נישט הערן דעם גענעראַלס נאָמען און דריטנס, בין איך דאָך אויך אַ שטיקל יעקע, נישט וואָר?

ווישינסקי האָט זיך צעלאַכט.

— כ'האָב געמיינט, אַז אין בערלין פאַרשטייט מען זיך נישט אויף קיין וויץ.

— איך לערן זיך דאָ פאַרשטיין, הער ווישינסקי, נאָר איך מוז אייך זאָגן, אַז איר קאָנט אַמאָל האָבן נישט אָנגענעמלעכקייטן. דער גענעראַל האָט נישט ליב צו פאַרשווייגן און ער וועט פריער אָדער שפּעטער זיך דערוויסן ווי אַזוי מ'איז אין „בערלינער טאַגעבלאַט" געוואָר געוואָרן די געשיכטע מיט דעם שיכורן אָפיציר.

— איך וועל זיך דעמאָלט געפינען אין אַ גוטער געזעלשאַפט, הער ראַבינער.

דער ראַבינער פרידמאַן איז געקומען צוזאַמען מיטן בערלינער זשורנאַליסט. ער האָט אַ פאַרוואונדערטער זיך ארומגעקוקט איבער דער שטוב און די פרעמדע מענטשן.

— נו, זעצט אייך, מיינע פריינד, איז די קאַווע אין בריסטאָל נאָך גוט? ווייל איך געדענק שוין נישט דעם טעם פון אונדזער אַמאָליקער קאַווע...

— די קאָווע זע איך נאָר אין חלום, הער ראַבינער, נו, האָט איר כאָטש אַ פיינע מעשה.

— דער הער ווישינסקי וועט אייך דערציילן און איר וועט אַליין אורטיילן.

ווישינסקי האָט דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים גענעראַל און דער זשורנאַליסט האָט האַסטיק נאָטירט.

— אַ פיינער קערל, דער עפשטיין — האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווען ער האָט געענדיקט.

דער ראַבינער פרידמאַן האָט געקוקט מיט פאָרוואורף אויף זיין על־טערן פריינד. ער האָט געהאַט ספקות. ער האָט נישט געקענט דעם ווי־שינסקי. ווער ווייסט, צי ער טרייבט נישט איבער. און מען דאַרף זיך גוט איבערלייגן, אַז ווען אַפילו אַלץ איז אמת, צי דאַרף מען וועגן דעם אַלעם ריידן...

— פריינד בירנבוים — האָט ער געזאָגט — איך האָף, אַז איר וועט זיין דיסקרעט און דערווייל נישט ריידן דערפון.

— צוליב דעם האָט איר מיך נישט געלאָזט אויסטרינקען דאָס ביסל שוואַרצע וואַסער, אין בריסטאָל?

— געוויס, איר האָט רעכט, פריינד בירנבוים — האָט דאָקטאָר לעווי אים מכבד געווען מיט אַ ציגאַר — דער ראַבינער פרידמאַן וויל נאָר פריער זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דער געשיכטע, אָבער איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז איר האָט אַ גענויע שילדערונג, הער בירנבוים. איך ווייס אָבער נישט ווי אַזוי איר וועט די זאַך באַזאָרגן. איך וואָלט אייך נישט גערעאָטן זיך צו באַנוצן מיטן טעלעגראַף אָדער טעלעפאָן.

— איך פאָר מאָרגן אָוונט קיין פראג און דאָרט האָט שוין אייער גענעראַל נישט וואָס צו זאָגן, הער ראַבינער, נישט וואָר?

— ריכטיק, נו זענט איר כאָטש צופרידן פון דער געשיכטע?

— אויסגעצייכנט! דער גענעראַל וועט זיך וואָרפן אייזן הויך...

— אָבער — האָט זיך אָפּגערופן ווישינסקי — ביז וואָס ווען, וועט מען דאָך דערווייל עפשטיינען...

— דערצו איז נישטאָ קיין עצה, הער ווישינסקי, דער גענעראַל וועט זיך דערנאָך אַליין מוזן ברעכן דעם קאָפּ ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון דער בלאָטע מיט די זאָקלאָדניקעס.

— און טאָמער?

— געוויס, הער ווישינסקי, אַ ריזיקע איז שטענדיק דאָ. איז ווילט איר איך זאָל גיין צום גענעראַל און אים פאַרזיכערן, אַז עפשטיין איז נעבעך אַ מענטש אָן שכל און ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט?

— אַנטשולדיקט — האָט ווישינסקי זיך אויפגעשטעלט — איך דאַנק אייך זייער, הער ראַבינער.

— אויף די טרעפּ האָט ווישינסקי אַ קוק געטאָן אויף ר׳ לייבושן, אָבער איידער ער האָט געקאָנט עפּעס זאָגן, האָט מאַניע צו אים אַ זאָג געטאָן:

— פע, פאַניע פּרעזעסיע, איר זאָלט אַזוי בלייבן אָן לשון פון עפּעס אַ יעקע מיט אַ קמץ־בערדל...

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס צו אייער טעכטערל, ר׳ לייבוש!

— מאַניע, דו טוסט דאָך...

— נו, זייט רואיק, ר׳ לייבוש, זי איז פּאָרט גערעכט, אייער טעכ־טערל, ער האָט מיך אינגאַנצן צעטומלט, דער ראַבינער. האָט איר שוין געזען אַזאַ יעקע?

— זיי וועלן ווערן לייט ביי אונדז — האָט ר׳ לייבוש געזאָגט — מ׳וועט זיי אויסמענטשלען.

— און זיי וועלן אייך פאַריעקען, ריכטיק יאַנקל?

— אָבער אַ קעפּל האָט ער, דער יעקע! — האָט יאַנקל צופרידן אַ זאָג געטאָן — יעקע צי נישט יעקע, נאָר אַ ייד זאָל מען זיין!...

— זאָל איך זיך אַריינכאַפּן צו עפשטיינען און אים דערציילן די גאַנצע מעשה?

אַלע זענען זיי געשטאַנען פאַרן טויער. ווישינסקי האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך. עס האָט אים הנאה געטאָן די מעשה מיט דעם זשורנאַ־ליסט פון „בערלינער טאַגעבלאַט" און ער האָט געוואָלט עפשטיינען דער־ציילן זיין שמועס מיט די יידישע יעקעס...

— מען דאַרף אים נישט אַריינמישן, עפשטיינען — האָט יאַנקל אַ זאָג געטאָן.

— ביסט גערעכט, יאַנקל, דניאל האָט איצט עפּעס אַנדערש אויפן קאָפּ. — האָט פונדעסטוועגן ווישינסקי באַדויערט, וואָס ער וועט נישט האָבן מיט וועמען זיך אויסצושמועסן.

— און כ׳ווייס נישט וואָס מ׳מאַכט אַזאַ צימעס מיט דעם גאַנצן זאַקס!... — האָט יאַנקל פלוצלינג הויך אַ זאָג געטאָן — ער האָט דאָך פשוט מורא געהאַט.

מאַניעס בליק האָט זיך לענגער פאַרהאַלטן אויף יאַנקלס פנים.

— נו, כ׳על גיין — האָט ווישינסקי זיך אָפּגערופן — אַ דאַנק אייך, ר׳ לייבוש.

— נישטאָ פאַרוואָס, פאַניע ווישינסקי, נו, צייט אויך מיר, מירן גיין אַהיים, מאַניע.

— כ׳על צופירן. — האָט יאַנקל געעפנט דאָס טירל פון זיין מאַשין.

— און איך וועל גיין צופוס — האָט ווישינסקי זיך געזעגנט מיט אַ צי מיטן הוט.

— ר׳ לייבוש איז געזעסן לעבן זיין טאָכטער און געשוויגן. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער איז מיטגעגאַנגען צו די ראַבינערס. זיי זענען פאָרט נישט אַזעלכע יעקעס ווי ער האָט געמיינט. נאָר וואָס זיין טאָכטער מישט זיך אין אַזעלכע עסקים, איז אים נישט געפעלן געוואָרן. עס איז צייט צו טראַכטן וועגן אַ תכלית און זי, מאַניע, איז ווי קוועקזילבער. מען זעט זי נישט גאַנצע טעג און ער, איר טאַטע, ווייסט צומאָל נישט מיט וועמען זי האָט מחזקות.

— מען דאַרף מיט איר ריידן — האָט ער געטראַכט — און פון וואַנען קען זי דעם אויפגעקומענעם גביר, דעם האַרט?

— אפשר אים אַרויפבעטן אין שטוב? זען וואָס פאַראַ פאַרשוין ער איז?

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר ר׳ לייבושס הויז, אויף דער פאַנסקע גאַס.

— איך דאַרף נאָך זיין אין שטאָט, טאַטע — איז מאַניע געבליבן זיצן אין אויטאָ.

— ס׳איז שוין נישט צו פרי — האָט ר׳ לייבוש אַ מורמל געטאָן אומצופרידן.

— איך וועל זיך לאַנג נישט זאַמען, טאַטע.

ר׳ לייבוש האָט אָפּגעקרעכצט און איז אַריין אין טויער, און מאַניע האָט זיך איבערגעזעצט צו דער פאָדערשטער באַנק, לעבן יאַנקלען.

— מירן אַריבערפאָרן צו סאָניען? — האָט יאַנקל פאַרקירעוועט די מאַשין צו דער טוואָרדע גאַס.

— איר, יאַנקל, זעט נישט קיינעם אויסער סאָניען.

— כ׳מיין... — האָט יאַנקל געשטאַמלט און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— וואָס מיינט איר, יאַנקל, אַז סאָניע איז דאָס איינציקע מיידל אויף דער וועלט?

מאַניע האָט געלאַכט. דער יונג איז צעטומלט, האָט זי געטראַכט, און זיין צעטומלעניש איז איר געפעלן.

— ער איז, סך־הכל, אַ גרויס, נאַריש יינגל — האָט מאַניע גע־טראַכט און געזאָגט — מירן אפשר אַביסל אַרומפאָרן?

— גוט — האָט יאַנקל שנעלער געלאָזט אין גאַנג די מאַשין.

מאַניע האָט געקוקט פון אַ זייט אויף יאַנקלען. ס׳האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז זי לייענט אַראָפּ פון זיין פּנים ווי פון אַן אָפן בוך. דער יינג קאָן זיך נעבעך נישט קיין עצה געבן. ער איז געוווינט פון שילעץ צו שטעלן ברייטע זאַרגלאָזע טריט פון אַ ווילן יונג, מיט די הענט פאַר־שטעקט אין די קעשענעס, דאָס היטל פאַרלייגט אָן אַ זייט, און אונטער־צופייפן זיך אַ פריילעך לידל. ער האָט ליב מיט זיין חברה צו זאָגן אַ גראָבן וויץ און ווען מען דאַרף אָנוואַרעמען זיך אין אַ גוט געשלעג מיט זיינע חברהלייט און שקצים. דאָס געלט, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן פון הימל, פּענטעט אים די הענט און פיס. ער פילט זיך שלעכט צווישן די נייע פריינד זיינע, וואָס ריידן מיט אַזעלכע פאַרדרייטע לשונות. ער האָט זיך מורא מיט אַ וואָרט אָפּצורופן. ער ווייסט, אַז זיי וועלן לאַכן פון אים און ער קאָן נישט פאַרשטיין, דער נאַרישער יינג, אַז מיט זיין כוח און יוגנט און פשוטקייט מעג ער לאַכן פון זיי אַלע.

מאַניע פילט ווי דער ווינט שלאָגט איר אין פּנים אַריין. די מאַשין האָט שוין איבערגעלאָזט הינטער זיך די גרויסע הייזער. דער וועג איז אַ שטיינערדיקער. דער אויטאָ הוידעט זיך אַהין און צוריק און לויפט פאַר־ביי גערטנער, סעדער און לאָנקעס.

מאַניע פילט זיך מיד. זי טומלט זיך אַ גאַנצן טאָג און טיילמאָל באַ־פאַלט איר אַ מאָדנע מידקייט. ווילאַנג וועל איך זיך טומלען? זי האָט

געבענקט נאָך דער גרויסער הייליקער וווּנדערלעכער ליבע, וואָס זי האָט אַליין אויסגעחלומט. מיטן טומלען זיך האָט זי פאַר אַלע און אויך פאַר זיך אַליין געוואָלט באַהאַלטן די דאָזיקע בענקשאַפט אירע. אַמאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז פאַרליבט אין אים, אין פעליקס זאַקסן. נאָר איצט ווייסט זי, אַז ער איז אַן אַנדערער ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. ער קאָן קיינעם נישט ליב האָבן אַ חוץ זיך אַליין. מיט זיינע ליבעס שפּילט ער זיך. נישט מער. מאַניע האָט געזען ווי זיינע אויגן לויפן נאָך סאָניען. זי האָט אָבער געפילט, ווי זיין בליק פאַלט אויך אויף איר. ניין, נישט וועגן אַזאַ ליבע האָט זי, מאַניע, געטרוימט. זי איז שוין מיד פון בענקען. זי וואָלט געוואָלט איצט קאָנען אויף עמיצן אָנשפּאַרן איר קאָפּ. זי קוקט אויף יאַנקלס ברייטער פּלייצע, אויף אַזאַ פּלייצע אָנשפּאַרן דעם קאָפּ. זי דערפילט אין יאַנקלען אַ זיכערקייט. ער וועט נישט לויפן פון איינער צו דער צווייטער. ער איז סך־הכּל ווי אַ קליין יינגל, וואָס בענקט נאָך צערטלעכקייט. זי, מאַניע, קאָן עס אים געבן. זי וועט אים פירן איבער די גליטשיקע דילן פון די נגידישע שטיבער און זי וועט אים לערנען נישט צו שעמען זיך פאַר די אָנגעבלאָזענע געבילדעטע נאַראָנים. זי וועט אים צוריקגעבן די זיכערקייט, וואָס ער האָט צוליב זיין געלט פאַרלוירן. מאַניע פאַרמאַכט די אויגן. דער אויטאָ וואַרפט זי צו יאַנקלס זייט. זי רוקט זיך נישט אָפּ.

— ער איז שטאַרק, זייער שטאַרק — דערפילט זי דעם באַריר פון זיין מוסקולירטן קערפּער.

יאַנקל קוקט אויף דעם שאָסיי. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט דער מאַשין. אויף די וועגן, טראַכט ער, ווייסן די פּויערים נאָך נישט ווי אויסצומיידן אַן אויטאָ און זייערע פערד צעבריקעווען זיך. ער פילט אויף זיך דאָס לייב פון דעם מיידל, וואָס זיצט אַזוי האַרט לעבן אים. דאָס מיידלשע לייב ברינט אים, אָבער ער האָט מורא פאַר איר. זי האָט אַזאַ שאַרף צינגל. ער, יאַנקל, קען זיך נאָך נישט קיין עצה געבן מיט די דאָזיקע געבילדעטע מיידלעך. ער ווייסט נישט וואָס מיט זיי צו ריידן. ער ווייסט גאָרנישט וועגן ביכער און וועגן די אַלע אַנדערע זאַכן.

— אַ פייער, אַ מויד, — דערמאָנט ער זיך אָן ווישינסקיס רייד — אָט דער ווישינסקי האָט אַ פּיסקל צו די מיידלעך.

יאַנקל נעמט אַוועק זיין האַנט פון דער מאַשין. די האַנט ציט זיך

אויס צו דעם מיידל, נאָר אין דער מיט ציט זי צוריק און ער מאַכט זיך גלייך די צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ.

ער דערמאָנט זיך אָן איר פאָטער, ר׳ לייבוש, מיט די גאָלדענע ברילן. אַ יחסן, מסתמא, און אַ לאַמדזשוך. עס וועט אים נישט פּאַסן אָן איידעם אַ באַלעגאָלע.

— יאַנקל, איר זענט גאַרנישט קיין עלעגאַנטער קאַוואַליר...

— וואָס? — ציט זיך יאַנקל אָן און מיינט, אַז זי חוזקט פון אים.

— כ׳מיין, איר פאַרט שוין מיט מיר הינטער דער שטאָט און איר האָט מיר נאָך נישט געזאָגט, צו מאָל, אַז כ׳בין שיין. איר טראַכט נאָך אַלץ פון סאָניען?

פון סאָניען? יאַנקל האָט נישט געטראַכט פון סאָניען. ער וויל איר זאָגן, אַז ער האָט געטראַכט פון איר פאָטער, דעם למדן ר׳ לייבוש, און אַז ער וועט נישט וועלן האָבן אַ באַלעגאָלע פאַר אָן איידעם.

— פאַרוואָס עפּעס וועגן סאָניען? — זאָגט ער.

עס פאַרדריסט אים טאָקע, וואָס זי, סאָניע, זעט אַזוינס אין דעם זאַקן, נאָר איצט האָט ער זי נישט אין זינען, סאָניען. דאָס וויל ער איר זאָגן, מאַניען. ער דרייט אויס צו איר דאָס פּנים און שמייכלט בלויז.

— איר געפעלט מיר, יאַנקל.

יאַנקל האַלט איין דעם אָטעם. אין די באַלעגאָלישע צייטן האָט ער געהערט אַ סך אַזעלכע רייד. די דינסטמוידן אין די נגידישע שטיבער האָבן זיך נאָך אים געיאָגט. נאָר פון זיי, די גבירישע און געבילדעטע מיידלעך, הערט ער צום ערשטן מאָל אַזעלכע ווערטער. ער איז אָנגעצויגן מיט אומצוטרוי. טרייבט זי נישט פון אים, דעם באַלעגאָלע־יונג, קיין שפּאַס? גראָד ער, פון די אַלע אויסגעפּוצטע און געבילדעטע יונגעלייט, געפעלט איר גאָר?

מאַניע לייגט אַרויף איר האַנט אויף זיין דלאָניע, וואָס האַלט דעם רודער פון דער מאַשין.

— איר געפעלט מיר מער ווי די אַלע יונגעלייטלעך, וואָס האָבן ניין מאָס רייד.

יאַנקלס האַנט טוט אַ ציטער. באַלד נעמט ער פעסטער אָן דעם רודער. ער לאָזט שנעל לויפן די מאַשין. איצט גלייבט ער איר. ער געפעלט

איר טאַקע אויף אַן אמת. זי מאַכט נישט קײן שפּאַס. ער פילט ווי זי שפּאַרט זיך אָן אָן אים.

פאַר פרייד פאַרגעסט ער, אַז ער פירט איצט אָן אַן אויטאָמאָביל. עס דאַכט זיך אים, אַז ער טרייבט, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, ר׳ לויס צוויי קאַשטאַן־פערד און ער טוט אויף זיי אַ פריילעכן געשריי:

— וויאָ, וויאָ!...

— וויאָ, וויאָ! — רופט אים נאָך מאַניע און לאַכט אַ צופרידענע.

זי נעמט נישט אַוועק די האַנט פון זיינע און זי פילט ווי איר האַנט גייט פאַרלוירן אין זיין דלאָניע:

— עס טוט וויי, יאַנקל...

יאַנקל גלעט אירע פינגער און זאָגט: מירן נאָך אַביסל פאָרן, יאָ?

— יאָ, יאַנקל, מירן פאָרן...

יאַנקל נעמט זי אַרום מיט דער האַנט און פרעגט:

— איז אייך נישט צו קיל, מאַניע...

— קענסט מיר זאָגן דו, יאַנקל...

— מאַניע...

— און ס׳איז שוין צייט, אַז אַזאַ בחור ווי דו, זאָל וויסן, אַז מען דאַרף אַ קוש געבן אַ מיידל...

— מאַניע...

— קער נישט איבער די מאַשין, יאַנקל, זעסט נישט די פור...

— מירן ווייטער פאָרן, מאַניעלע — האַלט זי יאַנקל פעסט אַרומגענומען.

— ווילסט נישט פאָרן צו סאָניען?

— וויאָ! — רופט יאַנקל נאָכאַמאָל אויס צו זיין מאַשין.

— נאַרישער יינג! — פילט ער מאַניעס גלעט איבערן פנים.

יאַנקל איז פריידיק צעטומלט. ער קאָן נאָך נישט באַנעמען וואָס עס איז מיט אים פאָרגעקומען. ער פילט לעבן זיך דאָס מיידל. ער פילט ווי זי שפּאַרט זיך אָן אָן אים און עס דאַכט זיך אים איצט, אַז ער האָט די גאַנצע צייט, די אַלע לעצטע חדשים, נאָר געטראַכט פון איר. סאָניע איז עפּעס ווי מיטאַמאָל אויסגעווישט געוואָרן פון זיין געדעכעניש. פאַר איר, מאַניען, האָט ער געקויפט דעם אויטאָמאָביל. פאַר איר אַרבעט ער, ער שמוגלט, רייסט זיך מיט זיינע שותפים און די יעקעס.

ער איז אָבער נישט דרייסט. ער ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי מיט איר צו ריידן. און ריידן וואָלט ער געוואָלט אַ סך. ער וויל איר דער־ציילן, אַז ער איז אַ גראָבער יונג, קען קוים זיך אונטערשרייבן. ער האָט זיין אַמביציע, יאַנקל. ער וויל נישט זי זאָל אים נעמען פאַר אַן אַנדערן. און ער וויל נישט זי זאָל זיך מיט אים שעמען פאַר איר טאַטן, ר׳ לייבוש. און ער וויל איר אויך זאָגן, אַז ער, יאַנקל, איז נישט קיין צדיק. ער האָט געגנוג אַרומגעוואָיעוועט. זאָל זי עס וויסן. דאָס אַלץ וויל ער איר איצט זאָגן, נאָר ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען מאַכט עס. און עס פאַלט אים איין, צי זי, מאַניע, מיינט דאָס זעלבע ווי ער, צי זי מיינט נישט בלויז אָפּ־גלאַט אַזוי מיט אים זיך אַ שפּיל צו טאָן. ער, יאַנקל, קאָן נאָך נישט אייננבייסן די נגידים פון דער טוואַרדע גאַס און דער פּאַנסקע און זייערע טעכטערלעך. ער לעבט שוין מיט זיי צוזאַמען. ער קומט זיך שוין מיט זיי צונויף און דאָך פילט ער זיך צווישן זיי אַ פרעמדער. זיי חנפנען אים. זיי ליידיקן אים צוביסלעך אויס די קעשענעס. זיי מאַכן מיט אים געשעפטן, אָבער עס איז דאָ עפּעס אַ וואַנט, וואָס טיילט אים אָפּ פון זיי. ער פילט, אַז זי, מאַניע, קאָן די וואַנט אַוועקנעמען. ער האָט פיל מאָל חרטה געהאַט אויף זיין גבירישקייט. ער האָט זיך געפילט אָפּגעע־ריסן פון זיינע אַמאָליקע באַלעגאַלעס און צו זיינע נייע פריינט האָט ער נישט געפונען דעם וועג צוצוקומען. איצט דאַכט זיך אים, אַז מאַניע האָט פאַר אים דעם וועג געעפנט. אָבער ער וויל וויסן, צי זי מיינט אויך אַזוי.

— כ׳מיין, מאַניע — בייגט ער זיך צו צו איר — אַז יאָך וואָלט באַדאַרפט אַרויפקומען צו ענק אין שטוב... כ׳מיין, זיי זאָגן וואָס און ווען...

מאַניע האָלט צוגעשלאָסן די אויגן. זי קלערט איצט וועגן איר טאַטן ר׳ לייבוש, דעם טיש־זיצער ביים רבין, און וועגן איר מאַמע פראַדל, וואָס לייענט די ראָמאַנען אין דער פּויליש־יידישער צייטונג. זיי גרויסן זיך אין האַרצן מיט זייער טעכטערל און ווי וועט זי זיי זאָגן, אַז זי האָט גאָר אויסגעקליבן אים, יאַנקלען?

— פאָר שוין צו אַהיים מיט דער מאַשין! — גלייכט זי זיך אויס אויף איר אָרט. זי וויל אַריבערקומען אַלץ שוין. מאָרגן ווייסט זי נישט, צי זי וועט נישט חרטה האָבן. זי איז אומגעדולדיק:

— שנעלער, יאַנקל, שנעלער!

יאַנקל פאַרקירעוועט צוריק אין שטאָט, ער פליט שנעל מיט זיין מאַ־שין איבער די גאַסן און שטעלט זיך צום דריטן מאָל אָפּ פאַר דעם הויז אויף פאַנסקע גאַס.

— קום! — זאָגט זי צו יאַנקלען.

זי לויפט שנעל איבער די טרעפּ און יאַנקל לויפט איר נאָך. זי האָט מורא, אַז אַ מינוט שפּעטער וועט איר אויספעלן מוט...

זי קלינגט לאַנג און האַסטיק ביי דער טיר.

— וואָס איז מיט דיר, מאַניע, עס ברענט? — שטייט איר מוטער פראַדל אין דער אָפענער טיר.

זי וויל נאָך עפּעס זאָגן, פראַדל, צו איר משוגענער טאָכטער, וואָס האָט זי איבערגעשראָקן מיטן האַסטיקן קלינגען. זי ווערט אָבער אַנט־שוויגן. זי זעט לעבן איר טאָכטער עפּעס אַ פרעמדן יונגנמאַן. זי האָט אים נאָך ביז איצט נישט געזען. טיילמאָל פלעגן אַרויפקומען צו מאַניען אירע חברים פון אוניווערזיטעט, אָבער דער דאָ זעט נישט אויס צו זיין פון אוניווערזיטעט. און ס'איז שוין שפּעט אין אָוונט אויך. איז וואָס וויל ער דאָ?

זי פאַרמאַכט די טיר און קוקט מיט דערוואַרטונג אויף דעם פרעמדן, וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט.

— ס'איז יאַנקל — זאָגט מאַניע צו דער מוטער — דער טאַטע שלאָפט שוין?

— קומט, ביטע, — ווייזט פראַדל אָן די טיר פון עס־שטוב און פילט, אַז עפּעס וואָס שיקעוועט זיך דאָ.

ר' לייבוש זיצט אויבנאָן פון גרויסן טיש, ער נעמט אָוועק די אויגן פון דער צייטונג, וואָס ער האַלט אין האַנט און קוקט מיט דערשטוינטע אויגן אויפן אומגעריכטן גאַסט.

— דו קענסט דאָך אים שוין, טאַטע, יאַנקלען.

— ביטע, ביטע — רעדט קאַלט ר' לייבוש און ווייזט אָן יאַנקלען אַ שטול.

יאַנקל באַווייזט נישט זיך אַנידערצוזעצן און מאַניע זאָגט הויך מיט אַ געלעכטערל:

— עס קומט אונדז אַ מזל טוב, מירן געוואָרן חתן־כלה...

די מאַדאַם פראַדל האַלט זיך מיט ביידע הענט אָן ביים טיש. ר' ליי־

בוש טוט אויס די ברילן. ער קוקט אויף זיין טאָכטער און ער קוקט אויף יאַנקלען און עס איז קענטיק, אַז ס'איז אים שווער אַ וואָרט אַרויסצו־ריידן.

מאַניעס אויגן צעפינקלען זיך. וואָס קוקן זיי אַזוי אויף מיר? וואָס מיינען זיי נאָך אַלץ, אַז כ'בין אַ קליין קינד, וואָס מ'דאַרף פירן ביי דער האַנט.

און זי זאָגט:

— מיר האָבן שוין לאַנג באַשלאָסן, נאָר איצט האָבן מיר אָפּגעמאַכט אייך צו זאָגן...

— האָסט מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, מאַניע... — דער מאַדאַם פּראַדלס אויגן זענען פול מיט טרערן.

— וואָס איז געווען וואָס צו זאָגן, נאָר היינט... — זאָגט מאַניע.

— וואָס, היינט? — נעמען ר' לייבושס אויגן אַרום יאַנקלען — עס איז מיר אַ וואונדער וואָס היינט איז דיר שוין איינגעפאַלן צו זאָגן, וואָרעם ווער און וואָס זענען היינט טאַטע־מאַמע...

— ווילסט דיך מיט מיר קריגן, טאַטע, כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט אונדז ווינטשן מזל־טוב...

ר' לייבוש טוט צוריק אָן די ברילן. ער וויל האָבן נאָך אַ מינוט צו קומען צו זיך פון איבערראַשונג.

ער רעדט צו יאַנקלען, ווי ער וואָלט מאַניען אינגאַנצען נישט געזען.

— איר פאַרשטייט, הער האַרט, ביי אונדז, איז מען אַנדערש גע־ווינט געווען. איר פאַרשטייט, אַנדערש...

ר' לייבוש לייגט אַריין די גאַנצע חשיבות פון זיין אַלטער נגידיש־קייט אין דעם וואָרט „אַנדערש“.

און ער גיט צו:

— און איר האָט מיך ערשט נישט לאַנג געזען און מיט קיין איין וואָרט...

— יאַנקל האָט שוין לאַנג געוואָלט אַרויפקומען — רעדט שנעל מאַניע — כ'האָב אים נישט געלאָזט...

— און וואָס האָסטו זיך פּלוצלינג מיישב געווען — קוקט ר' לייבוש שאַרף אויף זיין טאָכטער.

— כ׳וויל מ׳זאָל נישט באַלעמוטשען מיט דער חתונה. — זאָגט שטיל מאַניע.

מאַן און ווײַב קוקן זיך שווײַגנדיק דורך. פראַדל ווערט בלאַס. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די ראָמאַנען, אין וועלכע די יונגעלײַט פאַרפירן אומשולדיקע מיידלעך. ווער ווייסט, וואָס ער האָט צו איר טאָכטער געטאָן, דער פאַרשוין. גאָט מײַנער, וואָס טוט מען איצט? זי ווייסט דאָך צומאָל נישט ווער ער איז.

— אַזוי איז עס מיט הײַנטיקע קינדער — קוקט ר׳ לייבוש אויף זײַן טאָכטער — נו, זאָל זײַן מיט מזל! — דערלאַנגט ער די האַנט יאַנקלען.

פראַדל נעמט אַרום איר טאָכטער.

— מאַניעלע, קינד מײַנס, — גיסן זיך טרערן פון אירע אויגן.

ר׳ לייבוש גייט צו צו דער קרעדענס, נעמט אַרויס אַ קאַראַפקע מיט ליקער פון גרינלעכן קאָליר און גיסט מיט ציטערדיקע הענט אָן צוויי גלעזלעך.

— מירן טרינקען לחיים! — זאָגט ער צו יאַנקלען — נו, מסתמא דאַרף אַזוי זײַן, לחיים! הער האַרט...

— פאַרוואָס זאָגסטו אים נישט יאַנקל, טאַטע...

— נו, לחיים, יאַנקל...

— איז הער, כ׳מיין יאַנקל, ווילסטו אַזוי שנעל צואײַלן די חתונה? — פרעגט ר׳ לייבוש.

— דאָס ווענדט זיך אָן דער מאַמע — קוקט מאַניע מיט לאַכנדיקע אויגן אויף איר מוטער. איר האָט כסדר צו מיר געטענהט. אַז איר ווילט מיך וואָס שנעלער חתונה מאַכן, איז ווי דו ווילסט, מאַמע, יאַנקל וועט נישט זײַן קעגן.

— געוויס, — האָט יאַנקל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — ווי די מאַדאַם גרינגלאַס וועט וועלן.

פראַדל האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט. זי, מאַניע, איז אַ שקאָציכע, זי האָט איר איבערגעשראָקן מיט אירע פריערדיקע רייד, אַז זי אײַלט זיך. נו, געלויבט צו גאָט דערפאַר. מ׳וועט קאָנען מאַכן אַ חתונה ווי גאָט האָט געבאָטן. און ווער ווייסט, אפשר איז עס טאַקע אַ גוטער שידוך אויך. איז זאָל מען כאָטש דעם חתן מכבד זײַן.

— קום, מאַניע, וועסט מיר העלפן מיט כיבוד — רופט זי אַרויס מאַניען אין דער צווייטער שטוב.

— זעסט, מאַמע, כ׳האָב דיר געברענגט אַ חתן — גייט איר סאָניע נאָך — ווי געפעלט ער דיר.

— כ׳ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר, מאַניע. וואָס האָסטו זיך באַהאַלטן מיט אים, מאַניע? עס פאַלט מיר אַלץ פון די הענט.

מאַניע האָט געהאָלפן צוגרייטן דעם כיבוד און ר׳ לייבוש האָט פאַר־זיכטיק פאַרפירט אַ שמועס מיט יאַנקלען וועגן די היינטיקע צייטן און היינטיקע געשעפטן.

יאַנקל האָט אים דערציילט וועגן זיינע עסקים און ר׳ לייבוש האָט ביי זיך געטראַכט:

— ער איז נישט קיין נאַר און ער זעט אויס גאָר רייך...

נאָר ער זאָל נישט מיינען, אַז זי, מאַניע, האָט גאָרנישט. ער, ר׳ לייבוש האָט ברוך־השם צוגעגרייט אַ נדן פאַר זיין טאָכטער און ער זאָגט צו יאַנקלען:

— אינדערפרי וועסטו מיט מיר צוגיין צו וואָרסקין אין דער באַנק, כ׳מיין מכוח דעם נדן...

— ר׳ לייבוש, וואָס רעדט איר מכוח נדן, איך דאַרף נישט...

— נאַרישקייטן — זאָגט ר׳ לייבוש — וואָס מיינסטו, מיין טאָכטער...

— זאָל עס מאַניע האַלטן — זאָגט יאַנקל — וואָס בין יאָך...

אַן אָרנטלעכער יונג, טראַכט ר׳ לייבוש, און זי, מאַניע, וועט וויסן מיט אים זיך אומצוגיין.

ער דערמאָנט זיך די גמרא, אַז איינער וואָס גיט אַן עם הארץ צו זיין טאָכטער איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט זי איבערגעגעבן צו אַ לייב.

ער, ר׳ לייבוש, ווייסט אַפילו, אַז ס׳איז שווער אין די היינטיקע צייטן צו לעבן אַזוי ווי עס האָבן געלעבט די תנאים און אמוראים פון דער גמרא. מען האָט דעמאָלט נישט געהאַט אַזעלכע רייכע דירות. מען האָט נישט געמוזט יעדעס מאָל האָבן נייע זיידענע קליידער פאַר די נשים און עס זענען נישט געווען קיין שקאָלעס און עס זענען נישט געווען די רייכע דייטשן, אויף וועלכע מ׳פאַרקוקט זיך און מ׳וויל זיי נאָכמאַכן. היינט מוזן אַפילו יידן־חסידים, גמרא־ און שטיבל־יידן, האָבן די אַלע זאַכן. היינט ווי קאָנען זיי זיין אַזוי אָפגעהיט ווי די גמרא הייסט?

ר׳ לייבוש ווייסט נישט צי דער תירוץ זיינער איז אַ ריכטיקער. עס קומען אים אויפן זכרון די מעשיות פון דער גמרא וועגן די אַמאָליקע רייכע לייט מיט די זינדיקע נשים זייערע, וואָס האָבן זיך געמאָלט און געפּוצט צו ברענגען מענטשן צו אַן עבירה. הייסט עס, אַז שטרויכלען־ גישן האָבן אויך דעמאָלט, אין די גמרא־צייטן, נישט געפעלט. נו, אוודאי די דורות היינט. ווי קאָן מען זיך גאָר פאַרגלייכן צו די הייליקע תנאים. עס גייט אים אָבער נישט אין זיין זינד, וואָס ער גיט זיין טאָכטער אַ מאַן אַן עם־הארץ. ער ווייסט, אַז ער זינדיקט אויך מיט אַנדערע זאַכן. מילא, וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס איז אַזאַ וועלט. עס גייט אים אָבער אין זיין טאָכטער. ער גלייבט אין דער קלוגשאַפט פון דער גמרא. און ער האָט מורא, אַז זי וועט זיין אומגליקלעך מיט דעם יאַנקלען. אַז די גמרא וואָרנט נישט צו האָבן צו טאָן מיט אַ גראָבן יונג, ווייסט זי שוין גוט, אַז אַזוי איז עס.

ר׳ לייבוש פּרוווט זיך פאַרענטפערן. ער האָט נישט געשיקט נאָך אים, יאַנקלען. ביז היינט האָט ער אים צומאָל פאַר די אויגן נישט געזען. און זי, מאַניע, האָט אים נישט געפרעגט קיין עצה. מיט היינטיקע קינדער, ווייסט ער, קאָן מען נישט שניידן קיין האַרטע ברעטער. איז וואָס איז ער שולדיק, וואָס זי, מאַניע, האָט אים געברענגט אין שטוב אַריין אַן איידעם, אַ באַלעגאָלע־יונג?

אַזוי פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיך אַליין. פונדעסטוועגן ווייסט ער, אַז דאָס אַלץ זענען נישט מער ווי תירוצים. טיף אין האַרצן איז ער דאָך אויך צופרידן פון דעם עסק. די פּאַליצעס אין זיין קראָם זענען שוין באַלד אויסגעליידיקט. זיין נגידישאַפט איז נישט מער ווי אַן אָפּנאַרעריי. דאָס געלט וואָס ער האָט ליגן ביי וואַרסקין איז דאָס לעצטע, די שיריים. איצט וועט אים לייכטער זיין. יאַנקל וויל נישט קיין נדן, און זי, מאַניע, וועט געוויס מסכים זיין צו וואַרטן.

ר׳ לייבוש פאַרויכערט אַ נגידישן ציגאַר. ער קוקט אויף דעם גרויסן פינקלדיקן בריליאַנט אין יאַנקלס שניפּס. און אויפן פינגער טראָגט ער נאָך אַ גרעסערן שטיין.

— ער מוז זיין רייך, דער יאַנקל, — טראַכט ר׳ לייבוש נישט אָן קנאה — עס איז זייער צייט, וואָס קאָן מען זיך העלפן...

ר׳ לייבוש וויל דערוועקן אין זיך אַ בייזקייט אויף דעם יונג, וואָס

זיצט לעבן אים און וואָס האָט אים צוגענומען די טאָכטער. ער איז אָבער נישט בייז. מילא, ער, ר׳ לייבוש, קאָן נישט זיין שטאַרקער קעגן אַ וועלט. די באַלעגאָלעס און שמוגלערס פאַרכאַפּן נישט בלויז דאָס געלט. זיי זיצן שוין אויבנאָן אין בית־המדרש. מ׳גיט זיי שוין די שענסטע עליות. ווער ווייסט, אפשר וועט מען זיי אויך אַוועקזעצןביים רבינס טיש. איצט נעמען זיי שוין צו די טעכטער פון די נגידישע הייזער. מילא, אפשר דאַרף אַזוי זיין.

פראַדל ברענגט אַריין דעם כיבוד און מאַניע זעצט זיך אַוועק לעבן יאַנקלען. יאַנקל האָט זיך שוין אויסגעלערנט עסן ווי די נגידים אויפן גזשיבאָוו, נאָר מיטן ריידן איז אים נאָך שווערלעך.

לאָזט ער די מחותנים ריידן און אַליין וואַרפט ער פון צייט צו צייט אַריין אַ וואָרט.

ער גיט אַ קוק אויפן זייגער און מורמלט:

— עס איז שוין נישט פרי.

אַלע שטעלן זיך אויף. די מאַדאַם גרינגלאַס בעט יאַנקלען נישט צו זיין קיין גאַסט. ער איז שוין אַן אייגענער, מ׳וועט זיך מיט אים דאָ נישט צערעמאָניען, זאָל ער טאַקע מאָרגן אויך קומען.

מאַניע באַגלייט אים ביז צו די טרעפּ:

— נו, ווי געפעלט דיר, יאַנקל, מיינע אַלטע?

— הלוואַי וואָלט איך זיי אַזוי געפעלן...

— האָסט מורא פאַרן טאַטן? ער׳ט דיך נישט אויפעסן.

יאַנקל נעמט זי אַרום:

— מאַניע — בייגט ער זיך אַראָפּ צו איר מויל — מיין כלהלע...

— יאַנקל, דער טאַטע גייט — באַפרייט זי זיך פון זיינע אָרעמס, און לויפט אַריין אין שטוב.

איר מוטער וואַרט אויף איר אין דער עס־שטוב.

— נו, נו, באַלעמוטשעט נישט לאַנג — הערן זיי פון דער צווייטער שטוב ר׳ לייבושס קול — עס איז שוין זייער שפּעט.

— וועסט זיך נאָך אויסשלאָפן, לייבוש — ענטפערט אים פראַדל און זי זאָגט צו דער טאָכטער:

— ער איז אַ שיינער בחור. כ׳בין באמת צופרידן, מאַניע, נאָר איך

מיין, פאַרוואָס האָסטו האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט? ווייסט דאָך, אַז כ׳בין נישט ווי די אַנדערע מאַמעס...

פראַדל האָט אין שטוב שטרענג אָפּגעהיט ייִדישקייט, אָבער זי האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין יאַכנע. זי האָט געלייענט די ביכער פון די פּוילישע שרייבער, אין וועלכע עס ווערט דערציילט וועגן הייסע ליבעס און זי האָט נישט איינמאָל געטראַכט, אַז ווען איר טאָכטער וועט זיך פאַרליבן, וועט זי, פראַדל, נישט זיין ווי יענע שלעכטע מאַמעס פון די ראָמאַנען, וואָס שטעלן זיך אַקעגן דעם גליק פון זייערע קינדער. ביין, זי וועט דאָס נישט טאָן. זי וועט נאָך צוהעלפן מאַניען, אַפילו ווען איר בחור וועט נישט זיין פרום: האָט איר פאַרדראָסן, וואָס די טאָכטער האָט אויך פאַר איר אויסבאַהאַלטן און זי האָט געזאָגט:

— האָסט אויך פאַר מיר זיך געהיט, מאַניע?

— כ׳האָב אַליין גאָרנישט געוווסט, מאַמע...

— וואָס הייסט האָסט נישט געוווסט, ער האָט נישט געוואָלט?

אין פראַדלס שטים האָט געקלונגען פאַרדראָס. די נגידישע אַמביציע האָט מיט בייזקייט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן. אַ חוצפּה אַזאַ! אַזאַ גראָב נפש גאָר, איז גלייך נישט געפאַלן צו די פּיס פון איר מאַניעלע.

מאַניע האָט געלאַכט:

— זיי נישט בייז אויף יאַנקלען, מאַמע. ער האָט גאָרנישט געוווסט און איך האָב נישט געוווסט. עס איז מיר מיט אַ שעה פריער איינגאַנצן נישט איינגעפאַלן.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, מאַניע, דו רעדסט חלילה ווי...

— ווי משוגע? ווער ווייסט, מאַמע, אפשר בין איך טאַקע אַ ביסל נישט מיט אַלעם, אָבער כ׳זאָג דיר, אַז מיט אַ שעה צוריק האָב איך נישט געוווסט, אַז כ׳וויל ווערן יאַנקלס כלה...

— דו רעדסט שוין גלאַט נאַרישקייטן, מאַניע. גיי שוין, גיי שלאָפן. מאָרגן וועלן מיר זיך שוין אויסשמועסן.

מאַניע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן אין בעט און געטראַכט צי זי האָט טאַקע נישט געוווסט מיט אַ שעה פריער וואָס עס וועט געשען צווישן איר מיט יאַנקלען. זי האָט נישט געקאָנט זיך אַליין געבן קיין ענטפער. אַמאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז יאַנקל איז איר געפעלן געוואָרן זינט דעם ערשטן טאָג, ווען זי האָט אים געזען. ער איז אַנדערש ווי מאַ־

ניעס חברים פון אוניווערזיטעט. זיי פֿארברענגען דאָס לעבן מיט ריידן, מיט קריכן זיך אין די אויגן און זיי ווילן געפעלן די מיידלעך מיט זייערע ניין מאָס רייד.

ער, יאַנקל, איז קליגער פֿאַר זיי מיט זייער גאַנצער געלערזאַמקייט. ער איז שטאַרק, יאַנקל, און מענעריש איז עס גוט אויף זיין אָרעם זיך אָנצושפּאַרן. און ער מאַכט נישט דעם אָנשטעל פון זיין אַ העלד. ער האָט איר אַמאָל דערציילט ווי די רוסישע זשאַנדאַרמען האָבן זיך נאָך אים געיאָגט און ער האָט עס דערציילט מיט אַזאַ פשטות, ווי עס וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. יאָ, ער, יאַנקל, געפעלט איר מער אַפילו פון פעליקס זאַקסן. זי איז אין אים, יאַנקלען, פאַרליבט.

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן — האָט זי באַלד זיך אַליין אויסגעלאַכט — ווילסט זיך אַליין אָפּנאַרן, מאַניע. נאָך וואָס?

אין דעם מאָמענט איז איר פאַרגעקומען, אַז דאָס, וואָס זי האָט היינט געטאָן, איז געווען נישט מער ווי אַ קאַפּריז. אַ משוגעת, ווי איר מאַמע האָט געזאָגט. עס איז איר געפעלן געוואָרן צו צווינגען דעם גרויסן שטאַרקן יונג, וואָס איז לעבן איר געזעסן אין אויטאָ און מאַכן אים פאַר אַ חתן. זי האָט געוואָלט אָפּטאָן אירע חברים אויפן אוניווערזיטעט, וואָס טשעפען זיך צו צו אַלע נאַרישע געגנדזלעך און פאַר איר שאַרף ציגגל שרעקן זיי זיך. זי האָט עס געטאָן צו להכעיס דעם פעליקס זאַקס, וועלכער מיינט, אַז אַלע זעען נאָר אים און חלומען נאָר וועגן אים. וועט זי אים ווייזן, אַז זי, מאַניע פון דער פאַנסקע גאַס, לאַכט זיך אויס פון אים. איר געפעלט גאָר דער באַלעגאָלע פון גזשיבאָוו, זי איז פאַרליבט אין יאַנקלען.

— און אין דער גאַס וועט מען זאָגן, אַז כ׳האָב זיך פאַרליבט אין יאַנקלס געלט.

— זאָלן זיי אַזוי זאָגן און פּלאַצן פון קנאה. צו להכעיס זיי אַלע וועט זי אַרומפאָרן אין יאַנקלס אויטאָמאָביל, וועט מיט אים זיצן אויף דער וועראַנדע פון בריסטאָל און וועט טאַקע זען, אַז באַלד צומאָרגנס, זאָל איר יאַנקל קויפן אַ גרויסן בריליאַנט.

ס׳איז גאָרנישט אַזוי שלעכט צו זיין רייך. אירע חברטעס וועלן אַפילו דרייען מיט דער נאָז. זיי אַלע ריידן איצט וועגן דער רעוואָלוציע אין מאָסקווע און וועגן דער גרויסקייט פון קעמפן אויף די באַריקאַדעס.

פּוסטע רייד! — לאַכט מאַניע אין זיך — זיי אַלע מיינען נאָר מיט זייע־רע רייד צו קריגן אַ בחור, צו שטעלן אַ חופּה ביים מורה־הוראה און דערנאָך וועלן זיי זיך בייזערן אויף דער דינסט און פאָרן זומער קיין שווידער און זיך טונקען דאָרט אין בלאָטע־וואַסערל.

ניין, זי, מאַניע, וויל זיך אַליין נישט אָפּנאַרן. זי ווייסט אַז ווען יאַנקל וואָלט געווען אַן אָרעמער באַלעגאָלע פון גזשיבאָוו, וואָלט זי אים היינט נישט אַרויפגעבראַכט אין שטוב אַריין צו איר טאַטן ר׳ לייבוש. אָבער יאַנקל איז רייך. ער האָט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל. זי וועט באַלד נאָך דער חתונה פאָרן מיט יאַנקלען קיין אויסלאַנד. זיי וועלן מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט און עס אַרט איר נישט וואָס אירע חברטעס וועלן זאָגן, אַז זי האָט זיך פאַרקויפט.

מאַניע דערמאָנט זיך אָן איר מאַמע. זי ווייסט, אַז איר מאַמע איז אַנטוישט. זי האָט זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט איר מאַניעס חתן. זי, די מאַמע, מיינט אויך, אַז צוליב יאַנקלס געלט האָט זי, מאַניע, דאָס געטאָן?

— איך האָב אויך אַנדערש געמיינט — מורמלט מאַניע צו זיך שלעפעריק און אירע אויגן פאַלן צו.

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

וואַרשעווער געסט

רפאל גאָלד איז דעם טאָג נישט געגאַנגען אין זיין פאַבריק. ער איז געבליבן אין זיין פּאַלאַץ אויף זאַוואַדזקע גאַס, און אַליין אַכטונג גע־געבן, אַז די אויפנאַמע אין אָוונט פאַר די פּני פון לאָדזש און וואַרשע זאָל מען לאַנג געדענקען.

— איך וויל — האָט ער זיך געריכט פאַר זיינע פריינד — צונויפ־ברענגען דעם יחוס פון וואַרשע מיט דער ענערגיע פון לאָדזש. אַזאַ שידוך איז פון גרויס חשיבות און איך וויל טאַקע זיין דער שדכן.

צווישן ביידע שטעט האָט זינט לאַנג געהערשט אַ שטילע, אָבער עקשנותדיקע קאָנקורענץ. אין די אָרעמע געסלעך פון לאָדזשער באַלוט און דער אַלטער שטאָט און דער וואַרשעווער קראָכמאַלנע און ניזקע גאַס האָט מען וואָס אַן אמת נישט געוווסט פון דער דאָזיקער קאָנקורענץ. די איינוווינער פון באַלוט און פון דער קראָכמאַלנע האָבן געהאַט אַנדערע

דאגות, ווי דער כבוד פון זייערע שטעט. זיי האָבן באַדאַרפט יעדן חודש זאָרגן פאַרן דירה־געלט און פאַר אַ פּאָר גאַנצע שיך פאַר די קינדער, וואָס גייען אין שול.

די קאָנקורענץ האָט אָבער געהערשט צווישן די לאָדזשער גרויסע פאַבריקאַנטן און סוחרים און די וואַרשעווער גבירים. זיי האָבן זיך נישט געליטן איינע די אַנדערע. זיי האָבן זיך נישט פאַרגונען און זיי האָבן מקנא געווען איינע די אַנדערע.

— וואָס איז דער מעלער מיט די וואַרשעווער יחסנים? — האָבן גערעדט צווישן זיך די לאָדזשער פאַבריקאַנטן — מיט וואָס גרויסן זיי זיך אַזוי און גייען אַרום מיט פאַרריסענע נעז, אַז סך־הכל קאָנען זיי אַ קאַץ דעם ווידל נישט צובינדן.

— וואָס וואַרפן זיי זיך מיט זייער געלט — האָבן די וואַרשעווער גבירים גערעדט מיט ביטול — פּראָווינץ בלייבט פּראָווינץ.

האָט זיי רפאל גאָלד געוואָלט צוזאַמענברענגען אין זיין פּאַלאַץ און ביידע זאָלן איינשטימען, אַז נאָר ער, רפאל גאָלד, דאַרף זיין דער איינ־ציקער יידישער סענאַטאָר. זיינע פריינד האָבן די לאָדזשער פאַבריקאַנטן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער כבוד אַז לאָדזש וועט האָבן דעם יידישן סענאַטאָר און אַז די וואַרשעווער ווילן מוחל זיין אויף זייער כבוד און שטימען. צו גאָלדן פּאַסט דאָך נישט צו זאָגן אַנדערש.

די לאָדזשער פּני, וואָס זענען געווען גרויסע מבינים אויף וואָל און בוימוואָל, אָבער ווייניק זיך געקענט אויף די דריידלעך פון פּאָליטיק, האָבן מיט אומגלייבן געצויגן מיט די אַקסלען. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס די וואַרשעווער זענען פּלוצלינג געוואָרן אַזוי גוט און ווילן דעם גרויסן כבוד איבערלאָזן פאַר לאָדזש. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז די יעקעס וועלן אַוועק און דעמאָלט, יאָ, דעמאָלט, וועט זיין בעסער פאַר די וואָס האָבן ביי די יעקעס נישט אָנגענומען קיין כיבודים.

רפאל גאָלד אַליין האָט פון זיינע שמועסן מיט ווישינסקין און דעם באַנקיר סאַלאָמאָן וואַרסקי, יאָ זיך אָנגעשטויסן פאַרוואָס ער איז זוכה צו דעם גרויסן כבוד. ער האָט אָבער געוווסט, אַז ער טאָר זיך נישט אָפּ־זאָגן. זאָל ער נאָר זיין סענאַטאָר. ער וועט שוין שפּעטער וויסן וואָס צו טאָן. כל זמן דער הלך ילכט דאַרף מען זיך מיטכאַפּן, האָט מען געזאָגט אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, און ער, רפאָל גאָלד, האָט זיך ביי דעם

כלל געהאַלטן. ער האָט נאָר געפּועלט ביי אַדעק ווישינסקין און דעם באַנקיר וואַרסקי צו זאָגן, אַז וואַרשע איז מסכים נאָר אויף אים, גאָלדן. צוליב דעם מאַכט ער היינט די אויפנאַמע פאַר די וואַרשעווער געסט, וואָס דאַרפן באַלד קומען. אין זיין פּאַלאַץ וועלן זיי זיך טרעפן מיט די לאָדזשער פאַבריקאַנטן און ביידע וועלן זיך צוזאַמענשמועסן.

אין די גרויסע סאַליעס פון גאָלדס פּאַלאַץ, אויף זאַוואַדסקי גאַס, האָט דעם טאָג געהערשט אַ פריידיקער טומל. מענטשן האָבן זיך גע־דרייט אַריין און אַרויס פון דעם אייזערנעם טויער פון דעם פּאַרק, וואָס האָט אַרומגענומען פון אַלע זייטן דעם פּאַלאַץ פון רפאל גאָלד. די גע־ביידע איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ גרויסן גאָרטן. די ביימער האָבן פאַרשטעלט ביז איבער דער העלפט פון דער געביידע. דאָך אָבער האָט מען אויף דער גאַס געוווּסט, אַז עפּעס וואָס גרייט זיך אין דעם פּאַלאַץ פון גרויסן פאַבריקאַנט.

שטענדיק איז געווען שטיל און פינצטער אַרום דעם פּאַלאַץ. רפאל גאָלד אַליין האָט פילמאָל אויסגעמיטן צו נעכטיקן אין זיין וווינונג, ווי געיאָגט פון פחד.

ביים טויער פון פּאַרקאַן איז אין אַ הילצערנער בודקע אַ גאַנצן טאָג געזעסן אַן אַלטער גוי, אַ שומר, וואָס האָט מיט פאַרדעכטיקע בליקן נאָכגעקוקט די דורכגייער.

דאָסמאָל איז אָבער דער טויער געשטאַנען ברייט אויפגעפּראַלט און מענטשן, באַלאָדענע מיט פּעק, האָבן געהאַלטן אין איין אַריין און אַרויס.

רפאל גאָלד האָט באַשטעלט די קעלנער פון גראַנד־האָטעל צו זיך און צו דעם מעטר ד׳האָטעל האָט ער געזאָגט:

— זעט, עס זאָל זיין אַזוי, וואָס מ׳האָט נאָך אַזעלכעס ביי אונדז נישט געזען. קאַרגט נישט, איר פאַרשטייט...

— איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, פּאַניע פּרעזעסיע, מירן זיך פאַר פּאַריז נישט האָבן צו שעמען.

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— פיליכט זאָלן מיר אונדזערע געסט געבן אויך גייסטיקן גענוס. מוזיק, טענץ, קונסט?

— ס'איז אַ גוטער געדאַנק! — האָט גאָלד צוגעשטימט — באַשטעלט מוזיק, זינגערינס און דעם באַלעט.

באָלד האָט מען אויף דער פּיעטעריקאָווער גאַס געוווּסט וועגן דעם גרויסן באַל, צו וועלכן רפאל גאָלד גרייט זיך. סוחרים האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן דעם רפאלטשע, וואָס האָט שוין, זעט עס, אַזוי פיל געלט, אַז ער ווייסט נישט וואָס מיט דעם צו טאָן.

— שאַמפּאַניער וועט זיך גיסן ווי וואַסער. אַזוי האָט ער, גאָלד, בפירוש אָנגעזאָגט...

— ער האָט אַראָפּגעבראַכט טענצערינס פון בערלין...

— מ'זאָגט, אַז גענעראַל בעזעלער אַליין האָט צוגעזאָגט צו קומען.

גאָלדס מקורבים זענען געקומען און אים איינגערוימט:

— די גאַנצע שטאָט רעדט נישט פון עפּעס אַנדערש ווי וועגן דעם באַל.

רפאל גאָלד האָט אַ צופרידענער געשמייכלט.

— און מען איז מיך גאָרנישט מקנא?

— וואָס הייסט נישט מקנא! — האָבן די מקורבים געוווּסט, וואָס גאָלד דערוואַרט פון זיי צו הערן — נישט איינער פּלאַצט פון קנאה און דעריבער...

— דעריבער איז וואָס? — האָט גאָלד זיך אָנגעשפּיצט.

ער האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל אים מקנא זיין. די אייפערזוכט פון זיינע שונאים איז פאַר אים געווען אַ באַווייז פון זיין גרויסן אויפשטייג. נאָר לא יצלחס און קבצנים איז מען נישט מקנא. גלייכצייטיק אָבער האָט אים פאַרדראָסן ווי מען וואָגט אים מקנא צו זיין.

די מקורבים האָבן געקוקט אָן אַ זייט און דערציילט:

— מ'רעדט פאַרשידנס. אַלץ פון קנאה. זאָגט איינער, אַז מ'וואָלט פאַר דעם געלט געקאָנט עפענען אַ נייע קיך פאַר אָרעמעלייט און אַ צווייטער זאָגט, אַז אין באַלוט הונגערן יידן און אין אַזאַ צייט, נו, איר פאַרשטייט דאָך... און אַ דריטער זאָגט, אַז אַ ייד דאַרף נישט אויפרייסן צופיל די אויגן, און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן.

— זיי וועלן מיך נישט לערנען, וואָס כ'האָב צו טאָן! — האָט גאָלד געזאָגט און געהייסן דעם באַלעבאָס פון גראַנד־האָטעל באַשטעלן די באַרימטע זינגערין, וואָס איז ערשט אָנומלט געקומען פון ווין.

אויך אין דער פֿאַבריק האָט מען גערעדט וועגן דעם באַל פֿון באַ־לעבאָס. נאָר עטלעכע מענטשן האָבן זוכה געווען צו באַקומען אײַנלאַ־דונגען. די איבעריקע האָבן גאָלדן געשאָלטן מיט טויטע קללות.

— פֿאַר אונדזער פּראַצע שטעלט ער זיך אויף פּאַלאַצן און מאַכט בעלער!

— זויגט אויס דעם מאַרך פֿון אונדזערע ביינער צו זײַנע הול־טאַיסטוועס!

— דער זשיד ווייסט שוין נישט וואָס צו טאָן מיט אונדזער געלט...

— שוין די העכסטע צײַט אַזאַ אײַנעם אָנצולערנען...

— צי וועט זיך נישט געפֿינען איינער, וואָס זאָל זיך אָננעמען די קריוודע פֿון אָרעמען מענטשן?

אויך צו דעם אַלטן ר׳ הערשל איז דערגאַנגען וועגן דער שמחה פֿון זײַן זון..

די אַנדערע קינדער האָבן עס אים דערציילט און נישט פֿאַרגעסן צוצוגעבן:

— מיר וואָלטן צו אים נישט געגאַנגען סײַ ווי. מיר דאַרפֿן נישט זײַנע ווײַנען, אָבער ער האָט דאָך אונדז צומאָל נישט אײַנגעלאַדן. ער שעמט זיך שוין מיט דער משפּחה, ער מיינט שוין, אַז ר׳איז טאַקע גראַף פּאָטאָצקי.

ר׳ הערשל האָט זיך שווער פֿאַרהוסט און בלויז אַרויסגעקרעכצט.

— הלוואַי זאָל עס זיך גוט ענדיקן, הלוואַי...

רפֿאל גאָלד האָט ערשט אין לעצטן טאָג געשיקט אײַנלאַדונגען צו זײַנע ברידער. ער האָט נישט געוווסט צי זיי וועלן קומען. ער האָט גע־ווּסט, אַז די אייגענע ברידער זענען אים מקנא. ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן קומען און זען זײַן גרויסקייט. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז זיי ווייסן דאָס און דעריבער וועלן זיי, צו להכעיס אים, בלײַבן אין שטוב. האָט ער זיי געוואָלט ווײַזן, אַז עס גייט אים נישט אָן זייער קומען. ער האָט אַפֿילו נישט געדענקט אין זיי. ער האָט וויכטיקערע זאַכן אויפֿן קאָפּ. ערשט אין דעם לעצטן טאָג האָט ער זיך אָן זיי דערמאָנט און, זאָלן זיי נישט קומען, גייט אים אָן ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי.

ער איז געגאַנגען איבער די גרויסע סאַלאָנען פֿון זײַן פּאַלאַץ און

זיך צוגעקוקט ווי די דינער און קעלנער פֿאַרעס זיך און לויפֿן פֿון איין שטוב אין דער אַנדערער פֿאַרסאָפּעטע.

ער האָט זיי געגעבן אָנווייזונגען, האָט זיך געבייזערט און געשריען, אַז זיי פֿאַרשטייען נישט וואָס מ'רעדט צו זיי און געטראַכט וועגן דער רעדע, וואָס ער וועט היינט האַלטן און וואָס ער האָט זיך בײַנאַכט איינ־געחזרט פֿון אויסנווייניק.

גייענדיק איבער זײַנע שטיבער, האָט ער שטיל פֿאַר זיך נאָכאַמאָל געפּרוווט איבערזאָגן שטיל די איינגעחזרטע רעדע. נאָר באַלד, ביי די ערשטע ווערטער, האָט ער זיך פֿאַרפּלאָנטערט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם וועבער־שגץ יוזשעק. דער פֿאַבריק־וועכטער האָט נעכטן אים פֿון די הויזן אַפּער אַרויסגעצויגן אַ שטיק ווייסע לייוונט. אַזאַ גנב. אַזאַ זאַך טאָר מען נישט פֿאַרשווייגן. אַלע מוזן וויסן, אַז עס לוינט נישט אים, גאָלדן, צו ווּעלען באַגנבענען. ער אַליין איז אַרויס צו דעם גנב אין מיטן פֿאַבריקס־הויף. פֿיל אַרבעטער זענען דערביי גע־שטאַנען, אַזוי איז גוט. זאָלן זיי אַלע וויסן דעם סוף פֿון אַ גנב...

אַ ווייל איז ער געשטאַנען און זיך צוגעהערט ווי דער שייגעץ פֿאַר־ענטפֿערט זיך פֿאַר דעם מייסטער און זאָגט:

— כ'ווייס נישט, וואָס ס'איז מיט מיר געשען. ס'איז ס'ערשטע מאָל און כ'שווער, אַז כ'וועל שוין קיינמאָל נישט.

גאָלד האָט אַ ווייל געשוויגן און דערנאָך געזאָגט צום מייסטער:

— זאָל ער שוין גיין פֿון דאַנען, אָבער שוין! גנבים האָבן דאָ קיין אָרט נישט!

דער שייגעץ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, הערנדיק דעם אורטייל.

— גיט מיר אַ בריוו — האָט ער געזאָגט צום מייסטער — וועל איך גיין.

— איר קאָנט אים געבן אַ בריוו פֿאַרוואָס מען האָט אים געהייסן גיין...

גאָלד האָט באַמערקט דעם קרומלעכן בליק, וואָס דער שייגעץ האָט אים צוגעוואָרפֿן. דער בליק איז אים באַלד נישט געפֿעלן געוואָרן. אין האַרצן האָט ער שוין באַדויערט וואָס ער איז געווען צו שטרענג צו דעם גנב. וואָס גייט אים, גאָלדן, אָן, אַז דער יוזשעק וועט באַגנבענען אַנדע־רע? נאָר צוריקציען זיין אורטייל האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט גע־

פילט אויף זיך די בליקן פון די שווייגנדיקע אַרבעטער. זיי טאָרן נישט וויסן, אַז רפאל גאָלד האָט מורא באַקומען פאַר דעם קרומלעכן בליק פון אַ גנב. וועט ער איינמאָל אַרויסווייזן שוואַכקייט, וועלן זיי, די אַרבעטער, איינגאַנצן צעטראָגן זיין פאַרמעגן, וועלן זיי האַלטן אין איין גנבענען. ער האָט געקאָנט זיין נאָך שטרענגער. ער האָט געקאָנט דעם גנב איבער־געבן אין די הענט פון דער פאָליציי. זאָל ער דאַנקען גאָט, וואָס ער גייט נישט אין געפענגעניש...

און רפאל גאָלד האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן צום פאַבריק־וועכטער:

— פיר אים גלייך אַרויס פון דאַנען, קיין איין מינוט זאָל ער דאָ נישט בלייבן!

אַרויסגייענדיק, האָט דער שייגעץ געוואָרפן נאָך איין בליק צו גאָלדן. ער איז דעמאָלט געווען שטאַרק באַשעפּטיקט און האָט באַלד פאַרגעסן אָן דער געשיכטע מיטן גנב. נאָר איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם יוזשעקן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם רוצחישן גלאַנץ אין דעם שייגעצס אויגן און עס איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט דאַרפן די טעג בעטן דעם פאָליציי־קאָמיסאַר אַכטונג געבן אויף דעם יוזשעקן.

רפאל גאָלד איז אַריין אין זיין שלאָפצימער. צייט זיך איבערצוטאָן. דער אָוונט פאַלט שנעל צו. די געסט וועלן באַלד זיך אָנהייבן צונויפ־קומען. ער ציט אַרויף אויף זיך דעם נייעם פראַק, וואָס ער האָט צו דער שמחה באַשטעלט און די הענט פּלאָנטערן זיך אים ביים צונויפבינדן דעם ווייסן שניפּס.

דאָס געשטאַלט פון דעם בייזן שייגעץ פאַרשווינדט. רפאל גאָלד דערמאָנט זיך די צייטן, ווען ער האָט געטראָגן אַ שטריימל און אַ זיי־דענע זשיפּיצע און איז געפאָרן צום רבין.

ער ווייסט נישט פאַרוואָס ער האָט זיך גראָד איצט אָן דעם דער־מאָנט. אפשר דערפאַר, ווייל ער פילט זיך נאָך נישט גוט אין פראַק. מיט אַ זיידענער זשיפּיצע האָט מען זיך לייכטער געקאָנט אַן עצה געבן, טראַכט ער, מען האָט דעמאָלט נישט באַדאַרפט שטיין אַזוי לאַנג פאַרן שפּיגל און בינדן דעם שניפּס...

— עס האָט געלוינט. — שמייכלט ער צו זיך.

ברייטע קאָטשן מיט די קוטשערס אין יום־טובדיקע מלבושים פאַר־פאָרן איינע נאָך דער אַנדערער פאַרן פּאַלאַץ.

דינער ווארטן אַפּ די קאַטשן און העלפן די הויכגעשטעלטע אורחים אויסשטייגן.

אַנדערע פירן אויף די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ צום האַל צו, ווו עס וואַרט אויף זיינע געסט דער באַלעבאָס פון פּאַלאַץ.

רפאל גאָלד גייט יעדן פון זיי אַקעגן מיט אַ פריינדלעכן שמייכל. קושט די פינגער פון די גרויסע לאַדזשער גבירטעס, וואָס ווילן הייגט איבערשטייגן איינע די אַנדערע מיט זייערע בריליאַנטן און טואַלעטן.

רפאל גאָלד איז צופרידן. די לאָדזשער פאַבריקאַנטן זענען אַלע גע־קומען מיט זייערע ווייבער. אַ צייט לאַנג האָבן זיי אים נישט געוואָלט אַנערקענען. זיי האָבן אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט ברעכן האַלדז און נאַקן, דער גאָלד. אין לאָדזש געשען אַזעלכע זאַכן. גרויסע אַוואַנטוריסטן פּרווון דאָ מער ווי אומעטום זייער מזל. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז עס איז זיי גע־לונגען. זיי פאָרן אין קאַטשן און וואַרפן זיך מיט טויזנטער. די הצלחה אויף פּיעטריקאָווער גאַס איז פול מיט אומדערוואַרטע קאַפּריזן. נישט לאַנג שמייכלט זי צו די גליקלעכע אַוואַנטוריסטן. צומאָרגנס קערט זי פּלוצלינג אָפּ פון זיי דאָס פנים און זיי האָבן שוין נישט צו באַצאָלן פאַרן צימער אין האָטעל...

האָבן פיל געמיינט, אַז אַזוי וועט עס זיך אויך ענדיקן מיט גאָלדן. זעט אָבער אויס, אַז זיי האָבן אַ טעות געהאַט. ער, גאָלד, מוז זיין פון אַן אַנדערן טייג געקנאָטן. ער האַלט פעסט זיין גליק ביי די הערנער און ווערט נאָך גרעסער און רייכער מיט יעדן חודש. איז גלייכער אַזאַ איי־נעם אַריינצוּנעמען אין דער משפחה, עלעהיי ווער קאָן וויסן, צי מ׳וועט אַליין נישט דאַרפן צו אים אָנקומען. אַט שמועסט מען דאָך גאָר, אַז ער זאָל גאָר ווערן סענאַטאָר...

זענען זיי געקומען, די פּאָזנאַנסקיס און די גייערס און די שייבלערס זען דעם פּאַלאַץ פון זייער פריינד און באַגריסן זיינע געסט פון וואַרשע.

באַזונדערס האָבן דעם צונויפטרעף דערוואַרט די ווייבער פון די רייכע פאַבריקאַנטן. זיי האָבן זיך געגרייט לאַנג צו דעם צוזאַמענטרעף. זיי זענען געקומען באַוואָפנט מיט די בריליאַנטן און מיט עקסטראַ־טואַ־לעטן און געוואָלט ווייזן די וואַרשעווער יחסנטעס, אַז די געשיכטע מיט דעם שלעכטן געשמאַק פון די פאַרשטייערינס פון לאָדזשער שיינעם גע־שלעכט, איז געווען נישט מער ווי אַ נאַרישער בלבול.

רפאל גאָלד האָט אַלע מאָל געוואָרפן אַ בליק אויפן זייגער. די וואַר־שעווער דאַרפן באַלד אָנקומען מיט דער ווינער באַן און מיט אייגענע און געדונגענע אויטאָמאָבילן.

ער האָט אַלץ געטאָן, אַז די אמתדיקע וואַרשעווער יחסנים זאָלן קו־מען, אָבער אין האַרצן איז ער נישט זיכער צי זיי וועלן טאַקע קומען.

אַדעק ווישינסקי האָט אים פּייערלעך פאַרזיכערט, אַז „דאָס גאַנצע פאָלק", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, וועט זיך צושטעלן צו דער רגע און צו דער מינוט.

— איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, פּאַניע גאָלד, אַז איך הייס פאַרן, פאַרט מען...

רפאל גאָלד האָט זיך מיט אים, ווישינסקין, אויך אַן עצה געהאַלטן וועגן יאַקוב האַרטן.

— איר פאַרשטייט, פּאַניע ווישינסקי, כ'וויל איינלאַדן דעם פאַן האַרט. כ'האָב זיך מיט אים ערשט נישט לאַנג באַקענט, אָבער כ'ווייס, אַז ער איז אַן ערנסטער געשעפטסמאַן, איז פאַרוואָס נישט? נאָך פון דער אַנדערער זייט ווייס איך נישט...

— וואָס ווייסט איר נישט, פּאַניע גאָלד? — האָבן ווישינסקיס אויגן שטיפעריש געשמייכלט — איך קאָן אייך זאָגן יאַנקלס, כ'מיין יאַקוב האַרטס גאַנצן יחוס און ער אַליין וועט עס אויך זאָגן. ער איז געווען אַ באַלעגאָלע אויפן גזשיבאָוו, האָט געטריבן ר' לויס פערד און זיי אָנגע־קאָרמעט יעדן טאָג אין שטאָל...

— יאָ, איז טאַקע אַזוי — האָט גאָלד זיך ווי פאַרענטפערט — איר פאַרשטייט, פּאַניע ווישינסקי, כ'ווייס נישט צי ער וועט זיך דאָ גוט פילן. איר פאַרשטייט, עס וועלן קומען מענטשן, איר ווייסט דאָך, און ער וועט פילייכט זיך אַרומדרייען ווי אויף אַ פרעמדער חתונה, איז ווי מיינט איר, ער וועט זיך נישט באַליידיקן, דער יאַקוב האַרט?

— יאַנקל וועט זיך נישט באַליידיקן. פאַרוואָס זאָל ער זיין באַליי־דיקט? ער אַליין קאָן זיך אויך אויפשטעלן אַזאַ פּאַלאַץ און עס וועלן צו אים אויך קומען אַזעלכע יחסנים. נאָר מיר הייבט עס נישט אָן צו גע־פעלן. דאָס זאָג איך אייך אָפן, פּאַניע גאָלד. איר זענט נאָך נישט גע־וואָרן סענאַטאָר און איר הייבט שוין אָן, מיט דעם פּאַסט און מיט דעם פּאַסט נישט. וואָס וועט שוין זיין, ווען איר ווערט טאַקע סענאַטאָר? אַ

מענטש וועט דאָך שוין נישט קאָנען צוקומען צו אייך. אַ קלייניקייט עפּעס, אַזאַ פּריץ!...

רפאל גאָלד האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך קוים איינגעהאַלטן נישט שאַרף אָפּצוענטפערן ווישינסקין. ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. זאָל ער נאָר ווערן סענאַטאָר, וועט ער שוין ביי קיינעם קיין דעות נישט פרעגן. דערווייל אָבער, מוז ער לעבן בשלום מיט ווישינסקין. האָט ער גאָר פריינטלעך צו אים געשמייכלט און געזאָגט:

— וואָס רעדט איר, פּאַניע ווישינסקי, מיר איז דען עפּעס אַן אונטערשיד צווישן איין מענטש און דעם אַנדערן? איך בין אַלע יאָרן געווען און געבליבן אַ דעמאָקראַט און, צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן, האַלט איך, אַז זיי דאָרט, אין מאָסקווע, זענען גאָרנישט אַזוי אומגערעכט...

— כ׳פאַרשטיי, פּאַניע גאָלד, איר וואָלט צוגעשטימט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל צונעמען די פאַבריקן פון אַלע אייערע קאָנקורענטן און נאָר ביי אייך זאָל בלייבן די פאַבריק, נישט וואָר?

—הלוואַי פּועלט איר דאָס, פּאַניע ווישינסקי — האָט גאָלד זיך צעלאַכט — נאָר כ׳מיין, אַקעגן וואָס מ׳האָט פריער גערעדט, אַז טאָמער וועט ער זיך נישט פילן...

— זייט רואיק, פּאַניע גאָלד, יאַנקל וועט זיך פילן אויסגעצייכנט. יאַנקל וועט זיי דערציילן וועגן זיינע פערד און זיי וועלן אים דערציילן ווי זיי האָבן אַמאָל געשלעפּט פּעק איבער דער פּיעטריקאָווער גאַס. ווי זיי האָבן געשוויצט ביי דער וועב־מאַשין און אין שטוב איז נישט געווען קיין ברויט...

— גענוג, גענוג, פּאַניע ווישינסקי, איר האָט ביי מיר געפּועלט, כ׳שיק אים גלייך אַרויס די איינלאַדונג...

— איך וועל דאַרפן פּועלן ביי יאַנקלען, אַז ער זאָל וועלן קומען...

רפאל גאָלד האָט זיך באַמיט איבערצורייסן דעם שמועס און ער האָט פאַרגעסן מיט ווישינסקין זיך צו באַראַטן, אַז די וואַרשעווער געסט זאָלן מיטברענגען זייערע ווייבער און טעכטער. ס׳איז אים אינגאַנצן אַרויס פון קאָפּ און איצט שטייט ער אין האָל, נישט ווייט פון דער אַריינגאַנגטיר, און קוקט אויפן זייגער, וואָס רוקט זיך היינט אַזוי מוראַדיק לאַנגזאַם.

זיי זענען געקומען.

אָדעק ווישינסקי האָט דער ערשטער זיך באַוויזן. ער איז געקומען

אין באַגלייטונג פון אַ כאַפּטע יונגע מיידלעך, נאָך וועלכע ס׳איז נאָכ־געאַנגען יאַנקל.

ווישינסקי האָט, ווי שטענדיק, געמאַכט אַ רעש און טומל, ווי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל.

— איר זעט, פריינד גאָלד, — האָט ער מיט אַ ברייטן זשעסט אָנ־געוויזן אויף זיינע באַגלייטערינס — איך האָב געהאַלטן וואָרט, איך האָב אייך געבראַכט די שענסטע רויזן פון אונדזער גאָרטן. איך דאַרף זיי אייך נישט פאָרשטעלן, איר קענט דאָך סאָניען און מאַניען, אָך יאָ, פריילין מיראַ דאַרף איך אייך פאָרשטעלן...

רפאל גאָלד האָט פריינטלעך באַגריסט זיינע געסט און האָט אַפילו וואַרעם געדריקט די האַנט פון יאַנקלען. גלייכצייטיק האָבן זיינע אויגן פרעגנדיק געקוקט אויף ווישינסקין.

ווישינסקי אָבער האָט זיך נישט געאיילט צו ענטפערן אויף גאָלדס פרעגנדיקע בליקן. ער האָט געהאַלטן יאַנקלען ביים אָרעם און גערעדט:

— איר זעט, פריינד גאָלד, אונדזער הער האָרט, האָב איך פשוט מיט געוואַלד אַוועקגעריסן פון זיינע געשעפטן...

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, פאַניע ווישינסקי, זייער, און אייך, פאַניע האָרט...

אין זיך האָט גאָלד געזידט פון כעס. דעם באַלעגאָלע־יונג האָט ער מיר דעם ערשטן געבראַכט און ער רימט זיך נאָך דערמיט.

— איך וויל אייך אויך, פריינד גאָלד, — האָט ווישינסקי ווייטער גערעדט — איבערגעבן אַ גרוס פון דניאל עפּשטיין און פון זיין פרוי, דער מאַדאַם לאַניאַ... זיי באַדויערן זייער וואָס עס איז זיי אוממעגלעך געווען צו קומען.

ווישינסקי האָט נישט געוווסט צי גאָלד האָט שוין געהערט וואָס עס איז געשען מיט בערטאַן. מסתמא האָט ער געהערט. ריידן מיט אים פון בערטאַן האָט אָבער ווישינסקי נישט געוואָלט. האָט ער אים דערציילט, אַז ער, עפּשטיין, האָט איצט צרות מיט די יעקעס און צוליב זיי, די יע־קעס, האָט ער געמוזט בלייבן.

גאָלדס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט. אויף עפּשטיינען און זיין פרוי האָט ער באַזונדערס גערעכנט. זיי האָבן געטראָגן מיט זיך דעם גלאַנץ פון יחסנישן גזשיבאָווער הויז.

ווישינסקיס אויגן האָבן שטיפעריש געשמייכלט צו זיינע באַגלייטערינס.

— קומט, מיינע טייערע, — האָט ער געזאָגט — מירן אַריינגיין אין זאַל און נישט צונעמען צופיל צייט ביי אונדזער גאַסטגעבער, אָט קומען שוין אָן פרישע געסט...

אָן אויסגעפּוצטער דינער אין אַ פראַק, האָט זיי העפלעך געוויזן דעם וועג צום גרויסן אויפנאַם־זאַל.

דער ראַבינער פּערסקי איז געווען דער צווייטער גאַסט, וועמען גאָלד האָט מיט אומגעדולד דערוואַרט. ער איז געקומען אַליין, דער ראַבינער פּערסקי, און ער האָט גערעדט נישט מיט זיין שטענדיקער פרייהייט:

— מיין פרוי בעט זי צו אַנטשולדיקן. זי האָט זייער געוואָלט קומען, נאָר אין לעצטן טאָג, איז איר געזונט נישט ווי אַמבעסטן. נו, האָבן שוין אויך די קינדער געמוזט בלייבן, איך באַדויער ווירקלעך...

— עפּשטיין באַדויערט און פּערסקי באַדויערט... פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, מ'ווייסט שוין די קרענק... — איז גאָלדס בליק געוואָרן נאָך פאַרכמורעטער.

דער ראַבינער פּערסקי איז געווען דאַנקבאַר אַ פרישן גאַסט, וואָס האָט אים מעגלעך געמאַכט איבערצורייסן דאָס נישט אנגענעמע געשפּרעך מיט גאָלדן. עס איז אים נישט אנגענעם געווען דער ליגן וועגן זיין ווייבס קראַנקהייט. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט זאָגן? אַז זי, צעציליע, האָט אויסגעלאַכט גאָלדן מיט זיין פּויליש ריידן און האָט אויך די טעכטער נישט געהייסן פאָרן. מען דאַרף זיך נישט צופיל חברן מיט אַזאַ איינעם...

— פאַר דיינע טעכטערס כבוד קימערסטו זיך מער ווי פאַר מיינעם — האָט צו זיין ווייב געזאָגט דער ראַבינער.

— וואָס רעדסטו, מיין טייערער, נאָר דו, אַז דו גייסט, דערפילסטו אַ געזעלשאַפטלעכע פליכט, ווען דו קומסט אָבער מיט אונדז, איז עס שוין גוטפריינדשאַפט, עס איז, פאַרשטייסט...

דער ראַבינער פּערסקי האָט פאַרשטאַנען, וואָס זיין פרוי מיינט און דעריבער האָט ער זיך נישט גוט געפילט, ווען ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר גאָלדן.

גאָלד איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט ביים באַגריסן די געסט, וואָס זענען אָנגעקומען איינער נאָכן אַנדערן.

ער האָט פונדערווייטנס דערזען אָנקומען דעם באַנקיר סאַלאָמאָן וואַרסקי און פעליקס זאַקסן.

זיי זענען געווען אַליין.

— עס וווּנדערט מיך זייער — האָט גאָלד שוין נישט געקאָנט צו־ריקהאַלטן זיין אַנטוישונג — וואָס די מאַדאַם...

— מיין פרוי באַדויערט עס ווירקלעך — האָט וואַרסקי שנעל גע־רעדט — נאָר איר ווייסט דאָך, אַ פאַרקילונג, און היינטיקע צייטן דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק. מיין פרוי האָט אַפילו געוואָלט טראָץ דעם פאָרן, נאָר איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איר, הער גאָלד, וועט געוויס אַנטשולדיקן...

— געוויס, געוויס, ס׳געזונט מוז מען היטן, — האָט גאָלד איבער־לעך געציטערט פון כעס. — אַלע האָבן זיי זייערע תירוצים. עפּשטיין האָט די יעקעס, און די ווייבער זענען גאָר אַלע מיטאַמאָל קראַנק געוואָרן. יחסנים אַזעלכע! מיינען, אַז מ׳קאָן זיך אָן זיי נישט באַגיין! נו, וועט ער, גאָלד, זיי ווייזן, אַז ער דאַרף זיי נישט האָבן. מ׳וועט זיך היינט ווילן ביי אים אַזוי, אַז מ׳וועט עס האָבן לאַנג צו געדענקען. און צו להכעיס די יחסנים וועט ער, גאָלד, זיין פריילעך און זאָרגלאָז.

ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיין פּנים אַ פריילעכן שמייכל און איז אַרומגעגאַנגען צווישן די געסט, האָט פאַר יעדן געהאַט אַ פריינטלעך וואָרט, האָט געטרונקען לחיים מיט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, האָט געזאָגט קאָמפּלימענטן די מיידלעך, נאָר אין האַרצן האָט געזאָדן זיין כעס קעגן די יחסנים פון גזשיבאָוו. עס שטייט נישט אָן דעם עפּשטיינען צו קומען אַהער מיטן ווייב. וואָס מיינט ער, אַז מ׳געדענקט שוין נישט, אַז ער איז געווען אַ משרת־יונג ביי ר׳ לוין. ער, רפאל גאָלד, איז גאָט צו דאַנקען קיינעמס משרת נישט געווען. ביי זיין אייגענעם טאַטן האָט ער געאַרבעט און נישט אַרויסגעטראָגן פרעמדע פּאַמעשאַפּער. און זי, זיין ווייבל, איז דאָך שוין גאָר אַ סחורה. וואָס מיינען זיי, אַז מען ווייסט נישט, אַז בערטאַ האָט זיך געצומען דאָס לעבן?! נו, און דעם ראַבינערל וועט ער אויך געדענקען. און דעם וואַרסקי. זאָל ער, רפאל גאָלד, נאָר ווערן סענאַטאָר. דעמאָלט וועט ער זיי אַלע ווייזן. אויף די טרעפּ וועלן זיי ביי מיר שטיין! אויף די טרעפּ! כ׳על זיי די שוועל נישט לאָזן אַרי־בערטרעטן. נאָר דערווייל מוז מען זיך מאַכן נישט זען און נישט פאַר־

שטיין. זאָלן זיי מיינען, אַז מ׳קאָן טאַקע דעם גאָלדן איינריידן, אַז אַלע ווייבער אין וואַרשע זענען מיטאַמאָל קראַנק געוואָרן.

די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ וואַלץ. רפאל גאָלד האָט זיך אַ ווייל אַ וואַקל געטאָן. ער איז געשטאַנען לעבן דער עלטערער מאַדאַם פּאָזנאַנס־קי און דער שיינער יונגער באַלעט־טענצערין וואַנדאַ. ער האָט זיך פאַר־נייגט פאַר דער מאַדאַם פּאָזנאַנסקי און איר צופרידענער שמייכל האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט גוט געטאָן מיט זיין אויסוואַל. לעבן אים האָט זיך געדרייט אין טאַנץ פעליקס זאַקס מיט דער שיינער טענצערין.

— מילא, מען מוז טאָן די שווערע פליכט — האָט רפאל גאָלד גע־שלעפּט נאָך זיך די שווערע יידענע און געקוקט נישט אָן קנאה אויף זאַקסן — דער האָט מזל...

— גוט, וואָס כ׳בין אַהערגעקומען — האָט זאַקס געקוקט אויף זיין טענצערין — ווער האָט עס געקאָנט טראַכטן, אַז צווישן די לאָדזשער קוימענס זאָל אַרויסשפּראָצן אַזאַ בלום...

— ביים ערשטן טאַנץ זאָגט איר שוין אַזעלכע קאָמפּלימענטן...

— ביים ערשטן בליק — האָט פעליקס פעסטער צוגעדריקט צו זיך זיין פאַרטנערין — צוליב אייך איז ווערט דאָ צו זיין...

— דאַכט זיך, אַז אייערע באַקאַנטע שמייכלען צו אייך.

— לעבן אייך זע איך נישט קיינעם — האָט פעליקס געענטפערט. פונדעסטוועגן האָט פעליקס זאַקס געוואָרפן אַ בליק אין דער ריכ־טונג אַרום זיך.

מירעלע האָט געטאַנצט מיט אַדעק ווישינסקין. זי האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק צו דער שיינער טענצערין און איר פאַרטנער.

— זעסט, מירעלע, — האָט ווישינסקי צו איר גערעדט — דער פעליקס באַלאַמוטשעט נישט, נאָר איך האָב דאָס מאָל מער גליק פאַר אים...

פעליקס זאַקס איז אַ ווייל געוואָרן צעטומלט, דערזעענדיק מירעלען.

— ווי קומט זי אַהער? — האָט ער געטראַכט און זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין לאַנג מירעלען נישט געזען.

— איר האָט זיך דערשראָקן פאַר אייערע באַקאַנטע? — האָט די טענצערין אים געפרעגט מיט אַ שעלמישן ווונק.

— איך בין נישט אַזאַ שרעקעוודיקער...

— ווער איז זי, די מזרח־שיינקייט? אַן אַראַבישע פּרינצעסין?

— אַ באַקאַנטע פון וואַרשע... — האָט זאַקס קורץ געענטפערט.

די מוזיק איז איבערגעריסן געוואָרן. דער עולם האָט זיך געלאָזט צום בופעט. אַ קרייז פאַרערער האָט אַרומגערינגלט די שיינע באַלעט־טענצערין.

פעליקס זאַקס איז געווען צופרידן. ער האָט זיך אומבאַמערקט צו־ריקגעצויגן. ער האָט פונדערווייטנס דערזען דעם וואַרשעווער עולם.

מירעלע איז געשטאַנען עטוואָס אָפּגערוקט פון די אַנדערע. האָט ער אַזוי אויסמאַנעווורירט, אַז ער זאָל צו איר דער ערשטער אָנקומען.

— כ׳האָב נישט געוווסט, אַז דו וועסט הייַנט דאָ זיין, מירעלע...

— כ׳האָב נישט געוווסט, אַז איך דאַרף אייך פריער מעלדן, הער זאַקס...

— זיי נישט בייז, מירעלע, ווען דו וואָלסט געוווסט...

— איך בין נישט נייגעריק, הער זאַקס...

— אָבער מירעלע, איך פאַרשטיי נישט דיין טאָן, קום אַרויס אין גאָרטן, כ׳על דיר אַלץ אויפקלערן...

— עס איז קיל אין גאָרטן, הער זאַקס...

די מוזיק האָט ווידער גענומען שפּילן.

— ווייסטו וואָס, מירעלע, מירן איצט טאַנצן און כ׳וועל דיר...

— ליידער, הער זאַקס, דער ראַבינער פּערסקי טאַנצט איצט מיט מיר...

דער ראַבינער פּערסקי איז אַ שמייכלענדיקער צוגעקומען און גע־זאָגט:

— כ׳וועל זיך דערמאָנען די אַמאָליקע יונגע יאָרן...

מירעלע האָט אים דערלאַנגט איר אָרעם.

פעליקס זאַקס האָט פאַרביסן די ליפּן. זאָל זי זיך ברוגזן. ער האָט געזען ווי אַדעק ווישינסקי טאַנצט מיט סאָניען. נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען מאָניע. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם בליק אין אירע אויגן.

— זי איז שיין, אָבער זי האָט עפּעס... — האָט ער זיך דערמאָנט ווי ער האָט זי געקושט ביי סאָניען אין שטוב.

— גוטן אָוונט — איז ער צו צו איר — מירביידע דאָ זעען אויס

צו זיין איינזאַמע און פאַרלאָזטע און דאַרפן זיך טרייסטן איינער דעם אַנדערן...

— זע איך אויס אין גויט נאָך טרייסט, הער זאַקס?

— איר זעט אויס וווּנדערבאַר, מאַניע. איז ווילט איר אַ טאַנץ טאָן אָדער אַביסל אַריבערגיין אין גאָרטן...

— און איך וועל קוקן צו דער לבנה, און איר, הער זאַקס, וואָס וועט דאַן טאָן?

— איר זענט ווונדערבאַר, מאַניע, איך וועל טאָן, וואָס נאָר איר וועט הייסן.

— אויב אַזוי, וועלן מיר דאָ שטיין און — וואַרטן.

— אויף וועמען?

— אויף מיין חתן, הער זאַקס.

— אויף אייער?... כ'האָב נישט געוווּסט...

— מיר האָבן נאָך נישט אַרויסגעשיקט קיין מעלדונגען... אָט גייט ער, מיין חתן...

יאַנקל האָט זיך דערנעענטערט, האַלטנדיק אין האַנט אַ גלאָז וואַסער.

מאַניע האָט גענומען דאָס וואַסער און אַ שמייכלענדיקע געקוקט אויף זאַקסן:

— איר קענט דאָך מיין חתן, הער זאַקס...

— מיינע ווונטשן... — האָט זאַקס נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין שטוינען.

— אַ דאַנק, הער זאַקס — האָט יאַנקל קאַלט געזאָגט.

— מירן טאַנצן — האָט מאַניע אַנגענומען יאַנקלס אָרעם — אַדיע, הער זאַקס...

מאַניע האָט אַ שווייגנדיקע און שמייכלענדיקע זיך געוויגט אין יאַנקלס פעסטע אָרעמס און געטראַכט, אַז ערשט איצט האָט זי פאַר־שטאַנען פאַרוואָס זי האָט פּלוצלינג באַשלאָסן צו ווערן יאַנקלס כלה. ווען זי האָט דערזען אים, פעליקסן, האָט זי זיך פאַרשטאַנען. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון אים, פון פעליקסן. זי האָט געפילט, אַז זי מוז אַנטלויפן. ער האָט זי געקושט, פעליקס. די קושן זיינע בריען נאָך איצט אירע ליפּן. און אויך איצט האָט ער זי געוואָלט קושן. דאָס האָט זי געזען אין דעם הייסן בליק פון זיינע אויגן. אָבער זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט זי אַ

שעה שפּעטער פאַרגעסן, ער וועט נעמען פון איר אַלץ און גיין ווייטער זיין וועג. ער וועט אַפילו נישט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם מיידל פון דער פאַנסקע קאַס העכסטנס וועט ער אַ צופרידענער צו זיך אַ שמייכל טאָן טראַכטנדיק: — נאָך איינע...

זי אָבער, וועט נישט פאַרגעסן. זי פילט נאָך איצט דעם אָטעם פון זיין מויל. ניין, זי וועט נישט פאַרגעסן. זי וועט אים נאָכלויפן, זי וועט אים נאָכקוקן, זי וועט אויפציטערן יעדעס מאָל ווען זי וועט אים זען שמייכלען צו אַן אַנדערער פרוי. זי ווייסט, מאַניע, אַז עס איז נאַריש. זי וועט זיך קיינמאָל נישט מודה זיין צו דעם. אין דער בודע אויף קראַקעווער פאַרשטאָט, לאַכן אירע חברים און חברטעס פון דער הימלשער ליבע, וועגן וועלכער מיידלעך האָבן אַמאָל געטרוימט. און זי לאַכט מיט זיי. זייער באַליבטער שרייבער איז היינט דער איטאַליענער פּיטיגרילי. ער פאַרשטייט דאָס לעבן און ער לערנט ווי אַזוי צו געניסן פון לעבן. אירע חברים און חברטעס ריידן זייער קלאָרע רייד וועגן די זאַכן. זיי ווייסן, אַז ליבע איז אַן אויסטראַכטעניש פון די פּאָעטן. זיי ווייסן, אַז עס איז דאָ נישט קיין ליבע, נאָר געוויסע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן. יאָ, זי, מאַניע, געדענקט גוט די אַלע רייד. נאָר אין האַרצן ביי זיך גלייבט זי נישט אין די אַלע רייד. און זי גלייבט אַפילו נישט אירע חברטעס. זי, מאַניע, האָט זיך אויפגעצויגן אויף פאַנסקע גאַס און דאָרט האָט מען אַנדערש געטראַכט און געפילט וועגן די זאַכן. דאָרט, אויף פאַנסקע גאַס, זענען נאָך דאָ די אַלטע יידישע שטיבער און אין די שאַפעס שמעקן מיט נאַפטאַלין די ווייסע חופּה־קליידער פון די יידישע כלות.

און מאַניע ווייסט ביי זיך, אַז טיף אין האַרצן בענקט זי נאָך אַזאַ חופּה־קלייד און נאָך די יידישע קלעזמאָרים און אַפילו נאָך נח נאַשעלסקער, דעם בדחן. און זי האָט געוווסט, נאָך דעם ווי פעליקס האָט זי צום ערשטן מאָל געקושט, אַז זי וועט דאָס אַלץ פאַרלירן, אויב זי וועט נישט געפינען עמיצן מיט שטאַרקע אָרעמס, וואָס זאָל זי באַשיצן קעגן זיך אַליין.

— יאַנקל, — זאָגט זי שטיל.

עס ווערט איר עפּעס אַ רחמנות אויף דעם גרויסן הויכן יונג, וואָס נעמט זי פעסט אַרום און קוקט אויף איר מיט זיינע קינדישע אויגן.

עס דאַכט זיך איר, אַז זי נאַרט אים אָפּ, אַז זי האָט אים מיט איר שאַרף צינגל צעטומלט און זי זאָגט צו אים:

— יאַנקל, האָסט נישט קיין חרטה?...

— יאָך חרטה? — לאַכט יאַנקל מיט אַ פול מויל ווייסע געזונטע ציין — יאָך קלער נאָר, צי דו, מאַניעלע, ווייסט, אַז יאָך קען זיך נישט אויף די ביכער און די אַלע געלערנטע זאַכן.

— נאַרישקייטן, יאַנקל...

— און יאָך, פאַרשטייסט מאַניע, בין נישט — שטאַמלט יאַנקל — נו, ווייסט דאָך מיט יונגער חברה איז אַמאָל...

יאַנקל ווערט רויט און ער ווייסט נישט, צי זי, מאַניע, פאַרשטייט וואָס ער זאָגט.

— זיי זיך נישט פאַר מיר מתוודה — לאַכט צו אים מאַניע — יאָך בין אויך נישט קיין צדקת.

מאַניע דערמאָנט זיך אָן איר קושן זיך מיט זאַקסן. זאָל איך אים עס דערציילן? ווער ווייסט, ער קאָן נאָך דאָ אים דערלאַנגען מיט זיינע פויסטן...

דער געדאַנק טוט איר הנאה. זי וואָלט געוואָלט זען ווי די צוויי יונגען שלאָגן זיך צוליב איר...

— ביסט דאָך גאָר בלוטדורשטיק — לאַכט זי אין זיך — אפשר זאָלן זיי זיך אַרויסרופן אויף אַ דועל אויך...

— וואָס לאַכסטו, מאַניע? — בייגט זיך צו איר אַראָפּ יאַנקל.

— נעמט מיך פעסטער אַרום, יאַנקל.

רפאל גאָלד האָט אַליין נאָר געטאַנצט דעם ערשטן טאַנץ. די איבעריקע טענץ האָט ער געלאָזט פאַר זיינע געסט. ער איז געגאַנגען פון איין זאָל אין אַנדערן און האָט אַכטונג געטאָן, אַז זיינע געסט זאָלן זיך נישט לאַנגווייליקן.

די לאָדזשער פאַבריקאַנטן זענען געווען צופרידן פון די וויינען און דער מוזיק און די שיינע טענצערינס. און זייערע ווייבער זענען געווען נאָך מער צופרידן. זיי האָבן זיך אומזיסט געשראָקן פאַר די טואַלעטן פון די וואַרשעווער דאַמעס. איצט זעען זיי, אַז פון וואַרשע מעג מען אַראָפּקומען אויף פּיעטריקאָווער גאַס זיך לערנען.

די רייכע זונדלעך פון די פאַבריקאַנטן, זענען געשטאַנען גרופּעס־

ווייז און מיט גרויס מבינות אָפּגעשאַצט די פּיס און אַנדערע טיילן פון די פּרויען־קערפּערס, וואָס האָבן זיך פּאַר זייערע אויגן געמיניעט און דער־ביי הויך און ווילעריש צו זיך געלאַכט.

זיי האָבן אַקעגנגעטראָגן אַ פריילעכן שמייכל דעם באַלעבאָס גאָלדן און אים פאַרזיכערט, אַז אין קיין שום אָרט ווילט מען זיך נישט אַזוי גוט ווי ביי אים.

— אַוודאי וואָלט געווען בעסער, ווען די עפּשטיינס זענען דאָ און ווען דער פּערסקי קומט מיט זיין ווייב און טעכטער, אָבער עס האָט גע־קאָנט זיין ערגער — האָט גאָלד זיך געטרייסט. די לאָדזשער פּני האָבן זיך אַלע צוגעשטעלט.

אָט שטייען זיי דאָרט, די פּאָזנאַנסקיס און די זילבערשטיינס אין אַ ווינקל און פירן אַ לעבהאַפטן שמועס.

ער דערנענטערט זיך צו דער גרופּע און זעט ווי פעליקס זאַקס שטייט אין מיטן און אַלע הערן זיך צו צו זיינע רייד.

ער האָט נישט ליב, דעם זאַקסן. עס דאַכט זיך אים שטענדיק, אַז זאַקס שמייכלט אַזוי חוזקדיקלעך יעדעס מאָל, ווען ער טרעפט זיך מיט אים. נאָר איצט איז ער צופרידן, וואָס דער זאַקס איז געקומען. זאָלן זיי, די פּאָזנאַנסקיס און זילבערשטיינס וויסן, אַז נישט בלויז געלט־מענטשן קומען צו אים.

פעליקס זאַקס רעדט מיט זיין טיפער שטים וועגן די נייע צייטן וואָס רוקן זיך אָן. עס וועלן זיין צייטן, וואָס וועלן ענדערן דאָס פּנים פון דער וועלט און פון מענטשן. און מען דאַרף זיין גרייט דערצו. די יוגנט דאַרף זיין גרייט. ווער ווייסט וואָסערע אָנשטרענגונגען און קרבנות עס וועט זיך נאָך פּאָדערן פון דער יוגנט.

פּאַוועל זילבערשטיינס עלטסטע טאָכטער, געניאַ, לאָזט נישט אַראָפּ פון אים קיין אויג. זי איז אויך דאָ אַרומגערינגלט פון אַ מחנה פּאַרערער. זיי לאָזן זי נישט צורו און זי ווייסט, אַז ווען נישט איר פּאָטערס מיליאָ־נען, וואָלטן זיי זי נישט אַזוי באַלאַגערט.

זי ווייסט אויך, אַז זי דאַרף נאָר אויסקלייבן און דער אויסדערוויילטער וועט זיך האַלטן פּאַר גליקלעך.

נאָר איצט קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער שיינער געניאַ אומרואיק. שוין אַ גאַנצן אָוונט ווי זי פּרוווט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון פע־

ליקס זאַקסן אויף זיך. אמת, ער איז ענדלעך צוגעקומען און זיך פאַר־געשטעלט, אָבער זי, געניאַ, ווייסט, אַז זי האָט נישט ווייניק זיך געמיט, אַז ער זאָל צוקומען.

געניאַ האָט זיין רום געברענגט פון וואַרשע. איין מאָל האָט זי אים דאָרט געזען און מער נישט געקאָנט פאַרגעסן.

איצט שטייט ער און רעדט. זי וואָלט אַ גאַנצע נאַכט נישט מיד געוואָרן אים צו הערן, אָבער פאַרוואָס זעט ער זי נישט? פאַרוואָס טוט ער צומאָל נישט אַ קוק אויף איר האַלדז, וואָס אַ יונגער דיכטער האָט ערשט אין אַ ליד באַזונגען?

— האָט ער עמיצן? — געניאַ קוקט זיך אַרום איבערן זאַל. זי זוכט די וואַרשעווער מיידלעך. אפשר איז דאָרט איינע פון די, וואָס ער האָט אויסגעקליבן?

געניאַ ציטערט אויף. לעבן איר שטייט פעליקס זאַקס.

— אַנטשולדיקט, — זאָגט ער — איך האָב געמוזט ענטפערן אויף עטלעכע פראַגן, נאָר די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט, אַז ס׳איז אַ שאָד יעדע רגע, ווען די מוזיק שפּילט און איר זענט נישט לעבן מיר...

— מיר אַלע וואָלטן נישט מיד געוואָרן אייך צו הערן, הער זאַקס...

— און איצט וועט איר מיט מיר טאַנצן?

— מיט פאַרגעניגן.

געניאַס פּנים האָט אויפגעשיינט. זי האָט נישט אומזיסט געוואַרט. ער האָט זי דערזען. און ער האָט זי אויסגעקליבן. זי און נישט קיין אַנ־דערע. זי האָט אים נישט געזען טאַנצן מיט די וואַרשעווער מיידלעך. זיי גייען אים, הייסט עס, נישט אָן...

די אַלטע זילבערשטיינס קוקן נאָך זייער טאָכטער און זיי פרעגן איבער גאָלדן:

— זאַקס.

— ביינוול צי קאַמגאַרן?

— רייד! — זאָגט גאָלד.

דער אַלטער זילבערשטיין ציט מיט די אַקסלען. ער פאַרשטייט, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן צו טאָן מיט ביינוול אָדער קאַמגאַרן, אָבער מיט רייד?

ער ווייסט אָבער, אַז אים פרעגט מען שוין נישט היינט. ער וועט טאָן דאָס, וואָס זיין טאָכטער גענייאַ וועט אים הייסן טאָן.

און ער קוקט נאָך דעם הויכן פאַרשוין, וואָס האַלט זיין טאָכטער אין זיינע אָרעמס און וואָס האָט נישט צו טאָן נישט מיט ביינוול און נישט מיט קאַמגאַרן, נאָר מיט רייד גאָר...

ער איז שוין אַלט, ווייסט זילבערשטיין, און עס דאַכט זיך אים טייל־מאָל, אַז ער איז אַ פרעמדער אין דער שטאָט, כאָטש ער געדענקט ווי די ערשטע האָבן זיך געבויט די ערשטע הייזער אויף פיעטריקאָווער גאַס.

ער פאַרשטייט נישט מער די היינטיקע מענטשן און ער פאַרשטייט אויך נישט זיין אייגענע טאָכטער. זי קלעפּט זיך שטענדיק צו אַזעלכע מענטשן, וואָס געפעלן אים נישט, דעם אַלטן זילבערשטיין. די זיין פון די רייכע פאַבריקאַנטן שטויסט זי אָפּ פון זיך, זיין טאָכטער. ער האָט גע־פּרווט צו אירריידן אַזוי ווי אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט דאַרף ריידן צו זיין טאָכטער. זי האָט זיך אָבער פון אים אויסגעלאַכט.

— האָסט נאָך אַלץ ווייניק געלט, טאַטע — האָט זי אים געענט־פערט.

האָט ער איר געפּרווט נאָכאַמאָל געבן צו פאַרשטיין, אַז געלט האָט ער גענוג. זיין געלט וועט באַלאַנגען צו איר. זי איז זיין יורשטע. נאָר וואָס? עס שאַדט קיינמאָל נישט צו האָבן מער און די פעלדמאַנס זענען אַ סאָלידע פירמע.

— ווילסט מיך פאַרהאַנדלען ווי דו פאַרקויפסט דיין ביינוול, טאַ־טע? שלאָג עס דיר אַרויס פון זינען. איך האָב גענוג די סאָלידע פירמע פון די זילבערשטיינס.

אַזוי האָט זי אים געענטפערט, זיין טאָכטער, און איצט האַלט זי אין זיינע אָרעמס דער פאַרשוין, וועגן וועמען גאָלד זאָגט, אַז ער האַנדלט גאָר מיט רייד.

דעם אַלטן זילבערשטיין געפעלט נישט אַזאַ האַנדל. ער האָט אין זיין מסחר קיינמאָל נישט געטרויט די סוחרים, וואָס האָבן צופיל גערעדט. ער ווייסט אָבער, אַז זיין טאָכטער וועט זיך נישט צוהערן צו אים. ער קוקט בייז נאָך גאָלדן. ווייניק ליידיקגייערס טומלען זיך אויף דער פיעט־ריקאָווער גאַס, האָט ער געמוזט ברענגען אַזעלכע פאַרשוינען פון דער פרעמד, צו פאַרדרייען דעם קאָפּ פון זיין טאָכטער...

ער האָט נישט געוואָלט גיין היינט צו גאָלדן. דער גאַנצער גאָלד געפעלט אים נישט. ער טומלט צופיל און ער רעדט אַ סך. ווער ווייסט, אפשר האָט ער אַנגעקריגן ברייערס פאַבריק אויך מיט פוסטע רייד? גלייכער זיך צו האַלטן פונדערווייטנס פון אַזעלכע לייט. זיין טאַכטער אָבער האָט זיך איינגעשפּאַרט, נו, און אַז געניאַ שפּאַרט זיך איין, ווייסט ער פאַרויס, אַז ער מוז זיך אונטערגעבן.

די אַנדערע געסט האָבן אָבער קענטיק נישט באַדויערט, ווי דער אַלטער זילבערשטיין, וואָס זיי זענען געקומען צו גאָלדן. זיי האָבן זיך גוט געוויילט. די מוזיק האָט פריילעך געשפּילט. די טענצערינס און שוישפּילער האָבן געוויילט דעם עולם. דער בופעט איז געווען אַן אויסגעצייכנטער און פון די ווייַנען און ליקערן זענען די מענטשן געווען שוין האַלב באַרוישט.

נישט בלויז די איינגעלאַדענע געסט אַליין האָבן זיך געוויילט מיט גאָלדס שמחה. די גאַנצע גאַס און די אַרומיקע געסלעך פון דער זאַוואדזקע, האָבן אָנטיילגענומען אין דער פייערונג. יונגוואַרג פון אַלע שטיבער זענען געקומען אָנצולויפן און געשטאַנען פאַר די אייזערנע שטאַכעטן און זיך צוגעהערט צו די פריילעכע מוזיק־טענער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון גאָלדס פּאַלאַץ.

די שומרים פון דעם פּאַלאַץ האָבן אין אָנפאַנג געפרווט פאַנאַנדערטרייבן דעם עולם, און געשריען:

— גייט, גייט, איר פאַרשטעלט דעם וועג.

יונגוואַרג האָט אָבער זיך נישט גערירט פון אָרט און אָפּגעענטפערט:

— די גאַס איז אונדזערע פּונקט ווי גאָלדס. מירן אים נישט אָפּבייסן...

דערויף האָבן די היטערס נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, האָבן זיי בלויז אַכטונג געגעבן, אַז די קונדסים זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן הינטער די אייזערנע שטאַכעטן.

זיי זענען אָבער אינגיכן מיד געוואָרן פון אָפּיאָגן זיך פון דעם יונגוואַרג. זיי האָבן אויך פאַרזוכט פון די ווייַנען און ליקערן, וואָס די קעלנערס האָבן זיי אַרויסדערלאַנגט און זיי זענען אַליין געשטאַנען הינטערן פענצטער און געזען ווי די פּאָרלעך טאַנצן און לאָזן זיך ווילגיין.

— די הויזן צו פאַרזעצן און רייך צו זיין — האָט דער אַלטער

שומר וואָיצעך געזאָגט צו זיין יונגן געהילף — נו, לאָמיר כאַטש נעמען נאָך אַביסל בראָנפּן.

ער האָט געזען ווי יונגוואַרג שטייט שוין הינטער די קראַטעס און קוקט אויך אַריין אין די פּענצטער.

פון יוצא־וועגן האָט ער פון צייט צו צייט אַ געשריי געטאָן:

— קריכט נישט! מ'טאָר נישט!

ער האָט אָבער באַלד פאַרגעסן אָן זיין געשריי און אַליין גערעדט צו דעם יונגן עולם מיטן שטאָלץ פון אַ געטרייען משרת:

— נו, האָט איר שוין געזען אַזאַ פּאַלאַץ? שוין איינמאָל אַ צאַצקע!

אויך עלטערע מענטשן, יידן און יידענעס, גויים און גוייטעס, האָבן זיך אָנגעהייבן זאַמלען אַרום גאָלדס פּאַלאַץ.

די יידן האָבן זיך געפילט ווי שטיקלעך מחותנים אויף דער שמחה. זיי האָבן טאָקע נישט פאַרזוכט פון די אַלע גוטע זאַכן, וואָס מען טיילט צווישן די געסט, אָבער גאָלד איז דאָך פאָרט אונדזערס אַ מענטש. אַ קלייניקייט, אַ ייד איז זוכה צו אַזאַ גדולה, איז ווי אַזוי קאָן מען זיך נישט פרייען...

האָט איינער געפּרוווט טאָקע אויפן אויג אָפּשאַצן דעם ווערט פון דעם פּאַלאַץ. און אַ צווייטער האָט פאַראייַנוועגס געפּרוווט טרעפן וויפיל מיליאָנען דער גאָלד פאַרמאָגט.

האָט אַ יידענע פרום פאַרגלאָצט די אויגן און זיך געווונטשן:

— הלוואַי, גאָטעניו, ביי מיין טאָכטערס חופּה אַזאַ שמחה...

איר שכן האָט מיט אַ געלעכטערל געפרעגט:

— איר ווייסט כאָטש, וויפיל אַזאַ סעודהלע קאָסט?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן?

האָט זיך איינער געווונטשן צו פאַרמאָגן דאָס, וואָס די ווייַנען קאָסטן און אַ צווייטער האָט געוואָלט פאַרמאָגן דאָס, וואָס דער פּרעס איז ווערט, און אַ דריטער האָט געוואָלט פאַרדינען אַ גאַנץ יאָר דאָס, וואָס די קעל־נערס וועלן היינט באַקומען פון די געסט.

די גויים און די גוייטעס האָבן נישט געמאַכט קיין חשבונות. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, כדי בעסער צו זען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק.

— נישט קיין גערעכטע וועלט — האָט אַן אַלט גוייעלע אָפּגעקרעכצט — איינער האָט אַ סך און דער צווייטער האָט גאָרנישט...

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס, ליבע מענטשן — האָבן די גוייטעס צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— דאָס גאַנצע געלט האָבן די זשידעס...

— זיי באַראַבעווען דאָס אָרעמע פאָלק...

— אַז מיר שווייגן...

די יידן האָט פאַרדראָסן צו הערן אַזעלכע רייד. אמת, אויך זיי זענען מקנא גאָלדן, אָבער ווען עשו בילט, דאַרף מען זיך אָננעמען פאַר אַ ייד.

און זיי האָבן געזאָגט צו די גויים:

— און צו אייערע רייכע לייט האָט איר נישט קיין טענות? אַנו, פּרוווט נאָר צוצוגיין צו זייערע פּאַלאַצן, וועלן זיי באַלד אָנרייצן אויף אייך די הינט...

— דו, זשיד, מיש זיך נישט אַריין אין אונדזערע זאַכן.

— האָסט נישט וואָס צו ענטפערן, האַ?

— נישט דיין פּראַנצעוואַטע עסק, זשיד!

— הער אויף מיטן זשיד, אַנישט וועל איך דערלאַנגען — רופט זיך אָפּ אַ יונגערמאַן אין אַן אַרבעטער־בלוזע.

— אַנו, לאָמיר זען, וואָס דו קאָנסט!...

דער אַלטער וואָיצעך און זיין געהילף האָבן אין דער לעצטער מינוט זיך אַריינגעמישט און פאַרמיטן אַ געשלעג.

— זאָל זיין שטיל, — האָט ער געשריען און געבעטן זיך — כ׳וועל דאָך מוזן אייך אַלע אַרויסטרייבן...

דורך די פענצטער האָט זיך געטראָגן אַ טיפע, צאַרטע סאָפּראַנאָשטים.

— שאַ, שאַ! — האָבן די יידן און די גויים גענומען סיקען — זאָל זיין שטיל.

דאָס געזאַנג איז געוואָרן שטאַרקער. פון די אַרומיקע הייזער האָבן זיך געעפנט פענצטער און מענטשן האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ.

אין פּאַלאַץ האָט זיך געהערט אַ לאַנג פּאַטשעריי מיט די הענט. אינדרויסן האָט דער עולם מיטגעפּאַטשט און די שקצים האָבן געפיפן.

— הערט אויף צו פּאַטשן — האָט דער אַלטער וואָיצעך, מיט אַ

שיכור קול, זיך געבעטן — דער פאַן קאָן נאָך אַרויסקומען און זען וואָס עס טוט זיך.

ער איז שטיל געוואָרן פאַר שרעק. לעבן אים איז ווי פון דער ערד, אויסגעוואַקסן רפאל גאָלד.

— פאַניע, — איז דער אַלטער וואַיצעך מיטאַמאָל געוואָרן אויס־געניכטערט — כ׳וועל באַלד.

— לאָז געמאַך, וואַיצעך. וואַרט, כ׳וועל הייסן אַרויסגעבן עפּעס צו טרינקען...

ער איז גלייך צוריק אַריין אין פּאַלאַץ. ער איז צופרידן, וואָס די גאַס איז געקומען צו אים. ער ווייסט, אַז פאַר אַ סענאַטאָר איז דאָס גוט. דאָס פּראָסטע פאָלק דאַרף ליב האָבן דעם סענאַטאָר...

די קעלנערס האָבן אַרויסגעטראָגן קוישן ביר און בראָנפן.

— ביטע, — האָבן זיי געזאָגט — פאַרזוכט, דער פאַן האָט גע־הייסן...

אַ ווייל איז דער עולם געשטאַנען צוריקגעהאַלטן.

— נו, לאָמיר פאַרזוכן — האָט דער אַלטער גוייעלע גענומען אין האַנט אַריין אַ גלאָז בראָנפן — אוווא, אַ טייערע משקה, פאַרזוכט, ברי־דער, פאַרזוכט...

האָט מען זיך מער נישט געלאָזט בעטן און פאַרזוכט איינמאָל און נאָכאַמאָל.

—אַ טייערע משקה — האָבן גויים זיך געווישט די וואָנצעס און צוגעגעבן — אַ פיינער פאַן, נישטאָ וואָס צו ריידן...

— איר זעט ווי ביי אונדז איז — האָבן יידן זיך געריימט — איר זעט...

די יידן און יידענעס, וואָס האָבן נישט געוווסט פונוואַנען זיי וועלן מאָרגן נעמען אויף דירה־געלט, האָבן אין די מינוטן זיך געפילט ווי זיי אַליין וואָלטן געהאַט אַ חלק אין גאָלדס פּאַלאַץ, אין זיינע פאַבריקן און אין זיין רייכקייט.

קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

אַ פאַרשפּעטיקטער גאַסט

פּיניע איז געבליבן שטיין אַ נישט אַנטשלאָסענער אין דער מיט פון די פאַרזאַמלטע מענטשן, וואָס האָבן נישט אָפּגעריסן די אויגן פון די העל־באַלויכטענע פענצטער פון גאָלדס פּאַלאַץ.

ער האָט געהאַלטן אַ קליין האַנט־רענצל אין האַנט. ער איז גלייך פון דער באַן געקומען אַהער. ער האָט נישט געוווּסט ווו סאָניע געפינט זיך און ער האָט גערעכנט ביי גאָלדן זיך צו דערוויסן איר אַדרעס.

ער האָט נישט געוווּסט וועגן גאָלדס שמחה און האָט נישט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס אַזוי פיל מענטשן זענען געקומען אַנצולויפן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט ער געפרעגט ביי די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים מיט אויסגעצויגענע העלדזער.

צו זיינע אויערן זענען דערגאַנגען קלאַנגען פון פריילעכער טאַנץ־מוזיק.

— איר זעט נישט? — האָט אים אַן אַלטע פרוי געענטפערט — זיי טאַנצן.

און זי האָט צוגעגעבן מיט אַ קרעכץ:

— ווען זיי וואָלטן געהאַט מיין רעוומאַטיזם און ביינער־ברעכע־ניש, וואָלטן זיי נישט געטאַנצט...

פּיניע האָט זיך געפילט נידערגעשלאָגן. ער האָט געקוקט אויף זיין האַנט־רענצל און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

ער האָט דעם גאַנצן וועג, פאָרנדיק מיט דער באַן קיין לאָדזש, נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט זיך טרעפן מיט סאָניען, וועט איר דערציילן וועגן דער אַלטיטשקער מומע טשיפּעלע און וועט איר איבערגעבן די געל־געוואָרענע געדיכט־באַשריבענע בלעטלעך, וואָס די מומע טשיפּעלע האָט אַזוי פיל יאָרן געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, כדי ער, פּיניע, זאָל איצט קאָנען סאָניען איבערגעבן די ירושה פון איר פאָטער.

פּיניע האָט דעם גאַנצן וועג געפּרוּווט זיך פאָרשטעלן סאָניעס טרויע־ריקן שמייכל, ווען זי וועט אַ קוק טאָן אויף די געל־געוואָרענע בלעטלעך

און ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט איר זאָגן עפּעס גוטעס, עפּעס אַזעל־כעס, וואָס זאָל זי, סאָניען, ברענגען נאָענט צו אים.

איצט זענען זײַנע טראַכטענישן פאָרגעקומען נאַרישע און קינדישע.

ער האָט נישט געקוקט אין די העל־באַלויכטענע פענצטער, ווי די אַנדערע נײַגעריקע. ער האָט נישט באַדאַרפט קוקן, כדי זיך פאָרצושטעלן וואָס עס קומט איצט פאָר אין גאָלדס סאַלאָנען. עלעגאַנטע קאַוואַלירן, מיט ווײַסע גאַרסן און פראַקן, אומאַרמען אין טאַנץ אויסגעפּוצטע און אויסדעקאָלטירטע דאַמען און רוימען זיי אײַן מיט געדעמפּטע דיסקרעטע שטימען אויסגעדראָשענע קאָמפּלימענטן, פאַר וועלכע די אויערן פון יע־דער פרוי זענען שטענדיק אָפן.

פּיניע האָט נישט געוואָלט קוקן אין פענצטער אַרײַן. ער האָט דאָרט נישט געוואָלט דערזען סאָניען. זי ווערט געוויס באַלאַגערט פון די עלע־גאַנטע קאַוואַלירן און גייט איבער אין טאַנץ פון איינעמס צום אַנדערנס אָרעמס. זי איז באַרוישט פון דער מוזיק, פון ווײַן, פון דער ים ליכט, פון די מענערישע אומאַרעמונגען, און פון זייערע קאָמפּלימענטן.

— ווי אַ יון אין סוכה וועל איך צו זיי אַרײַנפאַלן מיט מײַן גראָ רעקל און מיטן פאַרשטויבטן רענצל אין האַנט.

ווער איז דער פאַרשוין? — וועט יעדער פרעגן. ווער ווייסט גאָר צי די דינערס וועלן אים לאָזן אַרײַנגיין. זיי וועלן אים אפשר פאַרשטעלן דעם וועג און אים הייסן גיין. און סאָניע וועט אים פיליײַכט נישט דער־זען, פּונקט ווי זי האָט אים נישט דערזען די גאַנצע צײַט. און וואָס וועט ער איר זאָגן? וואָס? וועגן די געלע געדיכט־באַשריבענע בלעטלעך פון דער מומע טשיפּעלע? זי וועט זיך דאָך פון אים אויסלאַכן. זע נאָר, די מציאה וואָס ער האָט איר געבראַכט! ווער דאַרף די אַלטע בלעטלעך, וואָס זענען געוויס פול מיט קינדישע ייִנגלשע סענטימענטאַלע טראַכטענישן פון עפּעס אַ בחורל, מיט צענדליקער יאָרן צוריק...

— נאַר, וואָס דו ביסט! — האָט פּיניע זיך געזידלט — וואָס ביסטו געלאָפן ווי אַ חדר־ייִנגל? זעסט, רפאל גאָלד האָט וואָס צו געבן... ער האָט פּאַלאַצן, ער האָט מיליאָנען, ער האָט שאַמפּאַניער, אָבער דו, דו, פּיניע, וואָס האָסטו?

— אפשר אַרײַנגיין אין האָטעל — האָט פּיניע געטראַכט — אָרומ־וואַשן זיך, אָוועקלייגן דאָס רענצל און שפּעטער צוריקקומען?

פּיניע האָט געוווסט, אַז קוים וועט ער פונדאַנען אַוועקגיין, וועט ער מער נישט צוריקקומען. זיין גאַנצע פרייד און דערוואַרטונג, דער באַגער צו זען סאָניען און איר ברענגען די „ירושה", איז אים פאַרגעקומען לעכערלעך. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פעליקס זאַקסן. סאָניע טאַנצט געוויס מיט אים און זיי ביידע וועלן לאַכן, ווען זי, סאָניע, וועט אים דערציילן מיט וואָס ער, פּיניע, איז געקומען צו לויפן אַהער אַזש פון וואַרשע...

פּיניע האָט פעסטער אָנגענומען דאָס רענצל אין האַנט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מ'וועט עס אים אַרויסכאַפּן. ער האָט זיך געלאָזט מיט פעסטע טריט צום אַריינגאַנג. זאָלן זיי לאַכן. גוט, זאָל סאָניע ווידער קוקן איבער זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט נישט עקזיסטירט. ער ווייסט דאָס אַלץ, אָבער ער מוז דאָס אַלץ זען מיט זיינע אייגענע אויגן. ערשט דעמאָלט וועט ער זיך קאָנען באַפרייען פון דער אומרו וואָס יאָגט אים.

ער איז אַריין אין דעם גרויסן האָל, וואָס האָט זיך געטונקט אין אַ ים ליכט.

פּיניע האָט אַ וויל צוגעמאַכט די אויגן פון דעם שטאַרקן ליכט. דער האָל איז געווען ליידיק.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דער ליידיקייט פון דעם גרויסן זאַל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין צווייטן עק פון דעם גרויסן זאַל האָט ער דערבליקט אַ בלאָנדן יונגנמאַן, וואָס איז פונקט ווי ער געווען אָנגעטאָן אין אַ גראָען וואַכעדיקן רעקל.

— אַ דינער — האָט פּיניע אַ טראַכט געטאָן — כ'וועל אים פרעגן אויף גאָלדן.

ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, ווו דער בלאָנדער יונגערמאַן איז געשטאַנען.

אָבער ווען דער פרעמדער האָט אים דערזען דערנענטערן זיך, האָט ער זיך גענומען צוריקציען צו דער טיר און איז פאַרשוווּנדן אין גאָרטן.

— אַ גנב, צי וואָס? — האָט פּיניע אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

ער האָט באַלד פאַרגעסן אָן דעם פרעמדן און אָן זיין אַנטלויפן פון אים. ער האָט דערהערט הינטער זיך אַ באַקאַנטע שטים:

פאַר אים איז געשטאַנען אַדעק ווישינסקי.

— ס'קאָצל קומט! — האָט ער זיך צעלאַכט מיט זיין ברייט געלעכטער — אט דאָס הייסט אַ גאַסט!

װישינסקי האָט געקוקט אויף פּיניעס צעקנײטשטן רעקל און אויף דעם רענצל, װאָס ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט, און האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט.

— נו, פּיניע, — האָט ער אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלײצע — זײ נישט ברוגז פון מײן לאַכן. װײסט דאָך, אַז איך האָב גלאַט ליב צו לאַכן און אַז איך לאַך איצט יאָ פון עמיצן, איז עס פון אונדזער ליבן גאַסטגעבער גאָלד...

— אָבער װאָס... — האָט פּיניע געמײנט, אַז װישינסקי האָט גע־נומען אַן איבעריק גלעזל.

— זײ רואיק, פּיניע, כ׳בין נאָך נישט שיכור, נאָר דערװײל קום צום בופעט, װעלן מיר בײדע מאַכן אַ לחיים...

— מײן הער — איז פאַר פּיניען אויסגעװאַקסן אַ דינער אין אַן עלעגאַנטן פראַק — צו װעמען דאַרפט איר, מײן הער?

דער דינער האָט מיט פאַראַכט געקוקט אויף פּיניעס צעקנײטשטע הויזן און רענצל, װאָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— נישט דײן באַבעס עסק — האָט װישינסקי אַ שאַר אָועק געטאָן מיט דער האַנט דעם דינער — און איך װעל זאָגן דעם הער גאָלד, אַז זײן דינערשאַפט איז נישט גאָר העפלעך...

— אַנטשולדיקט — האָט דער דינער זיך טיף פאַרנײגט — כ׳האָב נישט געװוּסט...

— נו, גוט, קאָנסט גײן — האָט אים װישינסקי באַפוילן.

ער האָט אָנגענומען פּיניען בײם אָרעם:

— קום, מירן אַרײנגײן אין בופעט.

דער בופעט־זאַל איז געװען שיטערלעך באַזעצט.

— אַלץ טאַנצט! — האָט װישינסקי אָנגעװיזן אויף די לײדיקע טישלעך — נאָר איך מוז פון צײט צו צײט זיך אָפּרוען און אַרײנכאַפּן אַ טרונק.

אַ דינער האָט אָנגעפילט צװײ גלעזער.

— לחיים, פּיניע, לחיים! װײסט כאָטש צוליב װאָס מ׳פרײט זיך דאָ אַזױ?

— כ׳בין נאַרװאָס געקומען — האָט פּיניע געענטפערט און געװאָלט פרעגן װוּ איז סאָניע.

— יאַנקל איז אַ חתן געוואָרן! — האָט ווישינסקי געזופּט פון זיין גלאָז.

— יאַנקל?!

פּיניעס פּנים האָט אויסגעדריקט אַזאַ דערשטוינונג, אַז ווישינסקי האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס וווּנדערסטו זיך, וואָס? יאַנקל איז אַ שיינער יונג און געלט האָט ער אַזוי פיל, אַז יעדעס מיידל וועט זיך אָן אים אָנהענגען...

— ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, יאַנקל...

— ער אַליין האָט אויך נישט געוווּסט, דאַכט זיך מיר. דאָס מיידל האָט אים מיט שטורעם גענומען. היט דיך, פּיניע, אַז עס זאָל מיט דיר אַזעלכעס נישט געשען. הע־הע־הע, אַז אַ מיידל שפּאַרט זיך איין... און דו קענסט זי אויך, יאַנקלס כלה...

— איך?

פּיניע איז בלייך געוואָרן. ווער איז זי, יאַנקלס כלה, וואָס ער קען זי אויך? סאָניע?

יאָ, באַשטימט סאָניע... ערשט איצט האָט פּיניע זיך דערמאָנט אַז יאַנקל האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן מיט אים פון סאָניען...

— יאָ, אַוודאי קענסטו זי, מאַניען, ר׳ לייבוש גרינגלאַס טעכטערל, פון דער פּאַנסקע גאַס, אַ פייער אַ מויד!...

— יאָ, אַ פיין מיידל.

פּיניע איז איצט גרייט געווען צו געבן מאַניען אַלע מעלות. ער איז גרייט געווען זי צו קושן פאַר פרייד, וואָס זי, און נישט סאָניע, איז יאַנקלס כלה.

— נו, האָט ער זי דיר נישט אויסגעכאַפּט, יאַנקל?

— מיר?! — האָט פּיניע אַ שמייכל געטאָן — נו, לאָמיר טאַקע טרינקען לכבוד דעם פּאָרל. אָבער כ׳פאַרשטיי נישט ווי קומט דאָ אַהער גאָלד, גאָר?

— פאַרשטייסט, פּיניע, גאָלד האָט אַן אַנדערע שמחה. ער וויל ווערן סענאַטאָר, און דאַכט זיך מיר, אַז ער וועט עס אויך ווערן. נו, וויל ער אונדז ווייזן זיין פּאַלאַץ, נאָר אונדזער עולם פראַוועט דערווייל מיט גאָלדס בראָנפן יאַנקלס תנאים...

— װוּ זענען זײ אַלע? — האָט פּיניע געװאָלט װיסן װוּ ער דאַרף זוכן סאָניען.

— מירן זיצן דאָ און זײ װעלן אַלע קומען אַהער. װאָרעם זעסט, פּיניע, דער בופֿעט איז אַזאַ אינסטיטוציע, צו װעלכער אַלע מוזן אָנקומען. דאָס איז מײַן פֿילאָזאָפֿיע, פּיניע, און איך פֿאַרזיכער דיר, אַז זי איז די ריכטיקע, די אײנציק אמתדיקע. אָט באַלד װעסטו זען, די מוזיק װעט אױפֿהערן שפּילן און דעמאָלט װעלן אַלע עלעגאַנטע קאַװאַלירן, װאָס בײַם טאַנצן פֿאַרזיכערן זײ, אַז זײ זענען באַרױשט פֿון דער שײנקײט פֿון זײערע דאַמעס, באַלד קומען מיט זײ צום בופֿעט...

— איר, פֿרײַנד װישינסקי, זענט הײנט בײסיק, װאָס די מײדלעך האָבן געהאַט אַנדערע קאַװאַלירן.

— פֿאַרשטײסט, פּיניע, שױן נישטאָ די אַמאָליקע כּוחות, שעם איך זיך שױן נישט צו זאָגן דעם אמת. אָט זע, די קאַװאַלירן הײבן שױן אָן ברענגען זײערע גראַציעס צום בופֿעט.

דער בופֿעט־זאַל האָט זיך שנעל אָנגעפֿולט. די קעלנערס זענען געגאַנגען פֿון טיש צו טיש און די געסט האָבן זיך נישט געלאָזט בעטן און האָבן טועם געװען פֿון אַלע מאכלים, װאָס גאָלד האָט באַפֿױלן צוצוגרײטן.

— אָט האָסטו פֿעליקס זאַקסן. זעסט, פּיניע, אױך ער מוז אָנקומען צום בופֿעט און האָט נישט געװגט דעם גײסט...

פּיניע האָט געקוקט אין דער ריכטונג, אין װעלכער װישינסקי האָט אים אָנגעװיזן.

— אָ, דער זאַקס — האָט װישינסקי צוגעװוּנקען צו פּיניען — ער טױג זיך שױן אײנמאָל צו די זאַכן! די שענסטע מײדלעך קלעפּן צו אים. זעסט, איצט גײט ער מיט אונדזער סאָניעלע און די צװײטע איז דעם אַלטן זילבערשטײנס טאָכטער. זי איז װערט אַ מיליאָן...

פּיניע האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט מיט אײן זופּ אױסגעטרונקען זײַן גלאָז בראָנפֿן. נאָך װאָס איז ער געקומען אַהער, נאָך װאָס? צו זען װידעראַמאָל װי סאָניע קוקט אין די אױגן דעם זאַקס, װי קײן שום אַנדערער מענטש, אױסער אים, װאָלט נישט װערט געװען צו שענקען אַ בליק?

פיניע האָט אָפּגעקערט זיין בליק פון סאָניען. ער האָט געקוקט אויף דער ליידיקער גלאָז, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— מירן נעמען נאָך אַ טרונק? — האָט ווישינסקי געפרעגט.

פיניע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער קעלנער האָט אָנגעפולט די גלעזער. פיניע האָט מיט איין זופּ אויסגעליידיקט זיין גלאָז. ער וועט באַלד גיין. ער וועט נעמען דאָס רענצל אין האַנט און גלייך גיין צום באַנהויף. מיטן ערשטן צוג וועט ער צוריקפאָרן, ער וועט די געלע געדיכטע באַשריבענע בלעטלעך צוריקשיקן דער מומע טשיפּעלע.

— פיניע, דערקענסט שוין גאָרנישט קיין מענטש?

לעבן דעם טיש איז געשטאַנען סאָניע.

— איך, איך... — האָט פיניע פון איבערראַשונג געשמייכלט.

— נו, נו, סאָניעלע, דו מעגסט דאָך וויסן דעם אמת, ער האָט גענומען אַביסל צופיל פון דעם בראָנפן דאָ...

— ווען ביסטו געקומען, פיניע?

און זי האָט צוגעגעבן מיט איר טיפער שטים:

— מ׳האָט דיך לאַנג נישט געזען, פיניע.

די מוזיק האָט ווידער אָנגעהייבן שפּילן.

— האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז דו לערנסט זיך טאַנצן, פיניע, נו, ווילסט פּרוּוון?

פיניע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויף זיינע צעקנייטשטע הויזן.

— ס׳מאַכט נישט, פיניע, נישט וואָר, פאַניע ווישינסקי, אַז פיניעס וואָכעדיק רעקל וועט קיינעם נישט אָפּבייסן?

— אַז דו, סאָניעלע, זאָגסט, וועל איך וואַגן צו זאָגן אַנדערש?

— כ׳על נאָך זען מיט דעם רענצל, סאָניע...

— וואָס היטסטו אַזוי דאָס רענצל, פיניע, אַן אוצר האָסטו דאָרט באַהאַלטן? — האָט ווישינסקי געלאַכט — נו, גיי שוין, גיי, איכל נאָך אַביסל דאָ זיצן, קאָנסט אַוועקלייגן אויפן שטול דאָס רענצל דיינס.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, פיניע! — האָט אים סאָניע אָנגענומען ביים אָרעם.

— כ׳האָב געמײנט... — האָט פּיניע געשטאַמלט און נישט געװוּסט װאָס צו זאָגן פון גליק.

— טאַנצסט דאָך גאָר גוט — האָט סאָניע זיך צו אים צוגעבײגן — אָט אַזוי האַלט מיך...

— כ׳זאָל זיך נאָר נישט אױסגליטשן — האָט פּיניע געשמײכלט און צוגעגעבן:

— כ׳בין געװען בײַ דיר, סאָניע...

— פאַרװאָס האָסטו מיר נישט געשריבן, כ׳װאָלט נישט געפאָרן...

— װאָלסט אױף מיר געװאַרט, סאָניע?

— אַװדאי װאָלט איך געװאַרט, פּיניע...

— װײסט, סאָניע, כ׳בין געװען אַ חזיר, דעמאָלט...

— רײד נישט קײן נאַרישקײטן, פּיניע...

— דו װײסט נישט אַלץ, סאָניע... װען דו װאָלסט געװוּסט...

— גיב אַכטונג, פּיניע, זאָלסט נישט אָנטרעטן אױף דעם מײדלס קלײד...

בײדע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

אין דעם זאַל איז געװען ענג פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. פיל אױגן האָבן מיט שטױנען געקוקט אױף סאָניעס קאַװאַליר, מיט דעם גראָען רעקל און צעקנײטשטע הױזן.

— װער איז ער? — האָבן די מײדלעך געפרעגט בײַ זײערע קאַװאַלירן — אַזױ צו קומען אױף אַזאַ אָװנט.

— עפּעס אַ שלעפּער...

— איך װאָלט זיך געשעמט צו טאַנצן מיט אַזאַ אײנעם... — האָבן די מײדלעך געקוקט אױף סאָניען.

— זעסט, פּיניע איז דאָ! — האָט מאַניע אין מיטן טאַנץ מיט איר חתן געזאָגט.

— פּיניע איז דאָ?

— ער טאַנצט מיט סאָניען, אָט דאָרט, זײ האָבן זיך, זעט אױס, איבערגעבעטן...

— זײ זענען געװען צעקריגט? כ׳האָב גאָרנישט געװוּסט.

— און דו האָסט גאָרנישט געװוּסט, אַז פּיניע איז פאַרליבט אין סאָניען?

— ווי יאָך בין אַ ייד — האָט יאַנקל פון גרויס איבעראַשונג אָנגעהייבן ריידן מיטן לשון פון גזשיבאָווער באַלעגאָלעס — אַזאַ יאַט, ר׳האָט מיר גאָרנישט געזאָגט...

— אַלע מענער זענען נאַראָנים און דאַרפן מען זאָל זיי אַלץ אַרייַנלייגן אין מויל אַריין. זאָג, יאַנקל, האָסטו געוווסט, אַז איך וויל דיך געמען פאַר אַ חתן?

— ווי יאָך בין אַ ייד, כ׳האָב נישט געוווסט — האָט יאַנקל געוויזן צוויי שערענגעס ווייסע ציין — אָבער אַצינד ווייס יאָך... נאָר מיט דעם פּיניע איז מיר נישט אייַנגעפאַלן און מלכהלע די גרושה, האָט אַלע מאָל זיך געפרעגט אויף פּיניען...

— מלכהלע די גרושה? — האָט מאַניע זיך אָנגעשפּיצט — וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשווינטע?...

— פאַרשטייסט, מאַניע, נו, ווייסט דאָך, כ׳מיין...

— איך פאַרשטיי שוין גוט — האָבן מאַניעס אויגן אויפגעבליצט

— האָט ער, פּיניע אויך מיט איר, מיט דער מלכהלע, כ׳מיין?...

— נו, ווייסט דאָך, מאַניע... כ׳מיין...

— כ׳ווייס שוין גוט, יאַנקל, וואָס איך מיין, נאָר מילא, אַז סאָניע האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן, איז עס נישט מיין זאַך. נאָר דו, יאַנקל, היט זיך!

— וואָס איך?

— ווי קומסטו צו איר, צו דער מלכהלע...

— דו פאַרשטייט, מאַניע, כ׳מיין...

— הער אויף צו מיינען, יאַנקל, און געדענק, אַז מער זאָל אַזעלכעס נישט זיין, דו קענסט נישט ר׳ לייבושס טאָכטער פון דער פאַנסקע גאַס, כ׳זאָל מער נישט הערן פון אַזעלכע מלכהלעך, הערסט?!...

— וואָס פאַלט דיר איין, מאַניע...

— זעסט, יאַנקל, פּיניע שמייכלט צו דיר.

פּיניע איז געשטאַנען ביי דער טיר, וואָס האָט געפירט צום גאָרטן. אָנגעשפּאַרט אָן זיין אָרעם איז געשטאַנען סאָניע.

דער טומל איז דאָ אַזוי גרויס — האָט סאָניע געזאָגט.

זיי זענען ביידע אַרויס אין גאָרטן. סאָניע האָט זיך שווייגנדיק אָנ־

געשפּאַרט אַן פּיניעס אָרעם און האָט געהערט ווי פּיניע האָט איר דער־ציילט פון אירע דריי מומעס אין דעם קליינעם שטעטל.

— ווי הייסט זי, די אַלטיטשקע?

— טשיפּעלע, די מומע טשיפּעלע... איר האָט עס דיין טאַטע געגעבן צו באַהאַלטן דאָס, וואָס ער האָט געשריבן. און זי האָט די באַשריבענע בלעטלעך באַהאַלטן. זיי זענען שוין געל געוואָרן, די בלעטלעך, כ׳האָב זיי דיר געברענגט. די מומע טשיפּעלע האָט אין איר אַלטער זיידענער בלוזע די בלעטלעך איינגעוויקלט פאַר דיר, סאָניע...

— וואָס שטייט דאָרט געשריבן, פּיניע...

— כ׳ווייס נישט, סאָניע, כ׳האָב נישט געוואָלט לייענען, כ׳מיין, זיי געהערן צו דיר.

סאָניע האָט פעסטער געדריקט זיין אָרעם.

— דו האָסט געמעגט לייענען, פּיניע...

זיי זענען געגאַנגען אַ ווייל שווייגנדיק און סאָניע האָט פּלוצלינג געזאָגט:

— כ׳האָב פיל מאָל אויף דיר געוואַרט, פּיניע...

— סאָניע...

ער האָט זיך צוגעבייגן צו אירע ליפּן.

— סאָניע — האָט ער אַרויסגעקרעכצט — כ׳ווייס נישט צי דו ווייסט...

— כ׳ווייס, אַז דו ביסט אַ נאַריש ייִנגל...

— כ׳האָב געמיינט, אַז דו ווילסט נישט פון מיר וויסן...

— פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געפרעגט...

— כ׳האָב שעהן זיך געדרייט פאַר דיין הויז, סאָניע...

— וואָרף איך אַן אַזאַ שרעק? — האָט סאָניע מיטביידע הענט אַרומגענומען זיין האַלדז.

— אָ, סאָניע...

קאַפּיטל דרייסיק

אַליין מיטן שיקזאַל

שפּעט ביינאַכט איז דער עולם זיך צעגאַנגען. רפאל גאָלד האָט באַגלייט זיינע געסט ביז צום אַרויסגאַנג און יעדן געדאַנקט פאַר זיין קומען. נאָך די געסט זענען אַוועק די קעלנערס פון גראַנד־האָטעל מיט זייער שעף.

— זענט איר צופרידן געווען? — האָט דער מעטר ד׳האָטעל געפרעגט ביי גאָלדן.

— איך דאַנק אייך — האָט גאָלד געזאָגט — עס איז אַלץ געווען אויסגעצייכנט, נישט וואָר?

די דינערס האָבן גענומען אויסלעשן די לאָמפּן און זענען אַוועקגעפאַלן מידע און דערשעפּטע.

רפאל גאָלד איז נאָכן באַגלייטן דעם לעצטן גאַסט געבליבן שטיין אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ.

ער איז געווען מיד און דערשעפּט. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ער וועט נישט קאָנען איינשלאָפן. ער איז צו מיד צו קאָנען שלאָפן. די טיר, וואָס האָט געפירט צום האַל, איז געשטאַנען צעפּראַלט. פון אינעווייניק האָט געיאָגט אַן אומעט. די גרויסע זאַלן, וואָס זענען אַ מינוט פריער געווען פול מיט מוזיק און ליכט, זענען איצט געווען איינגעזונקען אין פינצטערניש. זיי האָבן אים געשראָקן, די פינצטערע זאַלן, וואָס זענען מיטאַמאָל פאַרשטומט געוואָרן.

— ניין, נאָר נישט אַהין — האָט ער דערפילט עפּעס אַ ציטער איבער זיין לייב.

עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט נישט אָנגענומען ווישינסקיס איינלאַדונג.

ביים געזעגנען זיך, האָט ווישינסקי גאָלדן געזאָגט, אַז ער האָט נישט בדעה די נאַכט צו שלאָפן און צוגעגעבן מיט אַ שעלמישן ווונק:

— כ׳האָב דאָ אַ יונגן עולם, נו, ווילט זיך נישט פאַרשליסן אין ענגן האָטעל־צימער און דערפילן די זקנה. איז אפשר, פריינד גאָלד, וועט איר מיט אונדז מיטגיין?

ער האָט נישט אָנגענומען די איינלאַדונג. עס פּאַסט נישט פאַר אַ קומענדיקן סענאַטאָר זיך אַרומצושלעפּן אַ גאַנצע נאַכט מיט יונגוואַרג.

טראָץ די גרויסע פאַבריקן, איז לאָדזש נאָך אַלץ אַ פּראָווינץ. יעדער קוקט אַריין אין צווייטנס טעפּל. מאָרגן וועט מען זיך דערוויסן אין דער שטאָט וועגן אַלעם. ניין, ער קאָן זיך איצט נישט דערלויבן אויף אַזעלכע גערע־דערייען. איצט טוט אים באַנג. ער וואָלט געוואָלט זיין אומעטום, אַבי נישט דאַרפן איצט צוריקגיין אין די פינצטערע שטיבער. וואָלט כאָטש ס׳ווייב געווען דאָ, וואָלט ער צוגעפאָרן. נו, איז זי גאָר איצט אין דער שווייץ. שטענדיק טוט זי, זיין ווייב, דאָס, וואָס מען דאַרף נישט.

רפאל גאָלד האָט נישט געדענקט דאָס, וואָס האָט זיך אים נישט געלוינט צו געדענקען. האָט ער אויך איצט נישט געדענקט, אַז דאָס האָט ער געשיקט זיין ווייב אין דער שווייץ. ער האָט איצט געוואָלט האָבן כאָטש צו עמיצן אַ טענה פאַר זיין איינזאַמקייט.

— און כ׳בין אויך שוין נישט קיין יונגערמאַן — האָט ער גענומען גיין פון די טרעפּ צום גאָרטן צו — כ׳מיין, אַז כ׳על זיין אין איין עלטער מיט דעם ווישינסקי. אַ בן חמישים, יאָ...

די ביימער האָבן, וויגנדיק זיך, צוגעשאָקלט מיט זייערע גרינגע קעפּ צו זיינע טרויעריקע מחשבות.

ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט איבער דער גאָרטן־אַלייע. ער האָט מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט די בלעטער, וואָס האָבן אַראָפּגע־האנגען פון די ביימער־צווייגן. זיי זענען געווען נאַס פון טוי.

רפאל גאָלד האָט אַרויסגענומען אַ טיכל פון טאַש און זיך געווישט דעם שטערן.

— יאָ, מ׳איז שוין נישט יונג און וואָס וועט זיין דער תכלית פון דעם אַלעם?

עס איז אים געוואָרן אַ רחמנות אויף זיך אַליין. וואָס, מ׳שטיינס גע־זאָגט, האָט ער פון זיין לעבן... ער ווייסט, אַז אַלע זענען אים מקנא. אַפילו די אייגענע ברידער קאָנען אים נישט פאַרגינען. און ווער ווייסט, אפשר טראָגט דער טאַטע זיינער אויך אויף אים קנאה. און וואָס האָט ער פון זיין לעבן אויסער אַרבעט, האַרעוואַניע און קאָפּ־דרייעניש... און איצט וויל מען אים נאָך מאַכן פאַר סענאַטאָר. וועט ער שוין אינגאַנצן נישט האָבן קיין מינוט רו.

רפאל גאָלד האָט אָפּגעזיפצט. ער האָט אין דער מינוט אַליין גע־גלייבט, אַז דאָס האָבן אים אַלע געצוווּנגען צו ווערן סענאַטאָר, נו, מילא,

האָט ער קיין עצה נישט געהאַט. אין דער אמתן אָבער, וואָס דאַרף ער דעם נאַרישן כבוד, וואָס? הלמאַי ער וואָלט געזעסן ביי זיין שרייב־טיש און געשריבן זיין פּירוש אויף איוב. ער איז דאָך שוין נישט יונג און ער דאַרף זיך צואיילן מיט זיין ווערק.

רפאל גאָלד האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס ער וועט טאָן, ווען זיין פּירוש אויף איוב וועט זיין פאַרטיק. זאָל ער עס, דאָך בוך, געבן צום דרוק? אָ, דעמאָלט ערשט וועט די וועלט זיך דערוויסן וועגן וואָס ער, רפאל גאָלד, האָט געטראַכט, פאַרענדיק זיך אין זיין פאַבריק ביי די לייוונטן און קרעטאָנען. ערשט דעמאָלט וועט מען וויסן אים אָפּצושאַצן. אָן אַנדערש מאָל האָט ער געטראַכט איבערצולאָזן אַ צוואה, אַז נאָך זיין טויט זאָל מען דאָס ספר דרוקן. דעמאָלט וועלן אַלע באַוווּנדערן נישט בלויז זיין געלערזאַמקייט, נייערט אויך זיין באַשיידנקייט. די צייטונגען וועלן זיין פול מיט באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן דעם גרויסן געלערטן וואָס איז געווען אַ נסתר און האָט זיין גרויסקייט באַהאַלטן אין די ווענט פון זיין פאַבריק.

— ווי אַזוי איז עס דאָרט נאָכן טויט? — האָט ער געטראַכט, גייענדיג איבער זיין גאָרטן — ווייסט מען עפּעס? פילט מען עפּעס?

ער האָט פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער אַלייע און האָט זיך אָן עפּעס האַרטעס אָנגעשטויסן.

—אַזאַ פינצטערניש, — האָט ער געמיינט, אַז ער האָט אין דער פינצטער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בוים.

— נישט רירן זיך פון אָרט! — האָט ער דערהערט לעבן זיך אַ סיקען.

די שטים איז אים געווען אומבאַקאַנט. אין דער פינצטער האָט ער נישט געקאָנט זען קיין פּנים.

נישט זעענדיק, האָט אָבער גאָלד געוווּסט, וועך עס האָט אויף דאָ אין דער פינצטער געטשאַטעוועט.

ער האָט געוווּסט, אַז יוזעק, דער וועבער־יונג, וועמען מ'האָט גע־כאַפּט ביי אַ גנבה, האָט אים דאָ אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעוואַרט צו מאַכן מיט אים דעם חשבון.

גאָלדס קאָפּ האָט פיבערהאַפט געאַרבעט. ער האָט געוווּסט, אַז ער טאָר קיין איבעריקע מינוט נישט פאַרלירן. ער מוז האַנדלען שנעל. יאָ,

ער וועט פּרוּוון זיך אַריינוואַרפן אין די קושאַקעס. עס איז פינצטער. אפשר וועט ער באַוויזן צוצולויפן צו דער שטוב.

אַ סנאָפּ ליכט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין די אויגן און אים בלינד געמאַכט:

— ווּעסט באַקומען אַ קויל אין קאָפּ, זשיד!

— וואָס ווילסטו, יוזעק?

אַרויסריידנדיק די ווערטער, האָט רפאל גאָלד געוווּסט, אַז ער איז פאַרלוירן. ער האָט נישט געטאָרט אַרויסריידן יוזעקס נאָמען. דער שייגעץ האָט נישט געטאָרט וויסן, אַז ער האָט אים דערקענט. איצט וועט ער אים שוין נישט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט.

רפאל גאָלדס לייב איז געוואָרן נאַס פון קאַלטן שווייס. עס איז אַלץ פאַרלוירן. ער וועט שוין נישט זיין קיין סענאַטאָר. און ער וועט שוין נישט פאַרענדיקן דעם פּירוש אויף איוב.

— דעם שייגעצס קרומלעכער בליק איז מיר באַלד נישט געפעלן — האָט ער זיך דערמאָנט ווי ער האָט אין פאַבריק־הויף געהייסן דעם גנב גיין...

ער האָט דאָס נישט באַדאַרפט טאָן. ער האָט באַדאַרפט זיך צוהערן צו די וואָרענונגען פון זיין פאָטער ר׳ הערשל. זיי זענען רוצחים, די גויים. און ער איז געווען איין ייד צווישן אַזוי פיל רוצחים. ער איז געווען נאַריש מיטן קריכן זיי אַלעמען אין די אויגן מיט זיין שטרענגקייט און מיט זיין שרייען. ער וועט עס מער שוין נישט טאָן. ער וועט זיך מער אין דער פאַבריק נישט ווייזן. ער וועט אַוועק אין דער שווייץ, צו זיין ווייב. זאָל מען זאָגן, אַז ר׳איז אַנטלאָפן, זאָל מען לאַכן, אַז ר׳האָט מורא. אַלץ איז נאַרישקייטן אַקעגן דעם צו קאָנען גיין פריי איבער דער גאַס און נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר באַקומען אַ מעסער אין רוקן.

רפאל גאָלד ווייסט, אַז די לעצטע מינוטן זענען געקומען, אָבער ער קאָן זיך עס נישט גלויבן. צוליב אַ נאַרישן שייגעץ, וואָס האָט געגנבעט עפּעס אַ שטיקל לייוונט, זאָל ער, רפאל גאָלד, שטאַרבן אָט דאָ צווישן דיביימער פון זיין אייגענעם גאָרטן?! עס איז דאָך אומזין! ניין, ער וויל מער נישט אַזאַ אומזיניקן לעבן. ער וועט מאָרגן באַלד אַוועק פון דאַנען. ער וועט זיך מיט קיינעם נישט געזעגענען און אַוועק. ער וועט

נישט פֿאַרן אין דער שווייץ. דאָרט, אין דער שווייץ, זענען אויכעט דאָ גויים. ער האָט שוין געזען, די גויים, גענוג...

ער וויל זיין נאָר צווישן יידן. ער דערמאָנט זיך די צייטן, ווען ער האָט פֿרייטיק פֿאַרנאַכט אָנגעטאָן דאָס שטריימל און די זיידענע זשיפּי־צע און איז געגאַנגען אין שטיבל. פֿאַרוואָס בין איך אַוועק פֿון שטיבל, פֿאַרוואָס? איצט גיט ער זיך אַ נדר אויסצוקויפֿן זיינע זינד. ער וועט אַוועק קיין ארץ־ישראל. יאָ, איצט וועט ער פֿאַרווירקלעכן זיין פּלאַן. אין ירושלים וועט ער אויפֿשטעלן זיין פֿאַבריק, אַ גרעסע ווי ביי ברייערן. און יידן וועלן ביי אים אַרבעטן. נאָר יידן. און זיי וועלן אים נישט שילטן און זיי וועלן אויף אים נישט טשאַטעווען אין פֿינצטערע נעכט.

ער פֿילט זיך זיכערער פֿון דעם דאָזיקן נדר און ער רעדט צו דעם שייגעץ:

— הער, יוזעק, ס'קאָן זיין, אַז כ'בין געווען צו שטרענג, נו, בין איך דיר מוחל, יוזעק. כ'וועל דיר געבן אַ סומע געלט, וועסטו פֿאָרן קיין פּויזן און זיך קויפֿן ערד, עס איז ביליק און גוט דאָרט דער באָדן אין פּויזן, פֿאַרשטייסט...

ער ווייסט נישט צי זיינע ווערטער האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם שייגעץ. עס איז פֿינצטער און ער קאָן נישט זען דעם שייגעצס פּנים. זיין שווייגן אָבער גיט צו גאָלדן מוט און ער זאָגט:

— און איצט, יוזעק, גיי אַהיים, מאָרגן אינדערפֿרי וועסטו קומען אַהער, וועט שוין זיין גרייט פֿאַר דיר דאָס געלט...

גאָלד דערפֿילט אַ האַרטן זעץ אין די שלייפֿן.

— האָסט נישט געטראָפֿן אויף אַ יאָלד, דו, זשיד. וואָס מיינסטו? כ'ווייס נישט, אַז מאָרגן וועט אויף מיר וואַרטן דער פּאָליציי־קאָמיסאַר...

רפאל גאָלד פֿילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין קאָפּ. ער ווייסט אַליין נישט צי דער שייגעץ איז נישט גערעכט. אפשר וואָלט טאַקע דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געוואַרט צומאָרגנס. נו, גוט, ווילסט נישט וואַרטן ביז מאָרגן.... ער האָט נישט ביי זיך קיין געלט אין שטוב. אָבער ער האָט ביי זיך אַ גאָלדענעם זייגער, וואָס איז אויסגעזעצט מיט שטיינער און אויף דער האַנט טראָגט ער אַ טייערן רינג, אָט אַזאַ גרויסן...

אַ צווייטער סנאָפּ ליכט מאַכט ווידעראַמאָל אויף אַ לענגערער וויל בלינד גאָלדן. ער פֿילט ווי דער שייגעץ ציט אַראָפּ פֿון זיין פֿינגער דעם

רינג און רייסט אַראָפּ פון זיין וועסטל דעם זייגער מיטן גאָלדענעם קייטל.

— נעם, נעם! — רעדט גאָלד, — זעסט, כ'האָב דיר געזאָגט.

— ווילסט זאָגן ווידוי, זשיד!

— וואָס, וואָס? וויד...

רפאל גאָלד צעטומלעניש איז אַזוי גרויס, אַז ער פאַרגעסט אָן דער שרעק. ער קאָן גאָר נישט באַנעמען דעם שייגעצס רייד. צי מיינט ער, אַז אַלץ ענדיקט זיך דאָ, אַלץ?!

דריי שאָסן נאָכאַנאַנד שניידן דורך די פינצטערע נאַכט.

רפאל גאָלד ליגט אומבאַוועגלעך אויסגעשפּרייט אויפן גראָז.

ווידער גליטשט זיך אַ סנאָפּ ליכט איבער זיין אויסגעשפּרייטן קערפּער און ווערט מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן.

איבער דעם גאָרטן שלייכט זיך מיט שטילע קעצישע טריט אַ געשטאַלט. אַלע מינוט פאַלט די געשטאַלט צו צו דער ערד. באַלד הייבט זיך די געשטאַלט אויף און רוקט זיך ווייטער.

אָט ענדיקן זיך שוין די ביימער און יוזעק זעט שוין די מאַרמאָרנע טרעפּ.

— האָסט באַקומען ס'דייניקע, זשיד! — קריצט יוזעק מיט די ציין.

— איבער דער גאַס גייט מיט שווערע טריט אַ פּאָליציאַנט.

— האָט ער דערהערט די שאָסן? — פאַלט דער שייגעץ צו צו דער ערד.

דער פּאָליציאַנט גייט ווייטער. יוזעק שטעלט זיך אויף. איצט דאַרף ער זיך נאָר אַרויסקריגן אויף דער גאַס. די דינער פּאַפּן אַלע ווי די געהרגעטע. דאָס ווייסט ער, יוזעק. ער איז אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען הינטער די פענצטער און געוואַרט אויף דער מינוט, ווען ער וועט זיך קאָנען אָפּרעכענען מיט דעם זשיד.

ער טאַפּט אָן אין דער קעשענע דעם זייגער און דעם רינג. אַ באַרישער זשיד. ער, יוזעק, האָט גאָרנישט געוווּסט פון דעם רינג און דעם זייגער. ער האָט נאָר אים, דעם זשיד, געוואָלט אָוועקלייגן...

יוזעק פילט זיך שטאָלץ. אין דער פאַבריק האָט מען נישט אויפגעהערט ריידן, אַז מען דאַרף פון דעם זשיד פּטור ווערן. ער האָט נישט קיין איין אָנגענומען, דער זשיד. אַלע האָבן אים פיינט געהאַט, דעם זשיד.

— מ׳דאַרף אים אָנטאָן אַ זאַק אויפן קאָפּ.

— מען דאַרף אים מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער.

אַזוי האָבן אַלע גערעדט. נאָר צו טאָן עפּעס האָבן זיי אַלע מורא געהאַט. נאָר ער, יוזעק, האָט עס געטאָן. ווען מ׳האָט אים אַרויסגעפירט פון פאַבריק־הויף האָט ער ביי זיך געשוווירן, אַז ער וועט זיך מיט דעם זשיד אָפּרעכענען. אַזאַ פאַרשאָלטענער זשיד! אים, יוזעקן, צו פאַרשע־מען, אים צו מאַכן פאַר אַלעמענס אויגן פאַר אַ גנב! און וואָס האָט ער געטאָן, וואָס? אַ שטיקל לייוונט האָט ער גענומען, נו, איז וואָס? אַלע נעמען דאָך, אַפילו די מייסטערס טראָגן אַרויס גאַנצע שטיקער. מען רימט זיך נאָך דערמיט. יעדער ווייזט אַרויס בריהשקייט ביים אָפּנאַרן דעם זשיד... ער, יוזעק, האָט נאָר נישט געהאַט קיין מזל. האָט מען אים גע־כאַפּט. נו, קומט אים דערפאַר פאַר אַלעמענס אויגן צו פאַרשעמען?

און דער זשיד איז געווען אַזוי כיטרע און אים, יוזעקן, געוואָלט אָפּנאַרן. געוואָלט אים איינריידן, אַז ער זאָל קומען. כאַ, כאַ, כאַ! אַזאַ נאַרישער זשיד! וואָס האָט ער געמיינט, אַז יוזעק וועט זיך לאָזן אַריינ־נאַרן אין זאַק... די פּאָליציאַנטן וואָלטן שוין אויף אים געוואַרט און דער זשיד וואָלט זיך נאָך פון אים אויסגעלאַכט...

——— איצט וועסטו שוין מער נישט לאַכן, זשיד!

איצט דאַרף מען נאָר פּטור ווערן פון דעם רעוואָלווער. ער קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן. די גאַס איז ליידיק, מען זעט נישט קיין לעבע־דיק נפש.

יוזעק רוקט זיך אַרויס פון טויער. ער גייט מיט שנעלע טריט איבער דער גאַס. זאָל ער נאָר דערגיין צו דעם ראָג, וועט ער פאַרקירעווען אין דעם זייטיקן געסל. דעמאָלט לאָכט ער פון אַלע.

ער וויל זיך אומקוקן צי מ׳גייט אים נישט נאָך, בלייבט ער שטיין אויף דער גאַס און בייגט זיך אַראָפּ כלומרשט צו פאַרשנורעווען אַ שוך. אַזוי אַראָפּגעבייגן גיט ער אַ קוק הינטער זיך. ניין, עס גייט אים קיינער נישט נאָך. מיט איין שפּרונג איז ער ביים ראָג. איצט פאַרקירעוועט ער שנעל אין דעם פינצטערן געסל.

נישט ווייט פון דאַנען איז דאָ אַ גאָרטן. דאָ וועט ער אין דער ערד פאַרגראָבן דעם רעוואָלווער.

ער נעמט האַלב לויפן. אָט שוין נישט ווייט. פון דעם לויפן דער־שוויצט ער זיך. ער ציט אַראָפּ פון זיך דאָס רעקל און לויפט ווייטער.

— אָט דאָ איז עס! — יוזעק שטייט אויף דעם ליידיקן פעלד. ער נעמט גראָבן מיט ביידע הענט. די ערד איז ווייך און גיט זיך אונטער. ער פאַרשטעקט דעם רעוואָלווער אין דער ערד און פאַרדעקט זי מיט זאַמד און שטיינער.

— איצט זוך דעם ווינט אין פעלד. — טוט ער אַ לאַך.

ער בלייבט שטיין אַ ווייל און טוט צוריק אָן דאָס רעקל. ער ווייסט נאָך נישט וואָס ווייטער צו טאָן. אפשר גיין אַהיים און זיך לייגן שלאָפן? ער איז מיד און שלעפעריק און ער וואָלט געוואָלט זיך אויסציִען אויף זיין בעט. קיינער דאַרף נישט זען זיין אַריינקומען. ער קאָן גיין שטילער ווי אַ קאַץ.

ער טאַפּט אָן אין קעשענע דעם זייגער און דעם רינג. ניין, ער טאָר נישט אַהיימגיין. טאָמער קומען צו אים, די הינט, די פּאָליציילייט, וועלן זיי דאָס געפינען. ער מוז שוין אַוועק אין דאָרף, צו זיין שוואָגער, דעם וואַלד־היטער. דאָרט וועט ער איבערוואַרטן.

ער גייט שנעל איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן. ער שמייכלט צו זיך. ער איז געווען קאַמיש, דער זשיד. ער האָט ביז דער לעצטער מי־נוט נישט געגלייבט, אַז זיין סוף איז געקומען. אַ שאָד, וואָס ער קאָן נישט גיין אין דער פאַבריק און דערציילן ווי אַזוי ר׳האָט דעם זשיד פאַרטיק געמאַכט. זיי וואָלטן אים אַלע געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און אים מקנא געווען. אָבער ער טאָר אַהין נישט גיין. מענטשן האָבן ליב צו פּלאַפּלען און ווען עמיצער זעט דעם רינג, וואָלט ער זיך געוואָלט מיט אים טיילן... ניין, ניין, ער מוז גלייך אַוועק צום שוואָגער אויפן דאָרף. דאָרט וועט קיינער פון אים נישט וויסן. יוזעק איז פאַרשוווּנדן אין שאָטן פון דער נאַכט.

—:—

דער אַלטער הויז־שומר וואָיצעך האָט באַלד ווי עס איז טאָג גע־וואָרן, געפונען דעם שוין שטאַרן קערפּער פון רפאל גאָלד.

קאַפּיטל איינאונדרייסיק

אַ רחמנות נעבעך, נאָך אַ יידישער קרבן...

דער עולם אויף דער גאַס, אַרום גאָלדס פּאַלאַץ, איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע יידישע שטיבער, קראָמען און האַנדלס־הייזער זענען מיטאַמאָל אויסגעליידיקט געוואָרן. די יידן פון דעם אייביק טומלדיקן לאָדזש, זענען מיטאַמאָל אויסגעליידיקט געוואָרן. די יידישע צייטונגען האָבן אַרויסגעלאָזט עקסטראַ־אויסגאַבעס מיט אויס־פירלעכע באַריכטן וועגן דעם מאָרד מיט פאַרשידענע השערות וועגן דעם מערדער, נאָך וועלכן די פּאָליציי יאָגט זיך און וועמענס נאָמען עס וועט יעדע מינוט באקאנט ווערן.

די דורכגייער האָבן געכאַפּט די עקסטראַ־אויסגאַבעס פון די הענט פון די צייטונגס־פאַרקויפער און האָבן זיך געלאָזט צו דער זאַוואַדזקע־גאַס, כדי מיט די אייגענע אויגן צו כאַפּן כאָטש אַ קוק אויף גאָלדס פּאַלאַץ.

צוצוקומען צו דעם פּאַלאַץ איז אָבער שוין נישט מעגלעך געווען. האָט דער עולם אָנגעפולט אַלע אַרומיקע גאַסן און געטלעך און אַ צונויפ־געדריקטער געוואַרט אויף דעם וואָס עס וועט ווייטער געשען.

עקסטראַ־אָפּטיילונגען פון דער פּאָליציי זענען אַרויסגערופן געוואָרן כדי צו האַלטן אָרדענונג און נישט צו דערלאָזן צו אומבאַרעכנטע אַרויס־טרעטונגען פון המון. די פּאָליציי האָט אָבער נישט געהאַט וואָס צו טאָן. שווייגנדיגע, פאַרכמורעטע, אָבער רואיקע זענען די יידן געשטאַנען צוגע־דריקט איינער צום אַנדערן און עס איז זיי צומאָל נישט איינגעפאַלן, אַז די פּאָליציי האָט מורא פאַר זייערע אומבאַרעכנטע אַרויסטרעטונגען.

האָבן די פּאָליציייליט זיך באַגנוגנט מיט העלפן מאַכן אַ וועג פאַר די אַלע חשובע לייט, וואָס האָבן שטענדיק ליב זיך צו פאַרשפּעטיקן, כדי מען זאָל בעסער זען זייער דערשיינען. מיט פאַרנומענע פּנימער און מיט נישט זעעוודיקע אויגן זענען די חשובע לייט געגאַנגען איבער דעם שמאָלן שטעגל צווישן דעם צונויפגעדריקטן המון, וואָס די פּאָליציי האָט פאַר זיי געעפנט און זיי האָבן זיך געמאַכט נישט הערן (הגם אין דער אמתן האָבן זיי אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט) ווי די פשוטע יידן האָבן אויסגע־רופן זייערע נעמען, זייער יחוס און זייער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט.

די צאָל חשובע און די יעניקע, וואָס האָבן געוואָלט אַנגיין פאַר חשובע לייט, איז וואָס אַמאָל מער געשטיגן. אין די גרויסע זאַלן פון רפאל גאָלדן איז שוין געוואָרן ענג. זיי האָבן זיך אַלע געדרייט אויף איין אָרט, האָבן געריידט איינער צום אַנדערן מיט געדעמפטע קולות און האַל־בע ווערטער. יעדער פון זיי האָט געוווסט, אַז ער מוז דאָ זיין, אַז אַן אים קאָן זיך גאָרנישט אָנהייבן, נאָר קיינער האָט נישט געוווסט אין דער אמתן נאָך וואָס ער איז געקומען און וואָס מען דאַרף טאָן.

באַלד ביים אַריינקומען האָט יעדער געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו־צוגיין צו דעם ווינקל פון דער גרויסער ליידיקער שטוב (די דינער האָבן באַקומען אַ באַפעל, זיי האָבן אַפילו נישט געוווסט פון וועמען) אַרויס־צוטראָגן די מעבל־שטיק און די גרויסע שפּיגלען פון גאָלדס שלאָף־שטוב (ווו ר׳ הערשל האָט געהייסן אַוועקלייגן דעם קערפּער פון זיין זון און ער אַליין האָט מיט טרייסלענדיקע זיך הענט אים צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך), איז יעדער פריש אָנגעקומענער חשוב געשטאַנען אַ ווייל ביי דעם שוואַרצן טוך און האָט שפּעטער לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען נאָכן דערפילן זיין חוב האָט ער געקאָנט אַריינגיין אין די אַנדערע זאַלן און זען לעבעדיקע פּנימער.

ר׳ הערשל בלויז מיט זיינע זין און איידעמס און עטלעכע אַלטע יידן פון דער חברה־קדישא זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער ליידיקער שטוב. זיי האָבן אין די גרויסע זילבערנע קאַנדעליאַבּרעס און לייכטער אַריינגעשטעלט גרויסע און דיקע ליכט. אַ חברה־קדישא־ייד האָט מורמלענדיק קאַפּיטלעך תהילים אָנגעצונדן די גרויסע ליכט און מיט זיי אַרומגעשטעלט דעם טייל פון שוואַרצן טוך, וואָס עס האָט צו־געדעקט רפאל גאָלדס קאָפּ.

נאָכדעם האָט ער יעדן פון די חברה־קדישא־לייט און פון די משפּחה־מענטשן דערלאַנגט אַ דין תהילימל מיט געל געוואָרענע בלעטער און מיט צייכנס פון אויסגעטריפטע חלב־ליכט.

מיט שטילע מאָנאָטאָנע קולות האָבן די יידן מיט די אויגן אַריינ־געטאָן אין די תהילימלעך, געזאָגט פּסוק נאָך פּסוק. נאָר פון צייט צו צייט האָט דער אַלטער ר׳ הערשל איבערגעריסן דאָס תהילים זאָגן מיט אַ טיפן קרעכץ און שטילן כליפּ.

— ווער געוואָר ווען עס וועט זיין די לוויה! — האָט ר׳ הערשל זיך צוגעבייגן צו זיין עלטסטן איידעם וואָווטשע.

דער ענטפער, וואָס וואָווטשע האָט געבראַכט, האָט נישט צופרידנ־געשטעלט ר׳ הערשלען. וואָס הייסט עס, אָפּלייגן די לוויה אויף אַ טאָג? נאָכמאַכן די גויים און די דייטשן מיט זייערע צערעמאָניעס? וואָס מיי־נען זיי עפּעס מיט זיך, די דאָזאָרעס?

ר׳ הערשל האָט איבערגעריסן דאָס תהילים זאָגן און איז אַריין אין די אַנדערע שטיבער. ער איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער. אַזאַ עולם, אַזאַ עולם — וואָס ווילן זיי דאָ?

פון אַלע זייטן האָט מען אַרומגערינגלט דעם אַלטן ר׳ הערשל. הונ־דערטער הענט האָבן זיך צו אים געצויגן. און הונדערטער מיילער האָבן צו אים געזאָגט, וואָס פאַראַ גרויסער זון און גרויס ייד, און גרויסער מענטש רפאל איז געווען. און די מיילער האָבן אים געטרייסט און פאַר־זיכערט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט אָן אים נישט פאַרגעסן, וועט האַלטן אייביק אים אין זכרון און אַז גאַנץ לאָדזש און וואַרשע און אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך זענען איינגעהילט אין טרויער.

פון די אַלע מענטשן און זייערע מליצהדיקע רייד איז דער אַלטער ר׳ הערשל געוואָרן צעטומלט און פאַרגעסן, אַז ער האָט געוואָלט אָנזאָגן, אַז מען זאָל גלייך מאַכן די לוויה און אַז ער וועט נישט דערלאָזן מיט זיין זון, מיט זיין רפאלן, צו מאַכן די אַלע גויישע שטיק.

ער האָט געפּרוווט זיך דערמאָנען אָן דעם וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, נאָר דער זכרון האָט אים דאָס מאָל אויפגעהערט צו דינען. ערשט ווען די דאָזאָרעס האָבן זיך צו אים צוגעשטופּט, האָט ר׳ הערשל זיך דער־מאָנט און זיין פּנים האָט זיך בייז אָנגעכמורעט. זיי האָבן אָבער פריער פאַר אים גענומעןריידן וועגן דער לוויה.

— איר פאַרשטייט, ר׳ הערשל, מיר האָבן געוואָלט מאַכן די לוויה באַלד, ווי מען דאַרף. נאָר אַלע זאָגן, אַז עס קאָן נישט זיין. דאָס מאָל מוז מען כאָטש וואַרטן ביז מאָרגן. מיר האָבן זיך באַראַטן מיט די רבנים און אויך זיי האָבן איינגעשטימט, אַז צוליב דעם יידישן כבוד מעג מען וואַרטן...

— כ׳פאַרשטיי נישט — האָט ר׳ הערשל געקוקט אַ פאַרוווּנדערטער

אויף די דאָזאָרעס — וואָס מיין זונס לוויה נעבעך האָט צו טאָן מיט יידישן כבוד?

— עס האָט שוין פיל צו טאָן, ר׳ הערשל. איר, ר׳ הערשל, און מיר אַלע דאָ אין לאָדזש, האָבן אַליין נישט געוווסט ווער און וואָס אייער זון איז געווען. ערשט איצט, ווען עס איז שוין צו שפּעט, ווייסן מיר ווּעמען מיר האָבן פאַרלוירן, ווײ, ווײ, להאי שופרא... זעט די טעלעגראַמעס, וואָס קומען פון דער גאָרער וועלט, זעט... און אַז די גוים האָבן אים דערמאָרדעט, דאַרפן מיר אָפּגעבן דעם ריכטיקן כבוד. זאָל די וועלט וויסן ווער ר׳ רפאל איז געווען...

די חשובים פון קהל־שטיבל האָבן נישט איבערטריבן. רפאל גאָלדס טויט האָט אויפגעטרייסלט אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך. דער ניכטערער אויסגערעכנטער לאָדזשער פאַבריקאַנט איז אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה אויסגעוואַקסן צו אַ לעגענדע. אַפילו די גרויסע וואַרשעווער יחסנים האָבן געבייגן זייער קאָפּ פאַר דעם שוואַרצן טויט, וואָס האָט צוגעדעקט גאָלדס קאַלטן קערפּער. די מאַדאַם צעציליע, וואָס האָט נישט געוואָלט פאָרן מיט איר מאַן, דעם ראַבינער פּערסקי, צו גאָלדס פאַרוויילונג, האָט איצט גענומען ביידע שיינע טעכטער אירע און איז געקומען קיין לאָדזש צוזאַמען מיט דער מאַדאַם וואַרסקי, וועלכע האָט ערשט נישט לאַנג געשמייכלט איבער גאָלדס גרייזיקן פּויליש.

— ער איז געווען געניאַל! — האָט די מאַדאַם צעציליע זיך צוגעפּודערט די נאָז אין וואַגאָן.

— יאָ, יאָ, געניאַל! — האָט די מאַדאַם וואַרסקי צוגעשטימט.

און לילי, דעם ראַבינער פּערסקיס שיינע טאָכטער, האָט דערציילט, אַז באַרווין, דער גרויסער באַרווין, האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין צימער און שרייבט איצט אַ ליד וועגן דעם לאָדזשער פאַבריקאַנט, וועלכער איז אין דער נשמה געווען אַ פּאָעט.

די פּוילישע צייטונגען אַפילו, האָבן נאָך עטלעכע שעה וואַקלען זיך באַשלאָסן, אַז מ׳קאָן לענגער נישט שווייגן און בוימל איז געפלאָסן פון זייערע פעדערס וועגן דעם גרויסן אַביוואַטעל גאָלד, וועלכער האָט געקאָנט אַזוי פיל נוצן ברענגען דאָס לאַנד, ווען נישט די מערדערישע האַנט וואָס האָט נישט אַ ציטער געטאָן ביים באַגיין דאָס שרעקלעכע פאַרברעכן.

דער גענעראַל בעזעלער אַליין, האָט צוגעשיקט צו ר׳ הערשלען אַ טרויער־דעפּעשע און האָט געזאָגט צו זיין אַדיוטאַנט:

— די יידעלעך האָבן ליב צו וויינען און צו הערן סענטימענטאַלע טרייסט־ווערטער...

— יאָוואָל, עקסעלענץ! — האָט אַ חניפהדיקער שמייכל זיך צעלייגט אויפן גלאַט אויסראַזירטן פּנים פון אַדיוטאַנט.

דער גענעראַל האָט אַ ווייל זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן ווי צו זיך אַליין:

— זיי הייבן זיך אָן קריכן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, די יידעלעך און די פּאָלאַקלעך...

דער אַדיוטאַנט האָט נישט געוווּסט צי דער גענעראַל איז צופרידן אָדער נישט, וואָס די יידן און די פּאָלאַקן רייסן זיך אַרום, איז דער שמייכל פאַרגליווערט געוואָרן אויף זיין פּנים און ער האָט בלויז מיט גרויס דרך־ארץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— עס פאַרדריסט זיי שטאַרק, די יידן, וואָס דער גאָלד איז דער־מאָרדעט געוואָרן — האָט דער גענעראַל לאַנגזאַם מיט אַ שערל אָפּגע־שניטן דעם שפּיץ פון אַ ציגאַר און געוואַרט, אַז דער אַדיוטאַנט זאָל אים דערלאַנגען פייער.

וואָלקנס רויך האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבערן אַרבעטס־צי־מער און זיי זענען געווען אַ צייכן, אַז דער גענעראַל איז פאַרטיפט אין וויכטיקע מחשבות. האָט זיך דער אַדיוטאַנט אויסגעצויגן גלייך ווי אַ סטרונע און געוואַרט צו הערן די באַפעלן, וואָס ווערן איצט געבוירן אין מוח פון זיין מעכטיקן שעף.

— מען זאָל מאַכן אַלע פאַרלייכטערונגען און מען זאָל שטעלן עקס־טראַ־צוגן פאַר די אַלע וואָס ווילן פאָרן צו דער לויה פון דעם, ווי הייסט ער דאָרט...

— גאָלד... — האָט דער אַדיוטאַנט אונטערטעניק אונטערגעזאָגט.

— יאָ, גאָלד, פאַרשטאַנען?...

—יאָוואָל, עקסעלענץ.

דער גענעראַל האָט אָפּגעוואַרט אַ ווייל ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט און דערנאָך מיט אַן ענערגישן טאָן אַ זאָג געטאָן:

— צוריקהאַלטן דערוויל דאָס נעמען די ערובניקעס.

דער אַדיוטאַנט האָט שווייגנדיק זיך טיף פאַרנייגט און געוואַרט אויף ווייטערדיקע באַפעלן. נאָר דער גענעראַל האָט אים געגעבן אַ צייכן, אַז דאָס געשפרעך איז געענדיקט און דער אַדיוטאַנט האָט זיך שאַרכלאָז אַרויסגערוקט פון צימער.

גענעראַל בעזעלער האָט באַקוועמער זיך אויסגעצויגן אין זיין פאָטעל און זיינע דיקלעכע ליפּן האָבן מיט הנאה זיך איינגעביסן אין ציגאַר.

— די קונסט פון אַ שטאַטסמאַן און גענעראַל איז ווי געהעריק אויסצונוצן דעם גליקלעכן צופאַל — האָט ער זיך אין דעם מאָמענט נישט געקאָנט דערמאָנען דעם נאָמען פון מחבר פון דעם דאָזיקן פיינעם אַפאָריזם.

יאָ, עס איז געווען אַ גליקלעכער צופאַל דער מאָרד פון דעם יידל גאָלד. די פּאָלנישע שוויינען און די יידעלעך זענען געוואָרן שוין צו חוצפּהדיק, די לעצטע צייטן. עס איז זיי שוין געווען צו גוט אונטער זיין הערשאַפט. שקלאַפן, וואָס פילן נישט אויף זיך די בייטש, בונטעווען זיך. אוודאי קאָן מען זיי שטיל מאַכן מיט אַ שטאַרקער האַנט, צוליב דעם האָט ער געוואָלט נעמען די ערובניקעס. עס איז אַ גוט מיטל. אָבער נאָך בעסער און באַקוועמער פאַרן הערשער, איז ווען מען קאָן אַנרייצן איין שקלאַף אויפן אַנדערן... מען דאַרף לאָזן אין גאַנג די אינפאָרמאַציע, אַז גאָלדס מאָרד איז געווען אַן אַנטיסעמיטיש שטיקל אַרבעט. זאָלן זיי זיך רייסן, די לייט, ביי די נעז. דעמאָלט וועט ער, בעזעלער, קאָנען רואיק רויכערן זיין ציגאַר. ער וועט שמייכלען צוביידע. ער וועט זיין גרויסמוטיק. ער וועט די ערובניקעס נישט נעמען. די יודענבאַנדע, די זשורנאַליסטישע יודענבאַנדע אין בערלין וועט זיך אַליין מאַכן לעכערלעך מיט איר געשריי וועגן די ערובניקעס. זיי וועלן געשטעמפּלט ווערן אַלס ליגנערס און בלבולים־מאַכערס...

דער גענעראַל האָט אויפן אַש־בעכער אַוועקגעלייגט אַ האַלבן, נישט אויסגערויכערטן ציגאַר, ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל. די טאָרבעס אונטער די אויגן זענען גרעסער געוואָרן. ער מוז פון היינט אָן מער שאַנעווען זיין געזונט. נישטאָ קיין צייט זיך צוצושפּאָרן אויף אַ האַלבער שעה.

אין אַ שעה שפּעטער האָט אַ באַאַמטער פון בעזעלערס קאַנצעלאַריע איינגערוימט דעם ראַבינער לעווי, אַז די ערובניקעס וועלן נישט גענומען

ווערן. דער ראַבינער האָט מיט דער האַנט זיך גלייך געמאַכט זיין קורץ צוגעשוירן ווייס בערדל און האָט זיך דערמאָנט אָן דניאל עפשטיינען.

— מען דאַרף אים גלייך זאָגן, עפשטיינען.

דער ראַבינער לעווי האָט נישט געפּרוווט ווען דערגיין די מאָטיוון פון דער אומגעריכטער ענדערונג. ער איז שוין געווען געוווינט צו איבער־ראַשונגען פון דעם מין. האָט ער שנעל זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די באַ־אַמטע אין דער קאַנצעלאַריע און איז צופוס אַוועק צו עפשטיינען.

לאַניאַ האָט אים געעפנט די טיר. זי האָט מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף דעם ניז׳עריקן יידל מיטן ווייסן בערדל, וואָס נעמט אַרום בלויז די גאָמבע פון זיין בלייך געזיכט. זי האָט דערוואַרט יעדע מינוט די שליחים פון גענעראַל בעזעלער, וואָס זאָלן קומען נאָך איר מאַן. איז דאָס יידל גאָר דער שליח?

— איך האָף, אַז כ׳האָב געטראָפן אין שטוב דעם הער עפשטיין — האָט ראַבינער לעווי געפּרוווט ענדערן זיין שווערן בייערישן אַקצענט

— ריכטיק, מאַדאַם?

לאַניאַ האָט אים אַריינגעפירט אין אַ קליינעם אויפנאַם־צימער און איז אים נאָכגעגאַנגען.

— אָ, ראַבינער לעווי — איז אים דניאל עפשטיין קעגנטיק אַן אי־בערראַשטער אַקעגנגעגאַנגען.

— איך קום מיט אַ גוטער בשורה, הער עפשטיין, איר דאַרפט מער נישט זיין באַזאָרגט.

עפשטיין האָט שווייגנדיק אויסגעהערט דעם באַריכט פון ראַבינער לעווי. לאַניאַ האָט זיך נישט צוגעהערט צו די רייד פון ראַבינער. אירע אויגן האָבן געהאַנגען אויפן פּנים פון איר מאַן.

—ער פרייט זיך גאָרנישט, וואָס ער וועט נישט גענומען ווערן פאַר אַן ערובניק — האָט זי געטראַכט — ער איז נאָך טרויעריקער געוואָרן, ווי ער וואָלט באַדויערט וואָס מען אַרעסטירט אים נישט... פילט ער זיך דאָ מיט מיר ערגער ווי אין דער דייטשער טורמע?...

זי האָט נישט געהערט די ערשטע ווערטער, וואָס עפשטיין האָט צו איר געזאָגט.

— יאָ, יאָ, איז וואָס זאָגסטו זאָל מען טאָן, דניאל?

— כ׳מיין, אַז מען זאָל איצט פאָרן קיין לאָדזש, דער ראַבינער לעווי

פאָרט אויך. אויב בעזעלערס שליחים קומען נישט, וואָלט איך געוואָלט זיין אויף גאָלדס לוויה...

— געוויס, געוויס, — האָט לאַניאַ נאָך נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון אירע פריערדיקע טראַכטענישן — איז ווען, זאָגסטו, דאַרף מען עס פאָרן?...

— כ׳מיין, לאַניאַ, אַז מען דאַרף פאָרן צו דער באַן, מיר וועלן קו־מען פונקט צו דער לוויה.

— אַנטשולדיקט, איך וועל באַלד זיין גרייט, — איז לאַניאַ אַרויס פון צימער.

— כ׳וואָלט אייך, עפּשטיין, און באַזונדערס אייער פרוי נישט גע־וואָלט באַאומרואיקן, נאָר איך האַלט פאַר מיין פליכט אייך אויפמערק־זאַם צו מאַכן, אַז גענעראַל בעזעלער רעזיגנירט נישט אַזוי לייכט פון זיינע באַשלוסן. איך ווייס נישט פאַרוואָס ער האָט געענדערט זיין באַ־שלוס פון אַרעסטן. איך ווייס אָבער, אַז ער איז דורכגעטריבן און כיטרע און ער וואַרט ווארשיינלעך אויף אַ בעסערער געלעגנהייט. איך אויף אייער אָרט, הער עפּשטיין, וואָלט געווען זייער פאָרזיכטיק, ווייל אויף אייך האָט מען אַן אויג...

— איך דאַנק אייך, ראַבינער לעווי, פאַר אייער עצה. איך מוז אייך אָבער זאָגן, אַז לויט מיין איינדרוק בין איך נישט קיין אויסנאַם. איינגיכן וועט מען האָבן אַן אויג אויך אויף די זויג־קינדער אין די וויגן. איז נאָך וואָס זיך פריער זאָרגן...

לאַניאַ האָט נישט לאַנג אויף זיך געלאָזט וואַרטן און אַ דראָזשקע האָט זיי צוגעפירט צו דער ווינער באַן.

דניאל עפּשטיין איז געווען איבערראַשט פון דעם גרויסן עולם וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטראָמען.

— זיי פאָרן אַלע צו דער לוויה — האָט עפּשטיין אָנגעוויזן אויף די איבערפולטע וואַגאָנען.

— איז ער געווען אַזוי באַליבט, הער עפּשטיין?

— דער טויט האָט דאָס באַוויזן, ראַבינער לעווי.

— איר האָט רעכט, הער עפּשטיין, ער איז אַ גרויסער מייסטער, דער מלאך המוות....

זיי זענען געשטאַנען פאַר דער פּלאַטפאָרמע און זיך אומבאַהאָלפן אַרומגעקוקט איבער די איבערפולטע וואַגאָנעס.

אין די וואַגאָנעס אָבער האָבן יידן דערקענט דעם פּאָפּולערן גזשי־באָוער גביר און דעם יעקישן ראַבינער.

זענען צוויי יונגעלייטלעך אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן און איינער האָט געזאָגט צו עפּשטיינען:

— גייט אַריין, פּאַניע עפּשטיין מיטן ראַבינער, מירן שוין מאַכן אַן אָרט.

— אָבער, עס איז דאָך פול... מיינע הערן — האָט דער ראַבינער לעווי זיך געקווענקלט.

— ביי יידן, הער ראַבינער, איז שטענדיק ענג געווען, אָבער עס איז שטענדיק דאָ אָרט פאַר אַ צווייטן ייד. ריכטיק, הער ראַבינער?

— עס איז ריכטיק און עס דאַרף זיין אַזוי ווי איר זאָגט, יונגעלייטע, אָבער צי איז עס טאַקע אַזוי? קומט מיר טיילמאָל אויס צו צווייפלען.

— אָט וועט איר באַלד זען, הער ראַבינער.

לאַניאַ האָט געשטעלט די ערשטע איר פוס אויפן וואַגאָן־טרעפל.

— קוקט, קומט, פּראָשע פּאַני — האָבן די יידן אין וואַגאָן זיך צו־נויפגעדריקט און געמאַכט אַן אָרט — יאָ, יאָ, עס וועט זיין אָרט פאַר אַלעמען...

עטלעכע יידן האָבן זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט אַן אָרט אויף דער באַנק, לאַניאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט, נאָר דער ראַבינער לעווי און עפּשטיין האָבן זיך נישט געוואָלט זעצן, אָבער עס האָט זיי נישט געהאָלפן.

— אַז גויים הייסן זיצן, מיינען זיי דעם פּאַוויאַק (פּאָפּולערע טורמע אין וואַרשע) נאָר אַז אַ ייד הייסט אייך זעצן, איז אָסור דאָ וואָס מורא צו האָבן. העכסטנס וועט ער אייך מכבד זיין מיט אַ שמעק־טאַבאַק. איז אפשר טאַקע אַ שמעק־טאַבאַק, הער ראַבינער?

דער ייד האָט געעפנט אַ שוואַרץ ביינערן טאַבאַק־פּושקעלע און עט־לעכע הענט האָבן זיך גלייך אויסגעצויגן צו דעם פּושקעלע.

— דאַנקע שען, דאַנקע! — האָט ראַבינער לעווי זיך געשראָקן, אַז דער ייד זאָל זיך נישט איינשפּאַרן מכבד צו זיין אים ווידעראַמאָל מיט אַ שמעק־טאַבאַק...

גערײַטעוועט דעם ראַבינער האָט דער הײזעריקער פּײַף פון לאָקאָ־מאָטיװ.

— מיר פאָרן שוין — האָט דער ייִד צוגעמאַכט דאָס טאַבאַק־פּוש־קעלע און זיך געווענדעט צו עפּשטיינען — וועלן מיר נאָר נישט פאַר־שפּעטיקן צו דער לוויה?

— איך רעכן, אַז מיר וועלן קומען צו דער צייט — האָט עפּשטיין געענטפערט.

— איר ווייסט, ייִדן, — האָט זיך לעבן דעם ראַבינער לעווי צע־רעדט אַ ייִד מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט פאַרדעקט זיין גאַנץ פּנים — איר ווייסט כאָטש, יעקעס...

— ששששש... — האָבן די אַנדערע ייִדן אים געוואָלט שטיל מאַכן — ששששש...

— וואָס איז דער שאַ אייערער, וואָס? וואָס האָט עטץ זיך אַזוי דערשראָקן פאַר דעם יעקע?

— שאַ, שאַ, — האָט דער עולם זיך געבייזערט און אָנגעוויזן אויף דעם ראַבינער לעווי.

— שאַ אַהין און שאַ אַהער — האָט דער ייִד זיך צעבייזערט — עס וואָלט געפּאַסט, אַז יעקע זיצט דאָ מיט אונדז...

— איך בין אַ יעקע, ר׳ ייִד! — האָט דער ראַבינער צו אים אַ שמייכל געטאָן.

דער ייִד האָט אין ביידע הענט אָנגענומען פולע גאַרשטן פון זיין שוואַרצער באָרד און האָט געשטאַמלט:

— וואָס הייסט עטץ זענט?...

— אַ יעקע, אַ ייִדישער יעקע, אָבער שטערט אייך נישט, ר׳ ייִד, איך האָב שטענדיק ליב צו הערן אַ גוטן וויץ וועגן די יעקעס...

— זעט עטץ שוין, דער יע... כ׳מיין, ווי רופט מען אייך, ר׳ ייִד?

— אַ נאַרישער ייִד — האָבן די שכנים זיך צעבייזערט — עס איז דאָך דער ראַבינער לעווי, פון בערלין.

— אַזאַ מעשה, אַזאַ מעשה — האָט דער ייִד זיך געריסן אין פאַר־לעגנהייט די באָרד — גיי און טרעף אַזאַ מעשה...

— עס מאַכט נישט, ר׳ ייִד, וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן וועגן די יעקעס, ר׳ ייִד?

— גאָרנישט, אָבער ממש גאָרנישט, הער ראַבינער. כ'האָב נאָר גע־וואָלט זאָגן, אַז כאָטש יעקע נאַר... האָט נישט קיין פּאַראיבל, הער ראַ־בינער, כ'מיין נישט חלילה אייך, כ'מיין אַז כאָטש אַ יעקע, פונדעסט־וועגן האָט ער אויך פאַרשטאַנען אָפּצוגעבן כבוד רפאל גאָלדן... פאַרט מער מענטש ווי אונדזערע גוייעס, וואָס ווייסן נישט מער ווי צו שילטן די זשידעס...

— ריכטיקע רייד, — האָט דער עולם אין וואַגאָן צוגעשטימט — עקסטראַ וואַגאָנעס און גאַנצע באַנען האָבן זיי צוגעשטעלט צו דער לוויה...

— איר זעט, ראַבינער לעווי, — האָט דניאל עפּשטיין זיך צוגעבייגן צו זיין שכן און שטיל געזאָגט — ווי ווייניק מענטשן פאַרלאַנגען. דער טאָפּ לינדזן, מיט וועלכן אונדזער פעטער עשיו האָט זיך אַמאָל צופרידנ־געשטעלט, איז, זעט אויס, איבערגעגאַנגען בירושה צו אַלע דורות. קוקט זיך צו צו די פּנימער פון די אַלע יידן אַרום. מען האָט שוין ביי זיי אַלץ כמעט צוגענומען און זיי זענען גליקלעך מיט די עקסטראַ־באַנען, וועלכע אייער גענעראַל האָט באַוויליקט צוצושטעלן צו דער לוויה פון אַ דער־מאָרדעטן ייד... ער מעג זיין צופרידן, אייער גענעראַל בעזעלער, מיט דעם שפּאָט ביליקן פּרייז...

— איר מיינט אַזוי, הער עפּשטיין — האָבן דעם ראַבינער לעוויס בלאָע אויגן דורכדרינגנדיק אַרומגענומען דעם עולם אין וואַגאָן — ווען איך בין אויף בעזעלערס אָרט, וואָלט איך גאָרנישט געווען אַזוי צופרידן...

— איר שפּאַסט, הער ראַבינער, קאָן נאָך זיין אַ ווייניקער שפּאָט בי־ליקערער פּרייז?...

— איך שפּאַס נישט, הער עפּשטיין, איך בין אַ יעקע אָן זין פאַר הומאָר. יאָ, איך מיין עס ערנסט, הער עפּשטיין. נישט די עקסטראַ־וואַ־גאָנען זענען וויכטיק. וויכטיק איז ווי די אויסגעהונגערטע מענטשן היטן זייער זעלבסטווירדע און ווען אַ מענטש ווייסט אָפּצושאַצן זיין ווערט, האָט ער נאָך שטענדיק די שאַנס צו זאָגן: גענוג! — און דעמאָלט, איז ווייי צו אַלע בעזעלערס.

דער ראַבינער לעווי האָט אויסגעטאָן זיין שוואַרצן שטייפן הוט און האָט זיין קאָפּ באַדעקט מיט אַ קלייבער זיידענער יאַרמולקע.

— ווען נישט אייער יאַרמולקע — האָט עפּשטיין צום ערשטן מאָל

אַ שמייכל געטאָן — וואָלט איך אייך געקאָנט אָננעמען, הערדנדיק די רייד, פאַר אַ באַהאַלטענעם רעוואָלוציאָנער...

— די גויים האַלטן יעדן ייד פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, און ווער ווייסט צי זיי האָבן נישט רעכט, הער עפּשטיין. אגב האָב איך געהאַט די גע־לעגנהייט אין דער קאַנצעלאַריע פון גענעראַל און איך האָב דאָרט געפו־נען דאָקומענטן, וואָס דערציילן זייער אויספירלעך וועגן דער צייט, ווען איר האָט נישט ווייניק געטאָן פאַר דער רעוואָלוציע, הער עפּשטיין...

— אויך דאָס ווייסן זיי?

— זיי ווייסן אַלץ, הער עפּשטיין.

— און זיי ווייסן אויך, אַז שוין יאָרן ווי כ׳האָב אויפגעהערט גלייבן, אַז מיט אָט די מענטשן קאָן מען גיין אויף באַריקאַדעס?

— אין דעם גלייבן זיי אויך נישט און איך מיין, הער עפּשטיין, אַז זיי האָבן רעכט צו זיין אומגלייביק. איך זע די זוימען פון איבערקערע־ניש אין די יידישע אויגן, אין יעדן פּנים, אין דער גרויסער אומרו, וואָס טרייבט די יידן אויף די גאַלעווקעס, און איך בין...

דער ראַבינער לעווי האָט זיך אַ ווייל פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט גע־זוכט אַ פּאַסיקן אויסדרוק פאַר זיין געדאַנק.

— איר שרעקט זיך אוודאי, הער ראַבינער, פאַר אָט דעם, ווי איר מיינט, קומענדיקן שטורעם פון רעוואָלוציע אין יידישן לעבן?

— שרעק? — האָט דער ראַבינער לעווי איבערגעחזרט — מעגלעך, אַז עס איז שרעק אויך. איך האָב אַמאָל געפּאָרשט דאָס לעבן פון ראַ־בעספּיערן. יאָ, גראָד דער קאַלטער באַהערשטער רעוואָלוציאָנער האָט מיך פאַראינטריגירט און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אונטער דער מאַסקע פון קאַלטקייט און באַהערשטקייט איז אויך געווען שרעק פאַר דער סטיכיע, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון שטייג. יאָ, אָן שרעק גייט עס נישט, אָבער אויסער שרעק איז נאָך עפּעס דאָ. איך מיין נייגיר. יאָ, נייגיר, און איך באַדויער וואָס איך בין נישט יונגער מיט אַ צוואַנציק יאָר, איך וואָלט געוואָלט זען ווהין עס וועלן אונדז פאַרוואַרפן די רע־וואָלוציאָנערע כוואַליעס...

— די נייגער פון אַ צושויער. איך האָב זיך אייך אַנדערש פאָרגע־שטעלט, הער ראַבינער, איך האָב געמיינט, אַז איר זענט דער געטרייער היטער פון די אַלטע טראַדיציעס פון די רבּיישע הויפן...

— און דאָס איז אויך ריכטיק, הער עפּשטיין. דעריבער זידלען מיך יעדן טאָג די בונדיסטן און די ציוניסטן, און שטעמפּלען מיך פאַר דער שוואַרצער רעאַקציע און פאַר דעם משרת פון גענעראַל בעזעלער...

— איר דאַרפט עס נישט נעמען צו בוכשטעבלעך, הער ראַבינער, אין היץ פון פּאַרטייאישן קאַמף באַנוצט מען זיך טיילמאָל מיט אויס־דרוקן...

— איר דאַרפט מיך נישט טרייסטן, הער עפּשטיין. איך בין געקומען אויף דער איינלאַדונג פון גענעראַל בעזעלער און איך דאַרף טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער איינלאַדונג. דאָס וואָס מיר האָבן ביידע זיך נישט איבעריק ליב, גייט קיינעם נישט אָן, און איך וויל טאַקע העלפן די רבישע הויפן און די רבנים און די אַלע יידן מיט בערד און פּיאות. איך האָב דעריבער כשר פאַרדינט די זידלערייען. און איך שעם זיך נישט מיט זיי. איך וואָלט זיך, פאַרקערט, געשראָקן פאַר קאָמפּלימענטן פון די בונדיסטן. נאָר טיילמאָל ביינאַכט, ווען די מעד־גאַס, ווו איך ווין, שלאָפט איין אויף עטלעכע שעה, טראַכט איך, אַז דאָס לעבן איז קאָמפּליצירטער און אינטערעסאַנטער ווי די פּאַרטיי־פּראָגראַמען און איך וועל זיך נישט וואונדערן, אַז דער היסטאָריקער וועט אַמאָל פעסטשטעלן, אַז דער ראַבי־נער לעווי האָט אין זיין צייט מער רעוואָלוציאָנירט דאָס יידישע לעבן ווי דער בונדיסט בייניש מיכאַלעוויטש...

— איר מיינט די מאָדערנע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען, די שולן, פּרעסע?

— איך מיין דאָס אַלץ, הער עפּשטיין, אָבער נאָך מער ווי די אוי־סערלעכע פאָרמען מיין איך דאָס דערוועקן דעם דראַנג אַנדערש צו מאַכן...

— און איר זענט צופרידן פון דעם, ראַבינער לעווי?

— אויף דעם וואָלט איך פּילייכט געקאָנט ענטפערן אין אַ יאָר צוואַנציק שפּעטער. דעריבער באַדויער איך, וואָס איך בין נישט יונגער. נו, געבוג, הער עפּשטיין, אייך געלאַנגווייליקט מיט די טראַכטענישן פון אַ יעקע...

— וואָס רעדט איר, הער ראַבינער, עס איז געווען אַזוי אינטערע־סאַנט צו הערן אייך ריידן, אַז די צייט איז שנעל פאַרלאָפן, ריכטיק, לאַניאַ...

— עס איז ווירקלעך געווען אַ פאַרגעניגן, הער ראַבינער, און איך

האָף, אַז איר וועט אונדז באַזוכן, הער ראַבינער, און פאַרזעצן אָט דעם שמועס...

— בעסטן דאַנק, מאַדאַם, ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועל איך זיך מעלדן, אָבער, דאַכט זיך, אַז מיר זענען שוין אין לאָדזש!

דער עולם אין וואַגאָן האָט זיך גענומען רוקן צו די אַרויסגאַנג־טירן. עס איז געווען אַ פריילעכער טומל און האַרמידער, ווי שטענדיק פאַרן אָפּשטעלן זיך פון דער באַן.

— אויב עס איז אייך אנגענעם, הער ראַבינער, וועלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען, עס וועט וואַרשיינלעך זיין גרויס דער טומל אין שטאָט און איר זענט אַ פרעמדער...

— מיט פאַרגעניגן, הער עפּשטיין, אַזאַ יעקע ווי איך וואָלט זיך דאָ גלייך פאַרלוירן...

די באַן האָט מיט אַ געקלימפּער זיך אָפּגעשטעלט און דער עולם האָט גענומען האַסטיק אַראָפּקלעטערן פון די וואַגאָן־טרעפּלעך.

— איז נאָך נישט צו שפּעט?

עס איז נישט געווען צו שפּעט, אָבער די גאַסן זענען שוין געווען פול מיט מענטשן. אויך די באַלקאָנען פון די הייזער זענען געווען באַהאַנגען מיט מענטשן.

לאָניאַ פון איין זייט, און דער ראַבינער לעווי פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן עפּשטיינס אָרעמס.

דער וועג צו דער זאַוואַדזקע גאַס האָט לאַנג געדויערט און זיי וואָלטן קיינמאָל אַהין נישט דערגרייכט, ווען אַדעק ווישינסקי באַווייזט זיך נישט פלוצלינג פאַר זיי.

— זע נאָר, זע! — איז ער צוגעפאַלן צו לאָניאַן — נו, וואָס מאַכסטו לאָניעלע און דו, דאַניעלו? אָ, גוט מאָיען, ראַבינער לעווי... נאָר קומט, קומט, עס וועט זיך באַלד אָנהייבן.

אַדעק ווישינסקי האָט אַ ווונק געגעבן צו אַ פּאָליציימאַן:

— נו, ברודערקע, העלף אונדז דאָ צו מאַכן אַ וועג... נאָר גיכער, זעסט, מיר האָבן נישט קיין צייט...

דער פּאָליציימאַן האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר דעם קאָרפּולענטן יידל וואָס מוז זיין אַ גרויסע שררה, קוים רעדט ער מיט אַזאַ באַפעלערישן טאָן. ווי אַזוי אָבער צו עפענען אַ וועג פאַר זיך, האָט אַדעק ווישינסקי

אַליין בעסער געוווּסט. ער האָט דעם פּאָליציימאַן באַדאַרפט צו האָבן נאָר בלויז פאַר אַן ערן־וואַך, דער עולם זאָל וויסן, אַז ער איז נישט אַבי ווער.

ער האָט מיט זיין שמייכל אַ זאָג געטאָן צום צונויפגעדריקטן עולם:

— נו, נו, פּאַנאָוויע, איר מוז נאָך אַ קאַפּעטשקע צוזאַמענגעמען און מאַכן אַ וועג, איר זעט דאָך, אַז מיר האָבן נישט קיין צייט...

און דער עולם האָט צו ווישינסקין צוריקגעשמייכלט און געעפנט פאַר אים און זיינע באַגלייטער אַ וועג.

ער האָט שוין אַליין נישט באַדאַרפט ריידן, די מענטשן האָבן שוין איינער דעם אַנדערן אונטערגעזאָגט:

— מאַכט אַ וועג, לאָזט דורך...

— קומט, קומט, — האָט ווישינסקי זיך אַלע מאָל אויסגעדרייט צו זען צי די עפּשטיינס און דער ראַבינער לעווי גייען אים נאָך — כ׳האָב דאָ אונדזער גאַנצע חברה...

אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ פון גאָלדס פּאַלאַץ, האָט עפּשטיין דער־זען דעם ראַבינער פּערסקי מיט זיין ווייב צעציליע, און די וואַרסקיס, און יאַנקל שמייסער, סאָניען און דעם גאַנצן וואַרשעווער עולם.

זיי האָבן זיך דערפרייט מיט עפּשטיינען, ווייל אין שטאָט האָט מען שוין געשמועסט, אַז די יעקעס האָבן אים אַרעסטירט און האַלטן אים פאַר אַן ערובניק.

— רירט זיך נישט פון דעם אָרט — האָט ער די נייע אָנגעקומענע אָנגעזאָגט — כ׳זאָל אייך האָבן אויפן אויג.

ער איז גלייך אַוועק אַרויסצוגעבן באַפעלן, צו מאַכן אָרדענונג, צו זאָגן וועמען עס זאָל ריידן און ווער עס זאָל שווייגן און בכלל, זאָלן זיי, די לאָדזשער, וויסן, אַז וואַרשע האָט אומעטום דאָס לעצטע וואָרט.

דער לויה־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַלע פּאַרטייען און פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן, האָט נישט געוואָגט זיך אַקעגנצושטעלן דעם פּאַן פּרעזעס ווישינסקי און אַפילו דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט זיך צו־געהערט צו זיינע פאַראָרדענונגען.

אַדעק ווישינסקי האָט זיך אַרומגעקוקט. יאָ, עס איז אַלץ שוין גרייט. עס שטייען אויסגעשטעלט די אַלע דעלעגאַציעס און צעכן מיט קרענץ און פענער און אויפשריפטן.

אומעטום שטייט די גרויסע דעלעגאַציע פון גאָלדס פאַבריק. זיי האָבן

אויך געהאַלטן אַ קראַנץ מיט אַן אויפשריפט פון טרויער צוליב דעם טויט פון זייער באַלעבאָס. זיי זענען געגאַנגען אַנגעטאָן אין שוואַרצע אנצוגן, די אַרבעטער פון גאָלדס פאַבריק, מיט אַנטבלויזטע און גלאַט צוגעקעמטע קעפּ.

זיי זענען געשטאַנען שווייגנדיקע, מיט האַרט פאַרשלאָסענע מיילער, און אַזוי פאַרשלאָסן זענען אויך געווען זייערע פּנימער.

ווישינסקי האָט היינט גערעדט מיטן פּאָליציימייסטער. ער האָט גע־צויגן מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— ווער ווייסט, צי מיר וועלן דערגיין ווער עס האָט דערמאָרדעט דעם פּאַן גאָלד. מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס ס׳איז מעגלעך, אָבער זיי שווייגן אַלע, די טויזנטער אַרבעטער. מען רעדט מיט זיי מיט גוטן און מיט בייזן, אָבער זיי עפענען נישט דאָס מויל.

— ווער ווייסט צי איינער פון זיי, אָט דאָ, איז נישט דער מערדער?

— איז ווישינסקין קאַלט געוואָרן אין די ביינער פון דעם געדאַנק.

— מילא, וואָס קאָן מען טאָן — האָט ווישינסקי געפּרוווט טראַכטן וועגן פריילעכערע זאַכן, — מען שטאַרבט דאָך נאָר איין מאָל און איצט איז דאָך אים סיי ווי שוין נישט קיין אונטערשיד...

— צי איז טאַקע נאָכן טויט מער נישט קיין אונטערשייד? — האָט ווישינסקי פּלוצלינג אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך אים, אַדעקן, וואַרט דאָס זעלבע — איז עס מעגלעך, אַז איך וועל אַזוי ליגן פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך און כ׳וועל צומאָל נישט וויסן וואָס אַרום מיר טוט זיך... איז טאַקע מעגלעך, אַז פון מיר, אַדעק ווישינסקי, וועט ווערן דאָס, וואָס פון אים, אַ, גאָט...

— ווער וועט זיין דער ערשטער רעדנער? — איז צו ווישינסקין צוגעגאַנגען ברוידע, פון לויה־קאָמיטעט.

— וואָס? רעדנער? — האָט ווישינסקי נישט פאַרשטאַנען וואָס מען דרייט אים אַ קאָפּ מיט נאַרישקייטן, אין דער צייט ווען ער ווייסט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מיט אים וועט געשען דאָס זעלבע וואָס מיט רפאל גאָלדן...

— ס׳מוז דאָך זיין אַן אָרדענונג — האָט אים ברוידע דערמאָנט.

— יאָ, יאָ, געוויס מוז זיין אָרדענונג. נו, וואָס איז צו פרעגן? דער ערשטער רעדנער וועט זיין ראַבינער פּערסקי.

ער האָט אין דער רשימה נישט פאַרגעסן אַריינצושטעלן אויך דעם ראַבינער לעווי, און געזאָגט:

— זאָל זיין אַ יעקע אויך...

ביז האַרט אין אָוונט האָט זיך געצויגן די לוויה פון רפאל גאָלדן. אויף די יידישע גאַסן זענען די קראָמען געווען פאַרהאַקט ווי שבת. ווען די לוויה איז דורכגעגאַנגען די גויישע מקומות, האָבן די גויעס זיך אויס־געשטעלט ביי די פענצטער און פאַר די טויערן און נייגעריק נאָכגעקוקט דעם זשידאָווסקן פאַגזשעב.

אַלע זענען געווען מיד פון דעם לאַנגן וואַרטן און יעדער האָט פאַר זיך געטראַכט ווען מ׳וועט קאָנען אַהיימגיין און אויסרוען די פיס.

די רשימה פון די רעדנער, וואָס אַדעק ווישינסקי האָט צונויפגע־שטעלט איז געבליבן ליגן אין דער טאַש פון הער ברוידע פון לוויה־קאָ־מיטעט. מ׳האָט אָן דער רשימה פאַרגעסן און ווער עס האָט געוואָלט, האָט געהאַלטן אַ הספד. די שטימען פון די רעדנער זענען נישט דערגאַנ־גען צום עולם און יעדער האָט, אַ מידער, זיך געפרעגט:

— ווען, ווען מען גיין אַהיים?...

די רעפּאָרטערס פון די צייטונגען האָבן מיט בלייפעדערס אין דער האַנט, שטייענדיק צווישן דעם צונויפגעדריקטן עולם, געמאַכט נאָטיצן פון די איינדרוקספולע רעדעס און מיט גרויס זיכערקייט פעסטגעשטעלט, אַז אַזאַ לוויה האָט נאָך לאָדזש נישט געזען.

רפאל גאָלדס ווייב און קינדער האָבן נישט באַוויזן צו קומען צו דער לוויה. האָט זיין פאָטער, דער אַלטער ר׳ הערשל, מיט אַ מיד קול, געזאָגט קדיש.

דער עולם האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און זיך גענומען אַזוי שנעל פאַנאַנדערגיין, אַז עס האָט אויסגעזען ווי יעדער איינער וויל ווי אַמ־שנעלסטן אַנטלויפן פון דעם אָרט, פון וועלכן ס׳איז קיין אַנטלויפן נישטאָ.

מענטשן האָבן זיך ווי עפּעס געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן און האָבן, פון יוצא וועגן, נישט האָבנדיק וואָס צו זאָגן, צו זיך אַ מורמל געטאָן:

— אַזאַ לוויה, אַזאַ...

אַדעק ווישינסקי האָט זיין וואַרשעווער עולם צונויפגענומען אין איין

וואַגאָן פֿון דער ווינער באַן און, ווען דער צוג האָט גערירט פֿון אָרט, האָט ער אויסגערופֿן:

— איך בין טויט הונגעריק, מײַנע הערשאַפֿטן...

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופֿן.

אַדעק ווישינסקי האָט גענומען פֿאַנאַנדערוויקלען עפּעס פּאַפּירן און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— כ׳האָב פֿריער געוווּסט, אַז כ׳קאָן זיך אויף קיינעם נישט פֿאַר־לאָזן, האָב איך אַליין באַזאָרגט עפּעס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. נו, נו, סאַניעלע, און אויך דו, מאַניעלע, העלפֿט מיר כאַטש צו פֿאַנאַנדערטיילן צווישן עולם.

דער עולם האָט שווײַגנדיק צוגעביסן און אַדעק ווישינסקי האָט מיט אַ פֿול מויל געזאָגט:

— נו, דאַכט זיך, דער גאַנצער עולם אונדזערער האָט זיך צוגע־שטעלט, נאָר דער יעקע, דער ראַבינער לעווי, איז מיר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן...

— דער לאָדזשער רב האָט אים פֿאַרבעטן צו זיך — האָט עפּשטיין זיך אָפּגערופֿן.

— מילא, איז אַן אַ יעקע — האָט ווישינסקי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — נאָר ער, פֿעליקס זאַקס, איז אויך נישטאָ. נו, אויף אים האָב איך זיך נישט געריכט. ער האָט אויף אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזט דעם רײַכן לאָדזשער פֿאַבריקאַנטס טעכטערל. יאָ, יאָ, אַז אַדעק זאָגט, מעגט איר גלייבן און איך קאָן אײַך שוין פֿאָרויס מעלדן, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און מיר אַלע וועלן טאַנצן אויף אַ חתונה אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס...

אַלע האָבן מידע געשוויגן, נאָר מירעלע האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ הויך אומנאַטירלעך געלעכטער.

אַדעק ווישינסקי האָט געוואָרפֿן אַ שאַרפֿן בליק אויף מירעלען.

— הם, הם, — האָט ער צו זיך אַ מורמל געטאָן און אָנגעהייבן ריידן וועגן דעם, ווען מען דאַרף באַשטימען פֿאַר אַ סענאַטאָר.

דאָס געשפּרעך האָט זיך אָבער נישט געקלעפּט. יעדער איז געזעסן פֿאַררוקט אין זײַן ווינקל מיט האַלב פֿאַרשלאָסענע אויגן.

מאַניע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן יאַנקלס אָרעם און צו אים געזאָגט:

— שלאָף, שלאָף, קינד — האָט יאַנקל דערפֿילט אַ כוואַליע פֿון

צערטלעכקייט צו דעם שווארצן מיידל, וואס האט א מויל אויף שרויפן און איצט ליגט זי א שוואכע אויף זיין ארעם.

ווען די באן איז אנגעקומען קיין ווארשע, האט זיך דער עולם שנעל געזעגנט, ווי איינער וואלט דעם צווייטנס אנוועזנהייט נישט געקאנט מער פארטראגן.

קאפיטל צוויי־און־דרייסיק

די צוואה פון איזאק מאסיעוויטש

סאניע איז געלעגן אויף איר בעט מיט אפענע אויגן און געהאלטן אין האנט די געלע בלעטלעך געדיכט פארשריבענע מיט איר פאטערס האנטשריפט.

זי האט געזען ווי אין דער צווייטער שטוב, דורך דער האלב־אפענער טיר, גרייט זיך מירעלע צום שלאף.

גלייך פון דער באן זענען זיי שווייגנדיקע ביידע געגאנגען אהיים. פיניע האט זיי באגלייט ביזן טויער. ער האט געוואלט ארויפגיין צו איר אין שטוב, נאר ער האט געווארט אויף סאניעס ווארט. זי האט גארנישט געזאגט. זי איז געווען מיד און האט געוואלט זיין אליין. האט פיניע א שווייגנדיקער געווארט און זיך געזעגנט. ערשט ווען ער איז אפגעגאנגען עטלעכע טריט האט זי אים צוריקגערופן און געזאגט:

— וועסט ארויפקומען מארגן, פיניע?...

— געוויס וועל איך קומען...

פיניעס אויגן האבן אויפגעלויכטן און זי ארומגענומען. איצט באדויערט זי, סאניע, וואס פיניע איז דא נישטא. זי האלט שוין עטלעכע מינוט די געלע בלעטלעך, וואס איר אלטע מומע האט פאר איר אזוי לאנג געהיטן און ווייסט נישט וואס מיט זיי צו טאן. זיי ציען זי, די בלעטלעך, און שרעקן צוגלייך. עס דאכט זיך איר, אז פון קבר אפער האט דער פאטער איר צוגעשיקט זיין צוואה, זיין אנזאג, און זי האט מורא פאר דעם אנזאג וואס קומט פון קבר און גלייכצייטיק ווייסט זי, אז עס איז איר פליכט צו הארכן. וואלט פיניע דא איצט ביי איר בעט געזעסן, וואלט איר לייכטער געווען איינצוזאטעמען דעם אטעם פון קבר.

די אויגן קלעפן זיך איר פון מידקייט. נאר יעדעס מאל ווען זי פאר־

מאַכט די אויגן רײַסט זי זיי מיט שרעק אויף. זי זעט פאַר זיך שטיין רפאל גאָלדן אין דעם שוואַרצן ראָק מיט דעם קורץ־צוגעשוירענעם שפּיץ־בערדל. ער רעדט עפּעס צו איר און זי שוידערט אויף דערמאָנענדיק זיך ווי מען האָט ערשט דעם שוואַרצן קאַסטן מיט עטלעכע שעה צוריק אַראָפּגע־לאָזט אין דעם פּייכטן גרוב.

סאָניע באַמיט זיך צו קוקן אויף די געלע בלעטלעך און צו פאַר־טרייבן דעם שלאָף. זי האָט מורא איינצושלאָפן און ווידער צו זען רפאל גאָלדן.

עס דאַכט זיך איר איצט, אַז אַלע און אויך זי זענען שולדיק אין דעם וואָס עס איז געשען, און עס קומט איר פאָר, אַז גאָלד ווייסט דאָס און דעריבער קומט ער צו איר מאָנען די עוולה...

סאָניע וויל וועגן רפאל גאָלדן נישט קלערן. פּרוווט זי טרעפן ווען איר פאָטער האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע בלעטלעך, וואָס זענען פון אַלט־קייט געל געוואָרן.

זי געדענקט איר פאָטער אַ באַוואַקסענעם, אַ גראָען און שטענדיק קראַנקן. ער איז נישט געווען אַלט, אָבער איר איז ער פאַרגעקומען אַלט און זי האָט געמיינט, אַז איר פאָטער איז געבוירן געוואָרן אַ זקן. זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז איר פאָטער איז אויך אַמאָל געווען יונג. און אַז ער האָט אַמאָל נישט געהוסט און נישט געשפּיגן מיט בלוט.

די געלע בלעטלעך אין האַנט האָבן צום ערשטן מאָל אין סאָניען דער־וועקט דעם געדאַנק, אַז איר פאָטער, ווען אַלע האָבן גערופן איזאַק מאַי־סעיעוויטש איז נישט געבוירן געוואָרן אין דער ליימענער כאַטקע אין סי־ביר. ער האָט אַמאָל געוווינט דאָ אויף די גאַסן נישט ווייט פון דעם הויז, וווּ זי, סאָניע, וווינט איצט.

יאָ, אויף די גאַסן דאָ איז ער געבוירן געוואָרן און דאָ האָט ער זיך געשפּילט אַלס קינד.

סאָניע וויל זיך פונאַנדערלאַכן פון דעם משונהדיקן געדאַנק. עס איז איר פּשוט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן איר פאָטער אַלס קינד. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז דער שטענדיק ערנסטער איזאַק מאַיסעיעוויטש, וואָס איז ביי אַ קליין ליכטל שטענדיק געזעסן איבערגעבויגן איבער זיינע בי־כער, איז אַרומגעלאָפן מיט קורצע קינדישע הייזלעך איבער דער גאַס און

זיך געשפּילט און געשטיפּט מיט אַנדערע קינדער. זי קאָן זיך אַזאַ בילד נישט פאָרשטעלן.

— כ׳וועל זאָגן פיניען — טראַכט זי — אפשר געפינט זיך ביי דער משפּחה אַ בילד פון טאַטנס קינדער־יאָרן.

די בלעטלעך שטאַמען שוין פון שפּעטער. דער טאַטע איז שוין געווען אַ יונגערמאַן. ווי האָט ער אויסגעזען? סאָניע פּרוּווט זיך פאָרשטעלן דעם יונגן רעוואָלוציאָנער, נאָך וועלכן די זשאַנדאַרמען יאָגן זיך און ער חלומט זיין טרוים פון קאַמף מיט די מעכטיקע צאַרן...

— איך מוז אַריבערפאָרן צו די דריי אַלטע מומעס. זיי מוזן זיין אַזוי קאַמיש, די דריי אַלטיטשקע, און זיי געדענקען געוויס דעם טאַטן, זיי וועלן מיר אַוודאי וויסן צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען אַמאָל ווען ער האָט געוווינט נישט ווייט פון איר הויז דאָ...

— איז ער געווען ענלעך צו פיניען? — פאָלט איר איין — זיי זענען דאָך משפּחה, די מומעס וועלן וויסן צי ער איז געווען ענלעך צו פיניען.

סאָניע ווייסט נישט, צי זי וואָלט געוואָלט, אַז פיניע זאָל זיין ענלעך צו איר פאָטער. זי איז בלויז נייגעריק און געוואָלט וויסן.

— שלאָפסט, סאָניע?

— ניין, מירעלע, כ׳קאָן נישט איינשלאָפן.

מירעלע קומט אַריין אין אַ לאַנגן נאַכט־העמד און זעצט זיך אויף סאָניעס בעט.

סאָניע לייגט אַרונטער אונטערן קישן די געלע בלעטלעך.

— קאָנסט אויך נישט איינשלאָפן, מירעלע?

מירעלע האָט נישט געענטפערט. זי איז געזעסן אויף סאָניעס בעט מיט אַראָפּגעלאָזטע פיס, און אירע לאַנגע זיידענע וויעס האָבן פאַרדעקט אירע אויגן.

— קום אַריין צו מיר אין בעט — האָט זי סאָניע צוגעצויגן — עס איז קאַלט אַזוי צו זיצן.

מירעלע האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— כ׳האָב דיר שוין פון לאַנג געוואָלט זאָגן, סאָניע, אַז פיניע איז אַ גוטער בחור.

סאָניע האָט געשוויגן און מירעלע האָט האַסטיק אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וויל זאָלסט וויסן, אַז כ׳קען פּיניען אַלס קינד און מיר האָבן זיך ביידע געשפּילט נישט מער, גלייבסט מיר, סאָניע?

— איך גלייב דיר און דאָס איז שיין פון דיר מירעלע, וואָס דו רעדסט אַזוי פון פּיניען.

מירעלע האָט נישט געענטפערט. זי האָט נישט אָוועקגענומען דאָס פּנים פון קישן און אירע פּלייצעס האָבן זיך געהויבן פון אַן איינגעהאַל־טענעם ספּאַזמאַטישן געוויין.

— באַרואיק זיך, מירעלע — האָט סאָניע געגלעט אירע האָר — דער היינטיקער טאָג האָט יעדן אויפגערעגט...

סאָניע האָט נישט געפרעגט פאַרוואָס מירעלע וויינט. סאָניע אַליין האָט זיך שנעל אויסגעניכטערט פון פעליקס זאַקס כישוף. זיין ענטפער אין דעם טאָג, ווען זי האָט געפונען בערטאַס טויטן קערפּער, האָט איר מיטאַמאָל געעפנט די אויגן. זי טראָגט נישט קיין פאַרדראָס אויף פע־ליקסן. ער קאָן נישט זיין אַנדערש ווי ער איז. ער האָט צופיל ליב זיך, ער באַוווּנדערט זיך אַליין צופיל, אַז ער זאָל קאָנען טראַכטן פון אַ צווייטן. ניין, זי, סאָניע, איז נישט בייז אויף אים. פאַרקערט. זי איז אים דאַנק־באַר. אַדאַנק זיין ענטפער האָט זי צוריקגעפונען פּיניען. אָבער זי ווייסט ווי שטאַרק עס איז דער צויבער פון פעליקסן. ווער ווייסט צי אָן פּיניעס הילף וואָלט זי כוח געהאַט זיך צו באַפרייען פון דעם צויבער. מאַניע האָט אויך נישט געקאָנט זיך אַקעגנשטעלן פעליקסן. סאָניע האָט מיט עטלעכע טעג צוריק זיך שטיל צוריקגעצויגן, ווען פעליקס האָט זיך איינגעגעסן אין מאַניעס מויל, אָבער זי האָט געזען דעם עקסטאַטישן אויסדרוק אויף מאַניעס פּנים, כדי צו פאַרשטיין פאַרוואָס זי האָט זיך פאַרשדכנט צו יאַנקלען. זי האָט געפילט, מאַניע, אַז זי מוז אַנטלויפן פון פעליקסן, אַז זי מוז זיך אַרויסרייסן פון זיין צויבער, אַז זי מוז זיך אָן עמיצן אָנכאַפּן. איז יאַנקל געוואָרן איר אָנשפּאַר. נאָר זי, מירעלע, האָט נישט געהאַט צו וועמען צו אַנטלויפן און ביי וועמען צו געפינען שוץ, אָרעמע מירעלע...

סאָניע האָט זיך דערמאָנט אָן מירעלעס פאָטער דעם הויכן משה. אין דער שטוב איז ער געשטאַנען, דער הויכער ייד, און זיינע אויגן זענען גע־ווען פול מיט גוטסקייט, געבעט און געוויין. נאַרישע מירעלע, פאַרוואָס גייסטו נישט צו אים, צו דעם פאָטער דיינעם, ער וואַרט דאָך איצט אויף

דיר, ער קאָן דאָך בײנאַכט נישט שלאָפן און האָרכט זיך צו צו יעדן שאָרך אויף די טרעפּ. אפשר קומט זי פאָרט צוריק, די טאָכטער זײנע?

— נאַריש קינד, דו װילסט דאָך אַהײם, דו בענקסט דאָך אַהײם. איז װאָס פײניקסטו זיך. אין דער הײם װעסטו האָבן אַן אַנלען, װעסט געפֿינען כּוח זיך צו באַפרײען פון פעליקסן. ער איז נישט קײן סך װערט. זאָל ער זיך אָנהענגען אָן דעם פאַבריקאַנטס רײַך טעכטערל. ער װעט דאָרט בײַ דעם פאַבריקאַנט אין שטוב אַלע באַצװיבערן, אָבער װאָס גײט דיך אָן מירעלע, גײ צום טאַטן, צו דעם הויכן משהן.

זי האָט עס איר נישט געזאָגט. אַזעלכע זאַכן קאָן מען נישט הערן פון אַ פרעמד מויל. מען מוז אַלײן זיך עס זאָגן. און נישט שטענדיק קאָן מען זיך אַלײן זאָגן. עס טוט װײ אַזאַ זאָגן זיך, עס רײַסט אויף װונדן אַזאַ זאָגן, אָבער דו האָסט נישט קײן אַנדערן אויסװעג, מירעלע, װעסט מוזן אין זיך געפינען גענוג כּוח צו פאַרטרײַבן פעליקס שאָטן...

סאָניע האָט געגלעט שװײַגנדיק מירעלעס האָר און געטראַכט, אַז איצט װאָלט גוט געװען װען די טיר עפנט זיך און דער הויכער ייד, מי־רעלעס פאָטער, קומט אַרײַן. זי האָט געהערט אַז נאָענטע מענטשן פילן װען מען דאַרף זײ האָבן. איז אפשר פילט ער איצט, דער הויכער ייד, מיט די טרויעריקע אויגן, אַז זײַן טאָכטער קאָן זיך דאָ נישט געפינען קײן אָרט. סאָניע האָט זיך אײַנגעהערט אין מירעלעס אָטעם.

— זי איז אײַנגעשלאָפן — האָט סאָניע צו זיך אַ שמײכל געטאָן. זי האָט געװאָלט פאַרלעשן די ליכט און אויך פרוװן אײַנשלאָפן.

איר האַנט האָט אָנגעטאַפּט די בלעטער װאָס זי האָט אַרונטערגע־לײגט אונטערן קישן.

— מערקװירדיק — האָט זי געטראַכט — דער טאַטע האָט די בלע־טער איבערגעלאָזט בײַ דער מומע. פאַר װעמען האָט ער זײ באַהאַלטן? האָט ער געפילט, אַז עס װעט אַמאָל קומען אַ צײַט װען זײַן טאָכטער װעט די בלעטער, באַשריבענע מיט זײַן האַנט, האַלטן אין אירע הענט?

זי האָט זיך דערמאָנט, סאָניע, װי איר פאָטער פלעגט זי דאָרט, אין דער לײמענער סיבירער כאַטע, נעמען אויף זײַנע קני און איר דערצײלן װעגן די קאַלירפולע באַלאָנען אין אַ װײַטער שטאָט, װאָס רײַסן זיך אין די הימלען און נאָך װעלכע ער האָט זיך אַמאָל אַזוי געיאָגט...

וועט זי אין די דאָזיקע געלע בלעטלעך געפינען דעם וועג צו די באַלאַנגען, וואָס זענען געווען דער לעבנס־טרוים פון איר פאָטער?

דאָס לייענען איז אין אָנהייב סאָניען אָנגעקומען שווער. די בוכשטאָבן זענען געווען אַזעלכע קליינע און אַזוי ענג באַהאָפטענע איינע צו דער אַנדערער ווי דער מחבר וואָלט מורא געהאַט, אַז עס וועט אים אויספעלן פאַפּיר. די אויגן האָבן זיך אָבער שנעל צוגעוווינט צו דעם כתב און סאָניע האָט אַליין נישט געפילט ווי די קליינע פּיטשינקע אותיותלעך האָבן זי איבערגעטראָגן אין עפּעס אַ נייער וועלט, וואָס וועגן איר עקזיסטענץ האָט זי ביז איצט נישט געאַנט.

דער יונגער יצחק העכט, אָדער יצחקל, ווי מען האָט אים אינדערהיים אויף נאָוואָליפּקי נישט אויפגעהערט צו רופן, האָט אין די דאָזיקע בלעטלעך פאַר זיך אַליין געוואָלט קלאָר מאַכן וואָס ער וויל. ער האָט געזוכט זיין וועג. שווער איז אים אָנגעקומען דאָס זוכן. טיילמאָל האָט אַ געשריי פון פּיין זיך אַרויסגעריסן פון זיינע שורות.

— פאַרוואָס האָסטו געליטן, טאַטע? — זענען סאָניעס אויגן פייכט געוואָרן — פאַרוואָס האָסטו זיך נישט געקאָנט פרייען מיטן לעבן, מיט דיין יוגנט ווי טויזנטער אַנדערע?

ער האָט עס נישט געקאָנט. און ער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט נישט געקאָנט זיך צופרידנשטעלן מיט זיין אייגענעם לעבן און מיט זיין אייגענער יוגנט. אַן אומרו האָט אין יענע יאָרן אַרומגענומען די יונגע מענטשן פון נאָוואָליפּקי און קראָכמאַלנע און סמאָטשע און טוואַרדע גאַסן. זיי האָבן מיטאַמאָל דערפילט אין זייערע הערצער דעם שמערץ פון דער וועלט און זיי האָבן מיט די ווערטער פון דעם טראַגישן פּוילישן דיכטער פּיזיש געווייטיקט דעם ווייטיק פון מיליאָנען. יעדער פון זיי האָט געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס טאָן, אַז ער מוז עפּעס טאָן, אַז די מיליאָנען ליידנדע וואַרטן אויף אים און אויף זיין טאַט. אָבער וואָס צו טאָן האָבן זיי גענוי נישט געוווּסט. זיי האָבן נאָר געוווּסט, אַז דאָס וואָס עס איז געווען ביז איצט טויג נישט, אַז צוליב דעם וואָס עס איז געווען ביז איצט ליידן די מיליאָנען. דאַרף מען דעריבער צעשטערן אַלץ וואָס עס איז ביז איצט געווען. דאַרף מען מיטן וואָרצל אויסרייסן אַלץ וואָס די פריערדיקע דורות האָבן געטאָן און געבויט. דאַרף מען זייער ירושה אַרויסוואַרפן אויפן מיסט.

יצחק העכט האָט אַזוי געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן פון זיך, פון דער אַלטער יידישער שטוב אויף נאָוואָליפּקי גאַס. ער האָט אויסגעריסן פון זיין האַרץ אַלץ וואָס איז אין דער שטוב הייליק געווען, אַלץ אין וואָס מ'האָט אין דער שטוב געגלייבט, אַלץ וואָס איז אין דער שטוב איבערגע־גאַנגען בירושה פון דור צו דור און ער איז אַוועק צו זיי, צו די אַנדערע, צו די מענטשן וואָס האַלטן שוין אין שאַפן די נייע גליקלעכע און שיינע וועלט.

און דעמאָלט האָט ער זיך צו זיין דערשטוינונג פּלוצלונג געכאַפּט, אַז די אַלטע יידישע שטוב פון נאָוואָליפּקי גאַס, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר חרוב און צעשטערט, איז מיט אים מיטגעגאַנגען. און זי טרעט נישט אָפּ פון אים אַ מינוט. ער שטורעמט קעגן איר, קעגן אירע געוווינהייטן און מינהגים און אין דער זעלבער צייט ווייסט ער, אַז ער אָטעמט וויי־טער מיט איר לופט, אַז זיין צאָרן און זיינע בענקענישן און זיין רייסן זיך צו שיינע און בעסערע וועלטן ציט די יניקה פון דאָרט, טאַקע פון דער אַלטער שטוב אויף נאָוואָליפּקי גאַס, וועלכע ער מאַכט חרוב יעדן טאָג אויפסניי מיט זיינע רייד.

די געדיכט־באַשריבענע בלעטלעך דריקן אויס דערשטוינונג און כעס אויף זיך אַליין. וואָס איז מיט דיר? — שרייט ער אָן אויף זיך אַליין — ווי קאָנסטו זיין דער בויער פון דער נייער וועלט, אַז דו שטעקסט נאָך אַלץ מיט דיין נשמה אויף נאָוואָליפּקי גאַס? וואָס פאַר אַ טעם קאָן האָבן די ריין־רעוואָלוציאָנערישקייט, אַז ווען דו רעדסט צו דיינע חברים כאַפּסטו זיך פּלוצלונג, אַז דו רעציטירסט פּסוקים פון די אַלטע ספרים, וועלכע דו האָסט כלומרשט פון זיך אַוועקגעשליידערט?...

סאָניע פאַרשטייט נישט דעם פּיין פון איר פאָטערס געראַנגל מיט זיך אַליין. זי ווייסט נישט פון נאָוואָליפּקי גאַס, און זי האָט דאָרט אין דער ליימענער כאַטקע אין ווייטן סיביר נישט געקאָנט פילן דעם שמערץ פון מיליאָנען, ווען די פיס זענען טיילמאָל פאַרפרוירן געוואָרן פון קעלט. זי קאָן נישט פאַרשטיין דעם אומרו פון דעם מחבר פון די געל־געוואָרענע, געדיכט־באַשריבענע בלעטלעך. אָבער זי פילט אַרויס זיין אינערלעכע אויפטרייסלונג און זי וואָלט וועלן אים העלפן.

און מיטאַמאָל דערפילט זי דעם רואיקן אָטעם פון מחבר. וואָס איז

געשען? האָט ער ענדלעך באַוויזן אין זיך צו באַזיגן די אַלטע שטוב אויף נאָוואָליפּקי?

עס דאַכט זיך סאָניען לייענענדיק, אַז איר פֿאָטער האָט די ווייטער־דיקע שורות שוין געשריבן מיט אַ רואיקן שמייכל. ער איז ווייטער נישט צופֿרידן מיט דעם וואָס עס איז. ער הערט ווייטער נישט אויף צו זוכן. נאָר ער הייבט אָן פֿאַרשטיין, אַז אויך דאָרט אויף נאָוואָליפּקי גאַס האָט מען געזוכט, האָט מען נישט אויפֿגעהערט צו זוכן און ער הייבט אָן צו־זאַמענצוקלייבן די זכרונות פֿון אַמאָל, כדי מיט דער הילף פֿון דער אַל־טער ירושה צו געפֿינען פֿאַר זיך דעם וועג.

צי וועל איך אַמאָל דעם וועג געפֿינען? — פֿרעגט ער זיך אַליין. און וואָס וועט זיין ווען איך וועל געפֿינען דעם וועג? וואָס וועט זיין דערנאָך? און ער הייבט עפּעס אָן אָנען, אַז דאָס זוכן דעם וועג איז אפֿשר מער ווי דאָס געפֿינען אים. ער דערציילט וועגן אַ באַגעגעניש מיט פֿריינד, וואָס זענען נאָר וואָס געקומען פֿון דער שווייץ. זיי האָבן גערעדט מיט אַזאַ זיכערקייט און זעלבסטצופֿרידנקייט ווי זיי וואָלטן שוין מער גאָר־נישט באַדאַרפֿט. זיי ווייסן שוין אַלץ. זיי האָבן שוין געפֿונען דעם וועג. זיי דאַרפֿן מער נישט זוכן און נישט מער וועלן וויסן און פֿאַרשטיין. זיי ווייסן שוין אַלץ. איז דעם מחבר אַ רחמנות אויף זיי, די צופֿרידענע פֿריינד זיינע. ער פֿאַרגלייכט זיי צו אַן אָרעמאַן וואָס זיצט אויף דער שוועל פֿון זיין שטוב און ציילט אַ צופֿרידענער די מטבעות פֿון זיין קבצן־זעקעלע.

סאָניע ציטערט לייכט אויף. צי רעדט ער וועגן איר, זיין טאָכטער? ניין, זאָגט ווען איך האָב אַ קינד, וואָלט איך נישט וועלן זען אויף זיין פּנים אַזאַ צופֿרידן קבצנישן שמייכל. בעסער די פּיין פֿון זוכן איידער די זעלבסטצופֿרידנקייט פֿון זאַטן. איך וואָלט מיין קינד געזאָגט: הער נישט אויף צו זוכן, הער קיינמאָל נישט אויף.

סאָניע בלייבט זיצן אויפֿן בעט. עס דאַכט זיך איר ווי עס דערגייט איצט פֿון אַזוינע ווייטקייטן די באַקאַנטע שטים פֿון איר פֿאָטער:

— הער נישט אויף צו זוכן. הער קיינמאָל נישט אויף!

סאָניען דאַכט זיך אין דער מינוט, אַז זי הערט אַפֿילו דעם באַקאַנטן הוסט פֿון איר פֿאָטער און זי טראַכט:

— מען דאַרף אים דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער, אַ גלאָז...

איר קאָפּ פאַלט אַוועק אויפן קישן און ווען זי מאַכט שפּעטער אויף די אויגן, קוקט שוין אַריין דער גרויסער טאָג אין שטוב.

סאָניע זעצט זיך אויפן בעט. דער שלאָף ליגט נאָך אין אירע אויגן. זי ווייסט נישט וואָס זי זוכט. זי מאַכט זיך גלייך די האָר, וואָס פאַלן אַראָפּ אויף איר פּנים. זי מוז זיך דערמאָנען וואָס זי זוכט. זי ווייסט אַז זי זוכט עפּעס אַ וויכטיקע זאַך, גאָר אַ וויכטיקע, וואָס זי מוז געפינען.

איר בליק פאַלט אויף די געלע געדיכט־באַשריבענע בלעטלעך, וואָס וואַלגערן זיך אויפן צעקנייטשטן ליילעך. פון אירע אויגן פאַרשווינדט מיטאַמאָל יעדער שפּור פון שלאָף. איצט ווייסט זי וואָס זי האָט געזוכט, יאָ איצט ווייסט זי.

זי נעמט פאַרזיכטיק צוזאַמען די פונאַנדערגעוואָרפענע בלעטלעך, לייגט זיי גלייך איינער נאָכן אַנדערן און גלייכט אויס מיט גרויס זאָרג־פעליקייט די קנייטשן פון יעדן בלעטל.

איר פּנים איז צעשיינט. זי שפּרינגט אַראָפּ אַ זאָרגלאָזע פון בעט און שטעלט זיך אַ צעשמייכלטע קעגן שפּיגל. זי לאַכט צו זיך און אירע ווייסע ציין פינקלען צו איר. אַ מאָדנע שטיפערישקייט נעמט זי אַרום. זי נעמט זיך וויגן ווי אין טאַנץ פאַרן שפּיגל און ווייזט זיך אַליין דעם שפּיץ צונג ווי זי וואָלט זיך געררייצט מיט עמיצן.

— מירעלע, מירעלע! — רופט זי אַ פריידיקע, אַ צעזונגענע.

זי פראַלט אויף די טיר פון דער צווייטער שטוב. מירעלע איז נישטאָ.

סאָניע דערמאָנט זיך, ווי מירעלע איז ביינאַכט געקומען צו איר אין בעט און איינגעגראָבן אַ וויינענדיקע איר פּנים אין קישן.

— נאַריש מיידל וואָס דו ביסט — טראַכט סאָניע — צוליב פּע־ליקסן וויינסטו? זע דעם שיינעם לאַכנדיקן טאָג, גיב נאָר אַ קוק אין דעם זוניקן אינדרויסן.

אויף אַ מינוט ווערט סאָניע אומרואיק. ווער ווייסט וואָס עס איז מיט איר? נאָר סאָניע קאָן אין דעם טאָג נישט זיין טרויעריק, זי איז פול מיט פרייד און דערוואַרטונג. יעדער געדאַנק האָט צו איר אין דעם טאָג נישט קיין צוטריט. דערמאָנט זי זיך, אַז מירעלע גייט יעדן טאָג פרי צו דער אַרבעט און זי שמייכלט צו זיך.

— כ׳בין אַזאַ פּעפּערקע, אַז כ׳האָב גאָרנישט געהערט...

סאָניע פאַרגעסט אָן מירעלען און זי גייט שנעל איבער די שטיבער,

מאַכט גלייך די פּאָרהאַנגען, שטעלט איבער די שטולן, ווישט דעם שטויב פון דער שאַנק און זי נעמט פלוצלונג זינגען אַ ליד, וואָס האָט אומגעריכט אויפגעטויכט אין איר געדעכעניש. אַ ליד וועגן אַ הויכן באַרג וואָס איז פול מיט זון און וואָס איז אַזוי הויך, אַזוי מוראדיק הויך, אַז די פיס ברעכן פון מידקייט, אָבער עס מאַכט נישט אויס, פריער צי שפּעטער וועט מען דערגיין. נישט אַלע וועלן דערגיין. אפשר וועלן צוויי, אפשר וועט נאָר איינער דערגיין צו דעם שפּיץ פון זוניקן באַרג. אָבער דער איינער וועט אַריינגעמען אין זיך די בענקשאַפטן און טרוימען און ווילנס פון אַלע און ער וועט פון אַלע אָפּגעבן דער זון אַ גרוס.

אַזוי האָבן זיי געזונגען, איר פאָטערס חברים, און איר פאָטער אַליין, ווען עס איז געווען אומעטיק און קאַלט אין דער ליימענער כאַטקע אין סיביר. עס איז געווען מער ווייטיק, ווי האָפענונג אין זייער געזאַנג.

סאָניע האָט אין דעם ליד פאַרגעסן פונקט, ווי עס איז פאַרטושט געוואָרן אין איר געדעכעניש דאָס לעבן פון דאָרט. זעט אויס, אַז די געלע געדיכט־באַשריבענע בלעטלעך האָבן צו איר צוריקגעבראַנגט דאָס לעבן פון אַמאָל, אָבער זי האָט אַנדערש ווי איר פאָטער געזונגען דאָס ליד וועגן דעם זוניקן באַרג! אין איר געזאַנג איז נישט געווען קיין ווייטיק. איר געזאַנג איז געווען פול מיט האָפענונג. זי האָט קיין מינוט נישט געצווייפלט, אַז זי וועט דערגיין צום שפּיץ־באַרג, אַז זי וועט ברענגען דעם גרוס דער זון און נישט אַליין וועט זי דערגרייכן דעם באַרג־שפּיץ. פיניע גייט ביי איר זייט, ער גייט מיט זיכערע טריט.

— פיניע, ווו ביסטו?

נאָך קיינמאָל האָט סאָניע נישט געוואָלט אַזוי האָבן נעבן זיך פיניען ווי איצט. זי וואָלט אים דערציילט און זי וואָלט אים געזאָגט אַלץ.

סאָניען איז, וואָס אַן אמת, ווייט נישט קלאָר וואָס זי וויל פיניען זאָגן. אָבער זי ווייסט אַז פיניע וועט זי פאַרשטיין. ער האָט דאָך איר געבראַכט איר פאָטערס געל־געוואָרענע געדיכט־פאַרשריבענע בלעטלעך.

סאָניע דערמאָנט זיך אָן דער אַלטער מומע, וואָס האָט די בלעטלעך אַזויפיל יאָרן געהיט. איצט פאַרשטייט זי פאַרוואָס. זיי האָבן געוווסט, אַז זי מוז זיי האָבן, אַז זי מוז באַקומען דעם אָנזאָג פון איר פאָטער, דעם אָנזאָג פון נישט אויפהערן זוכן.

זי האָט ביז היינט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן איר לעבן מיט פי־

ניען. וואָס וועלן זיי טאָן? ער וועט אַרבעטן ביי יאַנקלען, וועט אַ גאַנצן טאָג שרייבן בריוו צו די יעקישע אָפּיצירן, וועט מיט יאַנקלען ריידן וועגן געשעפטן און וועט אין אָוונט אַהיימקומען אַ מידער און זי וועט אים דער־לאַנגען די שטעק־לאַטשן, וועט אים אָקעגנטראָגן די זופּ, וועט אים יעדן טאָג פרעגן, צי עס האָט אים געשמעקט און נאָכן עסן וועט ער לייענען די צייטונג און פון צייט צו צייט אַ גענעץ טאָן...

פאַר אַזאַ לעבן האָט זיך סאָניע געשראָקן. אָבער איצט ווייסט זי, אַז עס וועט ביי איר אַנדערש זיין. זי וועט נישט וואַרטן אויף פּיניען מיט די שטעק־לאַטשן און דעם זופּ. זיי וועלן ביידע אַוועק, ביידע צוזאַמען. זיי וועלן וואַנדערן איבער פעלדער און וועלדער און זיי וועלן זוכן. וועלן קיינמאָל נישט מיד ווערן צו זוכן דעם באַרג, וואָס איז פול מיט זון.

סאָניע קאָן זיך נישט פאָרשטעלן דעם וועג וואָס זיי ביידע וועלן דורכמאַכן. ניין, זי וויל זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. יעדער טאָג וועט זיין ווי ניי־געבוירן. יעדן טאָג וועלן זיי עפּעס אַנדערש געפינען און יעדן טאָג וועלן זיי עפּעס אַנדערש זוכן.

סאָניע דערמאַנט זיך אָן בערטאַן. דאָ אין די שטיבער האָט זי זיך אַרומגעדרייט מיט איר ווייטיק. ערשט איצט באַנעמט סאָניע דעם דאָזיקן ווייטיק פון אַ מענטש, וואָס האָט געהאַלטן אין איין זוכן, וואָס האָט גע־גלייבט, אַז צוויי אומבאַהאָלפענע קינדער וואַרטן אויף איר און ווען זי קומט ענדלעך דרייען זיי די קינדישע קעפּלעך אַוועק פון איר. אומזיסט האָט בערטאַ געזוכט...

סאָניעס אויגן פאַרלויפן מיט טרערן, אָבער דורך די טרערן שיינען זיי. זי קאָן נישט היינט טרויעריק זיין. אַפילו דאָס געשטאַלט פון רפאל גאָלדן שרעקט זי מער נישט. זי זעט אים פאַר זיך אַ שמייכלענדיקן און זי רעדט צו אים.

מיט די ווערטער פון דעם ליד, וועט איינער דערגיין צו דעם שפּיץ־באַרג. זי פאַרזיכערט גאָלדן, אַז זי וועט דערגיין, זיכער דערגיין, און זי וועט אויך זיין שמייכל אָקעגנטראָגן דער זון.

— פּיניע, פּיניע — זינגט זי אַרויס זיין נאָמען מיט דער מעלאָדיע פון דעם ליד — מירן נאָך היינט מאַכן אַלץ פאַרטיק.

זי ווייסט נישט וואָס זי וועט היינט פאַרטיק מאַכן; אָבער דאָס

אַרט זי נישט. זי זינגט איר ליד וועגן דעם באַרג, וואָס איז פול מיט זון.

— ווונדערלעכער זינג־פויגל!

פעליקס זאַקס שטייט אין מיטן שטוב און זיינע ווייסע ציין לאַכן:

— איר האָט פאַרגעסן צוצומאַכן די טיר, בין איך זיך שטיל אַרייַנ־געגאַנגען נישט צו שטערן דאָס געזאַנג פון דעם ווונדערלעכן זינג־פויגל.

— מיר'עלע האָט פאַרגעסן צוצומאַכן די טיר, ווען זי איז געגאַנגען צו דער אַרבעט — איז סאָניע נישט געווען איבערראַשט פון דעם אומגע־ריכטן קומען פון פעליקס זאַקסן — זעצט אייך, פעליקס, איך וועל אייך באַלד מאַכן אַ טעפעלע קאַווע...

— לאָזט אָפּ די קאַווע, סאָניע — אין פעליקס שטים האָט אָפּגע־קלונגען אַ הייסער אומגעדולדיקער טאָן — שוין וואָכן ווי איך יאָג זיך נאָך אייך, סאָניע, אָבער שטענדיק ווען איך קום טרעף איך אַנדערע...

— איך האָב נישט געוווּסט, פאַניע פעליקסיע, אַז איר האָט אַזוי נישט גערן די פריינד, וואָס קומען מיך באַזוכן...

— נישט גערן איז ווייניק, פריילין סאָניע, איך האָב זיי טייטמאָל פיינט מיטן גאַנצן האַרצן. און ווען איך קאָן...

— קושט איר זיי — סאָניע האָט נישט ווילנדיק אַרויסגעזאָגט די ווערטער דער'מאָנענדיק זיך, ווי ער, פעליקס, האָט ביי איר אין שטוב גע־קושט מאַניען פון דער פאַנסקע גאַס.

פעליקס זאַקס איז אַ ווײַלע געבליבן צעטומלט. צי ווייסט זי, סאָניע, וועגן אים און מירעלע. אָן דעם קושן מאַניען האָט ער נישט געדענקט, נאָר ווייסט זי וועגן מירעלען?

ער האָט באַלד צו זיך אַ שמייכל געטאָן. ווען אַ פרוי איז אייפער־זוכטיק איז עס דער בעסטער צייכן, אַז מ'קאָן זי האָבן. יאָ, עס איז גוט וואָס זי, סאָניע, איז אייפערזוכטיק אויף די מיידלעך, וואָס ער קושט.

— איך בין זיך מודה, פריילין סאָניע, אַז איך בין אַ זינדיקער און איך בין גרייט זיך פאַר אייך מתוודה צו זיין...

— איך בין נישט נייגעריק, פאַניע פעליקסיע...

— און איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך יעדע שטראָף, פריילין סאָניע...

— פאַר מיר האָט איר נישט געזינדיקט...

פעליקס זאַקס האָט מיט דער האַנט געפּרוווט אַרומנעמען סאָניען.

— סאָניע, ווען איר ווייסט...

סאָניע האָט זיך פון אים אָפּגערוקט און צו אים געזאָגט:

— איך בין היינט אין אַ גוטער שטימונג, פּאַניע פעליקסיע, און איך וויל זיך נישט קריגן מיט אייך...

— מיט מיר קריגן? איך הער דאָך נישט אויף וועגן אייך...

— איר האָט דאָס זעלבע געזאָגט נעכטן דעם לאָדזשער פאַבריקאַנטס טאָכטער, נישט וואָר?

פעליקס זאַקס איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב אַ פאַרלוירענער. סאָניע האָט געלאַכט.

— ניין, איך בין נישט אייפערזיכטיק אויף איר, און איר קאָנט איר זאָגן וואָס נאָר עס געפעלט אייך. קאָנט איר זיך באַגנוגענען מיט אַ טעפּל קאַווע, איז ביטע זייער... און אויב נישט...

— איר קענט מיך, פריילין סאָניע, און אייך קאָן איינפאַלן, אַז איך קאָן זיך באַגנוגענען מיט אַ טעפּל קאַווע, ווען איר...

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו איר און אויסגעשטרעקט ביידע הענט.

סאָניע האָט זיך צוריקגעצויגן. דער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון איי־רע אויגן און זי האָט האַרט געזאָגט:

— איך באַדויער, וואָס מיין קאַווע שמעקט אייך נישט. נאָר אין דעם פאַל וועל איך אייך בעטן מיר איצט נישט צו שטערן...

— איר מיינט עס ערנסט? קיינער האָט נאָך ביז איצט נישט געוויזן פעליקס זאַקסן די טיר...

— אָדער אַ טעפּל קאַווע, איר האָט נאָך צייט צו אַנטשליסן.

— איך וויל אויס די קאַווע.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

קאַפּיטל דרייאונדרייסיק

פּיניע געזעגנט זיך מיט יאַנקל שמייסער

מירעלע איז געזעסן איבערגעבויגן איבער איר שרייבמאַשין אין דער ביוראָ פון איר באַלעבאָס, דעם פאַן יאַקוב האַרט. זי האָט מעכאַניש אויס־געקלאַפּט די בריוו צו די דייטשע קאַנצעלאַריעס.

זי האָט שוין פון אויסנווייניק געדענקט דעם נוסח פון די דאָזיקע בריוו, וועלכע זענען אַזוי ענלעך איינער צום אַנדערן, אַז טיילמאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי שרייבט צו איין מענטש סתם אַזוי פאַר שפּיל־ווערגן.

זי האָט זיך שוין צוגעוווינט ביים שרייבן צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש און עס איז איר פאַרגעקומען, אַז ביים אויסקלאַפּן די ווערטער אויף דער שרייבמאַשין, טראַכט זיך בעסער און באַקוועמער.

זי איז געווען אומצופרידן מיט זיך. זי האָט זיך אין דער פאַריקער נאַכט אויפגעפירט ווי אַ קינד, ווי אַ נאַריש פּראָווינצער מיידל. סאָניע מוז איצט לאַכן פון איר. ווער ווייסט צי זי האָט שוין פּיניען וועגן דעם נישט דערציילט. און ביידע וועלן מאַכן שפּאַס פון איר. און מיט רעכט. פאַרוואָס איז זי געלאָפן צו סאָניען ביינאַכט און אויף איר קישן זיך אויסגעוויינט? פאַרוואָס האָט זי נישט געקאָנט בלייבן אַליין מיט איר ווייטיק?

זי איז בייז אויף זיך און גלייכצייטיק ווייסט זי, אַז זי האָט נעכטן אַנדערש נישט געקאָנט. זי האָט שוין פון פריער געוווּסט, אַז ער, פעליקס זאַקס, לויפט נאָך אַנדערע מיידלעך, אַז ער רעדט אויך צו אַנדערע די זעלבע ווערטער, וואָס זי, דער נאַר, האָט זיי געהאַלטן ווי אַ הייליקייט. יאָ, זי האָט דאָס אַלץ געוווּסט און טיילמאָל איז זי גרייט געווען אַפילו אים מוחל צו זיין. גרויסע מענטשן האָבן אויך זייערע שוואַכקייטן. איז איר פליכט ביי אים צו שטיין, אים צו היטן, צו ליידן און נישט פאַרלאָזן אים. דאָס שדכנען זיך אָבער צו דעם רייכן פאַבריקאַנטס טאָכטער איז שוין געווען צופיל. האָט זי, הייסט עס, אין אים אַ טעות געהאַט. זי האָט פאַר אים געעפנט איר האַרץ. זי איז גרייט געווען צו אָפּפערן פאַר זיינעט־וועגן איר אייפערזוכט, וואָס האָט ווי אַ פייער געברענט אין איר אינגע־ווייד. און ער איז גאָר געלאָפן אויף אַ רייכן נדן.

— גוט מאָיען, פריילין מיראַ, איר זיינט אַזוי טיכטיק, פריילין...

— אַנטשולדיקט — האָט מירעלע ווי איבערגעשראָקן אַוועקגענומען אירע הענט פון דער שרייבמאַשין און אירע טראַכטענישן זענען ווי אי־בערגעשראָקענע פייגל מיט אַ געקלימפּער פון זייערע פליגל זיך פונאַנ־דערגעלאָפן...

— זייט מיר מוחל, פריילין מיראַ, אויב איך האָב אייך נישט ווילנ־דיק איבערגעשראָקן...

— איר האָט מיך נישט איבערגעשראָקן, הער לויטנאַנט...

דער לויטנאַנט פּאַול מינצער האָט מיט אַ פול מויל ווייסע ציין גע־לאַכט צו מירעלען און זיינע גראָע קאַלטע אויגן האָבן מיט מבינות זיך געגליטשט איבער איר לייב.

ער האָט זיך לייכט אָנגעשפּאַרט אָן טיש און געגעבן מירעלען די מעגלעכקייט צו באַוווּנדערן זיין מענערישע שיינקייט, וואָס זיין ענג־גע־פּאַסטער מונדיר האָט אַזוי בולט געמאַכט.

יעדע באַוועגונג פון לייטענאַנט מינצער האָט עדות געזאָגט, אַז ער ווייסט, אַז ער איז דער העלד פון זיין פאָלק. ער האָט, וואָס אַן אמת, זיך נישט געריסן צו שטאַרק צום שלאַכטפעלד אָבער דערפאַר איז ער גרייט געווען יעדן טאָג איינצונעמען און צו באַהערשן אַ ניי פרויען־האַרץ.

— זי איז ווערט די מי — האָט לייטענאַנט מינצער צו זיך אַ שמייכל געטאָן.

און פון דעם אויגנבליק ווען ער, דער לייטענאַנט פּאַול מינצער, האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז די דאָזיקע מאַשין־שרייבערין איז ווערט די מי, איז ביי אים נישט געווען דער מינדעסטער צווייפל, אַז זי וועט טאָן זיין ווילן. וואָרום וועלכע פרוי וועט קאָנען זיך אַקעגנשטעלן אים, דעם זיגער און דעראָבערער פון פרויען־הערצער?

דער לייטענאַנט מינצער האָט מיט זיך געפירט אַ רשימה פון פרויען מיט זייערע בילדער, וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן זיינע גרויסע זיגן. אָפטמאָל נאָך אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן האָט ער די קאָלעגן זיינע געוויזן די רשימה און זיי האָבן געלאַכט ווען ער האָט וועגן יעדער פרוי געהאַט עפּעס צו דערציילן. זיי האָבן אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און האָבן איינשטימיק פעסטגעשטעלט, אַז דער באַרימטער דאָן־זשואַן מעג גיין די שטיוול פוצן ביי דעם פּרייסישן יונקער פּאַול מינצער.

האָט דעריבער דער לייטענאַנט מינצער נישט געהאַט דעם מינדעסטן ספק, אַז די דאָזיקע יידישקע — אַך פון וואַנען נעמט זיך צו דעם דאָזיקן יודנפאָלק אַזעלכע שיינהייטן! — וואַרט אויף זיין ווונק און אַז צומאָרגנס וועט זיין רשימה פאַרגרעסערט ווערן מיט נאָך אַ טראָפיי, מיט וועלכער ער וועט זיך קאָנען רימען פאַר זיינע קאָלעגן.

— אין אַזאַ טאָג, פריילין מיראַ, איז אַ זינד צו זיצן ביי דער מאַשין, ווירקלעך אַ זינד. אינדרויסן שטייט, ווי איר רופט עס, דער גאָלדענער פוילישער האַרבסט. איר דאַרפט נישט זיצן אין אַזאַ טאָג אין דעם דושנעם צימער, ווירקלעך...

— מען דאַרף אַרבעטן, הער לייטענאַנט...

— אַרבעטן, אַרבעטן... ניין, איר פריילין מיראַ דאַרפט נישט אַרבעטן, עס פאַרדריסט מיך אויף דעם הער האַרט ער זאָל אייך לאָזן...

— דער הער האַרט איז געווען זייער ליבנסווירדיק, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט אַ פאָסטן און איך דאַרף טאַקע איצט נאָך פאַרענדיקן עטלעכע דרינגענדע בריוו...

— לאָזט געמאַך, פריילין מיראַ, די בריוו. איך וועל אייך פאַרענטפערן פאַר דעם הער האַרט. איר דאַרפט נישט זיין באַזאָרגט, איר וועט נישט האָבן, איך פאַרזיכער אייך, קיינע אומאַנגענעמלעכקייטן...

— איך דאַנק אייך הער לייטענאַנט, אָבער איך פיל זיך גוט דאָ און איך האָב אין אָוונט גענוג צייט צו רוען...

— פאָרן טויער וואַרט מיין וואָגן, פריילין מיראַ, מירן אַרויספאָרן אין ווילאַנאָווער פאַרק. איר זענט שוין דאָרט געווען אין דער אַלייע פון די געליבטע?...

— איך האָב דאָרט נישט וואָס צו טאָן, הער לייטענאַנט... איך וויל נישט שטערן די וואָס זענען פאַרליבט...

— וועלן מיר צופאָרן צו דער אַלייע פון דערוואַרטונג און האָפענונג, פריילין מיראַ. דאָרט פיליכט וועט איר געפינען אַ מענטש וואָס האָפט און וואַרט...

— איך פאַרשטיי זיך נישט אויף פאַעזיע, הער לייטענאַנט, און איצט דאַרף איך פאַרענדיקן אַ בריוו וועגן צען טויזנט פאַר זעלנערישע שטיוול, וואָס מיר האָפן און דערוואַרטן צו ליפערן אין די נאָענטסטע טעג... ווי איר זעט, קאָן מען האָפן נישט אין דער שיינער פאַרק־אַלייע...

דעם לייטענאַנט פּאָול מינצער איז מירעלע נאָך מער געפעלן. די דאָזיקע יידישקע האָט נישט בלויז אַ שיין פּנימל. זי האָט אויך אַ שאַרף צינגל. און ווען זי עפנט דאָס מיילעכל, בעטן זיך פשוט אירע ליפּן גע־קושט צו ווערן.

לייטענאַנט מינצער האָט געהאַלטן, אַז עס וואָלט געווען אַ זינד נישט צו דערפילן דאָס דאָזיקע שטומע געבעט. מיט איין פלינקער באַוועגונג פון זיין שלאַנקן קערפּער האָט דער העלדישער לייטענאַנט אַרומגענומען מירעלען.

— מיין שאַץ! — האָט ער מיט איין האַנט צוגעבויגן צו זיך מירע־לעס קאָפּ און מיט דער אַנדערער צוגעדריקט מירעלעס ברוסט.

מירעלע האָט זיך האַסטיק אַרויסגעריסן פון דעם דייטשס אומאַר־מונג:

— ווי וואַגט איר? — האָבן דעם מיידלס ליפּן געציטערט.

דער לייטענאַנט פּאָול מינצער האָט זיך נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן דעם מיידלס צאָרן. זיין לאַנגע דערפאַרונג האָט אים געלערנט, אַז מען דאַרף נישט נעמען צו ערנסט אַזעלכע זאַכן. אין זיין רשימה פון זיגן האָט ער זיינע געליבטע איינגעטיילט אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס. עס איז געווען ביי אים אויך אַ קאַטעגאָריע פון פרויען, וועלכע שפּילן, ווי ער האָט זיינע פריינד אין אָפיצירן־קאַסינאָ דערקלערט, דעם רעפּערטואַר פון אומשולד און גראַד זיי, האָט ער מיט אַ שמייכעלע צוגעוואָרפן, צייכענען זיך שפּעטער אויס מיט דעם פייערדיקסטן טעמפּעראַמענט. צו דער דאָזי־קער קאַטעגאָריע האָט ער פאַררעכנט מירעלען. האָט ער זיך גלייך צוגע־פּאַסט צו דעם דאָזיקן רעפּערטואַר און מיט הייסע ווערטער זיך אַנטשול־דיקט. ער האָט גאָרנישט געמיינט, ער האָט זיך נאָר אויף אַ מינוט פאַר־געסן. און איז עס דען אַזאַ גרויסע זינד זיין פאַרגעסן זיך? ווער וואָלט זיך נישט פאַרגעסן אין אַנבליק פון אַזאַ הימלישער שיינהייט?...

מירעלע האָט אָבער קענטיק נישט באַוויזן אָפּצושאַצן די אַלע לויב־רייד און הייסע פאַרזיכערונגען פון דעם עלעגאַנטן לייטענאַנט. זי האָט טרוקן און קאַלט געזאָגט צו דעם הייסן ליבהאָבער:

— איך בעט אייך זאָפאָרט צו פאַרלאָזן דאָס צימער...

און זיך רואיק געזעצט אויף דער שטול פאַר דער שרייבמאַשין...

— אָבער, פריילין...

— כ׳בעט מיר מער נישט צו שטערן, הער לייטענאַנט!...
מירעלעס שטים איז געווען קאַלט און אָפּשטויסנדיק.

אַ רויטקייט האָט אַרויסגעזעצט אויפן פּנים פון אומבאַזיגבאַרן לייטענאַנט. די דאָזיקע יידישע איז שוין צו חוצפּהדיק. ער וועט שוין מאַכן, אַז זי זאָל אַנדערש ריידן. אַ שטאָלצער פּרייסישער יונקער וועט זיך אַן עצה געבן מיט אַזאַ איינער.

אין דעם צימער איז קיינער אויסער זיי ביידע נישט געווען. נו, וועט זי זיך אַביסל בייזערן די קליינע, איז וואָס? זי וועט באַלד בעסער ווערן.

— איר זעט גאָרנישט אויס צו זיין אַזוי שטרענג ווי איר ווילט אויסזען, פריילין...

דער לייטענאַנט פּאָול מינצער איז געשטאַנען הינטער מירעלעס שטול און מיט ביידע הענט איבערגעבויגן איר קאָפּ.

מירעלע האָט מיט שווערקייט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און אָמפּערנדיק זיך מיט מינצערן אומגעשטויסן די שטול.

— אַוועק פון מיר, דו!... — האָט מירעלע זיך צעשריגן מיט אַ הויכן פאַלצעט.

— וואָס איז דאָרט? — איז צו פיניען אין צווייטן צימער דערגאַנגען מירעלעס געשריי.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אימפּעט אויפגעפּראַלט די טיר פון מירעלעס אַרבעט־צימער.

— אָה, פיניע! — איז מירעלע צוגעפאַלן צו אים און נישט טראַכטנדיק וואָס זי טוט, מיט ביידע הענט אַרומגענומען זיין האַלדז.

פיניע האָט מיט איין בליק אַרומגענומען דאָס בילד אין שטוב. דער לייטענאַנט פּאָול מינצער איז געשטאַנען אין מיטן שטוב אַ צעטומלטער, די פּאַפּירן לעבן דער שרייבמאַשין זענען געווען צעוואָרפן איבערן דיל. די שטול פאַר מירעלעס אַרבעטס־טיש איז געלעגן אַן איבערגעקערטע.
איבער מירעלעס פּנים זענען געפלאָסן טרערן.
— זאָל ער גיין, זאָל... — האָט זי שטיל געכליפּעט.

— הע, הע, הע! — האָט דער לייטענאַנט זיך גלייך־געמאַכט דעם מונדיר — עס איז אַ פיינע קאָמעדיע די טרערן און דאָס אומגעריכטע אַריינקומען פון דעם ריטער. כאַ־כאַ־כאַ!...

— שווייגט! — האָט פיניע זיך באַפרייט פון מירעלעס אומאָרמונג און איז אַ בלייכער געבליבן שטיין פאַר דעם לייטענאַנט.

דער לייטענאַנט האָט זיך רואיק צוגעקנעפּלט דעם מונדיר און צווישן די ציין אַרויסגעסיקעט:

— אַ יידל וועט מיר נישט געבן קיין באַפעלן, זאָגט בעסער וויפל טרעפט אָן דער חשבון פון די טרערן פון דער דאָזיקער אומשולדיקער פּרינצעסין?...

— זאָפאָרט פאַרלאָזט דאָס צימער! — האָט פיניע אַ ווייז געטאָן צו דער טיר.

דעם לייטענאַנטס האַנט האָט אָנגעטאַפּט דעם ברוינינג אין זיין טאַש. אַ מינוט איז אים דורכגעלאָפן דער געדאַנק דאָ אויפן אָרט אָנצולערנען דעם דאָזיקן פאַרשייטן ייד. אַ קויל אין קאָפּ איז צו ווייניק פאַר אַזאַ פאַרשוין, וואָס האָט די חוצפה אים, וואָס טראָגט אָן אָפיצירן־מונדיר, צו ווייזן די טיר. זיין בליק איז געפאַלן אויף פינעס האַנט, וואָס האָט געשטעקט אין זיין טאַש. דאָס האָט געענדערט דעם לייטענאַנטס באַשלוס. עס זעט אויס, אַז דאָס יידל האָט אין טאַש פאַרשטעקט אַ רעוואָלווער. נו, צו דערשיסן אַזאַ הונט איז ער, דער לייטענאַנט פּאַול מינצער, שטענדיק גרייט. אָבער צו באַקומען אַ יידישע קויל, בררררר... די אָפיצירן קאָלעגן וועלן דאָך לאַכן פון אים אין די פויסטן, ווייל ער האָט זיך געשלאָגן מיט אַ ייד. ניין, דאָס פּאַסט נישט פאַר זיין אָפיצירן־מונדיר. ער וועט שוין געפינען אַן אַנדער וועג ווי זיך אָפּצורעכענען מיט די יידעלעך און די דאָזיקע יידישקע וועט נאָך ליגן ביי זיינע פיס.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל צעלאַכט, דער לייטענאַנט פּאַול מינצער, ער האָט אונטער דער נאָז אַ מורמל געטאָן אַ קללה, אַז פיניע זאָל זי נישט קאָנען דערהערן און האָט אַ שטאָלצער און ווי אַ סטרונע אויסגעצויגענער זיך געלאָזט צו דער טיר.

אויף די טרעפּ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן יאַנקלען.

— אַך, הער לייטענאַנט — האָט יאַנקל זיך אָפּגעשטעלט — עס פרייט מיך אַזוי וואָס כ׳האָב אייך...

דעם לייטענאַנטס פּנים איז געווען אייז־קאַלט און זיינע אויגן האָבן געקוקט איבער יאַנקלס קאָפּ ווי ער וואָלט אים נישט דערקענט.

יאַנקל איז געוואָרן אומרואיק. דער ערל האָט זיך באַליידיקט זעט

אויס דערפֿאַר, וואָס ער, יאַנקל, האָט זיך פּאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע צוואַנציק מינוט. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז מאַניע האָט אים היינט געפֿירט אין דעם אייראָפּעיסקי קאָפֿע־הויז און זי האָט דערציילט אַזויפֿיל קאָמישע זאַכן וועגן יעדן איינעם, וואָס איז אַריינגעקומען, אַז ער, יאַנקל, האָט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט היינט אַ זייער וויכטיק געשעפֿט מיט די יעקעס און אַז ער האָט באַשטעלט דעם לייטענאַנט מינצער.

ערשט זי, מאַניע, האָט אים דערמאַנט, אַז ער דאַרף אַוועקגיין.

— דאַכט זיך — האָט זי אין מיטן ריידן אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגערל מיט בריליאַנטן, וואָס יאַנקל האָט אַנומלט איר געשענקט — אַז דו האָסט מיר געזאָגט וועגן אַ באַזוך פֿון עפּעס אַ יעקישן אָפֿיציר. נו, גיי, גיי...

ער האָט אָבער פֿאַרשפּעטיקט אויף צוואַנציק מינוט און איצט איז ער אַנגעדראָליעט דער ערל. ער וועט זיך הייסן אויך פֿאַר דעם וואַרטן באַצאָלן, האָט יאַנקל געטראַכט. נו, מילא, וואָס זאָל מען טאָן. זאָל מען נאָר אים צוריק אַרויפֿברענגען אין ביוראָ וועט מען שוין, אַ הונדערטער אַרויף, אַ הונדערטער אַראָפּ, ווי ס׳איז דורכקומען.

דער לייטענאַנט פּאַול מינצער איז אָבער געווען בייזער ווי יאַנקל האָט גערעכנט. ער האָט זיך אָנגעצונדן, דער עשו, ווען יאַנקל האָט אים געבעטן אַריינצוגיין צו אים אין ביוראָ.

— איך צו אייך! — האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט און זיך געלאָזט גיין צום טויער.

— וואָס האָט אים אַ ביס געטאָן, דעם יעקע?

יאַנקל איז אים נאָכגעגאַנגען און געפּרווט אים איינגעמען מיט גו־טע רייד, מיט אָנצוהערענישן, אַז ער וועט זיך היינט נישט דינגען און געוואָלט פּרוון זיך דערוויסן וואָס אַזעלכעס עס האָט דערצאָרנט דעם הער לייטענאַנט.

יאַנקל האָט אויך געפּרווט אויף אַן אַנדערן וועג:

— דער הער לייטענאַנט איז גערעכט. אין אַזאַ טאָג ווי היינט דאַרף מען ערגעץ־ווו פֿאַרברענגען, אפֿשר צופֿאָרן צום בריסטאָל, צי ביי באַ־כוס. האַ, ווי מיינט דער הער לייטענאַנט?

אָבער אויך דאָס מיטל האָט נישט געהאָלפֿן. יאַנקל האָט זיך דער־מאַנט אָן מלכהלען, דער פֿריילעכער גרושה. נישט אָן וואַקלענישן האָט

יאַנקל דערמאָנט דעם נאָמען. זיין כלה,מאַניע, האָט צו אים גערעדט קלאָ־רע דיבורים:

— הער יאַנקל — האָט זי צו אים געזאָגט — איך פרעג דיך נישט וועגן דיינע ביז־איצטיקע ווייבערישע עסקים. נאָר געדענק פון היינט אָן זאָלן מער נישט זיין קיין שום עסקים. און זיי וויסן יאַנקל, אַז ר׳ לייבושס טאָכטער פון דער פאַנסקע גאַס פאַררעדט מען נישט די ציינער מיט נאַרישע תירוצים.

יאַנקל האָט גוט געדענקט אָן דעם דאָזיקן אָנזאָג. אָבער אַז דער יע־קע איז אַזוי בייז, אַז ער לאָזט צו זיך נישט ריידן, איז דאָך נישטאָ קיין עצה. זי, מאַניע, אַליין וועט צו אים נישט האָבן קיין טענה. וואָרום דעם יעקע מעג ער דאָך פירן צו מלכהלען.

— איך האָב פאַר אייך אַ גרוס, אַ זייער האַרציקן גרוס הער ליי־טענאַנט, פון אַ זייער שיינער דאַמע. זי קאָן אייך גאַרנישט פאַרגעסן, הער לייטענאַנט, און מאַכט אַלעמען מוראדיק אייפערזיכטיק. אַזאַ קאַ־וואַליר ווי דער הער לייטענאַנט איז נישטאָ קיין צווייטער, זאָגט זי.

דער לייטענאַנט האָט צום ערשטן מאָל באַוויליקט אַ שמייכל צו טאָן. די יידישקע דאָרט איז אַ נאַרישע מויד. אַנדערע אָבער בענקען נאָך אים, דעם עלעגאַנטן קאַוואַליר. יאָ, יאָ, ער געדענקט זי, די מאַדאַם מאַלקאַ, זייער רייצנד, זייער...

דער לייטענאַנט פאַול מינצער איז נאָכן ערשטן שמייכל ווידער גע־וואָרן בייז און פאַרכמורעט. פונדעסטוועגן האָט ער באַוויליקט איינצו־שטייגן אין יאַנקלס מאַשין.

מלכהלע האָט געשטעלט אויפן טיש בראָנפן און ווייַן און האָט דעם ברוגזן אָפיציר געבעטן זיך זעצן לעבן איר אויף דער שמאָלער סאָפקע.

דער לייטענאַנט פאַול מינצער האָט, טרינקענדיק איין גלאָז בראָנפן נאָכן אַנדערן, געזידלט פיניען און דאָס נאַרישע פריילייַן, וואָס ווייסן נישט ווי מען דאַרף זיך אויפפירן אין אַ געזעלשאַפט פון קולטורעלע מענטשן.

מלכהלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו אַלעם, וואָס דער אָפיציר האָט געזאָגט. זי האָט הויך געלאַכט פון דעם נאַרישן מיידל, פאַר וועל־כער עס האָט באַדאַרפט זיין די גרעסטע ערע ווען אַזאַ קאַוואַליר ווי דער הער פאַול מינצער באַוויליקט אויף אַזאַ איינער אַ קוק צו טאָן און פון

פיניען האָט זי געלאַכט. אַזאַ נאַרישער יונג, ווי קומט ער צו ריידן מיטן הער לייטענאַנט.

דער לייטענאַנט האָט מיט איין האַנט אַרומגענומען מלכהלען און מיט דער אַנדערער צוגעטראָגן דאָס גלאָז בראָנפן צו זיין מויל.

ער האָט געזידלט די באַרבאַרן פון דעם פּאָלנישן לאַנד און ער האָט זיך געשווירן ביי דער ערע פון זיין מונדיר, אַז ער וועט מער האַרטס ביוראָ נישט איבערטרעטן, אַזוי לאַנג ווי דאָס פאַרחוצפּהטע מיידל און דער פאַרשייטער יונג וועלן דאָרט אַרבעטן.

— מיט אַזעלכע לויטע וויל איך נישט האָבן צו טאָן! — האָט ער געקלאַפּט אין טיש אַריין, — פאַרשטייען זי הער האַרט?...

יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דער יעקע וויל, אַז ער זאָל הייסן גיין פיניען און מירעלען. דאָס איז אים נישט איינגעפאַלן צו טאָן. ערשטנס מוז ער זיי האָבן. צווייטנס איז יאַנקל נישט גרייט געווען צו אָפּפערן זיינע פריינד, ווייל יעקע־נאַר איז ברוגז, וואָס מירעלע האָט זיך נישט געלאָזט קושן פון אים.

— אַ מכה אויף דיין קאָפּ, יעקע טיפּש! — האָט יאַנקל שוין אויך דערפילט זיך אַביסל בגילופין פון דעם אויסגעטרונקענעם בראָנפן — ווי איך וועל אָוועקשיקן פיניען...

— וואָס זאָגן זי, הער האַרט? — האָט דער לייטענאַנט נישט פאַרשטאַנען וואָס יאַנקל זאָגט.

— דער הער האַרט זאָגט — האָט מלכהלע אויפגעקלערט — אַז ער וועט דעם יונג אָננעמען ביים קאַרק...

— וואָס רעדסטו, מלכהלע...

— איך ווייס שוין גוט וואָס איך רעד — האָט זי אַ שמייכל געטאָן צו יאַנקלען און זיך אומגעקערט צו דעם דייטש — יאָ, ביים קאַרק וועט ער אים אָננעמען און אַראָפּשליידערן פון אַלע טרעפּ. זאָל ער וויסן, ער וועט אים לערנען דרך־ארץ...

— זאָ, זאָ... — האָט דער לייטענאַנט מינצער צום ערשטן מאָל זיך צעשמייכלט.

— און די מויד — האָט מלכהלע ווייטער גערעדט — וועט ער אָננעמען ביי די שוואַרצע קודלעס אירע און זי שיקן צוזאַמען מיט דעם יונג...

— זאָ, זאָ... — האָבן דעם אָפּיצירס אויגן געהאַט אַ שיכורן בליאַסק.

— ביסט שיכור צי וואָס, מלכהלע? — האָט יאַנקל געקוקט אַ דער־שטוינטער.

— שיכור ביסטו — האָט מלכהלע צו אים אַ זאָג געטאָן — גיב גיכער אַ לויף־צו צו פּיניען, זאָל ער אַהערקומען אָן דער מויד. נאָר טאַקע שוין...

— זיי זאָלן זיך שלאָגן ווילסטו? — האָט יאַנקל געצויגן מיט די אַקסלען.

— זיי וועלן זיך נישט שלאָגן זאָג איך דיר, יאַנקל. פאַרלאָז זיך אויף מלכהלען. ער וועט נאָך אויסטרינקען מיט אים ברודערשאַפט, וועסט זען. נאָר גיי, גיי...

— ביסט אַ מכשפה, מלכהלע...

אין יאַנקל מויל איז עס איצט נישט געווען קיין זידל־וואָרט, נאָר דער העכסטער אויסדרוק פון אנערקענונג.

יאַנקל האָט זיך אויפגעשטעלט און מלכהלע האָט אים באַגלייט ביז צו דער טיר.

— זאָג אים, פּיניען, אַז כ׳וועל אים לעבעדיקערהייט נישט אויפעסן און ער מעג זיך אַמאָל ווייזן...

— וועסט אים באַלד אַליין אַלץ קאָנען זאָגן, מלכהלע...

— איך בין נישט אַזוי זיכער, אַז ער וועט קומען...

אַ שאָטן איז דורכגעלאָפן איבער מלכהלעס פּנים.

— יאָך וועל אים שוין ברענגען!...

יאַנקל איז שנעל געלאָפן איבער די טרעפּ. אַזאַ יעקע־נאַר.

ער, יאַנקל, האָט נישט קיין טענה, וואָס ער האָט זיך געוואָלט צו־שאַרן צו מירעלען. ווען נישט מאַניע, וואָלט ער, יאַנקל, אַליין אויך גע־פּרוווט. איז מילא זאָל ער פּרוון, דער יעקע. וואָס גייט עס אים, יאַנקלען, אָן? נאָר אַז עס גייט נישט מאַכט מען אַ שווייג. ווישט מען זיך אָפּ דאָס מויל און מען זאָגט פּתח־שין שאַ. נו, איז ער דאָך אָבער אַ יעקע. נו, איז געקומען די מעשה מיט פּיניען. אַזוי, הייסט עס, איז פּיניע גאָר מיט מי־רעלען? וואָס? און ער, יאַנקל, האָט געמיינט, אַז פּיניע זעט בלויז סאָ־ניען. נו, ווער קאָן וויסן אין אַזעלכענע זאַכן? ווי לאַנג איז ווי ער, יאַנקל, ווייסט אַז ער גייט חתונה האָבן מיט מאַניען. ער האָט אויך געטראַכט

פון סאָניען. ניין, אין אַזעלכענע זאַכן קאָן מען קיינמאָל גאָרנישט וויסן. עס געשעט און — שוין.

יאַנקל האָט זיך צוגעפייפט אַ פּאָפּולערן שלאָגער זיצנדיק ביי דער מאַשין. ער איז געווען צופרידן, וואָס פיניע מיט מירעלען זענען נאָענט. זאָלן טאָקע זיין צוויי חתונות און אפשר טאָקע מאַכן עס אין איין טאָג?

ער מוז וועגן דעם ריידן מיט פיניען. עס וועט זיין פריילעך. דער גאַנצער עולם וועט קומען צו דער סאָליע און עס וועט זיין חי געלעבט!...

נאָר פריער מוז מען פּטור ווערן פון דעם יעקע־נאַר. זי איז אייזן־שטאַרק, מלכהלע. זי האָט אַ קאָפּ אויף שרויפן. אַלע מאַנסבילן פאַררוקט זי אין אַרבל. זי וועט זיך שוין מיט דעם יעקע אַן עצה געבן, און ווער ווייסט אפשר וועט ער נאָך קומען צו פיניעס חתונה מיט מירעלען. אַז מלכהלע וועט וועלן, וועט שוין אַזוי זיין... ניין, ניין, בעסער אים נישט פאַרבעטן צו דער חתונה. גייט ער צו אַלדי רוחות! ווער דאַרף אים צו האָבן אויף אַ יידישער שמחה!... ער, יאַנקל, אַליין וואָלט דעם יעקע צע־בויקערט די ביינער. וואָס טשעפּעט ער זיך עפּעס צו יידישע מיידלעך? וואָס? און ווי קומסטו עפּעס צו פיניעס כלה? צי ווייסטו נישט יעקע־נאַר, אַז פיניע איז מיין פריינד און אַז דו וועסט באַקומען פון מיר אַ שנעל אין דער נאָז אַריין, וועסטו גלייך פאַרגעסן מודה אני...

אין די אַמאָליקע פורמאַן־יאָרן אויפן גזשיבאָוו, ווען יאַנקל האָט געהאַט צו טאָן מיט פערד און באַלעגאָלעס, וואָלט ער אַזוי געטאָן. ווי און ווינד וואָלט געווען צו אַ יעקע, וואָס וואָלט זיך געטשעפּעט צו אַ מיידל פון זיינס אַ פריינד.

יאַנקל דערמאָנט מיט בענקשאַפט די דאָזיקע אַמאָליקע פורמאַנישע יאָרן. היינט אָבער קאָן יאַנקל זיך נישט שלאָגן אין מיטן גאַס ווי עפּעס אַ ווילער יונג. היינט הייסט ער פאַן יאַקוב האַרט און אַז ער קומט אין שול, גייט אים אַקעגן דער גבאי. און אַז ער קומט צווישן די סוחרים, בעט מען אים זיצן. היינט האָט ער פאַר אַ כלה מאַניען, וואָס רעדט פראַנ־צויזיש ווי וואַסער און וועט ווערן אַן אַדוואָקאַט. היינט האָט ער אַ מחותן ר' לייבוש גרינגלאַס פון דער פאַנסקע גאַס און זיין מחותנסטע לייענט פּוילישע ביכער. ניין, היינט קאָן מער נישט יאַנקל אין מיטן גאַס פאַר־שאָרצן די אָרבל און דערלאַנגען קלעפּ. וואָס וואָלט געזאָגט דערצו אַדעק

ווישינסקי, דער פאַן פּרעזעס און וואָס וואָלט געקלערט דניאל עפּשטיין? און זיין מאַניע וואָלט דאָך אים די אויגן אויסגעדראַפּעט...

ניין, דער פאַן יאַקוב האַרט קאָן היינט מער נישט טאָן דאָס, וואָס האָט אַמאָל געפּאַסט פאַר יאַנקלען.

דער פאַן יאַקוב האַרט פירט פאַרוויקלטע עסקים מיט די דייטשן און ער מוז גוט לעבן מיט די אָפיצירן. און אַז דער הער לייטענאַנט איז ברוגז, מוז ער אים פירן צו מלכהלען זי זאָל אים באַרואיקן. יאָ, היינט מוז זי אים דורכאויס באַרואיקן. ער דאַרף מיט אים דורכמאַכן אַ געשעפטל וואָס וועט ברענגען די אמתע קלינגערס, נו, מילא, קאָן מען אַזאַ יעקע נישט אָנברעכן די ביינער, נאָר מען מוז אים געבן אָנצוזויפן און מען מוז צו־שאָקלען מיטן קאָפּ צו אַלע זיינע נאַרישקייטן. כאַפּט זיי דער וואַטעמאַ־כער, די יעקעס! ער, יאַנקל, וועט זיך מיט זיי אָן עצה געבן. די נכפה וועלן זיי ביי אים איינבעמען און טאָן וועלן זיי וואָס ער וויל. ער וועט באַלד נעמען מיט זיך פּיניען. נישקשה מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף מלכהלע־מזיק. זי וועט שוין וויסן ווי אַזוי אָפּצושפּילן די קאָמעדיע, מ׳וועט זיך נאָך קושן אין די פּיסקעלעך און שפּעטער וועט ער שוין מאַכן מיט דעם יעקע וואָס מען דאַרף.

יאַנקל האָט האַסטיק אָפּגעשטעלט די מאַשין פאַר דעם הויז ווו זיין ביורא האָט זיך געפונען. ער איז שנעל געלאָפן איבער די טרעפּ אונטער־ברומענדיק דעם פּאָפּולערן שלאָגער.

ער איז מיט אימפּעט אַריינגעפאַלן אין צימער ווו פּיניע און מירעלע זענען געזעסן.

מירעלע האָט געהאַט פאַרוויינטע אויגן און פּיניע האָט מיט איר הייס איינגעטענהט. יאַנקל האָט דאָס אַלץ מיטן ערשטן בליק דערזען.

— נו, נו, מירעלע, — האָט ער צו איר אַ לאַך געטאָן — נעמט אייך נישט צום האַרץ. עס וועט אַלץ גוט זיין.

יאַנקל איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו פּיניען:

— נו, קום פּיניע, נישטאָ קיין צייט צו באַלאַמוטשען.

— וווהין?

— וואָס הייסט וווהין? צו אונדזער מלכהלע. קענסט דאָך זי האָ, נישקשה... — יאַנקל האָט זיך געכאַפּט, אַז צוליב מירעלען דאַרף מען

נישט ריידן קיין מיאוסע רייד און ער האָט בלויז ווילעריש אַ ווונק געטאָן צו פּיניען.

— כ'וועל נישט גיין, יאַנקל...

— וואָס איז מיט דיר, פּיניע? — האָט יאַנקל אַ לאַך געטאָן — וואָס מיינסטו מיין מאַניע וואָלט מיר דערלויבט אַזעלכע זאַכן, זי וואָלט דאָך מיר די האָר פון קאָפּ אויסגעריסן. ווען מען ליגן אין קאָפּ היינט אַזעלכע זאַכן. נו קום, קום פּיניע...

— איז וואָס־זשע רייסטו זיך אַזוי צו איר?

— אָך, כ'האָב איינגאַנצן פאַרגעסן דיר צו דערציילן — האָט זיך יאַנקל אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן — נו, ווייסט דאָך, דער יעקע־נאַר האָט זיך געוואָרפן אייזן־הויך צו פּיניען און איר, מירעלע, זאָגט ער, האָט אים באַליידיקט. נו, האָב איך אים געגומען צו מלכהלען. בישקשה, זי וועט אים שוין בעסער מאַכן און זי, מלכהלע, האָט טאַקע געשיקט מיך נאָך דיר, פּיניע. דו וועסט אים איבערבעטן און אויסטרינקען מיט אים אַ גלעזל בראָנפן און עס וועט זיין גוט.

אויף פּיניעס פּנים האָט אַרויסגעזעצט אַ בלייכקייט. ער האָט נערוועז גלייך־געמאַכט די פּאַפּירן אויף זיין טיש און געזאָגט:

— איך וועל אים נישט איבערבעטן. איך וועל נישט טרינקען מיט אים קיין בראָנפן און איך וועל נישט גיין צו אים.

— זיי נישט קיין יאָלד, פּיניע! וואָס? מיט אַ יעקע־נאַר ביסטו ברוגז?...

יאַנקל האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פּיניעס ברוגז. מיט זיינס ס'גאַל, האָט יאַנקל פאַרשטאַנען, קאָן מען ווערן ברוגז, קאָן מען וועלן אָדער נישט וועלן זיך איבערבעטן. און זיינס ס'גאַל האָט אַמאָל ביי יאַנקלען געהייסן די פורמאַנעס אויפן גזשיבאָוו און די ווילדע יונגען אויפן שילעך צי אויף קראָכמאַלנע גאַס. אין די לעצטע יאָרן האָט יאַנקל נישט געהאַט מער צו טאָן מיטן גזשיבאָוו פון די באַלעגאָלעס. זייט ער איז געוואָרן רייך, זענען זיינע חברים געוואָרן די סוחרים, וואָס האָבן אין דער מלחמה געמאַכט די אמתע מטבע און זענען געוואָרן נגידים. מיט זיי האָט יאַנקל זיך אַמאָל איבערגעבעטן און אַמאָל צעקריגט. זיי וואָלט ער, יאַנקל, נישט פאַרשוויגן קיין עוולה. אָקעגן זיי האָט יאַנקל געהאַט זיינע אַמביציעס.

יאַנקלס אַמביציעס האָבן אָבער גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט יעקע־נאַר. יאַנקל האָט געוווּסט, אַז דער יעקע באַלאַנגט נישט צו זיין וועלט. ער מאַכט מיט אים געשעפטן, ער טרינקט מיט אים און שי־כורט מיט אים ווייל עס לוינט זיך אים אַזוי. אָבער קיין מחותנים מיטן יעקע איז ער נישט. היינט איז ער דאָ און מאָרגן זאָל ער גיין צו אַלדי רוחות. איז פון וועמען איז זיך דאָ צו באַליידיקן? און מיט וועמען איז זיך דאָ צו שפּילן אין אַמביציעס? אָוודאי וואָלט יאַנקל מיט פאַרגעניגן אַנגעבראָכן די ביינער דעם נאַרישן לייטענאַנט ווען ער כאַפּט אים אין אַ פינצטער ווינקל, אַז ער זאָל זיך נישט טשעפּען צו יידישע מיידלעך. אפשר וועט ער עס נאָך אַמאָל טאָן, יאַנקל. איצט אָבער קאָן מען נישט טאָן אַזאַ זאַך. צופיל דייטשע זשאַנדאַרמען מיט העלמען דרייען זיך אין גאַס. נו, טרינקט מען מיט אַזאַ פאַרשוין עטלעכע גלעזלעך בראַנפן און מ׳האָט אים אין לויוויטש...

אַזוי האָט געטראַכט יאַנקל און ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר־וואָס פיניע, וועלכער האָט לויט יאַנקלס מיינונג אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, פאַרשטייט נישט אַזאַ פּשוטע זאַך. אפשר מאַכט ער עס צוליב מירעלען? אפשר וויל ער איר ווייזן, פיניע, אַז ער איז אַזאַ קנאַקער וואָס האָט נישט קיין מורא אַפילו פאַר אַ דייטשן אָפיציר? דאָס גראָד האָט שוין יאַנקל פאַרשטאַנען. די גזשיבאָווער באַלעגאָלעס האָבן אויך ליב געהאַט טייל־מאָל זיך צו סטאָוויען פאַר זייערע כלות און צו דערציילן נישט געשטוי־גענע און נישט געפלויגענע מעשיות זייערע „פאַנבעס“.

יאַנקל האָט דעריבער ווילעריש אַ ווונק געטאָן צו מירעלען און צו איר געזאָגט:

— נו, מירעלע, גענוג זיך צו ברוגזן. דער יעקע האָט דאָך דיך, חלילה, נישט אויפגעגעסן. זאָג זשע אים־פיניען, אַז ער זאָל זיך אויפהערן צו מאַכן צום נאַר און גיין...

מירעלע האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר טרערן זענען בלויז גע־בליבן שטיין אין אירע אויגן. פיניע אָבער איז געוואָרן נאָך בייזער און ער האָט שוין שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— חכמע זיך נישט, יאַנקל, איך וועל צו דיינע דייטשן נישט גיין!...

— מיינע דייטשן, זאָגסטו? מיינע?!

יאַֽנקלס פּנים איז אָנגעלאָפן מיט בלוט. וואָס מיינט ער מיט זיך,

דער פיניע? און אַז ער קאָן שוין אָנשרייבן אַ יעקישן בריוו, איז וואָס? דאַרף מען זיין אַזאַ משה־גרויס? מיינע דייטשן?! און זיינע, פיניעס, זע־נען זיי נישט? מיט צעריסענע שיך איז ער, פיניע, צו אים געקומען און איצט איז ער שוין געוואָרן אַ גאַנצער פריץ. ער בלאָזט פון זיך און ער טוט צומאָל נישט קיין טראַכט, אַז צוליב זיין בלאָזן פון זיך קאָן אַלץ גיין אין דער ערד אַריין... ניין, ער, יאַנקל, וועט דערצו נישט דערלאָזן.

— הער, פיניע, — האָט יאַנקלביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויפן טיש — דו ביסט שוין אין דיינע אויגן גרעסער פאַרן גראַף פּאָטאָצקי, יאָך וועל אָבער נישט לאָזן מאַכן פון זיך אַ תל צוליב דיר!...

— זייט רואיק, הער האַרט — איז פיניעס פּנים געוועזן בלייך — איך גיי גלייך אַוועק און איר וועט אייך קאָנען רואיק ווײלן מיט אייערע דייטשן.

פיניע האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פּאַלטאָ און געזאָגט:

— מיר וועלן גיין, מירעלע, און וועלן נישט שטערן דעם פאַן האַרט.

יאַנקל איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, מיט אַ האַלב צעעפנט מויל. אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט. איז ער בלויז געשטאַנען און געקוקט ווי פיניע עפנט די טיר און גייט צוזאַמען מיט מירעלען אַרויס.

פיניע האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט אָנגענומען מירעלעס אָרעם און זי פאַרזיכטיק געפירט איבער די טרעפּ.

מירעלע האָט שווייגנדיק זיך געלאָזט פירן איבער די שטיגן. ווען אָבער זיי זענען געבליבן שטיין אין טויער, האָט מירעלע זיך לייכט אָפּ־גערוקט פון פיניען און צו אים געזאָגט:

— וואַרט דאָ צו, פיניע. איך מוז צוריק אַרויפגיין.

— האָסט עפּעס פאַרגעסן, מירעלע?

איבער מירעלעס פּנים זענען געפלאָסן טרערן:

— אַלץ צוליב מיר! צוליב מיר! ניין, כ׳מוז אים זאָגן, יאַנקלען, אַז דו, פיניע, ביסט נישט שולדיק, אַז נאָר איך, נאָר איך...

— וועסט נישט גיין, מירעלע, — האָט פיניע זי פעסט אָנגענומען ביי דער האַנט — און כ׳וויל זאָלסט וויסן, אַז דו ביסט גאָרנישט שול־דיק. איך האָב פשוט מער נישט געקאָנט. עס איז מיר מיאוס געוואָרן, מיאוס...

— ניין, פיניע, איך ווייס, אַז ווען נישט איך... אַלץ וואָס איך טו, קומט אַרויס שלעכט...

פיניע איז געגאַנגען מיט מירעלען איבער דער גאַס און זי געפּרווּוט באַרויִקן. ער האָט איר נישט אויפגעהערט צו פאַרזיכערן, אַז די אַרבעט ביי יאַנקלען, דאָס האָבן צו טאָן מיט שמוגל־געשעפטן און מיט די דייטשן איז געוואָרן פאַר אים נישט דערטרעגלעך. ער האָט געמוזט פטור ווערן פון דעם. דער קאַפּיטאַן לייטענאַנט מינצער איז געווען נאָר אַ צופאַל.

מירעלע האָט זיך ביסלעכווייז באַרויִקט און זי האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וועל גיין אַהיים.

— גוט, וועלן מיר גיין צוזאַמען, איך גיי אויך צו סאָניען...

— נישט צו סאָניען, פיניע, כ׳מיין אַהיימגיין צום טאַטן.

— אַהאַ... — איז פיניע אין דער ערשטער מינוט געווען איבער־ראַשט.

— דו לאַכסט פון מיר, פיניע?... מיין בונט האָט זיך שנעל געענ־דיקט? וואָס?...

— כ׳מיין, אַז דו טוסט גוט, מירעלע. וועסט זיך אויסרוען עטלעכע טעג און נאָכדעם וועסטו וויסן וואָס ווייטער צו מאַכן און, זאָרג נישט, איך וועל דיר שאַפן אַ צווייטן פּאָסטן.

פאַרן הויז פון מירעלעס עלטערן האָט זיך פיניע מיט איר געזעגנט, זאָגנדיק:

— זאָרג נישט, מירעלע, יאַנקל איז נישט דער איינציקער אין שטאָט.

פיניע האָט געוואַרט ביז מירעלע איז אַרויף אויף די טרעפּ און מיט שווערע טריט זיך געלאָזט אויפן וועג צו סאָניען.

— וואָס זאָל איך איר זאָגן? וועט זי מיך קאָנען פאַרשטיין?

פיניע האָט געוווּסט, אַז ער קאָן לייכט באַקומען אַ צווייטן פּאָסטן און ער האָט נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין געטרייסט מירעלען. ער האָט געוווּסט, אַז אויך פאַר איר וועט ער קאָנען געפינען אַרבעט. יאַנקלס פריינד און געשעפטס־באַקאַנטע האָבן אים, פיניען, נישט איין מאָל גע־געבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל אַריבערקומען צו זיי, וועט ער מער פאַרדינען ווי ביי דעם פאַן האַרט. זיי, יאַנקלס באַקאַנטע, האָבן אים, פיניען, גע־האַלטן פאַר דעם גרויסן קאָפּ, וועלכער פירט האַרטס אַלע עסקים.

ערשט אַנומלט האָט פּיניע פאַרהאַלטן אויף דער גאַס דער פאַן הערשמאַן און צו אים געזאָגט:

— פאַניע העכט, געדענקט, אַז ביי מיר אין געשעפט וועט איר זיין אַ חשובער גאַסט און איר אַליין וועט באַשטימען אייער געהאַלט.

גייך, מיט פּרנסה פאַר זיך האָט פּיניע נישט געהאַט קיין דאגות. די דאגה פּיניעס איז אָבער געווען, אַז ער האָט מער נישט געוואָלט די גוטע פּרנסה און דעם גוט־באַצאָלטן פּאָסטן. ער האָט נישט געזאָגט קיין ליגן מירעלען. עס איז אים פּשוט מיאוס געוואָרן.

און געשען אזוי עס פּלוצלינג. ער אַליין האָט אין דער ערשטער מי־נוט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פון דעם וואָס ער טוט, ווען ער איז אַוועק פון יאַנקלען. ער אַליין האָט אין דער ערשטער מינוט גע־טראַכט, אַז אין אַלעם איז שולדיק דער דייטש מינצער און אַז בלויז צו־ליב אַמביציע האָט ער זיך צעקריגט מיט יאַנקלען. ערשט ווען ער האָט הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר, האָט ער געפילט, אַז ער קאָן שוין מער נישט צוריק עפענען די דאָזיקע טיר. ער קאָן מער נישט מיטמאַכן דאָס לעבן מיט יאַנקלען.

ביז היינט האָט פּיניע צו זיך קיין טענות נישט געהאַט. יעדנפאַלס, אַזוי האָט ער געמיינט, אַז ער האָט צו זיך נישט קיין טענות. וואָס בין איך? — האָט ער געטראַכט — איך בין אַן אַרבעטער, אַ פּראָלעטאַריער. איך בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יאַנקלס שפּעקולאַציעס און פאַר זיינע עסקים מיט די דייטשע אָפיצירן. איך טו וואָס מען הייסט מיך און דערפאַר באַקום איך באַצאָלט. און ווען מען באַצאָלט מיר גוט איז עס אוודאי נישט קיין זינד. ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַן אַרבעטער מוז שטענדיק ליידן הונגער?

ער האָט געוווסט, אַז אויך אין דער פּאַרטיי, אויף קאַרמעליצקע גאַס, האָט מען נישט צו אים קיין טענה. פאַרקערט, מען איז זייער צופרידן פון אים. ער פאָרט איבער די שטעטלעך און טוט וואָס מען דאַרף, און די דייטשן טשעפּען אים נישט, ווייל זיי זענען מיט יאַנקלען און אים פאַר־בראָט...

ערשט אַנומלט האָט מען אים געריסט אויף אַ זיצונג און ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך, פילנדיק ווי אַ רויטקייט באַדעקט זיין פּנים.

די דאָזיקע לויב־רייד זענען ביז מיט עטלעכע מינוט פריער געווען פאַר פּיניען געַנוג. מיטאַמאָל שטעכן זיי אים גאָר, די לויב־רייד. וואָרעם אין האַרצן ווייסט ער, אַז זיי זענען פאַלשע און ליגנערישע. היינט אינ־דערפרי איז ער דורכגעאַנגען דעם שמאָלן טראָטואַר ביי קראַשינסקיס גאָרטן. אויף דער ערד זענען געלעגן באָרוועסע און אָפּגעריסענע פרויען, לעבן זיי האָבן זיך געוואַלגערט שמוציקע אויסגעדאַרטע קינדער. זיי זע־נען געווען יונג, די פרויען, און געשוואָלן פון הונגער. זיי האָבן אויסגע־שטרעקט די הענט צו די דורכגייער, האָבן געבעטלט עטלעכע גראָשן און מיט וויינענדיקע קולות געשריען, אַז זיי זענען הונגעריק.

פּיניע האָט, נישט קוקנדיק, זיי צוגעוואָרפן עטלעכע גראָשן. די קו־פּערנע מטבעות זענען מיט אַ געקלימפּער אַראָפּגעפאַלן אויף די שטיינער פון טראָטואַר. אַ קופּע קינדער האָבן, ווי גיריקע חיהלעך, זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעם געלט. פּיניע איז שנעל אַוועק. עס האָט זיך געטראָגן פון דעם אָרט אַ נישט־אָנגענעמער ריח פון שווייס און שמוץ. ער האָט געהאַט טענות צו די פּאָליציייליט, פאַרוואָס זיי דולדן אַזאַ זאַך, אַז אומאָנגענעמע ריחות זאָלן זיך טראָגן איבער דער גאַס. נאָר איצט דאַכט זיך אים, פּי־ניען, אַז די שטינקענדיקע ריחות טראָגן זיך פון זיין לייב. זיי, די גע־שוואָלענע פון הונגער פרויען, ביים קראַשינסקי־גאָרטן, הונגערן, כדי ער, פּיניע, און נאָך צענדליקער, צי הונדערטער ווי ער, זאָלן קאָנען זיין פיין אָנגעטאָן, זאָלן קאָנען וווינען אין נגידישע דירות, זאָלן קאָנען זיצן מיט זייערע ווייבער און כלות און געליבטע אין די קאַפע־הייזער, אין די טעאַ־טערס און נאַכט־קלובן...

דער דאָזיקער געדאַנק איז באַפאַלן פּיניען, ווי אַ רויבער באַפאַלט זיין קרבן אין מיטן נאַכט אומגעריכט.

און פּונקט ווי דער באַפאַלענער פּרווט נאָכן ערשטן מאָמענט פון איבעררּאַשונג זיך באַפרייען פון די הענט פון דעם אָנפאַלער, אַזוי האָט אויך פּיניע זיך געפּרווט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז די געשוואָלענע פרויען ביים קראַשינסקי־גאָרטן הונגערן, כדי אים זאָל גאָרנישט פעלן.

— ווי קום איך צו די פרויען? וואָס בין איך שולדיק, אַז די דייטשן גזלען צו ביי מענטשן דאָס ברויט און דאָס פלייש און די פּוטער? צי בין איך שולדיק אין די דייטשע גזירות? איך קעמף דאָך קעגן זיי. אין די שטעטלעך, ווו איך קום, פאָדער איך דאָך צו קעמפן מיט די דייטשן...

אַזוי האָט זיך פּיניע פֿאַר זיך אַליין פֿאַרענטפֿערט. אַ חוזק־שטים האָט אָבער אין אים אַליין אויסגעלאַכט זײַן פֿאַרענטפֿערן זיך. פּיניען האָט זיך געדאַכט, ווי ער הערט אין זיך דעם חוזק־קול:

— עס איז זייער שיין אַנדערע צו הייסן קעמפֿן און אַליין צו מאַכן געשעפֿטן מיט די דייטשן און מיט זיי צו פֿרעסן און צו זויפֿן... עס איז זייער באַקוועם, נישט וואָר? מ׳האָט דעמאָלט אַ רואיק געוויסן און דאָס איז גוט צו פֿאַרדייען און צו שלאָפֿן ביינאַכט אָן שלעכטע חלומות, ריכ־טיק?...

און דעמאָלט איז ער געקומען צום באַשלוס. ער גייט מער נישט צוריק צו יאַנקלען. און ער וועט זיך אויך נישט ווענדן צו יאַנקלס באַ־קאַנטע, וואָס ווילן אים אויסכאַפּן, כדי זיך צו קאָנען גרויסן מיט זייער „שראַבער". ער קאָן מער נישט. די ווילדע אויגן פֿון די געשוואָלענע ווײַ־בער ביים קראַשינסקי־גאָרטן פֿאַרשטעלן אים דעם וועג. נישט ווילנדיק האָט ער מיט דער האַנט זיך צוגעהאַלטן די נאָז, ווײַל עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ריחות פֿון שווייס און צעפֿוילעניש נעמען אים אַרום פֿון אַלע זייטן. ניין, ער קאָן עס נישט מער. ער מוז זיך באַפֿרייען פֿון די ריחות. ער מוז אַרויס אויף דער פֿרייער לופֿט, וווּ מ׳קאָן אָטעמען, וווּ עס וועלן אים נישט נאָכיאָגן די ווילדע אויגן פֿון די ווייבער, וואָס זענען געשוואָלן פֿון הונגער.

ער האָט באַקומען אַן איינלאַדונג אויף קאַרמעליצקע גאַס. ער האָט נישט געטראַכט צו גיין אַהין היינט. ער האָט געוואָלט בעסער זיין ביי סאָניען נאָך דער אַרבעט. עס איז נאָך צו פֿרי צו גיין צו סאָניען. אפֿשר איז זי נישטאָ אין שטוב. זי ווייסט, אַז ער ענדיקט די אַרבעט שפּעטער.

— כ׳וועל צוגיין אויף קאַרמעליצקע — האָט פּיניע פֿאַרקירעוועט אָן אַ זייט.

יעדן טאָג האָט פּיניע נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן די מינוט, ווען ער וועט זיך אין אָוונט טרעפֿן מיט סאָניען. דאָס מאָל האָט ער געפּרוווט אָפּשלעפּן זיין גיין צו איר.

ער איז געגאַנגען אויף קאַרמעליצקע — וועגן דעם האָט ער זיך אָפּגעגעבן רעכענונג ערשט ווען ער האָט זיך שוין געפֿונען אויף די שמאָ־לע טונקעלע טרעפּ פֿון פֿאַרטיי־הויז — ווייל ער קאָן איצט נישט גיין צו סאָניען. ער ווייסט נישט וואָס איר צו זאָגן.

זיי האָבן גאָרנישט אָפּגערעדט צווישן זיך. זיי זענען נישט געוואָרן חתן־כּלה, ווי יאַנקל און מאַניע. אָבער נישט אָפּגערעדטערהייט האָבן ביידע געוווּסט, אַז זייער לעבן איז פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן.

אָבער וואָס וועט סאָניע זאָגן צו פּיניעס אַוועקגיין פון יאַנקלען? וועט זי אים פאַרשטיין? וועט זי באַגרייפן, אַז ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט, אַז ער האָט געמוזט טאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן? און אַז זי וועט אים פרעגן וואָס ער וועט איצט טאָן, וואָס וועט ער איר ענטפערן, וואָס?

פּיניע האָט אויף דער פראַגע זיך נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער. עס איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן זיך צו שטעלן די פראַגע. ער האָט בלויז געוווּסט, אַז ער מוז איבעררייסן מיט יאַנקלען. און ווען ער האָט זיך אַנטשלאָסן, האָט ער דערפילט אַ דערלייכטערונג. ער האָט אַראָפּגע־וואָרפן פון זיין פּלייצע אַ שווערע לאַסט, וואָס האָט געהויערט אויף זיין רוקן די גאַנצע צייט און ער האָט אַפילו דערפון נישט געוווּסט. עס איז אים געווען גוט וואָס ער האָט זיך דערפילט פריי, וואָס ער האָט געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער קאָן איצט צענעמען פריי די הענט און טון וואָס ער וויל און די ווילדע אויגן פון די געשוואָלענע ווייבער וועלן אים מער נישט פאַרפאָלגן.

שטייענדיק אויף די האַלב־טונקעלע טרעפּ, האָט פּיניע דערפילט אויף זיין רוקן אַ לאַסט פון אַן אַנדערן סאָרט. די לאַסט פון זאָרג. וואָס וועט ער טאָן? ער וועט אויפשטיין מאָרגן אינדערפרי, וועט זיך אָפּוואַשן, וועט אָפּעסן און וואָס ווייטער? עס איז נישט קיין פראַגע פון פאַרדינען, פון האָבן געלט צום לעבן. עס איז געווען עפּעס מער. עס איז געווען די פראַגע פון אויספילן זיין לעבן.

ער האָט ביז איצט אַליין נישט געוווּסט ווי ווייט די אַרבעט ביי יאַנקלען איז געוואָרן אַ שטיק פון זיין לעבן. ער האָט זיך איצט דער־שראָקן פאַרן געדאַנק, וואָס ער וועט מיט זיך טאָן מאָרגן, ווען ער וועט מער נישט קאָנען גיין צו יאַנקלען.

— איך וועל גיין אויפן אוניווערזיטעט — האָט יאַנקל געוואָלט זיך באַרויִקן.

ער האָט אין די לעצטע צייטן פאַרנאַכלעסיקט זיין לערנען אויפן אוניווערזיטעט. די אַרבעט ביי יאַנקלען, די פּאַרטיי־עסקים און, קודם כּל,

סאָניע, האָבן אויסגעפילט זיין גאַנצן טאָג. עס איז אים ווייניק צייט פאַרבליבן פאַר לערנען. זיין רבי, דער ראַבינער פּערסקי, האָט אים ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק איידל פאַרגעוואָרפן, אַז צוליב עולם־הזה דאַרף אַ מענטש אינגאַנצן נישט פאַרגעסן אָן חיי עולם, אָבער דערביי האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— אָבער, ווער ווייסט, אפשר פאַרשטייט דער יונגער עולם היינט בעסער פאַר מיר... אפשר קאָן מען טאַקע מער לערנען פון לעבן ווי אין די בעסטע היכשולן. ווי מיינט איר, הער העכט?

פיניע האָט נישט געהאַט קיין גרייטן ענטפער אויף דער פראַגע. ער האָט וועגן דעם אינגאַנצן נישט געטראַכט. נאָר ער האָט איצט נישט געפילט קיין גרויס חשק צו חיי עולם, וועגן וועלכע ראַבינער פּערסקי האָט דערמאָנט.

די טיר פון דעם אַרבעטער־הויז אויף קאַרמעליצקע גאַס איז געשטאַנען ברייט אויפגעפּראַלט. אַ סנאָפּ ליכט איז געפאַלן אויף די שוואַך־באַלייכטענע טרעפּ פון דער אָפענער טיר. אַ געמיש פון מענערישע און ווייבערישע קולות האָט איבערגעריסן פיניעס טראַכטענישן. ער איז צוזאַמען מיט אַנדערע יונגעלייט אַריין אין דער אָפענער טיר.

אַמאָל פלעגט פיניע שטיין נישט דרייסט אין אַ ווינקל און זיך צוקוקן נישט אָן קנאה צו דעם טומלען זיך פון די פּאַרטיי־לייט, וואָס זענען געגאַנגען מיט איילעווודיקע טריט פון איין צימער אין אַנדערן מיט פאַרנומענע פּנימער פון מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט דערלויבן צו פאַרלירן קיין איבעריקע מינוט. פיניען האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז ער איז דאָ אָן איבעריקער, אַז ער פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס און ער האָט זיך נאָך טיפער פאַרוקט אין זיין ווינקל, אַז מען זאָל אים אינגאַנצן נישט אַרויסזען.

היינט אָבער האָט פיניע זיך מער נישט געדאַרפט באַהאַלטן אין די ווינקלען. ער האָט זיך מער נישט געפילט איבעריק. פאַרקערט, ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אָן אַנגעלייגטער גאַסט. די רעדלפירער אויף קאַרמעליצקע האָבן איינער דעם אַנדערן נישט איבעריק ליב געהאַט. יעדער האָט געוואָלט זיין דער הויפּט־מאַכער און יעדער האָט אין זיך דערזען דעם קומענדיקן פירער פון דער פּאַרטיי און אין צווייטן אַ געפערלעכן קאָנקורענט. פאַר פיניען אָבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין מורא. זיי האָבן

געהאַט אַ גוטן חוש־הריח אַרויסצופילן די תאווה פון גבאות, וואָס ליגט טיילמאָל באַהאַלטן אונטער דעם צודעק פון באַשיידנקייט און גישט־דרייסטקייט. ביי פיניען האָבן זיי די דאָזיקע תאווה נישט אַרויסגעפילט. ער וויל נישט ווערן קיין גבאי, האָט יעדער פון זיי אויף זיין אופן זיך קלאָר געמאַכט. זענען זיי אַלע געווען פריינטלעך צו אים און זיי האָבן געזוכט אים מקרב צו זיין. אַ סטודענט און געבילדעטער מענטש און דערצו קען ער אויך די שוואַרצע קליינע אותיותלעך פון דער גמרא. און ער האָט אַ גוטן פּאָסטן און קאַרגט נישט פאַר דער פּאַרטיי און האָט גוטע באַציאונגען מיט דייטשע אָפיצירן און מ׳קאָן פון אים האָבן נוצן. איז ווען פיניע איז אַריינגעקומען, האָבן זיך פיל חברישע הענט צו אים אויסגעצויגן און יעדער האָט געהאַט פאַר אים אַ וואָרט און אַ גוטן שמייכל.

דער חבר לייבל אָבער, וואָס אַלע האָבן אין אים געזען דעם אויפ־גייענדיקן יונגן שטערן, האָט אים אַרויסגעצויגן פון דעם קרייז פריינד, וואָס האָבן פיניען, באַלד ביי זיין אַריינקומען, אַרומגערינגלט.

—גוט וואָס איר זענט געקומען, חבר פיניע, — האָט חבר לייבל אַרויפגעלייגט זיין האַריקע האַנט אויף פיניעס פּלייצע — איר פאַר־שטייט, עס רוקן זיך אָן גרויסע און שווערע צייטן, חבר פיניע...

דער חבר לייבל האָט גערעדט מיט אַ געהיימנישפולן קול. עס זענען צו דער פּאַרטיי אָנגעקומען פּאַרטרוילעכע ידיעות, אַז אויפן מערב־פראָנט כאַפּן די יעקעס אַריין ביטערע מפּלות. די קריגס־קאָמוניקאַטן פון דעם גענעראַל הינדענבורג פּרווון פאַרדעקן דעם אמת. אָבער ער, לייבל, ווייסט, אַז עס זענען שוין אויפן פראָנט אָנגעקומען אַזעלכע מוראדיקע מאַשינעס פון אַמעריקע, טאַנקען רופט מען זיי, און וווּ נאָר אַזאַ טאַנק באַווייזט זיך, באַפאַלט אַ טויט־שרעק די דייטשע זעלנער און אָפיצירן, און זיי נעמען גלייך די פיס אין די הענט און מאַכן דעם אמתדיקן ויברח... און אין בערלין און אין האַמבורג און דיסלדאָרף בונטעווען זיך די אַרבע־טער. זיי ווילן מער נישט זיין קיין האַרמאַטן־פלייש פאַרן דייטשן קיי־זער, זיי ווילן מער נישט הונגערן, ווען די גענערעלער פרעסן און זויפן...

לייבל האָט זיך צוגעבייגן צו פיניען און אים אַריינגעפּליסטערט אין אויער:

— איך האָב געטרייע ידיעות, אַז עס זענען שוין געווען בונטן צווישן

זעלנער און מאַטראָזן, איר פאַרשטייט מיט וואָס דאָס שמעקט, חבר פיניע...

ער האָט נישט געוואַרט אויף פיניעס ענטפער, דער חבר לייבל. זיי־נע גראָע אויגן האָבן זיך צעפינקלט און זיין מויל האָט זיך האַלב צעע־פנט, ווי ער וואָלט געחלומט מיט אָפענע אויגן.

— איר פאַרשטייט, חבר פיניע — האָט ער גערעדט אַזוי שטיל, אַז פיניע האָט קוים געקאָנט דערהערן זיין שטים — עס הייבט זיך אָן. יאָ, עס הייבט זיך אָן די רעוואָלוציע. נאָך רוסלאַנד קומט איצט די ריי אויף דייטשלאַנד און עסטרייך. אַ ליאַדע טאָג וועט עס אויסברעכן, עס וועט זיין אַזאַ שטורעם, וואָס זינט וועלט איז וועלט, איז נאָך אַזעלכעס נישט געווען. און דערצו מוז מען זיין גרייט, חבר פיניע. אַלע גרייטן זיך. די פוילישע סאָציאַליסטן מאָביליזירן זיך, יוזעף פּילסודסקי גיט שוין פון געפענגעניש אַרויס באַפעלן, ווי ער וואָלט געווען דער פּרעמיער פון פוילן... און די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן מוזן אוודאי זיין גרייט.

מען מוז מאָביליזירן אַלע אונדזערע כוחות און מען מוז אויך האָבן געווער. מען מוז זיין גרייט אויף אַלעם... און מיר רעכענען אויף אייך, חבר פיניע, איר מוזט אונדז צוהעלפן מיט אייערע באַקאַנטשאַפטן און פאַרבינדונגען...

פיניע איז געווען צעטומלט. עס איז אים נישט אַרויס פון מויל צו זאָגן דעם חבר לייבל, אַז ער האָט זיך צעקריגט מיט יאַנקלען און מיט אַ יעקישן אָפיציר און אַז ער וועט מער נישט קאָנען, אונטער דעם צודעק פון האַנדלען מיט די דייטשן, אַרבעטן פאַר דער פּאַרטיי.

ער איז געווען בייז אויף זיך, פיניע, פאַרוואָס ער זאָגט דאָס אַלץ נישט גלייך דעם חבר לייבל, אָבער די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

עס איז אים פאַרגעקומען, אַז פיניע האָט היינט פאַרראַטן די רעוואָ־לוציע. גראָד דעמאָלט, ווען זי, די רעוואָלוציע האָט אים גערופן, האָט ער דעזערטירט. גראָד דעמאָלט האָט ער זיך צעריסן מיט דעם יעקישן אָפיציר און מיט יאַנקלען...

— וואָס וועט ער טראַכטן וועגן מיר, דער חבר לייבל — האָט פּי־ניע שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — צוליב דעם, וואָס עפּעס אַן

אָפּיציר האָט געוואָלט קושן אַ מיידל, איז ער, פּיניע, ברוגז געוואָרן מיט דער רעוואָלוציע?

— אפשר צוליפּן, איצט נאָך, צו מלכהלע דער גרושה און זאָגן יאַנקלען, אַז כ׳וועל מאָרגן קומען צו דער אַרבעט?

— דאַרף ער נישט פאַר דער רעוואָלוציע אָפּפערן זיין פיינשמעקע־ריי און באַדיי ווייטער האָבן צו טאָן מיט די יעקעס, ווייטער מיט זיי טרינקען, ווייטער מיט זיי מאַכן געשעפטן, אויב דאָס וועט נאָר ברענגען נוצן דער פּאַרטיי?

פּיניע האָט געטראַכט, אַז ער דאַרף אַזוי טאָן, אַז עס איז זיין פליכט אַזוי צו טאָן.

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע זיך נישט אָפּגעשטעלט און האָבן מחזוקותן מיט די זשאַנדאַרמען, האָבן זיך געחברט מיט פאַרברעכער, מיט גנבים אַפילו, ווען זיי האָבן נאָר געוווסט, אַז דאָס קאָן ברענגען נוצן דער פּאַרטיי.

פּיניע האָט מיטאַמאָל אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט פּלוצלינג אָן אַ שאַרף וואָרט פון אַלטען קאָצקער רבין, וואָס ער געדענקט נאָך פון די שטיבל־יאָרן.

— וואָס שמייכלט איר — איז דער חבר לייבל געוואָרן פאַרדעכ־טיק — איר מיינט, אַז איך טרייב איבער, אַז עס חלומט זיך מיר בלויז די רעוואָלוציע?

— אַנטשולדיקט, חבר לייבל, איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר כ׳האָב זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז דער אַלטער קאָצקער רבי האָט געזאָגט, אַז אַן אמתער חסיד דאַרף נישט מורא האָבן זיך איינצוריכטן (פאַרשמוצן) די פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע, איר פאַרשטייט, חבר לייבל...

— כ׳מיין, וואָס האָט עס צו אונדזער שמועס? — האָט דער חבר לייבל אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען...

פּיניע האָט אַ קוק געטאָן פון אַ זייט אויף דעם חבר לייבל. עס איז אין דעם בליק געווען עפּעס ווי רחמנות אויף דעם פּאַרטיי־שטערן, וואָס פאַרשטייט נישט דעם מיין פון אַ שאַרף חסידיש וואָרט, און ער האָט געזאָגט:

— כ׳מיין, אַז פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע דאַרף אַ מענטש אויך טאָן אַזעלכעס, וואָס איז נישט שיין...

— אויב אַזוי לערנט דער קאָצקער — האָט לייבל זיך צעלאַכט — בין איך גרייט צו ווערן זיין חסיד.

פּיניע אָבער האָט זיך שוין נישט געפילט ווי אַ חסיד פון קאָצק. ער האָט דאַקעגן געפילט, אַז ער קאָן מער צו יאַנקלען נישט צוריקגיין, ווען אַפילו דאָס וועט ברענגען שאָדן דער זאַך פון דער רעוואָלוציע.

לייבל האָט גלייך פאַרגעסן דעם קאָצקער חסידות. ער האָט געהאַט וויכטיקערע זאַכן צו טאָן. און ער האָט טאַקע זיך געניייטיקט אין פּיניעס הילף. די מלחמה דערנעענטערט זיך צו ענדע. די רעוואָלוציע וועט אויסלייזן די וועלט. יידן דאַרפן אָבער האָבן אַ צווייטע אויסלייזונג, זיי דאַרפן האָבן אַ לאַנד. זייער אַלט־נײַ־לאַנד. דער אַלטער חלום פון דורות הייבט אָן צו ווערן אויס טרוים. ער ווערט ווירקלעכקייט. די יעקעס האָבן מיט אַן אייזערנער האַנט אַרומגענומען די אָקופּירטע לענדער. טראָץ דעם רייסן זיך דורך פון צייט צו צייט ידיעות, וואָס מאַכן אויפּציטערן הערצער און פילן אָן יידישע אויגן מיט טרערן פון פרייד. דאָס ענגלישע מלכות, שמועסט מען, איז גרייט אָוועקצוגעבן די יידן ארץ־ישראל. ער, לייבל, איז אַ רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט. יעדער קעניג איז ביי אים טריף ווי חזיר. פונדעסטוועגן איז ער גרייט צו מאַכן אַן אויסנאָם פאַרן ענגלישן מלך. אפשר טאַקע איז ער דער נייער כורש?... און ווער ווייסט, אפשר שטאַמען זיי טאַקע, די ענגלענדער, פון די צען פאַרלוירענע שבטים?... הא, וואָס זאָגט ער, פּיניע, צו דעם אַלעם?...

פּיניע האָט געזאָגט דאָס, וואָס אַלע יידן האָבן אין די טעג געזאָגט. אַז עס רוקן זיך אָן צייטן אַזעלכע, וואָס זינט וועלט איז וועלט, זענען אַזעלכע צייטן נאָך נישט געווען. אפשר איז עס טאַקע די צייט, ווען עס וועט נעמען אַן עק צו די יידישע צרות...

אין די חסידים־שטיבלעך איז מען געזעסן איבער די אַלטע ספרים און אויסגעזוכט פּירושים און רמזים, אַז די גאולה הייבט זיך אָן. איינער האָט געפונען אַ שטעל אין אבן עזרא און אַ צווייטער האָט אויסגעזוכט אַ וואָרט אין זוהר און אַ דריטער האָט פאַרטייטשט אַ פּסוק אין עמוס. און פון די אַלע פּירושים און רמזים האָט מען באַשיינפּערלעך געזען, אַז אַזוי וועט עס זיין. פריער וועט קומען די גרויסע מלחמה, טייכן בלוט וועלן זיך גיסן. יידן וועלן קרעכצן פון פּיין און ליידן. כלו כל הקצין, מער קאָן מען שוין נישט אויסהאַלטן. און דעמאָלט וועט זיך פּלוצלינג באַ־

ווייזן דער ערשטער שטראַל. די רשעים פון אדום וועלן באַקומען זייער פסק. און ווער איז אדום, אויב נישט דער קיסר פון פּייטערבאַרג?... נו, און אַז זיין סוף איז געקומען, איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז עס זענען משיחס צייטן. און מיט דעם ענגלישן מלך איז דאָך אוודאי נישט גלאַט. וואָס הייסט, אַ גוישער מלך האָט נישט קיין אַנדערע זאָרגן ווי דיר־נישט מיר־נישט גיין מאַכן אַ יידישע מלוכה. וועט עמיצער זאָגן, אַז עס איז אַ פּשוטע זאַך? זעט מען דאָך. אַז מען האָט אַזוי געהייסן פון אויבן, טאַקע ווי עס שטייט געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים וועגן די צייטן פון באחרית הימים.

אויך אין די שטיבער פון די אויפגעקלערטע ציוניסטן האָט אַ מיס־טישע שטימונג אומבאַמערקט צעלייגט אירע דינע, נישט זעבאַרע און דאָך ממשותדיקע געצעלטן. ביי העשל פּאַרבשטיין, אויף קרולעווסקע גאַס, זענען אין די אָוונטן זיך צונויפגעקומען בכבודיקע יידן מיט געשוירענע בערד און האַרטע קאַפּעליושן. טייל זענען געבליבן זיצן אין די קאַפּע־ליושן און אַנדערע האָבן די קאַפּעליושן אויפגעהאַנגען אין לאַנגן קאָרי־דאָר. זיי זענען אַלע געווען לייענער פון דער „הצפירה“. זיי האָבן גע־דענקט נאָך גוט חיים זעליק סלאָנימסקין, דעם יידישן פילאָזאָף און מיט נחום סאָקאָלאָוון זענען זיי געווען שוין גאָר אויסגעקאָכט. זיי זענען גע־פאָרן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן און זיי האָבן אַלע גערעדט מיט גרויס קענטעניש וועגן קאָלאָניזאַציע און וועגן דערפער און וועגן וויינגערטנער און אָראַנזשן־סעדער, הגם זיי האָבן געזען אַ דאָרף, נאָר פאַרנדיק זומער קיין אָטוואָצק, אויף פרישער לופט.

אוודאי האָט זיי שוין נישט געפּאַסט צו ריידן וועגן משיחס צייטן ווי די יידן אין די חסידים־שטיבלעך. דערפאַר האָבן זיי געדענקט פון אויסנווייניק די רעדעס פון הערצלען און פון מאַקס נאָרדוי און פון נחום סאָקאָלאָוו און פון דעם יונגן שרייבער, וואָס מען זאָגט, אַז אַזאַ כלי מפואר איז אַפילו נישטאָ ביי די גוים — וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי... פונדעסטוועגן, ווען העשל פאַרבשטיין האָט אויפגעמישט דעם פסוק עמוס האָבן זיי אַלע צוגעבייגן די קעפּ און האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגע־קוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן. האַ, וואָס זאָגט איר? מען זעט דאָך בפירוש דאָס נביאות...

די דאָזיקע מיסטישע שטימונגען זענען אויך אַריינגעדרונגען אויף

דער קאַרמעליצקע גאַס, צו די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן מאַרקס תּורה גע־וואָלט פאַרווירקלעכן אויף די בערג פון יהודה. זיי האָבן זיך געוויס נישט געוואָלט מודה זיין צו די אָבערגלייבנס פון די חסידים־שטיבלעך, אָבער זיי האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן, אַז זייערע אויגן האָבן אַן זייער וויסן אויסגעשריען זייער בענקשאַפט און זייער גלייבן אין משיחן.

זיי האָבן נאָך אפשר מער ווי אין די חסידים־שטיבלעך גערעדט וועגן משיחס צייטן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן זיך, אַז זיי קאָנען נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן ביז משיח וועט אַרייַנטרעטן אויף קאַרמעליצקע גאַס אויף זיין אייזעלע. זיי מוזן אַליין טאָן. זיי מוזן אַליין אַקערן און זייען און בויען דערפער און קאָלאָניעס.

אויך איצט האָט לייבל אַזוי גערעדט צו פיניען:

— מיר מוזן זיין גרייט. מיר מוזן שוין איצט זיך אויסלערנען די מלאכה. מיר מוזן צוגרייטן אונדזערע מענטשן צו זיין פויערים, וואָס זאָלן קאָנען זיך לאָזן אין וועג אַריין. און דאָס נעמט מען איצט טאָן...

— אָבער מ׳קאָן דאָך דערווייל נישט פאָרן — האָט פיניע אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— טאַקע צוליב דעם וואָס מ׳קאָן נישט פאָרן, שטעלן מיר אויף אַ דאָרף דאָ אין גראָכאָוו, עס זיצן שוין דאָרט אונדזערע מענטשן און מאָרגן וועלן וויטערדיקע אַרויספאָרן...

— אָבער וואָס וועלן זיי דאָרט טאָן? — האָט פיניע נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס הייסט וואָס זיי וועלן טאָן? זיי וועלן טאָן דאָס, וואָס יעדער פויער טוט. זיי וועלן אַקערן און זייען און זיי וועלן מעלקן די קי און זיך ביסלעכווייז צוגעוויינען צו דעם נייעם לעבן. האַ, וואָס זאָגסטו דערצו, פיניע?

— און עס זענען דאָ מענטשן?

— הלוואַי וואָלט מען נאָר געקאָנט אַלע אַרייַננעמען, עס קומען אָן בחורים און מיידלעך פון אַלע שטעט, אַפילו פון נגידישע הייזער קומען זיי. נאָר וואָס? די קאַסע איז ליידיק און מען דאַרף איינקויפן קי און מען דאַרף האָבן תּבואה צו פאַרזייען און מען דאַרף באַצאָלן דעם פּריץ פאַר פאַכטן דאָס פעלד. מען דאַרף אַ סך געלט און וועגן דעם האָט מען נאָך

אייך געשיקט, חבר פיניע. איר האָט דאָך רייכע פריינד, זאָלן זיי צוהעלפן ווער דען זאָל געבן, אויב נישט זיי, די גבירים...

— געוויס, ווער דען, אויב נישט די גבירים... — האָט פיניע מע־כאַניש צוגעשטימט צו לייבלס רייד.

פיניע האָט אָבער אין דעם מאָמענט נישט געטראַכט וועגן די גבי־רים, וואָס דאַרפן העלפן מיט געלט אויפשטעלן דאָס יידישע דאָרף אין גראָכאָוו. ער האָט געטראַכט וועגן זיך אַליין.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט גיין אַליין אין דעם דאָרף? — האָט ער זיך געפרעגט — אויב איך מיין ערנסט מיט מיינע רייד וועגן ציון, פאַר־וואָס זאָל איך אַליין נישט טאָן דאָס, וואָס כ'הייס אַנדערע טאָן?

ער איז אַליין געווען איבערראַשט פון דער פראַגע, וואָס האָט פלוצ־לינג אויסגעטויכט אין זיין קאָפּ. און ער האָט זיך אַליין געוווּנדערט פאַרוואָס ער האָט וועגן דעם פריער צומאָל נישט אַ טראַכט געטאָן. ער איז געפאָרן איבער די שטעטלעך, ער האָט גערעדט מיט די יונגעלייט, וואָס האָבן אין אים, דעם שליח פון דער גרויסער און קלוגער וואַרשע געוואָלט געפינען אַן ענטפער אויף אַלע זייערע שאלות און געפרעגט האָבן זיי אים שטענדיק וועגן דעם צי זיי וועלן טאַקע קאָנען פאָרן נאָך דער מלחמה אין יידישן לאַנד, צי זיי וועלן טאַקע באַקומען די מעגלעכקייט צו ווערן פויערים און אַקערן און זייען יידישע פעלדער.

ער האָט זיי געענטפערט. ער אַליין האָט זיינע תשובות געשעפּט פון די דינע פאַרטיי־בראָשורן און ביכלעך. ער האָט גערעדט הייס און זיכער וועגן די פליכטן און אויפגאַבן פון דער יוגנט אַנצוהייבן אַ ניי געזונט לעבן אויפן פעלד און דאָרף אין יידישן לאַנד. עס איז אים נישט איינגעפאַלן בעתן ריידן אָנצומעסטן זיינע אייגענע רייד צו זיך אַליין. ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז אויך ער דאַרף אָנ־הייבן אַ ניי לעבן, אַז אויך ער דאַרף אַקערן און זייען. פאַר זיך אַליין האָט ער געהאַלטן זיין ביז איצטיק לעבן מיט יאַנקלען און די יעקישע אָפּיצירן פאַר גוט און ריכטיק.

— וואָס וואָלט געווען, ווען איינער פון די קליינשטעטלדיקע יונגע־לייט פרעגט מיך: חבר פיניע, און איר אַליין גייט אויך אויפן דאָרף?

זיי האָבן אים נישט געפרעגט. זיי האָבן אים געגלייבט. זיי האָבן נישט געצווייפלט, אַז דער שליח וואָס רעדט צו זיי מיט אַזאַ איבערצייגונג

און פײער װעט געװיס אַלײן מקיים זײן דער ערשטער די גרױסע מצװה.

פּיניע האָט זיך פאַרשעמט פאַר דעם דאָזיקן גלײבן אין אים פון די קלײנשטעטלדיקע יונגעלײט. ער װעט זיך שעמען צו קוקן זײ אין די אױגן װען ער אַלײן װעט נישט גײן קײן גראָכאָװ.

— װען גײען זײ קײן גראָכאָװ, חבר לײבל?

די ערשטע גרופּע איז שױן אַרױס מיט עטלעכע טעג צוריק. זײ שטעלן אױף די באַראַקן און די שטאַלן פאַר די דרײ קי, װאָס דער באַנקיר װאַרסקי האָט צוגעשיקט פון זײן גוט. די אַנדערע װאָך גײט אַרױס די צװײטע גרופּע, איר מעגט אַרױספאָרן אַהין אױף עטלעכע שעה, חבר פּיניע. עס װעט פאַר אײך זײן אינטערעסאַנט צו זען װי אונדזערע מײדלעך מעלקן די קי...

— איך װעל אַרױספאָרן, אומבאַדינגט.

פּיניע האָט עפּעס צוריקגעהאַלטן צו זאָגן דעם חבר לײבל, אַז ער מײנט נישט בלױז אַ קוק צו טאָן אױפן מעלקן די קי, נאָר ער מײנט דאָרט אין גראָכאָװ צו בלײבן. נאָר אין זיך האָט ער זיך שױן געהאַט אַנטשלאָסן. עס איז דער אײנציקער װעג פאַר אים דאָרט אין גראָכאָװ אָנצוהײבן אַן אַנדער לעבן.

און װען ער האָט דערויף זיך אַנטשלאָסן, איז פאַר אים קלאָר געװאָרן, אַז נישט צוליב די קלײנשטעטלדיקע יונגעלײט טוט ער דאָס און נישט דערפאַר װײל ער שעמט זיך צו קוקן זײ אין די אױגן. נאָר װײל ער האָט נישט פאַר זיך קײן אָרט ערגעץ אַנדערש. ער קאָן מער נישט צוריקגײן צו יאַנקלען און ער װײסט נישט װאָס מיט זיך צו טאָן. ערשט מיט עטלעכע מינוט פריער האָט ער זיך געפילט אױסגעשפּיגן פון לעבן. פּיניע האָט זיך דערמאָנט דעם אָװנט, װען זײן פאָטער, דער קלײנער זעליקל, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכן דעם רײז־געשעפט מיטן הױכן משה. די מאַמע האָט געהאַט פאַרװײנטע אױגן. איר מאַנס פרומקײט איז שױן געװען צופיל אױך פאַר איר. און אױך אים, דעם קלײנעם זעליקל, איז געװען שװער אױפן האַרץ. דאָס האָט פּיניע געזען פון זײנע צעטומלטע בליקן. אין שטוב האָט דעמאָלט נישט אײנמאָל אױסגעפעלט אַ פאַר גראָשן צו קױפן אַ ברױטל און בײ דעם רײז־געשעפט האָט מען געקאָנט פאַרדינען. פונדעסטװעגן האָט זײן פאָטער, דער קלײנער זעליקל, אױך דעמאָלט זיך נישט פאַרלױרן. ער האָט געהאַט דאָס שטיבל און דעם רבין

און זיי האָבן אויסגעפּילט זיין וועלט. פּיניען האָט געפּעלט אַזאַ אַנלען. דאָס טומלען זיך ביי דער פּאַרטיי איז נישט געווען גענוג. די אַרבעט ביי יאַנקלען האָט אים ביז איצט צוגענומען די גאַנצע צייט. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט אויף טראַכטענישן. איצט האָט ער דערפילט אַ פּוסט־קייט אַרום און אין זיך. איז גראַכאָוו פאַר אים געוואָרן דאָס, וואָס דאָס שטיבל און דער רבי זענען געווען פאַר זיין פאָטער, דעם קליינעם זעליקל.

— אָבער, צי וועט זי, סאָניע, וועלן זיין גרייט מיט אים צו גיין אויף דעם וועג?

די רואיקייט איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן פון פּיניעס געמיט. ער האָט געוווּסט, אַז אָן סאָניען קאָן ער נישט גיין. אָבער צי וועט זי גרייט זיין אויף אַזאַ לעבן? ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן סאָניען זיצנדיק איינגעבייגן ביים מעלקן די קי.

פּיניע איז געוואָרן בלייך. ער איז אין דעם מאָמענט געווען זיכער, אַז סאָניע וועט אים אויסלאַכן און זי וועט אים אַליין שיקן צו זיינע קי. זי וועט זיך בעסער געפינען אין דער געזעלשאַפט פון דעם שיינעם פּע־ליקס זאַקס, וועלכער באַצויבערט אַלע מיידלעך מיט זיינע רייד. איז וואָס וועט זיין מיט אים, פּיניען? ווי אַזוי וועט ער לעבן אָן איר?

פּיניע האָט שוין מער נישט געהערט וואָס לייבל רעדט צו אים, ער האָט אויך נישט געהערט זיינע אייגענע רייד צו לייבלען.

עמיצער פון די פריש אָריינגעקומענע האָט אויף אַ ווייל אָוועקגע־רופן לייבלען.

— אַנטשולדיקט אַ מינוט, חבר פּיניע, — האָט לייבל צו אים גע־זאָגט — איך האָב נאָך מיט אייך פיל צו ריידן...

פּיניע האָט אויף אים נישט געוואַרט. ער האָט, נישט אומקוקנדיק זיך, שנעל זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

ער איז געלאָפן שנעל איבער די טרעפּ און אויף דער גאַס. ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער פאַרטשעפּעט דורכגייער אויפן שמאָלן טראָטואַר. ער איז געלאָפן וואָס שנעלער און האָט נישט געזען, אַז מענטשן קוקן אים פאַרוווּנדערט נאָך. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז ער מוז שוין זען סאָ־ניען. ער טאָר אַ מינוט נישט פאַרשפּעטיקן און אַז אויב ער וועט פאַר־שפּעטיקן, וועט ער זי שוין נישט טרעפן.

קאַפּיטל פיראונדרייסיק

מאַניע נעמט איבער די לייצעס

מאַניע איז ווי אַ שטורעם אַריינגעפאַלן צו סאָניען. נאָך איר איז נאָכגעגאַנגען יאַנקל מיט אַ פּנים פון אַ פאַרזינדיקט ייִנגל.

— וו איז ער? ווו?! — איז זי צוגעלאָפן צו סאָניען.

— ווער? וועמען זוכסטו? — האָט סאָניע געקוקט מיט שטוינענדיקע אויגן אויף דער צעשטורעמטער מאַניע און פאַרשעמטן יאַנקל — באַרו־איק זיך, מאַניע, און רייד ווי אַ מענטש.

מאַניע האָט אָבער נישט געטראַכט זיך צו באַרואיקן. זי איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען איבער דער שטוב, די הענטשקעס אַוועקגעוואָרפן אויף איין שטול, דעם הוט אויף אַ צווייטער און דעם פּאַלטאָ צוגעוואָרפן יאַנקלען, דערביי האָט זי נישט אויפגעהערט צו ריידן.

— דו ווייסט גאָרנישט וועמען איך זוך? זאָל ער מיר נאָר אַריינ־פאַלן אין די הענט, דיין פּיניעלע! איך וועל אים די אויערן אויסרייסן, דעם תכשיט...

— אָבער... — האָט סאָניע נישט פאַרשטאַנען וואָס מאַניע וויל.

— פּרווו אים נישט פאַרענטפערן, סאָניע, איך וועל אים שוין לער־נען דרך־ארץ...

— אָבער, וואָס איז געשען, מאַניע? איך פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט...

מאַניע האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט און זיך אַוועקגעזעצט, האָט זיך צוגעפּודערט די נאָז, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— אַזוי, הייסט עס, — האָט זי אַ זאָג געטאָן — האָט ער זיך גאָר־נישט געוויזן, ער האָט זיך געשעמט, אָבער עס וועט אים גאָרנישט העלפן סיי ווי, איך וועל אים די אויערן אויסדרייען, ווי כ'בין ר' לייבוש גרינ־גלאַס טאָכטער, פון דער פּאַנסקע גאַס...

— האָסט מיר נאָך אַלץ גאָרנישט געזאָגט, מאַניע...

— וואָס איז דאָ צו זאָגן, די צוויי ייִנגלעך, פּיניע און ער, — האָט מאַניע אָנגעוויזן אויף יאַנקלען — זענען זיך היינט, ווי צוויי העלדן, גע־שפּרונגען אין די אויגן... צוליב עפּעס אַ יעקע־נאַר, נו און פּיניע איז אַנט־

לאָפּן אַ ברוגזער... נו, ער, יאַנקל, האָט שוין פון מיר זיין גאָב באַקו־מען. ער ווייסט שוין פון היינט, אַז איך, מאַניע פון דער פּאַנסקע גאַס, נעם איבער די לייצעס. איאָ, יאַנקל?

— בנאמנות, מאַניע, כ׳האָב נישט געוואָלט... — האָט יאַנקל זיך פאַרענטפערט.

— כ׳האָב שוין געהערט דיינע תירוצים, יאַנקל, און געדענק, מער זאָל אַזעלכעס נישט זיין ביי מיר און פון היינט אָן וועל איך שוין קומען אין ביורא, איך וועל שוין זען וואָס דאָרט טוט זיך, איך וועל שוין ריידן מיט דיינע יעקעס און מיט דער מלכהלע...

— אָבער, מאַניע, כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, איך שווער דיר...

יאַנקל האָט אויסגעזען ווי אַ צעשראָקן יינגל, וועלכן מ׳האָט גע־כאַפּט ביי דער האַנט.

— גוט, גוט, יאַנקל, כ׳האָב שוין אַלץ געהערט, נאָר פון היינט אָן נעם איך איבער די לייצעס...

מאַניע האָט זיך אויסגעדרייט צו סאָניען און צו איר געזאָגט:

— און דו, סאָניעלע, זאָלסט עס טאָן מיט פּיניען, מילא, היינט וועל איך אים שוין אַריינזאָגן, נאָר דו מעגסט אים אויך דערלאַנגען, מען מוז זיי האַלטן שטרענג, זיי זענען נישט מער ווי נאַרישע חדר־יינגלעך...

מאַניע האָט זיך באַלד באַרואיקט און זי האָט גענומען ריידן וועגן דער חתונה אירער. איר פאָטער, ר׳ לייבוש און איר מאַמע, פראַדל, ווילן דווקא אַ חתונה ווי גאָט האָט געבאָטן, מיט אַ סאַליע און מיט קלעזמערס און מיט סאַרווערס און מיט אַ מאַרשעליק און מיט געסט און מיט חסי־דישע זיידענע זשיפּיצעס און שטריימלעך. מאַניע האָט געלאַכט פון אירע עלטערנס גלוסטעניש צו דעם אַמאָליקן נגידישן גלאַנץ.

— זיי קאָנען נישט פאַרגעסן די אַמאָליקע צייטן — האָט מאַניע געלאַכט — די פּאַליצעס אין מיין טאַטנס סקלאַדעס זענען שוין אויס־געליידיקט, די יעקעס האָבן שוין פון דאָרט אַלץ צוגענומען. אויף דער פּאַנסקע גאַס אָבער מוז ר׳ לייבוש ווייטער זיין דער שיינער נגיד און מיין מאַמע די מאַדאַם פראַדל, וועלכע מאַרק־פּאַרקויפערינס פון באַזאַר טראָגן אַקעגן אַ ברייטן גוט־מאָרגן. און ווען זיי מאַכן חתונה זייער טאָכ־טער, מיך הייסט עס, מוז עס זיין אויף דער ווינער סאַליע, די גאַנצע פּאַנסקע גאַס זאָל וויסן...

מאַניע האָט געלאַכט, אָבער עס איז געווען קענטיק, אַז אויך זי אַליין איז אין האַרץ איינשטימיק מיט איר פאָטער און זי האָט גרויסע זאָרג ביי ווענען צו לאָזן נייען איר ווייס חופה־קלייד.

זי האָט זיך טאַקע ווענן דעם געוואָלט באַראַטן מיט סאָניען. דער שמועס וועגן מאַניעס חופה־קלייד האָט אַזוי פאַרכאַפּטביידע מיידלעך, אַז זיי האָבן פאַרגעסן אָן דעם וואָס עס איז געשען היינט צווישן יאַנקלען און פיניען און אַז זי, מאַניע, איז געקומען אַהער אויסצודרייען פּי־ניעס אויערן און צו לערנען ביידע נאַרישע חדר־ייִנגלעך דרך־ארץ.

מאַניע האָט פאַר סאָניען געגנוי אויסגעמאָלט ווי אַזוי עוועלינע וויל אויפנייען דאָס חופה־קלייד און ביידע האָבן מיט ערנסטע פּנימער אַרומ־גערעדט אַלע מעלות און חסרונות פון עוועלינעס מאָדעל.

יאַנקל האָט מיט גרויס דרך־ארץ זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיקן שמועס, אין וועלכן ביידע מיידלעך האָבן איינע די אַנדערע פאַרשטאַנען אויפן ווונק און פון וועלכן יאַנקל האָט אַפילו איין וואָרט נישט געקאָנט פאַרשטיין.

ער איז געווען צופרידן, יאַנקל, וואָס מאַניע האָט אָן אים אויף אַ מינוט פאַרגעסן. זי האָט אים היינט שוין איינמאָל אַריינגעזאָגט. איז ער געזעסן און געקוקט אויף דעם טונקל־הויטיקן מיידל, וואָס ער קאָן מיט אַ שנעל פון זיינע גרויסע ידיים אַוועקבלאָזן און פונדעסטוועגן האַלטן אירע הענטלעך אים אַזוי פעסט, אַז ער קאָן זיך אַ ריר נישט טאָן.

האָט יאַנקל נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דאָס געשעט און פונוואַנען געמט זיך צו דעם דאָזיקן קליינעם מיידל אַזאַ כוח איבער אים.

און נאָך מער האָט ער זיך געוווּנדערט, יאַנקל, אויף זיך אַליין. עס איז אים גאָר גוט אונטער דעם יאָך פון דעם מיידל. ער וויל זיך גאָר־נישט באַפרייען פון דעם כאָמעט, וואָס זי האָט אים אָנגעטאָן אויפן האַלדז. פאַרקערט, ער וואָלט זיך דערשראָקן ווען זי, מאַניע, הערט אויף מיט אים צו קאָמאַנדעווען און לאָזט אים טאָן וואָס ער וויל.

יאַנקל האָט זיך אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין. ער האָט אָבער גע־ווּסט נאָך פון זיינע בחורים־פּורמאַנישע צייטן, אַז עס זענען דאָ מייד־לעך, וואָס קאָנען אָנטאָן אַ כישוף. זעט אויס, אַז זי, מאַניע, האָט אים אַזאַ כישוף אָנגעטאָן און אים, יאַנקלען, איז גאָר גוט מיט דעם כישוף

און ער זיצט מיט אַ נאַריש צעשמייכלט פּנים און הערט זיך צו צו די אומפאַרשטענדלעכע רייד פון די צוויי מיידלעך וועגן דעם חופּה־קלייד.

נישט איבעררייסנדיק דעם שמועס, האָט מאַניע באַפוילן יאַנקלען אַריינצוגיין אין קיך און צוגרייטן קאַווע.

סאָניע האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָר מאַניע האָט זי צוריק אַוועקגעזעצט. נישקשה, ער, יאַנקל, מעג זיך אויסלערנען צו מאַכן קאַווע. זאָל ער באַצייטנס וויסן זיינע פליכטן. זי מיט סאָניען האָבן עפּעס וויכטיקערעס איצט צו טאָן, זיי מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטשטעלן ווי אַזוי עס זאָל אויסזען דאָס חופּה־קלייד.

יאַנקל איז אַריין אין קיך און גענומען זיך גרייטן מאַכן די קאַווע. ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ אָן דער טיר. האָט ער אָפּגעלאָזט די קאַווע און זי געעפנט.

פיניע איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר. אַ ווייל זענען זיי ביידע געבליבן שטיין קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן מיט פאַרשולדיקטע בליקן. מיטאַמאָל האָבן זיך ביידע פאַנאַנדערגעלאַכט.

— שיין — האָט יאַנקל אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל.

פון דער שטוב זענען דערגאַנגען די שטימען פון ביידע מיידלעך. זיי האָבן זיך קענטיק געשפּאַרט און נישט געקאָנט דורכקומען.

— וואָס איז, יאַנקל?

— זיי קלערן אַלץ אַרום מאַניעס חופּה־קלייד...

— אַ, אַ!...

— און מיך האָבן זיי געשיקט מאַכן קאַווע...

— וואַרט, כ׳וועל דיר צוהעלפן, יאַנקל...

פיניע איז געוואָרן רואיק. זיי ריידן איצט וועגן מאַניעס חופּה־קלייד און ער האָט געטראַכט, אַז אויך סאָניע וועט דאַרפן האָבן אַ חופּה־קלייד. מערקווירדיק, ערשט איצט איז עס אים איינגעפאַלן...

ער האָט אַרויסגענומען פון דער שאַנק די גלעזער און יאַנקל האָט אָנגעגאָסן די קאַווע.

— ביסט נישט בייז, פיניע?... בנאמנות, כ׳האָב נישט געמיינט...

— נאַרישקייטן, יאַנקל, פאַרוואָס זאָל איך בייז זיין?...

פיניע האָט איצט שוין נישט געדענקט אָן דעם, וואָס עס איז געשען מיט עטלעכע שעה פריער צווישן אים און יאַנקלען. ניין, ער איז ווירק־

לעך נישט בײַז. איצט זעט ער אײַן, אַז יאַנקל איז געווען גערעכט. ער, פּיניע, האָט זיך נישט באַדאַרפט אויפרעגן. אויב מ׳לעבט אַזאַ לעבן, ווי ער האָט ביז איצט געלעבט, דאַרף מען זיך נישט צו נאַר מאַכן מיט כלומרשטן שטאָלץ. און אַז מען מוז אָנקומען צו די דײַטשע אָפיצירן, מוז מען מיט זײ לעבן גוט.

פּיניע האָט גוט געוווּסט, אַז אײן אַ סך שטיבער גײען די שײנע טעכ־טער און די יונגע ווײַבלעך צו די ביוראָען פון די דײַטשע אָפיצירן דער־לײדיקן געשעפטן. די דײַטשן האָבן ליב אַזעלכע וויזיטן פון יונגע ווײַב־לעך און זײ זענען דעמאָלט זײער נאָכגיביק און פרײַנטלעך. ער האָט דאָס אַלץ געוווּסט, פּיניע, פון פריער און ער האָט זיך נישט באַדאַרפט וווּנדערן, ווען דער לײטענאַנט מינצער האָט מירעלען אָנגענומען פאַר אײנער פון די דאָזיקע מײדלעך.

פּיניע האָט דאָס אַלץ געוווּסט. ער האָט זיך צו נאַר געמאַכט מיט דער ראָל פון אַ ריטער פון די דאָן קיכאָטישע צײַטן. נײן, ער, פּיניע, איז נישט בײַז אויף יאַנקלען. פאַרקערט, יאַנקל איז געווען גערעכט. אויב מ׳וויל מאַכן געשעפטן מיט די דײַטשן, מוז מען מיט זײ גײן טרינקען צו מלכהלען, דער פרײַלעכער גרושה. איצט, ווען פּיניע האָט באַשלאָסן אָנצוהײבן אַן אַנדער לעבן, פאַרשטײט ער זײַן געוועזענעם באַלעבאָס בע־סער ווי פריער. נאָר ער, פּיניע, קאָן מער נישט דאָס דאָזיקע לעבן ווײַ־טער פירן. זײַן אָרט איז אין גראָכאָוו. דאָרט וועט ער זיך צוגרײטן צום גײען און שווערן וועג אין ײדישן לאַנד. דאָרט וועט ער אַקערן און זײען און, ווער ווײסט, אפשר וועט ער זיך דאָרט נאָך אַמאָל טרעפן מיט יאַנק־לען און זײַנע פרײַנד, וואָס טומלען זיך דאָ אַרום די יעקישע אָפיצירן?

פּיניע האָט דאָס אַלץ נישט געזאָגט יאַנקלען. פריער מוז ער רײדן מיט סאָניען.

ער מוז וויסן צי זי איז גרײט מיט אים מיטצוגײן, צי זי וועט נישט אויסלאָזן זיך פון זײַנע ײנגלשע חלומות.

— מירן אַרײַנטראָגן די קאַווע — האָט ער אַ שמײכל געטאָן צו יאַנקלען און גענומען די טאַץ אין האַנט.

ער האָט נישט געוווּסט ווי צו רײדן צו סאָניען אין דער אָנוועזנ־הײט פון יאַנקלען און מאַניען.

פּיניע האָט געטראָגן די טאַץ מיט דער קאַווע און יאַנקל איז גע־

גאַנגען ביי זיין זייט מיט אַ טעלער קיכלעך און ביידע האָבן צו זיך פריינטלעך געשמייכלט.

— קוק זיי נאָר אָן, די צוויי תכשיטים! פריער שפּרינגען זיי זיך אין די אויגן און איצט מאַכן זיי דעם אָנשטעל פון צוויי אומשולדיקע קינדער, וואָס קענען קיין צוויי נישט ציילן!...

מאַניע האָט איבערגעריסן דעם שמועס וועגן די פאַלדן און שלעפּעס פון חופּה־קלייד. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. מיט שנעלע טריט־לעך איז זי צוגעלאָפן צו די צוויי יונגען און מיט די פויסטלעך זיי גע־דראָט.

— איך וועל אייך ביידע אָנלערנען!...

— לערן זיי אָן, מאַניע! זיי האָבן עס כשר פאַרדינט. דיר צו להכעיס האָבן זיי זיך פריער איבערגעבעטן, אַזאַ חברה!...

סאָניע האָט מיט לאַכנדיקע אויגן אַרומגענומען פּיניען און געטראַכט, אַז זי וואָלט נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן אָן אים.

— עס וועט זיי סיי ווי גאָרנישט העלפן! — האָט מאַניע געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז בייז — קודם כל וועל איך דיר, פּיניעלע תכשיט, אויסדרייען אַן אויער...

— זיי פּאָרזיכטיק, מאַניע, כ׳וועל אויסגיסן די קאַווע...

— דיין לעבן וואָלט קיין גראָשן נישט ווערט געווען, ווען דו באַ־גיסט מיין ניי קלייד!...

— וואָרט, מאַניע, — האָט יאַנקל אַרויסגענומען פון פּיניעס האַנט די טאַץ מיט דער קאַווע — נו, איצט קאָנסטו מיט אים טאָן וואָס דו ווילסט, מאַניעלע...

— אָבער כ׳מעג דאָך כאָטש וויסן מיט וואָס כ׳האָב זיך אין דיינע אויגן פאַרזינדיקט, מאַניע, — האָט פּיניע מיט דער האַנט זיך פאַרשטעלט דאָס אויער — וואָס הייסט דו וועסט מיר דרייען אַן אויער גלאַט אַזוי...

— ניין, צו דעם יונג האָב איך נישט קיין כוח! — האָט מאַניע אין כלומרשטער פאַרצווייפלונג פאַרבראָכן די הענט — העלף מיר כאָטש דו צו, סאָניע!...

— שוין, שוין, מאַניע, כ׳העלף דיר גלייך!...

סאָניע האָט אַרומגענומען פּיניעס קאָפּ, האָט צוגעבייגן איר מויל צו זיין אויער און געפּליסטערט:

— טייערער!...

— נו, גיי האַלט אויס מיט זיי אַלע! — זי קושט נאָך אים גאַר... נאָך גוט, וואָס מיין טאַטע, ר׳ לייבוש, זעט דאָס נישט, אָבער איך וועל אים דערציילן, זאָל ער כאָטש וויסן, אַז דאָס סיבירער מיידל זיינס ווייסט נישט פון קיין בושה און קושט זיך פאַר אַלעמענס אויגן...

— יאַנקל, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם — האָט סאָניע געלאַכט — זי וויל דאָך דיך קושן, מאַניע...

מאַניע האָט יאַנקלען געוויזן אַ שפּיץ צונג און מיט כלומרשטער פאַרשעמטקייט געזאָגט:

— ביי אונדז, אויף דער פאַנסקע גאַס, טוט מען נישט אַזעלכענע זאַכן...

— די קאַווע ווערט קאַלט — האָט יאַנקל דערמאָנט.

האָבן זיי זיך מיט צעשמייכלטע פּנימער אויסגעזעצט ביי דעם קיי־לעכדיקן טישל און מאַניע האָט געזאָגט:

— כ׳על באַלד זען צי דו קאָנסט כאָטש אַ גלעזל קאַווע מאַכן, יאַנקל...

— איך בין נישט שולדיק, אַז די יעקעס גיבן ציקאָריע אנשטאָט קאַווע...

— דו האָסט מיר אַ צו גוטן תירוץ אויף אַלץ, יאַנקעלע, מיין טאַטע ר׳ לייבוש פון דער פאַנסקע גאַס, זאָגט, אַז די ערגסטע לייט זענען די פאַרשוויינדלעך, וואָס האָבן שטענדיק גרייט אַ פאַרטיקן תירוץ. נו, גוט, גוט, אין אַלעם זענען שולדיק די יעקעס. אַז די קאַווע האָט נישט קיין יידישן טעם, זענען שולדיק די יעקעס, אַז מיין חתן איז צופיל גוטער ברודער מיט עפּעס אַ מלכהלע, זענען ווידער שולדיק די יעקעס, און אַז אָט די צוויי פאַרשוינען, וואָס זיצן דאָ ביים טיש און מאַכן דעם אָנשטעל פון דערוואַקסענע מענטשן קריגן זיך אַרום און ווערן ברוגז ווי חדר־יינגלעך, גייט עס ווידער אויס צום קאָפּ פון די יעקעס...

— אָבער מאַניעלע, כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט — האָט יאַנקל נישט געוואָלט, אַז מען זאָל מער ריידן וועגן זיין צעקריגן זיך מיט פּיניען.

— נו, גוט, גוט, כ׳ווייס, פון היינט אָן וועסטו שוין זיין גוט און פרום, נאָר פונדעסטוועגן פאַרלאָזן זיך אויף דיר, יאַנקל, וועל איך נישט.

הערסט, פיניע, מאָרגן אינדערפרי וועסטו מיך טרעפן אין ביוראָ ביי דער אַרבעט.

פיניע האָט אָװעקגעשטעלט אויפן טיש דאָס האַלב אויסגעטרונקענע גלאָז קאַווע. אפשר איז בעסער אַזוי. יאַנקל און מאַניע זענען אַצינד דאָ. עס וועט אים לייכטער זיין אַזוי צו ריידן און טאָמער וועט סאָניע... ניין, וועגן דעם טאָר ער אַפילו נישט קלערן.

— טוסט גאַנץ גוט, מאַניע, דערצו איצט, ווען איך וועל נישט זיין, וועט מען דיך דאַרפן האָבן אין ביוראָ, מאַניע...

ער האָט נישט געקוקט אויף סאָניען, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז זי ווייסט, אַז ער רעדט צו איר, כאָטש ער קוקט אויף מאַניען. און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— נאָר געדענק, מאַניע, אַז ווען כ׳על אַמאָל קומען צוגאַסט אין ביוראָ, זאָלסטו מיך נישט פאַרשעמען מיט דיין אַרבעט.

יאַנקל האָט געקוקט מיט אַ רחמנות־בליק אויף פיניען, נאָר פיניע האָט בלויז צו אים צוריקגעשמייכלט.

מאַניע איז אַ לענגערע ווייל געבליבן זיצן שטיל אַן איבערראַשטע. באַלד אָבער איז זי געקומען צו זיך.

— אַזוי גאָר! — האָט זי ענערגיש מיט דער האַנט אַ זעץ געטאָן אין טיש — כ׳האָב געמיינט, אַז איר שעמט אייך כאָטש ביידע, אָבער כ׳זע, אַז דער יינגלשער ברוגז גייט ווייטער אָן. האַ, וואָס זאָגסטו, יאַנקל?

— בנאמנות, מאַניע, כ׳האָב געמיינט, אַז פיניע...

— באַרואיק זיך, יאַנקל, — איז פיניע געווען באַהערשט — כ׳האָב באמת פאַרגעסן דאָס וואָס איז געווען. מירן ווייטער זיין גוטע פריינד. אמתדיקע פריינד. נאָר כ׳האָב זיך איבערצייגט, אַז די אַרבעט איז נישט פאַר מיר. כ׳ווייס אַליין נישט ווי אַזוי דיר עס צו זאָגן, יאַנקל, נאָר כ׳קאָן מער נישט, כ׳קאָן נישט...

מאַניע האָט געקוקט מיט שטוינענדיקע אויגן אויף ביידע. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס עס איז צווישן זיי פאָרגעקומען. אפשר האָט איר יאַנקל נאָך נישט אַלץ דערציילט?

— דיין קאַווע, פיניע, איז שוין קאַלט — האָט זי מיט דער האַנט אַ לייכטן פיר געטאָן איבער זיין קאָפּ — וואַרט, כ׳וועל דיר צוגיסן הייסע...

פיניע האָט מיט זײַן האַנט אָנגערירט סאָניעס פינגער, בײדע האָבן צו זיך געשמייכלט, ווי עפּעס אַ נײער סוד וואָלט זײ בײדע נאָך נעענטער געמאַכט.

סאָניע איז מיט לײַכטע טריט אַרײַן אין קיך. זי האָט צו זיך געשמייכלט קוקנדיק אין דעם וואַנט־שפּיגל. פיניע האָט אויך די נאַכט געחלומט וועגן די באַלאָנען, וואָס רײַסן זיך צו די הימלען, ווי זי. אַזוי פילן זײער בײדנס הערצער. ער, פיניע, האָט דאָך איר געבראַכט איר פאָטערס צוואה, וואָס האָט אין איר האַרץ דערוועקט אַזוינע פאַרבאָרגענע בענקעניש. האָבן אירע בענקענישן זיך אַריבערגעטראָגן צו פיניען? ער קאָן מער נישט אײַנזיצן בײַ יאַנקלען. עס ציט אים, ווי זי, צו עפּעס אַנדערש, צו עפּעס אַזעלכעס, וועגן וואָס איר פאָטער האָט געטרוימט. יאָ, עס איז דער אַלטער טרוים וועגן די באַלאָנען, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל געזען פאַרן אײַזערנעם טויער אין ערשטן טאָג, ווען זי איז אָנגעקומען קײַן וואַרשע.

— וווהין וועט אונדז נאָך פאַרפירן דאָס יאָגן זיך נאָך די באַלאָנען? — האָט סאָניע צו זיך אַ שמייכל געטאָן. צום ערשטן מאָל טראַכט זי וועגן פיניען און זיך, ווי זײ וואָלטן געווען אײנס.

זי האָט נישט געוווּסט וווהין די באַלאָנען וועלן זײ ברענגען. אָבער זי האָט וועגן דעם נישט געזאָרגט. זי וועט דאָך דעם וועג דורכמאַכן מיט פיניען, איז נאָך וואָס זיך זאָרגן? ווו זײ וועלן זי געפינען, וועט זי זײַן מיט אים. איז וואָס דאַרף זי מער?

זי האָט גענומען ברומען איר פאָטערס מעלאָדיע, אָנגיסנדיק די קאַווע, און ווען זי איז צוריק אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט נאָר פיניע אַלײן געוווּסט פאַרוואָס איר פּנים איז צעשײַנט.

— הער, פיניע, כ׳ווײס נישט וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן דיר און יאַנקלען — האָט מאַניע גערעדט מיט אַ געענדערטער שטים — נאָר כ׳וועל עס אײַך בײדע נישט מוחל זײַן, טאָמער מאַכט איר זיך ווײַטער נאַריש. וואָרט, און אפשר צאָלט ער דיר נישט, ווי עס דאַרף צו זײַן? האַ, יאַנקל? דו נוצסט אים גוט אויס, פיניען? נאָר מײַן טאַטע, ר׳ לײַבוש, האָט געזאָגט, אַז מיט אַזעלכע אײַנבערענגעכצער ווערט מען נישט שאַיע פּריוועס, פאַרשטײסט, יאַנקל?...

יאַנקל האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך האַלב דערהייבן פון שטול און זיך גלייך צוריקגעזעצט און גענומען ריידן צו פּיניען:

— כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט ריידן מיט דיר, פּיניע, נאָר עס איז עפּעס נישט אויסגעקומען. דו ווייסט דאָך, די עסקים צעוואַקסן זיך. נו, און יאָך, ווייסט דאָך עס, וועט באַלד זיין די חתונה. פאַרשטייסט, עס איז מיר שווער, האָב יאָך געטראַכט, אַז עס וואָלט גלייך געווען, ווען דו, פּיניע, ווערסט מיט מיר אַ שותף, נו, געוויס, אַ גלייכער שותף. עס וואָלט מיר באמת לייכטער געוואָרן, ריכטיק, מאַניע?

ס׳ערשטע מאָל, זינט איר באַקאַנטשאַפט מיט יאַנקלען, האָט מאַניע זיך פאַרלוירן. אייגנטלעך דאַרף זי אים גוט אויסזידלען, דעם חתן אירן. עס קומט אים אַ פּסק, וואָס ער האָט פריער זיך נישט דורכגערעדט מיט איר. וואָס מיינט ער זיך, דער יאַנקל? ער וועט זי גאָרנישט פרעגן? אפשר וויל זי נישט האָבן פּיניען פאַר קיין שותף... זי האָט אָבער נישט געקאָנט בייזן זיין אויף אַן אמת. יאַנקל האָט אַזוי איידל פאַרגעשלאָגן פּיניען צו ווערן אַ שותף און עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי ער, פּיניע, וועט גאָר טאָן אים אַ טובה אויב ער וועט איינשטימען. האָט מאַניע געטראַכט, אַז ווען איר טאַטע, ר׳ לייבוש, וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער געוויס געזאָגט, אַז דער יאַנקל איז נישט קיין וואָזשנער סוחר, אָבער הנאה געהאט וואָלט ער פון אים דוקא.

— נו, פּיניע, ווערן מיר שותפים? — האָט מאַניע נישט געצווייפלט אין פּיניעס הסכם.

— כ׳ווייס ווירקלעך נישט — האָט פּיניע לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין — ווי עס דיר צו זאָגן, יאַנקל, נאָר איך קאָן מער נישט צוריקגיין צו דעם, וואָס עס איז געווען. שותף, צי נישט שותף. עס איז נישט קיין ענין פון געלט, נאָר, פּשוט, כ׳קאָן נישט...

— אַלץ צוליב דעם יעקע? — האָט מאַניע אומגעדולדיק אַ צי געטאָן מיט אירע שמאָלע אַקסלען.

— ניין, נישט צוליב דעם יעקע, מאַניע. ער ליגט מיר שוין נישט אין זינען. און כ׳ווייס אַליין נישט ווי אַזוי עס איז אויף מיר געקומען.

ער האָט געקוקט אויף סאָניען און אירע אויגן האָבן צו אים גע־

שמייכלט, ווי זיי וואָלטן אים פאַרשטאַנען בעסער, ווי ער פאַרשטייט זיך אַליין.

— דאַכט זיך מיר, אַז דו רעדסט נאַרישקייטן, פיניע — האָט מאַ־ניע שאַרף אַ זאָג געטאָן — אַ שאָד, וואָס מיין פאָטער, ר׳ לייבוש, איז דאָ נישטאָ...

— עס קאָן זיין, אַז כ׳רייד נאַרישקייטן, נאָר זינט רפאל גאָלדס לוויה האָב איך אָנגעהייבן טראַכטן אַנדערש...

— אָבער, וואָס האָט רפאל גאָלד צו טאָן מיט דעם אַלעם?! — האָט מאַניע געקלאַפּט נערוועז איבערן טיש מיט אירע לאַנגע פינגער.

— כ׳ווייס נישט, צי איר האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז רפאל גאָלד וואָלט געלעבט, ווען ער איז נישט קיין ייד...

— אַ שיינע מעשה! — האָט מאַניע זיך צעלאַכט — וועגן דעם דאַרף מען נישט אַזוי לאַנג טראַכטן. יעדעס ייִנגל אויף דער פּאַנסקע גאַס וועט דיר זאָגן, אַז אַזוי וועט זיין, אַזוי לאַנג ווי עס וועט דויערן דער גלות...

— נו, וויל איך אַרויס פון גלות, אַרויס פון דעם אַלעם... כ׳ווייס, אַז אַנדערע וועלן בלייבן, אָבער כ׳מיין אַז יעדער דאַרף מאַכן דעם חשבון פאַר זיך. איך האָב אים שוין געמאַכט. איך קאָן נישט מער. איך וויל אַוועק. איך האָב מיט גאָלדן זיך געטראָפן סך־הכל עטלעכע מאָל און איך האָב שטענדיק געהאַט דעם איינדרוק, אַז אומזיכערקייט און שרעק טרייבן אים אָן אויפהער. ער איז מיר פאָרגעקומען טראַגיש און לעכערלעך צו־גלייך, מיט זיין שרעק און מיט זיינע אומנאַטירלעכע באַמיאונגען אי־בערצוקומען און צו באַהאַלטן מיט טומל זיין אינערלעכע אומזיכערקייט. נאָר איצט ווייס איך, אַז ער, גאָלד, איז נישט איינער. אין יעדן פון אונדז שטעקט אַזאַ גאָלד, שטעקט די שרעק און די אומזיכערקייט. אויך איך בין אַזאַ גאָלד. איך האָב זיך בלויז דערפון קיין רעכענונג נישט אָפּגע־געבן. ערשט צוריקקומענדיק פון גאָלדס לוויה האָב איך אָנגעהויבן באַ־נעמען וואָס עס איז מיט מיר. וויל איך אַוועק פון דאַנען אין דעם לאַנד, וווּ איך וועל זיך פילן אינדערהיים, ווו איך וועל קאָנען לעבן אַזוי ווי מיר געפעלט און ווו איך וועל פטור ווערן פון דעם פּראָבלעם ייִד־גוי...

יאַנקל האָט זיך געריבן דעם שמאָלן שטערן. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען וואָס עס איז פּלוצלינג מיט דעם פיניען געשען. ער רעדט אַזוי ווי

ער שרייבט די בריוו צו די יעקישע קאַנצעלאַריעס, פון וועלכע ער, יאַנקל, קאָן איין וואָרט נישט פאַרשטיין. איז, מילא, מיט די יעקעס דאַרף מען מסתמא ריידן אויף אַזאַ לשון. אָבער פאַרוואָס רעדט ער צו אים, יאַנקלען, אַזעלכע מאָדנע רייד? און ווי קומט רפאל גאָלדס לוויה צו זיין שותפות מיט פיניען?

יאַנקלס אויגן האָבן געקוקט אומבאַהאָלפן אויף מאַניען און ביי איר געזוכט באַשייד.

דאָס מאָל האָט אָבער אויך מאַניע ווי פאַרלוירן דאָס לשון. אוודאי ווייסט זי גוט פון די אַלע ציוניסטישע דרשות. זי אַליין גייט אויך טייל־מאָל אויף די ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען און וואַרפט אַריין אַ פאָר גראָשן אין דער וויס־בלאָער פושקע. זי ווייסט אויך, אַז נאָך פאַר דער מלחמה זענען אַהין אַוועק, קיין פאַלעסטינע, יונגעלייט און עס טומלט זיך מיט זיי, אַז זיי פאַשען שאָף, ווי אין יעקב אבינוס צייטן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט באַגרייפן, אַז אירע פריינד זאָלן זיך פלוצלינג דיר־נישט, מיר־נישט, אויפהייבן און אַוועק אין לאַנד פון כנען. ניין! זי קאָן אויך נישט באַגרייפן וואָס עס איז מיטאַמאָל באַפאַלן דעם פיניע.

— מיינסט עס ערנסט, פיניע?

איר פראַקטישער חוש פון אַ סוחרישער יידישער טאָכטער האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז די אַלע רייד זענען אין דער אמתן נאָר ייִנגלשע חלו־מות און זי האָט צוגעגעבן:

— איבעריקנס, וואָס איז דערווייל דאָ צו ריידן. דערווייל איז דאָך מלחמה און מען קאָן נישט פאָרן קיין פאַלעסטינע.

— דערווייל קאָן מען טאַקע נישט פאָרן — האָט פיניע געזאָגט — האָט זיך דאָ אין גראַכאָוו געשאַפן אַ פאַרם, ווו מען גרייט זיך, מען לערנט זיך צו באַאַרבעטן די ערד, אומצוגיין מיט קי, נו, וועל איך פרווון ווערן אַ פויער...

— און איך אַ פויערטע! — האָט סאָניע איבערגעריסן איר ביז איצ־טיק שווייגן און אַרומגענומען פיניעס האַלדז.

קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

די יעקעס אַנטלויפן

מאַניע האָט זיך געקליבן צו זאָגן עפּעס שאַרפעס, די צוויי משוגעים וואָס האָבן נישט מער וואָס צו טאָן ווי צו פּאַשען יעקב אבינוס שאָף. פון דרויסן האָט זיך דורך דעם פענצטער דערטראָגן פון דער גאַס אַן אומגעוויינלעכער טומל.

— וואָס איז? — האָט מאַניע אַ פרעג געטאָן — איז היינט די גאַנ־צע שטאָט משוגע געוואָרן?

יאַנקל איז צו צום פענצטער:

— קומטץ נאָר, קומטץ, זעטץ וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס! — האָט ער אַ רוף געטאָן.

זיי האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט ביים פענצטער. די גאַס האָט פּלוצ־לינג באַקומען אַ ניי־מאָדנע פּנים. קליינע שקאָצימלעך זענען ווי מחבלים געלאָפן איבער דער גאַס און מיט ווילדע קולות אויסגעשריען:

— רעוואָלוציע אין בערלין!!!

— דער קאַיזער איז אַנטלאָפן!!!

— די דייטשע אַרמיי גיט זיך אונטער!!!

די גאַס איז געוואָרן פול מיט מענטשן. מען האָט פון די הענט פון די שקאָצימלעך געריסן די עקסטרא־אויסגאַבעס פון די צייטונגען. אַלע האָבן גענומען ריידן מיטאַמאָל. די טראַמוואַרן זענען געוואָרן צו ענג פאַר דעם אַלץ וואַקסנדיקן המון. איז דער עולם געבליבן שטיין אין מיטן גאַס און די טראַמווייען און פורן זענען געבליבן שטיין.

דער המון האָט זיך באַוועגט אַהין און צוריק ווי אין קאָנוולסיעס און עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט בלויז די מענטשן, נאָר די הייזער און די גאַסן שרייען:

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע! נידער מיטן קאַיזער! אַ טויט די שוואַבעס!!!

— קומט אַראָפּ אין גאַס, — האָט מאַניע געכאַפּט דעם פּאַלטאָ — קומט שנעל, איר זעט!...

אַ פיבער האָט אַלעמען באַהערשט. זיי זענען געלאָפן איבער די טרעפּ און יאַנקל האָט קוים געקאָנט נאָכיאָגן מאַניען.

סאַניע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פּיניעס אָרעם און זיי האָבן זיך געלאָזט טראָגן פון דער שפּאַרנדיקן המון, וואָס האָט געברויזט ווי אַ צעשטורעמטער ים.

— אויף דער תּליה דעם גענעראַל בעזעלער! אויף דער תּליה!...

דער המון האָט אַ דראָענדיקער, מיט אַ געברום, זיך געלאָזט צו דער קראָקעווער פּאָרשטאָט, צום קעניגלעכן פּאַלאַץ ביי דער ווייסל, וווּ גע־נעראַל בעזעלער האָט געהאַט זיין רעזידענץ.

מיטאַמאָל האָט דער המון זיך אַ פּאַליע געטאָן אויף צוריק.

— זעסט, פּיניע, זעסט...

— אָבער ווו איז מאַניע מיט יאַנקלען?

זיי זענען פּאַרלוירן געוואָרן צווישן דעם המון.

אין מיטן גאַס איז געשטאַנען אַ מיליטערישע קאַרעטע. אַ דייטשער זעלנער האָט מיט ביידע הענט שטאַרק געהאַלטן די לייצעס פון די צוויי פּערד. אין דער קאַרעטע זענען געזעסן צוויי יונגע אָפיצירן. זייערע פּנימער זענען געווען בלייך און פון זייערע מיילער האָבן זיך אַרויסגעריסן רופן צום זעלנער:

— אום גאָטעס ווילן, פּאָרן שנעל...

צוויי הויכע שקצים האָבן אָבער שוין געהאַלטן די פּערד ביי די מאָר־דעס און צום זעלנער באַפוילן:

— נו, קריך אַראָפּ, הינטישער זון...

דער זעלנער האָט גענומען קריכן פון דער קאַרעטע מיט צעשראָקע־נע אויגן.

אַנדערע יונגעץ האָבן אין ענגן קרייז אַרומגענומען די אָפיצירן:

— יאַזדאַ! אַראָפּ! גענוג געפּאָרן אין קאַרעטעס! — האָט דער המון געשריען.

אַ שייגעצל פון אַ יאָר פופצן, מיט אַ ווייס־רויטן אָרעמבאַנד אויפן אַרבל, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם טרעפּל פון דער קאַרעטע און מיט איין האַנט אַראָפּגעוואָרפן די היטלען פון די צוויי אָפיצירן:

— גיט אַהער די שווערדן און די רעוואָלווערן! — האָט ער באַפוילן.

ביי די אָפיצירן האָבן די הענט זיך געטרייסלט פאַר שרעק ווען זיי האָבן אָפּגעשפּיליעט די שווערדן.

—און איצט אַראָפּ! — האָט דאָס שייגעצל זיי אונטערגעשטופּט.

— הוראַ! הוראַ! — האָט דער המון געליאַרעמט — דערלאַנגט זיי איבערן קאָפּ, די חזירים!

האָבן קלעפּ געגומען פאַלן אויף די צוויי דייטשע אָפיצירן און באַ־גלייט זענען די קלעפּ געוואָרן מיט פריידיקע אויסגעשרייען:

— דערלאַנגט זיי געזונט, די בלוט־זייגערס!...

פּיניע האָט פעסט אַרומגענומען סאָניעס אָרעם. דער צעפּאַליעטער המון האָט זיי געטראָגן אין אַן אַנדער ריכטונג. זיי האָבן מער נישט געזען די צוויי אָפיצירן. אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך זענען געשטאַ־נען ביי אַ טויער און געשלעפּט אַ פּאַרשוין, וועלכער האָט מיט אַ וויי־נענדיק קול גערעדט אויף דייטש:

— איך בין קיין אָפיציר, הערן זי מאָל...

האָבן די מיידלעך גענומען זוכן אין זיינע טאַשן און אַרויסגעצויגן אַ פּאָר אָפיצירישע עפּאָלעטן און אַן אייזערנעם קרייץ.

— וואָס? נאַרן ווען טו אונדז, דו שוואַב איינער! — האָבן זיך שווע־רע פויסטן אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קאָפּ.

אין מיטן גאַס האָבן, אין געשלאָסענע רייען, גענומען מאַרשירן די אַרבעטער פון וואָליע מיט רויטע בלימעלעך אין די לאַצן און עס האָבן זיך געטראָגן אַנדערע אויסרופן:

— זאָל לעבן פּוילן!... זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

— זאָל לעבן אונדזער פירער און קאָמענדאַנט, יוזעף פּילסודסקי!...

מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן אין דער גאַס כאָפּטעס יונגעלייט מיט ווייס־רויטע אָרעמבענדער אויף די אַרבל. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט כלערליי כלי־זיינס. איינער האָט זיך אָנגעהאַנגען אַ לאַנגע דייטשע שווערד, אַ צווייטער האָט געטראָגן אין האַנט אַ רעוואָלווער, אַ דריטער האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען אַ ביקס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מ׳וועט זי ביי אים צונעמען. אַ פערטער האָט געטראָגן אַ האַק און אַלע האָבן זיי געשריען:

— צו די קאַזאַרמעס, אָביוואַטעלעס! צו די קאַזאַרמעס! טרייבן די שוואַבעס!...

באַלד איז אָנגעלאָפן אַ צווייטע גרופּע מיט צעשויבערטע קעפּ און הייזעריקע קולות האָבן גערופן:

— קיין מאַקאַטאָוו, חברים! קיין מאַקאַטאָוו, באַגריסן דעם קאָמענ־דאַנט!

און די גאַס האָט זיי אָפּגעענטפערט:

— זאָל לעבן דער קאָמענדאַנט! זאָל לעבן פּילסודסקי!

יידן און גויים האָבן אָנגעפילט די גאַסן. אויף אַלעמענס פּנימער איז געווען פרייַדיקע דערוואַרטונג. דאָס גרויסע נס איז געשען. די יעקעס, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי זענען די הערשער פון דער וועלט, אַנטלויפן ווי צעשראָקענע שטשורעס. דער קאַיזער זייערער איז אַנטלאָפן און פון זיינע אָפיצירן רייסן קליינע יינגלעך אַראָפּ די עפּאָלעטן, נעמען ביי זיי צו די שווערדן און גיבן זיי נאָך אַ קאָפּע אין הינטן.

די מענטשן האָבן זיך נאָך נישט געקאָנט גלייבן, אַז עס געשעט אויף אַן אמת. ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק האָבן די יעקעס נאָך גע־האַלטן אין שרעק די גאַנצע שטאָט און ווען זיי זענען געגאַנגען איבער דער גאַס, האָט מען זיך אָוועקגערוקט מיט אַ שרעק. איז וואָס איז דאָ פּלוצלינג געשען? און ווי אַזוי האָט פּלוצלינג אַזאַ אימה אַרומגענומען די דייטשע אָפיצירן, אַז זיי בעטן זיך רחמים ביי קליינע יינגלעך?

— רעוואָלוציע! — האָבן די מענטשן געשמייכלט איינער צום אַנ־דערן — די רעוואָלוציע האָט אונדז אַלעמען באַפרייט, די אויסגעטרוימ־טע, אויסגעבענקטע רעוואָלוציע פון די שוואַכע קעגן די שטאַרקע, פון די צדיקים קעגן די רשעים...

האָבן יידישע יינגלעך און מיידלעך מיטגעשריען:

— זאָל לעבן!

און זיי זענען געלאָפן צו די קאַזאַרמעס טרייבן די יעקישע סאָל־דאַטן און זיי האָבן זיך געריסן קיין מאַקאַטאָוו, צו באַגריסן דעם קאָמענ־דאַנט פּילסודסקי און זיינע לעגיאָנערן און זיי זענען גלאַט אַזוי געשטאַ־נען אין מיט גאַס און צוזאַמען מיטגעשריען:

— הוראַ!

סאָניע האָט נישט אָפּגעלאָזט פּיניעס אָרעם אוןביידע האָבן געהאַט צעפלאַמטע פּנימער.

מיטאַמאָל זענען זיי געבליבן שטיין. צו זייערע אויערן האָבן זיך דערטראָגן בייזע און וואָס אַמאָל שטאַרקערע אויסגעשרייען:

— נידער מיט די יידן!

— זשידי, דאָ פּאַלעסטיני!

— טויט די יידן, טויט!...

— וואָס? וואָס איז? — האָט זיך פון פּיניעס מויל אַרויסגעריסן.

— גאָרנישט — האָט אַן אַלטע גויע, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען, צופרידן אַ שמייכל געטאָן — ס׳איז אַזאַ יום־טוב, מען איז פּטור געוואָרן פון די שוואָבעס, מעגן זיך אונדזערע כלאָפּצעס אַ שפּיל טאָן מיט די זשידקעס...

— אַזאַ אַלטע מכשפה! — האָט פּיניע אויסגערופן.

די אַלטע גויע האָט געוואָלט עפּענען דאָס מויל, אָבער אין דעם מאָמענט האָט די כוואַליע פון המון זי אַוועקגעשטופּט ווייטער. זי האָט זיך געפּרוווט צוריקשטופּן צו פּיניען. איר אָנצייניק מויל האָט עפּעס געשריען. דער טומל איז אָבער געווען צו גרויס, אַז עס זאָל עמיצער הערן אירע רייד.

דערפאַר האָבן דעם טומל איבערגעשניטן אַנדערע אויסגעשרייען. אויסגעשרייען פון מענטשן, וואָס האָבן גערופן צו הילף, באַגלייט מיט אַ הירזשענדיקן געלעכטער.

— ראַטעוועט! — האָבן זיך געהערט פּרויען־שטימען מיט אַ יידישן אַקצענט.

— פּאָליציי, פּאָליציי! — האָבן צעשלאָגענע יידן זיך געפּרוווט אַרויסרייסן פון המון.

דאָ און דאָרט האָט זיך צעקלונגען אַ בראַזגעריי פון אויסגעהאַקטע שויבן. טויערן פון הייזער האָבן זיך פאַרהאַקט און די רופן „שלאָגט די יידן“, האָט אַרומגענומען די גאַס.

מען האָט פאַרגעסן אָן די דייטשן, מען האָט אויפגעהערט צו שרייען הוראַ לכבוד די לעגיאָנערן און זייער קאָמענדאַנט.

— זשידי, זשידי!!! — האָט זיך פון אַלע זייטן געטראָגן אַ בייזער געברום.

פּיניען האָט קיינער נישט געטשעפּעט. זיינע בלאָנדע האָר און בלאָע אויגן האָבן אים באַשיצט פון דעם צאָרן פון צעווילדעוועטן המון.

די דאָזיקע זיכערקייט, וואָס זיין בלאָנדער קאָפּ האָט אים געגעבן, האָט פּינען אָנגעפילט מיט חרפּה, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס, וואָס מען שלאָגט אים נישט, מאַכט אים פאַר אַ שותּף פון דעם צעוויל־

דערווטן המון. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן צו זיי, צו די געשלאָגענע יידן און צוזאַמען מיט זיי באַקומען קלעפּ...

מיט די עלנבויגנס האָט ער פאַר זיך און סאָניען געמאַכט אַ וועג צו דער קרולעווסקע גאַס. פון זאַקסישן גאָרטן האָבן זיך געטראָגן געשרייען פון געשלאָגענע יידן...

פיניע האָט זיך געוואָלט צורייסן צום גאָרטן־טויער.

— גאָט, וואָס טוט זיך דאָ! — האָט ער דערזען פאַר זיך סאָניעס בלייך געוואָרן פּנים.

— באַרואיק זיך, סאָניע — האָט פיניע זיך געכאַפּט, אַז ער טאָר סאָניען נישט מיטשלעפּן אין געפאַר. — מירן צו צום גזשיבאָוו...

זיי זענען געלאָפן צווישן די געדיכטע ליפּע־ביימער אַרום דעם טראָטואַר און ערשט לויפנדיק האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז צוזאַמען מיט זיי לויפן צענדליקער יידן, וואָס זענען אַרויס אין גאַס זיך פרייען מיט פוילנס באַפרייאונג און באַקומען קלעפּ און מעסערס.

ביי דעם שמאָלן סקווערל אויף גזשיבאָוו, האָט פיניע אָפּגעאָטעמט.

— מיר זענען צווישן יידן, סאָניע — האָט פיניע ס׳ערשטע מאָל דערפילט עפּעס אַ באַזונדער פרייד, קוקנדיק אויף די טונקעלע הייזער פון יידישן גזשיבאָוו.

אַ גרויסער עולם איז געשטאַנען אויף דער גאַס. אַלטע און יונגע יידן, מענער און פרויען, האָבן זיי באַקומען ווי איין פּנים און אין די אויגן איז געווען איין אויסדרוק פון טרויער און שלום־מאַכן מיטן גורל.

אַקעגנאיבער דעם אַריינגאַנג צו מאַרשאַלקאָווסקע זענען געשטאַנען די גזשיבאָווער טרעגער און באַלעגאָלעס. זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט דרענגער, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די פורן. צו זיי זענען צוגעקומען יונגעלייט אין סטודענטן־היטעלעך און אַנדערע אין אַרבעטער־בלוזעס.

פון זאַקסישן גאָרטן האָבן זיך געטראָגן אָפּקלאַנגען פון מענטשלעכע געשרייען.

די יונגעלייט אין די אַרבעטער־בלוזעס האָבן זיך געטאָן אַ רוק צו דער קרולעווסקע.

— וואָרטס, חברים!

פאַר זיי איז געשטאַנען יוסל בעטשקע, דער שענקער פון פאַרן איי־

זערנעם טויער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּעסל, רונדיק און קליין, פונ־דעסטוועגן האָבן אַלע שטאַרקע יונגען פון דער קראָכמאַלנע גאַס און אַלע גויישע שיכורים געוווסט, אַז צו כאַפּן אַ גלעט פון יוסל בעטשקע איז נישט קיין פאַרגעניגן.

יוסל בעטשקע האָט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די יונגעלייט אין די אַרבעטער־בלוזעס און סטודענטן־היטעלעך, און צו זיי געזאָגט:

— עטץ קענט דאָך מיך, יוסל בעטשקע, נו, עטץ ווייסט, אַז אין די קלייניע אותיותלעך בין יאָך אַ בלינדער, נאָר ווען עס קומט צו געבן קלעפּ די גויים, זאָלט עטץ מיך האָרכן.

און יוסל בעטשקע האָט גענומען קאָמאַנדעווען. ער האָט צעשטעלט דעם עולם אין די טויערן און צו די טרעגערס און באַלעגאָלעס האָט ער שטיל געזאָגט:

— גיטס אַכטונג אויף די קינדער — האָט ער ווונק געטאָן צו די יונגעלייטלעך — מ׳שטיינס געזאָגט, זיי ווייסן דען דעם טעם פון וואַל־קעס...

פּיניע איז געוואָרן אומרואיק. וואָס טוט מען דאָ מיט סאָניען? ער האָט געוווסט, אַז ער מוז זיך שטעלן אונטער יוסל בעטשקעס קאָמאַנדע, אָבער פריער דאַרף מען דאָך באַזאָרגן סאָניען אויף אַ זיכער אָרט.

— זעסט, זיי זענען דאָ! — האָט ער דערהערט לעבן זיך מאַניעס שטים.

מאַניע איז געשטאַנען מיט יאַנקלען, וועלכער האָט זיך ביי איר גע־בעטן:

— נו, לויף צו צו דער פאַנסקע גאַס, מאַניעלע, יאָך בעט דיך...

— משוגע מטורף, יאַנקל, וואָס? גייסט זיך שלאָגן? וואָס וועט מיין טאַטע, ר׳ לייבוש, זאָגן צו אַזאַ איידעם...

— כ׳מוז, מאַניעלע קרוין, וואָס הייסט מיינע חברים, די באַלעגאָ־לעס פון אַמאָל, וועלן דאָך מיינען, אַז כ׳שעם זיך, גיי, מאַניעלע, גיי און נעם מיט סאָניען, אמת פּיניע?

— יאָ, יאָ, — האָט פּיניע זיך דערפרייט — ביסט דאָך שוין לאַנג נישט געווען אויף דער פאַנסקע גאַס ביי ר׳ לייבושן...

ביידע מיידלעך האָבן אָבער נישט געוואָלט גיין אויף פאַנסקע גאַס.

— מילא, אַז איר ווילט זיך דווקא שלאָגן מיט די שקצים, ווען מיר שטיין און זען וואָס איר קאָנט — האָט מאַניע אָפּגעפּסקנט.

— זאָל זיין אַזוי. — האָט זיי יאַנקל אַריינגעפירט אין אַ טויער — נאָר געדענקט, נישט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ, און דו, פיניע, קום מיט מיר.

אַוועקגייענדיק, האָט ער צוגעוואָרפן סאָניען:

— זיי רואיק, סאָניע, זאָל נאָר עמיצער פּרוּוון אים אָנרירן!...

יאַנקל האָט צוגעפירט פיניען צו די באַלעגאָלעס.

— נו, חברה, מירן זיי דערלאַנגען, די ממזרים!

די באַלעגאָלעס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע פרייד פון דער באַגעגעניש. זאָל ער נישט מיינען, אַז מען וועט זיך צאַצקען מיט אַזאַ פּריץ.

יוסל בעטשקע האָט זיך אָבער מיט אים דערפרייט.

— ביסטו, יאַנקל, העי? עס ציט פאָרט צו אונדזער עולם, וואָס?

— אַוודאי ציט עס, יוסעלע, ווי דען...

— נו, חברה, אַז יאַנקל איז דאָ — האָט יוסל אויסגערופן — מעג יאָך זיין רואיק, יאָך געדענק אים פון די אַמאָליקע צייטן, ווען יאָך גיין אַ לויף צו צו די סטודענטלעך, זיי זענען דאָך נאָך קינדער...

אַוועקגייענדיק, האָט ער צוגעוואָרפן:

— און געדענקט, חברה, אַז מ׳וועט פאַרטיק ווערן, זאָל קיינער נישט פעלן ביי מיר אין שענק, מ׳וועט מאַכן דעם אמתן לחיים!...

— יאָך שטעל פאַר דעם גאַנצן עולם! — האָט יאַנקל אויסגערופן.

— דו זיי מיר נישט קיין שטעלער! — איז יוסל בעטשקע צו אים צוריקגעגאַנגען — זע ווי ער סטאַוויעט זיך מיט זיינע קלינגערס! גרויסן זיך קענסטו ביי דיינע גראַב־בייכיקע גבירים, אָבער נישט ביי מיר, יוסל בעטשקע. ווען יאָך רוף דעם עולם צו מיר, שטעל יאָך און אויב עס פּאַסט דיר נישט...

—נו, זיי נישט בייז, יוסל, יאָך וועל קומען, מיר זענען דאָך אַלטע גוטע ברידער...

— אַזוי רייד, יאַנקל, און געדענק, פאַרשעם נישט מיט דיינע ידיים אונדזער עולם!...

— זאָרג נישט, יוסל, זאָלן זיי נאָר אַריינפאַלן צו מיר...

יאַנקל האָט אַװעקגעװאָרפֿן אין טויער זײַן פּאַלטאָ און רעקל און איז געבליבן שטיין פֿאַרן טויער מיט פֿאַרשאַרצטע אַרבל.

ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און אַ זאָג געטאָן:

— חברה, זײַטץ גרייט! זיי גייען, די ממזרים!...

פֿונדערװײַטנס האָט זיך דערטראָגן דער אָפּקלאַנג פֿון אַ מאַרשירנ־דיקן המון און עס האָבן זיך געהערט געשרייען:

— נידער מיט די יידן! קיין פּאַלעסטינע, זשידקעס!!!

ביי דעם שמאָלן אויסגאַנג פֿון דער קרולעװסקע גאַס צום גזשיבאָ־װער פּלאַץ, איז געשטאַנען אַ קליינע גרופּע יידישע בחורים.

שטיינער זענען געפֿלויגן איבער די קעפּ פֿון די בחורים, װעלכע האָבן זיך אָבער נישט גערירט פֿון אָרט און געקוקט צום המון, װאָס איז אָנגעקומען פֿון קראָקעװער פּאָרשטאָט.

ערשט װען דער המון איז אָנגעקומען נאָענט, האָבן די בחורים, װי באַהערשט פֿון פּלוצלינגדיקער שרעק, גענומען זיך צעלויפֿן איבער טװאַר־דע און גראַניטשנע גאַסן.

— די זשידקעס אַנטלויפֿן! כאַ־כאַ־כאַ! — האָט דער המון זיי נאָכ־געשריען — כאַפּט זיי, די פּחדנים, הוראַ!...

די יונגעלייט האָבן נישט געענטפֿערט און זענען װײַטער געלאָפֿן. אַזוי האָט זיי יוסל בעטשקע אָנגעזאָגט:

— איר מאַכט אייך אַנטלויפֿן און זיי װעלן אייך נאָכיאָגן, װעל יאַך מיט דער חברה אַרויס פֿון די טויערן און מ׳װעט זיי גוט אָנלערנען, די ממזרים!...

מיט אַ געשריי פֿון זיגער איז אַ מחנה שקצים אַריין אויפֿן גזשי־באָװ. שטיינער האָבן גענומען פֿליען אין די פֿענצטער.

יוסל בעטשקע, פֿון איין זײַט, און יאַנקל פֿון דער אַנדערער, זענען אַרויס דעמאָלט פֿון די טויערן.

— דערלאַנגט, חברה! — האָט יוסל בעטשקע געשריען — זאָלן זיי אונדז האָבן צו געדענקען, די המנס!...

די טרעגער און באַלעגאָלעס פֿון גזשיבאָװ האָבן געװיזן װאָס זיי קענען. מיט שטעקנס און דרענגער האָבן זיי זיך געװאָרפֿן אויף די שקצים.

די גאַס איז געװאָרן פֿול מיט געשרייען און הילפֿס־רופֿן פֿון די, װאָס זענען ערשט מיט אַ מינוט פֿריער געװען די שלעגער.

סך־הכל האָט דאָס געשלעג געדויערט עטלעכע מינוט. דער המון שקצים איז זיך אין שרעק צעלאָפן און יוסל בעטשקע האָט זיי נאָכגע־שריגן:

— וואָן פון די יידישע גאַסן! וואָן!!!

פון יאַנקלס שניפּס, וואָס מאַניע האָט אים אַנומלט געקויפט, איז געבליבן קוים אַ זכר. דער שטערן איז אים געווען אָנגעשוואָלן פון אַ שטיין, וואָס ער האָט באַקומען. נאָר זיין פּנים האָט געשיינט, ווען ער האָט גערעדט צו פּיניען:

— העי! וואָס זאָגסטו צו אונדזער חברה דאָ אויפן גזשיבאָוו...

אין דעם מאָמענט האָט יאַנקל פאַרגעסן, אַז ער איז שוין זינט לאַנג אַוועק פון דער אָרעמער און שטענדיק פריילעכער חברה אויפן גזשיבאָוו. ער האָט זיך ווידער געפילט איינס מיט די באַלעגאָלעס און טרעגערס, און פּיניען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ, מיט זיינע אַמאָליקע חברים, פילט זיך יאַנקל אַמבעסטן.

יוסל בעטשקע האָט איבערגעלאָזט שומרים אויף אַלע עקן גאַסן און צו די איבעריקע געזאָגט:

— קומטץ, עולם, איצט צו מיר אין שענק, יאַך פונדעווע, זיי וועלן שוין נישט צוריקקומען, די עשיוס!...

— קוק אים נאָר אָן, סאָניע, קוק!... — סאָניע און מאַניע זענען געשטאַנען לעבן יאַנקלען און פּיניען און געקוקט אויף זייערע צעריסענע העמדער.

ביידע מיידלעך האָבן זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון לאַכן און מאַניע האָט גערעדט:

— קומטע אַרויף צו אונדז, אויף פּאַנסקע גאַס, די מאַמע וועט אייך געבן וואַסער זיך אַרומצעוואַשן און אפשר וועט מען נאָך קאָנען עפּעס מאַכן לייט פון די מלבושים. נו, נו, נאָר וואָס מיין טאַטע, ר׳ לייבוש, וועט זאָגן צו אַזעלכע שלעגערס, ווייס איך נישט...

יוסל בעטשקע איז צו זיי צוגעקומען. ער האָט אַ קרומען בליק גע־וואָרפן אויף די צוויי אויסגעפּוצטע מיידלעך און געזאָגט צו יאַנקלען:

— די חברה איז שוין אַוועק צו מיר, נעם אים מיט, דיין חבר — האָט ער אָנגעוויזן אויף פּיניען — ער האָט פאַרדינט היינט אַ גלעזל בראָנפן...

— און אונדז לאָדט איר נישט איין? — האָט מאַניע אָנגעװיזן אויף סאָניען.

— כ׳װייס, אַזעלכע שײנע פּאַניענקעס און מיר זענען פּראָסטע מענטשן...

— און מיר זענען פּראָסטע מײדלעך — האָט צוגעװאָרפן סאָניע.

— טאָ, קומטץ שנעל, דער עולם װאַרט!...

— זי, מאַניע, איז מײַן כּלה — האָט יאַנקל אָנגעװיזן אויף מאַניען

— און זי, סאָניע, איז זײַן, פּיניעס, מײדל...

— אַזאַ יאָר אויף מיר, װי עטץ האָט געװוּסט װאָס אויסצוקלײַבן — האָט יוסל בעטשקע געקלאַפּט יאַנקלען איבער דער פּלײצע און צוגעװוּנקען װוילעריש צו פּיניען. — נו, פּאַר אײַך, פּאַניענקעס, װעל יאַך געבן זיסן ליקער...

װען זײ זענען אַרײַן אין דער שענק, איז שוין דאָרט געװען דער גאַנצער עולם. אין דער שענק אָבער האָט געהערשט עפּעס אַ שװער, אָנגעצויגענע שטילקײט.

— װאָס איז מיט ענק, חברה! — האָט יוסל, שטײענדיק אויף דער שװעל, אַ געשרײ געטאָן — װאָס שטײט עטץ װי די גולמס! לעבעדיק זאָל זײַן!

די טרעגערס און באַלעגאָלעס האָבן אָבער נישט איבערגעריסן דאָס שװײַגן און בלויז מיט די אויגן צוגעװוּנקען צו אים, צו דער ריכטונג פון ברײטן בופעט.

יוסל בעטשקע האָט מיט שװערע טריט זיך געלאָזט גײן צום בופעט און מיט דער האַנט געגעבן אַ צײכן צו יאַנקלען און זײַן עולם צו גײן נאָך אים.

איבערגעבײגן איבערן בופעט איז געשטאַנען עפּעס אַ פּאַרשוין אין אַ מונדיר פון אַן אולאַנער אָפיציר.

יוסל בעטשקע האָט געזען בלויז די פּלײצע פון דעם אָפיציר און די לאַנגע שװערד, װאָס האָט זיך בײַ זײַן זײַט געבאָמבלט.

— װאָס װיל ער דאָ, דער ערל? — האָט יוסל געטראַכט — און אויב ער מײנט זיך צו טשעפּען...

אין דעם מאָמענט האָט דער אָפיציר, האַלטנדיק אַ גלאָז בראָנפן אין האַנט, זיך אויסגעדרײט:

— העי, יוסל!...

— פאניע... — האט יוסל נאך אלץ נישט דערקענט דעם פארשוין.

— וואס, דערקענסט מיך שוין נישט, יוסל?!

— וויעניאווע!...

ביידע האבן זיך ארומגעכאפט.

— ווייסט, יוסל, ערשט נארוואס אנגעקומען מיטן קאמענדאנט, האב איך נישט געקאנט אויסהאלטן און געקומען צולויפן צו דיר, כ׳זאג דיר, אזא גלעזל בראנפן ווי ביי דיר, איז נישטא. כ׳האב עס געזאגט דעם קאמענדאנט...

— האסט אים געקאנט מיטנעמען, דעם קאמענדאנט, וויעניאווע, נישקשה, ער האט אמאל ביי יוסלען נישט איין גלעזל געטרונקען...

— וואס רעדסטו, יוסל! ער וואלט פון מיר לעבעדיקע פאסן געשניטן, ווען ער ווייסט, אז איך זיץ דא ביי דיר און זשלאקע...

— וואס? עס שטייט אים שוין נישט אן יוסלס שענק? ער האט שוין פארגעסן ווי יאך האב אים באהאלטן פאר די זשאנדארמען? וואס?

— דער קאמענדאנט פארגעסט גארנישט — האט דער אפיציר מיט איין זופ אויסגעליידיקט דאס גלאז בראנפן — און דו, יוסל, זאלסט מיר נישט ריידן אויפן קאמענדאנט. מיינע בעסטע פריינד וועל איך געבן אין די ציין, ווען זיי וועלן וואגן צו ריידן קעגן קאמענדאנט...

— יוסל גיט כשר צוריק, וויעניאווע, מעגסטו אפילו זיך אויספוצן אין א מונדיר... דיינע לייט האבן איצט פון מיר באקומען גוט אנגעבראכן די ביינער און זיי וועלן שוין פארזאגן זייערע אייניקלעך נישט צוווארפן קיין שטיינער אין יידישע פענצטער — אזעלכע ממזרים!...

— האסט גוט געטאן, יוסל, דערלאנג זיי, די הינטישע זין, זיי זענען קעגן קאמענדאנט און זיי רופן אים זשידאווסקע קרול, אבער נישט געזארגט, דער קאמענדאנט וועט זיך מיט זיי אלע אן עצה געבן און ער וועט זיי רייבן א מארדע, די ענדעקעס! נו, יוסל, גיס כאטש אן נאך א גלעזל...

יוסל האט אנגעגאסן זיין גלאז און צו אים געזאגט:

— כ׳האב געמיינט, וויעניאווע, אז דו ביסט שוין אויך אזא איינער...

— איך?! איך אן ענדעק?! כ׳צערייס דיך אויף שטיקער, יוסל! נו, טא גיס שוין אן א דריטע כוסה...

יוסל האט אנגעגאסן פאר דעם גאנצן עולם און וויעניאווע, דער אר־

לאַנגען־אָפּיציר און פּילסודסקיס אַדיוטאַנט, האָט מיטגעטרונקען מיט די טרעגערס און באַלעגאַלעס און זיך געשווירן, אַז ער וועט צוזאַמען מיט זיי אַרויס אין גאַס שלאָגן די ענדעקעס און גלייכצייטיק הייס פאַרזיכערט סאָניען און מאַניען, אַז ער איז אין זיי ביידע פאַרליבט און ער איז אומ־גליקלעך, ווייל ער ווייסט נישט וועמען פון זיי ביידע אויסצוקלייבן.

— באַרואיקט אייך — האָט סאָניע געלאַכט — מיר האָבן שוין אויסגעקליבן אַנדערע — און געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף פּיניען.

— נו, אויב אַזוי, יוסל, אויב איך האָב שוין נישט קיין האָפענונג, טאָ גיס אָן אַ פרישׁ גלעזל...

ער האָט אויסגעטרונקען מיט איין זופּ דאָס גלאָז און געזאָגט:

— געַנוג! מער נעם איך נישט אַ טראָפּן אין מויל אַריין...

— יעדעס מאָל הער איך די זעלבע שבועה — האָט יוסל געלאַכט — און צומאָרגנס הייבט זיך ווידער אָן דאָס זעלבע...

— היינט איז אַנדערש, יוסל, היינט האָבן מיר אַ ניי פּוילן און דעם קאָמענדאַנט, נו, עולם, לאָמיר טרינקען לחיים לכבוד דעם קאָמענדאַנט. איין לחיים און געַנוג!

דער עולם האָט מיטגעטרונקען לחיים און וויעניאַווע האָט ווידער פאַרזיכערט, אַז דער קאָמענדאַנט וועט מער צו אַזעלכע זאַכן נישט דער־לאָזן און אַז פון היינט אָן וועט מען נישט וואַגן צו טשעפּען קיין ייד...

וויעניאַווע האָט אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפן בופעט און גע־זאָגט:

— נו, און איצט איז בראָנפן טריף, ווי ביי דיר, יוסל, חזיר. אַז כ׳זאָג טריף, איז טריף, און מיינט, נישט, אַז כ׳בין שיכור — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די מיידלעך.

— איר זענט שיכור. איך דאַרף נישט מיינען, מען זעט דאָך, פּאַניע וויעניאַווע...

— ניין, ניין, איר קענט נאָך נישט וויעניאַווען. יוסל קען מיך בעסער. ער, יוסל, ווייסט, אַז וויעניאַווע מעג טרינקען, ווייל ער ווייסט שטענדיק וואָס ער האָט צו טאָן. אָט האָט מיך דער קאָמענדאַנט געשיקט צו ברענגען צו אים דניאל עפּשטיינען, נו, מיינט איר, אַז כ׳וועל אים נישט ברענגען?! דו, יוסל, אפשר ווייסטו ווו אים צו זוכן, עפּשטיינען?

— ער טרינקט נישט ביי מיר דאָ — האָט יוסל געצויגן מיט די פלייצעס.

יאַנקל האָט אויפגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר עפּשטיינס אַדרעס.

— אַ שיינעם דאַנק, פּאַניע... העי, יוסל, פאַרוואָס האָסטו מיר נישט פאָרגעשטעלט דיין פריינט, האַ? ווי זאָגסטו, פאַן האַרט? זייער אנגענעם. מיין נאָמען איז וויעניאַווע, איך בין אַן אולאַנער, און אויסער שיינע מיידלעך, אַ גלעזל בראָנפן און דעם קאָמענדאַנט, האָב איך אַלץ אין דער ערד. נו, יאָ, דאַרף מען, הייסט עס, גיין צו עפּשטיינען. וועל איך אים כאָטש טרעפן אין שטוב, פּאַניע האַרט?

— כ׳ווייס נישט. — האָט יאַנקל געענטפערט.

— נו, פאַרפאַלן, וועל איך אים זוכן ערגעץ אַנדערש, אָבער ברענגען צום קאָמענדאַנט וועל איך אים. און דער עפּשטיין, זייט וויסן, איז אַ יאָט, ווי עס דאַרף צו זיין. דער קאָמענדאַנט זאָגט, אַז ער איז אַ האַרטע נוס. אָבער נישקשה, דער קאָמענדאַנט וועט אים שוין איינבייסן... נו, וויפיל צאָל איך, יוסל?

— היינט איז אַלץ אויף מיין חשבון...

— יוסל, ביסט אַ גוטער ברודער, אַלץ פאַרן קאָמענדאַנט...

— נישט פאַרן קאָמענדאַנט — האָט יוסל זיך אָפּגערופן — נאָר פאַר די קלעפּ, וואָס מיר האָבן היינט דערלאַנגט די סטודענטלעך...

— האָסט זיי דערלאַנגט געזונט, יוסל?

— קאָנסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן...

— נו, יאָ, יוסל, ביסט אַ חברהמאַן, קאָנסט טרינקען און געבן קלעפּ און כ׳וועל דיך דערמאָנען היינט פאַרן קאָמענדאַנט און איצט, ווו זוכט מען דעם עפּשטייגען...

— עס איז דאָ נישט ווייט פון דער גמינע. ער מוז דאָרט איצט זיין — האָט זיך אָפּגערופן פיניע.

— יאָ, יאָ, — האָבן צוגעשטימט די טרעגערס — אַלע דאָזאָרעס זענען אַוועק אין גמינע. כ׳האָב געזען גיין ר׳ לוין...

וויעניאַווע האָט זיך גלייך געמאַכט דעם מונדיר, האָט בעסער פאַרשפיליעט די שווערד צו זיין זייט, האָט עלעגאַנט זיך פאַרנייגט פאַר די צוויי מיידלעך, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צום עולם, האָט נאָכאַמאָל

אַ קלאַפּ געטאָן יוסלען איבער דער פּלייצע און מיט פעסטע, זיכערע טריט זיך געלאָזט צו דער טיר.

— ער גייט, ווי ער וואָלט נישט זיין שיכור — האָט סאָניע נישט געקאָנט באַהאַלטן איר באַוווּנדערונג.

— וויעניאַווע איז קיינמאָל נישט שיכור — האָט יוסל בעטשקע געזאָגט מיט שטאָלץ — יאָך ווייס עס, מירן צוזאַמען שוין גענוג אויס־געזשלאָקעט...

— ווייסט כאָטש, סאָניע — האָט מאַניע זיך אָפּגערופן — אַז דו האָסט געטרונקען לחיים מיטן עלעגאַנטסטן קאַוואַליר פון וואַרשע, פון וועלכן אַלע מיידלעך טרוימען...

— און ער, פון וועמען טרוימט?

— אָ, ער האָט יעדן טאָג אַן אַנדער פרוי, היינט איז זיין טרוים דער קאָמענדאַנט, ווי ער רופט פּילסודסקין, אָבער גענוג וועגן טרוימען, צייט אַהיימצוגיין. אַ שיינעם דאַנק, פאַניע יוסל, עס איז געווען זייער אנגענעם ביי אייך...

יוסל האָט די מיידלעך מיט זייערע קאַוואַלירן באַגלייט ביז צו דעם אַרויסגאַנג און געזאָגט צו יאַנקלען שטיל:

— נעם זיי אַהיים, די פּאַניענקעס. אין אַזאַ צייט איז בעסער צו זיין אין שטוב.

קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

דער אַלטער פאַן מיכאַל ווײַנט

יאַנקל האָט געוווּסט, אַז יוסל גיט אים די ריכטיקע עצה. ער האָט אויך געוווּסט, אַז ר׳ לייבוש, פון דער פאַנסקע גאַס, וועלכער וואַרפט אויף אים, יאַנקלען, אָן שטענדיק עפּעס אַזאַ שרעק, דרייט זיך אין שטוב אַן אומרואיקער אַרויף און אַראָפּ, וואָס זיין מאַניע איז נישט אין שטוב. האָט ער, יאַנקל, געוואָלט גלייך פון דער גזשיבאָווסקע גאַס פּאַרקי־רעווען אין דער שמאָלער, שוואַך באַלויכטענער טשעפּלע געסל צו דעם הויז פון מאַניעס עלטערן.

אין דער דאָזיקער קילער נאַכט פון שפּעטן האַרבסט, האָבן אָבער פיל מענטשן נישט געקאָנט טאָן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

ביים עק טשעפּלע געסל איז אויף זיי אַרויפגעפאַלן דער שוואַרצער לייבל, פון דעם אַרבעטער־הויז אויף קאַרמעליצקע גאַס.

יאַנקל האָט דעם שוואַרצן לייבל נישט געקענט. פּיניע אָבער האָט זיין פּאַרטיי־חבר גלייך דערקענט.

— וואָס איז, לייבל? — האָט פּיניע געקוקט דערשטויגנט אויף לייבלס צעשוידערטן קאָפּ האָר.

— אָ, גוט וואָס כ'האָב דיך געטראָפן, פּיניע — האָט דער שוואַרצער לייבל זיך דערפרייט — כ'ווייס נישט וואָס מען טוט.

דער שוואַרצער לייבל האָט אַ קוק געטאָן פרעגנדיק אויף פּיניעס באַגלייטער, נאָר פּיניע האָט אים באַרואיקט:

— קאָנסט ריידן, לייבל, עס זענען מיינע פריינד.

לייבל האָט גערעדט האַסטיק און צעטומלט. ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע אומגעריכטע ידיעות וועגן דער רעוואָלוציע אין בערלין, האָבן אָנגעהייבן אָנקומען חברים פון דער שטאָט. עס איז געווען אַזאַ פרייד, אַזאַ גרויסע אומגעריכטע פרייד. באַלד זענען געקומען אָנצולויפן אַנדערע חברים, אַז מען שלאָגט אין גאַס יידן. האָט דער עולם געוואָלט אַרויס אין גאַס, נאָר איידער מען האָט באַוויזן אַרויסצוגיין, איז דאָס הויז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ באַנדע פּאַרשוינען, האַלב־מיליטעריש געקליידט. מיט רעוואָלווערן אין די הענט זענען זיי צו אונדז אַריינגעלאָפן און געשריען:

— מירן אייך אַלע אויסשיסן, זשידעס! קאָמוניסטן...

מיר האָבן דערקענט צווישן די אָנפאַלער מענטשן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אונדז מאַרשירט מיט רויטע פענער דעם ערשטן מאַי. עס האָט געקאָנט קומען צו אַ בלוט־פאַרגיסונג, האָב איך אָנגעהויבן בעטן:

— חברים, באַרואיקט אייך, עס איז אַ מיספאַרשטענדעניש, מען וועט עס אויפקלערן...

עס האָבן אָבער נישט געהאָלפן אונדזערע אויפקלערונגען. דער עלטסטער פון דער באַנדע האָט געפּאַכעט מיט אַ רעוואָלווער און מיט עפּעס אַ ווייס־פּאַפּיר און געשריען:

— איך בין דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע. איך האָב באַקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַלע קאָמוניסטן. ווער עס וועט זיך אַקעגנשטעלן, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט...

מיר האָבן געגעבן אַ באַפעל נישט אַקעגנצושטעלן זיך און די חברים האָבן מיך דורך אַ הינטער־טיר אַוועקגעשיקט אין שטאָט אויפצוקלערן דאָס מיספאַרשטענדעניש. איבער צוויי הונדערט חברים האָבן זיי מיטגע־נומען און זיי האָבן אויך געדראָט צו דערשיסן נאָך היינט ביינאַכט אַלע. זיי זענען געווען שיכור פון בראָנפן און פון זיג און, ווער ווייסט, וואָס זיי קאָנען אָפטאָן...

— איך לויף שוין איבער אַ שעה אַרום איבער דער שטאָט און כ׳קאָן קיינעם נישט געפינען — האָט דער שוואַרצער לייבל פאַרענדיקט — יעדע פאַרשפעטיקטע מינוט קאָן ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפע.

פיניע האָט, אַן אומבאַהאָלפענער, געשוויגן. יאָרן האָט מען דאָרט, אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, געוואַרט אויף דער נאַכט פון באַפרייאונג, איז ווער האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז גראָד אין דער נאַכט וועט מען באַפאַלן דאָס הויז אויף קאַרמעליצקע גאַס?...

— איך מיין, אַז מען דאַרף צולויפן צו דער גמינע — האָט מאַגיע זיך אָפגערופן — וויעניאַווע איז דאָך נאַרוואָס אַוועק אַהין און טאָמער וועט מען דאָרט טרעפן עפשטיינען.

דער שוואַרצער לייבל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס אומבא־קאַנטע מיידל רעדט, נאָר פיניע האָט נישט געהאַט קיין צייט אים אויפ־צוקלערן און בלויז האַסטיק אַ זאָג געטאָן:

— האַסט רעכט, קום, לייבל, מען טאָר נישט פאַרשפעטיקן...

יאַנקל האָט גענומעןביידע מיידלעך אונטערן אָרעם און איז מיט שנעלע טריט נאָכגעגאַנגען פיניען און דעם שוואַרצן לייבל.

זיי זענען האַלב געלאָפן איבער דער גאַס צו דעם רויטן ציגל־הויז פון דער גמינע. קיינער האָט אויף זייער לויפן זיך נישט אומגעקוקט אין דער דאָזיקער נאַכט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע שטאָט לויפט אַרום משוגע...

דער אַלטער גמינע־וועכטער אין בלאָען מונדיר מיט מעשענע קנעפּ האָט אַפילו נישט געפרווט פאַרהאַלטן די דריי יונגען מיט די צעכראַס־טעטע העמדער, מיט די צוויי פאַניענקעס, וואָס זענען חוצפּהדיק געלאָפן איבער די ברייטע מאַרמאָר־טרעפּ פון ציגל־רויטן גמינע־הויז.

ער איז געשטאַנען ביי דער טיר, דער אַלטער שומר וואַלענטי, און בלויז צו זיך געמורמלט:

— מיין גאָט, מיין גאָט...

דער אַלטער וואַלענטי האָט זיך פרום געצלמט און האָט טיף גע־גלייבט, אַז די וועלט גייט אונטער. פערציק יאָר שטייט ער שוין ביי דער גמינע־טיר, דער אַלטער וואַלענטי, אָבער אַזעלכעס האָבן זיינע אויגן נאָך נישט געזען.

און אין פלוג האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָג איז פונקט ווי אַ טראָפּן וואַסער ענלעך צו אַלע אַנדערע טעג פון יאָר. די באַאַמטע זענען געקומען צו דער אַרבעט, ווי יעדן טאָג. אין די פּאַרמיטיק־שעהן האָט גע־קאָכט אין הויז ווי אין אַ קעסל, ווי יעדן טאָג. פיר אַזייגער האָט דער עולם זיך גענומען צעגיין. דער קעסל האָט זיך איינגעשטילט, ווי יעדן טאָג. די ערשטע זענען, ווי יעדן טאָג, אַוועק די דאָזאָרעס און פאַר יעדן פון זיי האָט דער אַלטער וואַלענטי זיך פאַרנייגט מיט גרויס דרך־ארץ און געזאָגט:

— מאָיע אושאַנאָוואַניע (מיין אַכטונג).

נאָכדעם זענען אַוועק די באַאַמטע און זיי האָבן זיך, ווי יעדן טאָג, געשמייכלט צום אַלטן וואַלענטי און אים געפרעגט וואָס ער מאַכט אין געזונט.

דערנאָך איז ער, וואַלענטי, ווי יעדן טאָג, צו אויף די שפּיץ־פינגער צו דער טיר, היגטער וועלכער עס איז געזעסן, שוין העכער פערציק יאָר, דער אַלטער פּרעזעס, דער פּאַן מיכאַל.

וואַלענטי האָט הינטער דער טיר אָפּגעהוסט. ער האָט געוווּסט, אַז דער פּאַן פּרעזעס דערהערט שוין זיין הוסטל. ערשט דעמאָלט האָט ער לייכט געעפנט די טיר און שטייענדיק אויף דער שוועל, געפרעגט:

— זאָל איך דערלאַנגען דעם פּאַלטאָ דעם פּאַן פּרעזעס...

— נאָך נישט, מיין וואַלענטי.

און דעמאָלט האָבן ביידע אַלטע לייט צו זיך אַ שמייכל געטאָן און וואַלענטין האָט זיך געדאַכט, אַז מיטן שמייכל זאָגט אים דער פּאַן פּרע־זעס מער און וויכטיקערס ווי ער רעדט צו די אַלע פּאַנעס, וואָס טומלען דאָ אַ גאַנצן טאָג.

האָט וואַלענטי צוריק שטיל פאַרמאַכט די טיר און געוואַרט אויף דעם קלונג פון פּאַן פּרעזעס.

אַזוי געשעט יעדן טאָג און אַזוי איז אויך היינט געווען.

ערשט שפּעטער האָט זיך אָנגעהייבן דאָס משוגעת. ער, דער אַלטער וואַלענטי, האָט זיך צוגעזעצט אויף דער שמאָלער שטול פאַר דער טיר און אַ ווייל האָט ער אַפילו געכאַפּט אַ דרימל. מאלע, וואָס זאָל מען טאָן, אַז מען איז אויף דער עלטער און די אויגן פאַלן אַליין צו. אַ טומל האָט אָבער געמאַכט אויפרייסן זיינע אַלטע אויגן. עפּעס האָבן מענטשן אויף דער גאַס געליאַרעמט און געשריען און זענען געלאָפן אַהין און צוריק און יינגלעך זענען געלאָפן איבער דער גאַס מיט צייטונגען, וואָס אַלע האָבן געכאַפּט זיי פון די הענט.

דער אַלטער וואַלענטי האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער טי־פער קעשענע פון בלאָען מונדיר, האָט אַרויסגעקראַצט אַ זעקסער און געקויפט אַ צייטונג.

ער האָט בנעימותדיק אָנגעטאָן די בריל, וואָס דער פאַן פּרעזעס האָט אים מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק געקויפט, האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ־געלאָזט אויף דער שטול און גענומען פאַנאַנדערוויקלען דאָס בלאַט. די גרויסע פעטע בוכשטאַבן האָבן אים צעטומלט. וואָס? די שוואַבעס, די דייטשן, האָבן פאַרטריבן זייער אייגענעם קאַיזער? הע, הע, הע, אַ וועלט אַזאַ. קיסרים זענען שוין נישט זיכער מיטן לעבן. אים, וואַלענטין, איז שוין בעסער. ער האָט שוין געוואָלט איבערמישן דעם בלאַט, צו לייענען די מעשה מיט דער אָרעמער געפאַנגענער פּרינצעסין, וואָס ציט זיך באַלד אַ יאָר און מ׳ווייסט נאָך אַלץ נישט וואָס עס איז מיט דער פּרינ־צעסין געוואָרן. נאָר דאָ איז זיין בליק געפאַלן אויף אַנדערע שרייעוו־דיקע בוכשטאַבן. אונדזערע כלאָפּצעס טרייבן די דייטשע אָפיצירן, נעמען ביי זיי צו די שווערדן און עפּעס אַ פּילסודסקי איז געקומען און ער וויל מאַכן אַ ניי פּויליש קעניגרייך.

— אַ פּרישע פּאָווסטאַניע? — האָט דער אַלטער אין שרעק זיך איבערגעצלמט און אַ טראַכט געטאָן, אַז וועגן אַזאַ זאַך דאַרף מען גלייך מעלדן דעם פּאַן פּרעזעס.

האָט ער זיך שווער אויפגעשטעלט פון דער שטול און מיט דער צײַ־טונג אין דער האַנט צוגעטאָפּטשעט צו דער פאַרמאַכטער טיר. ער האָט ווידעראַמאָל אָפּגעהוסט און צום צווייטן מאָל געעפנט די טיר.

דער אַלטער פּאַן מיכאַל האָט געוואָרפן אַ פאַרוווּנדערטן בליק אויף זיין אַלטן דינער. וואָס איז געשען מיט וואַלענטין? צי האָט ער פאַרגעסן,

אַז ער דאַרף וואַרטן אויף דעם קלונג פון דעם זילבערנעם טיש־גלעקל, וואָס שטייט אויף אַ בערגל גמינע־פּאַפּירן?

דער אַלטער שומר האָט מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל דערלאַנגט דעם פּאַן פּרעזעס די עקסטרא־אויסגאַבע פון דער צייטונג.

דער פּאַן מיכאַל האָט זיך אַ ווייל איבערגעבייגן איבער דער צייטונג. באַלד האָט ער זיך אויסגעגלייכט. און דעמאָלט האָט וואַלענטי געזען טרערן זיך קייקלען איבער דעם פּנים פון פּאַן פּרעזעס.

דער אַלטער וואַלענטי איז געבליבן שטיין פאַרשטיינערט. דער אַל־טער פּאַן פּרעזעס זאָל וויינען?!

אָבער נאָך מער דערשטוינט איז ער געוואָרן פון דעם פּאַן פּרעזעס רייד:

— געלויבט צו גאָט — האָט דער פּאַן מיכאַל געזאָגט — וואָס מירביידע האָבן דערלעבט דעם טאָג פון פּוילנס תחית־המתים...

און ער האָט זיך גאָרנישט געשעמט, דער פּאַן מיכאַל, מיט די טרערן וואָס האָבן אים געשטיקט אין האַלדז.

וואַלענטי האָט געוואָלט זיך שטיל אַרויסרוקן פון צימער.

— וואַרט, וואַלענטי, — האָט אים דער פּאַן מיכאַל צוריקגערופן — ווו ביסטו געווען אין דער פּאָווסטאַניע?

— אין גריצע, פּאַניע פּרעזעסיע, אין גריצער וואַלד זענען מיר גע־לעגן פאַרשטעקט...

— און איך, וואַלענטי, בין געווען אין וואַרקער וואַלד, האַ, האַ, אַ שטיקל צייט אָפּגעלאָפן... און מיר דאַכט זיך, אַז עס איז ערשט נעכטן געווען.

דער פּאַן מיכאַל האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, וואַלענטין. און ער, וואַלענטי, האָט אים געמוזט דערציילן וואָס עס איז געשען דאָרט, אין דעם גריצער וואַלד.

ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די מעשה, דער אַלטער וואַלענטי. מערי, דעם פּאַן מיכאַלס טאָכטער, איז אַריינגעפאַלן מיט אימ־פּעט אין צימער און וואַלענטי האָט דערפילט דעם ריח פון אירע שטאַרקע פּאַרפיומען.

— טאַטוש! — האָט מערי אויסגערופן — קום אַהיים! עס איז שוין שפּעט.

דער אַלטער וואַלענטי האָט געזען ווי אַ כמאַרע איז דורכגעלאָפן איבערן פּנים פון פּאַן פּרעזעס. זינט זי, מערי, איז געגאַנגען אין קאַש־טשאַל, צו דער חופּה מיטן פּאַן וואַצעק, ווייסט וואַלענטי, איז עפּעס גע־שען צווישן דעם פֿאָטער און זײַן טאָכטער. אַמאָל האָט דער פּאַן פּרעזעס געשמייכלט, ווען ער האָט דערזען זײַן שיינע טאָכטער. נאָר זינט די מעשה מיטן קאַשטשאַל, איז ער פֿאַרכמורעט, דער פּאַן פּרעזעס. ער, וואַ־לענטי, פֿאַרשטייט און פֿילט מיט זײַן באַלעבאָס. ער, וואַלענטי אַליין, גייט יעדן טאָג אין קאַשטשאַל, פֿונדעסטוועגן פֿאַרשטייט ער, אַז די טאָכ־טער פֿון פּאַן פּרעזעס האָט אַהין נישט געדאַרפֿט גיין. יעדער דאַרף וויסן זײַן אָרט. אַ שאָד, וואָס אַזאַ פּאַני פֿאַרשטייט נישט...

— וואַלענטי! דערלאַנגט דעם פּאַן פּרעזעס דעם פּאַלטאָ — האָט מערי באַפֿוילן.

— מען דאַרף נישט! — האָט דער פּאַן מיכאַל אים צוריקגעהאַלטן — איך האָב דאָ נאָך אַרבעט.

— אָבער, טאַטוש, די אַרבעט וועט נישט אַנטלויפֿן. אינדרויסן איז נישט רויִק. וואַצעק האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז נישט גוט צו זײַן אין גאַס...

— נישט רויִק? וואָס איז? — האָט דער פּאַן מיכאַל געפֿרעגט.

— כ'ווייס — האָט מערי דערפֿילט אַ רויטקייט אַרויסשלאָגן אויף איר פּנים — כוליגאַנעס שלאָגן...

— כוליגאַנעס? וועמען שלאָגט מען? — האָט דער פּאַן מיכאַל גע־קוקט שטרענג אויף זײַן טאָכטער.

— ייִדן! — האָט מערי שטיל, קוים הערבאַר, אַרויסגערעדט.

— ייִדן שלאָגן זיי? אין דעם טאָג פֿון פּוילנס תּחית המתים?

— וואַצעק זאָגט, אַז עס איז אַ מינוט פֿון פֿאַרבלענדעניש...

— וואַצעק זאָגט! — דער פּאַן מיכאַל האָט מיט ביידע הענט זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים און דעם אַלטן וואַלענטין האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מאָל וויל דער פּאַן פּרעזעס באַהאַלטן זיך מיט זײַנע טרערן.

— טאַטוש! — האָט מערי גערעדט שטיל — לאָמיר גיין אַהיים, מ'זאָגט, אַז זיי וועלן באַפֿאַלן די גמינע...

דער פּאַן מיכאַל האָט אַוועקגענומען די הענט פֿון פּנים.

— גיי אַהיים, מערי — האָט ער געזאָגט — אויב זיי ווילן באַפאַלן די גמינגע, איז מיין אָרט דאָ.

— אָבער טאַטוש, איינער אַליין...

— הער, מערי, דו ווייסט זייער גוט, אַז דיין טאַטע אַנטלויפט נישט פון אַ טרינקנדיקער שיף.

מערי האָט אויסגעטאָן איר פאַלטאָ.

— גוט, — האָט זי געזאָגט — וועלן מיר דאָ איבערוואַרטן.

— דו, מערי, גיי אַהיים!

— איך קאָן דיך, פאָטער, נישט איבערלאָזן אַליין...

— דו באַלאַנגסט נישט דאָ, מערי, און דאַרפסט גיין — איז דער אַלטער פאַן מיכאַל געוועזן האַרט.

— טרייבסט מיך אַוועק, פאָטער?

— דו האָסט זיך אַליין אַוועקגעטריבן, מערי.

— מוז איך גיין, פאָטער?

— יאָ, מיין קינד, — איז דעם אַלטנס שטים געוועזן געבראָכן.

מערי איז מיט אַ געבייגענעם קאָפּ אַרויס פון צימער.

און דעמאָלט האָט דער אַלטער וואַלענטי געזען ווי אַ גרויסע טרער האָט לאַנגזאַם זיך געקייקלט איבערן פּנים פון פאַן פּרעזעס.

— וואַלענטי! — האָט דער פאַן מיכאַל צו אים געזאָגט — עס איז שוין שפּעט, איך וועל היינט בלייבן לענגער, קענסט שוין גיין אַהיים.

און דעמאָלט האָט דער אַלטער וואַלענטי געטאָן אַ זאָך, וואָס ער האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געטאָן: ער האָט נישט אויסגעפירט דעם באַפעל פון פאַן פּרעזעס. ער איז נישט אַוועק אַהיים. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, וואָס האָט געפירט צו די ברייטע מאַרמאָר־טרעפּ און האָט מיט טרויעריקע אויגן געקוקט אַרום זיך.

פּאַרסאָפּעטע האָבן מענטשן מיט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פּנימער גענומען לויפן איבער די ברייטע טרעפּ, זיי האָבן זיך אויף אים, וואַלענ־טין, נישט אומגעקוקט און זענען גלייך אַריין צו דעם פאַן פּרעזעס.

אויך די יונגעלייט מיט די צעכראַסטעטע העמדער און די צוויי מייד־לעך האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, ווו וואַלענטי איז גע־שטאַנען.

— אין דעם גרויסן האָל איז געווען פּוסט און פּאַרטונקלט, נאָר פון איין צימער האָבן זיך געטראָגן אָפּקלאַנגען פון שטימען.

יאַנקל האָט געעפנט די טיר, אַ סנאָפּ ליכט האָט אים אַ ווײַל אַ בלענד געטאָן די אויגן.

— וואָס איז? — האָט דער אַלטער פאַן מיכאַל זיך געלאָזט צו דער טיר.

דניאל עפּשטיין האָט דערקענט יאַנקלען און פּיניען.

— קומט אַרײַן — האָט ער זיי געזאָגט און ווענדנדיק זיך צום פאַן מיכאַל, צוגעגעבן — עס זענען היימישע מענטשן.

— וואָס איז געשען? — האָט עפּשטיין געקוקט אויף די צעריסענע רעקלעך פון די יונגעלײַט.

— מיר האָבן זיי אָנגעריבן אַ מאָרדע! — האָט יאַנקל אַ זאָג געטאָן.

— אָבער דאָס איז נישט וויכטיק — האָט אים פּיניע איבערגעריסן און אָנווײַזנדיק אויף לײַבלען, געזאָגט — אַ באַנדע איז באַפאַלן דאָס אַרבעטער־הויז אויף קאַרמעליצקע. זיי רופן זיך פּוילישע זשאַנדאַרמען, זיי האָבן אַרעסטירט עטלעכע הונדערט יידן און האָבן געדראָט אַלע צו דערשיסן.

— איר הערט, וויעניאַווע, — האָט עפּשטיין זיך אויסגעדרייט צום אָפיציר — איר הערט?!

— איז עמיצער דערביי געווען? — האָט דער אָפיציר געפרעגט — עס איז דאָך אומגלויבלעך.

— איך בין דאָרט געווען! — האָט לײַבל זיך אַרויסגערוקט — איך...

— איר ווייסט דאָך, מײַנע הערן, אין די ערשטע שעהן פון צעטומלעניש — האָט וויעניאַווע גערעדט, ווי פאַרענטפערנדיק זיך.

— אָבער דערווײַל, ווער ווייסט וואָס עס קאָן געשען מיט די אַרעסטירטע — האָט אַ זאָג געטאָן עפּשטיין — שפּעטער וועט מען זיך פאַרענטפערן, אַז מען איז געווען צעטומלט.

— קומט צום קאָמענדאַנט, אינדרויסן וואַרט מײַן אויטאָ, קומט שוין און נעמט זיי מיט, זאָל דער קאָמענדאַנט הערן וואָס עס טוט זיך.

— און איר גאַראַנטירט מיר פאַר זיי? — האָט עפּשטיין געפרעגט.

— מיט מײַן קאָפּ! — האָט וויעניאַווע געזאָגט.

עס איז געווען ענג אין מיליטערישן אויטאָ, וועלכער איז געלאָפן איבער די אויסגעליידיקטע אין שרעק פאַרטאַיעטע גאַסן.

— איר קענט זיי? — האָט דער פאַן מיכאַל זיך צוגעבייגן צו עפּשטיינען.

— זיי זענען מיינע פריינד — האָט עפּשטיין שטיל געענטפערט — נאָר איינעם — האָט ער אָנגעוויזן אויף לייבלען — קען איך נישט פערזענלעך, אָבער כ׳ווייס ווער ער איז. ער געהער צו די יונגעלייט, וואָס ווילן איינאָרדענען די פאָרם אין גראַכאָוו. איך האָב מיט אייך גערעדט, אַז מען דאַרף זיי העלפן, נאָר איר האָט מיר געענטפערט, אַז די גמינע האָט נישט קיין געלט פאַר פּאַלעסטינע.

— יאָ, אַזוי האָב איך געזאָגט, פּאַניע עפּשטיין, נאָר דאָס איז געווען נעכטן. איצט מיין איך, אַז די גמינע וועט מוזן האָבן געלט און דערווייל וועל איך פון מיין גוט זיי שיקן אַלץ וואָס זיי דאַרפן. זאָלן זיי מיר צושטעלן אַ רשימה וואָס מען דאַרף.

— איך וועל אייך מאָרגן צושטעלן אַזאַ רשימה, פּאַניע פּרעזעסיע.

— האָט עפּשטיין אַ שמייכל געטאָן — נאָר דערווייל, זאָל מען באַפרייען די אַרעסטירטע.

דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן אין אַ שמאָל געסל, וואָס איז געווען פול מיט יונגוואַרג, מיט ביקסן אין די הענט.

וויעניאַווע איז אַרויס דער ערשטער פון אויטאָ און געהאָלפן דעם פאַן מיכאַל אויסשטייגן.

אַ גרופּע יונגע שקצים, האַלב מיליטעריש געקליידעט, האָט נייגעריק באַטראַכט די אויסשטייגנדיקע יידן.

— בראַוואָ, וויעניאַווע! — האָט איינער פון זיי אויסגערופן — האָסט געבראַכט אַביסל זשידקעס!...

וויעניאַווע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַזאַ בליק, אַז ער האָט זיך פאַרשטעקט הינטער די פּלייצעס פון זיינע קאָלעגן.

— ביטע, פּאַניע פּרעזעסיע, — האָט ער גענומען דעם אַלטן פאַן מיכאַל אונטערן אָרעם — ביטע, מיינע פריינד, דער קאָמענדאַנט וואַרט אויף אייך...

וויעניאַווע האָט גערעדט הויך און דערביי מיט שטרענגע בליקן געקוקט אויף די אַרומיקע מיליטערלייט.

— ער רעדט אַזוי הויך — האָט דניאל עפּשטיין צו זיך אַ שמייכל געטאָן — אַז אַלע זאָלן וויסן, אַז ער ברענגט וויכטיקע געסט צום קאָמענדאַנט און דעריבער טאָר מען די זשידקעס נישט פאַרטשעפּען.

וויעניאַווע האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ נישט גרויסן צימער, וואָס איז געווען פול מיט מענטשן.

דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען יונגע מענטשן, הויכע בלאָנדע יונגען, אין פינק־נייע אָפיצירן־מונדירן. צווישן זיי האָבן זיך אַרויסגעזען איינצלנע ציווילע עלטערע מענטשן מיט גראָע קעפּ, אין יום־טובֿדיקע מלבושים און יונגע אויסגעפּוצטע פרויען מיט צערויטלטע פּנימער פון שמינקע און געררטקייט, ווי אין דער צייט פון אַ גרויסער, לאַנגדערוואַרטער טעאַטער־פּרעמיערע.

אינעם צימער זענען נישט געווען קיין שטולן און אַלע זענען געשטאַנען און אין קליינע גרופּקעלעך און מיט געדעמפּטע שטימען, געפירט צווישן זיך לעבהאַפטע שמועסן, אין וועלכע עס האָט, פון צייט צו צייט, זיך געהערט דאָס וואָרט קאָמענדאַנט.

וויעניאַווע האָט פון אַ צווייטן צימער אַריינגעבראַכט איין שטול, פאַר דעם אַלטן פאַן מיכאַל:

— זעצט אייך צו אַ ווייל, פּאַניע פּרעזעסיע, איך גיי גלייך אַריין צום קאָמענדאַנט.

אַלע האָבן מיט פאַרשנדיק בייגעריקע בליקן געקוקט אויף די אַריינקומענדיקע יידן.

אַ באַזונדערע נייגעריקייט האָבן אַרויסגערופן פּיניע און יאַנקל, מיט די צעכראַסטעטע העמדער און די צוויי עלעגאַנטע מיידלעך, וואָס זענען לעבן זיי געשטאַנען.

— שיינע זשידוועטשקעס! — האָבן די יונגע אָפיצירן צו זיך געשמייכלט.

יאַנקל האָט זיך נישט גוט געפילט פון די פאַרשנדיקע בליקן און איינגערוימט פּיניען:

— יאַך וואָלט שוין געוואָלט אַרויס...

פּיניע האָט אַ שמייכל געטאָן צו סאָניען און שטיל געזאָגט:

— כ׳וואָלט שוין געוואָלט זיין אין גראַכאָוו.

דניאל עפּשטיינען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט הינטער זיינע

פלייצעס באַקאַנטע שטימען, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אויסדרייען.

צום אַלטן פאַן מיכאַל איז צוגעגאַנגען אַ הויכער אָפיציר און האָט אַראָפּבייגנדיק זיך צו אים, גערעדט:

— אויטשע (פאָטער), כ'האָב געמיינט, אַז איר זענט מיט מערין אין שטוב.

— זיי רואיק, וואַצעק, מערין האָב איך אַוועקגעשיקט — האָט דער אַלטער פאַן מיכאַל צו זיך אַ בלאָסן שמייכל געטאָן.

אַ זייטיקע טיר האָט זיך געעפנט און אין איר איז געבליבן שטיין אַן אָפיציר מיט אַ טונקל־אַליוו פּנים, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד.

ער האָט אַ ווייל זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט און האָט גענומען גיין מיט שנעלע טריט איבערן צימער.

— וויקטאָר... — דניאל עפּשטיין האָט נישט ווילנדיק נאָכגעקוקט דעם אָפיציר און דעמאָלט האָט ער הינטער זיך דערזען דעם גראַף יאַן בראַניצקי, מיט זיין פרוי, דער שיינער יאַדוויגאַ.

— טייערער וויקטאָר! — האָט די שיינע גרעפין מיט ביידע הענט געהאַלטן דעם אָפיצירס האַנט — מיר האָבן דיך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, אָבער קיין מינוט נישט פאַרגעסן, ריכטיק, יאַן?...

— עס פרייט מיך זייער, וויקטאָר... — האָט דער גראַף זיך גלייך געמאַכט דעם מאָנאָקל אין אויג.

— טייערער וויקטאָר! — האָט די גרעפין באַשאַנקען דעם אָפיציר מיט איינעם פון אירע באַצויבערנדיקע שמייכלען — כ'קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן, צו קאָנען באַגריסן דעם קאָמענדאַנט.

דניאל עפּשטיין האָט, נישט ווילנדיק, צו זיך אַ שמייכל געטאָן. דער גראַף יאַן איז פרעזעס אין זיין, עפּשטיינס, אייזן־קאָנצערן און נעמט יעדן חודש אָפּ, מיט דער פּאָסט, אַ פיינעם טשעק פאַר זיין גרעפישן נאָמען, וואָס באַשיינט זיין, עפּשטיינס, זשידאָווסקע פירמע און זי, די שיינע גרעפין, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג זיך אַזוי געפרייט מיט דעם צאַרישן גענעראַל יאַנושקעוויטש און שפּעטער מיט דעם גענעראַל גובערנאַטאָר בעזעלער, איז איצט שוין אַ פייערדיקע פאַרערערין פון קאָמענדאַנט, דעם סאָציאַליסט און נעכטיקן זשידאָווסקע משרת, פּילסודסקי...

דער גראַף יאַן האָט געלאָזט ריידן זיין פרוי. ער האָט דורך דעם

מאַנאַקל געקוקט איבער דער שטוב און זיין בליק איז געפאַלן אויף דניאל עפשטיינען.

דער גראַף האָט זיך לייכט פאַרנייגט און עפעס שטיל אַ זאָג געטאָן צו זיין פרוי און וויקטאָרן.

אַ מינוט איז צווישן דעם דריילינג דורכגעלאָפן אַ שטילער געמורמל. די שיינע גרעפין האָט אויסגעדריקט איר ווונטש צו באַקענען דעם פאָן פּרעזעס און דעם פאָן עפשטיין.

די שיינע יאַדוויגאַ האָט זיך געלאָזט פירן פון איר מאַן און פון וויקטאָרן צום יידישן געזינדל (ווי דאָס גרעפישע פּאָרל האָט אין געדאַנק גערופן די יידן).

די גרעפין יאַדוויגאַ האָט איר מלאך־פּנימל צוגעבייגן צו דעם אַלטן פאָן מיכאַל און צו אים געזאָגט, אַז זי פאַרשטייט די געפילן פון דעם פאַוווסטאַניעץ אין היינטיקן טאָג, זי האָט באַשאַנקען דניאל עפשטיינען מיט אַ פריינדלעכן שמייכל און קאַלט און העפלעך געקוקט אויף די צוויי זשידוועטשקעס און דערביי לענגער פאַרהאַלטן איר בליק אויף יאַנקלען און זיך נישט געקאַנט דערמאַנען ווו זי האָט אים אַמאָל געזען, דעם יונג מיט די מוסקולן פון אַן אַטלעט.

דערפאַר האָט אָבער וויקטאָר גלייך דערקענט יאַנקלען.

— יאַנקל! — האָט ער אים אַרומגעכאַפּט — דערקענסט מיך נישט, יאַנקל?!

— וויקטאָר!...

וויקטאָר האָט געזאָגט צו דער גרעפין יאַדוויגע:

— יאַנקל האָט אונדז פיל געהאָלפן. געדענקסט, יאַנקל, ווי מיר זע־נען ביידע געלאָפן איבערן פעלד און די קוילן פון די זשאַנדאַרמען זענען געפלויגן איבערן קאָפּ...

— עס איז געווען הייס, פּאַניע...

— סאַראַ פאָן בין איך פאַר דיר, יאַנקל, געדענקסט, ווי איך האָב זיך אויסגעגליטשט און דו האָסט מיך געשלעפּט... איך האָב דעם קאָ־מענדאַנט דערציילט פון דיר, יאַנקל, ער וועט זיך מיט דיר פרייען...

וויעניאַווע איז אַרויס פון קאָמענדאַנטס צימער. ער האָט אַ פאַר־וואונדערטן בליק געוואָרפן אויף עפשטיינען און דער שיינער גרעפין.

— פריינד וויעניאַווע, — האָט אים וויקטאָר פאַרגעשטעלט פאַר דער גרעפין.

— אונדזער שיינער אולאַנער! — האָט די גרעפין צו אים געשמייכלט — מיר האָבן אַזוי פיל פון אייך געהערט...

— דער קאָמענדאַנט זאָגט, אַז מען הערט שוין צופיל פון מיר — האָט וויעניאַווע געלאַכט. באַלד איז ער געוואָרן ערנסט און געזאָגט: — דער קאָמענדאַנט האָט געבעטן אים אַנטשולדיקן, גנעדיקע גרעפין, וואָס ער וועט מוזן פריער אויפנעמען דעם הער פּרעזעס און הער עפּשטיין. עס איז אַ זייער דרינגענדיקער ענין...

— מירן מיט פאַרגעניגן וואַרטן — האָט די גרעפין געזאָגט — מיר פאַרשטייען, אַז עס איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן.

וויעניאַווע האָט גענומען אונטערן אָרעם דעם פאַן מיכאַל און געזאָגט צו די אַנדערע:

— ביטע, דער קאָמענדאַנט וויל אייך אַלע זען...

וויקטאָר האָט דער לעצטער זיי באַגלייט. ער איז געגאַנגען ביי יאַנקלס זייט און זיך געהייסן פאַרשטעלן פיניען און דעם שוואַרצן לייבל.

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

אַ חלום איז געוואָרן וואָר

פאַר אַ ברייטן שרייב־טיש איז געשטאַנען יוזעף פּילסודסקי. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל גראָער קורטקע. די מיליטערישע הויזן זענען געווען אַריינגעשטעקט אין הויכע זעלנערישע שטיוול.

דניאל עפּשטיין האָט געקוקט אויף דעם מענטש, וועמען ער האָט מיט יאָרן צוריק אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין שטוב פאַר דעם צאַרס זשאַנדאַרמען. ער האָט זיך וויייניק געענדערט. דאָס זעלבע טונקעלע פּנים מיט די קנייטשן אַרום דעם מויל. דער זעלבער שאַרפער בליק פון טיף איינגעזעצטע אויגן, וואָס האָבן פון הינטער די געדיכטע ברעמען דורכדרינגענדיק אַרומגענומען פריינט און פיינט. נאָר די לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס זענען געוואָרן זילבער־גראָ און דער קאָפּ מיט די געדיכטע האָר באַזילבערט.

ער האָט צוגעפירט דעם אַלטן פאַן מיכאַל צו אַ פאָטעל און אים אונטערגעהאַלטן ביים אַוועקזעצן זיך.

— איך ווייס נישט צי איר געדענקט, פאַניע מיכאַליע, אַז איך בין אַמאָל געווען ביי אייך אין שטוב און גענומען ביי אייך געלט...

— איך געדענק, — האָט דער אַלטער געענטפערט — איך האָב אייך געווונטשן מער גליק ווי מיר מיט דער פאַווסטאַניע.

פילסודסקי האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף עפשטיינס פלייצע און געזאָגט צום אַלטן פאַן מיכאַל:

— איר ווייסט, מיין פריינט עפשטיין האָט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, מיר דערציילט אַ מעשהלע פון אייערע אַלטע הייליקע שריפטן. קאָן איך ביז היינט דאָס מעשהלע נישט פאַרגעסן. אַ מעשהלע פון אַן אָרעמען באָר־וועסן פאַסטוך, וועמען יינגלעך האָבן באַוואָרפן מיט שטיינער און וועל־כער האָט שפּעטער געטראָגן אויף זיין קאָפּ די קרוין פון דער רוימישער אימפּעריע. איך האָב אָבער נישט געגלייבט, אַז מעשהלעך קאָנען ווערן וואָר.

— און איך האָב נישט געקאָנט גלייבן — האָט דער אַלטער פאַן מיכאַל באַטאָנט „צו גלייבן" — אָבער איך האָב נישט געקאָנט גלייבן, אַז אין דעם טאָג, ווען דער חלום איז געוואָרן וואָר, וועט מען וואַרפן שטיינער אין יידישע שטיבער און צעהאַקן יידישע קעפּ...

— כ'ווייס, וויעניאַווע האָט מיר דערציילט, אָבער די שטיינער זע־נען געצילט אין מיר. די ענדעקישע יונגען ווילן מיך צווינגען זיך אָנצו־נעמען פאַר די יידן, כדי זיי זאָלן מיך קאָנען פאַרשרייען פאַר אַ יידישן משרת...

— אַ פירער פון אַ לאַנד דאַרף זיין אַ משרת פון לאַנד... — האָט דער אַלטער פאַן מיכאַל פאָטערלעך שטרענג געזאָגט — כ'ווייס נישט צי דאָס היינטיקע יונגוואַרג פאַרשטייט דאָס...

— איך בין שוין נישט אַזוי יונג, פאַניע מיכאַליע — האָט פילסודס־קי געלאַכט — שוין ווייט נישט יונג, אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז די יידן מאַכן מיר נישט ווייניק שווער. זיי זענען נאַרוואָס ביי מיר געווען און זייערע פאָדערונגען קאָנען נאָר אויפרייצן...

— אַזוי האָבן אויך גערעדט דעם צאַרס גובערנאַטאָרן, קאָמענדאַנט — האָט עפשטיין זיך אָפּגערופן.

— ביי אייך, עפשטיין, בין איך שוין קאָמענדאַנט? צי קאָן מען נישט ריידן אַזוי ווי ווען איר האָט מיך גערופן זיוק?...

— די ברירה איז ביי אייך...

— די ברירה איז ביי מיר! — האָט פּילסודסקי אומגעדולדיק אויס־גערופן — אַלע זאָגן אַזוי, ווי איך וואָלט געקאָנט מאַכן יעדן פּאָלאַק פאַר אַ יידנפריינט.

— מען האָט זיי אָנגעבויקערט די ביינער, די ענדעקעס — האָט וויע־ניאַווע זיך אָפּגערופן — אָט זיי, דאָ, האָבן געגעבן קלעפּ...

— אָט איז ער, יאַנקל — האָט וויקטאָר צוגעוואָרפן — איר גע־דענקט, קאָמענדאַנט, כ׳האָב אייך דערציילט.

— יאָ, כ׳געדענק, אָבער אויב זיי האָבן באַקומען קלעפּ, איז דאָך דער חשבון אויסגעגליכן, ריכטיק, עפּשטיין...

— די זשאַנדאַרמעריע האָט היינט אַרעסטירט עטלעכע הונדערט יידן — האָט עפשטיין געזאָגט — מען וויל זיי מאַכן פאַר קאָמוניסטן, און ווער ווייסט וואָס עס קאָן געשען. אָט איז איינער פון זיי, וועלכער איז אַנט־לאָפן — האָט עפשטיין אָנגעוויזן אויף לייבלען — צווישן די אַרעסטיר־טע זענען דאָ מענטשן, וואָס זענען געזעסן מיט אייך און וויקטאָרן אין טורמע.

פּילסודסקי האָט אַרומגענומען דעם שוואַרצן לייבל מיט זיין דורכ־דרינגענדיקן בליק:

— איר זענט זיכער, אַז זיי זענען נישט קיין קאָמוניסטן? — האָט ער געפרעגט.

— און ווען זיי וואָלטן געווען קאָמוניסטן — האָט לייבלס שטים געציטערט — איז דעריבער קומט זיי...

— דאָס האָב איך אייך נישט געפרעגט — האָט אים פּילסודסקי איבערגעריסן — קאָנט איר מיר ענטפערן אויף דעם וואָס כ׳האָב אייך געפרעגט?

— ניין, זיי זענען נישט קיין קאָמוניסטן. זיי זענען סאָציאַליסטן, צי ציוניסטן, אָדער פּשוטע יידן.

— וווהין האָט מען זיי געפירט?

— דאָס ווייסט מען נישט.

— כ׳מיין, אַז איך וואָלט געקאָנט זיי פּרוון אויסגעפינען אין די

טורמעס. כ׳וואָלט מיטגענומען אים — האָט וויקטאָר אַנגעוויזן אויף לייבלען.

— גוט, זוך זיי און באַפריי זיי אַלעמען. זענט איר צופרידן? — האָט ער זיך געווענדעט צו דעם אַלטן פאַן מיכאַל און עפּשטיינען.

— אַ דאַנק, קאָמענדאַנט...

וויקטאָר האָט געגעבן אַ צייכן צו לייבלען מיט אים צו גיין, אָבער דער קאָמענדאַנט האָט לייבלען צוריקגערופן און געפרעגט:

— איר זענט אַ סאָציאַליסט?

— יאָ, און אַ ציוניסט.

— אַהאַ, כ׳ווייס. כ׳האָב אַמאָל געפירט וועגן דעם וויכוחים מיט אייערע חברים. איז וואָס ווילט איר היינט?

— דערגרייכן צו דעם אין ירושלים, וואָס איז היינט דערגרייכט געוואָרן דאָ!

— און וועגן דעם זענען אויך דאָ מעשהלעך אין אייערע הייליקע שריפטן — האָט פּילסודסקי זיך געווענדעט צו עפּשטיינען.

— מעג איך גיין? — האָט וויקטאָר געפרעגט.

פּילסודסקי האָט געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ. וויקטאָר האָט אַרויס־געפירט לייבלען און עפּשטיין האָט געזאָגט:

— מיט די מעשהלעך זענען פול אונדזערע הייליקע ספרים און יידן האָבן נישט אויפגעהערט גלייבן אַז אויך זייער חלום וועט ווערן וואָר.

— אינטערעסאַנט, איך האָב געבעטן וויעניאַוועץ צו ברענגען אייך אַהער, פריינט עפּשטיין. עס איז מיר שווער דורכצוקומען מיט די יידן, האָב איך געמיינט, אַז דורך אייך וועט מען זיך בעסער קאָנען פאַרשטיין.

— דאַכט זיך, אַז אַמאָל איז נישט געווען שווער צו פאַרשטיין די יידן...

— יאָ, אָבער אַמאָל האָבן מיך די זשאַנדאַרמען געיאָגט. אַז מען האָט אָבער אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דעמאָלט זעט מען, אַז ס׳איז נישט אַזוי פּשוט און לייכט.

— מעגלעך, — האָט עפּשטיין אַ שמייכל געטאָן — אַז אויך דער פּאַסטוך האָט אַזוי געטראַכט, ווען ער האָט געטראָגן די קרוין אויפן קאָפּ.

אַן אַדיוטאַנט האָט געעפנט די טיר און געמאָלדן:

— דער ביסקופּ איז געקומען.

— אַנטשולדיקט, מיינע פריינד, דעם ביסקופּ קאָן איך ליידער נישט לאָזן וואַרטן, אָבער מיר מוזן זיך נאָך זען, פריינד עפּשטיין, כ׳מוז זיך מיט אייך דורכריידן.

ער איז געווען זייער העפלעך, דער קאָמענדאַנט. ער האָט זיי באַגלייט ביז צו דער טיר. ער האָט זיי פּאַרזיכערט, אַז וויקטאָר וועט אויסגעפינען די אַרעסטירטע און אַז עס וועט זיי קיין שלעכטס נישט געשען. ער האָט לאַנג געדריקט דעם אַלטן פּאַן מיכאַלס האַנט און האָט אַפילו געזאָגט קאָמפּלימענטן די צוויי מיידלעך. ער האָט דערמאָנט עפּשטיינען ווי אנגענעם עס איז געווען אין עפּשטיינס דירה אין די אַמאָליקע יאָרן. ער האָט זיך אַפילו דערמאָנט איין אָוונט, ווען ער האָט ביי עפּשטיינען אין דער דירה געשפּילט פּאָקער מיט גענעראַל סקאלאנס אַדיוטאַנט.

— דער אָפיציר וואָלט געשטאָרבן פאַר שרעק — האָט דער קאָמענדאַנט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — ווען ער ווייסט, אַז ער שפּילט אין קאָרטן מיט אַ פאַרברעכער, פאַר וועמענס קאָפּ דער גענעראַל גובערנאַטאָר האָט באַשטימט אַ הויכן פּרייז.

טראָץ דער דאָזיקער פריינדלעכקייט פון קאָמענדאַנט, איז דניאל עפּשטיין געבליבן ביזן סוף צוריקגעהאַלטן. ער האָט געוווּסט, אַז עס קאָן נישט זיין מער קיין נאַטירלעכע באַציאונג צווישן אים און דעם מאַן אין דער גראָער קורטקע.

— מיין חבר זיוק איז מער נישטאָ. אנשטאָט אים איז דאָ דער קאָמענדאַנט. און ער, דער קאָמענדאַנט, האָט, טראָץ דער אויסערלעכער פריינדלעכקייט, נישט ליב צו דערמאָנען די אַמאָליקע צייטן...

וויעניאַווע האָט זיי באַגלייט אַהיים אין זיין מיליטערישער מאַשין.

— וואָס זאָגט איר צום קאָמענדאַנט? — האָט וויעניאַווע געפרעגט

— וואָס? ער איז געוואָרן עפּעס אַן אַנדער מענטש...

— יאָ, אַן אַנדערער מענטש — האָט עפּשטיין צו זיך טרויעריק געשמייכלט.

— עס פליסט פון אים אַזאַ מאַיעסטעטישקייט און באַפעלערישקייט — האָט דער אולאַנען־אָפיציר גערעדט פּאַרטרוילעך — אַז אַ סך מאָל ציטערן מיר די קני, ווען ער גיט אַזאַ שאַרפן קוק אויף מיר, און איר ווייסט, כ׳בין נישט אַזאַ שרעקעוודיק קינד...

— יאָ, יאָ... — האָט עפּשטיין בלויז געמורמלט.

— און איר ווייסט נאָך וואָס איך וועל אייך זאָגן — האָט וויעניאַ־ווע געפּילט אַ באַדערפעניש זיך אויסצורײדן — איך האָב דעם איינדרוק, אַז די אַמאַליקע פריינד זיינע וועלן זיך נישט לייכט קאָנען צופּאַסן, אַז ער איז דער קאָמענדאַנט און אַז אים דאַרף מען האָרכן. דער אַלטער איגנאַש (דאַשינסקי) האָט היינט געהאַט אַ גאַר נישט אנגענעמע מינוטן. ער איז אַריינגעקומען נישט געמאָלדן. וויקטאָר האָט נישט געהאַט די העזה אים צו פאַרהאַלטן. נו, האָט דער אַלטער אויף אים געגעבן אַזאַ קוק, אַז עס איז אים געוואָרן קאַלט און וואַרעם, כאַ־כאַ־כאַ!...

עפּשטיין האָט נישט מיטגעלאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין קראָקע האָט דער איצטיקער קאָמענדאַנט געוווינט און געגעסן ביי איגנאַש דאַשינסקין און קיינער האָט אים דעמאָלט נישט געקענט, ווען דער המון האָט געטראָגן אויף די הענט דעם רויטן קעניג איגנאַש, מיטן זילבער־קאָפּ און אָדלער־נאָז...

— און שפּעטער — האָט וויעגיאַווע איינגערוימט עפּשטיינען — האָט וויקטאָר געכאַפּט דעם אמתן גאָב פון קאָמענדאַנט און ער האָט צו מיר באַפוילן: טאָמער וועט ער נאָכאַמאָל איבערטרעטן מיין שוועל אומ־געמאָלדן, זאָלסטו דעם אַלטע פלאָפּלער אָננעמען ביים קאַלנער...

— און איר וואָלט עס געטאָן? — האָט עפּשטיין נישט ווילנדיק אַ פרעג געטאָן.

— זאָלן מיך אַלע הייליקע, אין וועלכע איך גלייב נישט — האָט וויעניאַווע זיך אָפּגעשאָקלט — שומר ומציל זיין, אַז איך זאָל אָנרירן דעם רויטן איגנאַש ביים קאַלנער, נאָר אַז דער קאָמענדאַנט הייסט...

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער פון אַלטן פאַן מיכאַלס ווילע.

— איך דאַנק אייך זייער, פאַן וויעניאַווע — האָט דער פאַן מיכאַל געדריקט די האַנט פון אולאַנען־אָפיציר.

צוויי פרויען זענען אַרויס פון טויער.

— זיי זענען דאָ! — האָט דער אַלטער פאַן מיכאַל דערקענט די שטים פון זיין טאָכטער מערי.

— דאַניעלו! — איז לאַניאַ צוגעפאַלן צו עפּשטיינען — איך זוך דיך איבער דער גאַנצער שטאָט. מ׳האָט געזאָגט, אַז מ׳האָט דיך אַרעס־טירט...

— דערווייל נאָך נישט, לאַניאַ — האָט עפשטיין אַרומגענומען זיין פרוי.

מערי האָט איר פאָטער אַריינגעפירט אין שטוב און עפשטיין האָט זיך גענומען געזעגענען מיטן אולאַנען־אָפיציר.

— איך וואָלט אייך צוגעפירט אַהיים — האָט וויעניאַווע געזאָגט — איר ווייסט דאָך, אַז ס'איז היינט אַן אומרואיקע נאַכט, און איך...

— און איר, אין אַן אולאַנען־מונדיר, זענט אַ גוטע שמירה היינט פאַר אַ ייד — האָט עפשטיין אַ לאַך געטאָן — זעט איר, צוליב דעם קאָן איך זיך נישט באַנוצן מיט אייער הילף היינט, פאַניע וויעניאַווע, מיר מוזן גיין מיט אונדזערע אייגענע פיס...

— נו, נו, זאָל נאָר עמיצער פּרווון פאַרטשעפּען — האָט יאַנקל געוויזן זיין פויסט.

— איך פאַרשטיי... — האָט וויעניאַווע זיך פאַרנייגט און איינגעשטיגן אין זיין אויטאָ — מירן זיך נאָך זען, מיינע פריינד, ריכטיק?...

— געוויס, געוויס... — האָט עפשטיין געזאָגט.

די מאַשין האָט גערירט פון אָרט און דעמאָלט האָט עפשטיין געזאָגט:

— נו, וואָס טוט מען איצט, חברה? עפּעס קאָן איך נישט גיין שלאָפן היינט, אָבער דו ביסט מיד, לאַניאַ?...

— אָ, ניין, נאָר ווו גייט מען אין אַזאַ נאַכט?...

— האָסט רעכט, לאַניאַ, ווו גייט מען אין אַזאַ נאַכט?...

עפשטיין האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין פּאַלטאָ, ווי ער וואָלט פּלוצלינג דערפילט אַ קעלט:

— נו, וועלן מיר גיין אַהיים — האָט ער גענומען לאַניאַן אונטערן אָרעם — און געזאָגט צו יאַנקלען און פיניען: — ניין, ניין, איר דאַרפט אונדז נישט באַגלייטן... נישקשה, איך וועל מיך נאָך קאָנען אַן עצה געבן. זאָג, לאַניאַ, האָסט מורא מיט מיר אַליין צו גיין?

— אָ, ניין, דאַניעלו... — האָט לאַניאַ זיך אָנגעשפּאַרט אויף עפשטיינס אָרעם און ביידע האָבן פאַרקירעוועט אין אַ זייטיק געסל.

— מען טאָר זיי נישט לאָזן אַליין, — האָט זיך אָפּגערופן מאַניע — מירן זיי שטיל נאָכגיין, יאַנקל...

— לאָז זיי אַליין! — האָט יאַנקל געזאָגט — מירן דאָ שטיין און וואַרטן. טאָמער וועט זיין אַ געדרודער, וועל יאָך געבן אַ שפּרונג צו...

עס איז געװען שטיל אַרום. פונדערװײַטנס האָבן אָפּגעהילכט די טריט פון עפּשטײַנען און זײַן פרוי. אין די פֿענצטער האָט אַרײַנגעקוקט די נאַכט. אַ פאַרמאַטערטע איז די שטאָט געלעגן פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, כדי זיך מאָרגן אויפצוכאַפּן צו איר װײַטערדיקן טומל.

קאַפּיטל אַכטאונדרײַסיק

אויף אַ נײַעם װעג

— עס איז נאָך װײַט? — האָט דער קלײנער זעליקל זיך געדרײט אַן אומרואיקער אויף דער האַרטער באַנק אין דעם איבערפולטן טראַמװײ.

— כ׳על דיר שוין זאָגן, װען מען דאַרף אויסשטײגן — האָט אים געענטפערט פּעסע — יאָך בין שוין נישט איין מאָל געװען אין גראַכאָװ.

— און יאָך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז עס איז אַ משוגעת, אַ רײן משוגעת! — האָט דער קלײנער זעליקל זיך גלײַך געמאַכט די פּיאות אונטערן ייִדענעם היטל — נישט אַנדערש, נאָר ר׳איז משוגע געװאָרן, דער פיניע, אַזאַ יונגל!...

— װאָס האָסטו זיך אַנגעטשעפּעט אַן קינד? — האָט פּעסע זיך אויפגעקאָכט — װאָס שטײט דיר נישט אַן דער שידוך? װאָס? און יאָך זאָג דיר, אַז די סאָניע איז אַ פײַנע פּאַניענקע און זי איז דאָך דײַן משפּחה אויך, זעליקל. און זי איז אַ יתומה, נעבעך. איז װאָס װאַרפסטו זיך אַזױ? װאָס? איי, זי איז נעבעך נישט אַזױ װי מען דאַרף מיט ייִדישקײט — נו, און אונדזער פיניע איז בעסער? און מירעלע, דעם הױכן משהס, װאָלט געװען בעסער, מײנסטו, האַ? איז רײד זשע גלײַכער נישט. נאָר װאָס? יאָך װאָלט געװאָלט װיסן איר ייִדישן נאָמען, און אפשר איז סאָניע אַ ייִדישער נאָמען? האַ, װי מײנסטו, זעליקל?

— יאָך פאַרשטײ נישט אַזעלכע רײד. פונװאַנען זאָל יאָך גאָר זײַן אַ מבין אויף װײַבערישע נעמען? יאָך װײס נישט װאָס דו װילסט פון מיר...

— קאָך זיך נישט אַזױ, קאָך זיך נישט. דו האַלטסט זיך אין אײן יאָדען, אַז פיניע איז חלילה, עס זאָל נישט אויסגערעדט זײַן...

— אַז אַ ייִדענע פאַרשטײט נישט, װאָס מען רעדט צו איר!... װיפיל מאָל האָב יאָך דיר געזאָגט, אַז אַ מענטש אַ בר־דעת הײבט זיך נישט אויף

און װאַרפט נישט אָװעק אַזאַ געשעפט ביי דעם פאַן האַרט און גייט גאַר װערן אַ פויער!... גייט פאַשען די קי... נו, אדרבה, װעט מען מיר זאָגן, אַז דער יונג איז ביים דעת? װאָס?

— יאָך פאַרשטיי עס אויך נישט — האָט פעסע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — אָבער יאָך האָב געהערט, אַז זיי גייען קיין ארץ־ישראל און יידי־שע פויערים זענען נישט עפּעס סטעפּאַנעס װי ביי אונדז...

— רעדסט דאָך שוין מיט דעם לשון פון די פּושעים. דער עובר יש־ראל, גרינבוים, רעדט דאָך אַזוי...

אַ הויכער יונג, מיט אַ גרויסער שוואַרצער טשופּרינע, װאָס איז גע־זעסן לעבן דעם קליינעם זעליקל אויף דער האַרטער באַנק, האָט מיט אַ געבייזער אַ זאָג געטאָן צו אים:

— ר׳ ייד, איר זאָלט מיר אַזוי נישט ריידן װעגן אונדזער גרויסן פירער, אַנישט...

— װאָס אַנישט?! — האָט דער קליינער זעליקל זיך אַ ריס געטאָן — װאָס מיינט עטץ, יאָך װעל מורא האָבן?! אפשר װעט איר מיר רייסן אויף די באָרד, װי אַ שייגעץ אַנומלט אויף דער גאַס?! נו, װייזט, װאָס עטץ קאָנט, װייזט!...

— זיי שוין שטיל, זעליקל, דער גאַנצער טראַמװיי קוקט... און איר יונגערמאַן, מעגט אויך האָבן דרך־ארץ, יאָ, איר...

פעסע האָט נאָך געװאָלט זיך אַנגעמען דעם כבוד פון איר מאַן, נאָר דערװייל האָט דער טראַמװיי זיך אָפּגעשטעלט און פעסע האָט גענומען זיך שטופּן צו דער טיר:

— קום, קום, מירן נאָך פאַרשפּעטיקן... יאָ, יאָ, ס׳איז גראַכאָװ, כ׳װייס...

אַראָפּקומענדיק אויפן גאַס, האָט פעסע זיך גענומען פרעגן װוהין מען גייט אין יידישן דאָרף.

— צו די חלוצים, מיינט איר — האָט איר אַ יונג מיידל געזאָגט — אָט דאָרט, נאָך די פּיאַסקעס, איר זעט די צװיי ביימער...

פעסע איז געגאַנגען פאָרויס און געטראָגן דאָס פעקל מיט די לעקע־כער און זי האָט דערמאָנט איר מאַן:

— גיב אַכטונג אויף דעם איינגעמאַכטס, װאָס דו האַלטסט, זאָלן מיר כאָטש נישט פאַרשעמט װערן מיטן כיבוד.

פעסע האָט שווער אָפּגעזיפצט. נישט אַזוי האָט זי זיך פאָרגעשטעלט די חתונה פון איר איינאונאיינציקן זון. אויף דער ווינער סאַליע האָט זי געוואָלט פּראַווען איר פיניעס חתונה, מיט קלעזמאָרים און מיט אַ מאַרשע־ליק, און מיט אַ באַדעקעכץ, און מיט מחותנים אין זיידענע זשיפּיצעס, און מיט גרויסע הבדלות ביי דער חופּה, ווי גאָט האָט געבאָטן. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? עס איז אַ זינד צו האָבן טענות צום רבונו של עולם. מסתמא דאַרף אַזוי זיין. עס איז איר נאָר אַ רחמנות אויף איר מאַן, זעליקלען. קיין גראַכאָוו, נעבעך, מוז ער זיך שלעפּן, צו דער חתונה פון זיין איינ־ציקן זון. און מיט וועמען, מ׳שטיינס געזאָגט, וועט ער דאָרט האָבן אַ וואָרט אויסצוריידן? ר׳האָט דאָך צומאָל נישט געקאָנט מיטנעמען דעם עולם פון שטיבל. שיין דערלעבט, שיין... און איר אייגענער זון קאָן זי נישט פאַרשטיין. זי נעמט זיך אָן פאַר אים, ווען זעליקל שרייט, אָבער ביי זיך אין האַרצן ווייסט זי, פעסע, דאָך גוט, אַז זעליקל איז כשר גע־רעכט. וואָרעם ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מען זאָל וואַרפן אַזאַ גאָלדן געשעפט און פלוצים ווערן אַ פויער... ניין, זי קאָן אים נישט פאַר־שטיין, פיניען. ער קומט איר פאָר ווי עפּעס אַ פרעמדער מענטש. וואָס הייסט, דיר־נישט, מיר־נישט, אויפכאַפּן זיך און פאָרן קיין ארץ־ישראל? וואָס? ער איז בעסער פאַר איר מאַן? פאַר די חסידים אין שטיבל? פאָרן רבין, זאָל לעבן? אַז זיי קאָנען וואַרטן דאָ אויף משיחן, האָט ער, פיניע, קיין צייט נישט און מוז פריער לויפן?...

אַ וואָלקן שטויב האָט פלוצים אַרומגענומען פעסען. אַן אויטאָ האָט לעבן זיי זיך פאַרהאַלטן.

— ס׳איז נאָך ווייט צו דעם יידישן דאָרף?

פעסע און זעליקל האָבן געקוקט אויף דעם פריץ און דער פריצטע וואָס ריידן פויליש און פאָרן צו די יידן.

— אָט דאָרט, ביי די ביימער — האָט פעסע אָנגעוויזן און צוגע־געבן — מיר גייען אויך אַהין.

— זענט איר נישט די פּאַני העכט?

— יאָ, האָט פעסע געזאָגט און נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען אַזאַ אויסגעפּוצטער פריץ ווייסט איר נאָמען.

דער פריץ איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ און גענומען ריידן יידיש:

— מזל טוב אייך! יאָך פאָר אויך צו אייער פיניעס חתונה, יאָ, יאָ,

יאָך הייס יאַנקל, פּיניע האָט ביי מיר געאַרבעט, זעסט, מאַניעלע, מירן געטראָפן פּיניעס עלטערן, טאָ קומט אַריין אין אויטאָ און מירן צוזאַמען פאָרן.

דער קליינער זעליקל האָט זיך צוגעזעצט צו יאַנקלען, וואָס האָט גע־פירט די מאַשין און פעסע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מאַניען.

— מירן אויך באַלד חתונה האָבן! — האָט יאַנקל דערציילט דעם קליינעם זעליקל — יאָ, זי, מאַניע, איז מיין כלה, און נאָכדעם ווי אייער פּיניע וועט אונדז שרייבן פון פּאַלעסטינע, וועלן מיר אויך פאָרן.

— וואָס? די געשעפטן זענען נישט ווי עס דאַרף צו זיין? — האָט דער קליינער זעליקל געפרעגט.

— די געשעפטן זענען נישט שלעכט, נאָר כ'וויים, אַז יידן פאָרן...

— וואָס הייסט יידן פאָרן? — האָט דער קליינער זעליקל זיך צע־קאָכט — גאַנץ וואַרשע פאָרט? וואָס? און בכלל, אַז די פושעים...

דער קליינער זעליקל האָט איבערגעריסן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער פאַרשוין, וואָס זיצט לעבן אים איז אויך אַ גלות, דער אייבערשטער זאָל אָפּהיטן, איז וואָס איז שייך מיט אַזאַ איינעם איינצוטענהן...

נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מאַניע. זי האָט אַ רוף געטאָן צו יאַנקלען:

— זעסט, יאַנקל, פּיניעס טאַטע זאָגט דאָס זעלבע, וואָס מיין טאַטע, די פושעים האָבן אַלע משוגע געמאַכט...

זעליקל האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דער אשהס רייד. ער האָט געפרעגט יאַנקלען:

— כ'מיין, ווער איז איר פאָטער?

איידער יאַנקל האָט געהאַט צייט צו ענטפערן, האָט מאַניע שוין גע־רעדט צו זעליקלען אַליין:

— מיין טאַטע איז ר' לייבוש גרינגלאַס, פון דער פאַנסקע גאַס.

— ר' לייבוש? אוודאי געהערט, אַ ייד אַ חכם; נו, אַז ר' לייבוש זאָגט, מעג מען הערן...

— איז אפשר וועט אייער טאַטע ריידן מיט מיין פּיניען? — האָט זיך אָפּגערופן פעסע.

— אַז מיין טאַטע, ר' לייבוש, וויל אויך פאָרן — האָט מאַניע זיך

פאַנאַנדערגעלאַכט — ער זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט גייט איצט מיטן קאָפּ משה־קאַפּויער, איז נישטאָ קיין עצה...

— אָבער מיט ייִדישקייט דאָרט — האָט דער קליינער זעליקל זיך אַריינגעמישט — כ׳מיין, ווו וועט ער, ר׳ לייבוש, דאָרט האָבן אַ שטיבל?

— דער טאַטע זאָגט, אַז עס וועלן זיין יידן, וועלן אויך זיין שטיבלעך, און אַז דער רבי אַליין קלייבט זיך צו פאָרן...

— וואָס?! דער רבי?! — האָט זיך זעליקל אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— יאָ, דער רבי, אַז מיין טאַטע ר׳ לייבוש זאָגט, מעגט איר אים גלייבן.

דער קליינער זעליקל האָט שוין וועגן עפּעס אַנדערש נישט געקאָנט טראַכטן. ער האָט שוין נישט געזען ווו מען איז פאַרפאָרן און ווי עס זעט אויס ביי די משוגעים, וואָס ווילן גאָר ווערן פּויערים. וואָס גייען זיי אים אַלע אָן, אַז דער רבי גאָר קלייבט זיך אויך צו פאָרן?

— און וואָס וועט זיין מיטן עולם? — האָט ער זיך געפרעגט — ווי וועט מען זיך עפּעס אַן עצה געבן? און בכלל, אַז דער רבי פאָרט, איז וואָס וועט ער, זעליקל, טאָן?...

פעסע האָט זיך וועגן דעם נישט געזאָרגט. וואָס עס וועט זיין מיט אַלע יידן, וועט זיין אויך מיט אונדז, און וועלן יידן פאָרן, נו, וועט מען אויך איינפּאַקן דאָס פעקל. מילא, וועגן דעם וועט זיין צייט שפּעטער צו קלערן. דערווייל מאַכט זי, מיטן אייבערשטנס הילף, חתונה איר בן־יחיד, אוודאי וואָלט זי געוואָלט, אַז די שמחה זאָל זיין אויף דער ווינער סאַליע. אָבער די שטוב דאָ, אין גראָכאָוו, איז גענוג גרויס. און אומעטום זענען דאָ בלומען, און אַלע פאָרען זיך אַרום איר זון און דער כלה. עס איז גאָר יידישלעך. און עס זענען דאָ אַפילו קלעזמאָרים. אוודאי, נישט שולץ מיט זיינע פידעלעך. אָבער פאָרט קלעזמאָרים. און איינער אַ בחור מאַכט אַלע קונצן, פונקט ווי נח נאַשעלסקער, דער בדחן. עס איז ווי ביי יידן, און אַפילו דער רב פון גראָכאָוו, אין אַ זיידענער זשיפּיצע, איז דאָ און מען שטעלט אַ חופה.

פעסע האָט זיך געווישט די אויגן און זי האָט געטיילט דעם לעקעך וואָס זי האָט מיטגעבראַכט, צו די יונגעלייט און מיידלעך און געווונטשן:

— מערצעשעם ביי אייך אויף שמחות.

— אין ארץ־ישראל — האָבן די יונגעלייט פאַרביסן דעם לעקעך.

— זאָל זײַן אין ארץ־ישׂראל, אָבי אויף שׂמחות בײַ ייִדן — האָט פּעסע געענטפערט.

— דו און דער טאַטע װעלן נאָכקומען — האָט פיניע צו איר גע־רעדט — מירן אײַך שיקן אַ סערטיפיקאַט...

— מילא, אַז ייִדן פאָרן, װעלן מיר בלײַבן צװישן גויים? — האָבן טרערן זיך געקײַקלט איבער פּעסעס פּנים — נו, און דו, סאָניעלע, װילסט טאַקע פאָרן אין הײליקן לאַנד?

— אוודאי װיל איך פאָרן! — האָט סאָניע געקוקט אויף פיניען — מען זאָגט, אַז דאָרט שײַנט נאָך הײנט די זון...

די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ פרײלעכס, עולם יונגװאַרג האָט גע־נומען טאַנצן.

פּעסע האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט און דער קלײנער זעליקל האָט זיך געמוזט אָנטאָן אַ כּוח נישט אַרײַנצושפּרינגען אין ראָד.

פיניע האָט סאָניען אַרויסגעפירט אינדרויסן. ערשטע שטערן האָבן זיך באַװיזן.

— זײ לײַכטן פאַר אונדז! — האָט פיניע אַרומגענומען סאָניען.

— פאַר אונדז! — האָט סאָניע צוגעבויגן צו אים איר קאָפּ — אפשר זענען עס די באַלאַנען, צו װעלכע מײַן טאַטע האָט זיך געריסן?... װעלן מיר זײ דערגרײַכן, די באַלאַנען?

— מיר װעלן דערגרײַכן! — האָט פיניע זי אַרומגענומען.

פון דער שטוב האָט זיך געטראָגן אַ יונג געזאַנג פון מענטשן, װאָס האָבן געגלײבט, אַז זײ װעלן דערגרײַכן.

(ס ו ף)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אבֿרהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרובֿ שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבֿל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקבֿ שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבֿל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקבֿ לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אבֿרהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקבֿ פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאליאקיעוויטש — א טאג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאבריקן פון טויט

33) אברהם נחתומי — אין שאטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספארקויפט)

35) יוסף וואלף — לייענענדיק פרצן...

36) צפורה קאצענעלסאן־נאכומאוו — יצחק קאצענעלסאן

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאוויאק

38) נחום סאקאלאוו — פערזענלעכקייטן

39) רחל קארן — היים און היימלאזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאמענטן פון א לעבן

41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאצק (אויספארקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע

43) מ. קיפניס — הונדערט פאלקס־לידער (אויספארקויפט)

44) ז. סעגאלאוויטש — מיינע זיבן יאר אין תל־אביב (אויספארקויפט)

45) ד״ר ח. שאשקעס — א וועלט וואס איז פארביי... (אויספאו׳קויפט)

46) שלמה וואגא — חורבן טשענסטאכאוו

47) אברהם זאק — יארן אין וואנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאן — פאמיליע קארפ (אויספארקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאהאן — אין פייער און פלאמען (אויספארקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פראזע אין פוילן

53) יאנאס טורקאוו — אין קאמף פארן לעבן (אויספארקויפט)

54) יצחק פערלאוו — די מענטשן פון „עקזאדוס 1947" (ראמאן)

55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אש — פעטערבורג־ווארשע־מאסקווע

59) ד״ר פיליפ פרידמאן — אשוויענטשים

60) ב. ראזען — טלאמאצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראמאן)

63) יאנוש קארטשאק — משהלעך, יאסעלעך, ישראליקלעך

64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"

(פרעמירט דורכן האפנער־לייב ליטעראטור־פאנד ביים יידישן קולטור־קאנגרעס, בוענאס איירעס 1951)

66) חיים גראדע — שיין פון פארלאשענע שטערן

67) רבקה קוויאטקאווסקא — פון לאגער אין לאגער

68) יואל מאסטבוים — מיינע שטורמישע יארן (זכרונות)

69) אליהו טראצקי — גלות דייטשלאנד

70) ד״ר י. שאצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספארקויפט)

71) נחמן מייזיל — געוועזן אמאל א לעבן... (אויספארקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאכטע פון נארקאווע (אויספארקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג — אונטער קופּערנע הימלען** **(אויספאַרקויפט)**

(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר

(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן און ליטעראַטור־־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**

90) **ז. י. אנכי** — ר' אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן

(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאָרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפּט־מאַגנאַטן

(פּרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס 1955).

102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע

103) **פּ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**

105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געצאָרעמטע מיטן ווינט **(היסטאָרישער ראָמאַן)**

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש

(פּרעמירט מיט דער האָפּער־לייב־פּרעמיע ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק 1956).

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות

(פּרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס 1956).

113) ב. שעפּנער — נאַוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) מאַקס ווײַנרייך — פון ביידע זייטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורך פּראָפּ. הערש־פאָנד, ביים קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד"ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער
אין מזרח־אייראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...
(פּרעמירט דורכן ב. אייסוראָוויטש־ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מ. י. שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין...
ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט — זכרונות

עס גרייט זיך צום דרוק:

לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
פּנחס וועלנער — דערציילונגען
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

פרעסע־אפרופן וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

אברהם שוואַרץ שרייבט וועגן זיגמונט טורקאָווס בוך „טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט“ („פאָלקסבלאַט“, מאָנטעווידעאָ, דעם 23סטן סעפּטעמבער 1956):

די געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער איז פאַקטיש די געשיכטע פון יידישן לעבן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, אין די יאָרן ווען טעאַטער איז געווען דער וויכטיקסטער אינסטרומענט אין אונדזער קולטור־לעבן, וואָס האָט צוזאַמענגעבראַכט מחברים, אַרטיסטן און פּובליקום, בילדנדיק צוזאַמען די גרויסע מאַסע אינעם יידישן לעבן, וועלכע האָט דורך דעם געשפינט דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונדזער המשך, דינענדיק אַלס ווירקזאַמער פאַקטאָר צו שאַפן אויך דעם אינהאַלט אינעם יידישן לעבן; די געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער איז פול מיט עפּיזאָדן פון קאַמף און געראַנגל, פון נצחונות און דערגרייכונגען, און אויךליידער פון דורכפאַלן, דערגייענדיק ביים היינטיקן טאָג צום טרויעריקן מצב, אַז דער יידישער טעאַטער האָט ליידער פאַרלוירן זיין תקופה פון גלאַנץ, און עס בלייבט שוין נישט איבער עפּעס אַנדערש ווי נאָר שרייבן געשיכטע, אַ שווערע אויפגאַבע, צוליב דעם גרויסן שלל פון מאַטעריאַלן וואָס דער טעאַטער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אינעם יידישן לעבן.

אַ גרויסן ביישטייער האָט אויפן דאָזיקן געביט געמאַכט דער אַרטיסט זיגמונט טורקאָוו מיט זיין בוך „טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט“ וועלכער איז דערשינען אַלס דער 125סטער באַנד אינעם פאַרלאַג פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום“ און לויט ווי דער מחבר דערקלערט, זענען דאָס פראַגמענטן פון זיין לעבן, און לויט אונדזער מיינונג, נישט נאָר בלויז פון זיין לעבן, נאָר פונעם לעבן פון אַ תקופה פון עטלעכע צענדליק יאָר, אפשר די שטאַרקסטע און אויך שווערסטע תקופה פון אַ גאַנץ יידיש לעבן, און דעריבער איז דער בוך אַ וויכטיקער ביישטייער פאַר אַלגעמיינער געשיכטע.

זיגמונט טורקאָוו פאַנגט אָן די געשיכטע פון יענער צייט, וועלכע ער באַצייכנט אַלס דער סוף פון דער צאַרישער הערשאַפט אין פוילן, אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַזוי פירט ער אונדז אַריין אין אַ גאַנצער סעריע פון עפּיזאָדן, וועלכע ווייזן נישט נאָר דעם געראַנגל אין דער טעאַטער־וועלט, נאָר ער ווערן אויך געשילדערט וויכטיקע קאַפּיטלעך פון שווערע און טראַגישע צייטן אינעם יידישן לעבן אין אַלגעמיין, צייטן פון דער דייטשער אינוואַזיע בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעם צוזאַמענברוך פון דער צאַרישער מאַכט, די רעוואָלוציע און די קאָנטררעוואָלוציע, פּאָגראָמען אויסגעפירט פון די ווייס־גוואַרדייצעס אונטער דער ממשלה פון זייערע קאָמענדאַנטן, די פּעטלורעס, דעניקינס און וראַנגעלס, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון צענדליקער טויזנטער יידן, און באַלד נאָכדעם דער סאָוועטישער רעזשים אין יענע ערשטע יאָרן,

מיט די פאַרשידענע פרוּוון אינעם לעבן, ווו דער טעאַטער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט, און זיגמונט טורקאָוו אַלס איינער וואָס האָט אין דעם געראַנגל אויסגעקעמפט נישט נאָר אַ פּאָזיציע, נאָר אויך פיל מאָל זיין אייגן לעבן, ברענגט אינטערעסאַנטע גביית־עדותן וועלכע זענען אַ זייער וויכטיקער מאַטעריאַל פאַר געשיכטע אין אַלגעמיין.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי זיגמונט טורקאָוו איז געקומען צום טעאַטער און ווער עס האָט אים דערצו באַווירקט, און וואָ באַגעגענען מיר אין זיינע שילדערונגען די פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע עס איז בכלל פאַרבונדן די געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער, צווישן זיי דוד הערמאַן און באַלד די גרויסן ארטיסטין אסתר רחל קאַמינסקי, וועלכע האָט מיט רעכט געהאַט דעם טיטל „די מאַמע פון דער יידישער בינע״, די לעצטע האָט דעצידירט אין זיין וועג צו ווערן אַ יידישער אַקטיאָר, און האָט בלי ספק געהאַט אַ גרויסן חלק אין זיינע שפּעטערדיקע דערפאָלגן מיטן שאַפן דעם קונסט־טעאַטער אין וואַרשע. אינטערעסאַנט, אַז אין דער צייט וואָס אסתר רחל קאַמינסקי איז געווען אַזוי פּאָפּולער, איז פאַר אונדז איצט אויך אַנטפּלעקט געוואָרן די איידעלע פיגור פון איר מאַן אברהם יצחק קאַמינסקי, וועגן זיין אומבאַגרענעצטער ליבע, וועלכע ער האָט געהאַט צום יידישן טעאַטער, און אַלס מאַן פון אַ באַרימטקייט, האָט ער אַליין די דאָזיקע באַרימטקייט געשאַפן און דערביי זיך אַליין פאַרטונקלט אין איר שאָטן. אַליין אַ גרויסער אינטעליגענט, האָט באַזעסן אייניקע שפּראַכן, איבערגעזעצט פון אָריגינאַל אַ גאַנצע רייע פון פּיעסן פון די גרעסטע קלאַסיקער, האָט ער אַליין אויך געשאַפן אייגענע פּיעסן, און ער איז געווען דער, וועלכער האָט געפּאָרשט און אַנטדעקט טאַלאַנטן און זיי געבראַכט צו דער יידישער בינע.

אינטערעסאַנט זענען די שילדערונגען וועגן דער אַנטשטייאונג פונעם העברעאישן טעאַטער, וועגן יענער אידעאַליסטישער פיגור וואָס איז געווען דוד צמח, און די תקופה פון סטאַניסלאַווסקי און וואכטאנגאָוו וועלכע האָבן אים דערצו געהאָלפן. דאָס איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל אויך פאַר היינט, ווען מען האַלט אַז די „הבימה״ האָט זיך נאָך נישט באַפרייט פון סטאַניסלאַווסקי־טעאַטער. איז דעריבער אינטערעסאַנט צו לייענען די קאַפּיטלען וואָס באַציען זיך צו יענער תקופה.

אין דעם גרויסן געראַנגל, הייבט זיך אַרויס בלי ספק זיגמונט טורקאָוו זעלבסט, וועלכער האָט אין יענע שווערע צייטן אויסגעהאַלטן די שווערסטע עפּיזאָדן אין זיין לעבן, און האָט נאָר געהאַט איין גלויבן אינספּירירט דורך זיין קינסטלערישער נייגונג צום גוטן און שיינעם טעאַטער. — דעריבער איז דער בוך פון איבער דריי הונדערט פּערציק זייטן אַ גרויסער בייטראָג צו דער טעאַטער־געשיכטע אין אַלגעמיין, און איז טאַקע געטריי דעם טיטל פון שילדערן די טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 130

Copyright by
D. Flinker, Tel Aviv, Israel

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de julio de 1957, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Corrientes 1976, Bs. Aires

DAVID FLINKER

NUEVOS TIEMPOS

(NOVELA)

TOMO II

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1957